STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08577

# OYF AMERIKANER VEGN

Esther Miller Godiner

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אסתר מ״ילער

אסתר מילער / אויף אַמעריקאַנער וועגן

אסתר מילער

# אויף אמעריקאנער וועגן

פאַרלאַג „אויפקום״, תל־אביב, ישראל

# ESTHER MILLER

## OJF AMERICANER WEGN

אסתר מילער, לאָס אַנדזשעלעס (פּאַראייניקטע שטאַטן)

שער געצייכנט דורך שמעון דרורי

ג ע ד ר ו ק ט  א י ן  י ש ר א ל
Printed in Israel 1968

©

Copyright by Esther Miller
1034 S. Stanley Avenue, Los Angeles 19, Calif.
אַלע רעכט דעם מחבר אסתר מילער,
לאָס־אַנדזשעלעס (פּאַראייניקטע שטאַטן)

איקוף פארלאג

דרוק „אורלי״, תל־אביב, יסוד המעלה 27

מיין אומפאַרגעסלעכן מאַן און לעבנס־באַגלייטער

**שמואל דוד מילער**

צום אייביקן אָנדענק

# אינהאַלט


זייט

אַריינפירט־וואָרט פון רעדאַקטאָר 9

פאָרוואָרט, ווידמונג און אָנערקענונג 13

## דער אָפּפאָר און דער אָנקום קיין אַמעריקע

מיר וואַרטן אויף דער שיף 27
אין עמיגראַנטישן הילפס־פאַראיין 37
די שיף קומט אָן 47
אונדזער שיף גייט אָפּ קיין אַמעריקע 50
פריינדשאַפט אונטערוועגס. מחשבות וועגן תכלית 62
שרהס ראַנגלעניש 70
מיר קומען אָן קיין ניו־יאָרק 80

## אין באַלטימאָר

אין באַלטימאָרער האַפן 85
ווי „גלייכסטו" אַמעריקע? 97
דער ערשטער שאַפּ אין אַמעריקע 107
ווען דעבס איז „געלאָפן" פאַר פרעזידענט 117
דעבס קריגט אַ מיליאָן שטימען 129

## שיקאַגאָ

מיר קומען קיין שיקאַגאָ 141
מענדל קומט 155
מענדל און ישראל 169
ווען טשאַרלז רוטענבערג האָט גערעדט 181
שרה האָט חתונה מיט ישראלן 194

זייט

מיטן זאַק אויפן פלייצע 203
זייער לעצטער שפּאַציר 209
„זיך אַרויפגעאַרבעט“ 219

## אין דער וועסט. מיר ווערן פאַרמער

אין דער ווייטער וועסט 233
יידן ווערן פאַרמער 262
דער דזשאַני־וועג 284
יאָרן פון געבורטס־ווייען 295

## אין דער זוניקער קאַליפאָרניע

אַלץ איז איצט געווען אַנדערש 309
אַ קינדערישער שמייכל 318
קאָנפליקטן און פּראָבלעמען 331
צוויי חברים 349
אויף אַמעריקאַנער וועגן 358
די שטורעמדיקע 30־ער יאָרן 370
שטרייקן אין די קאַליפאָרניער וואַליס 375
געוווּנען דעם שטרייק 389

## מיינע איינדרוקן פונעם באַזוך אין מדינת ישראל 407

רשימה פון אַמעריקאַניזמען 417

# ארײַנפֿיר־וואָרט פֿון רעדאַקטאָר

נישט לײַכט און פּשוט זענען די לעבנס־וועגן פֿון אַ ייִדישער פֿאָלקס־פֿרוי, וואָס רײַסט זיך אַרויס פֿון דער שטילער פּראָווינץ אין צאַרישן רוסלאַנד און פֿאַלט אַרײַן אין רוישיקן שטראָם, אין קעסל־גרוב פֿון דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט מיט איר פֿולער אַנדערשקייט און מיט אירע תּהומישע קלאַסן־סתּירות.

נאָך שווערער און קאָמפּליצירטער איז דער וועג פֿון יענער ייִדישער פֿאָלקס־פֿרוי, וואָס ווערט געטריבן פֿון איר אָרעמער היים כּמעט נאָך אַלס קינד, אַ געזעלשאַפֿטלעך שוין באַוווּסטזיניקע. קלוגע און סענטימענטאַלע ייִדישע מיידל, וואָס ברענגט מיט זיך צו די ווײַטע ברעגן פֿון אַמעריקע אַן אויסטערלישן געפֿלעכט פֿון געפֿילן און שטרעבונגען, וואָס ראַנגלען זיך מיט אַנאַנדער און זענען אין גרונט סותר איינע די אַנדערע: זי וויל אַרויפֿאַרבעטן זיך מאַטעריעל און אַרויסרײַסן איר היים געליבטע משפּחה פֿון די האַרטע אָרעמס פֿון עלנט און נויט, און פֿאַרײַנס האָט זי אַ לײַדנ־שאַפֿטלעכן באַגער צו לערנען שטודירן, אויסבילדן זיך, פֿירן אַ באַוווּסט־זיניקן גײַסטיקן לעבן און ווערן זיך מיט אַלע כּוחות קעגן דעם בירגער־לעכן ביזנעס־גײַסט און טרוקענער פּראָזע פֿון דער אַלטעגלעכקייט, — און אין דעם דאָזיקן שווערן, דויערנדיקן געראַנגל צווישן אידייע און ווירקלעכקייט וויקלט זיך פֿאַנאַנדער און שלענגלט זיך איר לעבנס־גאַנג איבער די אַמעריקאַנער וועגן.

אַזאַ איז דער לעבנס־וועג און דער אומאויפֿהערלעכער לעבנס־קאַמף פֿון שרהן, דער גרונט־העלדין פֿון דעם בוך „אויף אַמעריקאַנער וועגן" פֿון אסתּר מילער.

אסתּר מילער איז אַ רעאַליסטישע ייִדישע שרײַבערין מיט אַן אַנטווי־

קלטן אָבסערוויר־טאַלאַנט. זי האָט שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט אין דער פּראָגרעסיווער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע אַ גרעסערע ריי אַרטיקלען און דערציילונגען און האָט אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג „איקוף״ אין ניו־יאָרק איר וואָגיקן בוך „פון טעלעכאַן קיין אַמעריקע״, וואָס דערציילט פון יידישן לעבן און פאָלקלאָר אין דער ווייסרוסישער פּראָווינץ.

שרה, די צענטראַלע פיגור, וועלכע ווערט געשילדערט דורך דער אויטאָרין פונעם בוך מיט פיל לעבנס־טרייקייט, רעאַליזם און פשטות, שטייט אין איר שווערן לעבנס־קאַמף. זי איז געבענטשט מיט אַ שטאַרקן און אויך מילדן כאַראַקטער און מיט אַן איינגעבוירענער לעבנס־קלוגקייט. אָפט גיט זיך איר איין צו שווימען קעגן שטראָם פון דער אַלטעגלעכ־קייט, צו בלייבן טריי די אידייען פון פאָלקישקייט, דעמאָקראַטיע און סאָ־ציאַליזם, וועלכע זענען געווען אָנגעשריבן אויף איר יוגנט־פאָן. זי גייט דאָס רוב איבער די אַמעריקאַנער וועגן אַ גייסטיק הונגעריקע און אומצו־פרידענע, מיט א געבראָכענעם געמיט און אָפט מיט אַרונטערגעשלאָגענע פליגלען. עס לעבט אָבער אין איר שטענדיק ווי אַ נר תמיד דער גרויסער טרוים פון אַן אַנדער לעבן, פון אַן אַנדער אַמעריקע, — אַ טרוים, וועלכער האָט זיך איינגעקריצט אויפן גאַנצן לעבן אין איר האַרצן, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גלויבן פון אַ שענערער, בעסערער צוקונפט.

דער דאָזיקער אידעאַל פאַרקערפּערט זיך אין אסתר מילערס „אויף אַמעריקאַנער וועגן״ אין דער ליכטיקער, טרייער, העכסט פּאָזיטיווער און דערציערישער געשטאַלט פון מענדלען, מיט וועלכן שרה בלייבט פאַרבונדן גייסטיק מיט טיפע נשמה־פעדעם זינט זייער ערשטער באַגעגעניש אין עמיגראַנטן־הויז אין ברעמען.

מענדל אינספּירירט און דערהייבט שרהן. ער פילט אָן די מאָנאָטאָנע פּוסטקייט פון איר טאָג־טעגלעכן לעבן מיט דעם גרויסן ליכט פון אַ נייער, געגאַרטער צוקונפטיקער וועלט. זי קאָן אָבער נישט ביישטיין איר דראַנג צו אַ סטאַבילן מאַטעריעל געזיכערטן לעבן. זי גלויבט, אַז ווען איר וועט זיך איינגעבן אַרויסצורייסן זיך פון די נעגל פון אָרעמקייט און נויט, וועט זי ערשט קאָנען לערנען, שטודירן, אָפּגעבן זיך מיט נוצלעכער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

## אַריינפיר־וואָרט פון רעדאַקטאָר

עס פאַרפירט זי דער גלויבן, אַז אַזאַ לעבן וועט זי האָבן ביי איר לאַנדסמאַן, דעם ביזנעס־מאַן ישראלן, וועלכער האָט מיט איר אומבאַדינגט געוואָלט שליסן אַ לעבנס־בונד. עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז ער איז געווען אָרעם און פאַרפלאָנטערט אין זיינע געשעפטן און אַז איר איז אויסגעקומען צו טיילן מיט אים די שווערע אַרבעט און די נאָך שווערערע געשעפט־דאגות, וואָס האָבן זי לחלוטין אַראָפּגעשלאָגן פון דעם אידעיִשן לעבנס־וועג, וועלכן זי האָט געקאָנט גיין מיט דעם גייסטיק רייכן, מאַטע־ריעל אָרעמען און הייס ליבנדיקן מענדלען.

און עס וויקלט זיך פאַנאַנדער פאַר שרהן אַ וועג פון זוכענישן און ראַנגלענישן. זי זוכט און געפינט טרייסט און גייסטיקע באַפרידיקונג אין איר טאַלאַנטפולן און געזויסנהאַפטיקן זון יודושין, אין דעם געזואָגטן און איבער די כוחות שווערן און שיינעם וועג פון פאַרמער אין דער וועסט.

אומקערנדיק זיך אין שטאָט און צוזעענדיק מיט צער דעם באַנקראָט פון די קליינע ביזנעס־מענטשן בכלל און פון איר אַרבעטספּעאיקן און אײ־בערגעגעבענעם מאַן בפרט, באַהערשט שרהן מיט אַ באַזונדער קראַפט דער געמישטער געפיל פון פּראָטעסט און מיטלייד און זי וואַרפט זיך אַריין מיט ליבע און טרייקייט אין דער אויסגעבראָכענער שטרייק־באַוועגונג פון די דאָרפישע פּראָלעטאַריער אין די קאַליפאָרניער וואַליס. עס צעפלאַקערט זיך דאָ נאָך שטאַרקער איר ליבע צום פאָלקס־מענטש, איר סאָלידאַריטעט מיט זיין שווערן און ערלעכן לעבנס־קאַמף. זי ברעכט מיט אַ רעוואָלוציאָנערן אויפברויז די קייטן, וואָס האָבן זי געבונדן לאַנגע יאָרן צום באַנקראָטירטן מיטלשטאַנד־קלאַס, און שטענדיק, באַזונדער אין די שווערע מינוטן פון לעבן, שטראַלט פאַר איר אויף ווי אַ פייער־זייל די אומפאַרגעסלעכע וואָ־גיקע און דערציערישע געשטאַלט פון מענדלען.

*

אסתר מילערס באַלערנדיקער, טיף פּסיכאָלאָגישער בוך, וואָס שפּיגלט אָפּ קלאָר און רעאַליסטיש דאָס לעבן און געראַנגל פון עמיגראַנטישן יידישן מיטל־קלאַס אין אַמעריקע. פאַרדינט דעם גרויסן אינטערעס און די

## אסתר מילער

פריינטלעכע אויפנאַמע מצד די ברייטע יידישע לייענער־קרייזן אין אַמע־ריקע, אין ישראל און אין גאַר דער וועלט.

אסתר מילער האָט דערביי גוט געטאָן, וואָס זי האָט זיך געמיט צו דערנענטערן דעם בוך צו די נישט אַמעריקאַנישע יידישע לעזער־קרייזן דורך דעם, וואָס זי האָט אין איר פאָרוואָרט געגעבן א קורצן און זאַכלעכן אַריינפיר אין דער פאָליטישער געשיכטע פון אַמעריקע און וואָס זי האָט צום סוף פונעם בוך בייגעלייגט די דערקלערונג פון די אַמעריקאַניזמען, וועלכע ווערן געבראַכט אין בוך און זענען נישט אויפגעקלערט געוואָרן אין טעקסט גופא.

לאָמיר ווינטשן דעם בעסטן דערפאָלג דעם אינטערעסאַנטן בוך און דער בראַווער, מוטיקער און שעפערישער אויטאָרין אסתר מילער, און נחת־רוח די לייענער.

**פראָפ. שמואל אייזנשטאַדט**

## פאָרוואָרט. ווידמונג און אָנערקענונג

כאָטש דאָס בוך פאַרנעמט זיך נישט אויסדריקלעך מיטן אימיגראַנ־טישן לעבן אין אַמעריקע, נישט מיט די ציפערן און דעטאַלן פון דער מאַסן־אימיגראַציע, וועט, גלויב איך, זיין אינטערעסאַנט פון היסטאָרישן שטאַנד־פונקט אַריינצוקוקן אין אייניקע ציפערן, דאַטעס און פאַקטן פון דער ערשטער גרעסטער מאַסן־אימיגראַציע אין אַמעריקע פון סוף 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט, אַריינצוקוקן אין די ליידן, פריידן, האָפענונגען און ראַנגלענישן פון די „געוועזענע" אימיגראַנטן, וועלכע זענען אין לויף פון דער צייט געוואָרן אַ טייל פון דעם גרויסן אַמעריקאַנער פאָלק.

אַמעריקע איז דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט, וואָס קאָן אָנגערופן ווערן דער „שמעלץ־טאָפּ" (מעלטינג פּאַט). דאָס איז אַ לאַנד פון פאַרשי־דענע פעלקער, קולטורן און רעליגיעס, פון פאַרשידענע פעלקער מיט אַ פאַרשידנסטן לעבנס־שטייגער, וועלכע לעבן דאָס רוב אין פריינטשאַפט און טאָלעראַנץ. אין דעם ליגט איר דערפאָלג, איר שטאַרקייט. שטאַרק האָבן זי געמאַכט די מיליאָנען אימיגראַנטן, וועלכע זענען געקומען צו אירע ברעגן פון אַלע טיילן וועלט.

מיט הונדערט יאָר צוריק האָט דער גרויסער דענקער און פּאָעט וואָלט וויטמאַן געזאָגט וועגן די פאַראייניקטע שטאַטן: „דאָס איז נישט קיין נאַציאָן, נאָר אַ צונויפמיש (טימינג)־נאַציאָן אין נאַציאָנען".

אין דער מלחמה פון די דרייצן אַמעריקאַנער קאָלאָניעס פאַר אומאָפּ־הענגיקייט אין יאָר 1776 האָט דאָס פאָלק אויסגעקעמפט די קאָנסטיטוציע צוזאַמען מיט אַלע פרייהייטן, פון וועלכע זיי האָבן פריִער נישט געוווּסט.

עס איז נישטאָ קיין באַשטימטע ציפער פון אימיגראַנטן, וואָס זענען אַריינגעקומען קיין אַמעריקע איידער דאָס יאָר 1820, מען שאַצט זיי אין

אַרום 8000. אין יאָר 1830 זענען אַריינגעקומען 23.000, אין יאָר 1840 אומגעפער 84.000, אין די לעצטע הונדערט יאָר זענען אַריינגעקומען אין לאַנד 38 מיליאָן מענטשן, די לעצטע פופציק יאָר — 30 מיליאָן.

די מערהייט איז נישט באַשטאַנען פון אַנגלאָ־סאַקסן אָדער „פּיורע־טאַנער". זיי האָבן נישט געהאַט קיין געמיינשאַפטלעכעס מיט זיי.

אַ סך זענען געקומען פאַר ריין מאַטעריאַליסטישע צוועקן. אַנדערע זענען היגנעריסן געוואָרן פון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע. אייניקע — מיט דער אויסזיכט שנעל רייך צו ווערן, „מאַכן געלט". אָבער די מערסטע אימיגראַנטן, וועלכע זענען געקומען קיין אַמעריקע סוף 19טן און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט, זענען געווען האַרעפּאַשנע פאָלקס־מענטשן פון אַלע פעלקער און נאַציעס. זיי זענען געקומען אַהער זוכן אַ נייע היים, אַ לעבן אין פּראָדוקטיווער אַרבעט ביי בעסערע, פרייערע באַדינגונגען, אַ בעסערע דערציאונג פאַר זייערע קינדער, אַ זיכערערע און גליקלעכערע צוקונפט פאַרן נייעם דור!

אַמעריקע! דאָס איז געווען אַן ענטפער אויפן רוף פון דער פּאָעמע, וואָס איז איינגעקריצט געוואָרן אויף דער פרייהייט־סטאַטוע געשריבן פון עמאַ לאַזאַרוס אין יאָר 1883:

„גיב מיר דיינע מידע, די אָרעמע, הימלאָזע —
דיינע צעדריקטע מענטשן — די מאַסן, וואָס לעכצן נאָך פרייהייט,
איך הויב אויף מיין לאָמפּ ביי דער גאָלדענער טיר".

איר פאָלק, דאָס יידישע פאָלק, האָט דערהערט און געענטפערט אויף איר רוף! זיי, די אין געטאָ פאַרשפאַרטע, פון פּאָגראָמען געליטענע, צע־דריקטע און באַליידיקטע זענען „געלאָפן" מיט האָפענונג אין די הערצער פאַר אַ בעסערן, געזונטערן און יושרדיקן לעבן — געלאָפן צו די פרייע ברעגן פון אַמעריקע. זיי, ווי דזשעפערסאָן, האָבן געגלויבט: אַז: „די האָפע־נונג פון דער וועלט, פון דער מענטשהייט, איז די „נייע וועלט" אַמעריקע". מען האָט אויפגעגעבן דורות־לאַנגע טראַדיציעס, פאַרלאָזן משפחה, פריינט, זיך אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל פיזיש, גייסטיק און געאָגראַפיש, זיך איבער־געבויט, איבערגעפלאַנצט אויף אַ נייער ערד, ווייט אַריבער אַ ברייטן אַט־לאַנטישן ים, זיך פאַראייניקט מיט פרעמדע מענטשן, איינגעלעבט אין אַ

פרעמדער שפּראַך, אין פרעמדע זיטן און געוווינהייטן און אין פרעמדע פּאַר יידן פּרנסות.

שווער, זייער שווער איז אָנגעקומען (ספּעציעל פאַר יידן פון די קליינע שטעטלעך) דאָס איבערפלאַנצן זיך אין אַ ניי לאַנד, אויף האַרט־ברוקירטער ערד, אין אַ נייער סביבה, אונטער נייע הימלען „אונטערגעשפּאַרט" פון סקיי־סקרייפּערס (הימל־קראַצער).

פאַר ייִנגערע מענטשן פון גרויסע שטעט איז דאָס „איבערפלאַנצן זיך" אויף ניי־ערד אָנגעקומען גרינגער. דער עלטערער דור איז זיך אָפּט צוזאַמענגעבראָכן אונטער דער שווערער משא פון גייסטיקע, פיזישע און עקאָנאָמישע ליידן. זיי האָבן זיך געזעגנט מיט דער אַלטער היים, נישט נאָר מיט די לעבעדיקע, נאָר אויך מיט דער טויטער משפּחה אויפן בית־עולם. ווייל די ערד מיט די מענטשן, אויף וועלכער זיי זענען געבוירן און דער־צויגן געוואָרן און דורות־לאַנג געלעבט, איז געווען ענג באַהעפט מיט זיי.

שווער איז אָנגעקומען דאָס „אימיגרירן", דאָס „דערשלאָגן זיך" קיין אַמעריקע. יונגע קינדער האָבן פאַרלאָזט עלטערן, מענער זייערע פרויען און קינדער אָן מיטלען צום לעבן. אָן אַ סענט אין קעשענע, געגנומען דעם קלומיקל אויפן פּלייצע און זיך געלאָזן אין וועג אַריין. נישט האָבנדיק קיין געלט, האָט מען געמוזט גנבענען דעם גרענעץ (ווער עס האָט געהאַט צו באַצאָלן אַגענטן, האָט מען אים אין פינצטערע נעכט דורכגעשמוגלט דעם גרענעץ). איבערגעטראָגן די שוועריקייטן פון דורכמאַכן די „באָד" (דורכ־מאַכן די באָד האָט געמיינט אַ דאָקטאָר־אונטערזוכונג, בעיקר די אויגן זאָלן זיין ריין פון טראַכאָמע).

עס פלעגט אויסקומען וואַרטן אַן אומבאַשטימטע צייט אין פּאָרט אויף אַ שיף. און אַז מען איז שוין מיט מזל געווען אויפן שיף און אָנגעקומען אין ניו־יאָרק, האָבן נישט אַלע אימיגראַנטן זוכה געווען צו באַטרעטן די ערד פון דעם געבענטשטן לאַנד אַמעריקע.

יענע אימיגראַנטן, וועלכע זענען אָנגעקומען צום אַמעריקאַנעם ברעג, האָט מען אויסגעשטעלט אין לאַנגע רייען, אַ דאָקטאָר האָט אַריינגעקוקט זיי אין די אויגן, אין די העלדזער, געקלאַפּט אין ברוסט־קאַסטן, געשריבן עפּעס אויף אַ ווייסן פּאַפּיר, באַפּעסטיקט צו די פּילקאַלירטע קאַרטלעך,

וואָס זיי האָבן געהאַט געקראָגן אויף דער לאַנגער רייזע. די אימיגראַנטן, אויף וועלכע עס איז געפאַלן אַ חשד, אַז זיי זענען פיזיש אָדער גייסטיק קראַנק, שטעלט מען אין אַ זייט. די געזונטע שיקט מען איבער צו אַ צווייטן טיש, ווו עס וואַרט אויף זיי דער עקזאַמענער.

און ווידער שטייען זיי אין דער ריי פאַר אַ גלאַט ראַזירטן, פריש געוואַשענעם שיפבאַאַמטן אין אַן אוניפאָרם, וואָס רעדט אין אַ פרעמדער שפּראַך, נישט צום אימיגראַנט גופא, נאָר דורך אַן איבערזעצער.

— האָסטו זיך פאַרגרייט אַ פּלאַץ צו אַרבעטן איידער ביסט אַריין אין לאַנד?

— ניין. (דער אימיגראַנט ווייס אַז ער טאָר דאָס נישט טאָן).

— האָסטו ווער עס זאָל „גוט זאָגן" פאַר דיר?"

— יעס, סער! — שפּרינגט איינער אַרויס פון „רעדל אַמעריקאַנער משפּחה".

מען כאַפּט זיך אַרום, מען קושט זיך! עס עפנט זיך אַ טירל, מען גייט אַרויס גליקלעכע און צופרידענע, מיט צעלויכטענע פּנימער. די מערסטע אימיגראַנטן לאָזט מען אַרונטער בשלום.

עס זענען אָבער געווען אימיגראַנטן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין משפּחה, קיין פריינט, און נישט געקענט „וויזן" קיין געלט (צען דאָלאַר) ביים אַרונטערגיין פון שיף. קוקט דער שיפבאַאַמטער מיט זיין קאַלטן, שטרענגען בליק אויף די אָרעם־געקליידעטע, מיט בערד באַוואַקסענע עמיגראַנטן מיט זייערע פרויען, קינדער און קלומיקלעך ביי די זייטן — קוקט ער אויף זיי ווי אויף בעטלער. דערקלערט ער זיי דורכן איבערזעצער, אַז זיי קענען נישט אַריינקומען אין לאַנד, ווייל זיי וועלן פאַלן אַמעריקע צו לאַסט, און דאָס איז שטרענג פאַרבאָטן.

די אָרעמע, משפּחהלאָזע, פריינטלאָזע און קראַנקע אימיגראַנטן ווערן פאַרהאַלטן אין עליס־איילאַנד, כדי צוריקגעשיקט ווערן אין דער „אַלטער היים". הילפלאָז און האָפענונגסלאָז שטייען דאָרטן די צוריקגעשיקטע און עס בלייבט זיי נאָר איין זאַך — וויינען... וויינען זיי טאָג און נאַכט, בעטן גאָט, אַ נס זאָל געשען, אַז עס זאָל זיי דערלויבט ווערן צו באַטרעטן די אַמעריקאַנער ערד... מען זאָל זיך נישט דאַרפן וואַרפן אין ים אַריין... אַ

סך מענטשלעכע טרערן זענען פאַרגאָסן געוואָרן אויף עליס איילאַנד. דערפאַר האָבן עס יידן אַ נאָמען געגעבן „דער טרערן־אינדזל“...

עס האָבן אויך פאַסירט קאָמישע סצענעס ביים „אַרונטערנעמען“ אי־מיגראַנטן פון שיף. ספּעציעל זענען די שיפבאַאַמטע געווען שטרענג מיט אַרונטערלאָזן יונגע מיידלעך.

אַ יונג מיידל מיט רויטע באַקן און צעשראָקענע אויגן זוכט צווישן דער גרויסער מענגע מענטשן איר קוזין, וואָס דאַרף זי „אַרונטערנעמען“ פון שיף. נייַן, זי זעט אים נישט. עס באַפאַלט איר אַ שרעק... אַ ווײַלע שפּעטער קומט צו אַ יונגער שלאַנקער בחור, זיי דערקענען זיך און צע־קושן זיך. ער נעמט איבער איר באַגאַזש — די שטרויענע קאַרזינקע. זיי מאַכן אַ פּאָר טריט פאָרויס און שטעלן זיך אָפּ ביי אַ טיש וווּ עס זיצט אַ שיפבאַאַמטער אין אַ גרויער אוניפאָרם. דער קוזין רעדט עפּעס מיט אים אין אַ פרעמדער שפּראַך, וואָס זי פאַרשטייט ניט, זי באַמערקט אָבער זיין פאַרלוירנקייט. ער גיט איר איבער אין קורצע ווערטער, אַז ער קען זי נישט „אַרונטערנעמען“ סיידן... זיי זאָלן חתונה האָבן גלייך דאָ אויפן פלאַץ... זיי קוקן זיך איבער מיט צעשראָקענע בליקן, ער הייסט איר וואַרטן און פאַרשווינדט.

אַ פּאָר שעה שפּעטער קומט צו אַ קורצע, פעטע מיטליאָריקע פרוי (זי דערקענט זי לויט די סימנים, וואָס דער קוזין האָט אָנגעגעבן), פאַרוואָרפט אירע קורצע פעטע הענט אויפן מיידלס האַלדז: „אָ, מיין טייערע פּלימע־ניצע!“, זאָגט זי און באַדעקט זי מיט קושן; זי זאָגט איר צו אַ גרינג לעבן. זי וועט נישט דאַרפן שווער אַרבעטן אין אַמעריקע, די „מומע האָט שוין אַלץ פאַר איר פאַרזאָרגט“. דאָס מיידל איז קלוג, זי פאַרשטייט און שוויגט... די „מומע“ רעדט עפּעס מיטן שיף־באַאַמטן, צייגט אים פּאַפּירן, עס עפנט זיך אַ טירל, זיי גייען אַרויס. ווען זיי בלייבן אַליין, זאָגט דאָס מיידל צו דער „מומע“, אַז אַזוי גיך ווי זי וועט קריגן אַרבעט, וועט זי גוט באַלוינען די „מומע“ פאַר דער גוטהאַרציקייט, כאָטש יענע האָט געקראָגן באַצאָלט פאָרויס פון קוזין.

עס זענען אויך געווען אַזעלכע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן געהאַט

געלט צו „וויזן" ביים אַרונטערגיין פון שיף. אַזעלכע זענען מערסטנס געקומען פון די מערב־לענדער. זיי האָבן זיך אָבער געמוזט היטן אין ענטפערן אויף די פראַגן פון שיפבאַאַמטן.

דער אימיגראַנטן־שטראָם פון סוף 19טן און אָנהויב 20טן יאָרהונדערט איז נישט באַשטאַנען פון בעטלער און שווינדלער. מערסטנס זענען זיי געווען יונג, שטאַרק, אַמביציעז און מיט אַ שטאַרקן דראַנג און ליבשאַפט פאַר אַרבעט און אויפבוי.

עס איז כמעט נישטאָ קיין איין צווייג אין אַמעריקאַנער לעבן, וואָס איז נישט קיין רעזולטאַט פון אימיגראַנטישער אַרבעט. נישטאָ קיין איין הויז, קיין בריק, קיין איין מייל באַן־רעלסן ,קיין איין קוילנגרוב, קיין אויל־פעלד, קיין איין שיך־, קליידער־, שפייז־פּראָדוקציע, קיין איין אינדוסטריע, וווּ דער אימיגראַנט זאָל נישט האָבן געמאַכט זיין ווערטפולן ביישטייער.

קיין יחיד, ווי וויכטיק ער זאָל נישט זיין, האָט נישט קיין מאָנאָפּאָל אויף אַמעריקאַניזם. דאָס זענען די מיליאָנען פאַרשידנאַרטיקע און פאַרשידנשפּראַכיקע מענטשן — דאָס פאָלק, מיט זייערע שטאַרקע אָרעמס און שאַרפע מוחות. די אימיגראַנטן מיט זייער פּראַצע, מיט זייער פליס און טאַלאַנט האָבן געבויט דאָס לאַנד, — דאָס איז אַמעריקאַניזם.

דאָס זענען געווען מערסטנס אימיגראַנטן, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט מיליאָנען מיטגלידער אין טרייד־יוניאָנס און געהויבן דעם ניוואָ פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער. דאָס זענען געווען די יידישע אַרבעטער, צוזאַמען מיט די פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע האָבן אָפּגעשאַפט די „שוויץ־שעפּער", אויסגעשמידט אַ קלאַס, וואָס האָט געפירט גרויסע פאַרעקשנטע שטרייקן און געשאַפן אַ נייע ליטעראַטור, טעאַטער, לאַנדסמאַנשאַפטן און וווילטעטיקע אַנשטאַלטן — יידישע און נישט יידישע. דאָס זענען די מיליאָנען אימיגראַנטן מיט זייערע קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך, אַט דער גרויסער מתנה, וואָס האָט געבויט אַמעריקע — דאָס איז אַמעריקע.

אונדזער אייגענע אימיגראַנטישע, פּיאָנערישע דערפאַרונג — זי האָט פאַרוואַנדלט מדבריות אין בליענדיקע סעדער, גערטנער און גרינע פעלדער.

זי גיט דאָס רעכט צו אורטיילן און צו באַשטימען אונדזער גורל, ווי אויך דעם גורל פון אונדזער אַדאָפּטירט לאַנד — אַמעריקע.

ווען דער צוקונפטיקער היסטאָריקער וועט שרייבן וועגן די מיליאָנען אימיגראַנטן, וועלכע זענען געקומען קיין אַמעריקע פון פאַרשידענע לענדער, וועגן די פילשפּראַכיקע פעלקער מיט די פאַרשידנסטע עקאָנאָמישע, סאָ־ציאַלע און קולטורעלע לעבנס־פאָרמען, וואָס זענען צום ערשטן מאָל אין דער מענטשלעכער געשיכטע צוזאַמענגעקומען אויף איין קאָנטינענט, וואָס האָבן זייט־ביי־זייט געאַקערט, געבויט, געהאַמערט, געניים און געשמידט, שטעגן־וועגן געפלאַסטערט און דאָס אַלץ געטאָן אין אַ קורצן צייט־אָפּשניט פון דער „אויפבוי־עפּאָכע", ווען דאָס אַלץ וועט געשילדערט ווערן מיט אַ מייסטערשער האַנט, — דאַן וועט דאָס זיין דער שענסטער קאַפּיטל אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע. דאָס וועט זיין די שענסטע סימפאָניע פון מענטשן־קאָלירן, פעלקער און קולטורן, דאָס וועט זיין אַ סימפאָניע פון די פאַראייניקטע פעלקער אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דעריבער איז מיין בוך געווידמעט צו מיינע אייגענע קינדער און אייניקלעך און צו אַלע קינדער און אייניקלעך פון אימיגראַנטישע עלטערן, וואָס זיי לאָזן זיך נישט שיידן פון דעם גאַנצן אַמעריקאַנער פאָלק.

*

די באַדייטונג פון אַ בוך ווערט געמאָסטן לויט דעם נוצן, אַפילו דעם קלענסטן, וואָס עס קאָן ברענגען דעם מענטשן, דעם פּראָגרעס פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און איר קולטור.

מיר לעבן אין אַ שטורמישער צייט, ווען דער גורל פון דער מענטש־הייט ליגט אויפן וואָגשאָל: מלחמה אָדער שלום. עס איז נישט גרינג פאַר אַ פּראָגרעסיוון שרייבער צו זיצן געמיטלעך און שרייבן. עס זענען דאָ ברענענדיקע, שאַרפע פּראָבלעמען. מיר נעמען זיי אויף מיט דער פולער שאַרפקייט. נישט שטענדיק באַגנוגענען מיר זיך מיט פאַרטיידיקונג. מיר גייען אויך אין אָנגריף, אין קאַמף פאַר יושר. דערפון נעמט זיך די שווע־ריקייט.

איך האָב לאַנג געטראַכט ביז איך האָב באַשלאָסן און געוואָגט צו פּרוון אָפּצאָלן אַ חוב, וואָס איך בין געווען שולדיק מיין אַדאָפּטירטן לאַנד אַמעריקע, וועלכע האָט מיר אַ סך געגעבן. און ווייל איך האָב ליב אַמעריקע, נעם איך זיך דאָס רעכט צו באַציען זיך צו איר צייטנווייז קריטיש. נישט אין פאַרטושן, פאַרגלעטן ליגט דער אמתער פּאַטריאָטיזם צו אַ לאַנד, נאָר אין דער קאָנסטרוקטיווער קריטיק אין גייסט פון דעמאָקראַטיע.

מיטן בוך האָב איך זיך באַמיט צו געבן אַן אַריינבליק אין דער נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט. צווישן אַנדערע, אין דעם ווינקל אין אַמעריקאַנער לעבן, וואָס איז אַזוי אומברחמנותדיק פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן — די וואַנדערנדיקע אַגריקולטור־(פעלד־) אַרבעטער, (לעצטנס איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרוו זיי צו אָרגאַניזירן אין יוניאָנס) מיט זייערע פאַמיליעס. אויך אין שיקזאַל פון אונדזער גרויסן מיטלקלאַס, פון די, וועלכע זענען אַפילו נישט באַוווסטזיניק ווי פאַרשקלאַפט זיי זענען, ווי טייער זיי באַצאָלן פאַר פאַלשע ווערטן; אין דער ערשטער ריי דאָס יאָגעניש צו ווערן „אַלרייטניקעס״. (רייך, גוט־אָפּ), די צעשפּאָלטענע פּערזענלעכקייט פון אַ יונג מיידל (שרה), וואָס גייט בלינד נאָך דעם אַבסורד (אומזין) פון זיך „אַרויפאַרבעטן״ — אַ רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער ביזנעס־פּסיכאָלאָגיע.

אין יאָר 1956, ווען מיין ערשטער בוך „פון טעלעכאָן קיין אַמעריקע״ איז דערשינען, האָט דער קריטיקער און שרייבער י. ב.ביילין, אין זיין רעצענזיע איבערן בוך, פאָרגעשלאָגן, אַז אסתר מילער זאָל שרייבן אַ צווייטן בוך — פון אַמעריקאַנער לעבן. אויך דער דיכטער און שרייבער זישע וויינפּער האָט מיך דערמוטיקט. דער באַוווסטער ליטעראַטור־קריטיקער, פאָרשער, שרייבער און רעדאַקטאָר פון דער באַלערנדיקער חודש־צייטשריפט „יידישע קולטור״ נחמן מייזיל ע״ה און אַנדערע האָבן מיך אָנגעגעגט צום שרייבן. עס זענען אָנגעקומען בריוו פון פאָלקס־מענטשן, מיינע לייענער, מיט לויב און דאַנק פאַר צושיקן זיי דאָס בוך. פיל האָבן געבעטן שיקן דאָס צווייטע בוך, ווען עס וועט דערשיינען.

אַ סך האָט זיך געביטן פאַר די צוועלף יאָר, אין אַלגעמיינעם און אין מיין פּערזענלעכן לעבן. אָבער דער דראַנג צום שרייבן איז געבליבן. דאָך בין

איך זיך מודה פאַר מיינע לייענער, אַז כ׳האָב זיך אַ ביסל דערשראָקן פאַר דער גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט: שרייבן אַ בוך איבער אַמעריקע! ווער בין איך? איינע פון דער גרויסער מאַסן־אימיגראַציע אין צווייטן צענדליק פון דעם 20טן יאָרהונדערט, געבוירן און דערצויגן אין אָרעמקייט, באַרויבט פון העכערער בילדונג — ווי קומט צו מיר, איך זאָל שרייבן איבער אַזאַ ריזיק לאַנד, ווו אַלץ איז דאָ אַזוי קאָמפּליצירט, פאַרשידנאַר־טיק און גרויס: גרויסע עשירות, גרויסע מעגלעכקייטן, גרויסע אויסגע־שפּרייטע שטחים, גרויסע טייכן, גרויסע קאַרטעלן, מאָנאָפּאָלן, גרויסע אָרעמקייט, גרויסע ווידערשפּרוכן און פּראָבלעמען?!

צוויי זאַכן האָבן זיך דערצו געפאָדערט: אַ ליבשאַפט צום לאַנד, אַ ליבשאַפט צום אמת, אַ ליבשאַפט אָנצורופן זאַכן מיט זייערע אמתע נעמען, אויב אַפילו דאָס זאָל ווײ טאָן. די צוויי זאַכן האָבן מיר געטריי געדינט אין דער אַרבעט.

אַמעריקע, איך קאָן דיך, דוכט זיך, נאָך פון מיינע קינדער־יאָרן. דו ביסט געווען דער שיינער חלום פון אַלע אָרעמע קינדער. די יוגנט פון די אייראָפּעיִשע שטעט און שטעטלעך האָט זיך צו דיר געצויגן ווי אַ דורש־טיקער צום קוואַליקן וואַסער. מיר זענען צו דיר נישט געפאָרן, מיר זענען געלאָפן, געלאָפן פון דלות, פון צאַרישע פּאָגראָמען, פון פּריזיוו, פון פאַר־שקלאַפונג און דערנידערונג. דו ביסט פאַר אונדז געווען אַ ליכטיקער שטראַל אין אונדזער פינצטערן געטאָ־לעבן. מיר זענען צו דיר געקומען נישט ווי בעטלער. אונדזערע יונגע מוסקולירטע הענט האָבן געהאָלפן בויען אַ שטאַרקערע און שענערע אַמעריקע. מיר האָבן דיר געגעבן נייע דורות. פאַר זיי ווי פאַר אונדז, איז די אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע הייליק. אויך די אָנזאָגן צום אַמעריקאַנער פאָלק, צו אַלע פעלקער אין דער וועלט, אַז: „אַלע מענטשן זענען באַשאַפן געוואָרן גלייך. זיי זענען באַשאָנקען געוואָרן מיט געוויסע אומאָפּנעמבאַרע רעכט, די רעכט שליסן איין: לעבן, פרייהייט און דאָס שטרעבן צו גליק״.

אַמעריקע פאַרמאָגט גרויסע גאונים, מענטשן, וועלכע האָבן צוגעטראָגן אַ סך אין אַלע געביטן פון וויסנשאַפט און טעכניק אין דער מאָדערנער וועלט. אָבער אין „ביזנעס־אַמעריקע״ הערשט נאָך אַלץ דער גרויסער

געשעפטסמאַן, עס הערשן די מאָנאָפּאָליסטן און קאַרטעלן, וואָס באַשטימען די מאָראַלישע און גייסטיקע ווערטן פאַרן פאָלק. זייערע אינטערעסן זענען ענג פאַרבונדן מיט מאַכן וואָס בעסערע ביזנעס, דערשלאָגן זיך צו וואָס גרעסערע רווחים — אויב אַפילו עס מיינט מלחמה! — דאָס איז אַמעריקעס גרעסטע טראַגעדיע.

דאָס גרויסע, ברייטהאַרציקע און פּשוטע אַמעריקאַנער פאָלק וועט בייקומען, ווי איך האָף, אַלע קראַנקייטן, טעותן און אָפּווייכונגען פון דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע און וועט אַרויסקומען געזונט, לויט די פאַר־שריפטן פון זיינע שיינע אַלטע טראַדיציעס, אויף וועלכע עס זענען געגאַנ־גען די ערשטע פּאָטערס, די פאַרפאַסער פון דער „דעקלערײשן אָוו אינדע־פּענדענס". (דעקלאַראַציע פון זעלבשטענדיקייט) דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און טאָמאַס דזשעפערסאָן, די ערשטע פּרעזידענטן פון די פאַראייניקטע שטאַ־טן, וועמענס נעמען אַלע אַמעריקאַנער בירגער — הי־געבוירענע און נאַטור־ראַליזירטע, דערמאָנען מיט כבוד און ליבשאַפט. זייערע אידעאַלן לעבן אין די הערצער פון פאָלק. זיי זענען נאָך צייטווייליק פאַרטונקלט געוואָרן. עס וועלן קומען ליכטיקערע טעג פאַר אַמעריקע.

דו, אַמעריקאַנער ערד, ביסט מיר נאָענט. איך האָב ליב דיינע פּרעריס, די הויכע בערג און טיפע טאָלן, פעלדער, וועלדער, דערפער און קליינע שטעטלעך, מיט וועלכע כ׳בין געווען פאַרבונדן די בעסטע יאָרן פון מיין לעבן. און דאָך האָט עס מיר מאַגנעטיש געצויגן צו דער ברויזיקער שטאָט; געצויגן און געשראָקן, ווי עס האָט אַמאָל געשראָקן אונדזער פּרעריי־פערד מאָס פאַרן אויטאָמאָביל, וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען אויף די הויכע, שמאָלע, באַרגיקע וועגן און זיך צעטראָגן. גלייכצייטיק האָב איך אָבער געבענקט נאָכן שטאָטישן קולטורעלן לעבן.

יאָרן שפּעטער האָבן מיר זיך באַזעצט אין דער גרויסער שטאָט. איך האָב זיך צוגעכאַפּט צום געזעלשאַפטלעכן לעבן און צו דער ליטעראַטור. איך האָב אַ סך געלייענט און זיך אַנטציקט פון די ליטעראַרישע ווערק פון די קלאַסיקער. די פילע פליכטן, מיט וועלכע די פרוי איז געבונדן, האָבן מיר נישט געשטערט צו נעמען אַן אַנטייל אין געזעלשאַפטלעכן

לעבן, ווי אויך צו לייענען און שרייבן. און כאָטש די מלאכה פֿון שרייבן האָט מיר געבראַכט אָפֿטע פֿאַרדרוסן, האָט זי אָבער אויך געבראַכט פֿריידן און נחת־רוח פֿון שאַפֿן.

אין מײַנע אַלע דערוואַקסענע יאָרן האָב איך געהאַט אַ יראת הכבוד פֿאַרן גוטן בוך, ווי אַ פֿרומער ייִד פֿאַרן ספֿר. איך האָב געגלויבט, אַז נאָר אויסדערוויילטע, הויך געבילדעטע מענטשן מיט גרויסע טאַלאַנטן זענען באַרעכטיקט צו שרייבן. מײַן באַשיידנקייט האָט מיך צוריקגעהאַלטן. ווען נישט דער אינערלעכער דראַנג צום אויסדרוק, צום שאַפֿן, און ווען נישט די דערמוטיקונג מצד מײַנע פֿרײַנט די קלוגע שרײַבער, וואָלט איך גע־בליבן אַ „בוך־וואָרים". איך וואָלט קיינמאָל נישט שטודירט דאָס לעבן, די ווירקלעכקייט, זיך נישט צוגעהערט צו דעם, וואָס מענטשן רעדן און וואָלט זיי נישט ליב געהאַט — אַט אַזוי ווי זיי זענען, מיט זייערע שוואַכ־קייטן און שטאַרקייטן. מײַן אינטעלעקט וואָלט געליטן, איך וואָלט נישט געוווּסט די ברכה פֿון פֿרײַנטשאַפֿט, און וואָלט זיך געפֿילט גײַסטיק אָרעמער.

געוויסע נעמען דאַרפֿן דאָ דערמאָנט ווערן מיט אָנערקענונג און האַר־ציקן דאַנק: דער חשובֿער פּראָפֿ. שמואל אײַזנשטאַדט, פֿאָרשער, שרײַבער און רעדאַקטאָר אין תּל־אָבֿיבֿ, ישׂראל, פֿאַר זײַן מאָראַלישער און טעכני־שער הילף, פֿאַר זײַן געטרײַקייט צום בוך און פֿאַר זײַן געדולד צו מיר. פֿון אונדזער בריוו־אויסטויש וואָלט מען געקאָנט צונויפֿשטעלן אַן אינטע־רעסאַנטן בוך. עס איז געשלאָסן געוואָרן אויך אַ האַרציקע פֿרײַנטשאַפֿט צווישן מיר און זײַן ליבער פֿרוי פֿרידאַ. עס איז געווען אַ כּבֿוד און פֿאַרגעניגן זיך צו באַקענען מיט די ליבע מענטשן פּערזענלעך. מײַן אויפֿ־ריכטיקן דאַנק אויך דעם באַגאַבטן שרײַבער, פּאָעט און ליטעראַטור־קרי־טיקער שלום שטערן פֿאַר זײַן שטענדיקן וועקן מיך. אין איינעם פֿון זײַנע בריוו שרײַבט ער: „אסתּר, פֿאַרוואָס שרײַבט איר נישט? אויף ווען וואַרט איר?" כ'האָב לאַנג נאָכגעטראַכט אויף דער פֿראַגע. אַ דאַנק קומט אויך י. א. ראָנטש, דעם שעפֿערישן שרײַבער און דיכטער.

מײַן דאַנק אין פֿאָרויס צו די לייענער פֿון דעם בוך. זאָלן זיי מיר מוחל זײַן, אויב זיי וועלן געפֿינען אין בוך שאַטנדיקע זײַטן, אויך דאָס לעבן

באַשטייט פון ליכט און שאָטן. טאָ זאָל די ליכטיקע זייט פון לעבן באַשיינען אייך, פריינט, אין פּראָצעס פון אַלע אייערע אַקטיוויטעטן, אויך אין פּראָצעס פון לייענען דעם בוך.

**אסתר מילער**

לאָס־אַנדזשעלעס, פעברואַר 1968

באַמערקונג: אַלע נעמען, וואָס ווערן דערמאָנט אינעם בוך, זענען פאַרשטייט זיך, פיקטיווע און זענען קיינעם נישט אויסן.

# דער פאָרן און דער אָנקום
# קיין אמעריקע

# מיר וואַרטן אויף דער שיף

יעדן פרימאָרגן פלעגט זיך צעפּראַלן די טיר פון לאַנגן עמיגראַנטישן שלאָפצימער. אַ הויכע, דאַרע פריילין פלעגט האַסטיק אַריינלויפן, זיך דורכטראָגן דורך די רייען אייזערנע בעטלעך פון די האַלב־שלאָפנדיקע, האַלב־וואַכנדיקע פרויען און קינדער און אויסשרייען:

— אויפשטעהען, זיך אַנציהען! — פלעגט זי מיט אַ הייזעריק טרוקע־נער שטימע באַפעלן.

און האָט מען נישט גלייך געפאָלגט, האָט זי אַרונטערגעריסן דעם צודעק ביי יעדן.

די פרויען פלעגן בלייבן פאַרשעמטע אין זייערע ווייסע העמדער. צעשראָקענע קינדער האָבן געוויינט.

ווי שנעל זי פלעגט אַריינלויפן, אַזוי שנעל פלעגט זי אַרויסלויפן, בורטשענדיק:

— דאָננער־וועטטער, נאָך איין מאָל!

פאַר אָרעמע עמיגראַנטן, בפרט פאַר יונגע מיידלעך, איז דאָס וואַרטן אַ לאַנגע צייט אויף דער שיף אין אַ פרעמדער האַפנשטאָט נישט געווען פון די לייכטע זאַכן.

די פאַרמעגלעכע פּאַסאַזשירן פון ערשטן קלאַס האָבן געקראָגן אַ אָן צ׳ שיעור בעסערע באַהאַנדלונג און שנעלערע טראַנספּאָרטאַציע מצד די שיף־קאָמפּאַניעס. יענע זענען געווען וויניק אין צאָל און האָבן געוווינט אין רייכע האָטעלן. זיי זענען געפאָרן קיין אַמעריקע אָדער אין אַנדערע לענדער אויף לוסט־רייזעס אָדער כדי צו שטודירן אין אויסלענדישע אוני־ווערסיטעטן. דאָס האָבן געוווסט די אָרעמע קינדער פון דער דריטער

קלאַס און צווישן זיי אויך שרה, און אַ פאַרבאַרגענע קנאה האָט גענומען טליִען אין זייערע הערצער.

שרה איז געווען אַ שטיל, צוריקגעהאַלטן מיידל מיט בלויע אויגן, וואָס האָבן געקוקט מיט אַ נאַיִוון גלויבן אויף מענטשן, פון וועלכע זי פלעגט אַ סך מאָל ווערן אַנטוישט.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט זי זיך אַרומגעזען, אַז די פינף רובל, וואָס די מאַמע האָט איר מיטגעגעבן אויפן וועג, זענען שוין אויסגעגאַנגען, די סוכאַרקעס (אויסגעטריקנט ברויט) שוין אויפגעגעסן, נישטאָ ביי איר אַפילו מיט וואָס צו קויפן אַ פּאָסטמאַרקע אויף צו שיקן אַ בריוו אַהיים, אָדער צו קויפן אַ שטיקל זייף אויף אויסצוואַשן דאָס קליידל. אירע צוויי חברטעס, ברכה און ציפּע, האָבן אויך נישט געהאַט קיין געלט. עס איז נישט געווען ביי וועמען צו באָרגן.

שוין צען טעג, אַז שרה וואַרט אויף דער שיף „מעין", וואָס דאַרף זי נעמען קיין אַמעריקע. אַלע וואַרטן; קיינער ווייסט נישט ווען די שיף וועט אַריינקומען אין האַפן.

דאָס וואַרטן איז איר געוואָרן שווער און פּיינלעך. זי האָט זיך דער־פילט הילפלאָז און אָפּהענטיק. זי האָט זיך געשעמט מיט איר אָרעמקייט, וואָס האָט זי נישט אויפגעהערט צו מאַטערן זינט זי געדענקט זיך.

איצט לויפט שרה פון איר ווי פון אַ פעסט. זי לויפט אין דעם רייכן אַמעריקע. עס הערן נישט אויף צו קלינגען אין אירע אויערן דעם טאַטנס י'עצטע ווערטער:

— פאָר, מיין קינד, איך האָב נישט קיין רעכט דיך דאָ צו פאַרהאַלטן אין דעם דלות... דו וועסט דאָרט געפינען, מיט גאָטס הילף, דיין זיווג, אַ שידוך טאָן... ווער ווייסט, טאָכטער, צי איך וועל דיך נאָך אַ מאָל זען...

זי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. ווי די טרערן, וואָס האָבן דעמאָלט באַ־נעצט זיין גרויע באָרד, וואָלטן נאָך איצט געבריט איר פּנים...

עס איז געווען אַ לויטערער זומערדיקער פרימאָרגן. די אויגוסט־זון האָט באַשטראַלט די פילצאָליקע געביידעס, מאָנומענטן, בולוואַרן און גרינע סקווערן פון דער דייטשישער שטאָט ברעמען. דער גרויסער מעשענער צלם פונעם שטאָטישן קלויסטער איז געשטאַנען הויך, מאַיעסטעטיש,

צעפּלאָמט אין דער גאָלדענער זון. שרה האָט געשפּאַנט לאַנגזאַם, מיט אומזיכערע טריט, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע אין אַ פרעמדער וועלט. זי וואָלט אָפּגעשטעלט עמעצן און געפרעגט, וווּ עס געפינט זיך דער יידישער קוואַרטאַל, קען זי אָבער נישט די שפּראַך. זי האָט זיך דערפילט קליין און פאַרלוירן אין דער גרויסער שטאָט.

אָבער דער עצם־געדאַנק, אַז זי פאָרט קיין אַמעריקע האָט צוריק אויפגעהויבן איר מוט. גייענדיק האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף פאַרביי־גייער. אַזוי פיל זיכערקייט אין זייערע טריט, אַזאַ אַנטשלאָסנקייט אין די אויסדריקן פון זייערע פּנימער. זיי ווייסן וווהין זיי גייען און נאָך וואָס. זי, שרה, ווייסט נישט קלאָר וואָס זי וויל און צו וואָס זי צילט. אָבער זאָל זי נאָר קומען קיין אַמעריקע, דאָרטן וועט זיך פאַר איר עפענען דער וועג צו אַ ניי און בעסער לעבן אין אַ פריי לאַנד. דער דאָזיקער געדאַנק שרעקט זי און פרייט זי צוגלייך. עס מוטיקט זי דער באַוווּסטזיין פון ווערן זעלבּ־שטענדיק און עס שרעקט זי דער געדאַנק פון אַרויסגיין אַליין אין דער פרעמדער, ווייטער וועלט אַריין. זי פילט זיך ווי אַ קינד, וואָס הייבט נאָר וואָס אָן צו גיין און האָט נאָך מורא צו שטעלן אַ טריט.

עס שרעקט זי דאָס אומבאַוווּסטע, דער שטורעמדיקער ים. עס שרעקן זי די פרעמדע מענטשן, די פרעמדע שפּראַך. אָבער מער פון אַלץ שרעקט זי די אומגעהייערע ווייטקייט פון דער היים. און עס שרעקן זי די מענטשן... דערוואַקסענע מענטשן האָבן זי אַלע מאָל געשראָקן. זי האָט זיך קיין מאָל נישט געפילט זיכער אין זייער קעגנוואַרט. זיי ווייסן אַזוי פיל, שאַפן זיך אַרום, שרייען, שטראָפן און אַפילו שלאָגן. זי געדענקט, ווי דער רבי פלעגט שמייסן די חדר־יינגלעך מיט אַ קאַנטשיק, און ווי די באַלעבאָסטעס פלעגן פּאַטשן די דינסטמיידלעך, זיי רייסן פאַר די האָר פון קאָפּ. דערפאַר האָט זי פון שטענדיק אָן פיינט געהאַט די גרויסע, כאָטש זי אַליין איז שוין מער נישט קיין קינד. עס גייט איר דאָך שוין דאָס אַכצנטע יאָר.

מיט אַזעלכע געדאַנקען איז זי געגאַנגען איבער גאַסן און געסלעך פון דער אומבאַקאַנטער שטאָט און איז אַריין אין שטאָטישן גאָרטן, מיט די אַלטע צעוואַקסענע און פאַרצווייגטעביימער. זי האָט דערהערט דאָ דאָס זינגען פון די פייגל, דעם סודותדיקן גערויש פון אַ פליסנדיק טייכל און

איר איז גרינגער געוואָרן אויפן געמיט. זי האָט זיך דערמאָנט אין אירע קינדער־יאָרן, אין די גערדיכטע פּאָליעסער וועלדער, ווו זי פלעגט אַלע זומער גיין מיט אירע חברטעס קלייבן שוואַרצע יאַגדעס, רויטע ברוסני־צעס און שוואָמען. אַז מען פלעגט דאָס אָפּקאָכן מיט יונגע קאַרטאָפל איז דאָס געווען זיס ווי צוקער, ס׳האָט געהאַט אַ טעם פון גן־עדן.

אפשר קען מען אויך דאָ עפּעס געפינען? זי קוקט זיך אַרום אויף דער צעגרינטער ערד, פאַררייסט דעם קאָפּ, אפשר געפינען זיך ניסלעך אויף די ביימער? אַך, ווי זי וואָלט זיי צעקנאַקט מיט די ציינער, וואָלט זיי געגעסן און דערקוויקט זיך. אָבער צום עסן איז דאָ גאָרנישט דאָ; נאָר בלו־מען, ביימער און גראָזן...

זי באַמערקט אַ ליידיקע באַנק און זעצט זיך אַוועק.

*

אירע חברטעס ברכה און ציפּע האָבן זי אַ גאַנצן טאָג אַרומגעזוכט און נישט געקאָנט געפינען. שפּעט נאָך האַלבן טאָג, ווען די זון האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט צום האָריזאָנט, איז זי צוריקגעקומען אין באַגלייטונג פון דריי יונגע בחורים, וועלכע זי האָט פאָרגעשטעלט פאַר די חברטעס — מענדל, בערל און משה.

די זיבעצן־יאָריקן ציפּע, וואָס שטאַמט פון אַ דאָרף און איז אַ שעמעוו־דיקע, האָט געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף די בחורים און האָט זיך אָפּגע־גאָסן מיט אַ רויטקייט ביז אַרויף צו די וואָרצלען פון אירע בלאָנדע צעפּ־לעך, וואָס זענען צעפלאָכטענע אַראָפּגעהאָנגען אויף איר שמאָלער פּלייצע.

ברכה, אַ ניינצן־יאָריקע שאַטינקע, מיט אַ רונדיק פּנים און ראָזלעכע באַקן, אַ מער געוואַגטע און אַ פרייליכע, האָט אָנגעשטעלט אירע גרויסע, ברוינע אויגן אויף שרהן און מיט אַ טאָן פון שפּאַסיקן פאַרוואָרף האָט זי געזאָגט:

— מאַמעלעך מיינע, ווי גייט מען דאָס אַוועק אַליין שפּאַצירן אין אַ פרעמדער שטאָט? אַ גאַנצן טאָג נישט געוווּסט וואָס איבערצוקלערן. אָט האָסטו דיר קאַוואַלערן גאָר? אַ קאָמעדיע מיט איר, כ׳לעבן.

און זי צעלאַכט זיך מיט איר קלינגענדיק געלעכטער, פון וועלכן די בחורים האָבן זיך שעלמיש צעשמייכלט.

— נישט פּראַקטיש געווען פון דיר, שרה, אַליין אַוועקצוגיין — זאָגט ציפּע, נאָך אַלץ רויט אין פּנים.

— ס'איז נישט גרינג צו געפינען זיך אין אַ גרויסער שטאָט, וואָס האָט אַ גרויסן גאָרטן מיט געדיכטעביימער און אַ סך מענטשן — שפּאַסט משה, אַ מיטלוווקסיקער, אַ גלאַט ראַזירטער, מיט גרויע, לויפנדיקע אויגן, אַ בחור פון אַ יאָר צוואַנציק, אין אַ בלויען אַנצוג מיט אַ שוואַרצן שטייפן הוט אויפן קאָפּ.

— זי האָט מיט אונדז נישט געוואָלט רעדן — באַקלאָגט זיך בערל — מיר שווערן אייך, מיר זענען אויך עמיגראַנטן פּונקט אַזוי ווי איר, מיר וואַרטן אויף דער שיף. מיר זאָגן איר דאָס און זי שוויגט, זי וויל נישט רעדן. מיר פאַרלויפן איר דעם וועג און ווייזן איר אונדזערע דאָקומענטן, און עס העלפט נישט.

בערל ציט אַרויס פון קעשענע אַ פּאַק פּאַפּירן, ווייזט אים די מיידלעך, אַז עס איז אמת וואָס ער זאָגט און גיט צו:

— און זי גלייבט אַלץ נישט. ערשט ווען מענדל האָט אויף איר אַ קוק געגעבן מיט זיינע פאַרחלומטע אויגן, האָט זי אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט, אַז איר נאָמען איז שרה. — מענדל האָט זיך בשעת מעשה דער־פילט ווי יענער גענעראַל, וואָס האָט איינגענומען פּלעווּנע.

מענדל, וואָס איז העכער פון די אַנדערע, געלאַסענער און טראָגט ברילן, שוויגט. בלויז אַ פאַרבאַהאַלטענער שמייכל שוועבט אויף זיינע מאָכיקע ליפּן. זיינע דאַרע לאַנגע פינגער צופּן אַ קנעפּל פונעם אָפּגעטראָ־גענעם רעקל. די אויגן זיינע זענען עפּעס אַראָפּגעלאָזן און ער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ ישיבה־בחור, וואָס באַקענט זיך צום ערשטן מאָל מיט אַ מיידל.

— וואָס שטייט איר דאָ? קומט, לאָמיר זיך דורכשפּאַצירן! האָט איר שוין געזען די שטאָט?

נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, רעדט משה ווייטער מיט אַנט־ציקונג:

— אָ, וואָס פאַר אַ שיינע שטאָט דאָס איז! וואָס פאַר אַ פּאַראַדנע גאַסן, ברייטע טראָטואַרן, בולוואַרן! עס ציען זיך קראָמען מיט גרויסע „וויטסטאַ־ וועס" פון אַלדאָס גוטס, און אומעטום עלעקטריש ליכט, ס׳פאַרבלענדט ממש די אויגן!...

— אָבער דאָס שענסטע ליכט קומט פון דער לבנה — גיט צו מענדל און ווענדט זיינע אויגן צום הימל. — זי וועט באַלד אַרויסקומען — ער גיט זיך דערביי אַ דריי און בלייבט שטיין ביי שרהס זייט.

דערהערנדיק אַ טומל אין הויף, איז מאַטילדע, די איטאַליענישע מאַמע פון פיר יינגלעך, וועלכע באַרימט זיך, אַז איר מאַן איז באָסטאָן בויט וועגן פאַר אַמעריקע, אַרויסגעקומען פון עמיגראַנטן־הויז. זי איז כלומרשט אַרויס־ געגאַנגען צו דערמאָנען אירע שפּילנדיקע קינדער, אַז עס איז שוין צייט צו גיין שלאָפן. דערזען אין הויף מיידלעך מיט בחורים, האָט זי זיי אָפּגעמאָסטן מיט אירע שוואַרצע פאַרשנדיקע אויגן, געקנייטשט דעם שטערן, ווי זי וואָלט זיך טיף פאַרטראַכט, און אפשר האָט זי זיך טאַקע דערמאָנט אין די מיידלעכס מאַמעס אין דער היים, וואָס זייערע הערצער ציטערן פאַר זייערע טעכטער, אַז עס זאָל זיי, חלילה, נישט געשען קיין שלעכטס אין דער פרעמד. איר רונדיק פּנים האָט זיך צערונצלט, די פעטלעכע הענט האָט זי אויפגעהויבן הויך איבערן קאָפּ און האָט ווי אויף שטום־לשון גערעדט צו די בחורים. זי האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די הויכע פריילין וועט באַלד אַריינלויפן אין שלאָפצימער (זי וויזט מיט די הענט, ווי אַזוי יענע רייסט אַרונטער דעם צודעק). די יוגנטלעכע צעלאַכן זיך. מאַטילדע דרייט שטראָפנדיק מיטן קאָפּ. אַ מאַמישע פאַרזאָרגטקייט לייגט זיך אויף איר פּנים.

ווי מענדל האָט טאַקע פאַרויסגעזען, איז די לבנה באַלד אַרויסגעקו־ מען און איז געשוועמען צווישן די לייכטע וואָלקנס, ווי צווישן גרוי־ווייסע ביינוול־קנוילן. זי האָט מאַיעסטעטיש געשוועבט איבער די קעפּ פון דער עמיגראַנטישער יוגנט, וועמענס צוקונפט איז נאָך דערווייל געווען איינגע־ הילט אין נעפּל, ווי די בלאַסע לבנה, וואָס איז זיי נאָכגעגאַנגען.

זיי זענען געגאַנגען האַרט איינער נעבן צווייטן, ווי זיי וואָלטן געזוכט

שוין איינע ביי די אַנדערע קעגן די פרעמדע מענטשן מיט דער פרעמדער שפּראַך, וואָס זענען זיי אַנטקעגן געקומען.

זיי האָבן שפּאַצירט גאַס־איין, גאַס־אויס. עס האָט זיך צווישן זיי פאַרבונדן אַ פריינדשאַפט. מען האָט זיך אויסדערציילט פון וואַנען מען קומט, צו וועמען מען פאָרט, פון וואָס פאַר אַ פאַך מען איז און וואָס מען קלייבט זיך צו טאָן אין אַמעריקע. די מיידלעך זענען שניידערקעס. זיי וועלן מסתמא גיין אַרבעטן אין די שעפּער. שרה האָט אויסגעדריקט איר פאַר־לאַנג צו לערנען, שטודירן, גיין אין אַן אָוונט־שול. בערל וויל בלייבן ביי זיין פאַך — אַ שלאָסער. משה, וועלכער איז געווען אַ משרת אין אַ זיידן־געשעפט אויף די נאַלעווקעס אין וואַרשע, פאַנטאַזירט צו ווערן אַ גרויסער סוחר אין אַמעריקע. — דאָס לאַנד איז יונג און מוז האָבן גוטע געשעפטס־לייט — האָט משה געטענהט.

בערל ווידער האָט געזאָגט, אַז אַמעריקע שטייט אויף אַרבעט. — זי מוז האָבן שטאַרקע און פליסיקע אַרבעטס־הענט — האָט ער אויסגערופן מיט טעמפּעראַמענט און האָט דערביי געפאָכעט מיט זיינע צעשפּרייטע הענט.

שרה, פון איר זייט, האָט אָבער בעסער איינגעשטימט מיט מענדלען, וועלכער איז געווען איבערצייגט, אַז אַמעריקע נייטיקט זיך מער פון אַלץ אין גוטע אַקטיאָרן, ווי ער האָפט צו זיין, נישט אין אַזעלכע, וואָס וויינען אויף דער בינע מיט וואַזעלין־טרערן, נאָר אין אַזעלכע, וואָס זאָלן טאַקע וויינען אמתדיק, מיט האַרץ און געפיל. און ווער קען נאָך אַזוי גוט וויינען ווי דער עמיגראַנטישער מענטש ?!...

שרהס צושטימונג האָט מענדלען דערמוטיקט. ער איז געגאַנגען נעבן איר נענטער, אַזוי נאָענט, אַז זייערע אַקסלען, ביז אַרונטער צו די הענט, האָבן זיך באַרירט איינע מיט די אַנדערע. זיי האָבן פאַרלאַנגזאַמט זייער גאַנג. מענדל האָט זי אָנגענומען אונטערן אָרעם און געפרעגט ?

— מען מעג ?

זי האָט מיידלש פאַרשעמט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

זיי זענען איצט שטיל געגאַנגען איינע נעבן די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן געווען פאַרטיפט אין מחשבות. נאָך עטלעכע מינוט פון אָנגע־

שטרענגטן שווייגן האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ ברידערלעכער פאַרזאָרגט־קייט:

— שרה, איך האָב נאָכגעטראַכט איבער דעם, וואָס דו האָסט מיר דערציילט וועגן דיין לאַגע. אפשר זאָלסטו זיך ווענדן צום היגן עמיגראַנטישן הילפס־פאַראיין, זיי וועלן דיר זיכער העלפן. זיי האָבן אויך משהן געהאָלפן מיט אַ געוויסער געלט־סומע.

שרה האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און גאָרנישט געענטפערט.

— דו ביסט נישט די איינציקע, וואָס בלייבט אין מיטן וועג אָן געלט־מיטלען. דער הילפס־פאַראיין העלפט אַלע יידישע עמיגראַנטן, וואָס ווענדן זיך צו אים נאָך הילף. זיי טאָרן אָבער נישט וויסן, אַז דער נויטבאַדערפ־טיקער האָט אויפן וועג פריינד אָדער משפחה. ער מוז זיין אַן אַליניקער, אַן עלנטער.

— איך קאָן נישט גיין בעטן. אונדזער שיף וועט אין גיכן אָנקומען. אויף דער שיף דאַרף מען נישט קיין געלט!

זי האָט טיף אָפּגעצויגן דעם אָטעם און צוגעגעבן:

— אַ נאַרישקייט געווען פון מיר כ'האָב נישט באַדאַרפט אייך דער־ציילן. מיר זענען דאָך נאָך כמעט פרעמדע מענטשן — האָט זי זיך געמאַכט אַ פאַרוווּרף.

— עמיגראַנטן, וואָס פאָרן צוזאַמען קיין אַמעריקע קאָנען נישט זיין קיין פרעמדע — האָט מענדל געזאָגט מיט געפיל — עס איז דאָ צווישן אונדז אַ משפּחהדיקייט, אַ נאָענטקייט, ווי, לאָמיר זיך אויסדריקן, ווי צווישן שוועסטער און ברידער. מיר זענען פאַרפליכטעט צו העלפן איינער דעם אַנדערן...

ער האָט אַ לייכטן הוסט געטאָן, געוואָלט נאָך עפּעס צוגעבן, זענען אָבער אין דעם מאָמענט צוגעקומען צו זיי ברכה און בערל. זיי האָבן גע־הערט פון דער וייטן מענדלס רייד, און בערלען האָט געצויגן צו זאָגן זיין וואָרט:

— אַוודאי זענען אַלע עמיגראַנטן אונטערוועגנס שוועסטער און ברידער!

ער גיט אַ פייף און עס קומען צו נענטער ציפּע און משה:

— הערט, חברה, איך האָב אַ געדאַנק! לאָמיר מאַכן אַ שיף־ שוועס־טער־ און שיף־ברידער־פֿאַראיין!

— אַ קלוגער איינפֿאַל! — זאָגט ברכה, און קוקט אַ צעשיינטע אויף בערלען — דער געדאַנק איז אַ שיינער, אַ קלוגער. אפשר וועט מיט דער צייט עפּעס אַרויסקומען פֿון אַזאַ פֿאַראיין...!

די שעמעוודיקע ציפּע שאָקלט צו מיטן קאָפּ און פֿרייט זיך:

— ס׳וועט זיין פֿריילעכער — טענצלט זי אונטער.

שרה צוקט מיט די אַקסלען, ווי זי וואָלט דערמיט אויסגעדריקט איר כפק:

„ווער קען זיי" — טראַכט זי.

מענדל דריקט שטאַרקער זיין אָרעם צו אירן, ווי ער וואָלט דערמיט וועלן פֿאַרשטאַרקן איר צוטרוי צו אים. ער רופֿט זי אָפּ אין אַ זייט און זאָגט צו איר גאַנץ שטיל:

— מאָרגן טרעפֿן מיר זיך אין שטאָטישן גאָרטן.

— וועגן וואָס? — פֿרעגט שרה נאַאיוו.

— כ׳וועל מיט דיר צוגיין צום עמיגראַנטישן הילפֿס־פֿאַראיין.

— כ׳ווייס, אפשר נישט? איך קען נישט בעטלען!...

— וואָס זשע איז געוואָרן פֿון אונדזער שוועסטער־און־ברידער־פֿאַראיין? — שפּרינגט אונטער ברכה אַ לוסטיקע און שלאָגט זיי ווידער איבער די רייד.

— מאָרגן אָוונט וועלן מיר דאָס אַרומרעדן — זאָגט מענדל און ווענדט זיך ווידער שטילערהייט צו שרהן:

— געדענק, איך וועל אויף דיר וואַרטן מאָרגן אין שטאָטישן גאָרטן.

— כ׳ווייס נישט...

— זיי נישט קיין קינד. די אָנגעשטעלטע אין הילפֿס־פֿאַראיין גיבן נישט זייער געלט. דאָס איז אַ וועלט־פֿאַראיין. יידישע פֿילאַנטראָפּן פֿון אַלע לענדער שטיצן די עמיגראַנטן, וואָס נייטיקן זיך אונטערוועגנס אין הילף. אומבאַדינגט טרעפֿן מיר זיך מאָרגן. כ׳וועל דיך צופֿירן. דאָס איבעריקע וועסט אַליין פֿאַרשטיין; דו ביסט אַ גענוג קלוג מיידל.

— איך זאָג נישט צו.

אסתר מילער

— כ׳וועל וואַרטן אויף דיר אַכט אַ זייגער אין דער פרי.

מענדלס וואַרעמע רייד, זיינע דערמוטיקנדיקע ווערטער, זיין זאָרג פאַר איר ווילזיין, זענען געווען פאַר שרהן אַ קוואַל פון פרייד, וואָס זי האָט ביז דעמאָלט נישט געוווסט.

## אין עמיגראַנטישן הילפּס־פאַראיין

צו מאָרגנס גאַנץ פרי איז שרה שטיל אַרונטערגעגאַנגען פון איר געלעגער, זיך אָנגעטאָן און אַרויסגעשלייכט זיך פון דעם עמיגראַנטן־שלאָפצימער קיינער זאָל נישט זען און נישט הערן.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ קילער. די זון האָט זיך באַוויזן און איז ווי־דער אַריין הינטער די וואָלקנס. אַ מילד ווינטעלע האָט געגלעט איר נאָך פאַרשלאָפענעם פּנים. איר האַרץ האָט געקלאַפּט. נעכטן, ווען זי איז געגאַנגען אין שטאָטישן גאָרטן, איז זי געווען אַ רואיקע, זי האָט גאָרנישט נ״שט דערוואַרט פון איר שפּאַציר. היינט, היינט איז גאָר עפּעס אַנדערש. אפשר זאָל זי כלל נישט גיין אין הילפּס־פאַראיין? זי האָט דאָך נאָך קיין מאָל ביי קיינעם גאָרנישט נישט געבעטן, כאָטש הונגעריק איז איר אויס־געקומען צו זיין נישט איין מאָל... אין גיכן וועט אָנקומען די שיף, זי וועט דאָס איבערקומען.

זי האָט זיך דערמאָנט אין דעם אָנגעשריבענעם בריוו אַהיים, וואָס ליגט שוין דריי טעג און נישטאָ ביי איר קיין געלט אויף אַ פּאָסטמאַרקע...

די שטאָט ברעמען איז נאָך געלעגן איינגעהילט אין פרימאָרגנדיקן ד״רעמל. שיטער זענען נאָך געווען די פאַרבייגייער אויף די גאַסן. קראָמען און ביוראָס זענען נאָך געווען פאַרמאַכט. אַ בחור מיט אַ מאָדנעם מיצל אויפן קאָפּ איז דורכגעפאָרן אויף אַ וועלאָסיפּעד. אַ פערד־און־וואָגן האָבן זיך לאַנגזאָם געשלעפּט איבער די שפּיציקע שטיינער פון גאַס און אויפגע־הויבן אַ שטאַרקע בראַזגעריי. דער אָנטרייבער, אַ מענטש פון אומבאַשטימטן עלטער, מיט אַ ברוין בערדל, איז געזעסן אויפן ברעטל האַלטנדיק די לייצעס אין די הענט, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער דרעמלט. פון די

זייטיקע גאַסן זענען פון צייט צו צייט אַרויסגעקומען מענטשן אין טונקל־בלויע אַרבעט־קליידער און האָבן זיך געצויגן אין דער ריכטונג צום ים.

שרה איז פאַרבייגעגאַנגען אַ גרויסן קלויסטער, וועמענס שפּיץ־צלם האָט געגרייכט ביז די וואָלקנס. ווו נאָר דאָס אויג איז געפאַלן האָט מען געקאָנט זען דענקמעלער, אויף איינעם פון זיי האָט זיך דערהויבן אַ גרויע מוסקלדיקע מענערישע פיגור, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף אַ גרויסן האַרמאַט. די סטאַטועס אין די גרינע סקווערן זענען געווען שיינע, פיין־געטאָקטע פרויען־פיגורן.

אַ קליידער־געשעפט, וועלכן זי איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט זי ווי אַ מאַגנעט אַ צי געגעבן. אין שויפענצטער איז געשטאַנען אַ בלוי קלייד, כאַרפּוצט מיט ווייסע טאַשמעס. „אַך, ווי דאָס וואָלט איר געפּאַסט צום פּנים" — האָט שרה אַ טראַכט געגעבן, די מאַמע פלעגט איר שטענדיק זאָגן, אַז די בלויע קאָליר קליידט איר זייער גוט.

זי האָט זיך מיט שנעלע טריט דערווייטערט פון פענצטער. קאָן זי דען איצט טראַכטן וועגן קויפן אַ קלייד ? אין אַמעריקע, דאָרטן וועט זי אַרבעטן, פאַרדינען, קויפן זיך שיינע קליידער...

מיט אַזעלכע געדאַנקען איז זי אַריינגעקומען אין שטאָטישן גאָרטן, ווו מענדל האָט שוין געוואַרט אויף איר.

— כ'האָב געוווסט, אַז דו וועסט קומען — איז מענדל איר אַנטקעגנגעקומען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און מיט אַ שמייכל אויף זיינע פאַרחלומטע אויגן.

זיי זענען איצטביידע געגאַנגען מיט זיכערע טריט פונקט ווי אַלץ וואָלט שוין געווען באַשלאָסן פון פריער. זי איז אין גאַנצן געווען אונטער זיין איינפלוס. ער האָט זי צוגעפירט צו דער באַשטימטער גאַס ווו עס האָט זיך געפונען דער הילפס־פאַראיין, האָט זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט צו איר :

— איצט גיי אַליין. זיי טאָרן נישט זען, אַז דו קומסט מיט עמעצן. דאָ האָסטו דעם אַדרעס. וועסט נישט פאַרבלאָנדזשען ?

דער שטאָטזייגער האָט אויסגעקלונגען ניין. שרה האָט זיך ווי אויפגע־

כאַפּט פון אַ זיסן חלום. דאָס פּאַפּירל, וואָס מענדל האָט איר געגעבן, איז געווען פאַרקוועטשט אין איר האַנט; עס האָט איר דערמאָנט, וואָס זי טוט דאָ אויף די דאָזיקע גאַסן און וווהין זי גייט.

איצט זענען שוין די קראָמען געווען אָפן און די גאַסן באַלעבעט. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און אומגעקוקט, ווו איז זי? ס׳זעט אויס נישט דאָרטן, וווהין מענדל האָט זי געהייסן גיין. זי האָט באַטראַכט די פאַרבייגייענדיקע מענטשן. זיי לויפן נישט, נאָר גייען געמיטלעך, פּאַמעלעך. זי האָט אָפּגעשטעלט אַ יונגע פרוי, האָט איר געוויזן דאָס צונויפגעלייגטע פּאַפּירל מיטן אַדרעס, די פרוי האָט אַריינגעקוקט אין פּאַפּירל און געפרעגט: „וואָלט זי לאָופן אָדער פאַהרען?״ גאָט מיינער, ווי זי איז דאָס ווייט פאַרגאַנגען. נו, ס׳מאַכט נישט אויס! אין וואַרשע פלעגט זי אויך טייל מאָל פאַרבלאָנדזשען, אָבער שטענדיק אָנגעקומען אויפן ריכטיקן אָרט.

איצט האָט זי דערפילט אַ נאַגנדיקן הונגער, אַ ציעניש אין האַרצן. אין בויך האָט געבורטשעט... זי האָט זיך באַמיט נישט צו קלערן וועגן עסן. דאָס העלפט, זאָגט מען, אַז דער הונגער זאָל פאַרגיין. איר חברטע פעשע האָט דאָס איר אויך אַמאָל געזאָגט.

אין צווישן האָט זי שפּאַצירט אַרויף און אַראָפּ איבער דער גרויסער רוישיקער גאַס. זי האָט זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אויף דער שיינער שטאָט, אויף די עלעקטרישע טראַמווייען, וואָס פאָרן אַהין און צוריק אָן איפּהער; אויף די אויסגעפּוצטע מענטשן, וואָס גייען און פאָרן אין אַלע ריכטונגען. טאַקע פרעמדע מענטשן, אָבער דאָך איז זי נישט אַליין...

ווען זי וועט באַקומען אַ וועלכע נישט איז שטיצע, וועט זי קויפן אַ לעבל ברויט. גראַד איז זי פאַרבייגעגאַנגען אַ הויף, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון פריש געבאַקענעם ברויט. ס׳האָט ממש געריסן די נאָזלעכער. מן הסתם איז דאָרטן געווען אַ בעקעריי... זי האָט אין דעם מאָמענט פאַרגעסן, אַז זי האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך נישט צו קלערן וועגן עסן...

אַ שילד מיט גרויסע אותיות אין צוויי שפּראַכן, אין דייטש און אין יידיש, האָט זיך געלייענט: „יידישער עמיגראַנטישער הילפס־פאַראיין״. די דייטשישע ווערטער האָט זי נישט געקענט לייענען.

זי האָט איצט געהאַט דאָס געפיל, ווי זי קומט פון אַ פאַרווייליונג, ווו זי האָט זיך אָנגעזען מיט ווונדערלעכע זאַכן, און אַז עס שטייט איר ערשט פאָר איבערצוגייען צו אַ שווערער אַרבעט.

וואָס וועט זי זאָגן דאָרט אין „הילפס־פאַראיין״? וועט זי דען זאָגן, אַז זי איז הונגעריק? זי האָט דאָך געקאָנט עסן פרישטיק מיט אַלעמען צוגלייך אין דער עמיגראַנטישער קיך. נאָר וואָס וועלן זיי וויסן, וואָס וועלן זיי פאַרשטיין פון אירע געפילן?

זי איז געבליבן שטיין האַרט ביים אַריינגאַנג אין ביוראָ פון „הילפס־פאַראיין״.

— דאָס מיידל איז די ערשטע אין דער ריי — האָט זי געהערט אַ יידן רעדן הינטער איר פּלייצע.

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און איבערגעציילט זיבן מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען הינטער איר. זי איז געווען די איינציקע פרוי.

די אַלע עמיגראַנטן זענען געשטאַנען אומגעדולדיקע און האָבן אויסגעקוקט, אַז די פאַרשלאָסענע טיר פון ביוראָ זאָל זיך שוין עפענען, אַז מען זאָל זיי שוין אַריינלאָזן.

זי הערט ווי אַן עמיגראַנט רעדט צו זיין שכן:

— כ׳בין שוין געווען דאָ דריי מאָל. יעדעס מאָל פאַרלאַנגען זיי אַנדערע באַווייזן ווי ווייט איך בין נויטבאַדערפטיק.

— אַז אָך און וויי, ווען מען באַדאַרף שוין אונטערוועגנס אָנקומען צו זיי! — באַמערקט זיין שכן.

עס איז אָנגעקומען אַ מענטש. די עמיגראַנטן האָבן אים נאָכגעקוקט:

— יידישע אויגן! — האָט איינער געזאָגט.

דער מענטש איז פאַרבייגעגאַנגען און זיך נישט אָפּגעשטעלט, ער האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט.

— איך קען שוין דעם דייטש — האָט געזאָגט דער, וואָס האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער איז דאָ שוין צום דריטן מאָל. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט איינגערוימט זיין שכן אַ סוד — אָט גייט ער.

עס איז אָנגעקומען אַ מיטליאָריקער פעטלעכער מענטש, אין אַ

גרינעם אָנצוג מיט ליכטיק־גרויע שטרייפן. ער האָט געהאַט אויך שוואַרץ־גרויע וואָנצעס, וועלכע, ווי עס האָט זיך געדאַכט, האָבן פאַרבאַהאַלטן אַ סוד אויף זיינע גראָבלעכע ליפּן. זיינע אויגן זענען געווען פאַרטראַכטע, פאַרשטענדיקע.

די מענטשן־ריי האָט זיך אַ וויג געטאָן מיט זיין אָנקומען. דער פּלאַץ צו דער טיר איז פריי געוואָרן. ער האָט נישט געקוקט אויף קיינעם פון די שטייענדיקע. ער האָט מאַרשירט גלייך און שטייף, ווי אַ מענטש, וואָס ווייסט זיין ווירדע. ער האָט אַרויסגענומען פון דער טאַש אַ בינטל שליסלען, האָט געעפנט די טיר, איז אַריין און האָט פאַרריגלט די טיר הינטער זיך.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז צוגעקומען אַ יונגער מענטש מיט אַ קיילעכדיק ראַזירט פּנים. ער האָט אַ קוועטש געטאָן אַ קנעפּל, די טיר האָט זיך געעפנט און האָט אים אַריינגעלאָזן אינעווייניק.

עטלעכע מינוט שפּעטער האָט זיך די טיר ברייט צעעפנט. שרה איז אַריינגעקומען און איז געבליבן שטיין אין מיטן צימער. דער ייד מיט די וואָנצעס האָט עפּעס געשריבן אויף אַ ווייסן בויגן פּאַפּיר. דער יינגערער האָט געזוכט עפּעס אין אַ שיפלאָד. דער עלטערער האָט אויפגעהויבן זיין בליק פון דעם פּאַפּיר און האָט אָנגעוויזן שרהן אויף אַ שטול.

שרה האָט זיך געזעצט און באַטראַכט דאָס גרויסע צימער: זיינע צוויי גרויסע פענצטער זענען אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ ביכערשאַנק, פון וועלכער עס האָבן דורך פאַרגלאָזטע טירן אַרויסגעקוקט פאַרשידענע ביכער. די ווענט פון צימער זענען געווען געפאַרבט אויף העל־בלוי. עס האָבן פון זיי אַרונטערגעקוקט צוויי בילדער: הערצל און מאָנטעפיאָרי. עס זענען אויך געהאַנגען אייניקע אָפּגעבליאַקעוועטע נאַטור־בילדער, וואָס האָבן געשאַפן אין צימער אַן אַטמאָספער פון אַלטצייטיקער היימישקייט. עטלעכע שטולן זענען געשטאַנען ביי דער וואַנט און אַ לאַנגער טיש מיט אַ סך שיפלאָדן אין דער מיט.

נאָך דעם ווי דער מאַן האָט געבראַכט די פּאַפּירן אין אָרדענונג, האָט ער זיך געווענדט צו שרהן און געפרעגט:

— וואָס ווינשן זי, פרוילייןי?

שרה האָט געשוויגן, ווי זי וואָלט געהאַט פאַרלוירן דאָס לשון. אַ שווייס

האָט אַרויסגעשלאָגן אויף איר שטערן. זי האָט אים פּאַרווישט מיט דער דלאָניע פון איר האַנט.

— וואָס ווינשן זי, פרוילײן? — האָט דער מאַן אין גרויען אַנצוג זי איבערגעפרעגט.

זי האָט זיך דערמאָנט אין מענדלס ווערטער — „ביסט אַ קלוג מיידל, שרה״.

— כ׳בין געבליבן דאָ, אין אַ פרעמדער שטאָט, אָן אַ גראָשן געלט. ס׳איז נישט באַשטימט, ווען די שיף וועט אָנקומען. כ׳מוז האָבן אַ ביסל געלט.

איר שטימע האָט געקלונגען פרעמד אין אירע אייגענע אויערן, פרעמד און נאַריש.

— וואָ שטייען זי איין? — האָט דער מאַן מיטן קיילעכדיקן ראַזירטן פּנים אָנגעשטעלט אויף איר זיינע פאַרשערישע אויגן.

— אין דער פרויען־אָפּטיילונג פון דער עמיגראַנטן־אכסניא.

— האָבען זי גענוג צום עסן?

— יאָ, אָבער נישט גענוג פאַר אַנדערע זאַכן.

זי האָט זיך געשעמט בשעת מעשה צו זאָגן, אַז זי האָט נישט גענוג אַפילו צום עסן.

— האָבן זי דאָקומענטן? איינען פּאַס?

— יאָ.

זי האָט געעפנט דאָס בייטעלע, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ פּעקל דאָקו־מענטן און אים דערלאַנגט.

ער האָט גענומען די פּאַפּירן, אַריינגעקוקט אין זיי און האָט זיי איר צוריקגעגעבן.

— דען פּאַס, ביטע, געבן זי מיר.

— דעם פּאַספּאָרט? כ׳געדענק נישט... דאַכט זיך, מען האָט אים ביי מיר צוגענומען אויף דער גרענעץ — האָט זי געזאָגט אַ דערשראָקענע און אין גרויס פאַרלעגנהייט.

— צוגענאָמען? ערלויבן זי מיר נאָך איין מאָל די דאָקומענטן.

שרה האָט צום צווייטן מאָל אַרויסגענומען די פּאַפּירן פון איר בייטל און אים דערלאַנגט.

ער האָט פּאַרזיכטיק צעלייגט אַלע דאָקומענטן אויפן טיש, זיי אויס־געגלייכט, איז אים צו דער האַנט געקומען אַ דיק, שוואַרץ ביכעלע אין אַ צעראַטענעם טאָוועלע.

— דאָס איז דאָך דער פּאַס — האָט ער געזאָגט קאַלט און זאכלעך.

ער האָט געעפנט דאָס ביכעלע, איבערגעליינט וואָס דאָרטן איז געווען אַריינגעשריבן און האָט געפרעגט:

— איר נאָמע?

— שרה קויפמאַן — המ, איך זע דאָך נאָך איינען נאָמע, פיהרן זי איינע דינסט קיין אַמעריקע?

עס איז איר דורכגעגאַנגען אַ ציטער דורך די ביינער.

— יאָ! — דאָס איז מיינע אַ קוזינקע. אירע עלטערן וווינען אין אַ דאָרף. זיי האָבן נישט געהאַט קיין געלט, נישט געוווּסט ווהין זיך צו ווענדן ווענן אַן אויסלענדישן פּאַס, האָט מען זי צוגעשריבן אַלס מיינע אַ דינסט.

— ערנסט?

שרה האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן האַרצן:

— אַ דינסט? זי איז נישט מיין דינסט. עס איז אַזוי בלויז אויפן פּאַס. אַ פאָרמע אַזאָ.

זי האָט דערפילט אַ שטאַרקע היץ אין פּנים.

דער מאַן האָט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ אויף דער אייבערשטער וואַנצע און האָט געדרייט מיטן קאָפּ. נאָך עטלעכע מינוט פון אָנגעשטרענג־טער שטילקייט האָט ער געפרעגט:

— דער נאָמע פאַן איהרער קוזינע? איך מיינע איהרער דינסט?

— ציפּע גאָלדמאַן.

— וואָהער קאָממען זי?

— פון וואַרשע, פוילן.

— אייער אַלטער?

— איך בין אַכצן יאָר אַלט, מיין קוזינקע — זעכצן.

אסתר מילער

— בעשעפטיקונג ?

— שניידערקעס.

— דער נאָמען דעס שיפּעס, מיט וועלכעם זי פאָרן נאָך אַמעריקאַ ?

— דער נאָמען פון שיף איז „מעין“.

— נאָך וועלכער שטאָדט אין אַמעריקע פאָהרען זי ?

— קיין מערילאַנד, באַלטימאָר.

— צו וועם ?

— צו אַ שוועסטער.

— איר נאָמע ?

— פייגל ראָזענצווייג.

ער האָט אַ ווײלע נאָכגעטראַכט, האָט פאַרגליכן אירע ענטפערס מיט דעם וואָס ער האָט געפונען געשריבן אין די דאָקומענטן, האָט צופריעדענ־לייגט דאָס ביכעלע מיט די איבעריקע פּאַפּירן און האָט איר איבערגעגעבן צוריק.

— ווער זינד היער אירע פרוינדע, פערוואַנדטע ?

— איך האָב דאָ נישט קיין פריינד, קיין פאַרוואַנדטע.

— האָט זי יעמאַנד געשיקט היערהער ?

— קיינער נישט.

— ווי זאָ ווּסטען זי היערהער צו קאָממען נאָך שטיצע ?

— איך האָב געהערט אין עמיגראַנטן־הויז וועגן הילפס־פאַראיין, וואָס העלפט נויטבאַדערפטיקע עמיגראַנטן.

שרהן האָט זיך געדאַכט, אַז די פראַגן וועלן זיך קיין מאָל נישט ענדיקן. עס איז איר פיינלעך ענג געוואָרן דאָ אין גרויסן צימער פון הילפס־פאַראיין. עס האָט זי געצויגן שטאַרק אַרויסצוגיין פון דאַנען צוריק אויף דער גאַס. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געפרעגט:

— קאָן איך שוין גיין ?

זיינע גרויע פאַרשערישע אויגן האָבן זיך אָנגעשטעלט אויף איר מיט פאַרוווּנדערונג.

— וואָצו זינד זי געקאָממען ? — האָט ער זי שאַרף אַ פרעג געטאָן.

— איך בין געקומען נאָך שטיצע. נאָר אויב איך בין נישט באַרעכ־טיקט...

זי האָט זיך אויפגעהויבן צו גיין.

— יאָ, געוויס זינד זי בערעכטיגט. איינע זאַכע איזט היער בלאָז נישט קלאָר.

זי האָט גוט געוווּסט, וואָס עס איז אים דאָ נישט קלאָר: די „דינסט", וואָס זי פירט קיין אַמעריקע.

זי האָט געשוויגן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר. זיינע שטרענגע אויגן האָבן איצט אויסגעדריקט רחמנות, ווי פון אַ פאָטער צו אַ צעלאָזן קינד. ער האָט עפּעס געגעבן אָנצוהערן דעם יונגנמאַן מיטן רונדיקן גלאַ־טיקן פּנים. יענער האָט געעפנט אַ שיפלאָד, האָט אַרויסגענומען גלאַנציקע זילבערנע מטבעות:

— דאָ האָבען זי! — האָט ער איר אָפּגעציילט אין האַנט אַריין צען זילבער־שטיקער.

— און וואָס ווערדען זי מאַכען מיט זאָ פיעלעם געלט? — האָט דער עלטערער דייטשישער ייד אַ פרעג געטאָן.

זיין קול איז איצט געווען מילד, כמעט פאָטערלעך. שרה האָט אים אָנגעקוקט און זיך געוווּנדערט: איז דאָס דער זעלביקער שטרענגער מענטש, וואָס האָט זי געהאַט געמאַטערט מיט אַזוי פיל פראַגן?

שרה האָט אַ לייכטן שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— דאָס ערשטע וועל איך קויפן אַ לאַבן ברויט. טאַקע דאָ נישט ווייט איז פאַראַן אַ בעקעריי. דערנאָך וועל איך קויפן פּאָסטמאַרקעס אויף אָפּצושיקן מיין בריוו אַהיים. אפשר נאָך אויך אַ שטיקל שמעקעדיקע זייף...

— אונד וואָס ווירד דאָס פרוילייִן קאָופען פיר אירע דינסט?

ביידע מענער האָבן חוזקדיק געשמייכלט.

— ווען וועט שוין דאָס מיידל סוף כל סוף פאַרלאָזן דעם קאַבינעט? — האָט שרה דערהערט אַן אומגעדולדיקע שטימע פון יענער זייט טיר.

ביים אַוועקגיין האָט שרה פעסט באַשלאָסן, אַז ווי נאָר זי וועט קומען קיין אַמעריקע און געפינען דאָרטן אַרבעט און פאַרדינען, וועט זי גלייך אָפּשיקן דעם הילפס־פאַראיין צוריק די צען גילדן.

## אסתר מילער

זי איז אַרויס אויף דער גאַס און האָט פריי אָפּגעאָטעמט. די ריי ביי דער טיר איז איצט געווען אַ לאַנגע. מער ווי דרייצן יידן זענען איצט געשטאַנען איינער הינטער דעם אַנדערן. זייערע איינגעבויגענע פּלייצעס און זייערע מידע פּנימער, זייער שטילע איינגעהאַלטענע געדולדיקייט האָבן זי טיף גערירט. זי האָט זיך דערמאָנט, וואָס די מאַמע פלעגט איר שטענדיק זאָגן: „בעסער די ביטערע פרוכט פון גאָט, איידער די זיסע גאָב פון מענטשן".

# די שיף קומט אָן

די נייעס, אַז די שיף „מעין" געפינט זיך שוין אין פּאָרט און וועט נאָך היינט אָפּפאָרן קיין אַמעריקע, האָבן די עמיגראַנטן אויפגענומען מיט גרויס פרייד. מיט קלאַפּנדיקע הערצער האָט מען זיך איצט צום לעצטן מאָל געפּאַקט.

דעם גרויסן באַגאַזש, ווי פּערענעס, קישנס, וועש און אַנדערע גרעסערע זאַכן, מיט וועלכע מ׳איז יאָרלאַנג געווען פאַרבונדן און מיט וועלכע מען האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט זיך שיידן, האָט מען שוין לאַנג אַרויסגעשיקט דירעקט קיין אַמעריקע. איצט איז מען צוגעטראָטן פּאַקן האַנטוואַליזקעס, רוקזעק און קליינע רענצלעך.

אויפן הילצערנעם דיל פון עמיגראַנטישן שלאָפצימער זענען איצט געלעגן אַנגעוואָרפן זעקלעך און פּעקלעך, וואָס האָבן שווער געמאַכט דעם דורכגאַנג.

די ערשטע טעג איז דאָ די ענגשאַפט געווען נאָך גרעסער. שפּעטער האָט דער דאָקטער אָפּגעשיקט די קראַנקע אויף קוראַציע און די, וואָס האָבן געליטן פון טראַכאָמע אויף די אויגן, האָט מען אָפּגעשיקט צוריק, פון וואַנען זיי זענען געקומען. עס האָבן אויסגעבראָכן שטילע, פאַרהאַלטענע געוויינען, עס האָבן זיך געגאָסן טרערן פון קראַנקע אויגן. צעווייטיקטע, פאַרשעמטע זענען מענטשן צוריקגעשיקט געוואָרן צום דלות, צו זייערע קעלער־שטובן, אין די אָרעמס פון פאַרצווייפלונג...

די מערסטע עמיגראַנטן זענען בשלום אַריבער אַלע פּראָצעדורן פון ז׳ער קאָנטראָל: דורכגעמאַכט די באָד, דעם דאָקטער. קיין פאַמיליעס זענען אין דעם טראַנספּאָרט נישט פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן. איז דעריבער די פרייד ביים פּאַקן געווען אַזאַ געהויבענע.

אַ יונגע מוטער האָט זיך צעזונגען. אַ צווייטע האָט אונטערגעכאַפּט דאָס ניגונדל. קינדער זענען געפאָרן רייטנדיק אויף די אָנגעוואָרפענע פּעקלעך, געשריען, אַז דאָס „פערד" זאָל גיין שנעלער, לויפן צום טאַטן קיין אַמעריקע. מאַמעס האָבן היינט נישט געשריען אויף זייערע קינדער. היינט איז יום־טוב. היינט לאָזט זיך די שיף אין וועג אַריין, כדי צו פירן זיי צו זייערע געטרייע מענער אין גאָלדענעם לאַנד אַריין.

אַפילו די אויפזעערין, די שטרענגע פריילין, האָט היינט נישט געוואָגט אַריינצולויפן אין שלאָפצימער און אַרונטערצורייסן די צודעקן ביי די עמיגראַנטקעס. אַלע זענען זיי שוין באַצייטנס געווען אויף די פיס נאָך איידער די זון האָט געהאַט אַריינגעשיינט אין די צוויי קליינע פענצטער.

ווי פרישע ווינטן וואָלטן איצט פלוצלונג אַ ווייע געטאָן פון יענער זייט אַטלאַנטיק. אַלע האָבן פריי אָפּגעאָטעמט. אַפילו די פוילישע נאַטאַליאַ, וואָס פאָרט צו איר מאַן, וועלכער אַרבעט אין אַ שטאָל־פאַבריק אין פּיטס־בורג, און וועלכער עס דוכט זיך אויס שטענדיק, אַז אַלע קינדער שלאָגן איר ייִנגל און אַז זי דאַרף זיך אָננעמען פאַר אים און קריגן מיט אַלע מאַמעס, — אַפילו זי האָט היינט מילד געשמייכלט.

די איטאַליענערין מאַטילדאַ, וואָס האָט די גאַנצע צייט זיך באַרימט, אַז איר מאַן אין באָסטאָן פלאַסטערט וועגן פאַר אַמעריקע, האָט אָנגעגנו־מען אירע ייִנגלעך ביי די הענט און איז אַוועק אין אַ טאַנץ אַרום די וואַ־ליזקעס. יידישע מאַמעס האָבן איר צוגעפּאַטשט צום טאַקט. יונגע מוטערס האָבן געדריקט זייערע עופּהלעך אין די אָרעמס און צוגעזונגען: „ער וועט פאָרן אונדז אַנטקעגן!"...

אין אַ ווינקל פון צימער האָט זיך אַן עלטערע יידענע געפּאָרעט מיט איר פּעקל. זי האָט אויסגעגלייכט איר שבתדיקן פאַריק, אַריינגעקוקט אין „צאינה וראינה" און אין חומשל, וואָס זי פירט פאַר איר זון — אפשר וועט מיין דודל ווען עס איז אַריינקוקן אין דעם, — רעדט זי מער אין ספר אַריין ווי צו איר חברטע דוואָשע, וועלכע זיצט דערנעבן.

פאַרטיק ווערנדיק מיטן צוזאַמענלייגן די זאַכן, האָט די יידענע צוגע־מאַכט מיט אַ ברכה אויף די ליפּן די שטרויענע קאַרזינקע אירע, פאַרשלאָסן זי, אַריינגעלייגט דאָס שליסעלע אין אַ לייוונטן בייטעלע און באַהאַלטן עס

אין איר איינגעפּאַלענעם בוזעם. זי האָט פאַרשאַרט די עטלעכע גרויע האָר אונטערן שוואַרצן פּאַרוק און איז פאַרטיק געוואָרן צו דער רייזע.

דוואָשע, אַ פרוי אין די פופציקער און זעט אויס אַ סך עלטער, האָט אויסגעגלעט מיט אירע ביינערדיקע הענט אַ גרויסן טלית, האָט אים פּאַרזיכטיק צונויפגעלייגט און אַריינגעלייגט אין טלית־זעקל און האָט דערביי אַרויסגעלאָזן אַ שטיל איינגעהאַלטן זיפצעלע:

— דאָס איז נאָך פון אונדזער חתונה. מיינער איז האַלב פרום, האַלב הייזנטוועלטיש, האָט ער פאַרגעסן מיטצונעמען דעם טלית. מען זאָגט, אַז די אַמעריקאַנער טליתים זענען אַזוי שמאָל, ווי ווייבערישע שאַלן. איך וועט זיך מיט איך, אַז מיין אברהם בער וועט זיך מיטן טלית דערפרייען. און אַ פרום פּייערל האָט זיך צעצונדן אין אירע בלויע אויגן און אַ סודותפול שמייכעלע האָט זיך צעשפּילט אין די ווינקלען פון איר קליינעם מויל. די הון־גריבעלעך אין די איינגעפּאַלענע באַקן האָבן עדות געזאָגט פון איר אַמאָליקער שיינקייט.

העניע און באָשע זענען יונגע כלה־מיידלעך מיט ראָזעווע בעקלעך און ווייסע הענט. זיי זענען קוזינקעס און קליידן זיך ביידע גלייך. זיי האָבן אויך געפּאַקט זייערע וואַליזקעס, וואָס זענען געמאַכט פון אמתן לעדער. אַלע ווייסן אויפן שיף, אַז זיי פאָרן קיין אַמעריקע צו זייערע חתנים. זיי פירן מיט זיך שיינע קליידער, שיך מיט הויכע אָפּצאַסן. זיי פירן מיט זיך אַפילו שטרויענע היטעלעך און ווייסע הענטשקעס. ווען זיי וועלן אָנקומען קיין אַמעריקע, וועלן זיי זיך מיט דעם אַלעם אויספּוצן. זיי וועלן אָנפּודערן די שיינע גלאַטיקע פּנימער, אָנטאָן די בורשטינענע קרעלן און די אויער־רינגלעך (אַ מתנה פון זייערע באָבעס). זאָלן זיי אין אַמעריקע נישט מיינען, אַז נאָר אין „קאָלומבוסעס מדינה” קאָנען זיך מיידלעך שיין אָנטאָן. זיי וועלן זיך צעקושן מיט זייערע חתנים פאַר אַלעמען אין די אויגן. זאָלן מיידלעך זען און מקנא זיין...

## אונדזער שיף גייט אָפּ קיין אַמעריקע

רווישיקע וואַסער־כוואַליעס האָבן זיך אָן אויפהער געשלאָגן אָן דעם ברייט־צעשפּרייטן ברעג פון אַטלאַנטישן אָקעאַן. זיי האָבן געקלעטערט איבער די זייטן פון ריזיקן אָקעאַן־שיף „מעין", זיך געריסן אויף שטיקער און צוריק געפאַלן אין שוימיקער ווייסקייט.

ווי אַ גוטע מאַמע נעמט אויף אין אירע וואַרעמע אָרעמס אירע קינדער, האָט די שיף אַריינגענומען אין איר אינגעווייד די מידע עמיגראַנטן־משפּחה — מענער, פרויען און קינדער מיט זייער געפּעק, יעדער מיט זיין בינטל זאָרגן און טראַכטענישן און זיך פאַרנומען צו פירן זיי צו די ברעגן פון פרייען לאַנד אַמעריקע, מיט וועלכן יעדער האָט געהאַט פאַרבונדן זיינע האָפענונגען אויף אַ ניי און שענער לעבן.

די שיף האָט גערירט פון אָרט, זיך אָפּגעריסן פון דער איראָפּעאישער יבשה, האָט זיך אָנגעהויבן גליטשן מאַיעסטעטיש איבער די וואַסערן, אַלץ ווייטער און ווייטער אין די אומענדלעכע וועיטענישן פונעם אַטלאַנטיק, איבערלאָזנדיק וויט־ווייט הינטער זיך די קליינע ברעג־שיפלעך פון ברעמענער פּאָרט.

פאַרגאַפטע, מיט ברייט צעעפנטע אויגן, זענען די עמיגראַנטן געשטאַנען ווי צוגעשמידטע צו זייערע ערטער אויפן אָפענעם דעק פון שיף. זיי האָבן געקוקט אַרום זיך צעזייטע און פאַרטראַכטע, ווי זיי וואָלטן געזוכט עפּעס, וואָס זיי האָבן געהאַט פאַרלוירן און ווי זיי וואָלטן געוועזן פאַרכאַפּט פון אַ געהיימנישפולן חלום.

אָבער דאָס איז געווען די רעאַלע ווירקלעכקייט אינעם לעבן פון יעטוועדן פון זיי: זיי זענען אַרויסגעפאָרן אויפן וועג קיין אַמעריקע!

יונגע מאַמעס האָבן איצט געטוליעט שטאַרקער צו זייער ברוסט זייערע קינדער. יונגע מיידלעך, וועלכע האָבן זיך צום ערשטן מאָל געלאָזן אַליין אין וויטן וועג אַריין, האָבן זיך דערפילט פאַריתומט און איינזאַם. בחורים האָבן שווייגנדיק געוואָרפן זייערע בליקן אין דער בלויער ווייטקייט אַריין אַריבער די כוואַליעס און האָבן זיך פאַרטראַכט אויף דער נייער און אומבאַשטימטער צייט, וואָס קומט אָן אין זייער לעבן. עלטערע, פרומע יידן האָבן זיך געווענדט צו גאָט מיט אַ שטילער תפילה, אַז ער זאָל געבן, מען זאָל איבערקומען בשלום די ים־רייזע.

ווען די ערשטע איבערלעבענישן האָבן זיך אַ ביסל איינגעשטילט, האָט זיך דער עולם אויפן דעק פון שיף זיך גערירט פון אָרט און זיך לאַנגזאַם צעשוווּמען. גרויס און קליין, יונג און אַלט, האָבן זיך גענומען פאַר זייערע פּעקלעך און געלאָזט זיך גיין יעדער אין זיין קאַבינע, כדי איינצואָרדענען זיך און אַריינלעבן זיך אין די נייע אומשטענדן פון אַ דויערנדיקער ים־נסיעה.

וואָס מער די שיף האָט זיך דערווייטערט פון ברעג אַלץ שטורמישער זענען געוואָרן די כוואַליעס, אַלץ מער האָט די שיף אָנגעהויבן וויגן זיך אין ביידע זייטן, אַלץ מער האָט זיך ביי דער גרעסטער צאָל פּאַרער אָנגעהויבן דרייען דער קאָפּ. זיי זענען פאַרכאַפּט געוואָרן דורך אַ שווערער ים־קראַנקייט, וואָס האָט זיי געמאַטערט ביז זיי האָבן זיך צוגעוווינט און איינגעלעבט מיט די קאַפּריזן פון דעם אומרואיקן ים.

ערשט נאָכן אָפּליגן מיט דער ים־קראַנקייט, וואָס האָט גאַנץ באַזונדער געפּייניקט עלטערע מענטשן, איז מען ענדלעך אַרויס פון די ענגע קאַבינעס, אַריינגעאָטעמט די פרישע געזאַלצענע ים־לופט, באַוווּנדערט גאָטס פיינע הימל־ און וואַסער־לופט און זיך ליבלעך צעשמייכלט, ווי יעדער וואָלט געזאָגט: „מיר האָבן זיך שוין ביי דיר איינגעבירגערט, ים; דו, שיף, ביסט געוואָרן אונדזער שווימענדיקע היים!...״

אַן עלטערע פרוי האָט פאַרוואָרפן אירע בליקן וויט אַריבער די צעברויזטע כוואַליעס. זי רעדט מיט בענקשאַפט מער צו זיך אַליין ווי צו איר מאַן, וועלכער איז געשטאַנען דערנעבן:

— דאַכט זיך, וויט וויט אין יענעם ווינקל — ווייזט זי מיטן פינגער —

ליגט אונדזער היים... דאָרטן זענען געשטאַנען אונדזערע וויגעלעך... פאַר־לאָזן דאָרט אברהמען, זיין פאַמיליע... איך האָב דאָרטן געלאָזן מיין גאַנץ האַרץ, מיין נשמה..."

אַ ציטער שוועבט צווישן איר איין וואָרט און דעם צווייטן... דער ווינט צעפּאָכעט די פּאָלעס פון איר לאַנגן מאַנטל, רייסט אַרויס אירע גרויע האָר פון אונטער דער פאַטשיילע... כוואַליעס פּאַטשן, זשומען, קייקלען זיך אָן אויפהער אין זייער אייביקן פאָרויס.

— זוגתי, מיר מוזן האָבן בטחון! — טרייסט דער מאַן זיין ווייב — אונדזער דודל מיט זיין פאַמיליע וועט מיט גאָטס הילף קומען צו אונדז קיין אַמעריקע. די קינדער פון ניו־יאָרק וועלן זיי שיקן, אם ירצה השם, שיפסקאַרטן.

זיין אויסגעבויגענע פּלייצע גלייכט זיך אויס ביים וואָרט „בטחון".

*

עס שטייט אַ לויטערע און אויסגעשטערנטע סוף־אויגוסט־נאַכט. צווישן הימל און וואַסער וויגט זיך די שיף און שווימט. אַ בלאַסע לבנה באַגלייט זי אין איר ווייטן וועג. אין דער נאַכטיקער שטילקייט הערט זיך בלויז דאָס רוישן פון די כוואַליעס, וואָס הייבן זיך און פאַלן כסדר און לאָזן איבער אַ דינעם שפריץ אויפן שיפדעק.

דאָס איז אַ מין שווימענדיקער אינטערנאַציאָנאַל. די מענטשן, וואָס שפּאַצירן אויפן שיפדעק קומען פון פאַרשידענע לענדער, געהערן צו פאַרשידענע נאַציעס, רעדן אויף פאַרשידענע שפּראַכן.

שרהן פאַראייניקט מיט דער גרופּע שיפסברידער און שיפסשוועסטער דאָס לעבעדיקע יידישע לשון. איינגעוויקלט אין אַלטע מאַנטלען, די קעפּ פאַרבונדענע מיט שאַלן, צוגעדעקט מיט פאַטשיילעס, שפּאַצירן זיי אויך גלייך מיט אַנדערע איבערן נאַסן דעק. זיי באַוווּנדערן דעם אומענד־לעכן ים, וואָס ליגט פאַר זיי אויסגעשפּרייט מיט זיין גאַנצער ברייט־קייט און טיפקייט, וועקט און רופט צו נייע וועלטן, צו נייע און ווייטע האָריזאָנטן.

באַזונדערס צעשפּילט זיך דער דמיון פון דער יוגנט. ער טראָגט זיך ווייט איבער די כוואַליעס און פאַרוואָלקנטע ווייטענישן, און פּלוצלונג רייסט זיך אַרויס אַ פאַרבענקטע מיידלשע שטימע און צעזינגט זיך און די אַנדערע כאַפּן אויף אירע ריטמישע טענער, קלאַפּן צו צום טאַקט און שרייען „בראַוואָ"... דאָס מיידל האָט געפונען דעם וועג צום האַרצן פון יעדן פון זיי.

„לאָמיר אַלע זינגען אַ פריילעכס" — רופט אויס ברכה און צעזינגט זיך אויף אַ געשמאַקן לירישן סאָפּראַן. שטימען כאַפּן אונטער. דאָס ליד קלינגט אָפּ מיט אַ נאַכטיקן האַרמאָנישן עכאָ. מיט יעדער מינוט ווערט דאָס געזאַנג העכער, מאַסנהאַפטיקער, ברוסטיקער און האַרציקער. דאָס איז שוין אַן אימפּראָוויזירטער מוזיקאַלישער קאָלעקטיוו. זיי זינגען צו דער לבנה, צו די שטערן, צו די צעברויזטע כוואַליעס פון נאַכטיקן ים, וואָס שטויסן אונדזער שיף אַלץ ווייטער און ווייטער צו די לאַנג געגאַרטע אַמעריקאַנישע ברעגעס.

אַ מינוט ווערט שטיל, און ווידער דערהערט זיך אַ געזאַנג. דאָס מאָל האָבן די נאַכטלעכע זינגער פאַרצויגן אַן אויסגעבענקטן ניגון פון אַ וויגליד.

דערהערט די האַרציקע טענער פון דעם וויגליד זענען עלטערע עמיג־ראַנטן אַרויסגעקומען איינע נאָך די אַנדערע איינגעוויקלטע אין מאַנטלען און פאַטשיילעס פון זייערע קאַבינעס. זיי איז זיך נישט געשלאָפן. דער ניגון האָט זיי געוועקט, דער ניגון האָט אַרויסגערופן זכרונות. אין וואַקלע־ניש האָבן זיי געשפּאַנט, לייכט פאַרשלאָפענע און פאַרטרוימטע פאַרויס איבער דער זיך וויגנדיקער שיף. עס האָבן זיך צעסקריפּעט שטולן, עס האָבן זיך דערהערט קרעכצן און טיפע זיפצן, וואָס האָבן גערעדט אויף אַ שפּראַך אָן ווערטער: נישט לאַנג צוריק איז מען אַליין געווען יונג... ליבעלידער און וויגלידער געזונגען... קינדער אויף די מוטער־אָרעמס גע־האַלטן, געהאַלדזט... איצט די קינדער שוין לאַנג אויסגעגעבן, זיי האָבן שוין זייערע אייגענע קינדער... ווי די צייט לויפט עס אומברחמנותדיק.

— דו הערסט, אברהם בער, איך האָב מורא, אַז אונדזער יאָסעלע וועט אונדז נישט דערקענען. עפּעס אַ קלייניקייט, אַזוי פיל צרות און פּאַגראָמען אויסגעשטאַנען... איז מען דאָך, ברוך השם, פאַרעלטערט געוואָרן.

עס הערט זיך איר שטיל איינגעהאַלטן געוויין, וואָס פֿאַרענדיקט זיך מיט אַן אויסברוך פֿון אַ כליפּ און מיט אַ שנייצן די נאָז.

—ביילע, גאָט איז מיט דיר! וויין נישט! ווּעסט נאָך קאַליע מאַכן די אויגן! דער דאָקטער וועט דיך נישט דורכלאָזן דעם קעסל־גאַרדן! (ער ווייסט נישט, אַז דער קעסל־גאַרדן געפֿינט זיך נישט אין באַלטימאָר, וווהין זיי פֿאָרן, נאָר אין ניו־יאָרק). ער וועט אונדז נאָך, גאָט באַהיט, צוריקשיקן אַהיים...

— נאַרעלע, איך וויין דען? — הערט זיך ביילעס ענטפֿער מיט איר אַלטער, פֿאַרשטיקטער הייזעריקלעכער שטימע — איך פֿריי זיך דאָך! — און זי ווישט מיטן אַרבל אירע אויגן.

אַ צווייטע פֿרוי, וואָס זיצט ביי ביילעס זייט און „קוועטשט" מיט די אויגן, דערשרעקט זיך פֿאַר אַברהם בערס שטרענגע ווערטער: דאָקטער, קעסל־גאַרדן, אַהיימשיקן!... און זי ווישט אויך די אויגן און בלאָזט די נאָז...

זיי וויסן נישט פֿאַר וואָס זיי וויינען. איז דאָס פֿון פֿרייד, וואָס מיט יעדער פֿאַרבייגייענדיקער שעה דערנענטערן זיי זיך צו די קינדער אין אַמעריקע? אָדער פֿון דער אַזוי שנעל פֿאַרלאָפֿענער יוגנט? עס קאָן זיין גאָר פֿון די וויגלידער, וואָס די יוגנט זינגט דאָרטן אויפֿן שיפֿדעק.

די פֿרוי מיטן שאַל זאָגט:

— דאַכט זיך, ווי נעכטן וואָלט דאָס געווען, מיין משהלע איז נאָך אַ קליינינקער. איך האַלט אים אויף די אָרעמס און זינג דאָס זעלבע ליד, וואָס זיי זינגען...

זי שאָקלט דערביי צו מיטן קאָפּ ווי אין שול ביים דאַווענען.

— און מיין יאָסעלע — גיט צו פֿון איר זייט ביילע — שטענדיק אַזאַ גוטינקער געווען, זעלטן געוויינט. ווען ער פֿלעגט אַ מאָל יאָ אַ וויין טאָן, פֿלעג איך אים זינגען אַ לידעלע און ער פֿלעגט גלייך איינשלאָפֿן... איצט שרייבט ער אין זיינע בריוו: „טייערע עלטערן, פֿון דאָס שענסטע און דאָס בעסטע וועט איר האָבן ביי מיר אין אַמעריקע...". ווי עס זענען נאָר אַנגעקו־מען די שיפֿסקאַרטן פֿון אים, האָב איך זיך מיט מיין אַברהם בערן איינ־געפּאַקט און גלייך אַרויסגעפֿאָרן. עס רעדט זיך נאָר אַזוי אַרויסגעפֿאָרן. עס איז אָנגעקומען מיט אַ סך האָרעוואַניע זיך אַרויסצוקלייבן. איבערגעלאָזן

קינדער, אייניקלעך. די שטוב, וואָס איז געבליבן פון שווער און שוויגער האָבן „גראַביעזשניקעס" בעראַבעוועט, ס'ביסל מעבל צעבראָכן... די קינ־ דער פון אַמעריקע האָבן געהאַט געשיקט געלט. מען האָט זיך אַ ביסל צוריק אויפגעבויט, געשטעלט אויף די פיס. איצט איבערגעלאָזן די שטוב דעם עלטערן זון, דודן, אַן אָרעמאַן נעבעך... דערפאַר איז אָבער מיין יאַ־ סעלע, אַן עין־הרע, אַ גביר אין אַמעריקע. ער פאַרמאָגט אַזוי פיל סחורה אין זיין פּושקאַר, אַז אים קלעקט צו געבן סחורה אויף אויסצאָלן. — אַזוי באַרימט זיך ביילע און רעדט זיך אויס דאָס האַרץ.

— וואָס זשע מיינט דאָס אַ פּושקאַר? — פרעגט די פרוי מיטן שאַל אויפן האַלדז.

— אַ פּושקאַר מיינט אויפן אַמעריקאַנער לשון אַ געשעפט — גיט ביילע איר צו פאַרשטיין.

— אַזוי! טס, טס — קנאַקט יענע מיטן צונג, — אַ גאַנץ געשעפט פאַרמאָגט אייער זון! אַ גאָלדן לאַנד אַמעריקע!

פלוצלונג האָט זיך פון דער וויטן דערטראָגן אַ שוואַכער אָפּקלאַנג פון אַ פייף. פייערדיקע אַרבעסלעך האָבן זיך גענומען צינדן אין דער לופט, ז'ערמאָנט די אימיגראַנטן אין אַ ברעג, אין אַ יבשה. אונדזער שיף האָט צוריקגערופן מיט אַ הייזעריקן ווידערקול. איר האָט ווידער געענטפערט אַ סירענע און עס איז אויפסניי שטיל געוואָרן, ווי דער ים וואָלט האָבן פאַרשלונגען אין זיך אַלע קולות.

די פּאַסאַזשירן האָבן געוואָרפן זייערע פאַרוווּנדערטע בליקן אויפן אומענדלעכן ים־רוים מיט זיין נאַכטלעכער גרויקייט. קיין שיף האָבן זיי נישט געזען אויפן האָריזאָנט, נאָר בלויז געהערט דעם זשומען און פּאַטשן פון די כוואַליעס, מיט וועלכע זייערע אויערן זענען געווען פול די גאַנצע צייט.

— עס האָט דאָך געמוזט זיין ערגעץ אַ שיף. זי האָט זיך אַ ווייז געטאָן, אַ פייף געטאָן, שטערנדלעך האָבן אַ גלאַנץ געטאָן און זענען פאַרשוווּנדן, פּונקט אַזוי ווי דעם מענטשנס לעבן אויף דער וועלט — רופט זיך אָפּ מיט אַ פילאָזאָפישער פאַרקלערטקייט אַן עלטערער ייד מיט אַ הדרת־פּנים.

— יאָ, — גיט צו מיט אַ זיפצעלע אברהם בער און טוט אַ פּאַך דערביי

אין דער לופטן מיט זיין אַלטער אָדערדיקער האַנט, ווי ער וואָלט דערמיט וועלן זאָגן: ס׳איז הכל הבל...

דאָס מאָנאָטאָנע רוישן פון די כוואַליעס, די קוועליקייט פון דער נאַכטלעכער ים־לופט, די וויגלידער געזונגענע פון די בחורים און מיידלעך, — אַלץ מיט אַנאַנדער האָט אָנגעוואָרפן אַ שלאָף אויף אַלטע מידע אויגן. באַרואיקטע האָבן זיך די מענטשן געלאָזט אַראָפנידערן אין זייערע קאַבינעס.

*

— אמת, מענדל האָט באמת שיינע שוואַרצע אויגן? — רעדט ברכה אַראָפּ פון איר אייבערשטן בעטל צו שרהן, וועלכע שלאָפט אויפן אונטערשטן געלעגער.

— זייער שיינע, מילדע, פאַרחלומטע אויגן — ענטפערט שרה האַלב פאַרשלאָפן.

— האָסט אים ליב, שרה? ווּעסט חתונה האָבן מיט אים, ווען דו וועסט קומען קיין אַמעריקע? — פרעגט ברכה נייגעריק.

— איך ווייס נישט. באַריס איז אינטערעסאַנטער. — און עס בליצט אויף אין אירע געדאַנקען די געשטאַלט פון דעם מיטלוווקסיקן, שוואַרץ־חנעוודיקן באַריס מיט זיין פאַרקלערטן איינדרוקפולן פנים.

זי ווייס, אַז ער האָט זי ליב געהאַט, כאָטש קיינמאָל האָבן זיי צווישן זיך דעריבער נישט גערעדט... ער איז געווען דער איינציקער בחור אין איר יונגן לעבן, וועלכער האָט צו איר געהאַט גערעדט ווי צו אַ מענטשן, גערעדט פון אידעאַלן, ביכער, אַרבעטער־קלאַס און וועלטלעכקייט. בכלל נישט ווי „יענע״ בחורים... זיין ליבע צו איר איז געווען אַן אייזדעלע, שטילע און ערנסטע. זי פון איר זייט איז, דאַכט זיך, צו אים געווען גלייכגילטיק. איצט אָבער, ווען זי איז הונדערטער מייל ווייט פון אים, האָט איר באַנומען אַ בענקען נאָך אים...

— שרה, דו שלאָפסט?

— ניין.

— איך פרעג דיך, ווער איז דער באָריס און דו ווילסט מיר נישט אויסזאָגן — רעדט ברכה ברוגזלעך.

— כ'האָב דיך נישט געהערט. באָריס איז אַ רעוואָלוציאָנער. ער זיצט אין וואַרשעווער פּאַוויאַק — ענטפערט שרה נישט גערן.

— אַ וואָס, זאָגסטו, איז ער?

— ער איז אַ רעוואָלוציאָנער. ער נעמט זיך אָן די קריוודע פון אַרבעטער. פאַר מאַרשירן אין אַ מאַי־דעמאָנסטראַציע, שרייען „נידער מיטן צאַר ניקאָליי!" און פאָדערן פרייהייט פאַר אַרעסטירטע חברים, — האָט אים די פּאָליציי געשלאָגן מיט נאַגייקעס און אַריינגעוואָרפן אין טיורמע.

— איך האָב מיך קיינמאָל אין די זאַכן נישט געמישט. איך האָב געקענט אַמאָל אַ מיידל, וואָס האָט אַזוי גערעדט, האָט מיר די מאַמע פאַרזאָגט מיט איר פאַר קיין פאַל נישט צו חברן זיך. „מען וועט סאָניען אַמאָל פאַרשיקן קיין סיביר אויף קאַטאָרגע" — האָט די מאַמע געזאָגט.

— האָט מען טאַקע סאָניען פאַרשיקט?! — פרעגט שרה אַ פאַרזאָרגטע.

— כ'ווייס נישט, עס גייט מיך נישט אָן די גאַנצע מעשה. איך האָב דיך נאָר געפרעגט צי ליבסטו מענדלען, צי וועסטו מיט אים חתונה האָבן, ביסטו עפּעס פאַרקראָכן אין בויבעריק מיט עפּעס אַ באָריס.

— זייט שטיל דאָרטן! לאָזט שלאָפן! שעמען מעגט איר זיך. דער מאַמעס מילך ליגט זיי נאָך אויף די ליפּן און זיי רעדן שוין פון חתונה האָבן — האָט זיך זלאַטע, אַ הויכע, דאַרע עלטערע מיידל, אַ מיטשלעפּערקע (אויסער בייטאָג חברן זיי זיך נישט מיט איר) צושריען אויפן אייבערשטן בעטל איבער ציפּען.

ברכה מאַכט זיך נישט הערנדיק וואָס יענע שרייט דאָרטן, און כדי זלאַטען ווי צו טאָן פרעגט זי איבער: „האָסט ליב מענדלען? וועסט מיט אים חתונה האָבן?

— כ'ווייס נישט, אפשר יאָ און אפשר נישט. איך קאָן אים נאָך נישט גענוג גוט. אַ פרעמדן בחור באַגעגענט אויפן וועג, דאַרף מען דען שוין לויפן חתונה האָבן מיט אים?" — ווערט שרה אומגעדולדיק.

— וואָס זשע ווילסטו? חתונה האָבן מיט אָן אמתן ברודער? הערסט,

ציפע, מענדל איז אַ פרעמדער בחור, דערפאַר וויל זי מיט אים נישט חתונה האָבן!... אַ קאָמעדיע מיט איר!

און ברכה צעלאַכט זיך מיט איר גלעקל־קלינגנדיקן געלעכטער.

— שוויַיג דאָרטן, דו פרעכע קליפּה! די האָר וועל איך דיר באַלד אויסרייסן — שרייט זלאַטע מיט כעס.

— אפשר פּאַסט טאַקע נישט צו רעדן וועגן בחורים, וועגן חתונה האָבן, אָט אַזוי ליגנדיק אויפן געלעגער?... — זאָגט ציפּע אויסציענדיק יעדעס וואָרט, ווי זי וואָלט זיך געשעמט מיט אירע אייגענע רייד.

— און איך וועל דווקא חתונה האָבן מיט אַ פרעמדן בחור, אפשר מיט בּערלען, מיר'ן האָבן זעקס קינדער, דריי מיידלעך און דריי יינגלעך — זאָגט ברכה און צעגענעצט זיך אויפן קול.

— אַ כאָליערע! — שרייט אויס זלאַטע, און עס פליט אַ קישן איבער דער שמאָלער קאַבינע גלייך ברכה'ען אין קאָפּ אַריין.

— אוי, מאַמע! — האָט זיך דערהערט ברכה'עס אויסגעשריי, נישט אַזוי פון ווייטיק, ווי פון דער פּלוצלומדיקייט פון דער געשעעניש.

אין דער קאַבינע האָט זיך איינגעשטעלט אַ שטילקייט.

זלאַטע איז נאָך אַ לאַנגע צייט געלעגן וואַך, מאָדנע אָפּגעריסענע געדאַנקען האָבן זיך אין איר קאָפּ געפּלאָנטערט: ברכה — אַ פלאַם־פייער! אַ פרעכע נאַרישע מיידל, אַ ווילדע ציג... זי דערמאָנט זיך איצט אָן דער צייט, ווען זי איז אַליין געווען יונג, אין שידוכים געשטאַנען... דער טאַטע האָט נישט געהאַט גענוג געלט אויף געבן נדן אַ בעלביתישן בחור... אַ ליאַדע שוסטער, שניידער האָט זיך געהייסן געבן כאָטשבי דרייהונדערט רובל נדן... פּאַר אַ זעלכן וואָלט זי סיי ווי נישט חתונה געהאַט... איר ברודער רפאל אין אַמעריקע וועט זי באַקענען מיט יינגע לייט... זי וועט אַרבעטן, פאַרדינען, זיך שענער קליידן, עסן בעסער, אויספילן די איינגעשרומפּטע באַקן... ווער דאַרף דאָס וויסן, אַז עס גייט איר שוין דאָס דרייסיקסטע יאָר?... חתונה האָבן?... זיין מיט מאַן?... האָבן קינדער?...

זי האָט אויפגעשווידערט מיט איר גאַנצן קערפּער פּאָר עפּעס אָן אומ־באַוווסטער מורא... זי האָט זיך דערמאָנט דער מאַמעס רייד: „ווען מיינע עלטערן וואָלטן נישט געזוכט מיר דעם קאָפּ צו „פּאַרדעקן", ווען זיי וואָלט

אַנגעשטאַנען איך זאָל אַרבעטן, פאַרדינען מיינע לעבנסמיטל, וואָלט איך קיינמאָל ניט געווען חתונה געהאַט"... די קלוגע בייזע מאַמע, דער שטילער, גוטער טאַטע, ביידע זענען זיי אומגליקלעך געווען... צו וואָס האָבן זיי באַדאַרפט חתונה האָבן, ברענגען קינדער אויף דער וועלט?!... איר שוועס־טער פעשע, אַכט און צוואַנציק יאָר אַלט, וועט אויך פאַרזעסן ווערן... אַ רחמנות נעמט איר אַרום צו זיך און צו פעשען...

דאָס מאַנאָטאָנע כראָפּען פון די שלאָפנדיקע מיידלעך האָט זי שטאַרק נערווירט. זי האָט זיך אויפגעזעצט אויפן געלעגער און אַרויסגעקוקט מיט די גראָע, שלאָפבאַרויבטע אויגן דורך דעם קליינעם, קיילעכדיקן שיף־פענסטערל. דער ים איז געלעגן אויסגעשפּרייט אין זיין מוראדיקער גרויס. שטורמישע כוואַליעס האָבן געקאָכט און געזאָדן מיט יעדער מינוט אַלץ מוראדיקער און בייזער. אַ גראָע נאַכט האָט פאַרשלונגען די ווייטע האָרי־זאָנטן...

*

אברהם בער, וועלכער האָט אין אַמעריקע אַ זון אַ גביר מיט אַ פּושקאַר, איז היינט אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, צונויפגעקליבן אַ מנין יידן, האָט געפונען אַ שטילן, ריינעם ווינקל אויפן דעק פון שיף, אונטערן אָפענעם פרייען הימל און מען האָט זיך געשטעלט דאַוונען.

אָפּגעדאַוונט, צונויפגעלייגט טלית און תפילין, האָט אברהם בער שווער אָפּגעזיפצט און אַ פאַרזאָרגטער געזאָגט: מען שמועסט, אַז דער אויגן־דאָקטער וועט היינט אונטערזוכן... ווער וויס? מיינע האָט נעכטן געוויינט.

— אַזוי פיל דאָקטוירים איבערגעקומען, וועט מען מיט גאָטס הילף אויך דעם איבערקומען — טרייסט אים אַ ייד, אַ בעל הדרת־פּנים.

„שיפסברידער", וואָס זענען אין געאייל פאַרבייגעגאַנגען האָבן דערזען יידן לייגן צונויף זייערע טליתים און תפילין, האָבן זיי זיך דערמאָנט אָן די אַלטע טאַטעס, וועלכע זיי האָבן איבערגעלאָזט אין דער היים און האָבן זיך אויף אַ מינוט אָפּגעשטעלט, אָפּגעגעבן אַ „גוטן מאָרגן" און זענען מיט גיכע טריט אַוועק ווייטער, ווו עס האָבן אויף זיי געוואַרט די „שיפשוועס־טער", כדי צו זען צוזאַמען דאָס פּרעכטיקע בילד פון זון־אויפגאַנג.

דער פרימאָרגן איז נאָך געווען גרוי, דער ים מיט אַ נעפּל פאַרצויגן, נאָר אויפן ווייטן האָריזאָנט האָט אַ פּורפּור־רויטע זון לאַנגזאַם פון הינטער די וואָלקנס געריסן און גינגאָלדיק באַפאַרבט די אומענדלעכע וואַסער־פלאַך... אַ נייער טאָג איז געבוירן געוואָרן...

פּלוצלונג איז אויפגעשפּרונגען אַ לאַנגער שוואַרצגלאַנציקער ים־קערפּער און איז מאַכטלאָז געפאַלן צוריק אין וואַסער אַריין. דער קאָכיקער ים האָט אים פאַרשלונגען.

דאָס בילד איז געווען אַזוי פאַרכאַפּנדיק, אַז עס האָט אַלעמען פאַרפעלט אָטעם אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט.

דער ערשטער צו קריגן צוריק לשון איז געווען בערל: „האָט איר געזען דעם לויתן לויפן אַנטקעגן דער זון?!"

— אַ ים־פערד, אַ וואַלפיש! — האָט אויסגעשריען ציפּע פאַר שרעק.

— אַ היי־פיש (שאַרק)! — האָט אויסגעשריען ברכה און איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

די בחורים האָבן זיך איבערגעקוקט און געשמייכלט. שרה שרייט ניט ווי אירע חברטעס, נאָר זי פאַרמעסט זיך אין העלדישקייט מיט די בחורים און שמייכלט אויף פאַר איבעררעשונג.

— מיר וועלן אַלע טאָג אויפשטיין פרי זען דעם זון־אויפגאַנג, וועסטו אַלע טאָג שמייכלען — שושקעט מענדל אין שרה׳עס אויער.

— יאָ — ענטפערט שרה, און צוויי פאָר אויגן באַגעגענען זיך מיט ליבשאַפט און שמייכלען.

— עס קלינגט שוין דאָס גלעקל! מען טיילט שוין שוואַרצע ציקאָריע מיט ברויט — זאָגט ברכה און פאַרשנעלערט איר טראָט צום עסצימער פון דריטן קלאַס.

— דערפאַר וועלן מיר דעם טייערן מאכל, הערינג מיט קאַרטאָפל, קריגן אויף וואַרמעס — טרייסט זי בערל.

— און רויטע פערדישע פלייש אויף וועטשערע, פאַרטרינקען מיט מוטנע ים־טיי — וויצלט זיך מענדל.

— וואָס זשע ווילט איר? געבראָטענע טייבעלעך? דאָס וועט איר קריגן אין אַמעריקע — זאָגט יוסף, וועלכער איז קאַרג אויף ווערטער.

דוד שמייכלט זיין זעלטענעם שמייכל.

די יוגנט איז גוט אויפגעלייגט. זיי שפּרינגען אונטער אין זייער גאַנג. הענט פלעכטן זיך אַריבער אַקסלען. מען שפּאַסט, מען לאַכט. מיט שנעלע דראָבנע טריטעלעך איילן זיך די „שיפשוועסטער" צום אָנבייסן, שאָקלען זיך און בייגן זיך שטיפעריש לויט דעם קער פון דער זיך וואַרפנדיקער שיף.

פלוצלונג לויפט פאַרביי ציפּען אַ קליינוויקסיקער דייטשישער מאַטראָס, שרייט אַריין איר אין אויער אַ שמוציק וואָרט און ווערט בליצשנעל אַנטרונען...

ציפּע טוט זיך אַ צאַפּל, ווי אַ שלאַנג וואָלט זי פלוצלונג אַ ביס געטאָן, פאַרדעקט מיט אירע קליינע הענט דעם רויט־געוואָרענעם פּנים און צעוויינט זיך ביטער.

די „שיפסברידער" שפּרינגען אויף, פּיס טוען זיך אַ יאָג, פויסטן ביילן זיך אין דער לופטן און עס הערן זיך אויפגערעגטע אויסרופן: „מיר וועלן דיר דיינע ביינער צעברעכן! דעם קאָפּ צעשפּאַלטן! פאַרקלאָגן פאַרן קאַפּיטאַן!..."

די זייטיקע מאַטראָסן לאָזן פאַלן די שטריק פון די הענט, קוקן מיט פאַרוווּנדערונג פון וואַנען די געשרייען קומען. פאַר וואָס? פאַר ווען?

איין מאַטראָס שטשירעט די ציינער און לאַכט משונה׳דיק...

ווייט איבער די כוואַליעס ציען זיך גראָע קנוילן כמאַרעס און הילן איין די זון־שטראַלן. צעברויזטע ים־שטראָמען וואַרפן און שליידערן פאַר־רעטעריש די שיף.

## פריינדשאַפט אונטערוועגס. מחשבות וועגן תכלית

ברכה און שרה האָבן זיך באַפריינדעט אין ברעמען וואַרטנדיק אויפן שיף. פאַר שרהען און איר קוזינקע ציפּען, וואָס האָבן זיך צום ערשטן מאָל געלאָזן אַליין אויף אַ לאַנגער רייזע אין דער וויטער וועלט, איז די נייע פריינטשאַפט געווען פון גרויסן מאָראַלישן באַדייט.

שרה און ציפּע זענען געווען פון די שעמעוודיקע, שווייגנדיקע נאַטורן און זיי האָט פון דעם ערשטן מאָמענט געצויגן צו דער פריילעכער ברכה׳ען, צו איר הילכיקן, זאָרגלאָזן געלעכטער, ווי עס ציט אַ היימלאָזן מענטשן אין אַ קאַלטער נאַכט צו אַ וואַרעמער ליכטיקער שטוב.

אָבער זינט יענער נאַכט, ווען ברכה האָט אָפּגעלאַכט פון שרהן פאַר איר נישט וועלן חתונה האָבן מיט אַ פרעמדן בחור און האָט אומפאַרשעמט גערעדט פון דער צאָל קינדער, וואָס זי וועט האָבן — דריי מיידלעך און דריי יינגלעך — זינט דאַן האָבן זי די צוויי חברטעס אויסגעמיטן.

ציפּע איז געווען אַ דאָרפיש נאַיוו מיידל. זי פאָרט קיין אַמעריקע. דאָרטן וועט זי — ווי זי שטעלט זיך פאָר — אַרבעטן אַ קורצע צייט אין אַ שאַפּ, געפינען אַ לייטישן בחור, חתונה האָבן, ווערן אַ ווייב, אַ מאַמע, אַ בעל־ביתטע און זיין צופרידן מיט איר לעבן.

שרה איז געווען פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן. זי האָט געהאַט גרויסע פרעטענזיעס אין לעבן. אמת, זיי זענען נאָך נישט געווען קלאָר פאַר איר, זיי זענען געווען איינגעהילט אין אַ נעפּל. זי האָט געפילט, אַז זי קאָן נאָר חלומען, פאַנטאַזירן פון שרייבן, שטודירן און לערנען, אָבער זי איז נישט אין שטאַנד דאָס דורכצופירן אין פראַקטישן לעבן. דאָס האָבן איר אייגענע און פרעמדע מענטשן געזאָגט נישט איין מאָל, אַזוי אַז האָט אַליין אָנגע־הויבן גלייבן אין איר נישטיקייט, אומבאַהאָלפנקייט און שוואַכן כאַראַקטער.

אָבער פאַנטאַזירן, אַז זי וועט ווערן אַ געבילדעטע, אַ שרייבערין אין אַ צייטונג, ווי איר ברודער גרייט זיך דאָס טאָן, פון דעם וועט איר קיינער נישט אָפּשטעלן. איר ברודער, מעג ער זיין געגנוג מיד פון דער בייטאָגיקער שלאָסאַרסקער אַרבעט, לערנט זיך פלייסיק ביי נאַכט. זי וועט גיין אין זיינע וועגן — און דער געדאַנק, אַז זי וועט ווי ער אַרבעטן און שטודירן — הייבט אויף אַ ווײַלע און שטאַרקט איר מוט.

און ווידער באַהערשט זי דער צווייפל אין אירע כוחות: כ׳וועל שוין, מסתמא פאַרבלייבן אַ נייטאָרין אין דער פאַרשטיקטער פראָצאָווניע (שאָפּ), שמעקן דעם ריח פון די פאַרע־טיכער, הערן די שמוציקע רייד פון די מענער־געזעלן — דעריבער איז דאָך נויטיק מינדעסטנס צו פאַנטאַזירן. — אַזוי האָט געקלערט שרה, און ווייל זי איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ פאַר־קלערטע, האָט זי געקראָגן דעם צונאָמען „פאַנטאַזיאָרקע״, זי האָסט דעם צונאָמען, און באַשליסט, אַז זי וועט קיינעם אין אַמעריקע נישט דערציילן, אַז זי קלייבט זיך ווערן אַ געבילדעטע, אַפילו איר אייגענער שוועסטער.

זי געדענקט נאָך דעם זון־צעהעלטן פרימאָרגן, ווען איר שוועסטער פייגל איז אַוועקגעפאָרן פון זייער געבורט־שטעטל טעלעכאַן קיין אַמעריקע. זי געדענקט ווי דאָס פייפן דעם פאַראַכאָד האָט משונהדיק געגרילצט אין די אויערן. זי געדענקט, ווי יונגע קינדער, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט געהאַלטן ביי די מאַמעס פאַרטוכער, צעפאָרן זיך היינט איבער דער גרויסער וועלט. ווער קיין אַמעריקע און ווער אין די גרויסע רוסישע שטעט. עלטערע מיידלעך גייען אַרבעטן אין די פאַבריקן, אַנדערע ווערן דינסטן אין רייכע הייזער. טאַטעס און מאַמעס באַגלייטן זיי אויף זייער ערשטן אַרויספאָר אין דער פרעמד. מען זיפצט, מען וויינט. נאָך די קינדער, וועלכע פאָרן קיין אַמעריקע וויינט מען מער. אויף יענע, וואָס פאָרן אין די גרויסע רוסישע שטעט וויינט מען ווייניקער. מאַמישע הערצער זענען לייכטער. עס איז דאָך דאָ אין לאַנד, נישט הינטער ווייטע ימען. מען וועט נישט דאַרפן אויסקוקן די אויגן אויף אַ בריוו אַזש פון אַמעריקע!

עס שטייען אייגענע, משפחה, פריינט און גלאַט טשעקאַווע שטעטלדיקע מענטשן ביים ברעג טייך. אַלעמענס אויגן זענען צוגעפעסטיקט צום פאַראַ־כאָד, וועלכער איז פול מיט קינדער, וואָס פאָרן קיין פינסק און פון דאָרטן

אין פרעמדע שטעט און לענדער. עס נעמט זיי אַרום אַ שרעק, די הערצער זענען שווער, די פנימער פאַראומערט, די אויגן פאַרוויינט... די קליינע דאַרע שרה פלאָנטערט זיך ביי גרויסע פאַרביטערטע מענטשן אונטער די פיס. אויך איר קינדיש האַרץ איז שווער, וואָס איר שוועסטער פאַרט אַוועק. כאָטש אין שטוב האָט מען זיך אַ סך מאָל געקריגט, געקניפּן און געדראַפּעט, פילט זי דאָך ווי אַ גליד פון דער משפחה ווערט אָפּגעריסן. זי קלערט, וואָס צו זאָגן עפּעס דער שוועסטער צום אַוועקפאָר אַזוינס, וואָס זאָל איר הנאה טאָן? מיט אַ מאָל הערט זי איר אייגן נאַריש קול:

— פייגל, ס׳איז שטיל און אומעטיק געוואָרן אין שטוב אָן דיר!

— כ׳בין דאָך נישט געשטאָרבן — ענטפערט פייגל אַנגרייפעריש.

און שרה שיקט נאָך דעם אָפּשווימענדיקן פאַראַכאַד אַ פאַרדראָסיקן בליק...

זי געדענקט איר שוועסטער פייגל פאַר אַ גוטע אין דער נאַטור, אָבער אַ בייזע. זי האָט זיך שטענדיק געפילט קליין און מינדערווערטיק אין איר קעגנוואַרט, עפּעס ווי פייגל וואָלט מיט איר געזונטן, קנאָכיקן גוף, מיט איר קלוגשאַפט און שטאַרקן ווילן געוואָרפן אַ שאָטן אויף איר קלענערער, שוואַכערער און קאַפּריזנער שוועסטערל שרה׳קען. און עס האָט איר שטאַרק באַנג געטאָן וואָס זי האָט נישט געקאָנט אויך זיין אַזוי קלוג, שטאַרק און באַפעלעריש ווי איר עלטערע שוועסטער...

אויב, חלילה, זי וועט אין אַ מאָמענט פון שוואַכקייט אויסרעדן זיך און אַנטפּלעקן דער שוועסטער איר סוד פון לערנען, שטודירן און ווערן אַ שרייבערקע, ווייס זי שוין אין פאַראויס, וואָס יענע וועט איר ענטפערן:

— אַ געבולבעטע וויל זי גאַר ווערן, אַ שרייבערקע... שעם זיך! אַ מיידל אין דיינע יאָרן דאַרף טראַכטן וועגן אַ תכלית...

— אַ תכלית! — אַזוי פלעגט דער טאַטע תמיד זאָגן.

און עס קומט אויף פאַר אירע אויגן זייער ערשטע קליינע דירה אין וואַרשע צוזאַמען מיטן חדר, מיט דער קיך און מיט דעם שוסטער־וואַרשטאַט, וואָס איז געשטאַנען ביים איינציקן פענצטער. און כדי אָפּצוגעבן כבוד דעם ספר אין פאַרגלייך מיט דער באַרג אַלטע שיך, איז געמאַכט

געוואָרן אַ מחיצה צווישןביידע וועלטן — עס איז אויפגעהאָנגען געווען אַ גרינער ציטענער פאָרהאַנג.

ביי אַ לאַנגן טיש האָט דער טאַטע געקנעלט מיט קליינע יינגעלעך, וואָס האָבן געטראָגן לאַנגע געקרייזלטע פאותלעך און שוואַרצע לאַנגע קאַפּאָטקעלעך.

די מאַמע — דאָס פנים פאַרהאַרטעוועט, ברוין און צערונצלט פון שווערן לעבן, האָט אויסגעזען ווי האַרטע קאָרע אויף אַ בוים. — זי האָט געגרייט אין איר קיך־ווינקל דעם וואַרמעס.

פון די נאַלעווקעס ביז טוואַרדע איז געווען אַ גענוג לאַנגער וועג, אָבער שרה האָט באַשלאָסן, אַז עס איז אַ שאָד אויסצוגעבן פינף קאָפּיקעס פאַרן טראַמוויי, זי וועט גיין צופוס.

לויפנדיק אַזוי צום וואַרמעס־עסן איז איר דעמאָלט גראָד איינגעפאַלן אין קאָפּ אַ פּאָעמע, וואָס איז געווען אייגנטלעך אַן אָפּקלאַנג פון אַ ליד, וואָס זי האָט געהערט אַמאָל דעם טאַטן זינגען, נאָר אַ ביסעלע אַנדערש: אַנשטאָט דער אָרעמער אלמנה בת־ציון, וואָס זאָל האָבן געוווינט אין אַ ווינקל־חדר, זיצט זי אַ צעשיינטע אין ארץ־ישראל אונטער אַ פייגנבוים און בעט זיך ביי איר זון ישראליקן, ער זאָל קומען צוריק אַהיים:

— גענוג דיר, מיין זון, צו זיין אַ ציל־ברעט פאַר אַל דאָס בייזע! גענוג דיר שוין צו וואַנדערן איבער פרעמדע לענדער, גענוג האָסטו זיך שוין אַנגעליטן! — און נאָך אַזעלכע קלינגענדיקע ווערטער, וועלכע זענען ביי איר אַרויסגעקומען געגראַמט.

זי דערמאָנט זיך, ווי זי האָט געמוזט דאָס ליד פאַרשרייבן, איידער זי וואָלט דאָס פאַרגעסן...

זי פאַלט אַריין אין שטוב, כאַפּט פּאַפּיר, אַ פּען און שרייבט שנעל. פון אָנהייב איז געגאַנגען גלאַט, אָבער מיט אַמאָל פאַרהאַקט זיך עס... עס פעלן איר אויס ווערטער, די פּען שרייבט נישט, די טינט טויג נישט. פאַר כעס טוט זי אַ וואָרף די פּען אויף דער פּאָדלאָגע. כאַצקל דער שוסטער רייסט איבער זיין קלאַפּן מיטן האַמער אויפן אַלטן שוך, דרייט אויס זיין האָר־באַוואַקסענעם קאָפּ און זאָגט מיט שפּאַס:

— ווער עס קאָן שרייבן, וועט אים יעדע פּען דינען...

זיינע כיטרע גרויע אויגן אונטער די דיקע צעשויבערטע ברעמען לאַכן. עס לאַכט זיין קורץ געשוירענע שוואַרצע באָרד, זיינע מיט סמאָלע פאַר־שמירטע צעכליאַסטעטע הענט. עס לאַכט זיין ברייטער זיצנדיקער גוף — אַלצדינג לאַכט אָפּ פון איר: זי קען נישט שרייבן...

— האָסטו געזען אַזאַ קלעק?! — רופט זיך אָפּ די מאַמע און וואַרפט בייזע בליקן אין כאַצקלס ווינקל — אַ כפרה, אַט עס בעסער וואַרמעס, טאַכטערל!

און די מאַמע רוקט אונטער שרה׳ען דעם הייסן טעלער געקעכץ. אָבער שרה הערט נישט וואָס די מאַמע זאָגט. אַ צעוויינטיקטע, אַ פאַרשעמטע לויפט זי צוריק צו דער אַרבעט...

*

דערנאָך — שווימען ווייטער אַרויס אירע זכרונות — איז אָנגעקומען פאַר איר די שיפסקאַרטע פון דער שוועסטער, זי האָט פאַרקויפט איר ניי־מאַשין, כדי צו האָבן אויף די נויטיקע וועג־הוצאות קיין אַמעריקע.

די מאַמע האָט זיך ביי איר געבעטן:

— לאָז איבער די ניי־מאַשין. זי וועט צונוץ קומען... די הענט ציטערן שוין, די אויגן דינען שוין נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין... שכנים ברענגען אַמאָל אַריין אַ קלייד איבערצומאַכן, אַ מאַנטל איבערצוניצעווען, אַלטע בגדים צו פאַרריכטן, פאַרדינט מען אַ זייטיקן רובל. עס איז שווער מיטן נאָדל־פאָדים צו שטעכן — לאָז, טאַכטערל, איבער אין שטוב די ניי־מאַשין...

וואָס האָט זי אָבער געטאָן? זי האָט אַרויסגענומען די ניי־מאַשין פון דער מאַמעס הענט און פאַרקויפט פאַר עטלעכע נאַרישע רובל...

די מאַמע האָט דאָס אויפגענומען פאַר גוט... לא די וואָס זי האָט איר פאַרגעבן, האָט זי נאָך אויפגעבונדן אַ קניפל אין איר נאָז־טיכל, אַרויס־גענומען פון דאָרטן פינף רובל און געזאָגט:

— נאַ דיר, טאַכטערל! איך האָב אָפּגעשפּאָרט פון געניי. זאָל דיר נישט אויספעלן. עס איז דאָך אַ ווייטער, אַ שווערער וועג!

איר קראַנק אויג האָט געטרערט...

ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק צו איר אַוועקפאָר, האָט די מאַמע געמאַכט אַ לעצטן פּרוּוו זי אָפּצוהאַלטן:

— פאַרדינסט דאָך, טאָכטער, מער פון דיין טאַטן — צען רובל אַ וואָך איז אַ סך געלט! — האָט זי מיט איר איינגעטענהט.

עס האָט קיין זאַך נישט געהאָלפן...

ווען די באַן האָט זיך גערירט פון אָרט, האָבן טאַטע־מאַמע ביטער געוויינט. זייערע ביידנס אויסגעבויגענע אַקסלען האָבן געצוקט... אַזוינע וועט זי זיי זען פאַר די אויגן דאָס גאַנצע לעבן.

— כ'האָב דאָך געמוזט אַוועקפאָרן! — הערט זי, ווי עס רעדט אין איר אַ שטים פון זעלבסטבאַרעכטיקונג — איך האָב געמוזט אַוועקפאָרן ווייט פון די קעלער־שטובן, פון די באָרוועסע, אָפּגעצערטע קינדער, פון דער ענגשאַפט, פון דער אָרעמקייט... נישט געווען אין שטוב קיין איין שטול אַ גאַנצער, זיך געשעמט איינצולאַדן צו זיך פריינט, האָט מען זיך געטראָפן מיט בחורים אין זאַקסישן גאָרטן אָדער אויפן ראָג גאַס... זי האָט דאָס אַמאָל פאַרטרויט דער מאַמען, האָט זי זי אָנגעקוקט מיט צעשראָקענע אויגן און האָט געזאָגט:

— קיין גוטס קאָן, מיין קינד, פון דעם נישט אַרויסקומען...

עס קלינגט נאָך אין אירע אויערן דעם טאַטנס פראַגע:

— וואָס וועט זיין דער תכלית? אַן אַכצן יאָריק מיידל... צייט שוין צו דערלעבן אַ ביסל נחת...״ — וואָס ער האָט, פאַרשטייט זיך, געמיינט — חתונה האָבן.

און נאָך אַ ווייטיקדיקע זאַך קלינגט איר נאָך אין די אויערן: דעם טאַטנס הוסטן בשעת זיין קנעלן מיט די ייִנגלעך און האַצקלס אומאויפ־הערלעכן קלאַפּן מיטן האַמער איבער די אַלטע שיך טאָג־איין טאָג־אויס... און בשעת עס פלעגט אָנקומען פרייטיק, פלעגן זיי ביידע מוזן באָרגן עטלעכע רובל צו מאַכן שבת...

איצט, ווי שטענדיק אין געדריקטע לעבנס־מאָמענטן, האָט שרה געזוכט צו אַנטלויפן, צו אַנטרינען זיך פון אירע שווערע געדאַנקען. זי האָט אַרויס־גענומען פון איר האַנט־בייטל אַ בלייער און פאַפּיר, וואָס דער ברודער

האָט איר מיטגעגעבן אויפן וועג אַ מתנה, און מיט שנעלע באַוועגונגען האָט זי זיך גענומען שרייבן. זי האָט געשריבן פון זון־אויפגאַנג, פון די גינ־גאָלדיקע קאָלירן, וואָס האָבן זיך געשפּיגלט אין ווייס־צעשוימטן ים. זי האָט באַשריבן דעם שוואַרץ־גלאַנציקן פיש שאַרק מיטן אומגעלומפּערטן גרויסן קערפּער, ווי ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער לופטן, אַ פּאַטש געטאָן מיט זיין לאַנגן עק און צוריק פאַרשוווּנדן אין די טיפענישן פון ים. מיט אַ געפיל פון עקל האָט זי געשריבן וועגן דעם קליינוווּקסיקן דייטשישן מאַטראָס, ווי ער האָט אַריינגעשריען ציפּען אין אויער אַזאַ שמוציק וואָרט, וואָס זי שעמט זיך אויסלייגן אויפן פּאַפּיר... און ווי משונה חוצפּהדיק ער האָט געלאַכט, שטשירענדיק מיט זיינע ציין... אַ שאָד וואָס די „שיפּברידער" האָבן אים נישט אויסגעהאַקט די אויגן.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט איבערגעלייענט דאָס געשריבענע און געבליבן אומצופרידן. ניין, דער זון־אויפגאַנג איז געווען אַ סך שענער, ווי זי האָט דאָס געשילדערט. זי האָט צעריסן דאָס פּאַפּיר און זיך גענומען שרייבן אויפסניי.

אַ סקריפּ פון דער קאַיוטע־טיר האָט איבערגעשלאָגן אירע געדאַנקען.

— וואָס שרייבסטו, שרה? אַלע זוכן דיך אַרום — האָט ציפּע אַרויס־גערעדט סאָפּענדיק, ווי זי וואָלט נאָר וואָס קומען פון אַ געיעג.

— איך שרייב אַ בריוו אַהיים...

זי האָט אויפגעהויבן די אויגן פון פּאַפּיר, אָנגעקוקט איר קוזינקע און געפרעגט:

— וואָס ביסטו אַזוי פאַרסאָפּעט?

— כ׳בין געלאָפן דיך רופן — האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ קורץ־סאָפּנדיקן אָטעם — דער פריץ מיט דער שפּאַקטיוווע. ווייסט דאָך וועל־כער, — דער מיט דער שיינער דאַמע, ער קוקט און זעט לאַנד, זאָגט ער. אַ גאַנץ רעדל מענטשן שטייען אַרום אים. קום שנעל! אפשר וועט ער אונדז לאָזן אַריינקוקן אין דער שפּאַקטיווע, — האָט זיך ציפּע געבעטן ביי איר ווי ביי אַ מאַמען מיט קינדערשער התפעלות.

פון גרויס געאייל איז זי נישט איינגעשטאַנען אויף איין אָרט, נאָר האָט אונטערגעטאַנצט אויף אירע פיס, אַזש אירע קליינע בריסטלעך האָבן

זיך באַוועגט אונטערן ראַזעווען קאַפטל. אירע בלויע אויגן האָבן זיך צע־שטראַלט. אירע לאַנגע און דיקע צעפּ האָבן זיך צעשאָקלט איבער איר שמאָלער פּלייצע, און מיט איר גאַנצער מיניאַטורישער פיזיאָנאָמיע האָט זי דערמאָנט אָן אַ קינד, וואָס איילט זיך צו לויפן אין צירק זען די חיות.

אַ מאַמישער געפיל איז שרהן באַפאַלן. אַ צעשמייכלטע איז זי צוגע־גאַנגען צו ציפּען, צעשפּרייט אירע הענט, אַרומגענומען זי און געגעבן איר אַ זאַפטיקן קוש אין באַק, ווי דאָס וואָלט געטאָן אַן אמתע מאַמע.

פאַר גרויס איבערראַשונג האָט ציפּע פאַנאַנדערגעריסן ברייט אירע אויגן און אַ פאַרוווּנדערטע געזאָגט:

— עפּעס פּלוצלונג?!

דאָס איז געווען דער ערשטער קוש, וועלכן ציפּע האָט באַקומען זינט זי האָט זיך געזעגנט און פאַרלאָזן איר משפּחה אין איר פאַרוואָרפענעם געבורט־שטעטל אין ווייס־רוסלאַנד...

ווען שרה און ציפּע זענען אַרויף אויפן שיף־דעק איז שוין „דער פּריץ מיט דער שפּאַקטיווע" דאָרטן מער נישט געווען. אימיגראַנטן האָבן דאָרטן צווישן זיך געשמועסט, באַוווּנדערט די מאַשינעריע פון דער שפּאַקטיווע, דורך וועלכער מען קאָן זען פון הונדערטער מיילן ווייט. אברהם בער האָט דערציילט, אַז דער פּריץ האָט אים דערלויבט אַ קוק צו טאָן דורך איר, אָבער ער האָט גאָרנישט נישט געזען.

— אפשר דאַרף מען זיין אַ פּריץ, אַ געלערנטער מענטש, כדי צו זען דורך אַ שפּאַקטיווע? — האָט ביילע געזאָגט — אונדזער יאָסעלע מוז געוויס וויסן ווי זיך צו באַנוצן מיט דער נייער מאַשינעריע און אויך מיט אַ שפּאַק־טיווע! — און טאַטע־מאַמע האָבן געשמייכלט פאַר נחת, וואָס זייער יאָסעלע אין אַמעריקע ווייס ווי זיך צו באַנוצן מיט אַ שפּאַקטיווע.

די זון האָט מילד געוואַרעמט און געגלעט די מענטשן. די כוואַליעס האָבן געשטויסן די שיף אַלץ נענטער און נענטער צום אַמעריקאַנער ברעג.

## שרהס ראַנגלענישן

צוויי וואָכן אין דער האַפן־שטאָט ברעמען און צוועלף טעג אויף דער שיף „מעין" זענען געווען פאַר די עמיגראַנטן פיזיש שווערע, אָבער גייסטיק אינהאַלטרייכע, אָנגעלאָדענע מיט האָפענונגען און דערוואַרטונג. ביי די עלטערע מענטשן האָט אויך נישט געפעלט קיין שטילע, איינגעהאַלטענע מורא פאַר דעם אומבאַוווסטן, אומבאַשטימטן לעבן, וואָס דערוואַרט זיי אין דעם נייעם, פרעמדן לאַנד. ווערליק זיי האָבן זיך אָנגעהערט אין דער היים איז דאָרטן אַלץ פאַרקערט, אַנדערשדיק ווי דאָס לעבן ביי זיי אין דעם קליינעם שטעטל, פון וועלכן זיי זענען אַן אָרגאַנישער טייל. פריער פון אַלץ שרעקט זיי דער געדאַנק, צי וועט מען זיי בכלל אַריינלאָזן קיין אַמעריקע. דאַן עגבערט זיי די פראַגע, צי וועט מען קענען אויסקומען מיט די קינדער, וועלכע זענען שוין מיט יאָרן צוריק אַוועק פון דער אַלטער היים; צי וועט מען קענען זיך אומגיין מיט די אַמעריקאַנער אייניקלעך און מיט דער גאַנצער גאָטלאָזער אַמעריקע, וואָס ליגט אויף יענער זייט פון דער ערד...

אָבער דאָס רוב עמיגראַנטן זענען באַשטאַנען פון יונגע מענטשן. זיי האָבן זיך וועגן דעם אַלעמען נישט געמאַכט קיין זאָרג, אַפילו נישט געפרוווט טראַכטן. די נייגעריקייט צו זען די נייע וועלט איז ביי זיי געווען גרויס און די פאָרשטעלונג פון דעם, וואָס זיי וועלן דאָרט אויפטאָן, — נאָך גרעסער. די וועלט איז פאַר זיי געווען יונג, איינגעהילט אין העלע פאַרבן.

בערל איז נישט געווען זיכער, צי וועט ער חתונה האָבן מיט ברכהן, ד'ערווייל אָבער האָט זי אים געמאַכט פריילעך, און אים איז געווען גוט ווי די וועלט... זאָל נאָר זלאַטע זען און זיי מקנא זיין...

ציפע האָט זיך באַהאַלטן. זי האָט זיך כמעט געשעמט מיט איר ליבע

צו משהן. ער האָט זי נישט געוואָגט אָנצורירן. ווען ער פלעגט אַמאָל אַ גלעט געבן איר קליינע ווייסע האַנט, פלעגט איר פּנים רויט ווערן, זי האָט זיך אַפילו געשעמט צו רעדן וועגן זייער ליבע צו איר קוזינע שרהן. משה האָט געהאַט זיין חשבון: ווער ווייס ווי די זאַך מאַכט זיך. די מיידלעך אין אַמעריקע זענען, אפשר, צעלאָזענע, פאַרלאַנגען צופיל ווילטאָג פון אַ מאַן; ציפּע איז דאָך אַ היימיש מיידל, זאָל זיין דערוויל.

שרה און מענדל האָבן געפירט זייער ליבע אין די שפּעטע אָוונט־שעהן, ביים שיין פון דער לבנה.

די איינציקע, וועלכע זענען געווען געווען פריי פון ליבע־פריידן און ליבע־ליידן זענען געווען יוסף און דוד.

די נאַכט איז געווען שטיל און סודותדיק. שטערן אין הימל האָבן זיך געצונדן און געלאָשן. פון צייט צו צייט האָט זיך איין שטערן אַ יאָג געטאָן נאָכן צווייטן און ביידע צוזאַמען זענען זיי אַריינגעפאַלן אין ים אַריין.

שרה און מענדל האָבן שפּאַצירט אַהין און צוריק איבערן שיף־דעק. ביידע האָבן זיי געשוויגן, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט איבערצורייסן די האַרמאָניע, וואָס האָט געהערשט אין דער אַרומיקער נאַטור. סיידוי, אַן ווער־טער האָט יעדערער פון זיי גוט געוווסט דעם צווייטנס געדאַנקען: אין גיכן וועט מען אַראָפּגיין פון דער שיף, פילן אונטער די פיס די האַרטע אַמערי־קאַנער ערד, און וואָס ווייטער? נאָר דערוויל איז מען יונג, און היינט וויל מען לעבן...

— וואָס פאַר אַ וווּנדערלעך שיינע נאַכט! ווי גוט וואָלט געווען, ווען עס דויערט אַזוי חדשים, יאָרן לאַנג. אַן אייביקייט וואָלט איך וועלן אַזוי אַרומשפּאַצירן מיט דיר, שרה — האָבן זיך אַרויסגעריסן פון מענדלס מויל קורצע, אָפּגעהאַקטע ווערטער.

— יאָ, עס איז וווּנדערלעך! כ'האָב ליב די נעכט. בייטאָג זענען די מענטשן בייז, שלוי און אָפּלאַכעריש. ביינאַכט שלאָפן זיי ווי די אומשול־דיקע קינדער. זיי שטייען דיר נישט אין וועג. קאָנסט פריי שפּאַצירן, באַוווּנדערן די נאַטור. אַלץ איינס צי דאָס איז אויפן ים, צי אויף דער יבשה, פילסטו, ווי דו וואָלסט וועלן אַרומנעמען און קושן אַלץ אין דער וועלט.

— ווען מען איז פאַרליבט פילט מען באמת דעם ווילן אַרומצונעמען די גאַנצע וועלט. אַזאַ מאַגנעט האָט אין זיך די ליבע...

ער האָט פאַרלאַנג‏אַמט זיין טראָט און האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אָנגענומען שרהן צערטלעך בייביידע הענט, אַריינגעקוקט איר אין די אויגן — און פּלוצלונג האָט זי דערפילט אויף אירע ליפּן זיין וואַרע־מען קוש.

שרה האָט זיך אַ צאַפּל געגעבן ווי אַ פיש, וואָס איז נאָר וואָס געכאַפּט געוואָרן אויף דער ווענטקע...

מענדל האָט דערשפּירט איר ציטער, האָט זי מיט אַ צערטלעכער באַוועגונג צוגעפירט צו אַ שטול און האָט זי אַוועקגעזעצט.

— שרה, — האָט ער געזאָגט — כ׳האָב דיך ליב געקראָגן פון דער ערשטער מינוט אָן, זינט כ׳האָב דיך געזען זיצן אין שטאָטישן גאָרטן אין ברעמען אויף דער באַנק. צייטנווייז פיל איך, אַז אויך דו האָסט מיך ליב. נאָר עפּעס אַ מורא, אַ פאַראורטייל באַהערשט דיך.

ער איז געבליבן שטיל, האָט געוואַרט צו הערן, וואָס זי וועט אים זאָגן. ווייבאַלד אָבער, אַז זי האָט אים נישט געענטפערט, האָט ער זי פון זיין זייט דרייסט אַ פרעג געטאָן:

— האָסט עמעצן איבערגעלאָזט אין דער היים, ווען דו האָסט ליב?!

זי האָט זיך אַ מינוט פאַרטראַכט, געקוקט אין דער גרויער ווייטקייט אַריין און נאָך אַ קורצער פּױ.ע געזאָגט:

— איך צווייפל. אפשר יאָ און אפשר נישט. באָריס איז געווען בלויז אַ פריינט. ער זיצט אין וואַרשעווער פאַוויאַק.

— אַ פּאָליטישער?

— יאָ, אַ פּאָליטישער, אַ סטודענט, איינער פון די בעסטע סאָציאַליסטן! מיר האָבן זיך ליב געהאַט, אָבער קיינמאָל דערפון נישט גערעדט. שטענדיק האָבן מיר גערעדט נאָר פון וועלטלעכע זאַכן, פון סאָציאַליזם. איך האָב ווייניק וואָס פאַרשטאַנען פון דעם און דערפאַר איז אים אָנגעקומען זייער שווער מיך צו אַגיטירן. איצט, בעת איך בין ווייט פון אים, קלער איך אָפט וועגן זיינע קלוגע רייד — האָט שרה געזאָגט אין אַ טאָן פון בענקשאַפט און באַדויער.

— און דו האָסט אים איבערגעלאָזט אין טיורמע און ביסט אַוועק־געפאָרן?! — האָט מענדל געזאָגט מיט אַ טאָן פון פאָרוואורף.

— כ׳האָב געמוזט, די אומשטענדן האָבן מיך געצווונגען! — און דערביי האָט זי אַ קלער געטאָן: אפשר איז ער אויך אַ סאָציאַליסט?

ווי ער וואָלט אירע געדאַנקען געלייענט, האָט ער אָנגעהויבן אין אַ שטילן, ערנסטן טאָן:

— איך קום אַרויס פון אַ מיטלשטאַנד־פאַמיליע. מיין פאָטער איז אַ וואַלד־סוחר. איך בין געווען אַ סטודענט אין אַן אָדעסער הויכשול. אַלס סאָציאַליסט האָב איך מאַרשירט צוזאַמען מיט די אַרבעטער־מאַסן אין די מאַי־דעמאָנסטראַציעס, בין אַרעסטירט געוואָרן. עס האָט דעם פאָטער געקאָסט גענוג געלט... איך האָב געמוזט אַנטלויפן פון די פּאָליציי־אישע נעגל, געגנבעט די גרענעץ אין אַ פינצטערער נאַכט צוזאַמען מיט בערלען און משהען. ז י י זענען אַנטלאָפן פון פריזיוו. די קוילן זענען געפלויגן איבער אונדזערע קעפּ. אַנדערע זענען געפאַלן. מיר זענען אַרויס לעבעדיקע...

ער האָט פאַרביסן אַ ליפּ, אַ מינוט געשוויגן, שטאַרק געקוקט אין דער ווייטעניש און דערנאָך ווייטער גערעדט:

— דו זאָגסט, אַז דו פאַרשטייסט נישט דעם סאָציאַליזם? ס׳איז דאָך גאַנץ איינפאַך: קיין מענטש טאָר נישט לעבן אויף יענעמס פראַצע...

שפּירנדיק דעם גוטן איינדרוק, וועלכן עס האָבן געמאַכט אויף שרהן זיינע ווערטער, האָט זיך מענדל צעשמייכלט.

— נו יאָ, דאָס ווייס איך — האָט שרה צוגעגעבן — אָבער באָריס האָט געזאָגט, אַז סאָציאַליזם איז אַ זאַך, וועלכע מען מוז לערנען, שטודירן ווי איבערצובויען די וועלט אויף אַנדערע יסודות. איך ווייס גוט, אַז עס זענען פאַראַן ביכער, וועלכע דערקלערן דאָס אַלץ. אייניקע פון זיי האָב איך געפּרוּווט לייענען, אָבער איך מוז זאָגן אָפן, אַז איך האָב זיי ווייניק פאַר־שטאַנען.

— שרה טייערע, מיר וועלן לערנען, לייענען צוזאַמען און גוט פאַר־שטיין — האָט מענדל געזאָגט און האָט וואַרעם געדריקט איר האַנט.

אַן ענלעכן פייערל האָט זי אַמאָל געזען אין באָריסעס אויגן.

— לערנען? — נאָך דעם האָב איך דאָך אין מיין פריער קינדהייט

געדורשט. אָבער איך האָב געמוזט אַרויסהעלפן מיט פּרנסה. די אַרבעט־שטונדן זענען געווען לאַנגע. קיין פרייע לערן־אַנשטאַלטן זענען ביי אונדז אין שטעטל אויך נישט געווען, האָב איך מיך אַרויסגעהאָלפן דורך לייענען ביכלעך, בראָשורן, וואָס איך האָב נאָר געקאָנט קריגן.

— אַ חוץ פרייע קורסן, קורצע אַרבעט־שעהן און אַ ווילן צום לערנען, מוז מען נאָך עפּעס האָבן, אַזעלכעס וואָס זאָל אונדז דערמוטיקן, אָנרעגן צום לעבן און צום לערנען!

— צום ביישפּיל? — האָט שרה געפרעגט נייגעריק, פּונקט ווי מענדל וואָלט זיך געקליבן איר צו אַנטדעקן אַ גרויסע נייעס.

— אַ פעסטן כאַראַקטער, מאַטעריעלע מיטלען, אַ פּאַסיקע סביבה, אַ געבוירענעם דראַנג צום וויסן, און מער פון אַלץ — ליבע, ליבע אין פּריוואַטן לעבן און אין אַלגעמיינע באַציאונגען. אויב די דערמאָנטע זאַכן פעלן, בלייבן דאָס גאַנצע לערנען און שטודירן טויטע בוכשטאַבן. אין אַלץ וואָס מיר טוען, אין אַלץ, מיט וואָס מיר קומען נאָר אין באַרירונג איז נויטיק ליבע. ליבע איז די הייוון, די זון־שטראַלן, וואָס דערוועקן אַלץ צום לעבן און בליען.

ער האָט אַ טראַכט געטאָן און האָט פאַרקערעוועט דעם שמועס צוריק צו באָריסן:

— איך בין זיכער, אַז באָריס האָט דיך ליב געהאַט. ער האָט דאָס אָבער דיר נישט געזאָגט, דיר נישט געלאָזט דאָס פילן, — איז די ליבע אויסגעגאַנגען פון הונגער. וואָלט ער דערצו נישט געהאַט דערלאָזן, וואָלט דיין קורס אין לעבן געווען גאָר אַן אַנדערער. אפשר וואָלטן מיר זיך גאָר קיינמאָל נישט געטראָפן. דאָס וואָלט געווען שרעקלעך!

זיין לאַנג פּנים האָט זיך צעשמייכלט. ער האָט זי אַ צי געטאָן צו זיך, זי גענומען אויף זיין שויס. מיט איין האַנט האָט ער אַרומגענומען איר

דאָס מאָל האָט זי זיך נישט געווערט. ער האָט זיך געזעצט און האָט זי גענומען אויף זיין שויס. מיט איין האַנט האָט ער אַרומגענומען איר שמאָלע טאַליע, מיט דער צווייטער געגלעט איר ברוינעם קאָפּ, איר רונד פּנים ביז צו איר שיין געטאָקטן האַלדז.

אין דער נאַכטיקער שטילקייט, אין ציטער פון קערפּערלעכן און גייס־

טיקן געגוס זענען צייט און אָרט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. זיי זענעןביידע לאַנג אַזוי געזעסן און זיך געוואַרעמט אין זייער ליבע, ביז אַן אָפּקלאַנג פון אַ סירענע ערגעץ אויפן ווייטן ים האָט זיי אויפגעוועקט פון זייער טרוים.

זי איז געווען די ערשטע זיך אויפצוהויבן.

— מיר מוזן אויפשטיין פרי זען נאָך אַמאָל דעם זון־אויפגאַנג איידער מיר גייען אַראָפּ פון שיף.

— אַ זון־אויפגאַנג אויפן הימל־ראַנד איז ממש ווי מעשה בראשית! — האָט זיך מענדל פאַרגאַנגען אין באַגייסטערונג, און האָט צוגעגעבן:

— יאָ, עס וועט זיין צוליב וואָס צו אַרבעטן, צו לערנען און שטודירן.

— יאָ, ס'וועט זיין — האָט זי אויסגעצויגן צו אים איר האַנט.

ער האָט זי גענומען אין זיינער און האָט זי צוגעצויגן צו זיך אַזוי נאָענט, אַז זיי האָבן דערפילט איינער דעם צווייטנס אָטעם. מאַגנעטיש האָבן זיך די ליפּן פאַראייניקט אין הייסע קושן.

*

שפּעט אין דער נאַכט, ווען שרה איז אַריין אין דער שמאָלער קאַבינע, איז די פינצטערניש געווען אַזוי געדיכט, אַז זי האָט גאָרנישט נישט געזען. זי האָט געהערט די מיידלעך מורמלען, ווי מענטשן טוען דאָס געוויינלעך אין שלאָף.

זי האָט זיך אויסגעטאָן, איז אַריין אין „באַנק־בעטל״, וווּ זי איז גע־שלאָפן אונטער ברכהען. זי האָט זיך אויסגעצויגן און האָט זיך צעשמייכלט. עס זענען נאָך געווען פריש מענדלס קושן אויף אירע ליפּן.

פּלוצלונג איז זי באַפאַלן אַ מורא, ווייל אין איר אַכצן יאָריקן לעבן האָט ליבע מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ זינדיקן פּלאָנטער פון עמאָציעס און ווידערשפּרוכן, מיט וועלכע זי האָט זיך געראַנגלט. היינט האָט זי רעוואָל־טירט קעגן די באַגריפן פון איר פרומען פאָטער...

זי האָט איצט געהאַט אין איינציקן פאַרלאַנג — איינצושלאָפן. אָבער

אַנשטאָט איינצושלאָפן האָט זי געזעץ פֿאַר זיך מיט פֿאַרמאַכטע אויגן דעם טאַטנס שטראָפֿנדיקן, באַזאָרגטן פּנים, געהערט זיין פֿרומען ווייכן קול:

— ליבע איז אַ גוישע זאַך... חתונה האָבן, ברענגען קינדער אויף דער וועלט — דאָס איז המשך, ווי גאָט האָט געבאָטן!

אָבער... דאָס איז דאָך אַ ווידערשפּרוך אין דעם טאַטנס אייגענעם לעבן... און עס בליצט אויף אין איר זכרון אַ סצענע פֿון לאַנגע, לאַנגע יאָרן צוריק, ווען זי איז נאָך געווען אַ גאָר קליין קינד: די מאַמע איז שרעקלעך פֿאַראומערט, זי שרייט אויפֿן טאַטן:

— פֿאַר צו דיין עקרה, צו שׂרה־פֿייגלען קיין ארץ־ישׂראל!

דער טאַטע, ווי זיין טבֿע איז געווען, שווייגט, נאָר ער מאַכט אַ גרימאַסע, ווי אים וואָלט עפּעס וויי געטאָן. און הגם ער האָט דאָס איר קיינמאָל נישט געזאָגט, האָט זי גוט געוווסט, אַז ער האָט ליב געהאַט זיין ערשטע ווייב שׂרה פֿייגלען. ווען נישט, ווען וואָלט ער זיך נישט פֿאַרפּלאָנטערט און אָנרופֿן זיינע יעדע טעכטער מיט אַ מאָל — שׂרה, פֿייגל. זי האָט דאָס אויך געפֿילט אין זיינע שטילע קרעכצן. איינמאָל האָט זי אַפֿילו געזען טרערן אין זיינע אויגן, ווי דאָס האָט איר וויי געטאָן!...

ווען זי איז עלטער געוואָרן, האָט זי געהערט די מאַמע דערציילן פֿאַר אַ שכנה:

— מיין דוד האָט זיך געבעטן ביים רבֿ: „טיילט נישט אָפּ דעם גוף פֿון דער נשמה!“

עס האָט גאָרנישט נישט געהאָלפֿן: אַז אויב זי האָט אים נישט געבוירן קיין קינדער אין משך פֿון צען יאָר צייט, מוזן זיי זיך גטן.

— דער יונגערמאַן מוז ממשיך זיין זיין דור — האָט זי געהערט די מאַמע דערציילן.

שׂרה פֿייגל איז גלייך נאָכן גט אַוועקגעפֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. אַלע יאָר אויף ימים נוראים פֿלעגט אָנקומען פֿון איר אַ פּעקל מיט קאָלירטע טאַשמעלעך, מיט וועלכע זי פֿלעגט אויסמעסטן די הייליקע קבֿרים פֿון די אָבֿות אין ארץ־ישׂראל און צושיקן צו דודס קינדער מיט אַ סך ברכות און וואַרעמע געבעטן, אַז די קינדער זאָלן דאָס אָנטאָן אויף די הענטלעך ווי בראַסלעטן... דאָס וועט זיי פֿאַרהיטן פֿון אַלע קראַנקייטן... אַך, מיט

וואָס פאַר אַ פרייד שרה פלעגט דערוואַרטן די בלוי־ווייסע בענדלעך, פלעגט זיי אָנטאָן אויף דער האַנט און זיך ווינטשן, אַז שרה פייגל זאָל זיין איר מאַמע.

שפּעטער, ווען זי איז עלטער געוואָרן, האָט זי זיך דערטראַכט, אַז ליבע און חתונה האָבן זענען גאָר צוויי קעגנזעצלעכע זאַכן. זי האָט ליב געקראָגן ליבע און פיינט געהאַט חתונה האָבן. זי האָט פיינט געהאַט דעם רב, וואָס ער האָט צוגט דעם טאַטן מיט דער גוטער שרה פייגלען; פיינט געהאַט זיך אַליין, פאַר פיינט האָבן די מאַמע פאַרן שטענדיקן אויפוואַרפן דעם טאַטן מיט שרה פייגלען, וואָס איז טויזנט מייל ווייט פון אים.

עס דערוואַכן אין איר אַלע זכרונות פון דער פאַרלאָזענער היים; ווי דאָס לעבן דאָרט איז געווען אָרעם, גרוי און לאַנגווייליק. נישט זעלטן פלעגן פּאַרקומען קריגערייען צווישן טאַטע־מאַמע, כאָטש דער טאַטע פלעגט אַלע מאָל פאַרשווייגן. דעריבער האָט זי געמוזט זוכן ליבע און וואַרעמקייט אין דרויסן.

נאָך לאַנגע אַרבעט־שעהן אין „פּראַצאָוניע" פלעגט זי אין די אָוונטן העלפן דער מאַמען אין דער היים איבערצוניצעווען און פאַרריכטן אַלטע קליידער. ערשט שפּעט אין אָוונט פלעגט זי אַרויסגיין אין זאַקסישן גאָרטן, און אַזוי ווי זי איז געווען אַ שטילע, פלעגט זי קיינער נישט פאַרדעכטיקן אין פירן געהיימע ליבעס מיט עמעצן.

אָבער ליבעס האָבן זי נישט צופרידן געשטעלט. זי האָט געזוכט נישט גלאַט אַזוי אַ ליבע, נאָר אמתע ליבע, וואָס זאָל אויסהאַלטן ביי אַלע אומשטענדן, אַפילו ווען מען זאָל זיין אָפּגעזונדערט איינע פון די אַנדערע אויף טויזנטער מיילן, אַזוי ווי איר טאַטע מיט שרה פייגלען... אָדער אַזעלכע, וועלכע מען לייענט אין די ביכער, ווי מען האָט זיך ליב ביז צום טויט.

שרהס ערשטע ליבע איז געווען מיט משהן. ער איז געווען אַ יונגער, שוואַרצחנעוודיקער מיט ברענענדיקע אויגן און אַ זיסן שמייכעלע אויף זיינע מאָכיקע ליפּן. זיי האָבן געאַרבעט אין איין וואַרשטאַט און האָבן זיך איינע אין די אַנדערע פאַרליבט. מען האָט זיי שטענדיק געזען צוזאַמען. זי האָט איינמאָל באַשלאָסן אים אויסצופּרוון, צי האָט ער זי אמתדיק ליב. אין אַ שיינעם זומער־אָוונט, בעת זיי האָבן, ווי געוויינלעך, שפּאַצירט אין

שטאָטישן גאָרטן, האָט זי זיך אָנגעלענט אָן זיין אָרעם, פאַרמאַכט די אויגן און געזאָגט:

— עפּעס איז מיר נישט גוט געוואָרן...

ער האָט זי צוגעפירט צו אַ באַנק און זי אַוועקגעזעצט. דורך אַ ווינקל אויג האָט זי אים געזען אַוועקגיין מיט זייער שנעלע טריט...

איר צווייטע ליבע האָט זי געפונען, ווען זי איז געווען אויף וואַקאַציע אין אָטוואָצק, אַ פאַרשטאָט נעבן וואַרשע. ער איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער מיט אַ ביינערדיקן פּנים. אַ קרענקלעכער גלאַנץ האָט געטליעט אין זיינע גרויע אויגן, און רויטע פלעקן האָבן זיך געוויזן אויף זיינע איינגעפאַלענע באַקן, אין אַ ליכטיקער לבנה־נאַכט האָבן זיי שפּאַצירט צווישן געדיכטע טאַסנע־ביימער. ער האָט שטיל און פאַרשטיקט געהוסט און איר אייביקע ליבע געשוואָרן. נאָר אויף מאָרגן איז ער געבליבן ליגן אין בעט און די אייביקייט האָט אים פאַרשלונגען...

ווען זי האָט געהאַט דערציילט איר ברודער חיימען פון אירע דער־פאַרונגען אין ליבע, האָט זיך זיין הויכער שטערן אַ קנייטש געטאָן ווי ביי אַן עלטערן מענטשן. ער האָט אָנגעשטעלט אויף איר זיינע העל־בלויע שטראָפנדיקע אויגן און אַ באַזאָרגטער האָט ער געזאָגט:

— דו ביסט שרעקלעך נאַיוו, שוועסטערקע! דו נעמסט אָן תאווה, צינישקייט פאַר ליבע!... זע, זיי אַ ביסל מער איבערקלייבעריש, שפּאָרעוו־דיקער אין דיינע ליבעס...

דעם זעלביקן אָוונט האָט ער זי באַקענט מיט באָריסן...

וואָס וואָלט איר ברודער געזאָגט צו אַזאַ שיינער, צערטלעכער ליבע, ווי מענדלס? ברכה וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז זי קאָן אַזוי הייס ליב האָבן אַ פרעמדן בחור. איינמאָל האָט איר יענע פאָרגעוואָרפן, אַז זי איז אַ קאַרגע, אַז זי פאַרגינט זיך נישט צו געבן אַ בחור אַ קוש...

אַזוי האָבן זיך אירע געדאַנקען געטראָגן בליץ־שנעל אין אַ פלאָנטער פון אָפּגעריסענע איבערלעבונגען אין איר יונגן מיידלשן לעבן...

אַ גרויער פאַרטאָג האָט אַריינגעקוקט אין קיילעכדיקן שיף־פענצטערל. זייענדיק שטאַרק אויסגעשעפּט האָט זי נישט געפילט ווי אירע אויגנדעקלעך האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט. זי איז איינגעשלאָפן...

אין איר אומרואיקן שלאָף זעט זי טאַטע־מאַמע, שרה־פייגלען. זיי קוקן זיך אָן ברוגזלעך. אין דערמיט שפּרינגט אונטער באָריס אויף זיין הינקענ־דיקן פוס. מיט אַמאָל זעט זי אים הינטער די אייזערנע גראַטן. ווי קומט ער אַהין? זיינע גרויסע ברוינע אויגן קוקן אויף איר מיט אַ פאָרוואורף און איינגעשפּאַרטקייט. עס ווערט איר קאַלט... פּלוצלונג דערזעט זי, ווי מענדל טרינקט זיך אין ים. ער ראַנגלט זיך מיט די שטורמישע וועלן. ער שטרעקט אויס אַ האַנט... זי מוז אים ראַטעווען! זי וואַרפט זיך אַריין אין ים, זי וויל אָנכאַפּן זיין אויסגעשטרעקטע האַנט. מיט אַמאָל שטעלט זיך איר אין וועג דער רב. ער זיצט אויף אַ הויכער כוואַליע און לאָזט איר נישט צוקומען צו מענדלען. זי דערקענט אים — ס׳איז דערזעלביקער רב, וואָס האָט צעשיידט איר טאַטן מיט שרה־פייגלען... עס שטיקט איר. זי וויל שרייען און קאָן נישט. זי שטרענגט זיך אָן און שרייט מיט די לעצטע כוחות — ס׳איז איר סוף. זי ווערט דערטרונקען...

— שרה, שטיי אויף! — האָבן הענט געטרייסלט אירע אַקסלען.

זי האָט אויפגעעפנט אירע אויגן. דריי מיידלעך זענען געשטאַנען ביי איר בעט. זי האָט זיי אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט זיי נישט דערקענט.

— וווּ בין איך? — האָט זי געפרעגט פאַרווונדערט.

— אויף דער שיף קיין אַמעריקע — האָט ציפּע געענטפערט דער־שראָקן און האָט געווישט דעם שוויס פון פּנים.

— מן הסתם האָט זיך איר געחלומט, דער רביצין, אַז אַ בחור וויל איר אַ קוש געבן, האָט זי אים נישט געלאָזן... זיך געראַנגלט מיט אים — האָט ברכה געזאָגט און זיך צעלאַכט מיט איר הילכיקן געלעכטער.

ציפּע און זלאַטע האָבן געקוקט אויף ברכהן מיט שטעכעדיקע בליקן און פאַרביסענע ליפּן. שרה האָט זיך אויפגעשטעלט און אַרויסגעקוקט דורכן קליינעם שיף־פענצטערל צום גרויען ים און געזאָגט:

— אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד; איך האָב פאַרשפּעטיקט דעם זון־אויפגאַנג!

# מיר קומען אָן קיין ניו־יאָרק

עס איז אַ פיינער סוף־זומער־פרימאָרגן. די זון רייסט זיך אַדורך פון צווישן די גרויע וואָלקנס. די כוואַליעס פּאַטשן דעם בויך פון דער שיף, וואָס סאָפּעט ווי אַ פאַרמאַטערט פערד. צוועלף טעג נאָכאַנאַנד האָבן זי די ברויזיקע כוואַליעס געוויגט און געהויבן, געוואָרפן און געשטויסן צו די אַמעריקאַנער ברעגן.

איצט דערנענטערט זי זיך צו דער ערשטער סטאַנציע — ניו־יאָרק.

אַ גאַנצע נאַכט האָט ביילקע קיין אויג נישט צוגעמאַכט. עפּעס אַ קלייניקייט — היינט קומען זיי אָן קיין אַמעריקע! זיי וועלן זיך צוזאַמענ־קומען מיט זייער טייערן יאָסעלעז, וועלכער האָט אַ פּושקאַר און איז שטיינרייך, מיט אים וועלן זיי, זי מיט איר אברהם בערן, אויסלעבן זייערע אַלטע יאָרן.

שטייען זיי אויפן פייכטן שיפדעק מיט רויטע, נישט־אויסגעשלאָפענע אייגן און קלאַפנדיקע הערצער... ווער ווייסט, וואָס דער אויגן־דאָקטער וועט טאָן מיט זיי. אפשר נאָך צוריקשיקן, חלילה...

עס שטייען די עמיגראַנטן פון פאַרשידענעם עלטער, איינגעוויקלטע יעדער אין זיין אַלטער קאַפּאָטע, די פרויען און מיידלעך מיט די פאַר־בונדענע פאַטשיילקעס אויף זייערע קעפּ; פּעקלעך ליגן אָנגעלייגט ביי די זייטן. אַלע מינוט הערט זיך אַ פריידיקער אויסגעשריי:

— איך זע לאַנד! אָט קומט אָן נאָך אַ שיף, נאָך איינע! — שרייט אַ קינדיש דין שטימעלע און אַן אויפגעברויזט ייִנגעלע רייסט זיך צום אייזערנעם פאַרענטש.

די מאַמע ציט אים צוריק:

— מען טאָר נישט גיין אַזוי נאַקעט!... מען קאָן נאָך, חלילה... — און גיט אים אַ פּעטשל אין הינטערחלק.

— איך זע דאָרטן אַ הויכע דאַמע מיט... עפּעס האַלט זי אין האַנט אַזוי הויך — זאָגט די יידענע, וואָס פירט קיין אַמעריקע אַ טלית פאַר איר מאַן.

— נאַרישע יידענע. די דאַמע, וואָס איר זעט דאָרטן, איז דער סימבאָל פון דער אַמעריקאַנישער פרייהייט — זאָגט דער יונגערמאַן מיט דער שפּאַקטיוועס פאַר זיינע אויגן.

— לעבט זי, די אַמעריקאַנקע, ווי רופט איר זי, „סימבע״?

דער יונגערמאַן שיסט אויס מיט אַ הילכיק געלעכטער.

— זע נאָר, ווי ער לאַכט פון מיר. ער רעדט דאָך יידיש, אַבי איך האָב געמיינט די גאַנצע צייט, אַז ער איז אַ פּריץ... אויך מיר אַ פּריץ!

אָנגעשפּאַרט אויף דער אייזערנער פּאַרענטש שטייען די שיף־שוועסטער און ברידער מיט צעפּלאַמטע, פריידיקע פּנימער. זייערע אויגן קוקן פאָרויס צו די אָנקומענדיקע ברעגן; זייער פאַנטאַזיע צעשפּילט זיך איצט שטאַר־קער ביים אָנקוקן די קוים־באַמערקבאַרע, ווייטע פייערלעך... שיפן און שיפלעך, אינדזלען — שטיקער ערד — אַמעריקאַנער ערד! טאַנצן זיי אונטער אַנטציקטע, מיט קינדערישע אויגן פון די וווּנדער, וואָס קומען זיי אַנטקעגן אַלץ נענטער און נענטער.

אין אַ זייט שטייט זלאַטע, אָן אָפּגעזונדערטע פון אַלעמען, ווי שטענדיק. זי שטייט און קוקט מיט אַ פאַרטייעט פייערל אין אירע האַלב־אויסגע־לאָשענע אויגן...

עס טאַנצן אונטער אין פריידיקער דערוואַרטונג מאַטילדעס פיר יינגלעך. זייער מאַמע האַלט אין האַנט אַ צעקנייטשט פּאַפּירל: דעם בריוו פון איר מאַן, ווו עס שרייבט זיך, אַז ער וועט איבערלאָזן די וועגן, וואָס ער בויט אין באָסטאָן און וועט קומען קיין ניו־יאָרק אַרונטערנעמען זי מיט די קינדער פון דער שיף.

דער מאָמענט איז אַן אָנגעצויגענער, אַ געשפּאַנטער.

אָט נישט לאַנג זענען די עמיגראַנטן געווען איין גרויסע משפחה. מען האָט זיך געהאַלטן אַלע צוזאַמען, נאָענט. נאָר קוים האָט מען דערשמעקט

ערד, יבשה, איז יעדער איינער געוואָרן אַ וועלט פאַר זיך. יעדעס האַרץ האָט איצט געצויגן אַהין, צו די אַמעריקאַנער משפּחה־קרובים.

— די פאָן, די אַמעריקאַנער פאָן! — האָבן זיך די עמיגראַנטן צעשריען אין פאַרשידענע שפּראַכן. העכער פון אַלעמען האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען אין יידיש.

מיט יעדן מאָמענט זעט זיך די פלאַטערנדיקע פאָן אַלץ דייטלעכער, און אָט זעען שוין אַלע די רויטע ווייסע שטרייפן און ציילן די אַכט און פערציק שטערן.

אַלעמענס פּנימער לייכטן מיט אַ פריידיקן שמייכל... נאָר אָט דער־מאָנט מען זיך, אַז מען דאַרף נאָך דורכגיין דעם „קעסל־גאַרדן", דעם אויגן־דאָקטער, און מען ווערט ווידער אומעטיק און צערודערט... ווער ווייסט ? !

# אין באלטימאר

# אין באַלטימאָרער האַפן

שפּעט נאָך האַלבן טאָג, ווען די זון איז געשטאַנען הויך, איז די שיף „מעין" אַריינגעקומען אין באַלטימאָרער האַפן.

איצט, צום לעצטן מאָל, במשך דער זיבנוואָכיקער רייזע, זענען די עמיגראַנטן געשטאַנען מיט די פּעק אויף די פּלייצעס, מיט שאַכטלעך אין די הענט און מיט קינדער ביי דער זייט, צעקנייטשטע, מידע, מיט נייגיר אין די אויגן און מיט דערפרייטע הערצער.

מען איז ענדלעך אָנגעקומען קיין אַמעריקע. ענדלעך, ענדלעך...

אין אַ ווינקל פון דער גרויסער אימיגראַנטן־געביידע איז געשטאַנען די אַמעריקאַנער פאָן, וואָס די ניי־געקומענע האָבן צום ערשטן מאָל דערזען און האָבן זיך פאַר איר פאַרנייגט.

ביי אַ לאַנגן הילצערנעם טיש איז געזעסן אַן אימיגראַציע־באַאַמטער. ער האָט געשטעלט פראַגן אַ יונגן אַמעריקאַנער, וועלכער איז געקומען אָראָפּנעמען פון שיף זיין אַלטע מוטער. יענער האָט געענטפערט אויף די פראַגן און דער באַאַמטער האָט געשריבן, וואַרפנדיק פון צייט צו צייט זייטיקע בליקן אויף דער איינגעדאַרטער אַלטער פרוי מיט דער פאַטשיילקע אויפן קאָפּ. דער זון, וואָס איז געווען הויך און ברייט, האָט זיך פון מאָל צו מאָל געהאַט איינגעבויגן און געקוקט מיט רעספּעקט און ליבשאַפט דער מוטער אין פּנים אַריין.

דער באַאַמטער האָט באַשלאָסן, אַז די מוטער וועט נישט פאַלן אַמע־ריקע צו לאַסט. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם יונגנמאַן פּאַפּירן. יענער האָט זיך אונטערגעשריבן. איין פּאַפּיר נעמט דער באַאַמטער צו זיך, דאָס צווייטע באַהאַלט דער יונגער אַמעריקאַנער אין זיין בוזעם־קעשענע, קושט דער מאַמען, און ביידע גייען אַרויס פון צימער דערפרייטע.

יעדעס מאָל ווען עס באַוויזט זיך אַן אַמעריקאַנער משפּחה, גיבן זיך די אימיגראַנטישע העלדזער אַ צי אויס; די אויגן שטעלן זיך אָן אויף די אַריינגעקומענע, יעטוועדער קלערט: אפשר צו מיר? מען דער־קענט זיך אָפט נישט אויפן ערשטן בליק. אַלע זענען זיי, די אַמעריקאַנער, אין ריינע קליידער, אויסגעפּוצטע שיך, ציכטיקע, יום־טובדיק געשטימטע, פולע מיט דערוואַרטונג.

און אָט שטייט שוין אַ צווייטער, אַ דריטער אימיגראַנט פאַרן אינ־ספּעקציע־באַאַמטן. יענער שטעלט פראַגן און פאַרשרייבט ענטפערס. און נאָך איידער־וואָס ווען פאַלן איינע די אַנדערע אויף די העלדזער. מען קושט זיך, מען פרייט זיך. עס עפנט זיך אַ טירל און מען גייט אַרויס גליק־לעכע, צופרידענע.

— שטעלט זיך גלייך אין דער ריי — האָט ווי באַפוילן אַ מיטליאָריקער מענטש אין אַ היימישן יידיש — אַז מען וועט אייך דאַרפן וועט מען אייך רופן — זאָגט ער צו די איבעריקע אימיגראַנטן.

אין די אימיגראַנטישע רייען שושקעט מען זיך. מען זאָגט וועגן אים, אַז ער איז אַ דאָלמעטשער (איבערזעצער) פאַר יידישע איינוואַנדערער.

— מיר שטייען גלייך — האָט געענטפערט אַן עלטערער ייד מיט אַ גרויער באָרד און האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך, צי איז שוין זיין משפּחה געקומען אים אָפּנעמען.

— ער דאַרף „זיי" וויזן, אַז ער טוט עפּעס — האָט זיך אָנגערופן אברהם בער און האָט געוואָרפן בייזע בליקן אויפן דאָלמעטשער.

— וואָס געהער זיך אָן די יונגע פרוי מיט אייך? — האָט דער באַאַמ־טער געפרעגט אַ יידן מיט אַ שוואַרצער אונטערגעשוירענער באָרד.

— זלאָטע? — „שי איז מיי סיסטער" — ענטפערט דער ייד האַלב־ענגליש און האַלב־יידיש און לייגט אַרויס זיינע פאַפּירן אויפן טיש.

זלאָטע שמייכלט, אפשר דעם ערשטן שמייכל זינט זי האָט פאַרלאָזן די היים.

עס עפנט זיך דאָס טירל און זיי גייען אַרויס.

אַלע עמיגראַנטן פרייען זיך: מען לאָזט דאָ אַלעמען אַריין קיין אַמעריקע.

עס דאַכט זיך אויס, אַז הינטער דער טיר שטייט אַ גרויסע חיה און פאַרשלינגט דעם גאַנצן שטראָם אייגוואַנדערער, וואָס די פילע שיפן ברענגען טאָג־טעגלעך צו די אַמעריקאַנישע ברעגן.

אָבער וועגן דעם האָט זיך אַריינגעטראַכט בלויז די פאַרחלומטע שרה. די אימיגראַנטן, וואָס זענען געשטאַנען פאַרן באַאַמטן האָבן נישט פון דעם געקלערט. זייערע אויגן האָבן זיך געצויגן צו דער טיר, דורך וועל־כער די אַמעריקאַנער משפחות האָבן באַדאַרפט אָנקומען. זייערע הערצער האָבן געגאַרט נאָך אַ היים, אַ רואיקער היים פון פרייד, אַרבעט און פאַמי־ליאַרישקייט.

מיט אַ מאָל זענען אַלע הינגעריסן געוואָרן דורך אַ טשיקאַווער געשעעניש ביים טיש. עס זענען געשטאַנען פאַרן אינספּעקטאָר צוויי יונגע, שיינע בחורים, קעגנאיבער זיי זענען געשטאַנען צוויי מיידלעך, העניע און באַשע — זייערע כלות, פאַרפּוצט אין בלויע קליידער מיט ווייסער קרוזשע־ווע, מיט בורשטינענע קרעלן אויף די ווייסע, שיין געטאָקטע העלדזער און קורצע ווייסע הענטשעקלעך אויף די הענט, אָט אַזוי ווי זיי האָבן זיך געהאַט אָפּגערעדט בעתן פאָרן אויפן שיף, אַז זיי וועלן זיך אָנטאָן אין שענסטן און אין בעסטן און וועלן זיך קושן מיט זייערע חתנים אַזוי, אַז אַלע מענטשן זאָלן זען און זיי מקנא זיין. נאָר דערווייל האָבן זיי זיך נאָך נישט געקושט. די בחורים האָב געהאַלטן אין איין אַרויסליגן פּאַפּירן און דער אינספּעקטאָר איז נאָך אַלץ נישט געווען צופרידן. ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין שטעלן פראַגן און דער דאָלמעטשער האָט אים יעדעס מאָל אַרויסגעהאָלפן.

ער האָט זיך אויך גענומען אויספרעגן די מיידלעך, ווי לאַנג זענען זיי באַקאַנט מיט די בחורים, צי זענען זיי פאַרקנסט? און צי ווייסן זיי דאָס אַמעריקאַנישע געזעץ, אַז אויב זיי קומען צו חתנים, מוזן זיי חתונה האָבן דאָ אויפן אָרט, איידער מען לאָזט זיי אַריין קיין אַמעריקע? און נאָך אַזעלכע פראַגן, פון וועלכע די מיידלעך האָבן זיך געררויטלט.

די בחורים זענען געוואָרן אומגעדולדיק. דאָס האָבן געזאָגט זייערע יונגע, אומרואיקע אויגן און זייערע פינגער, וואָס האָבן יעדן אויגנבליק פאַרשאַרט צעשויבערטע טשופּרינעס. אָבער דער אימיגראַציע־באַאַמטער

איז געבליבן, ווי דער שטייגער איז, קאַלט און שטרענג. ער האָט געהייסן זיי צוווּאַרטן טאַקע דאָ אין אימיגראַנטן־הויז. ער האָט זיי אָנגעוויזן אויף צוויי באַזונדערע טירן — רעכטס פאַר די כלות און לינקס פאַר די חתנים און האָט צוגעגעבן, אַז באַלד וועט קומען אַהער אַ ראַביי און וועט זיי געבן חופה וקידושין.

— יאָ, זיי וועלן וואַרטן !...

מענדל און אַ שוואַרצחנעוודיקע פּרוי זענען געשטאַנען איצט ביים טיש פון דעם אינספּעקטאָר. ער האָט דער פרוי געשטעלט עטלעכע פראַגן, זי האָט געענטפערט, און באַלד האָבן זיי זיך צעקושט. ער האָט זי געקושט, ווי מען קושט אַ שוועסטער, אין די באַקן, און ער האָט געקושט זי, שרהען, אין די ליפּן, אויפן האַלדז און אַפילו אין די האָר אויפן קאָפּ.

— וועט ער דאָס געדענקען ? יאָ, ער וועט דאָס געדענקען, און זי — אויך, און עס ווערט איר אַזוי גוט אויפן האַרצן.

— און אפשר ? — באַפאַלט איר פּלוצלונג אַ צווייפל — ווער ווייס. אַלץ בייט זיך דאָ אַזוי שנעל, אַז עס שווינדלט איר אין די אויגן. די אימי־גראַנטן האָבן קוים באַוויזן צו באַטרעטן די אַמעריקאַנער ערד, און אַלץ האָט זיך שוין געביטן. מען איז דאַכט זיך אויפן שיף געווען אַזוי נאָענט, איינגעלעבט, פאַרשוועסטערט און פאַרברידערט זיך, אַפילו געשוואָרן איינע די אַנדערע ליבע, — און אָט איז מען נאָר געקומען פאַר דער אַמעריקאַנער „טירל״, און יעדער איינער איז אַוועק מיט זיין אַמעריקאַנער משפחה אין אַ באַזונדערן ווינקל פאַר זיך. פון „שיף־שוועסטער און שיף־ברידער״ זענען זיי ווידער געוואָרן פרעמדע. די איינציקע, וואָס טוליעט זיך צו איר, איז איר קוזינע ציפּע, ווייל אויפן פּאַספּאָרט איז זי פאַרשריבן אַלס איר דינסט, מוז זי דאָך האַלטן זיך מיט איר צוזאַמען ביים אַרונטערגיין.

אָט האָט זי געזען דאָרטן שטיין בערלען. אויך זיינע אויגן האָבן געזוכט משפחה, וואָס האָט באַדאַרפט קומען אים אָראָפּנעמען. ער האָט זיך צוגע־קוקט צו זיינע שיף־שוועסטער, וואָס זענען געשטאַנען אין דער ריי, האָט געשמייכלט צו זיי און געפאָכעט מיט אַ ווייסן טיכל. צי האָט ער בעת מעשה געטראַכט וועגן ברכהן ? דאַכט זיך, אַז נישט. זי האָט געקוקט אויף אים, נאָר ער האָט זי נישט באַמערקט. זיינע געדאַנקען זענען ווידער געווען צוגע־

פעסטיקט צו דער טיר, דורך וועלכער עס זענען אָנגעקומען פון מינוט אויף מינוט אַלץ מער און מער אַמעריקאַנער משפחות.

און משה? ער איז געווען פאַרטיפט אין אַ שמועס מיט זיינעם אַן אָנקל, וועלכער איז געווען ענלעך צו אים. יענער האָט געטראָגן אַ גרויען אַנצוג, אַ האַרטן הוט אויפן קאָפּ און שוואַרצע לאַקירטע שיך אויף די פּיס, זייער גלאַנציקע. מיט אַ מאָל איז ער געוואָרן עפּעס אומגעדולדיק, האָט שטאַרק זשעסטיקולירט מיט די הענט, געוואָרפן בליקן צו דער טיר האָט זיך פאַרמאַכט הינטער אים.

גאַנגען, און פּלוצלונג האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ און, דערזעענדיק ציפּען האַרט ביי שרהס זייט, איז ער גערירט געוואָרן, האָט געשמייכלט צו איר זייער וואַרעם, צוזאָגנדיק, און זי האָט אים געענטפערט צוריק מיט אַ שמייכל.

האָט זי אפשר אין יענעם אויגנבליק געטראַכט וועגן איר ערשטער ליבע צו משהן?... יאָ, זי האָט זיך גערויטלט און נאָכגעקוקט אים ביז די מיר האָט זיך פאַרמאַכט הינטער אים.

קיין איינער פון די „שיף־ברידער" איז נישט צוגעקומען מיט זייערע אַמעריקאַנער קרובים פאַרצושטעלן פאַר זיי זייערע „שיף־שוועסטער". פון דעם האָט זיך שרה געפילט געקרענקט און באַליידיקט. אויך ציפּע האָט געהאַט דעם זעלביקן שווערן געפיל. זי האָט אַרויפגעקוקט צו שרהן, וועלכע איז געווען העכער און קרעפּטיקער פון איר און האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— מיינסטו, אַז מיני און פייגל וועלן באַלד קומען אונדז אַראָפּנעמען?

— אַוודאי, מיר האָבן דאָך דעם שיף־באַאַמטן באַצאָלט פאַר אַ טעלע־גראַמע פון ניו־יאָרק און אָנגעזאָגט וועגן אונדזער אָנקומען. זאָרג נישט, ציפּע, דו וועסט זען, זיי וועלן באַלד זיין דאָ, — האָט זי שרה געטרייסט.

— זע נאָר! דוד און יוסף קושן זיך מיט עלטערע יידן! — האָט אויסגערופן ציפּע אַ דערמוטיקטע, ווי דאָס וואָלטן געווען אירע אמתע, לייבלעכע ברידער.

— דאָס זענען זייערע פעטערס, ציפּע, צו וועלכע זיי זענען געפאָרן, — זע, זיי לאַכן.

— אויפן פּאַספּאָרט שטייט פאַרשריבן נאָך אַ נאָמען: ציפּע גאָלדמאַן, אַ דינסט צו שרה קויפמאַן — לייענט אַרויס דער ייִדישער דאָלמעטשער פון פּאַספּאָרט און קוקט אויףביידע מיידלעך און אויף פייגלען, וואָס איז אין צווישן אָנגעקומען מיט אַ קליין קינד אויף די הענט און האָט זיך צעקושט מיט דער אָנקומענדיקער שוועסטער שרהן.

— אַ דינסט? — וווּנדערט זיך פייגל. זי האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן, זיך דערמאָנט וואָס שרה האָט געשריבן:

— כ׳פאָר אויף איין פּאַספּאָרט מיט ציפּען, ס׳איז ביליקער אַזוי.

די שוועסטער האָבן זיך איבערגעקוקט מיט פרמאַכטע אויגן און ליפּן, וואָס האָבן גערעדט און זיך פאַרשטאַנען...

— דזשענטלמען, עס איז אַזוי — האָט פייגל גערעדט לאַנגזאַם, ווי זי וואָלט געציילט יעדער זילבע — ציפּעס עלטערן זענען אָרעמע דאָרפס־מענטשן. ציפּע איז געווען אַ דינסט ביי די עלטערן אין וואַרשע. נו, האָט זי זי מיטגענומען, פאַרשריבן אויפן פּאַספּאָרט אַזוי. איך גאַראַנטיר פאַר איר.

די שיף־באַאַמטע האָבן מיט פאַרשנדיקע בליקן אָפּגעמאָסטן די צוויי מיידלעך אין זייער אָרעמער קליידונג מיט די פּעקלעך אין די הענט. איינע איז געווען בלאַס פון שרעק, די צווייטע — רויט און פאַרשעמט.

דער דאָלמעטשער און דער אימיגראַציע־באַאַמטער האָבן עפּעס גע־רעדט שטיל צווישן זיך, צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און דערלאַנגט פייגלען די פּאַפּירן. זי האָט זיך אונטערגעשריבן. דאָס קינד, האַלב זיצנדיק, האַלב ליגנדיק אויף איר לינקן אַקסל, האָט זיך צעוויינט. די מענטשן אַרום האָבן זיך צעשמייכלט. דער שמייכל האָט זייערע פּנימער פאַרווייכערט און פאַר־שענערט.

פייגל האָט געדאַנקט די שיף־באַאַמטע און מיט שנעלע טריט, ווי זיי וואָלטן געווען אין גרויס געאייל וואָס שנעלער צו זיין אויף דער פריי, וואָס שנעלער זיך באַהעפטן מיט דער גרויסער אַמעריקע, — זענען זיי זאַלבעדריט אַרויס.

אויף דער גאַס האָט זיי אַ כוואַליע הייסע לופט אַ שלאָג געטאָן אין די פּנימער. זיי האָבן צווישן זיך נישט גערעדט, נאָר טיף אָפּגעאָטעמט און

זיך אָפּגעשטעלט, ווי זיי וואָלטן געמיט זיך אויפנעמען אין זייערע געדאַנקען און אָריענטירן זיך אין דעם וואָס עס איז געשען.

עס איז אָנגעקומען אַ באַס און האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיני איז אַרונטער פון דעם באַס. זי האָט דערזען פייגלען מיטן קינד אויף די הענט, די מיידלעך ביי די זייטן, ווי זיי שטייען ביי דער אימיגראַציע־געביידע און זי האָט פאַרשנעלערט איר טראָט, איז צוגעלאָפן אַ פּאַרסאָפּעטע צו ציפּען מיט אויסגעשטרעקטע הענט, איז אַרויפגעפאַלן איר אויפן האַלדז און געקושט. צווישן איין קוש און דעם צווייטן האָט זי געהאַלטן אין איין פרעגן:

— וואָס זשע מאַכסטו, ציפּקעלע? ווי גליכסטו אַמעריקע?

דערנאָך האָט זיך צעקושט מיט שרהן און, ווי זי וואָלט זיך פאַר עמעצן פאַרענטפערט, האָט זי געהאַלטן אין איין רעדן:

— נישט געקאָנט זיך אַרויסרייסן. נישט געווען אויף וועמען צו לאָזן די קינדער, געדאַרפט קומען פריער.

זי האָט אויסגעמיטן צו קוקן אויף פייגלען. עס האָט זיך געשפּירט אַ געשפּאַנטקייט צווישן זיי.

שרה האָט געקוקט אויף מיניס ווייסן פּנים, אויף איר דינער דורכזיכטיקער הויט, אויף אירע גרוי־בלויע פאַרשנדיקע אויגן, עפּעס איז אין זיי געלעגן אַזעלכעס, וואָס האָט גלייך באַשולדיקט זיך און יענעם.

פייגל האָט געמאַכט אַן אומגעדולדיקע באַוועגונג ווי מיט דער כוונה צו לאָזן זיך גיין. נישט ווילנדיק האָבן זיך זייערע בליקן באַגעגנט און אַרונטערגעלאָזן.

— איר בײדע גייט. היינט אָוונט, ווען דזשעק און מעקס וועלן קומען פון דער אַרבעט, קומט אַלע צו מיר אין הויז. איך דאַרף דאָ אויסגעפינען אינפאָרמיישן וועגן באַגאַזש — האָט פייגל געזאָגט, קוקנדיק מער אויף ציפּען ווי אויף מינין. כאָטש זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז דאָס איז פון איר זייט נאָר אַן אויסרייד, אַז זי וויל אין דער אמתן נאָר בלייבן אַליין מיט דער שוועסטער און אַז דער באַגאַזש איז נאָך כלל נישט אויסגעלאָדן, — האָבן זיי זיך צעשיידט מיט אַ שמייכל אויף זייערע ליפּן.

ווען דער באַס, וועלכער האָט פאַרנומען מינין און ציפּען איז שוין

געווען געבוג ווייט פון אויג, האָט פייגל פריי אָפּגעאָטעמט. זי האָט גענומען די שוועסטער ביי דער האַנט און געזאָגט:

— קום, וואָס האָסטו זיך דאָרט פאַרקוקט?

— איך קוק ווי מענטשן מאַרשירן איילִיק אַרויף און אַראָפּ איבער די גאַסן. איך זע ווי שוואַרצע יונגע אַרבעטער גייען אַרום נאַקעט ביז צום גאַרטל, טראָגן אויף די פּלייצעס גרויסע פּעק, וואַרפן זיי אויף די פורן און לויפן כסדר צו ברענגען פרישע פּעק, און זייערע פאַרשוויצטע לייבער גלאַנצן אַזוי אונטער דער הייסער זון! זאָג נאָר, ווער זענען דאָס די שוואַרצע מענטשן? — האָט געפרעגט שרה אַ נייגעריקע.

די שוועסטער האָט נישט געהערט איר פראַגע. זי האָט געזוכט מיט די אויגן דעם טראַמוויי, וואָס פאָרט אין איר גאַס אַריין.

— קום, לאָמיר זיך שטעלן דאָ. באַלד וועט אָנקומען אונדזער טראַמ־וויי — האָט געזאָגט פייגל, צופרידיק שרהן צו אַ ראָג גאַס.

— קום, שיינדעלע, צו מיר! — האָט שרה אויסגעצויגן די הענט צום קינד.

דאָס אַכטחדשימדיקע קינד האָט פאַרקרימט דאָס קליינע פּנימל, פאַר־צויגן דאָס מיילעכל און האָט זיך ווידער צעוויינט.

— דאָס איז דיין מומע, שיינדעלע, — האָט פייגל געזוכט איינצושטילן דאָס קינד.

איר קול האָט געקלונגען עפּעס אַזוי ווייט און פרעמד — דאָס איז געווען שרהס ערשטע אַנטוישונג אין אַמעריקע.

עס איז צוגעקומען אַ קליינער עלעקטרישער טראַמוויי. אַ גלעקל האָט זיך צעקלונגען און דער טראַמוויי האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דער טראַמוויי איז געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן אין בלויע בלוזעס. אַנדערע פון זיי זענען געגאַנגען נאַקעט ביז צום גאַרטל. זייערע פאַרברוינטע פּלייצעס האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין שכנישע פּלייצעס און אין די בלעכענע ווארמעס־קעסטלעך, וואָס די אַרבעטער האָבן געהאַלטן אין זייערע הענט. אַ שאַרפער ריח פון שווייס האָט געריסן די נאָזלעכער.

אַ יונגער אַרבעטער מיט אַ פאַרעלטערט, צעקנייטשט פּנים האָט גע־שפּאָסט מיטן קאָנדוקטאָר, דערלאַנגט אים אַ מטבע און געזוכט אַ פּלאַץ ווו

אַוועקצווזעצן זיך. דערזעענדיק די צוויי יונגע פרויען מיטן קינד אויף די הענט, האָט ער אויסגעזוכט אַ פרייע באַנק אין סאַמע הינטערגרונט פון טראַמוויי, האָט זיי פאַרגעלייגט זיי זאָלן זיך זעצן און איז אַליין געבליבן שטיין. שרה האָט געקוקט אויף זיין מידן פנים, האָט זיך ווי געפילט שולדיק אַנטקעגן אים און האָט זיך אַוועקגעזעצט באַקוועם אויפן פאַרגעלייגטן פלאַץ מיט איר קאַרזינקעלע אויפן שויס.

פייגל האָט זיך אַוועקגעזעצט מיטן קינד אויף אירע הענט. אירע קלוגע, קליינע, פאַרשנדיקע אויגן, — איר גאַנץ פנים האָט געטראָגן דעם אויסדרוק פון נייגיר און פון דעם ווילן צו פרעגן און פרעגן.

אַ מינוט האָט זי געשוויגן, ווי זי וואָלט געקלערט, וואָס פריער צו פרעגן. שרה האָט פאַראיינס געסמאָטשקעט צו דעם קינד, ווי זי וואָלט וועלן מאַכן מיט אים פריינטשאַפט, נאָר דאָס קינד האָט כסדר באַהאַלטן זיין פנימל אין דער מוטערס בוזים. שרהן האָט דאָס פאַרדראָסן און זי האָט געזאָגט האַלב שפּאַסנדיק, האַלב ערנסט:

— אַן אַמעריקאַנער קינד שרעקט זיך פאַר אַ גרינער.

— דו ביסט נאָך אַלץ אַזוי עמפינדלעך, שרהלע, ווי געווען? דו געדענקסט דאָך מיך. כ׳האָב נישט ליב קיין פילאָזאָפיע. דערצייל מיר בעסער פון דער היים. וואָס מאַכט די מאַמע, דער טאַטע? הוסט ער נאָך אַלץ ווי אַמאָל? וואָס טוט אהרן, און אונדזער קליין ברודערל חיים? לערנט ער נאָך אַלץ פון דעם הויזלערערס ביכער? אַ קלייניקער איז ער דאָך געווען ווען איך האָב געהאַט פאַרלאָזן די היים. ווי זעט ער איצט אויס, חימל?

אַרויסברענגענדיק זיין נאָמען אויף אירע ליפּן, האָט זיך אַ שמייכל צעלייגט איבער איר פאַרהאַרטעוועט פנים און עס פיל ווייכער געמאַכט...

— חימל איז אויסגעוואַקסן גרויס און שיין. אַלע מיידלעך איז זאַק־סישן גאָרטן לויפן אים נאָך. ער איז אָבער צו ערנסט פאַר זיי. ער אַרבעט מיט אהרנען ביי שלאָסעריי, ער לייענט אַ סך ביכער און אין די נעכט שרייבט ער פּעליעטאָנען... ער קלייבט זיך שטעלן דעם קומענדיקן יאָר צום פּריזיוו... די מאַמע, קאָנסטו גוט פאַרשטיין, איז שוין שטאַרק פאַר־זאָרגט.

— שוין אַ גרויסער, חיימל! — האָט פייגל אַ פאַרטראַכטע גערעדט ווי צו זיך אַליין. דער שמייכל אויף איר פּנים איז פאַרשוווּנדן.

— און ווי לעבט זיך אייך דאָ, שוועסטער? וואָס מאַכט דיין מאַן און דיינע אַנדערע צוויי קינדערלעך? ווי לערנען זיך דיינע קינדער? איך בין שוין נייגעריק צו באַקענען זיך מיט זיי אַלעמען. ווי טאַטע־מאַמע וואָלטן גליקלעך געווען דאָס צו דערלעבן!

אַ פּאָר מינוט האָט פייגל געשוויגן, דערנאָך האָט זי געענטפערט אויף שרהס פראַגע:

— אָלרייט, איך מיין גוט, הערי איז אין ניו־דזשערזי. מען צאָלט דאָרט אַ בעסערן געהאַלט צו קאַרפּענטערס, ווי דאָ אין באַלטימאָר.

— קענסט שוין גוט רעדן ענגליש. ווי איך פאַרשטיי, זענען אין ענג־ליש פאַראַן אַ סך יידישע ווערטער. „סיסטער" קלינגט אַזוי גוט ווי שוועס־טער. „יעס" איז יאָ. פון „אָלרייט" האָב איך אויך געהערט. אָבער וואָס האָסטו עפּעס געזאָגט „ווידזשעס" — דאָס וואָרט ווייס איך נישט.

פייגל האָט אַ לייכטן שמייכל געטאָן, פון וועלכן עס איז שרהן וואָרע־מער געוואָרן אויפן האַרצן און האָט איר צוגעגעבן מוט צו פרעגן נאָך פראַגן.

— ווי קומט דאָס, וואָס דאָ איז נישטאָ קיין פרייהייט־סטאַטוע, קיין קעסל־גאַרדן, קיין דאָקטוירים, וואָס זאָלן אונטערזוכן די אימיגראַנטישע אויגן?... און דו, פייגל, האָסט נאָך אויך נישט געענטפערט אויף מיין פריערדיקער פראַגע: ווער זענען דאָס די שוואַרצע מענטשן? כ'האָב זיי געזען שלעפּן פעק. מיר זעען זיי אויך דאָ אין טראַמוויי. ווער זענען זיי? פון וואַנען קומען זיי? — האָט שרה כסדר געפרעגט און געמאָנט אַן ענטפער אויף אירע פראַגן.

— זיי זענען אַרבעטער און קומען פון אַפריקע. ווען דו וועסט דיך „אויסגרינען", וועסטו וויסן מער... און די פרייהייט־סטאַטוע, מיטן קעסל־גאַרדן און מיט די דאָקטוירים, וואָס זוכן טראַכאָמע אין די אימיגראַנ־טישע אויגן? — דאָס אַלץ איז אין ניו־יאָרק. מיר דאָ אין באַלטימאָר

דאַרפן זיי נישט האָבן. מיר קריגן נישט אַריין אַזוי פיל אימיגראַנטן אין אַ חודש.

דער קאָנדוקטאָר האָט אָפּגעשטעלט דעם טראַמוויי צום צענטן מאָל. זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען אין אַ שמאָלער גאַס. קליינע איינגעהויקערטע הייזלעך מיט הילצערנע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט גלייך אַרויף, ווי אויף אַ לייטער, אין די שטובן אַריין. שרה האָט עס אין געדאַנק פאַרגליכן מיט די גרויסע מויערן אין וואַרשע, און מיט אַ שווער געמיט איז זי געגאַנגען נאָך איר שוועסטער איבער די הויכע הילצערנע טרעפּ. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין פאָרהויז. פון איין זייט איז געווען אַ שלאָפצימער, פון דער צווייטער זייט — אַ קליינער וווינצימער און קעגנאיבער — די קיך. אַלץ אין שטוב איז געווען זויבער, ריין. ווייסע פאָרהענגלעך אויף די פענצטער, ריינע אָפּגעשייערטע דילן. אַ ניקל־באַפּוצטער אויוון האָט געגלאַנצט אין קיך. דורכן אָפענעם פענצטער האָבן זיך געלאָזט הערן שטימעלעך פון קליינע קינדער.

שרה האָט אָפּגעצויגן דאָס ווייס־געפּרעסטע פאָרהענגל און האָט אַריינגעקוקט אין דעם פאַרצאַמטן הויף: עס איז נישט געווען צו זען קיין גרעזל, קיין בלימל. דער גאַנצער הויף איז געווען אויסגעפּלאַסטערט מיט האַרטן, גרויען צעמענט. 4—3 יאָריקע פּיצעלעך קינדער זענען אַרומגעלאָפן אין הויף מוטער־נאַקעטע און האָבן זיך געלאָזט לויפן איינע נאָך די אַנדערע, טייל מאָל געפאַלן, ווידער זיך אויפגעהויבן און אָבער אַ מאָל געפאַלן. זייער געלעכטער און זייערע קוויטשערייען האָבן אָנגעפילט מיט פריילעכקייט די וואַרעמע זומער־לופט. די מאַמעס זייערע זענען געשטאַנען אין די קיכן און געגרייט וועטשערע פאַר זייערע מענער, וועלכע האָבן זיך באַדאַרפט אומקערן פון דער אַרבעט.

— זיסע שטימעלעך, אַ פיינער ברוך הבא! — האָט שרה אויסגערופן און געשמייכלט צו דער שוועסטער.

— שרה דו ביסט געוואָרן אַ שיינע „יאַנג ליידי״. ס׳פּאַסט דיר זייער גוט דער שמייכל — האָט פייגל געזאָגט צו איר, ווי זי וואָלט זי נאָר וואָס דערזען.

שרה האָט נישט פאַרשטאַנען דאָס וואָרט „יונג ליידי״, אָבער זי האָט

געפילט, אַז די שוועסטער האָט איר געזאָגט עפּעס זייער אַ גוטע זאַך, גע־מאַכט איר אַ קאָמפּלימענט. זי האָט זי אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט זי נישט דערקענט. אַזעלכע גוטע, ברייטהאַרציקע ווערטער האָט זי פון איר שוועסטער קיין מאָל נישט געהערט.

האָבן דאָס איר די זיבן יאָר לעבן אין אַמעריקע געגעבן? ס׳ווייזט אויס אַזוי. און שרה האָט פון דעם ערשטן טאָג פון איר אָנקומען ליב געקריגן אַמעריקע.

די זון האָט זיך אַראָפּגעזעצט אַלץ נידעריקער און נידעריקער אויפן האָריזאָנט. דער שניט הימל, וואָס האָט זיך געזען דורכן הויף, איז געוואָרן אָנגעגאָסן מיט רויט.

## ווי „גלייכסטו" אַמעריקע ?

די צוויי ברידער גאָלדמאַן זענען אַראָפּ פון דעם אָנגעפּאַקטן טראַמוויי. יעדער פון זיי האָט געטראָגן אין איין האַנט זיין קעסטעלע געצייג און מיט דער צווייטער זיך געווישט די פאַרשוויצטע פּנימער און נאַקנס, וואָס האָבן אויסגעזען אַזוי האַרט און ברויז, ווי דאָס האָלץ, וואָס זיי באַאַרבעטן אין זייער סטאָלעריי.

עס איז געווען אַ פּופצן מינוט גאַנג פונעם באַס צו דער שטוב. יעדן טאָג, ווען זיי פלעגן גיין פון דער אַרבעט, פלעגן זיי רעדן וועגן די געשעע־נישן פונעם פאַרגאַנגענעם טאָג: פונעם פאָרמאַן, וואָס איז בייז און יאָגט די אַרבעטער און דערנידעריקט זיי, וועגן דעם אַלעם, וואָס אין שיקאַגאָ צאָלט מען בעסערע „ווייִדזשעס" ווי אין באַלטימאָר און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער אַרבעט און ווױלזיין.

דאָס מאָל זענען זיי ביידע געגאַנגען שטיל, זענען געווען פאַרטאָן אין זייערע זכרונות, און ווי באַלד, אַז ביידע האָבן געוווסט איינער דעם צווייטנס געדאַנקען, האָבן זיי ווייניק וואָס געהאַט צו רעדן.

דער ערשטער, וואָס האָט איבערגעריסן די שטילקייט, איז געווען דער ייִנגערער ברודער מעקס:

— כ'האָב היינט אַ גאַנצן טאָג געקלערט וועגן דער אַלטער היים — האָט ער געזאָגט ערנסט פאַרטראַכט, וואָס ס'איז געווײנלעך נישט געווען אין זיין טבע.

— איך האָב אויך היינט געטראַכט וועגן דער „אָלד קאַונטרי", פון דאָרף, פון די עלטערן, דעם וואַלד, דער אָזיערע...— האָט געזאָגט פון זיין זייט דער עלטערער ברודער דזשעק מיט נאָסטאַלגישער בענקשאַפט אין קול.

— געדענקסטו נאָך די אַלטע היים?

— „שור"! ווער קאָן זי פאַרגעסן?

— דענקסטו, אַז מיני איז באַצייטנס געקומען אַראָפּנעמען ציפּען פון דער שיף? אפשר איז זי געגאַנגען צוזאַמען מיט פייגלען? — האָט מעקס געזאָגט און זיך געווישט דעם שווייס פונעם פּנים.

— דאַכט זיך, אַז די ווייבער זענען שוין ווידער צעקריגט — האָט דזשעק געזאָגט אומגעדולדיק.

— היינט זענען זיי ברוגז און מאָרגן בעטן זיי זיך איבער. איך האָב געהערט, אַז אונדזער קוזינקע שרה איז זייער אַ שיין מיידל — האָט מעקס באַמערקט מיט אַ שעלמישן שמייכל אין די אויגן, און קליינע טראָפּנס שווייס האָבן זיך געבלעזלט אין זיינע מאָכיקע ליפּן.

דזשעק האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ קריטישן בליק:

— לאָז צו רו די קוזינקע, עס זיינען דאָ גענוג שיינע מיידלעך אין שי־קאַגאָ אויסער איר, וואָס ווילן חתונה האָבן, זיך באַפרייען פון פינצטערן שאָפּ. מאַך ניט דעם טעות, וואָס עס האָט געמאַכט מיין ברודער. חתונה האָבן מיט אַ מיידל פון דער אייגענער משפּחה טויג ניט. — און ער לאָזט אַרונטער פאַרשעמט דעם קאָפּ. עס קומען אים אין די געדאַנקען די אָפּטע שווערע פיינלעכע איבערלעבונגען: ווי קאַלט זי איז צו מיר... קאַרג מיט אַ קוש... מיט אַ ביסל ליבשאַפט... אַ בעטלער בין איך... אַ שטענדיקער בעטלער...

— אונדזער ציפּע מוז שוין אויך זיין אַ „נייס יאַנג ליידי" — האָט מעקס איבערגעשלאָגן זיין ברודערס פיינלעכע געדאַנקען — אַ קליין מיידעלע איז זי געווען, ווען איך האָב געהאַט פאַרלאָזן די היים.

— ווען איך בין אַוועקגעפאָרן פון דער היים איז זי נאָך אין גאַנצן נישט געהאַט געווען אויף דער וועלט.

און דזשעק האָט זיך דערביי דערמאָנט, אַז ער האָט פאַר די יאָרן זינט ער איז אין אַמעריקע, אַראָפּגעבראַכט אַהערצו אַ סך פון זיין משפּחה. זיין ווייב מיני און אַנדערע קרובים און אויך צו זיין קוזינקע פייגל האָט ער געשיקט שיפסקאַרטן, און ער איז שטאָלץ און צופרידן מיט דער מאָראַלי־

שער פליכט, וואָס ער דערפילט אַלס אַן עלטערער ברודער. ווי אַ פאָטער האָט ער ליב זיין משפחה און ער איז געווען גרייט זיי צו העלפן.

מיט אָט די געדאַנקען זענען זיי צוגעקומען צו זייער דירה, ווו מיני, די צוויי קינדער און ציפּע האָבן זיי אָפּגעוואַרט.

דערזעענדיק די שוועסטער, האָבןביידע ברידער געלאָזט פאַלן די קעסטלעך מיט געצייג, צעשפּרייט די אָרעמס, און ציפּע, וועלכע איז אַרונ־טערגעלאָפן די עטלעכע אויסגעטראָטענע שטיגן, איז גלייך אַריינגעפאַלן צו מעקסן אין די אָרעמס. דזשעק האָט אַ ווײַלע געוואַרט, דערנאָך האָט ער אויך אַרומגענומען די שוועסטער, געדריקט צו זיין האַרצן און געקושט זי אין קאָפּ. אין פאַרגלייך מיט איר זעקספוסיקער הייך האָט זי אויסגעזען ווי אַ קינד.

מעקס האָט זיך צוגעקוקט צו איר קליינער ווייבלעכער פיגור מיט די שטייפע בריסטלעך אונטערן קאַפּטל און האָט אויסגערופן מיט אַנטציקונג :

— אַך, ווי שיין דו ביסט געוואָרן, ציפּקעלע! דערצייל זשע וואָס מאַכן די עלטערן, די ברידער, די שוועסטער, אַלע אונדזעריקע...

— געזונט, דאַנקען גאָט! — האָט זי געפּלאָטערט פון איבערראַשונג.

— עפּעס זענט איר היינט מער אויסגעשמירט ווי אַלע מאָל — האָט מיני אומגעריכט אַ זאָג געטאָן, וואַרפנדיק אַ בליק אויף איר מאַן און שוואָגער.

איר רונדיק ווייס פּנים און אירע גרויע פאַרשנדיקע אויגן האָבן אויסגעדריקט אַ קענטיקע אומצופרידנקייט.

— אַ הייסער טאָג איז געווען היינט — האָט דזשעק געזאָגט און געבלאָזן מיט די ליפּן, ווי ער האָט געזוכט אָפּצוקילן די לופט.

— פּאַפּאַ, וואָס האָסטו געבראַכט — זענען די קינדער צוגעפאַלן צום פאָטער.

זיי האָבן זיך געפּלאָנטערט אַרום זיינע לאַנגע פיס, פאַרריסן די אויגעלעך אַרויף, פול מיט פראַגן אין זייערע מיילעכלעך —

— פּאַפּאַ, פאַר וואָס ?

דזשעק האָט אַ הייב געטאָן דעם פיריאָריקן סעמעלע אין דער ליפּטן. דאָס קינד האָט זיך שטאַרק צעלאַכט און האָט אַלעמען אָנגעשטעקט

מיט פרייד און געלעכטער. דאָס פּיצל האָט זיך אויך געריסן צום פאָטער אויף די הענט, און דזשעק האָט אים אָנגעכאַפּט ביי בײדע הענטלעך.

— גייט וואַשט זיך אַרום, טוט זיך איבער, וועלן מיר אָפּעסן און גיין צו פייגלען, זען די אַנדערע „גרינע״ — האָט מיני געזאָגט און איז פאַר־שוווּנדן געוואָרן אין קיך.

איבער דער שטוב האָט זיך געטראָגן אַ געשמאַקער ריח פון געבראָטן פליישׁ מיט קאַרטאָפל.

אין קליינעם עסצימער, אויפן רונדיקן טיש זענען אָנגעשטעלט געוואָרן כלערליי הייסע שפּייזן. אַ דינע פּאַרע האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן.

ביים טיש האָט מען זיך ווידער צערעדט וועגן דער אַלטער היים.

וויפל ציפּע האָט זיי נישט געזאָגט און אָנדערציילט פון אַלץ און פון אַלעמען, זענען זיי נאָך אַלץ געבליבן נישט באַפרידיקט. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זי באַהאַלט עפּעס פון זיי, ווייל זי איז נישט נאָר אַ שוועסטער, אַ גאַסט, אייגן בלוט און פלייש, זי איז אויך אַ שטיק באָדן פון זייער היי־מישן דאָרף, ווו זיי האָבן זינט די קינדער־יאָרן זייערע וואָרצלען געשלאָגן. זי ברענגט מיט זיך די לופט, וואָס זיי האָבן צוערשט געאָטעמט, צוערשט דערפילט די צעלויכטענע גאָלדענע שטראַלן פון דער זון, וואָס האָט געגלעט און געוואַרעמט דאָס גאָלד־געלע זאַמד־בערגל אַרום די מאַגילקעס, ווו זיי האָבן זיך אין זייער פריעסטער קינדהייט אַזוי לוסטיק און זאָרגלאָז געשפּילט. אָט דאָס האָבן זיי געוואָלט איצט דערשמעקן מיט דער נאָז, דערפילן מיט אַלע זייערע חושים, דערזען מיט זייערע פאַרמאַכטע אויגן און אַריבער־טראָגן זיך אין געדאַנק אין יענעם צויבערהאַפטן „אהין״, ווו זייערע לעבנס האָבן זיך אַמאָל אָנגעהויבן.

אָבער דאָס אַלץ האָט זיי ציפּע נישט געקאָנט געבן. זי האָט נישט געקאָנט זיי אַריבערטראָגן אויף אירע פליגל אין זייער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז אַוועק און וועט זיך מער קיין מאָל נישט אומקערן.

— כאַפּט נאָך דער טאַטע אויך איצט פיש? — האָט אַ פרעג געטאָן דזשעק, און זיינע אויגן האָבן געקוקט מיט אַ שטילער בענקעניש אין דער ווייטקייט אַריין.

— אַוודאי כאַפּט ער פּיש, און פריילעך איז ער ווי שטענדיק — האָט געזאָגט ציפּע, און די ברידער האָבן געשמייכלט.

— דער טאַטע כאַפּט פּיש אין אַזיערע און מיר דראַפּען זיך דאָ אויף רושטעוואַניעס, ווי אויף גלייכע ווענט — האָט מעקס געזאָגט און אַ כאַפּ געטאָן ציפּען פאַר דער האַנט און אַרויס מיט איר אַ טענצל אַרום טיש.

דו ביסט נאָך דער זעלבער שטיפער ווי געווען — האָט זיך ציפּע צע־לאַכט און זיך באַפרייט פון זיינע אָרעמס.

— אַנקל מעקס איז „פאַני" — האָט דער קליינער פּאָול אויסגע־שאָסן מיט אַ קינדעריש געלעכטער.

— כ׳בין שוין גרייט צו גיין — האָט דזשעק געזאָגט, אויפהייבנדיק זיך פון טיש.

— איר, מענער, זענט שטענדיק גרייט — האָט זיך דערהערט מיניס קול צווישן אַ בראַזגעריי פון טעלער.

ציפּע איז געשטאַנען און האָט אָפּגעווישט דאָס געשיר און דערביי געטראַכט:

— ווי אַנדערש איז דאָ ווי אין דער היים, אין דאָרף. זיי רעדן אַנדערש, עסן אַנדערש, די הייזער זענען דאָ אַנדערע. אין דער היים עסן אַלע פון איין שיסל מיט הילצערנע לעפל. דאָ עסט מען אינדערוואָכן מיט זילבערנע גאָפּל־מעסער געבראָטן פליש, ווייסע חלה, קאָמפּאָט. וואָס וועט מען דאָ שוין עסן שבת, יום־טוב ?! נאָר די דירה איז דאָ ענג, און נישט ווילנדיק ציט זי צוריק אין דאָרף אַריין, צו טאַטע־מאַמע, צו דער גרויסער הילצער־נער שטוב, ווו די טירן זענען זומער־צייט אָפן, און די הינער, די ציג, די קאַץ, גייען פריי אַריין און אַרויס. עס דאַכט זיך, אַז מען איז שטענדיק אויף דער פריי....

און עס קומען איר טרערן אין די אויגן.

— וואָס איז דער מער מיט דיר, ציפּקעלע ? — האָט מיני געפרעגט און אַרויסגענומען דאָס טישטעכל מיטן טעלער פון איר האַנט:

—דעם ערשטן טאָג בענקסטו שוין ? דו וועסט נאָך האָבן גענוג צייט צו בענקען !

זי האָט אַרונטערגענומען דאָס פּאַרטעכל פון איר ברייטער טאַליע, אָנגענומען זי ביי דער האַנט און ווענדנדיק זיך צו די מענער, געזאָגט:

— קומט!

מעקס האָט אַרומגענומען די שוועסטער:

— וויין נישט, ציפּע! וועסט זיך איבערבענקען. איך האָב אויך גע־בענקט. גלייב מיר.

— דו זאָגסט נישט אמת, מעקס, דו בענקסט נאָך אויך היינט — האָט ציפּע געזאָגט מיט אַ האַלב־וויינענדיק קול.

— איך גיי שוין אויס מיט שיינע מיידלעך. איך וועל דיך באַקענען מיט זייערע ברידער, וועסטו אויך „אויסגיין". ס'וועט זיין אָלרייט — האָט מעקס געזאָגט מיט אַ לייכטן שפּאַס.

ציפּע האָט זיך געשעמט צו פרעגן, וואָס עס באַטייט „אויסגיין". אָבער ווען דער ברודער זאָגט, אַז עס וועט זיין „אָלרייט", הייסט עס, אַז עס וועט זיין גוט.

מעקס האָט זי געפירט אַרונטער די טרעפּ אין האַלבער פינצטערניש. דזשעק האָט געטראָגן דעם צוויי־יאָריקן בעני אויף די הענט. מיני איז אים נאָכגעגאַנגען האַלטנדיק דאָס עלטערע ייִנגל פאַר דעם הענטל.

ציפּע האָט אָנגעקוקט די מענטשן, וואָס זענען געזעסן אויף די שוועלן, אויף די טרעפּ, פון די דערבייאיקע הייזער. זיי האָבן געטרונקען קאַלט וואַסער, געפּאַכעט מיט די טיכלעך אין דער הייסער לופט און געגענעצט פאַר מידקייט.

פון די הויכע, אויסגעבויגענע גאַז־לאַמטערנעס איז געפאַלן אַ שוואַכע שיין און איינגעהילט די שמאָלע גאַס אין סודותדיקער נאַכט. ציפּע האָט זיך געטוליעט צו איר ברודער בעת איר ערשטן אַרויסגאַנג אויף דעם שפּאַציר אין אַמעריקע. אין ווינקל גאַס אַרום רויטן שיין פון אַ לאָמפּ האָבן זיך אויפגעקליבן אַן אַ שיעור פליגעלעך פון פאַרשידענער גרייס און פאַרשידענע קאָלירן, זיי האָבן זיך געשלאָגן אין דעם לאָמפּ און געפאַלן פאַרשרפעטע אַראָפּ צום ברוק.

אַ שטיל, קיל ווינטעלע האָט געבלאָזן און דערקוויקט נאָך דער היץ פון פאַרגאַנגענעם טאָג.

די משפּחה און לאַנדסלייט האָבן זיך פאַרזאַמלט אין פייגלס הויז. אַלע זענען זיי געקומען אָפּנעמען גרוסן פון דער אַלטער היים.

ווען די גאַלדמאַנס זענען אַריינגעקומען, האָבן זיך אַלעמענס אויגן אַ קער געגעבן צו דער טיר און זיך אָפּגעשטעלט אויף ציפּען. נאָך דעם ווי מען האָט זיך צעקושט, האָט מען זיך ערשט נאָך אַ מאָל אָנגעקוקט. ביי יעדן איינעם פון זיי האָט זיך געמערקט אַ פאַרגעצייכן אין די אויגן, און ווייל מען האָט נישט געוווּסט וואָס פריער צו פרעגן איז מען אַרויס מיט דער געוויינלעכער, אַלגעמיינער פראַגע:

— ווי גלייכסטו אַמעריקע?

ציפּע האָט שוין געהאַט געהערט די דאָזיקע פראַגע פון מיני און נישט וויסנדיק וואָס צו ענטפערן, האָט זי געשוויגן.

שרה האָט זיך אויפמערקזאַם אַרומגעקוקט: די שטוב, די משפּחה, די לאַנדסלייט, ווי זי וואָלט געזוכט מיט די אויגן אַמעריקע.

נאָך אַן איבערבייט פון פאַרשנדיקע בליקן צווישן איר און צווישן די אַמעריקאַנער לאַנדסלייט, האָט שרה געזאָגט:

— וואָס ווייס איך נאָך וועגן אַמעריקע? מאָרגן וועל איך אַרויסגיין אין גאַס זוכן אַרבעט, אָנקוקן די שטאָט, וועל איך אָנהייבן זיך באַקענען מיט אַמעריקע.

דזשעק, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זייט און האָט אַריינגעקוקט אין „פאָרווערטס" אויף דער זייט „הענט פאַרלאַנגט", האָט צונויפגעלייגט די צייטונג און האָט פאָטערלעך געזאָגט:

— גיי נאָך נישט אַליין אין שטאָט אַריין, וואָס איז די „האַרי" מיט דער אַרבעט? ס'שמעקט נאָך מיט שיף פון דיר, דו וועסט זיך נאָך גענוג אָנ־אַרבעטן אין קאָלומבוסעס מדינה!...

— איך וועל נישט לאָזן ציפּען גיין אַרבעטן אַזוי גיך. זאָל זי זיך גוט אָפּרוען פון וועג — האָט מיני געזאָגט מיט משפּחהדיקער געטריישאַפט.

— איך וועל אין גיכן גיין אַרבעטן. כ'בין דען אַ קינד? ס'גייט מיר דאָך שוין דאָס זיבעצנטע יאָר! — האָט ציפּע געזאָגט און דערביי רויט געוואָרן, ווייל אַלע האָבן געקוקט אויף איר, און גאַנץ באַזונדער די בחורים.

פייגל האָט דערלאַנגט כיבוד. אויפן ווייסן טישטעך האָט געפינקלט רויטער טיי אין די גלעזער; היימיש־געבאַקענע פוטער־קיכלעך האָבן מחיהדיק געשמעקט און גערייצט דעם אַפּעטיט.

— פון תכלית וועלן מיר רעדן שפּעטער. איצט זעצט זיך צום טיש, נעמט עפּעס אין מויל אַריין — האָט פייגל געזאָגט און איז אַוועק אין קיך ברענגען לימענע צום טיי.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ רוקן פון שטולן, מען האָט זיך אויסגע־זעצט אַרום טיש. די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע, אַ יום־טובדיק היימישע.

מעקס האָט גענומען אַ קיכל, איינגעביסן עס מיט זיינע געזונטע ווייסע ציין און האָט געזאָגט:

— המ, — געשמאַק ווי אַמאָל ערב שבת ביי דער מאַמען!

און צווישן איין ביס און צווייטן האָט ער געבעטן:

— שרה, דערצייל אונדז פון דער היים, פון אונדזער דאָרף, פון שטעטעלע טעלעכאַן, ווו מיר זענען אין חדר געגאַנגען, ווו מיר האָבן שפּעטער אין דער הוטע געאַרבעט. אָ, ווי מיר פלעגן דאָס גיין אויף שבתדיקע שפּאַצירן אין געסעלע, ביי דער קרעניצע, אין סאָסנאָוון וואַלד, רעוואָלוציאָנערע לידער געזונגען. אַך, איז דאָס געווען אַ צייט...

— געוויס האָט איך שוין ציפּע דערציילט. איר ווייסט דאָך, די לעצטע עטלעכע יאָר האָבן מיר געלעבט אין וואַרשע. נאָר ווען איך בין צוריק־געפאָרן אין אייער דאָרף און אין אונדזער שטעטל זיך געזעגענען מיט דער משפחה, האָב איך געזען די זעלביקע געסלעך, די זעלביקע בלאָטעס, די זעלביקע אָרעמקייט און די זעלביקע זאָרג, — ווו נעמט מען אויף שבת. פּונקט אַזוי ווי דו געדענקסט מיט זעקס יאָר צוריק, איידער דו ביסט אַרויסגעפאָרן.

— מען וואָלט באַדאַרפט דאָס גאַנצע דאָרף מיטן שטעטל אַריבערנע־מען אַהער קיין אַמעריקע — האָט דזשעק באַמערקט מיט זיין ווייכן שמייכל אויפן פאַרהאָרעוועטן פּנים.

— אַזעלכע גוטע קיכלעך עסט מען נישט אין דער „אָלד קאונטרי״, ווען אַפילו צען געסט זאָלן קומען — זאָגט גאָסי און נעמט נאָך אַ קיכעלע.

— איך געדענק, ווען מיין טאַטע פלעגט גיין שבת נאָך מיטאָג צו זיין שוועסטער אויף טיי, פלעגט ער זיך מיטנעמען אַ שטיקל צוקער אין קעשענע — דערציילט דער פרי־געעלטערטער שמואל מיטן אונטערגע־שוירענעם בערדל, וועמען אַלע רופן דאָ סעם.

— די מומע גיטל האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ קאַרגער, זאָל זי מיר מוחל זיין — האָט באַמערקט די לאַנדפרוי גאַסי, וואָס אין דער היים האָט זי געהייסן גאָלדע.

— קאַרג־שמאַרג. מען האָט פשוט „געפּוכניעט" פאַר הונגער, און „דעטס אָל" — האָט הערי אָפּגעהאַקט דעם געשפּרעך מיט אַ שווערן אָטעם.

יעדער איינער אַרום טיש האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג צו דערציילן עפּעס פון זיין אָרעמער קינדהייט. און אָנשטאָט דעם, אַז שרה זאָל זיי דערציילן, האָבן זיי זיך אַליין דערציילט: פון שווערער קינדערישער האָרעוואַניע, פון הונגער, פון לאַנגע טעג אין טוכלעם חדר, פון דעם רבין, וואָס האָט געגעבן שמיץ און פון אַנדערע איבערלעבענישן, וואָס זענען פאַרשווונדן אין דער טיפקייט פון דער צייט.

— אַמעריקע זאָל לעבן, דאָס בעסטע לאַנד אין דער וועלט! — האָט געזאָגט מיני, און איר מילכיק פּנים מיט די קליינע פאַרשערישע אויגן האָט זיך צעשמייכלט.

— שאַ, שוועגערין, דאָס ווייסט מען אָן דיר — האָט מעקס געזאָגט און זיך געווענדט צו ציפּען מיט אַן אָנגעצונדענעם פּייערל אין די אויגן:

— זאָג, לעבט נאָך די פעטע מויד דוניא? פאַשעט זי נאָך די ווייסע גענדז אין גלחס גאָרטן?

און נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, האָט ער זיך אַליין געקוויקטביים דערציילן:

— אַך, ווי איך פלעג זי קנייפּן אין די פעטע ליטקעס, אַזש זי פלעגט שפּרינגען אין דער לופטן, זיך יאָגן נאָך מיר מיט דער בייטש. איך פלעג לויפן ווי פייל פון בויגן...

און ער שפּרינגט אויף פון שטול, ווייזט ווי ער פלעגט לויפן, און זיין געלעכטער שטעקט אַלעמען אָן. זיין בחורישער גוף טרייסלט זיך, באָדט זיך אין אַמאָליקע זכרונות.

## אסתר מילער

פונעם שלאָפצימער, ווו די קינדער זענען שוין געלעגן און האָבן געזאָלט איינשלאָפן, האָט זיך דערהערט אַ געקוויטשעריי און דערנאָך אַ געוויין.

— זיי האָבן זיך „צעפייט״.

— פייגל איז אַוועקגעלאָפן זען, וואָס דאָס קליינוואַרג טוט דאָרטן. די אַנדערע מאַמעס זענען איר נאָכגעגאַנגען אין שלאָפצימער אַריין. די מענער האָבן זיך אויפגעהויבן פון די פלעצער:

— צייט צו גיין שלאָפן — האָט דזשעק געזאָגט.

— יאָ, מען דאַרף דאָך אויפשטיין פרי צו דער אַרבעט — האָבן איי־ניקע געצויגן די הענט אַרויף און געגענעצט מיט אָפענע מיילער.

ווען אַלע זענען פאַרטיק געווען אַוועקצוגיין האָט דזשעק אַ פרעג געטאָן:

— זאָג נאָר, פייגל, ווען קומט דזשאָן צוריק פון ניו־דזשערסי? מען וועט זיך דאַרפן צונויפרעדן וועגן „מופן״ קיין שיקאַגאָ.

— איך קלער, אַז ער וועט קומען אויף יום־טוב. מיר האָבן זיך שוין דורכגעשריבן וועגן דעם — האָט פייגל געזאָגט און אַרויסבאַגלייט די געסט.

— יאָ, האָב דאָס באמת אין זינען. מיר פאַרלירן יעדן טאָג געלט, וואָס מיר אַרבעטן אין באַלטימאָר און נישט אין שיקאַגאָ. גאַנצע פינף דאָלאַר אַ טאָג צאָלט מען דאָרטן קאַרפּענטערס — האָט געזאָגט דזשעק און זיך געלאָזט אַראָפּגיין מיטן שלאָפנדיקן בעני אויף די הענט.

אַלע זענען אים נאָכגעגאַנגען. זייערע שווערע טריט האָבן אָפּגעהילכט אויף די סקריפּענדיקע שטיגן. די טונקעלע נאַכט האָט זיי פאַרשלונגען צוזאַמען מיט זייערע דאגות פאַרן היינט, מיט זייערע זאָרגן פאַרן מאָרגן און מיט זייערע אָפּגעפרישטע זכרונות פון דעם נעכטן.

# דער ערשטער שאַפּ אין אַמעריקע

דער פּרימאָרגן איז געווען אַ כמורנער. עס האָט געשמעקט מיטן אָנקומענדיקן האַרבסט. אַרבעטער האָבן זיך געאײַלט צו דער אַרבעט. אַ טראַמוויי האָט זיך דערנענטערט צום ווינקל גאַס און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

שעמעוודיקע, צוריקגעהאַלטענע, ווי נישט געוואַגטע קינדער האָבן זיך שרה און ציפּע אָפּגערוקט אין אַ זײַט, זיי האָבן געלאָזן די אַנדערע אַרײַנגײן די ערשטע אין טראַמוויי און ערשט צולעצט זענען זיי מיט זייער פאַרזיכטיקע טריט אַרויפגעשטיגן די עטלעכע הילצערנע טרעפּלעך און געבליבן שטיין שטומע פאַרן קאָנדוקטאָר, ווייזנדיק אים אַן אַדרעס אין דער אויסגעשטערקטער יידישער צייטונג און האַלטנדיק ניקלס אין די אָפענע הענט.

דער קאָנדוקטאָר, אַ יונגער בחור מיט ברייטע פּלייצעס, האָט מיט פאַרשנדיקע אויגן געקוקט אויף זייערע הענט און אויף דער יידישער צייטונג. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען „גרינע“. ער האָט גענומען פון ציפּעס האַנט אַ צעקנייטשט פּאַפּירל, אויסגעגליכן עס און געלייענט די גרויסע בוכשטאַבן, וואָס דער ברודער האָט איר געהאַט אָנגעשריבן. ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, גענומען די ניקלס, אַרײַנגעלייגט זיי אין דער מעטאַלענער געלט־פּושקע, וואָס איז געווען צוגעפּעסטיקט צו זיין גאַרטל און אָנגעוויזן זיי אַ פּלאַץ, וווּ זיי זאָלן זיך זעצן.

— יעס, ער וועט זיי לאָזן וויסן ווו אַרונטערצוגיין — האָט דער קאָנדוקטאָר צו זיי גערעדט מער מיט זיין שמייכלענדיק פּנים ווי מיט זיין מויל.

זיי זענען פֿאַרבייגעפֿאָרן גרויסע גאַסן, לאַנגע שורות קראָמען, איבער וועלכע עס זענען געהאָנגען שילדן, געשריבענע מיט ענגלישע בוכשטאַבן. אַנדערע פֿון זיי האָבן געפֿינקלט מיט רויטן עלעקטרישן שיין.ביידע מיידלעך האָבן אָנגעשפּאַרט די קעפּ האַרט אויפֿן פֿענצטער און האָבן געפּרוּווט לייענען און פֿאַרשטיין די רויט־צעצונדענע ווערטער און נישט געקענט. שפּעטער, אין גאַנג פֿון דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, האָבן זיך ביסלעכווייז זייערע אויגן צוגעווינט צו דער נייער שריפֿט; די שילדן זענען געוואָרן זייערע ערשטע לערער אין דער ענגלישער שפּראַך.

דער טראַמוויי האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ לייכטער ריר פֿון דעם קאָנדוקטאָרס האַנט אויף די מיידלשע אַקסלען האָט דערמאָנט, אַז זיי דאַרפֿן אַרונטערגיין.

ציפּע און שרה האָבן אָפּגעריסן שנעל זייערע אויגן פֿון דער שויב, האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון זייערע ערטער און זענען נאָכגעגאַנגען דעם פֿריינטלעכן קאָנדוקטאָר, וועלכער האָט זיי געהאָלפֿן אַרונטערגיין און האָט זיי מיטן וויזפֿינגער געוויזן, אין וועלכער ריכטונג זיי האָבן צו גיין — אַהינצו צום ווייסן שילד מיט די גרויסע שוואַרצע בוכשטאַבן, וואָס באַטייטן — „בעסט קלאַקס שאַפּ“.

זיי זענען אַוועק אויפֿן אָנגעוויזענעם פּלאַץ, מורמלענדיק: „בעסט קלאַקס שאַפּ“, און ווען זיי האָבן זיך אומגעקוקט אויף צוריק, האָבן זיי געזען ווי דער קאָנדוקטאָר שטייט נאָך און היט, אַז זיי זאָלן נישט בלאָנדזשען.

די געגנט איז געווען אַן אַלטע. די נישט־הויכע שטיינערנע מויערן זענען געווען גרוי און שטויביק, פֿאַרבייגייער אויף די גאַסן זענען געווען שיטער. דאָ און דאָרטן האָט זיך געהערט אַ פֿייף פֿון אַן אָנשמייסערס בייטש און אַ הירזשען פֿון פֿערד, וואָס האָבן געצויגן איינעם נאָך דעם אַנדערן אָנגעלאָדענע וועגענער מיט קליידער און מאַנטלען.

מיט פֿאַרריסענע קעפּ האָבן די מיידלעך געזוכט מיט די אויגן דעם נומער פֿונעם הויז. ווען זיי האָבן אים געפֿונען, האָבן זיי אים פֿאַרגליכן מיט דעם נומער וואָס איז געווען אָנגעוויזן אין דעם אַנאָנס אין „פֿאָר־ווערטס“. עס האָט געשטימט. אָבער ווו איז די טיר, וואָס פֿירט צום שאַפּ? נאָך אַן אָנגעשטרענגטן זוכן און טאַפּן אַרום די ווענט האָבן זיי גע־

פונעם דעם אַריינגאַנג אין שאָפּ. די טיר איז געווען פון גרויען מעטאַל און האָט זיך שווער געעפנט. עס האָט זיך געפּאָדערט אַ שטויס פון די מיידלשע קני ביז זי האָט זיך געעפנט. זיי זענען געבליבן שטיין פאַר שמאָלע אייזערנע טרעפּ. זיי זענען אַרויפגעשטיגן און זענען געבליבן שטיין אין אַ האַלב־פינצטערן קאָרידאָר. אַ קליין הימל־פענצטערל (סקיי לייט) איבער זייערע קעפּ האָט געוואָרפן אַ טונקעלן שיין אַרום. זיי האָבן פאַר זיך געזען אַ פאַרמאַכטע טיר, וואָס האָט געפירט אין שאָפּ אַריין. זיי האָבן טיף אָפּ־געאָטעמט און שטיל, נישט דרייסט געעפנט די טיר.

ווען די מיידלעך זענען אַריין אינעווייניק אין שאָפּ, האָט זיי אַ שווערע לופט אַ שלאָג געגעבן אין פּנים. אַ דינער שטויב, ווי אַ קוים באַמערק־באַרער דראָבנער זיפּ־רעגנדל האָט זיך געדרייט אין דער לופטן און האָט זיך אויסגעמישט מיט די רויטע גאַז־פלעמלעך, וואָס זענען אויף געפלאַכ־טענע דראָטן אַרונטערגעהאָנגען פון דער סטעליע. אַ שוואַכער טאָג־ליכט האָט אַריינגעשיינט דורך די שייבלעך פון צוויי שמאָלע לאַנגע פענצטער. ביי לאַנגע טישן זענען געזעסן מיידלעך און בליך־שנעל געוואָרפן די הענט מיט באָדל־פאָדים. שטעפּער (אָפּעראַייטערס) מיט פּלייצעס און קעפּ גע־בויגענע איבער די רוישנדיקע מאַשינען האָבן אָן אויפהער גענייט און געשטעפּט.

קיינער האָט נישט באַמערקט זייער אַריינקומען.

די נייקייט פון דעם אַרום, די מאַסע אַרבעטער ביי די מאַשינען, די איינגעבויגענע און פאַרטועטע פּרעסער, די „פינישערס" מיט די שנעל־גע־וואָרפענע הענט, די גרויסע, לאַנגע צושנייד־טישן — די גאַנצע סביבה האָט זיי אַזוי פאַרכאַפּט, אַז זיי זענען געבליבן שטיין ביי דער טיר ווי געפּלעפטע.

עטלעכע מינוט זענען זיי אַזוי געשטאַנען שטיל און אומבאַוועגלעך. דערנאָך האָבן זיי געמאַכט עטלעכע נישט געוואַגטע טריט פאָרויס. אויגן האָבן זיך אַ קער געטאָן צו זיי. אַ פּלייצע האָט זיך אויסגעדרייט צו זיי מיטן פּנים. אַ צווייטער, קורצער, פעטלעכער מענטש האָט איבערגעריסן דאָס שניידן אַ שוואַרצן געוואַנט. ער איז צוגעגאַנגען צו זיי און האָט געפרעגט:

— איר זוכט דזשאַבס?

— יאָ, — האָבן בײדע געענטפֿערט און געװיזן דעם אַנאָנס אין „פֿאָרװערטס", װוּ עס הײסט: „הענט פֿאַרלאַנגט!"

— זענט איר עקספּעריענט־פֿינישערס? — האָט דער מאַן אַ פֿרעג געטאָן אין געאײַל.

די מײדלעך האָבן זיך איבערגעקוקט אין פֿאַרלעגנהײט.

— װי לאַנג זענט איר אין אַמעריקע?

— צװײ װאָכן — האָבן בײדע מיט אַמאָל געענטפֿערט.

אַ מינוט האָט דער מאַן זײ אָנגעקוקט מיט זײַנע מילד־גרויע אויגן, אַ שמײכל געטאָן, װי ער װאָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט; אפֿשר אין יענער צײַט, װען ער איז נאָך אַלײן געװען אַ „גרינער". ער האָט אַ צי געגעבן זײַן לײַװנטענעם קורצן פֿאַרטעכל איבער זײַן אַ ביסל רונדיקן בויך און גע־זאָגט:

— קומט!

זײ זענען אים נאָכגעגאַנגען.

ער האָט אַרונטערגענומען פֿון מאַנעקין אַ נישט פֿאַרענדיקטן מאַנטל, אַרויסגענומען פֿון אַ קעסטל אַ צוױיפֿגענײטן אונטערשלאַק און זײ געפֿרעגט:

— װײסט איר װי אײַנצונײען אַ לײַנינג אין אַ קאָוט? פֿינישן?

באַמערקנדיק װי די מײדלעך קוקן אים אָן מיט צװײפֿלהאַפֿטע בליקן, האָט ער צוגעגעבן:

— כ'מײן, צי װײסט איר װי צו פֿאַרענדיקן דעם קאָוט?

— יאָ, אַװדאי װײסן מיר װי צו פֿינישן! — האָבן זײ געזאָגט, דער־מאָנענדיק זיך, אַז זײ האָבן דאָס װאָרט „פֿינישן" שוין געהערט אַ סך מאָל פֿאַר די פּאָר װאָכן.

— אין יוראָפּ פֿלעג איך אויפֿנײען דעם גאַנצן מאַנטל אַלײן! — האָט זיך שׂרה אַ באַרים געטאָן.

— אין אַמעריקע איז מען נישט „סטינגשי". מען לאָזט אויך אַנדערע הנאה האָבן פֿון אַ מאַנטל. די קלײנע שטעכעלעך װעלן מיר אויך לאָזן פֿאַר יוראָפּ — האָט ער אַרויסגעזונגען מיט אַ חוזק־ניגונדל און ער האָט זײ בײדן צוגעפֿירט צום טיש, בײַ װעלכן עס זענען געזעסן נאָך מײדלעך מיט שװערע מאַנטלען אויף די קני, װאָס האָבן אויסגעזען װי קאַראַקול,

נאָר אין דער אמתן זענען דאָס געווען מאַנטלען פון פאַרפלדיקן געוואַנט, וואָס זענען געווען אין דער מאָדע אין יענער צייט.

— גאָסי, ווייז די גרינע ווי אונטערצולייגען און צו פינישן דעם מאַנטל — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו איינער פון די מיידלעך ביים לאַנגן טיש און איז באַלד פאַרשוווּנדן.

דאָס הויכע דינע מיידל האָט אַ שמייכל געטאָן מיט איר לענגלעכן פּנים, האָט זיך געזעצט צווישן די צוויי נייע מיידלעך און האָט איבער־געקערט דעם מאַנטל, דעם ליינינג אויף דער לינקער זייט און האָט געוויזן זיי מיט דער נאָדל־פאָדים ווי צוזאַמענצונייען דעם ליינינג צו דעם אויבער־שלאַק פון מאַנטל.

— ס'מאַכט נישט אויס ווען די שטעך וועלן זיין אַ ביסל גרעסערע — האָט זי דערקלערט די מיידלעך, און נאָך דעם ווי זי איז שוין געווען זיכער, אַז די מיידלעך מאַכן גוט די אַרבעט, האָט זי זיך אויפגעהויבן פון איר פּלאַץ און איז אַוועק צו אַ צווייטן טיש זען ווי די אַנדערע מיידלעך אַרבעטן.

ציפּע האָט געאַרבעט שווער, געשוויצט און געשטאָכן אַמאָל אין מאַנטל און אַמאָל אין די פינגער, וואָס האָבן געבלוטיקט. זי האָט זיך אָבער געמאַכט נישט וויסנדיק און געניט און ווייטער.

— מאָרגן וועט די אַרבעט ביי דיר גיין בעסער און שנעלער — האָט ציפּען געטרייסט אַ יונג מיידל, כמעט נאָך אַ קינד, וואָס איז געזעסן און געאַרבעט לעבן איר.

דאָס מיידל האָט אַ שמייכל געטאָן און ציפּען איז געוואָרן דערפון גרינגער אויפן האַרצן.

ביים צווייטן טיש האָט אַ מיידל געזונגען אַ וויגליד.

אַ פּרעסער האָט געזונגען אַ ימים־נוראימדיקן סקאַרבאָווען ניגון און האָט צוגעקלאַפּט צו טאַקט מיטן פּרעסאייזן. אַ שטעפּער ביי דער ניי־מאַשין האָט אונטערגעכאַפּט.

דאָס ניגונדל איז געוואָרן פאַרשטעפּט אין געוואַנט. די אַרבעט איז געגאַנגען מיט אַ שנעלן טעמפּ און מיט אַ לעבעדיקן געפּילדער. דאָ און דאָרטן האָבן די אַרבעטער צוגעוואָרפן וואַרעמע שמייכלען צו דיביידע „גרינע" מיידלעך. שרה און ציפּע האָבן זיך דערפילט היימישער, בעסער.

די אַרבעט איז אַוועקגעגאַנגען אין זייערע הענט אַלץ שנעלער און פּליי־כיקער. זיי האָבן אָנגעהויבן קלערן: דאָ איז גאָר נישט אַזוי שלעכט ווי עס האָט זיך אויסגעדאַכט אין אָנהייב בשעתן אַריינקומען אין שאַפּ. ס'איז נישט טונקל, די לופט איז אויך נישט אַזוי שווער...

און אין די שטילע מינוטן, ווען די מאַשינען פלעגן פאַרשטומט ווערן, פלעגט זיך צעטראָגן אין דער לופט פון שאַפּ דאָס פריילעכע סקריטשען און סקריפּען פון דער שער, וואָס האָט געשניטן דעם געוואַנט. די זייער קורצע הערעלעך פון דעם געשניטענעם שטאָף פלעגן צעריבן ווערן אונ־טער דער שער, טראָגן זיך אין דער לופטן, אַרונטערפאַלן און אַריינגיין אין די נאָזלעכער, אין די אויגן און אויערן פון די אַרבעט־מענטשן, אַריינדריג־גען אין דער קעל און אַרויסרופן אַ שמאַרצונג אין האַלדז...

*

דער שווערער פּראָצעס פון צופּאַסן זיך צום אַמעריקאַנער לעבנס־שטייגער, צו דעם שאַפּ, און מער פון אַלץ — די מאַטערנדיקע, נאָגנדיקע בענקשאַפט אַהיים און די שטילע בענקשאַפט נאָך מענדלען — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט אונטערגעגראָבן און רואינירט שרהס געזונט. זי איז געוואָרן מעלאַנכאָליש און פיזיש קראַנק. דער דאָקטער, צו וועמען זי האָט זיך געווענדט, האָט ריכטיק פעסטגעשטעלט די סיבה פון איר שווערער עמפּינ־דונג. ער האָט איינגעפונען, אַז דאָס איז אַ סימפּטאָמאַטישע קראַנקייט פון די „גרינע", צו וועלכער עס איז נישטאָ קיין שום רפואה און אַז די צייט וועט עס „איבערברענען" און היילן.

נאָך אַ סך שלאָפלאָזע נעכט און געמאַטערטע טעג האָט זיך שרה פאַרטרויט פאַר איר שוועסטער, אַז אויפן וועג קיין אַמעריקע האָט זי זיך באַקענט מיט אַ בחור, וועמעס נאָמען איז מענדל און אַז זיי האָבן זיך איינער אין דעם אַנדערן פאַרליבט... זי האָט איר געוויזן זיין בילד, אָנגעג־געבן זיין אַדרעס און געבעטן איר, אַז זי זאָל מיט איר מיטגיין זען אים. זי וויל אים פאָרשטעלן פאַר איר, ווייל נישט בלויז בענקט זי אַהיים, — זי בענקט אויך נאָך אים, נאָך מענדלען...

איר איז אויסגעקומען שווער אַרויסצורעדן די ווערטער.

— אַזוי? — האָט פייגל געזאָגט, און אַ משונהדיק פייערל האָט זיך צעשפּילט אין אירע פאַרשנדיקע אויגן. פאַר גרויס איבערראַשונג האָט זי נישט געקאָנט באַלד געפינען די פּאַסיקע ווערטער.

ערשט ווען זי האָט זיך אַ ביסל איינגעלעבט מיט דעם געדאַנק, אַז איר שוועסטער שרה איז פאַרליבט, האָט זי אַ קנייטש געטאָן איר שטערן און געזאָגט:

— הייסט עס, אַז ס'איז נישט נאָר געווען אַ בענקשאַפט אַהיים... עס איז מיר שוין איינגעפאַלן עפּעס, ווען דו האָסט נעכטן געשריגן פון שלאָף און גערופן — מענדל!...

— יאָ! — האָט שרה געזאָגט און אַרונטערגעלאָזן די אויגן צום דיל.

— הער אויס, שרה, — האָט פייגל זיך אָפּגערופן מיט גרויס ערנסט־קייט — דו ביסט שטאַרק נאַיוו און נישט דערפאַרן, דו ביסט אַ גרינע דאָ אין לאַנד. ס'איז אָנגענומען אין אַמעריקע, אַז ווען אַ בחור האָט ליב אַ מיידל קומט ער צו זי און נישט זי לויפט אים נאָך... דו ביסט שוין דאָ מער ווי אַ חודש און ער איז קיין איינציק מאָל נישט געקומען זיך זען מיט דיר... פאַר וואָס?

— כ'ווייס נישט. אפשר איז ער קראַנק, אָדער אפשר האָט ער פאַרלוירן מיין אַדרעס, אפשר ווייסט ער נישט, ווי מיך אויפצוזוכן — האָט שרה געענטפערט איר שוועסטער מיט פיל פאַרדרוס און אַ האַלב־פאַרשעמטע.

— אויב ער האָט נישט אויסגעהיט דיין אַדרעס, איז ער זיכער נישט ווערט, אַז דו זאָלסט גיין מיט אים זיך זען. אַ מיידל מוז האָבן זעלבסטווירדע און זיין פון דרויסן גלייכגילטיק... און פאַרגעס נישט אויך, שרה, אַז ווי נאָר דזשאָ וועט זיך אומקערן פון ניו־דזשערזי, מופן מיר קיין שיקאַגאָ.

— וועל איך דען מוזן מיטפאָרן? כ'האָב ליב מיין נייעם דזשאָב. מיין הברטע דאָראַ איז אַ פריילעכע און אַ סאָציאַליסטקע. איך וועל נישט פאָרן קיין שיקאַגאָ.

— נו, סאָציאַליסטישע חברטעס וועסטו געפינען אויך אין שיקאַגאָ. אויב אונדזער גאַנצע משפחה פאָרט אַריבער, וועסטו דאָ נישט בלייבן

אַליין — האָט פייגל געזאָגט מיט אַזאַ פעסטקייט און אַנטשלאָסנקייט אין איר טאָן, אַז שרהן איז באַפאַלן אַן אומבאַוווּסטע שרעק פאַר שיקאַגאָ...

— מאַמי! — האָבן זיך פלוצלונג דערהערט דינע קינדערישע שטימעלעך פונעם שלאָפצימער.

— שלאָפט דאָרטן! ס'איז שוין שפּעט — האָט פייגל אַרויסגערעדט צו די קינדער אַן אויפגערעגטע און איז אַריין אין שלאָפצימער איינצושלעפערן די קינדער.

שרה איז געבליבן זיצן ביים טיש דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט, ווי די מאַמע פלעגט דאָס טאָן אַ סך מאָל אין שווערע מאָמענטן. דאָס וואָרט „שיקאַגאָ" איז געבליבן הענגען אין דער לופטן און האָט זי געשראָקן, אַליין נישט ווויסנדיק פאַר וואָס.

דער שוועסטערס ווערטער זענען געפאַלן אויף איר געמיט ווי שווערער בליי.

זי מוז זיך נעמען אין די הענט, שטאַרקן, איינשליסן זיך אין ריאַלן לעבן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט מיט זיינע טאָג־טעגלעכע פאָדערונגען, פאַרלייגן פונדאַמענטן פאַר אַ געזונטן נאָרמאַלן לעבן. זי וועט באמת מער נישט טראַכטן וועגן מענדלען... זי מוז אַרבעטן, פאַרדינען, שיקן אַהיים געלט אויף יום־טוב... גיין אין אָוונט־סקול לערנען... אין רוסלאַנד און אין פוילן האָט זי נישט געהאַט די געלעגנהייט דערצו. אָבער דאָ!

און זי דערמאָנט זיך אין דעם, וואָס זי האָט אָפּגערעדט מיט מענדלען אויף דער שיף: צו לערנען צוזאַמען! — און ווידער איז מענדל איר געקומען אויפן זינען, פּונקט ווי דאָס לערנען און מענדל וואָלטן געווען אומצעטיילבאַר...

— פייגל, אפשר ווייסטו פון אַן אָוונט־סקול אין דער געגנט? — האָט שרה געפרעגט, ווי נאָר יענע איז אַרויס צוריק פונעם שלאָפצימער.

מיינסטו אַ נייט־סקול פאַר אימיגראַנטן?

— יאָ, אַ סקול וווּ מען לערנט שרייבן און רעדן ענגליש.

— שור, אין באַלטימאָר זענען דאָ אַ סך נייט־סקולס, אָבער צו וואָס? מיר וועלן אין גיכן מופן. אין שיקאַגאָ זענען אויך דאָ נישט ווייניק נייט־סקולס.

שרה האָט אַרונטערגעבויגן איר קאָפּ און האָט געשוויגן.

פייגל האָט באַמערקט דעם אומעט, וואָס איז אויסגעגאָסן געווען אויף שרהס פּנים און האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז דאָס מיט דיר, שרה? אָט ביסטו געווען מוטיק, פריילעך, ווי אַ מיידל אין דיינע יאָרן דאַרף זיין, האָסט גערעדט וועגן גיין אין סקול, פון מענדלען, און פּלוצלונג! אויב מענדל האָט דיך אַזוי ליב ווי דו אים, וועט ער דיך אָפּזוכן און נאָכפאָרן צו דיר קיין שיקאַגאָ.

זי איז צוגעגאַנגען נענטער צו שרהן, אַריינגעקוקט איר אין די אויגן און אַ פאַרזאָרגטע זי געפרעגט:

— וואָס עסט דיך? זאָג נאָר, שוועסטער?

— ס'איז גאָר נישט, עס וועט איבערגיין — האָט שרה געענטפערט, אַ מאַך טוענדיק מיט דער האַנט, ווי זי וואָלט געזוכט צו פאַרטרייבן אירע נאָגנדיקע געדאַנקען און קאָנפליקטן, און האָט גענומען אויסבעטן די סאָפקע אין עסצימער צום שלאָפנגיין.

— די בענקשאַפט הייבט זיך איצט ערשט אָן... אַבי איך האָב געמיינט, אַז עס האָט שוין „איבערגעבראַכט", — האָט פייגל איבערגערעדט דעם דאָקטערס רייד. זי האָט אַ שטילן זיפץ געטאָן, קריטיש אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, און איז אַוועק צו זיך אין שלאָפצימער.

שרה האָט זיך אויסגעטאָן און זיך געלייגט אויף דער סאָפקע. זי האָט איסגעשלאָסן דאָס גאַזפלעמל און זיך באַמיט איינצושלאָפן.

אין גאַנצן הויז איז געוואָרן פינצטער.

*

עטלעכע טעג פאַר ראש־השנה איז הערי צוריקגעקומען פון ניו־דזשערסי, וווּ ער האָט געאַרבעט דעם גאַנצן זומער אין אַ מעבל־פאַבריק. פייגל און זייערע דריי קינדערלעך האָבן אים אַרומגערינגלט מיט ליב־שאַפט, האָבן זיך געפרייט מיט זיין קומען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די קליינע אַרבעטער־דירה מיט דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט האָט אָנגענומען אַ פריילעכערן, זיכערערן אויסזען צוזאַמען מיט זיין קומען.

הערי האָט געבראַכט פּרעזענטן פֿאַר אַלע. פֿאַר זיין ווייב — אַ ראָזעווען וואָלענעם קאָפּטל, פֿאַר די קינדערלעך — שפּילצייג און פֿאַר זיין „גרינער" שוועגערין — אַ פּאַר רויטע אוירינגלעך, וואָס זי האָט יאָרנלאַנג געגאַרט צו האָבן.

ווען שרה האָט צום ערשטן מאָל דערזען פֿאַר זיך איר שוואָגער, מיט זיין קלוגן שמייכל, האָט זי דערפֿילט צו אים אַ שוועסטערלעכע ליב־שאַפֿט. באַזונדערס האָט זיך איר בליק אָפּגעשטעלט אויף זיינע שאַרסקע, צעשפּרייטע הענט, וואָס זענען געווען ווי לעבעדיקע עדות פֿון יאָרן שווע־רער אַרבעט.

מיט הערים אַהיימקומען האָבן דריי משפּחות גענומען מאַכן פּלענער צו מופֿן קיין שיקאַגאָ, ווו די יוניאָן איז געווען אַ שטאַרקע און דער אַרבעט־לוין פֿון די האָלץ־אַרבעטער איז געשטאַנען העכער ווי אין באַלטימאָר.

פֿאַר שרהן איז געשטאַנען איצט אַ האַרב פּראָבלעם.

## ווען דעבס איז „געלאָפן" פאַר פּרעזידענט

אין אַן אַלטער מיטלקלאַס־געגנט זענען געשטאַנען שמאָלע הילצערנע הייזער פון צוויי דריי שטאָק. אין איינעם פון יענע הייזער האָט געוווינט די פאַמיליע גאָלד, מענדלס שוועסטער און שוואָגער מיט זייערע צוויי קליינע קינדער. ביל גאָלד איז געווען אַ נעט געקליידטער יונגערמאַן, אַ הויכער, אַ דאַרער מיט אַן אָפּגעצערטן פּנים. ער איז געווען אַן איינקויפער און אויפזעער אין איינער פון די גרעסערע שניט־קראָמען אין באַלטימאָר. זיינע פאַרדינסטן זענען נישט געווען קיין צו גרויסע, אָבער זיי זענען געווען גענוג פאַר אַ באַקוועם לעבן פון אַ מיטלשטאַנד־פאַמיליע.

די ערשטע פּאָר וואָכן, וואָס זענען אַריבער זינט מענדלס אָנקומען קיין אַמעריקע, איז ער געווען אַ זייער אָנגעלייגטער גאַסט אין דער פאַמיליע פון זיין שוועסטער. די שוועסטער און דער שוואָגער האָבן אים נישט געלאָזט זאָרגן וועגן פּרנסה. אָבער זייענדיק ייִנגער און שטאַרקער פון זיין שוואָגער און אַרומגייענדיק דערווייל אָן אַרבעט, איז אים דער עסן נישט איינגעגאַנגען. יעדן פרימאָרגן פלעגט ער אַרויסגיין זוכן אַרבעט און פלעגט קומען אין אָוונט אַהיים אַן אויסגעשעפּטער און אַן אַנטוישטער. נישט האָבנדיק קיין שום פאַך אין דער האַנט און נישט קענענדיק די ענגלישע שפּראַך, איז אים שווער געווען צוצופּאַסן זיך צו אַ „דזשאַב" פון זיין גוסט. דעריבער האָט ער זיך געמוזט אַראָפּלאָזן און פאַרנעמען זיך מיט די סאַמע פּשוטע אַרבעטן: עטלעכע טעג האָט ער געוואַשן געפעס אין אַ רעסטאָראַן, געפּרוּווט פאַרקויפן צייטונגען, געפּעדלט מיט בעזעמער. עס איז אים אַלץ נישט געגאַנגען...

ווען די שוועסטער האָט געזען מענדלס דערשלאָגנקייט, האָט זי

געבעטן איר מאַן, ער זאָל אים אַריינגעמען אין דער שניט־קראָם, ווו ער האָט פאַרנומען די שטעל פון אַ פאַרוואַלטער. קענענדיק גוט זיין באַלעבאָס מר. קונץ, האָט זיך איר מאַן פון אָנהויב געקווענקלט, אָבער דאָס ווייב איז צו אים אַזוי שטאַרק צוגעשטאַנען, ביז ער האָט ענדלעך גערעדט מיט זיין אַרבעטגעבער און יענער האָט צוגעשטימט אָנגעמען מענדלען פאַר אַ פאַרקויפער אין געשעפט.

מענדל האָט פיינט געהאַט די אַרבעט פון אַ פאַרקויפער. עס האָט אים געצויגן צו דער יידישער בינע, צום זינגען, צום שטודירן און ווערן אַן אַקטיאָר. ווען אַ קונה פלעגט אַריינקומען, פלעגט ער קוקן אויף אים מיט זיינע פאַרחלומטע אויגן און פלעגט קלערן נישט וועגן פאַרקויפן סחורה, נאָר וועגן פאָרן קיין ניו־יאָרק, ווו עס געפינען זיך יידישע טעאַטערס.

די אַנדערע אָנגעשטעלטע האָבן אויפגענומען די קונים (דאָס רוב פרויען) מיט אַ זיסן שמייכל. זיי פלעגן אַרונטערנעמען די פעק סחורות פון די פּאָליצעס, פאַנאַנדערוויקלען איבער די טישן, מעסטן, שניידן, פאַרפּאַקן. דער רעגיסטער האָט פריילעך געקלונגען. די אָנגעשטעלטע האָבן זיך דזשענטלמעניש געבויגט פאַר די קונים, איינגעלאַדן זיי צו קומען נאָך אַ מאָל. דער באַלעבאָס איז געשטאַנען און געריבן זיך די הענט פאַר צופרידנקייט. נאָר איין מענדל האָט זיך ביי אַלעמען געפּלאָנטערט אונטער די פיס אַן אומצופרידענער, אַן איבעריקער.

די ערשטע טעג פון מענדלס אַרבעט אין דער שניט־קראָם האָט מר. גאָלד געמאַכט „סעילס" און געגעבן זיין שוואָגער קרעדיט. דאָס האָט מענדלען באַליידיקט. ער האָט באַשלאָסן זיך אָנצושטרענגען, טאָן ווי אַנדערע פאַרקויפער טוען: פאַרקויפן. אָבער די אַלטע קונהטעס האָבן ליב געהאַט צו קוקן אויף אים, באַוווּנדערן זיינע פאַרקלערטע אויגן, אָבער קויפן האָבן זיי געקויפט ביי די אַנדערע אָנגעשטעלטע...

מר. קונץ, דער אייגנטימער פון דעם געשעפט, האָט נישט פאַרפעלט קיין איין איינציקן טאָג אין וואָך אַריינצוקומען אין געשעפט. ער פלעגט פאַרברענגען און אַפילו שפּאַסן מיט זיינע מענטשן. ער האָט מיט זיינע

זשעדנע אויגן אַלץ געזען. קיין זאַך איז פאַר אים נישט געבליבן פאַרבאָרגן.

אין איין טאָג האָט ער אַריינגערופן ביל גאָלדן צו זיך אין קאַבינעט און מיט שאַרפע ווערטער געפאָדערט, אַז דער מענטש, וואָס ברענגט נישט קיין ביזנעס, זאָל אָפּגעזאָגט ווערן. מר. גאָלד האָט גוט פאַרשטאַנען, וועמען דער באַלעבאָס מיינט. ער איז געווען געצוווּנגען אָפּצושטעלן די אַרבעט פון זיין שוואָגער.

צו מאָרגנס, ווען מר. קונץ איז געקומען אין געשעפט אויף זיין טעגלעכער אינספּעקציע און נישט געפונען דעם „גרינעם", האָט ער גוט־ברודעריש געקלאַפּט גאָלדן אויף דער פּלייצע און געגעבן אים אָנצו־הערן, אַז ער וועט אים מאַכן פאַר אַ שותף אין געשעפט. גאָלד האָט דאָס שוין אַ סך מאָל געהערט פון אים ביי אַנדערע געלעגנהייטן, פון דעסטוועגן האָט ער ליבלעך געשמייכלט, אָבער אין זיין סענסיטיוון געמיט האָט עפּעס געברויזט, זיך געבונטעוועט. ער האָט זיך אָבער געטרייסט מיט דעם געדאַנק, אַז אויב זיין באַלעבאָס וועט אים קיינמאָל נישט מאַכן פאַר קיין שותף, איז מינדעסטנס זיין שטעלע אין געשעפט געזיכערט.

מענדל האָט ביטער געשמייכלט צו זיך אַליין און געקלערט, אַז מענטשן אין אַמעריקע פאַרשקלאַפן דעם גוף מיט דער נשמה פאַרן שטיקל ברויט. מסתמא טוען דאָס אַלע אַזוי, ווי זיין שוואָגער. נישט דאָס האָט ער דערוואַרט פון אַמעריקע. און ער דערמאָנט זיך אָן די ביכער, וואָס ער האָט געלייענט נאָך אין אייראָפּע וועגן אַמעריקע, וועגן דער פרייהייט, וועגן דער קאָנסטיטוציע... ער האָט זיך דערמאָנט אָן די סודותדיקע נעכט אויף דער שיף מיט שרהן, אָן די האָפענונגען און פּלענער, וואָס זיי האָבן געמאַכט צוזאַמען. אַך, דאָס אַדרעסן־ביכעלע, ווו האָט ער עס געקאָנט פאַרלירן? ווי וועט ער קאָנען איצט אָפּזוכן די שיף־שוועסטער און ברידער? שרהן? זי ווייס דאָך געוויס נישט ווי ער גאַרט זי צו זען.

עס איז געווען שפּעט נאָך האַלבן טאָג. אַ קאַלטער אָקטאָבער־ווינט האָט געבלאָזן. מענטשן־מאַסן האָבן געשטראָמט איבער די טראָטואַרן. אויפן ווינקל גאַס האָט ער באַמערקט אַ רעדל מענטשן, וואָס האָבן זיך

כלל נישט געאײלט. זײ זענען געשטאַנען בײ אַ טעלעגראַף־סלופּ און האָבן עפּעס געלײענט פון אַן אױסגעהאָנגענעם פּלאַקאַט. מיט נײַגער איז ער צוגעגאַנגען און האָט זיך אַרײַנגעקוקט אין דעם פּלאַקאַט, פון װעלכן עס האָט אַרױסגעקוקט אַ בילד פון אַ מענטשן מיט ענגלישע אױפשריפטן אונטער אים. דער מענטש אױפן בילד האָט פאַרמאָגט אַ שטאָלצן אױסדרוק־פולן פּנים, אַ פּליך אױפן לענגלעכן קאָפּ און אַזעלכע טיפע מילדע אױגן, װאָס אױב מען זעט זײ אײנמאָל װעט מען זײ שױן קײנמאָל נישט פאַרגעסן.

די מענטשן, װאָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום דעם פּלאַקאַט, האָבן זיך צװישן זיך געטאַמפּערט, נאָר מענדל האָט נישט פאַרשטאַנען װעגן װאָס, ער האָט נישט געקענט די שפּראַך. ער האָט געבעטן אײנעם, דעם צװײטן, מען זאָל אים דערקלערן װעגן װאָס דאָ האַנדלט זיך, נאָר קײנער פון זײ האָט אים נישט פאַרשטאַנען. עס איז בינתיים צוגעקומען אַ ייִדישער יונגערמאַן, האָט אים אָנגעקוקט און געפרעגט מיט פאַרװוּנדערונג:

— װאָס! איר דערקענט נישט אױפן בילד יודזשין װיקטאָר דעבס?! איר מוזט געװיס זײַן אַ „גרינער".

און ער האָט אָנגעהױבן דערצײלן אים אַ לאַנגע מעשה:

— אין אַמעריקע זענען דאָ צװײ פּאַרטײען: אַ רעפּובליקאַנער און אַ דעמאָקראַטישע. נישטאָ קײן גרױסער אונטערשיד צװישן זײ בײדן. הײַ־יאָר האָט זיך געגרינדעט אַ דריטע פּאַרטײ. מען רופט זי „בול מוז". זי װערט אָנגעפירט פון דעם געװעזענעם פּרעזידענט טעאָדאָר רוזװעלט, װעלכער האָט פאַרלױרן די נאָמינאַציע בײ די רעפּובליקאַנער. ער האָט דעריבער אָפּגעשפּאָלטן אַ צאָל מענטשן און האָט געגרינדעט אַ נײַע פּאַרטײ. די באַלדיקע פאָדערונגען פון דער דריטער פּאַרטײ זענען געװען קאָפּירט פון דער סאָציאַליסטישער פּלאַטפאָרמע. די סאָציאַליסטן פירן אַ שטאַרקע קאַמפּאַניע איבערצוצײַגן די ליבעראַל־געשטימטע מאַסע נישט צו שטימען פאַר רוזװעלטן, נאָר צו שטימען פאַר דעבסן, װעלכער איז נאָמינירט געװאָרן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטײ. מאָרגן רעדט דעבס אין דעם גרעסטן זאַל אין שטאָט. קומט אים הערן!

ווען דער מאַן האָט פאַרענדיקט רעדן איז שוין די גאַס געווען שוואַרץ פון מענטשן. סאָציאַליסטן האָבן געטיילט פלוג־בלעטלעך.

מענדל האָט גענומען אַ פלוג־בלעטל אין האַנט, האָט אין אים אַריינ־געקוקט, געדרייט אים אויף אַלע זייטן און נישט געקאָנט איבערלייענען, וואָס דאָרטן איז געשטאַנען געשריבן. ער האָט זיך געמאַכט פאַרוואָרפן פאַר נישט גיין ביז איצט אין דער אָוונט־שול, כדי צו לערנען די ענגלישע שפּראַך, און האָט אַנגענומען אַ פעסטן באַשלוס: צו לערנען די שפּראַך פון לאַנד און זיין אין שטאַנד צו אַרבעטן אַקטיוו פאַרן סאָציאַליסטישן אידעאַל. אומזיסט האָט ער געמיינט, אַז אַמעריקע איז אַ פריי לאַנד און אַז קעמפן פאַרן סאָציאַליזם באַדאַרף מען נאָר אין רוסלאַנד. אָבער אַמעריקע איז דאָך פאָרט אַ פריי לאַנד — זאָגט אים אונטער אַ געדאַנק. — ווען נישט וואָלט די פּאָליציי נישט דערלאָזט, אַז סאָציאַליסטן זאָלן קאָנען פראַנק און פריי אַגיטירן פאַר זייער קאַנדידאַט, פאַר דעבסן, און טיילן ליטעראַטור. עפּעס איז נישט פאַרענדיקט געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, עס זאָלן אויפקומען אַזעלכע מענטשן ווי זיין שוואָגער און ווי מר. קונץ. איצט זעט ער באמת, אַז עס זענען דאָ אויך אַנדערע מענטשן אין אַמעריקע, מענטשן אַזעלכע, וואָס זוכן צו פאַרענדיקן די רעוואָלוציע און ברענגען סאָציאַליזם אין לאַנד.

מיט דעם דאָזיקן געדאַנק איז זיין טראָט געוואָרן פעסטער, זיין געפּאַלענער געמיט פריילעכער. ער האָט דערפילט אַ גייסטיקע דערהויבונג. ווען ער איז אַריין אין שטוב, האָט זיין פּנים געלויכטן פאַר שמחה.

מר. קונץ איז געווען אַן אַלטער תושב פון באַלטימאָר. ער איז געקומען אין אַמעריקע אין די שפּעטע אַכציקער יאָרן, ער איז דעמאָלט נאָך געווען אַ יונגער מיטלוווקסיקער בחור מיט ברייטע פּלייצעס און מיט אַ שטאַרקן דראַנג רייך צו ווערן. נישט זייענדיק קיין אַרבעטער, איז ער געוואָרן אַ פּעדלער. עטלעכע יאָר איז ער אַרומגעפאָרן מיט פערד און וואָגן איבער פאַרוואָרפענע פאַרמס און געבראַכט צו די פאַרמערקעס די פיינסטע שטאָפן און געוואַנטן, פון וועלכע זיי האָבן זיך גענייט קליידער און מאַנטלען.

איינמאָל איז ער פאַרבייגעפאָרן באַן־רעלסן. אַן אַנקומענדיקע באַן

האָט אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפן פּיף. דאָס פערד האָט זיך דערשראָקן און האָט צעטראָגן דעם וואָגן. קונץ איז אַראָפּגעפאַלן פון דעם אָנשמייס־ברעטל און איז שיער נישט דערהרגעט געוואָרן. ווען ער איז געקומען צו זיך, זענען דאָס פערד און וואָגן נישט געווען. די זון האָט זיך אַראָפּ־גערוקט הינטער די רעלסן, די בערגלעך האָבן אַראָפּגעקוקט איבערן ברייטן פלאַכן לאַנד און איבער די טאָלן האָט זיך שוין געשפּרייט אַ פינצטערניש. ער האָט זיך אויפגעהויבן און קוים מיט צרות דערשלעפּט זיך צו אַ פאַרם־הויז. נאָך דעם, ווי ער האָט דאָרטן איבערגענעכטיקט, האָט ער באַשלאָסן מער נישט פאַרנעמען זיך מיט פּעדלעריי.

ער איז געקומען צוריק קיין באַלטימאָר. פריינט האָבן אים אויסגע־האָלפן, ער האָט געדונגען אַ קרעמל און אַריינגעלייגט אין איר אַ ביסל סחורה. ער פלעגט עסן און שלאָפן אין קראָם הינטער אַ שפּאַנישן ווענטל. ווען ער האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט — פיל מאָל פון מויל — האָט ער פאַרקלענערט זיין שלאָף־צימער און פאַרגרעסערט דעם שטח פון קראָם. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט ער געדונגען אַ פיל גרעסערע קראָם, האָט אַריינגעלייגט אַ סך סחורה און האָט זיך פאַרנומען אָפּצוהיטן דאָס געשעפט, ווי דאָס שוואַרץ־אַפּל פון זיין אויג. ער האָט פאַר קיין פאַל נישט חתונה געהאַט אויס מורא, אַז אַ ווייב וועט זיין אַן אויסברענ־גערן און וועט שטערן דעם דערפאָלג פון זיינע ביזנעס. ער האָט אָנגעע־שטעלט אין געשעפט בלויז מענטשן, וואָס האָבן געהאַט גענוג דערפאַרונג אין געשעפט. ער האָט פון זיי געפאָדערט טרייקייט און איבערגעגעבנקייט צו זייער אַרבעט...

אָט פאַר דעם אַלטן און איצט קראַנקן מר. קונץ האָט גאָלד אָנגעע־הויבן אַרבעטן מיט זיבן יאָר צוריק, נאָך איידער ער האָט חתונה געהאַט. עס פאַסירט, אַז ווען מר. קונץ געפינט זיך אין אַ גוטער שטימונג, ווען דער הוסט לאָזט אים אָפּ און שטיקט אים נישט, זאָגט ער צו גאָלדן, אַז ער וועט אים מאַכן פאַר אַ שותף צום געשעפט. דערווייל אָבער איז ער אַן אויפזעער און איינקויפער און אין די שפּעטע אָוונט־שעהן העלפט ער אַרויס דעם בוכהאַלטער ביים פירן די קאַסע־ביכער. פאַר דעם אַלעמען

קריגט ער די גרעסטע שכירות פון אַלע עטלעכע און צוואַנציק אָנגע־שטעלטע: פופציק דאָלאַר אַ וואָך.

*

שפּעט אין אָוונט, ווען גאָלד איז געקומען אַהיים פון דער אַרבעט, האָט ער געפונען מענדלען זיצן אויף דער סאָפע און לייענען אַ בריוו. דאָס ווייב האָט אים באַגעגנט דאָס מאָל, ווי גאָלדן האָט זיך אויסגעדאַכט, מיט אַ געצוווּנגענעם שמייכל. שטיל אָן ווערטער האָט זי געגרייט צום טיש און אַרויפגעשטעלט דאָס עסן.

— ווו זענען די קינדער? — האָט ער געפרעגט ארומקוקנדיק זיך.

— זיי שלאָפן שוין. עס איז שפּעט, באַלד צען דער זייגער. און ווידער האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט אַ פאָרוווּרף אין איר שטימע.

— קום עסן, ביל — האָט זי געזאָגט מיט אַ טאָן, אין וועלכן עס האָט זיך געשפּירט מיטלייד.

— כ'וויל נישט עסן, איך בין מיד. — האָט ביל געזאָגט, און וועלנדיק אויסמיידן אַ צוזאַמענטרעף מיט מענדלס אויגן, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו דער סאָפע און איז אַוועק אין שלאָף־צימער אַריין.

מענדל האָט געקוקט אויף זיין פאַרזאָרגטער שוועסטער. אַ שטומע זעלבסט־באַשולדיקונג האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן.

*

בעת דער שוואָגער האָט אים אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע איז מענדל געווען אַזוי פאַרשעמט און צערודערט, אַז ער האָט קוים געפונען די טיר אַרויסצוגיין. עטלעכע שעה האָט ער זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן און געקלערט וועגן דער שטעלע און וועגן זיין שוואָגער. דאָס האַרץ האָט אים ווי געטאָן פאַר אים. ווי נעבעכדיק ער האָט צו אים גערעדט: ניין, נישט גערעדט, נאָר געשעפּטשעט, געבעטן: דער באַלעבאָס פאַרשטייט מיך נישט. גיי אַהיים, זאָרג נישט. וועסט געפינען אַרבעט...

— וואָס האָט פּאַסירט? האָסטו געקראָגן אַרבעט? — האָט אים די שוועסטער געפרעגט ביים אַריינגאַנג.

— כ׳האָב געפונען עפּעס בעסערס!

— כ׳האָב דיר די גאַנצע צייט געזאָגט, אַז דו וועסט געפינען אַ בעסערן דזשאָב — איז אים די שוועסטער פאַרלאָפן דעם וועג.

— סאָציאַליזם האָב איך געפונען! דעבס לויפט פאַר פּרעזידענט.

— אַ, יאָ, איך האָב עפּעס געהערט דערפון.

זיי האָבן זיך ביידע צעלאַכט מיט אַן אָפן פריידיקן געלעכטער.

— אָט איז אַ בריוו פאַר דיר פון ניו־יאָרק.

ער האָט פון איר האַנט גענומען דעם בריוו און מיט גרויס נייגיר געלייענט:

„טייערער שיף־ברודער מענדל!

כ׳בין געפאָרן קיין ניו־יאָרק זען זיך מיט משפחה, בין איך שוין דאָ פאַרבליבן. איך האָב מיך אָנגעשלאָסן אָן דער „פּלאָמבער"־יוניאָן, געקראָגן אַ דזשאָב און איך מאַך אַ לעבן. שרייב ווי אַזוי דו האָסט דיך איינגעאָרדנט אין באַלטימאָר. אפשר וואָלסטו געקומען קיין ניו־יאָרק? עס איז אַ פיין שטעטל ניו־יאָרק. דאָ זענען פאַראַן יידישע טעאַטערס, וועסט אונדז און זיך קאָנען מאַכן פריילעך. מיידלעך זענען דאָ אויך שיינע ווי אונדזערע שיף־שוועסטער. די רייזע אויף דער שיף איז געווען וווּנדערלעך. אויב דו זעסט דאָרטן די מיידלעך, דוידן, יוספן, גיב זיי איבער אַ גרוס פון מיר. לאָז הערן פון זיך. דיין שיף־ברודער בערל".

— ענדלעך, ענדלעך וועל איך קריגן שרהס אַדרעס — איז מענדל אויפגעשפּרונגען און ער האָט זיך באַלד אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ בריוו. ער האָט אויסגעדריקט זיין פרייד, וואָס עס האָט אים פאַרשאַפט זיין, בערלס, בריוו. האָט דערציילט וועגן זיין באַגעגעניש מיט די סאָציאַליסטן און וועגן זיין צוזאָג צו קומען צו זייערע פאַרזאַמלונגען. מאָרגן גייט ער הערן דעבסן און וועט ברענגען זיין מעגלעכן ביישטייער צו זיין דערוויילונג אַלס פּרעזידענט, כאָטש ער איז נאָך נישט קיין אַמעריקאַנער בירגער...

דערציילט אין בריוו האָט ער אויך וועגן זיין שווערער לאַגע און

וועגן דעם, אַז ער האָט באמת בדעה צו קומען קיין ניו־יאָרק. ער האָט אים געבעטן, ער זאָל אים שיקן די אַדרעסן פון די שיף־שוועסטער. ער מוז זען שרהן, איידער ער פאָרט אַוועק.

דעם פאַרענדיקטן בריוו האָט ער אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט צוזאַמען מיטן סאָציאַליסטישן פלוג־בלעטל און אים פאַרקלעפּט.

*

אַ גאַנצן טאָג האָבן די שאַפּ־אַרבעטער גערעדט וועגן גיין אין אָוונט הערן דעבסן. דער עצם נאָמען דעבס איז פון זיי אַרויסגערעדט געוואָרן מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, אַז די עטלעכע „גרינע" האָבן ממש מקנא געווען די אויסגעגרינטע, וואָס אַ סך פון זיי זענען שוין אַמעריקאַנישע בירגער און וועלן האָבן די מעגלעכקייט צו שטימען פאַר דעבסן בעת די נאָענטע וואַלן פון פּרעזידענט.

אויך די צוויי חברטעס דאָראַ מייזליך און שרה האָבן זיך געפרייט, וואָס זיי וועלן היינט זען און הערן דעבסן. דער גאַנצער טאָג אין שאַפּ איז אַוועק, ווי אַן ערב יום־טוב. די אַרבעט איז געגאַנגען גרינגער און בעסער פון אונטער זייערע הענט.

ווען די זון האָט זיך גענומען זעצן, האָט אַ געפיל פון אומרואיקייט באַהערשט די אַרבעטער אין שאַפּ, און ווען דער וואַנט־זייגער האָט ענדלעך אויסגעשלאָגן זעקס, האָבן זיך אַלע ווי איין מענטש אַ הויב געגעבן פון די ערטער און פאַרלאָזט דעם שאַפּ.

*

דער גרויסער שטאָטישער זאַל איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן. דאָס עלעקטרישע ליכט איז געפאַלן אויפן גרויסן עולם, ביי די ווענט פון וועלכע עס איז פיל מענטשן אויסגעקומען צו שטיין פאַר ענגשאַפט. מענדל איז אויך געשטאַנען ביי דער וואַנט, ער האָט זיך געהויבן אויף די שפּיץ פינגער, געזוכט מיט זיינע אויגן צווישן עולם שרהן און האָט זי אָבער

נישט געפונען. אין זאַל האָט געהערשט אַ שטילקייט, יענע אַנגענעמע שטילקייט, אין וועלכער מען דערוואַרט אַ גרויס ריכטיק וואָרט אין דער ריכטיקער צייט, אַ וואָרט, וואָס גייט אַרויס פון האַרצן און דרינגט אַריין טיף אין האַרצן.

אויף דער פּלאַטפאָרמע איז געשטאַנען אַ שלאַנקע, עטוואָס געבויגענע מענטשלעכע פיגור מיט אַ הויכן שטערן און בלויע קלוגע אויגן; זיינע הענט זענען געווען אויסגעשטרעקט צום עולם, ווי ער וואָלט געוואָלט אַלעמען אַרומנעמען און אַרויספירן אויף דער פריי, ווי משה האָט אין זיין צייט אַרויסגעפירט די יידן פון מצרים...

יודזשין דעבס, דער פלאַמיקער רעדנער, האָט גערעדט צום אַרבעטער־קלאַס און צום מיטלשטאַנד. ער האָט געשילדערט ביידע עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען די רעפּובליקאַנער און די דעמאָקראַטן, וועלכע דינען ביידע טריי דעם קאַפּיטאַל. ער האָט גערעדט מיט צער און צאָרן וועגן דעם באַן־שטרייק אין „גרעיט־נאָרטערן" אין יאָר 1894. ער האָט דערציילט, ווי פּרעזידענט קליוולענד האָט אַריינגעשיקט פעדעראַלע טרופּן צו סקעבן אויף די באַנען. עס האָט דאַן נישט געהאָלפן דער פּראָטעסט פון דזשאָן פּיטער אַלטגעלט, דעם דעמאָקראַטיקן גאָווערנער פון איללינאָי, וועלכער האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל צוריקציען דאָס מיליטער. דער שטרייק איז געבראָכן געוואָרן מיט דער הילף פון פּרעזידענט און דער קאָמערציעלער פּרעסע.

— דעמאָקראַטן אָדער רעפּובליקאַנער — מען קאָן זיך נישט פאַרלאָזן אויף די פּרעזידענטן, וועלכע פאַרטרעטן דעם גרויס־קאַפּיטאַל, שטיצן די מאַגנאַטן און טראַסטן. נאָר אונטער אַ סאָציאַליסטישער אַדמיניסטראַציע וועט דער אַרבעט־מענטש קריגן זיין חלק פרייהייט, גלייכהייט און דאָס רעכט אויף גליק.

עס האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן פון דעם גרויסן עולם צוהערער פון דעבס האַרציקער פלאַמיקער רעדע. דאָס פייפן און וואַרפן די היטלען אין דער לופט האָט געדויערט עטלעכע מינוט.

דעבס האָט פאַרגעזעצט זיין רעדע און האָט אָנגעוויזן אויף דער דריטער פּאַרטיי — דער „בול־מוז". — דאָס איז אַ ליבעראַלע, אָבער אַן

אומקאָנסעקווענטע פּאַרטיי, וועלכע זוכט צו צעטומלען די בירגער, אַראָפּ־צופירן זיי פון וועג מיט אירע פראַזן און צוזאָגן. „און אויב זיי זענען נישט געווען געגוג זייערע אייגענע פראַזן — האָט צוגעגעבן דעבס — האָבן זיי געבאָרגט לאָזונגען ביי דער סאָציאַליסטישער פּלאַטפאָרמע, פון די „באַלדיקע פאָדערונגען".

— „די איינציקע פּאַרטיי, וואָס זאָרגט פאַר די אַרבעטער־מאַסן און פאַרן מיטלשטאַנד — האָט דעבס ווייטער געזאָגט — די פּאַרטיי, וואָס וועט באַפרידיקן „די באַלדיקע פאָדערונגען" איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי".

אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן איז ווידער אויסגעבראָכן. דעבס'ס מילדע אויגן האָבן געשיינט, עס האָט געשטראָמט פון אים מיט ליבשאַפט, גלויבן און האָפענונג. מיט זיין עקשנותדיקן גלויבן און זעלטענער רעדנער־קראַפט האָט ער געפאַנגען די הערצער פון די צוהערער. ער איז פיל מאָל איבערגעריסן געוואָרן מיט אויסרופן: „מיר וועלן דיך שיקן אין ווייסן הויז! וועסט זיין אונדזער פּרעזידענט! מיר וועלן בויען דעם סאָציאַליזם און שטאַרקן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי!".

דאָס פּנים פון דער באַגייסטערטער סאָציאַליסטקע דאָראַ האָט זיך צעשטראַלט. זי האָט אָן אויפהער געפּאַטשט בראַוואָ און האָט זיך פאַרנומען מיטן איבערזעצן דעבס'ס רעדע צו איר חברטע שרהן. מענטשן האָבן זיי אָנגעקוקט מיט שאַרפע בליקן: ש ש ש, — לאָזט הערן!...

— וועסט מיר דערציילן שפּעטער, מאָרגן — שושקעט איר שרה אין אויער אַריין — סיי ווי לייען איך אַרויס פון זיינע אויגן, וואָס ער זאָגט. — און שרה דערמאָנט זיך, אַז זי האָט אַמאָל ערגעץ געלייענט, אַז אַ מענטשנס אויגן זענען די פענצטער פון זיין נשמה. אויב דאָס איז אמת, איז דעבס'ס נשמה די ליכטיקסטע, וואָס גאָט האָט ווען אַ מענטשן געגעבן.

ווען דעבס האָט פאַרענדיקט רעדן, האָט אַן ערן־וואַך אים אויפגע־הויבן אין דער הויך און אים אַרונטערגעטראָגן פון דער פּלאַטפאָרמע.

עס איז געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען דער גרויסער עולם האָט פאַרלאָזן דעם זאַל. אין דעם קאַלטן דרויסן זענען געפלויגן הייסע באַמערקונגען:

— „יודזשין וויקטאָר דעבס, ער איז דער שטאָלץ פֿון אַמעריקע! ס'איז דאָס ערשטע מאָל, אַז אַ סאָציאַליסטישער קאַנדידאַט לויפֿט פֿאַר אַ פּרעזידענט. דעבס האָט אַ שאַנס. אויב נישט איצט, איז שפּעטער מיט פֿיר יאָר. דעבס וועט זיין פּרעזידענט" — זאָגט אַ יונגערמאַן מיט אַזוי פֿיל זיכערקייט, אַז עס בלייבט נישט קיין שום צווייפֿל ביי זיינע צוהערער.

אויך מענדל איז געווען באַגייסטערט פֿון דעבס'ס רעדע. נאָר צוויי זאַכן האָבן אים שטאַרק געמאַטערט: דאָס, וואָס ער האָט נישט קיין שטים־רעכט ביי די איצטיקע פּרעזידענט־וואַלן און... וואָס ער האָט נישט געטראָפֿן שרהן אין זאַל. ער האָט אַזוי געהאָפֿט דאָרטן זיך מיט איר צו טרעפֿן. אַ צו גרויסער עולם איז געווען, אָדער... נו, אפשר איז בעסער אַזוי: די באַגעגעניש דאָ אין זאַל וואָלט געווען צו אויטאָמאַטיש, עפּעס צופֿעליק. געוויס וועט אים בערל צושיקן איר אַדרעס. ער וועט אָפּשטאַטן אַ ספּעציעלן וויזיט ביי איר און וועט איר דערקלערן פֿאַר וואָס ער איז נישט געווען געקומען פֿריער.

און מיט באַנייטע האָפֿענונגען אין האַרצן האָט ער געשפּאַנט אין דער נאַכט־שטילקייט מיט פֿעסטע טריט אַהיים.

## דעבס קריגט אַ מיליאָן שטימען

אין אַ פּיכטן כמורנעם נאָוועמבער־טאָג האָבן אַמעריקאַנער בירגער זיך געאײַלט גיין צו די שטים־קאַסטנס. אימיגראַנטישע אַרבעטער זענען געגאַנגען פאַרנאַכט פון די שעפּער, האָבן זיי נאָכגעקוקט און מקנא געווען. אַ טייל פון זיי האָבן זיך געקליבן ווערן בירגער, האָבן געהאָפט, אַז אין די קומענדיקע וואַלן פון יאָר 1916 וועלן זיי שוין אויך קאָנען שטימען. אָבער די מערסטע אימיגראַנטן האָבן אַפילו ניט געקאָנט טראַכטן דערפון, ווייל די אַרבעט האָט זיך געלייגט שווער אויף זיי, און צוליב שווערער מידקייט און פארנומענקייט מיט דאגות פּרנסה איז דאָס גיין אין דער אָוונט־שול לערנען די אמעריקאַנער קאָנסטיטוציע פאַר זיי געווען נאָר אַ חלום.

אין יענעם וויטן נאָוועמבער־פאַרנאַכט איז שרה מיט איר חברטע דאָרע אויך געגאַנגען פון דער אַרבעט און אויך מקנא געווען די יעניקע, וועלכע קאָנען שטימען. ווען זיי וואָלטן אַפילו געווען בירגער, און פרויען וואָלטן יאָ געהאַט שטימרעכט, וואָלטן זיי אויך איצט נישט געקאָנט שטימען צוליב זייער יונגן עלטער. דאָראַ איז געווען צוואַנציק יאָר אַלט און שרהן איז געגאַנגען ערשט דאָס ניינצנטע יאָר.

דאָראַ אז געווען פון די אָפּטימיסטישע נאַטורן, וואָס זענען פאַרליבט אין לעבן און אין מענטשן. מיט איר עטוואָס הייזעריקלעכן קול האָט זי אָנגעשטעקט אַלעמען אין שאַפּ מיט איר זאָרגלאָזן געלעכטער. זייענדיק אַ סאָציאַליסטין פון דער היים, איז זי דאָ מיטגעריסן געוואָרן פון דער אַמע־ריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און באַזונדער פון איר פירער יודזשין וויקטאָר דעבס. זי איז געווען זיכער, אַז ער וועט ווערן פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אויב נישט איצט, איז מיט פיר יאָר אַרום שפּעטער.

ביידע חברטעס האָבן געשפּאַנט מיט אַ פריילעכן געמיט און מיט אַ

גרינגן טראָט פון די מיידלשע פיס. זייערע ליפּן זענען געווען פולע, זאַפ־טיקע; גרויסע האָפענונגען האָבן געגליט אין דאָרעס מוח און האַרצן, מיט וועלכע זי האָט אָנגעשטעקט אויך שרהן. די שטימונג איז געווען אַזאַ געהויבענע, ווי עס וואָלט איצט געווען פרילינג אויף דער וועלט און נישט קיין האַרבסטיקער, ווינטיקער אָוונט.

דאָרע האָט דערציילט מיט גרויס התפּעלות, ווער דעבס איז און וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאַר די אַמעריקאַנער אַרבעטער: ער איז געווען דער ערשטער אַרויסצופירן די באַן־אַרבעטער פון דער „בראַדערהוד", וועלכע האָט גאָרנישט נישט געטאָן פאַר זיי. ער האָט זיי אָרגאַניזירט אין אַ מילי־טאַנטישן יוניאָן אויף אַן אינדוסטריעלער באַזיס, פאַר וואָס די קעגנער האָבן אים שטאַרק אַטאַקירט.

אונטער דעבס וואַכזאַם, געטריי אויג איז די יוניאָן געוואַקסן און איז געוואָרן שטאַרק. אין יאָר 1893 האָט אַ שרעקלעכער קריזיס אַרומגעכאַפּט דאָס לאַנד. מאַסן אַרבעטסלאָזע האָבן געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט הונגעריקע, באָרוועסע און נאַקעטע. אין יענער קריטישער צייט האָבן די קאַפּיטאַליסטן איבערגענומען די אייזן־ און מינען־גרובן פאַר קליינגעלט. די באַן־מאַגנאַטן האָבן רעאָרגאַניזירט דעם באַן־פאַרקער, געדונגען אַרבעטער פאַר אַ הונגער־לוין. די מערסטע פון זיי האָבן געקראָגן 40 דאָלאַר אַ חודש. נאָך דריי מאָל שניידן די שכירות איז אין יאָר 1894 דערקלערט געוואָרן א שטרייק אין „גרעט נאָרטערן". אַ דאַנק דער אַחדות פון די שטרייקער און דעבס' פירערשאַפט איז דער שטרייק געוווּנען געוואָרן. די העכערונג פון די שכירות פון די ארבעטער האָט באַטראָפן 146 טויזנט דאָלער אַ חודש.

ווען דעבס האָט געהאַט פאַרלאָזן סט. פּאול און איז געפאָרן אַהיים קיין טערע הוט, זענען טויזנטער באַן־ארבעטער געשטאַנען ביי די באַן־רעלסן אין שטיל־שווייגן מיט אַנטבלויזטע קעפּ. דאָס איז געווען זייער אויסדרוק פון דאַנק און אָנערקענונג פאַר זייער געליבטן פירער. דעבס האָט דאָס קיין מאָל נישט פאַרגעסן, האָט שטענדיק דערמאָנט און געשריבן וועגן דעם.

אַ פּרווו פון דער „יוניאָן פאַסיפיק" צו שניידן די שכירות איז אויך דורכגעפאַלן. די באַן־יוניאָן האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם און האָט גע־וווּנען די זאַך אָן אַ שטרייק.

אָבער נישט שטענדיק האָבן פּאַסירט אַזעלכע זיגן. דער שטרייק קעגן דער פּולמאַן־קאָמפּאַני אין יאָר 1896 האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ דויע־רנדן און ביטערן גערנגל. פעדעראַלע מיליטער זענען אין די טויזנטער געשיקט געוואָרן קעגן די שטרייקער. זיי האָבן געסקעבט (געשטיצט שטרייקברעכער) און געבראָכן דעם שטרייק. דעבס און די אַנדערע אָנפירער זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין טורמע. מען האָט אים באַשולדיקט אין פאַרראַט קעגן דער רעגירונג. די צייטונגען האָבן געשריבן, אַז דעבס איז „אַן אַנאַרכיסט פון ערגסטן סאָרט" און אַז ער האָט דערקלערט מלחמה נישט נאָר די קאָאָפּעריישנס אָדער די קאַפּיטאַליסטן, נאָר דער אַמערי־קאַנער רעגירונג. ווען דער באַקאַנטער אַדוואָקאַט קלאַרענס דאַראָו איז אים געקומען באַזוכן אין טורמע און האָט אויסגעדריקט די מורא, אַז דעבס וועט שווער באַצאָלן פאַר זיין אָנפירן דעם שטרייק, איז דעבס' הויפּט־זאָרג געווען נישט פאַר זיך, נאָר פאַר די 120 טויזנט אַרבעטער, וואָס די מער־סטע פון זיי זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן אויפן שוואַרצן צעטל.

דאָרע איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון אירע אייגענע דערציילונגען וועגן דעבסן און פון די קאַמפן, וועלכע ער האָט אָנגעפירט, אַז זי האָט אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז זי רעדט צו אַ „גרינער" מיידל, וואָס איז אַפילו נישט קיין סאָציאַליסטקע. זי איז שטיל געוואָרן און האָט שטיל געשמייכלט, ווי זי האָט זיך אַליין געפרעגט: צי רעד איך נישט אויפן ווינט?!

שרה האָט אויסגענוצט דעם שטילן מאָמענט און אַ פרעג געטאָן דאָרען:

— זאָג מיר, דאָרע, פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ? דו רעדסט דאָך ווי פון אַ בוך אַרויס.

— יאָ, פון אַ בוך. איך האָב פיל געלייענט, פיל אָנגעהערט זיך אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון די קאַמפן, וועלכע דעבס האָט געפירט. דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. איך וועל דיך אַמאָל מיטנעמען אויף אַ מיטינג. וועסטו גיין?

— געוויס! איך וועל מיט דיר מיטגיין. איך בין נאָך קיין מאָל נישט געווען אויף אַ סאָציאַליסטישער פאַרזאַמלונג.

שרה האָט זיך דערפילט דערהויבן. ווען נישט די טונקעלע נאַכט,

וואָלט דאָרע געזען די דאַנקבאַרקייט אין שרהס אויגן. מיט אַמאָל האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— כ'האָב גאָר פאַרגעסן: מיר „מופן“ דאָך אין גיכן קיין שיקאַגאָ. ס'האָט זיך געהערט אַנטוישונג אין איר קול.

— נישט געפערלעך. אין שיקאַגאָ איז אויך דאָ אַ גרויסע סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטיי. ווּעסט זיך באַקענען, וועסט הערן, וואָס די גענאָסן דערציילן וועגן דעבסן. ער איז באַליבט ביי אַלע אַמעריקאַנער און עמיג־ראַנטישע אַרבעטער. אַפילו אין אייראָפּע איז ער באַוווּסט. זיין גוטסקייט גייט אַריבער אַלע גרענעצן. איך האָב געהערט דערציילן, אַז אין קאַלטע ווינטער־טעג גיט ער אַוועק זיין מאַנטל צו אַרבעטסלאָזע. ער קומט שטענדיק אַהיים מיט אויסגעליידיקטע קעשענעס. איין מאָל האָט אים אַ באַן־אַרבעטער געזאָגט, ער וואָלט געקאָנט קריגן אַ בעסערן „דזשאָב“ אין זיין קאָמפּאַני, ווען ער וואָלט געהאַט אַ זייגערל. דעבס האָט אַרויס־גענומען זיין טאַשן־זייגערל און געגעבן דעם אַרבעטער, ער זאָל גיין אָננעמען דעם בעסערן „דזשאָב“. ווייסט גאָרנישט, קאָנסט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, וואָס דער נאָמען יודזשין וויקטאָר דעבס מיינט פאַר די אַרבעטער.

— דאָרע, דו רעדסט מיט אַזויפיל באַגייסטערונג און דו ווייסט אַזויפיל פונעם אַמעריקאַנער לעבן, וואָלסט געקאָנט ווערן אַ רעדנערין.

און שרה האָט געקוקט אַרויף צו דאָרען, וועלכע איז אויסגעוואַקסן אין אירע אויגן. די עטלעכע וואָכן, וואָס זי קען זיך מיט דאָרען האָט זי זי נישט געהאַט אָנגענומען פאַר אַ גאָר ערנסטער, נאָר פאַר אַ פריילעכן לונג־און־לעבער. איצט האָט זי דערזען אין איר אַן אַנדער דאָרע, אַ באַוווּסטזיניקע, אַן אידעאַליסטישע. אַפילו טורמע וואָלט זי נישט אָפּגע־שראָקן, פונקט ווי איר פריינט באַריס אין וואַרשעווער פּאַוויאַק... זי האָט פאַרשטייפט דאָרעס אָרעם. דאָרע האָט זי וואַרעם צוגעדריקט צו זיך:

— האָסט געזאָגט, אַז איך וואָלט געקאָנט ווערן אַ רעדנערין. גלויב מיר, אַז איך ווייס זייער ווייניק. אַ סך זאַכן דאַרף איך זיך נאָך לערנען און דערוויסן. די צוויי יאָר, וואָס איך בין אין אַמעריקע, האָב איך זיך אויסגע־לערנט אַ ביסל ענגליש. איך לייען ביכער. אָבער דאָס איז נישט גענוג.

איך קלער פון אַ פּלאַן, שרה, איך קלייב זיך אין גיכן אַוועקצופֿאָרן. אין דער אימיגראַנטישער סביבה איז זיך נישט מעגלעך צו אַמעריקאַניזירן. וואָלסטו וועלן מיטפֿאָרן מיט מיר?

— מיטפֿאָרן? וווּהין? — וווּנדערט זיך שרה.

— איך קלער צו פֿאָרן אין די „מידל־וועסט", ערגעץ אין די דאַקאָ־טאָס, וווּ עס זענען נישטאָ קיין סך אימיגראַנטישע מענטשן. איך וויל גרינטלעך דערלערנען די ענגלישע שפּראַך און וויל זען אַמעריקע.

— דאַקאָטאָס? „מידל־וועסט"? ווו געפֿינט זיך דאָס? — האָט גע־פֿרעגט שרה און האָט מקנא געווען דאָרען פֿאַר איר געוואַגטקייט.

— אין אַמעריקע — צעלאַכט זיך דאָרע מיט איר קלינגענדיקן, נאַ־טירלעכן געלעכטער. די שיטערע פֿאַרבייגייער אויף דער גאַס האָבן זי נאָכגעקוקט און געשמייכלט. אויך שרה האָט געקוקט אויף איר און גע־וווּנדערט זיך: צוויי דאָרעס וווינען אין איר. איינע אַ סאָציאַליסטישע, אַן ערנסטע; די צווייטע — אַ פֿאַרשייטע, אַ פֿריילעכע, וואָס ווען זי דערהערט דאָס פֿייפֿן פֿון דער באַן ווערט זי אומרואיק, וויל וואַרפֿן די אַרבעט און לויפֿן עק וועלט. און זי, שרה, האָט זיי ביידן ליב.

נאָך אַ לענגערן צייט פֿון אַרומשפּאַצירן אין די גאַסן, רעדן וועגן ערנסטע און שפּאַסיקע זאַכן, ווי יונגע מיידלעך טוען דאָס, זענען זיי גע־בליבן שטיין ביי שרהס הויז. אַ שוואַכער שיין פֿון אַ לאַמטערן אויפֿן ראָג־גאַס איז געפֿאַלן אויף דאָרעס פּנים וואָס איז איצט געווען זייער ערנסט. זי האָט פֿאַרשאַרט די ברוינע האָר אויפֿן הויכן שטערן פֿאַרשטייפֿט דאָס פֿאַטשיילקעלע אונטער איר פֿעסטער ברייטלעכער געמבע, אָנגעקוקט שרהן מיט אירע גרויסע, ברוינע אויגן, וועלכע זענען געזעסן עטוואָס ווייטלעך געפּאַסט איבער אַ לענגלעכער, אָבער שיין־געטאָקטער נאָז. זי איז צוגע־קומען זייער נאָענט צו שרהן און געזאָגט:

— באַקלער זיך. מיר האָבן דאָ נישט קיין שאַנס צו לערנען, אָנקוקן דאָס אַמעריקאַנער לעבן. בייטאָג — איבער דער מאַשין און אין אָוונט — העלפֿן דער שוועסטער אין דער הויז־אַרבעט. מיר זענען דאָ איינגעקלאַמערט אין ענגן, אימיגראַנטישן לעבן. כ׳בעט דיך, פֿאָר מיט מיר. ס׳וועט זיין אינטערעסאַנט אָנצוקוקן אַמעריקע.

— מיין גאַנצע משפּחה „מופּט" קיין שיקאַגאָ. זיי לאָזן מיך נישט אָפּ. זיי ווילן איך זאָל מיטפאָרן. — האָט געזאָגט שרה אין אַזאַ הילפלאָזן טאָן, אַזש איר שטימע האָט זיך געבראָכן.

— דו ביסט די באַלעבאָסטע איבער דיין לעבן און נישט דיין פאַמי־ליע. — האָט געזאָגט דאָרע מיט איר פעסטן, כמעט מענערישן קול.

זיי האָבן זיך געדריקט די הענט. דאָרע האָט געשפּאַנט אַהיים מיט פעסטע טריט. שרה האָט זיך געוואַקלט און איז פאַרשוווּנדן אויף די שמאָלע, פינצטערע שטיגן.

די נאַכט איז געווען פאַר שרהן אַ פיינלעך לאַנגע. דער געראַנגל — אַ שווערער. וווּהין און מיט וועמען זאָל זי פאָרן? די פראַגע האָט זי זיך געפרעגט אָבער און ווידער און נישט געקאָנט קומען צו קיין באַשלוס. ווען דער גרויער פרימאָרגן האָט אַריינגעשיינט אין פענצטער האָט שרה אַן אויסגעשעפּטע, ווער ווייסט צום וויפלטן מאָל זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט און איז איינגעשלאָפן מיט אַן אומרואיקן שלאָף.

*

— שוין געהערט די גוטע נייעס? איז דאָרע אַריינגעפאַלן אין שאָפּ מיט גרויס אימפּעט.

די אַרבעטער האָבן אויף אַ רגע איבערגעריסן די אַרבעט און קרעפטיק אויסגעשריגן:

— יאָ, געהערט! דעבס האָט געקראָגן נאָענט צו אַ מיליאָן שטימען.

אַפילו דער שטענדיק אָנגעכמורעטער באַלעבאָס האָט צופרידן גע־שמייכלט. אפשר, ווייל ער האָט באַמערקט, אַז גלייך נאָך דער גוטער בשורה האָבן זיך די אַרבעטער גענומען מיט אָפּגעפרישטן מוט צו דער אַרבעט. די מאַשינען זענען אַוועק אין אַ שנעלערן און פריילעכן טעמפּאָ. אַפילו שרה, וואָס איר נאַכטיקער שלאָף איז געווען אַ צעשטערטער, איז אויך געוואָרן מוטיק אויפגעלייגט:

— אַ סאָציאַליסט איז געלאָפן פאַר פּרעזידענט; אַ מיליאָן שטימען האָבן געשטימט פאַר אים. עס מוז דאָך טאַקע זיין אַ פריי לאַנד, אַמע־ריקע. — און זי האָט געצערטלט דאָס צויבער־וואָרט און עטלעכע מאָל

איבערגעחזרט — אַ פּרעזידענט, אַ פּרעזידענט! נישט קיין צאַר קיין סאַמאָדערזשאַוועץ, נאָר אַ פּרעזידענט. ווודראָו ווילסאָן מוז אויך זיין אַ פיינער מענטש, ווען נישט וואָלט ער נישט דערוויילט געוואָרן פאַר אַ פּרעזידענט.

ווען די בליקן פון די צוויי חברטעס האָבן זיך באַגעגנט איז דער שמייכל פון שרהס פּנים פאַרשוואונדן. נישט קאָנענדיק אויסהאַלטן דאָרעס שטראָפנדיקן בליק, האָט שרה אַראָפּגעלאָזט די אויגן צום געניי. און דאָרע האָט געוווּסט, אַז זי פאַרט אַליין. ביידע האָבן געפילט, אַז זייערע וועגן צעשיידן זיך. דאָס געפיל איז געווען שווער און פיינלעך, וואָס נאָר הילפ־לאָזע קינדער קאָנען עס פילן.

*

גאַנץ פרי איז דאָרע אויפגעשטאַנען און איז אַוועק באַגלייטן איר חברטע שרה. דאָרע האָט זיך שטענדיק באַמיט צו באַגלייטן אַ חבר אָדער אַ חברטע, ווען זיי זענען אַוועקגעפאָרן. דאָס סאָפּען און פייפן פון אַ באַן האָט געהאַט פאַר איר אַ באַזונדערן רייץ. אויך איצט איז זי געקומען צו דער באַן זען די „קאַרפּענטערס" ווייבער און קינדער אָפּפאָרן צו זייערע מענער קיין שיקאַגאָ, מיטנעמענדיק איר חברטע שרהן.

דאָרע האָט וואַרעם געשמייכלט. זי האָט אַרויסגענומען פון האַנט־בייטל אַ פאַרשריבן שטיקל פּאַפּיר און געזאָגט:

— דאָ האָסטו אַן אַדרעס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ווען דו וועסט זיך איינאָרדענען אין שיקאַגאָ מיט אַ דזשאָב גיי אַרויף. פרעג זיך פאַר סילוויאַן. איך וועל נאָך היינט איר אָנשרייבן אַ בריוו, פאָרשטעלן דיך, אַזוי, אַז ווען דו וועסט קומען, וועלן זיי וויסן ווער דו ביסט.

נאָכדעם, ווי זי האָט זיך צעזעגנט מיט די צוויי פרויען, מיני און פייגל, געקושט די קינדער איז זי צוגעגאַנגען נאָענט צו איר חברטע:

— כ'וועל דיך שטענדיק געדענקען, דאָרע. — האָט שרה געפליס־טערט. — דיין פריילעכקייט וועט מיר נאָכגיין. איך האָב דיך ליב — און זי איז געפאַלן דאָרען אויפן האַלדז און איבערגעלאָזט מיט איר אַ טרער.

*

נאָך איידער די שוואַכע האַרבסט־זון האָט אַריינגעשיינט אין פענצטער, איז שוין מענדל געווען אויף די פיס. עס האָט אים געצויגן אין פרייען דרויסן אַרויס. און כאָטש עס איז נאָך געווען פרי, זענען די גאַסן געווען באַלעבט מיט מענטשן. יונגע ייִנגלעך, כמעט קינדער, זענען אַרומגעלאָפן מיט פעק צייטונגען אונטער די אָרעמס און פאַרהילכט די גאַסן מיט זייערע שטימע־לעך: — ווילסאָן „עלעקטעד" פרעזידענט, „ריד אָל אַבאַוט איט!"...

מענדל איז צוגעקומען צו אַ צייטונג־שטעל. גרויסע, פעטע אותיות אין „פאָרווערטס" האָבן אַ בלענד געטאָן פאַר זיינע אויגן: „דער סאָציאַליס־טישער פאָנען־טרעגער יודזשין וויקטאָר דעבס קריגט נאָענט צו אַ מיליאָן שטימען. ווילסאָן דערוויילט." דערנאָך איז געגאַנגען אַ צעטל פון הונדער־טער סאָציאַליסטישע נעמען, וועלכע זענען דערוויילט געוואָרן איבערן לאַנד צו פאַרשידענע אַמטן:

— 56 מעיאָרס פון שטעט און שטעטעלעך, אַ גאַנצע ריי סטעיט אַסעמבלי־מען, סקול־באַאַמטע, אַלדערמען און נאָך גאַנצע טויזנט סאָציאַ־ליסטן זענען אויסדערוויילט געוואָרן.

מענדל לייענט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אַלע איינצלהייטן פונעם סאָציאַליסטישן זיג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין די וואַלן.

פאַרענדיקט לייענען די ערשטע זייט, האָט ער געעפנט די צייטונג און אַריינגעקוקט אין די אַנאָנסן פון „העלפּ פאַרלאַנגט", אויסגעקליבן איינעם, ווו עס זאָגט זיך: „ס'ווערט געזוכט אַ צושניידער ביי ליידיס קלאָוקס. קיין דערפאַרונג איז נישט נויטיק."

מיט שנעלע, פעסטע טריט איז ער אַוועק צום אָנגעצייכנטן פּלאַץ, דרייסט געעפנט די טיר און אין אַ זיכערן טאָן געפרעגט וועגן דעם דזשאַב. דער באַלעבאָס, אַ הויכער ברייט־פּלייציקער מענטש מיט אַן אַנגרייפנדיק פּנים, האָט באַטראַכט דעם שטאָלצן „גרינעם". עס איז אים גראָד געפעלן געוואָרן די זיכערקייט אין זיין קול.

— דיין אַרבעט וועט דערווייל באַשטיין אין העלפן דעם „קאָטער" אויסלייגן די וואַרע, צוברענגען און צונעמען די „פּעטערנס" (מוסטערן) און נאָך אַזעלכע וויכטיקע אַרבעטן.

— עטלעכע טעג און דו וועסט זיין א „קאַטער פירסט קלעס.״ — האָט פאַרענדיקט דער באָס און געצייגט אים זיין פּלאַץ ביים טיש.

כאָטש די שכירות זענען געווען קליינע — פינף דאָלאַר אַ וואָך און די שעהן לאַנגע איז ער דאָך געווען צופרידן מיטן דזשאַב: — שוין צייט צו ווערן פּראַקטיש, אינדיפּענדענט רופן זיי דאָס. — האָט מענדל געטראַכט.

די טעג זענען געלאָפן, געפלאָכטן זיך אין וואָכן. ער האָט שוין אָפּגעצ־נומען אין „ווײדשעס״ פופצן דאָלאַר. די שוועסטער האָט נישט געוואָלט ביי אים נישט נעמען פאַר „רום און באָרד״ (עסן און שלאָפן), האָט ער דאָס אָפּגעלייגט אויף די הוצאות קיין ניו־יאָרק. ער האָט געוואַרט נאָר אויפן בריוו פון זיין שיף ברודער בערלען, נישט אַזוי אויפן בריוו, ווי אויף שרהס אַדרעס. ער מוז זי זען איידער ער פאָרט אַוועק. אין די אָוונטן — איז ער געגאַנגען צו סאָציאַליסטישע מיטינגען און האָט באַזוכט די אָוונט־שול. געמיינט האָט ער, ער וועט שרהן דאַרט טרעפן, אָבער זי איז, ווי אין וואַסער אַריין.

— אפשר אַריינגעבן אַן אַנאָנס אין „פאָרווערטס״? ניין: ער וועט וואַרטן אויף בערלס בריוו.

אַ וואָך שפּעטער איז אים אָנגעקומען אַ בריוו פון בערלען. בייגע־לייגט אויף אַ באַזונדער שטיקל פּאַפּיר איז געווען שרהס אַדרעס. דעם בריוו האָט ער אַוועקגעלייגט, ער וועט לייענען שפּעטער. ער האָט גענומען דעם אַדרעס און איז געלאָפן אויפזוכן שרהן.

ווען ער איז אַראָפּ פון טראַמוויי איז שוין געווען שפּעטלעך אין אָוונט. די געגנט איז געווען אַן אָרעמע, אַ שוואַך באַלויכטענע. ער איז דורכגעגאַנגען עטלעכע קליינע בלאָקס, זיך אָפּגעשטעלט אין איינער פון די שמאָלע גאַסן, ביי אַן אַלט הילצערן הויז און האָט אָנגעקלונגען. דער גלעקל האָט נישט געאַרבעט, האָט ער אָנגעקלאַפּט מיט די פויסטן אין דער טיר. פון אונטערשטן שטאָק איז אַרויסגעקומען אַן עלטערער ייד מיט אַ באָרד, אָנגעטאָן אין נאַכט־קליידער. ער האָט בייז אַ פרעג געטאָן:

— וועמען זוכט איר דאָ אַזוי שפּעט?

— די קויפמאַנס, וווינען זיי דאָ?

— ווער? — האָט דער ייד איבערגעפרעגט.

אַ פאַמיליע מיטן נאָמען גרינבערג. ער איז אַ „קאַרפּענטער”, צו זיין ווייב איז געקומען אַ שוועסטער, אַ „גרינע” מיידל, שרה הייסט זי.

— איר מיינט הערי, דער קאַרפּענטער? זיי האָבן „אַרויסגעמופּט”. די גאַנצע פאַמיליע איז אַוועקגעפאָרן קיין שיקאַגאָ.

ער האָט זיך געריבן די פאַרשלאָפענע אויגן און האָט שוין געוואָלט פאַרמאַכן די טיר.

— האָט איר דעם אַדרעס אין שיקאַגאָ? זייט אַזוי גוט — האָט זיך מענדל געבעטן.

דער ייד האָט געלאָזט די טיר אָפן, איז אַריין אין שטוב, האָט געעפנט אַ שופלאָד, אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר און געזאָגט:

— אָט איז עס: אין שיקאַגאָ ערגעץ אויף ספּרוס סטריט.

מענדל האָט איבערגענומען דעם אַדרעס מיט ציטערנדיקע פינגער. נאָר פלוצלינג האָט דער ייד, ווי אויפגעוואַכט פון שלאָף:

— יונגערמאַן, ווער זייט איר? איך ווייס נישט צי האָב איך אייך געדאַרפט געבן. דער אַדרעס איז פאַרן בריוטרעגער. כ'וועל דאַרפן צושיקן די בריוו זייערע, וואָס וועלן קומען.

מענדל האָט אַרויסגענומען פון וועסטל־קעשענע אַ בלייער מיט אַ שטיקל פּאַפּיר, אָפּגעשריבן דעם אַדרעס און האָפערדיק צוריקגעגעבן דאָס פּאַפּיר:

— זאָרגט נישט, פּעטער, גייט רואיק שלאָפן.

דער נישט איבעריק הויכער ייד אין די שלאָף־קליידער מיטן נאַכט־מיצל אויפן קאָפּ האָט געצויגן מיט די אַקסלען, זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן און פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

אויף מאָרגן איז מענדל אַוועק אין שאַפּ אַריין, זיך אויסגערעכנט מיטן באַלעבאָס, געקויפט אַ באַן־בילעט און אָנשטאָט צו פאָרן קיין ניו־יאָרק, איז ער אָפּגעפאָרן קיין שיקאַגאָ.

# שיקאגא

# מיר קומען קיין שיקאַגאָ

די באַלטימאָר־אָהאַיאָ־באַן האָט זיך זיגזאַגמעסיק געשלענגלט דורך די אַלעגייניע־בערג, אַז דער קאָפּ האָט זיך פֿאַרדרייט. אין וואַגאָן האָט מען זיך באַקוועם אויסגעזעצט אויף די זיצפּלעצער, געפּרוווט פֿאַרבינדן באַקאַנטשאַפֿט, געשמועסט און געשמייכלט — אַ מיטל קעגן לאַנגווייליקייט. עס איז פֿאָרגעשטאַנען אַ לאַנגע זיבעצן־שעהעדיקע רייזע.

אַן עלטערער מענטש, וואָס איז געזעסן ביי פּייגלס זייט האָט זיך אַ שפּיל געגעבן מיט דער צען־חדשימדיקער סוליע, וואָס די מוטער האָט געהאַלטן אויף איר שויס. אַ יונגע פרוי האָט געטיילט די קינדער עפּל, וואָס זיי האָבן גענומען שעמעוודיק אין זייערע קליינע הענטלעך. איינער האָט געבעטן ביי זיין שכן אַ ציגאַרעט, האָט יענער אים אויסגעשטרעקט דעם גאַנצן פּעקל ער זאָל נעמען וויפל ער וויל און אים נאָך צוגעלייגט די שוועבעלעך. אַ דיקלעכע פרוי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט מיט אַ שאַכטל צוקערקעס און האָט דערלאַנגט יעדן איינעם פון אירע שכנים. מען האָט גענומען, באַדאַנקט און געשמייכלט איינער צום אַנדערן.

שרה האָט נישט פאַרשטאַנען גוט די שפּראַך, אויף וועלכער אַלע פּאַסאַזשירן האָבן צווישן זיך גערעדט, אָבער זי האָט גוט געפילט די וואַרעמקייט, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט צווישן די אַלע פרעמדע מענטשן.

— גאָר נישט ווי אין דער היים אויף די באַנען — האָט זי געקלערט — דאָרטן איז יעדער אָפּגעזונדערט, פאַרטאָן אין זיך, מיט זיין פּעקל באַגאַזש. מען איז קאַרג מיט אַ ציגאַרעט. מען קוקט אויף פרעמדע מיט פאַרדאַכט און מען היט זיך מען זאָל נישט ווערן באַגנבעט.

— פּ י ט ס ב ו ר ג ! — האָט אַ לאַנגער, דאַרער קאָנדוקטאָר אויסגערופן מיט אַן אויסגעצויגענער שטימע דורכגייענדיק דעם שמאָלן וואַגאָן.

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. דיקע קנוילן רויך האָבן זיך געצויגן פון הויכע קוימענס און האָבן באַדעקט דעם כמורנעם הימל. איינציקע שנייעלעך זענען געפאַלן לאַנגזאַם און זיך אָפּגעשטעלט ווו עס האָט זיך געלאָזט: אויף די וואַגאָנען, אויף קאַסטנס סחורה, אויף די ווינטער־מאַנט־לען פון די מענטשן. אַנדערע זענען געפאַלן אויפן ברוק.

צווישן די פּאַסאַזשירן האָט זיך גערודערט. עטלעכע מענטשן זענען אַראָפּגעגאַנגען, אַ סך אַנדערע זענען ווידער אַרויפגעקומען. צעשאָטענע גרופּקעלעך מענטשן אין טונקעלע פאַרשמירטע „אָווראַלס״, מיט קעסטלעך אין די הענט און מיט לאַמטערנדלעך אונטער די דאַשקעס פון די היטלען האָבן זיך געשפּאַרט אין אַלע טירן.

— דאָס זענען מיינערס, וואָס גראָבן קוילן אונטער דער ערד — האָט געזאָגט פייגל צו איר שוועסטער, זעענדיק ווי יענע קוקט אַזוי פאַרוווּנ־דערט אויף די מענטשן.

— אַ טשיקאָוו לאַנד אַמעריקע, אַלץ איז דאָ פאַראַן — האָט זיך שרה אָנגערופן און האָט צוגעשמידט איר פּנים צום באַן־פענצטער.

באַלד האָט די באַן זיך ווידער געלאָזן אין איר וועג און איז אַרויס אויף אַ ברייטן פלאַכלאַנד צווישן אָזיערעס און טייכן. דאָס וואַסער, געטריבן דורכן ווינט, האָט זיך גערונצלט און די בלויקייט האָט זיך געמיניעט אין אָפּשיין פון דער שוואַכער האַרבסטיקער זון.

אַ באַן האָט זיך שנעל פאַרבייגעטראָגן מיט אַ פייפעריי, אַ צווייטע האָט אָפּגעענטפערט מיט שאַרפע קורצע פייפן. אייזערנע רעדער האָבן זיך שנעל און ריטמיש געדרייט איבער שטאָלענע רעלסן אין אומאויפהערלעכן געיעג פאַרויס... פאַרויס...

און ווידער האָט זיך די באַן אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַנציע, דאָס מאָל אַ קליינער. רחבותדיק איז געלעגן דאָס גאָלדיקע אָפּגעשוירענע פעלד. ווי טונקעלע פלעקן אויף אַ ליכטיקער פלאַך זענען אַרומגעגאַנגען איבערן פעלד בהמות, געזוכט דעם איבערבלייב פון גרינע גראָזן צווישן שטעכע־דיקן שטרוי און דערציילט איינע די אַנדערע אויף שטום־לשון סודות פון פאַרגאַנגענעם זומער. זייערע פולע לייבער האָבן געקוואָלן מיט דער שפע פון האַרבסט. פון קליינע פאַרם־הייזקעס מיט קאָלירפולע דעכער זענען

אַרויסגעלאָפן קינדער מיט אויסגעצויגענע ווייסע האָר ווי דער פלאַקס, וואָס האָט זיך געטריקנט אויף דער זון. זיי האָבן געפּאַכעט מיט די הענטלעך און די פּאַסאַזשירן האָבן זיי געענטפערט פאָכענדיק מיט ווייסע טיכלעך, ביז די קינדער און די הייזלעך זענען פאַרשוואונדן פון זייערע אויגן.

שפּעט אין אָוונט איז די באַן אַריינגעקומען אין קליוולענד. ווידער האָט זיך די באַן געשטעלט, ווידער זענען פּאַסאַזשירן אַראָפּ און אַרויף, די, וואָס זענען אַרויף האָבן מיט זיך אַריינגעבראַכט קעלט און שטאָטישן טומל.

פייגל האָט כסדר געקוקט דורכן באַן־פענצטערל דרויסן אַרויס און האָט געזאָגט צו שרהן:

— קליוולענד איז אַ שיינע שטאָט. אַ שאָד, וואָס דו קאָנסט זי נישט זען בייטאָג, אָבער דו ביסט נאָך יונג, דו וועסט נאָך גרייכן צו זען אַמעריקע.

די קליינע סוליע איז איינגעשלאָפן ביי דער מוטער אויף די הענט. ביידע יינגלעך אָנגעשפּאַרט אָן דער מוטער פון ביידע זייטן זענען אויך געשלאָפן. זייערע ברוין־געלאָקטע קעפּלעך האָבן זיך געוויגט צום טאַקט פון די קלאַפּנדיקע רעדער. פון די צוויי ליידיקע זיצפּלעצער קעגנאיבער האָט שרה געמאַכט אַ געלעגער פאַר די צוויי קלענערע קינדער, און דער גרעסערער יינגל איז געבליבן ליגן נעבן פייגלען אָנגעשפּאַרט מיט זיין קאָפּ אויף איר שויס.

פייגל האָט ווידער אַרויסגענומען העריס לעצטן בריוו פון איר בייטל און שטיל פאַר זיך געלייענט. ער האָט געשריבן, אַז ער „גלייכט" שיקאַגאָ, אַז מען צאָלט דאָרטן בעסערע שכירות, אַז ער האָט געדונגען אַ ליכטיקן „פלעט" און געקויפט ניי מעבל, און אַז ער וואַרט אומגעדולדיק אויף איר קומען צוזאַמען מיט די קינדער. און ווידער האָט ער געשריבן: „נעם מיט שרהן, לאָז זי נישט איבער אַליין אין באַלטימאָר. לאָז זי אויך נישט פאָרן ערגעץ גאָט ווייסט וווהין, אין די דאַקאָטעס"... צום סוף בריוו איז געווען אָנגעגעבן זייער נייער שיקאַגער אַדרעס אין גרויסע ענגלישע אותיות: ספּרוס סטריט 31, שיקאַגאָ.

פאַרענדיקט לייענען, האָט זי אַריינגעלייגט דעם בריוו צוריק אין קאָנווערט, האָט פאַמעלעך געוומען דעם יינגל און אים אַוועקגעלייגט אויף דער באַנק. זי איז צוגעגאַנגען צו די קלענערע קינדער, אויסגעגליכן זייערע

צוזאַמענגעפּלאַכטענע הענטלעך און פּיסלעך און צוגערוקט די קאָפּערס אַלס באַוואָרעניש קעגן אַראָפּפאַלן. דערנאָך האָט זי זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויף איר אָרט אין ווינקל, אַרויפגעלייגט דעם ייִנגלס קעפּל אויף איר שויס און האָט פאַרמאַכט די אויגן.

— ס׳איז מיר אַ שאָד געווען צו „ספּענדן״ אויף אַ „סליפּער״ — האָט זי געזאָגט, געניצנדיק מיט פאַרמאַכטע אויגן — הערי אַרבעט צו שווער אויפן דאָלאַר.

— הערי איז אַ גוטער מענטש און געטרייער שוואָגער. ער זאָרגט פאַר מיר. כ׳קלער אָבער, אַז עס איז אַ טעות וואָס איך פאָר קיין שיקאַגאָ. כ׳האָב באַדאַרפט בלייבן אין באַלטימאָר און פאָרן מיט דאָראָן אין די דאַקאָ־טאָס. איך וואָלט אָנגעקוקט אַמעריקע. כ׳וואָלט מיך אויסגעגרינט. — דאַ־קאָ־טאָ! וואָס פאַר אַ שיינער נאָמען. עס פּאַסט ממש פאַר אַ ליד — האָט שרה געטראַכט אַ פאַרלוירענע און אומבאַשלאָסענע.

די שוועסטער אירע האַלב־זיצנדיק, האַלב־ליגנדיק, דעם קאָפּ פאַר־וואָרפן אַרויף, אָנגעשפּאַרט אויף דער וואַנט, איז געשלאָפן מיט אַ רואיקן, געזונטן שלאָף.

מאָמענטאַל, ווי געשטויסן דורך אַן אומבאַוווּסטן כּוח, האָט שרה אַרויסגענומען פון איר בייטל אַ שטיקל פּאַפּיר און באַלד אָנגעהויבן שרייבן:

ווייטע, פרעמדע שטאָט דאַקאָטאַ!
דיין נאָמען לאָקט און רופט אין מיר
צו דיין אומבאַקאַנטער טיר,
נאָר מיין וועג פירט נישט צו דיר.

און זי האָט ווייטער געשריבן וועגן איר פאַרדראָס, וועגן איר חרטה פאַרן פאָרן קיין שיקאַגאָ, וועגן דער פריינדלעכקייט צווישן די מענטשן אין וואַגאָן, וועגן שלאָפנדיקע קינדער, וואָס ליגן איינגענורעט איינס אין דעם אַנדערן, פון... מיידלעך און ייִנגלעך אויף שווימענדיקע שיפן, וואָס האָבן זיך פאַרשווּעסטערט און פאַרברודערט... זי שרייבט וועגן מענדלען...

פּלוצלונג האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט ביי זיך:

„ווּ איז ער? ווּ איז ער? פאַר וואָס איז ער נישט געקומען?״.

מאָדנע, זי טראַכט לעצטנס זעלטן וועגן אים. פאַר וואָס? אפשר איז

דאָס אויך געווען נישט מער ווי איינע פון אירע היימישע ליבעס? אַ שפּיל געטאָן זיך אין ראָמאַנטישקייט, כדי צו באַפּוצן דאָס וואָכעדיקע לעבן, אַ שפּיל און נישט מער?

נישט ווילנדיק איז איר באַפאַלן אַ פאַרלאַנג צו אַנטלויפן פון דער פאַרשאָלטענער ווירקלעכקייט. זי איז איינגעשלאָפן.

*

אין אַ גאָר פריען ווינטער־פרימאָרגן איז די באַן אָנגעקומען קיין שיקאַגאָ און האָט זיך אָפּגעשטעלט. די פּאַסאַזשירן, אָנגעלאָדענע מיט פּעק זענען אַרונטער פון דער באַן. עס איז זיי אַנטקעגנגעקומען אַ ווייכער פּוכיקער שניי צוזאַמען מיט אַ גרויען רויך. אַ געפלעכט פון הונדערטער באַנען זענען געשטאַנען אויף לאַנגע רעלסן, האָבן געסאָפּעט ווי פאַרמאַ־טערטע פערד און אַרויסגעבלאָזן פון זיך אַ דיקע, געדיכטע פאַרע. אַנדערע באַנען, אָנגעלאָדענע און ליידיקע זענען אָנגקומען און אָפּגעפאָרן אין פאַר־שידענע ריכטונגען. דער געבראַזג האָט געריסן די אויערן און האָט איבער־געלאָזט אַ שטאַרקן רושם אויף שרהן. זי האָט זיך שטענדיק באַרימט מיט איר גרויס־שטאָט וואַרשע. זי האָט געמיינט, אַז קיין גרעסערע און רוישי־קערע שטאָט קאָן שוין נישט געמאָלט זיין. שענער — אַוודאי נישט. אין איר דמיון האָט זי איצט געזען דעם ווינער וואָקזאַל אין וואַרשע. גאָר נישט קיין פאַרגלייך צו דעם אומענדלעכן געפלאָנטער פון שינעס און צו דער מהומה פון אומצאָליקע באַנען.

— וואָס האָסטו זיך דאָרטן אַזוי פאַרקוקט? — האָט זי דערהערט פּלוצלונג אַ געבייזער פון איר עלטערער שוועסטער.

— אָט בין איך — איז זי צוגעלאָפן מיטן קלומיקל אין דער האַנט, אַ פאַרשולדיקטע. די שוועסטער איז געשטאַנען אַ צעטראָגענע, מיט אַ טיפער זאָרג אין אירע אויגן. די קינדער, איבערראַשטע פונעם גרויסן טומל, האָבן זיך פעסט אָן איר געהאַלטן. זי האָט געזאָגט:

— די קינדער זענען אומרואיק. לאָמיר גיין!

זיי זענען דורכגעגאַנגען אַ שוואַך באַלויכטענעם וואָקזאַל און אַרויס

אין גאָס. דער גערדראַנג פון מענטשן איז דאָרט געווען אין לשער. קליינע יינגלעך מיט אָפּגעטראָגענע פּעלצלעך זענען אַלעמען פאַרלאָפן דעם וועג און געשריגן מיט יונגע דינע שטימעלעך: „פּייפּער, „שיקאַגאָ סאַן“, „שיקאַגאָ טריבון“, באַי אַ פּייפּער!“... דריבנע שניי־פּעדימלעך האָבן זיך געדרייט אין דער לופטן, געפאַלן אויף פלאַכע דעכער פון שטיינערנע מויערן און ציגל־רויטע פאַבריקן, און האָבן איינגעוויקלט די גרוילעך־רויכיקע שטאָט אין ווייסן. עס איז אָנגעקומען אַ סטריט־קאַר. זיי זענען אַרויף, אַריינטראָגנדיק מיט זייערע לאַנגע קליידער אַ צעטראָטענעם שניי. זיי האָבן געפונען ליידיקע פּלעצער און זיך באַקוועם געמאַכט.

לאַנג זענען זיי געפאָרן. די סטריט־קאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף יעדן ווינקל. זיי האָבן אַרויסגעקוקט און געזען פאַר זיך לאַנגע שמאָלע גאַסן צווישן הויכע מויערן, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אויף זיי אַ שרעק. נאָר באַלד איז דער טראַמוויי אַרויס אויף אַ ברייטן בולוואַר מיט צעלויכטענע שילדן און מיט רייך־גלאַנציקע אויסשטעל־פענצטער. איבער דעם אַלעמען האָט געשוועבט אַ כמורנער רויך, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שאַרפער ווידערשפּרוך צו דעם ווייסן שניי, וואָס איז זיך אַזוי געמיטלעך געפאַלן.

פלוצלונג האָט דער קאָנדוקטאָר אויסגערופן „ספּרוס סטריט“. זיי האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן, שנעל זיך אויפגעהויבן פון זייערע פּלעצער און אַרונטער פון טראַמוויי.

זיי זענען אַריין אין אַ שמאָל געסל מיט הילצערנע הייזער און זענען צוגעקומען צו אַ צווייִשטאָקיק הויז. פייגל האָט אַרויסגענומען פונעם האַנט־בייטל דעם אַדרעס:

— יאָ, עס שטימט!

אונטערן הויז אין קעלער, איז געווען אַ בעקעריי. דער ריח פון פרישן קאָרן־ברויט האָט גערייצט דעם אַפּעטיט און זיי האָבן זיך פלוצלונג דערמאָנט, אַז זיי זענען טאַקע הונגעריק. זיי זענען אַרויף איבער די שטיי־נערנע טרעפּ אויפן ערשטן שטאָק, אויפגעשלאָסן אַ טיר און געבליבן שטיין אין אַ גרויסער ווייס־געקאַלכטער קיך מיט צוויי גרויסע פענצטער, וואָס גייען אַרויס אויף דער גאַס. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ גרויסע שפּייז־שאַפע, אַן אויוון, וואַסער־לייטונג מיט אַ בלעכענעם סינק אַקעגנאיבער אַ

טיר, וואָס האָט געפירט איינס נאָך אַנדערן אין אַ שלאָפצימער, אין אַ וואַש־צימער און אין אַ קלענערן שלאָפצימער מיט אַ קליין פענצטערל אויבן אויף דער וואַנט. רעכטס איז געווען אַ טיר, וואָס האָט געפירט אין אַ גאַנץ שיינער „פּאַרלאָר" מיט אַ פענצטער אין אַ שמאָלן הויף אַריין, אַזוי שמאָל, אַז די מענטשן האָבן זיך געקענט דערלאַנגען די הענט פון איין הויז אין צווייטן.

פאַר די אויגן האָט אַ בליאַסק געטאָן ניי מעבל; אַן אומגעהײַער גרויסער פאָטערשטול, אַ גרויסע סאָפע פון ווײַן־רויטן קאָליר און נאָך אַן אויסגעבעטער שטול.

פייגל, נאָך אַלץ מיטן קינד אויף די הענט, האָט צופרידן געשמייכלט. די צוויי ייִנגלעך זענען זיך צעלאָפן איבער אַלע צימערן, באַטאַפּט מיט זייערע הענטלעך דאָס מעבל און זיך אָפּגעשטעלט ביים וויגשטול.

— אייער טאַטע, אַ געזונט אין אים, — האָט פייגל געזאָגט — האָט עס אַלץ באַזאָרגט.

אַ שוואַכע ווינטער־זון האָט אַריינגעשײַנט אין די נאָך נישט פאַרהאַנגענע פענצטער. קינדערישע שטימעלעך פון הויף און פון די טרעפּ האָבן פאַרהילכט די אויערן. פייגל האָט אָנגעצונדן דעם גאַז־אויוון. אין שטוב איז געוואָרן וואַרעם און היימלעך...

הערי איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. ער האָט זיך געאײַלט צו גיין אַהיים און האָט אונטערגעזונגען אַ ניגון: איין קלייניקייט, זײַן ווײַב און קינדער קומען הײַנט!

מיט שנעלע און מונטערע טריט איז ער אַרויף אויפן ערשטן שטאָק, מוטיק און וואַרעם אויפגעפּראַלט די טיר און געכאַפּט די קינדער אין זײַנע אָרעמס, דערנאָך איז ער אַזוי, אַ באַהאַנגענער מיט אַלע דריי קינדער, צוגעגאַנגען צו פייגלען און האָט זי וואַרעם געקושט און האָט פרײַנדלעך געדריקט שרהס האַנט. נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט די קינדער, האָט ער זיי געלייגט שלאָפן אין די נײַע בעטלעך. אויסגעמאַטערטע פון וועג — האָט ער געטראַכט — זאָלן זיי גיין פרי שלאָפן און נישט פּלאָנטערן זיך די דערוואַקסענע אונטער די פיס. דערנאָך האָט ער מיט

זיין וואַרעמען שמייכל אויפן פּנים אויפגענומען די געסט, וואָס זענען געקומען מקבל פּנים זיין די משפּחה.

אויך פייגל איז געווען אויפגעלייגט. זי האָט זיך גערויטלט, און — פון געוווינהייט — געדאַנקט גאָט: אַבי מען איז שוין ווידער צוזאַמען, וועט אַלץ זיין גוט.

די שטוב איז געווען באַלויכטן מיט העלן עלעקטרישן ליכט. די מענטשן, צעשמייכלטע, אויפגעלייגטע, האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום אַן אָוואַלן, לענגלעכן טיש, געטרונקען טיי און זיך אויסדערציילט די נייעסטע איבערלעבענישן.

אַלץ איז דאַכט זיך געווען אין פולקאָמער האַרמאָניע. איין שרה איז געווען נישט צופרידן און מעלאַנכאָליש געשטימט:

— איך האָב געדאַרפט פאַרבלייבן אין באַלטימאָר, פאָרן מיט דאַראַן אין די דאַקאָטאָס —— האָט איר נישט אויפגעהערט צו עקבערן דער געדאַנק. איר האַרץ איז געווען שווער. אַזאַ נאַטור האָט זי שוין געהאַט: אַלע מאָל באַדויערן!

— וואָס ביסטו אַזוי פאַרכמורעט? — האָט ציפּע זי געפרעגט מיט אַ שמייכעלע, וואָס האָט עדות געזאָגט פון איר צופרידנקייט אין דער נייער היים.

כ'בין מיד — האָט שרה געענטפערט — און אונטער די וויעס פון אירע פאַרחלומטע אויגן האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַ סוד.

— האָסט אפשר געזען מענדלען, אָדער די אַנדערע שיף־שוועסטער און שיף־ברידער? — האָט פייגל געפרעגט.

— ניין, נישט געזען אים, נישט געהערט פון קיינעם — האָט שרה קורץ געענטפערט מיט איינגעהאַלטענער צערייצטקייט.

— איך אויך נישט. ס'אַרט מיך נישט. אָבער ווען דו וואָלסט געזען מענדלען, וואָלסטו איצט געווען פריילעכער.

שרה האָט נישט געענטפערט. זי האָט געקוקט אויף ציפּען און זיך געוווּנדערט:

— ווי זי האָט זיך דאָס געענדערט פאַר דער קורצער צייט, וואָס זי וווינט אין שיקאַגאָ! גאָר נישט די זעלבע ציפּע. זי ווערט מער נישט

רויט ביי יעדן וואָרט און רעגט זיך נישט אויף פון יעדער זאַך. זאָל דאָס זיין דערפאַר, וואָס זי גייט שוין אַרום מיט „באָיעס״?

— מאַנטיק וועל איך דיך אַרויפנעמען אין מיין שאַפּ. איך האָב שוין גערעדט מיטן באַלעבאָס. ער איז אַ גאַנץ פיינער מענטש. ער וועט דיר געבן אַ „דזשאָב״ — האָט ציפּע געזאָגט, ווי זי וואָלט געוואָלט מיט עפּעס שרהן פאַרגיטיקן.

— אַ באָס קאָן נישט זיין קיין פיינער מענטש. זאָלן זיך נאָר זיינע אַרבעטער פּרווון אָנשליסן אין דער אוניאָן וועט ער גלייך אויס פיינער מענטש — האָט געזאָגט מעקס, וועלכער האָט אין שיקאַגאָ געביטן זיין נאָמען אויף מייק, כדי עס זאָל קלינגען מער אַמעריקאַניש.

— אַ באָס קאָן אויך זיין אַ פיינער מענטש — שפּאַרט זיך ציפּע מיט איר ברודער.

ביים טיש האָבן זיך די צוזאַמענגעקומענע לאַנדסלייט נאָכגעפרעגט אויף פאַרשידענע איינצלהייטן פון זייערע פריינד און באַקאַנטע אין באַל־טינאָר. מען האָט געשמועסט וועגן דעם „בום״, וואָס גייט אָן ביי די בוי־אונטערנעמונגען אין שיקאַגאָ. מען האָט גערעדט וועגן די „דזשאָב״־שכירות, וועגן מיטינגען און וועגן כלערליי אַנדערע אַרבעטס־פראַגן. מען האָט אויפגעוויזן, אַז די „קאַרפּענטער־אוניאָן״ (סטאָליאַרעס) אין שיקאַגאָ איז שטאַרקער ווי די אין באַלטימאָר. דזשעק האָט פאַרזיכערט אַז אין גיכן וועט די אוניאָן פאָדערן אַ „רעיז״ (הוספה) פאַר די אַרבעטער. די פרויען האָבן דערביי צוגעגעבן, אַז פינף דאָלאַר אַ טאָג פאַר אַ קוואַליפיצירטן אַרבע־טער מיט קינדער איז טאַקע נישט גענוג.

דער שמועס האָט זיך אַ קער געטאָן אויף אַ נייער טעמע, — אויף דער סופראַזשיסטישער באַוועגונג, דער באַוועגונג פאַר פרויען־גלייכבאַ־רעכטיקונג, מיט וועלכער די צייטונגען זענען צו יענער צייט געווען פול.

— ווען מיר פרויען וועלן באַקומען שטים־רעכט, וועלן מיר העלפן אויסקעמפן בעסערע „ווייִדזשעס״ פאַר די מענער — האָט פייגל אויסגערופן מיט אַזאַ הייטערן קול, ווי די אַמאָליקע סאָציאַליסטקע וואָלט אין איר אויפגעוואַכט.

סיידי האָט זי אָנגעקוקט, ווי מוטיק זי רעדט. זי האָט באַוואונדערט

פייגלען, האָט געמאַכט אַ פּרוּוו אויף עפּעס צו זאָגן, איז אָבער געבליבן שטיל.

— די ווייבער וועלן זיך נאָך אָנטאָן אין הויזן — האָבן די מענער געשפּאַסט.

— איין מאָל בין איך געגאַנגען — האָט זיך אָנגערופן מייק — הערן, אויף טשיקאַוועס, ערנעסטינע ראָוז. אָ, ווי זי האָט געשפּריצט מיט פייער. עס איז געווען אַ מחיה צו קוקן אויף איר... זי האָט מיך גלייך איבערצייגט — האָט ער אַ ווונק געטאָן מיט זיינע אויגן.

— יענע וואָך, אײדער זיי זענען געקומען — האָט הערי אָנגעדייט אויפן ווייב מיט די קינדער — האָב איך געהערט רעדן ליליען בלעיק. ס'איז אמת געווען אַ סך „פאַן" צו זען, ווי די ווייבער נעמען זיך צום האַרצן.

— זאָלן זיי זיך פרייער אָפּשניידן די „ספּאָדניצעס", וועלן זיי זיך קענען פרייער באַוועגן — האָט ווידער געשפּאַסט איינער פון די געסט.

— זיי אָרגאַניזירן איצט אַ מאַרש קיין וואַשינגטאָן, וועט איר זען, ווי זיי וועלן עפּעס טאָקע אויספועלן — האָט פייגל ווידער גענומען דאָס וואָרט.

— דער פּרעזידענט האָט שוין באמת מער גאָרנישט וואָס צו טאָן, ווי צו פאַרנעמען זיך מיט אייערע ווייבערישע ענינים.

— איך וועל כלל נישט זיין איבערראַשט, אויב זיי וועלן אויספירן און באַקומען שטים־רעכט — האָט זיך אָנגערופן דזשעק, זעענדיק ווי זיין ווייב סיידי וויל זיך אויך באַטייליקן אין געשפּרעך און וואַגט נישט. כדי זי מהנה צו זיין, האָט ער זיך אָפּן געשטעלט אויף דער זייט פון די סופראַזשיסטקעס.

די פרויען, גאַנץ באַזונדער פייגל און סיידי, האָבן נישט פאַרפעלט דאָס אָפּצושאַצן. מען האָט אים אונטערגערוקט אַלע גוטע זאַכן, וואָס זענען געווען אויפן טיש און באַשאָטן אים מיט וואַרעמע בליקן. די מענער דאַקעגן האָבן איראָניש געשמייכלט און אַלס ענטפער האָבן די פרויען אויף זיי געקוקט מיט פאַרוואורף, ווי זיי וואָלטן געהאַט געזאָגט: — אונדזערע באַלעבאַטים!

אַ קלאַפּ אין טיר האָט איבערגעשלאָגן די דיסקוסיע. עס זענען אַריינגעקומען צוויי בחורים: איינער אַ מיטלוועקסיקער מיט אַ ווייך פּנים, גאָלדענע ברילן איבער אַ פּאָר מילדע בלויע אויגן. אַ חן־גריבעלע האָט

געשפּילט אויף זיין גלאַטיק ראַזירט פּנים. אין זיין האַנט האָט ער געטראָגן אַ שיין פּאַרפּאַקט שאַכטל שאָקאָלאַד. דער צווייטער — אַ הויכער, מיט אַ ביינערדיקער נאָז און מיט שאַרפע געזיכט־שטריכן. ער האָט געטראָגן אַן ענגלישע צייטונג אונטערן אָרעם.

אַלעמענס אויגן האָבן זיך אַ קער געגעבן צו די אָריינגעקומענע.

— געהערט, אַז געסט זענען געקומען, האָבן מיר זיך געוואָלט באַקע־נען — האָט געזאָגט ישראל, דער בחור מיט דעם שיין פּאַרפּאַקטן שאַכטל שאָקאָלאַד אין דער האַנט.

— קומט אַריין נענטער, איך האָב דאָך אייך איינגעלאַדן, וואָס זענט איר עפּעס שטיין געבליבן ביי דער טיר! — האָט זיך אָנגערופן הערי — באַקענט זיך: דאָס איז מיין ווייב פייגל, און דאָס איז מיין שוועגערין שרה. אונדזער קוזינקע ציפּע האָט איר שוין זיכער געזען. וואָס, ניין? איר מוזט זי געדענקען פון דער היים.

— אַוודאי געדענק איך זי, קליינע מיידעלעך געווען בעת איך בין אַוועקגעפאָרן. „באַרישניעס" געוואָרן... — האָט ישראל געזאָגט מיט אַ זאַפּטיקן טאָן, און דייוו מיט זיין ביינערדיק פּנים און פאַרשנדיקע אויגן האָט געקוקט און געשוויגן, בלויז זיין קנאָכיקע האַנט מיט די לאַנגע דאַרע פינגער, וואָס ער האָט אויסגעשטרעקט, האָט גערעדט. דאַקעגן, האָט ישראלס גלאַטע האַנט מיט די קורצע פעטע פינגער געגלעט מיט איר ווייכקייט.

הערי האָט צוגעשטעלט צום טיש נאָך צוויי שטולן. דער עולם האָט זיך אַ ביסל ענגער צונויפגערוקט אַרום טיש און זיך אַוועקגעזעצט.

ישראל האָט אַוועקגעלייגט דאָס שאַכטל שאָקאָלאַד אויפן טיש און דייוו — די ענגליש־צייטונג. עס האָבן אַ שלאָג געטאָן אין די אויגן גרויסע שוואַרצע אותיות: „צוועלף מיינער פאַרשאָטן אונטער דער ערד. אַלע האָפע־נונגען פאַרלאָרן". די וואָס האָבן געקענט לייענען האָבן זיך אָנגעקוקט. ס'איז שטיל געוואָרן אַרום טיש. עפּעס ווי אַ לוויה וואָלט פּלוצלונג אַדורכ־געגאַנגען. דייוו, ווי לייענענדיק זייערע געדאַנקען, האָט צוגעגעבן:

— ס'איז נישטאָ דער טאָג עס זאָל נישט פּאַסירן קיין אומגליק־פאַל.

— איז דען טאַקע נישטאָ קיין וועג ווי אַזוי דאָס אויסצומיידן?

— ס'איז דאָ, די באַלעבאַטים דאַרפן בלויז וועלן.

— אָדער מען דאַרף זיי צווינגען — האָט דייוו צוגעגעבן.

אַלע זענען געזעסן אַ פּאָר מינוט אין אַ פאַרטרויערטן שווייגן. באַלד איז מען אָבער ווידער אַריבער צום געוויינלעכן געשפּרעך, ווי דער אומגליק פון די פאַרשאָטענע מיינער וואָלט געווען אַ געוויינלעכע דער־שיינונג. און כדי אַריינצוברענגען דעם עולם צוריק אין שטימונג האָט דזשאָו אַ פרעג געגעבן:

— האו איז ביזנעס, ישראל?

— פּריטי גוד, פּריטי גוד! — האָט ער געענטפערט און אַ בליק געטאָן אויף די מיידלעך מיט זיינע גאָלדענע ברילן.

— און דיין פּרנסה, דייוו, דיין שרייבן ווי גייט? — האָט דזשעק גע־פרעגט, בעת פייגל האָט צוגעטראָגן צוויי טעפּלעך קאַווע פאַר די צוויי צוגעקומענע געסט.

— עס גייט ווי אויף קוליעס — האָט זיך דייוו אָנגערופן און זיך גענומען צום צובייס.

— דעטס רייט — האָט ישראל געזאָגט — יו סייד איט — און האָט געקוקט אויף די מיידלעך כדי צו זען דעם איינדרוק, וואָס עס מאַכט אויף זיי זיין ענגליש רעדן.

ישראל איז געווען אַ באַרעדעוודיקער בחור. ער האָט דערציילט אַ סך מעשיות, געשאָטן מיט וויצן און דערביי נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון שרהן, ווי ער וואָלט פאַר איר אַליין געוואָלט זיך אויספּיינען.

דייוו האָט געגעסן און געשוויגן. ער האָט בלויז צוגעוואָרפן ישראלן אַ צווײדײַטיק שמייכעלע, ווי ער וואָלט געזאָגט צו אים:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי צעלאָזט?

„ישראל איז אַן אמתער אַמעריקאַנער", האָט שרה געטראַכט, „אין דעם גרוי געשטרייפטן אָנצוג, וועלכער ליגט אויסגעגאָסן אויף זיין געפּרעסטער פיגור קוקט ער אויס ווי אַ דאָקטער אָדער ווי אַ גרויסער געשעפטסמאַן".

שרה האָט גערעדט זייער ווייניק, זי האָט נאָר געענטפערט אויף גע־שטעלטע פראַגן. זי האָט געקוקט און געשוויגן.

ישראל האָט ליב שטילע, באַשיידענע מיידלעך, נעבעכלעך, אָט ווי

שרה איז. מיט אַזאַ מיידל, אַז ער וועט חתונה האָבן, וועט ער האָבן שטענדיק דאָס ערשטע און דאָס לעצטע וואָרט... אַלס אַ „גרינע״ וועט זי קיין לוקסוס נישט פאָדערן — האָט ישראל די גאַנצע צייט געטראַכט — עס זענען אים געקומען אויפן געדאַנק זיינע צרהדיקע ביזנעס. ער האַלט ביים באַנקראָטירן... אויב באַנקראָטירן, איז בעסער פריער חתונה האָבן... אַ ווייב קומט צו נוץ אין אַזאַ לאַגע. מען קאָן פון די קרעדיטאָרן עפּעס אַרויסרייסן. נייך, ער איז חלילה נישט קיין אָפּנאַרער. אַלע קאָנען אים לויבן פאַר זיין גוטן כאַראַקטער. ער ווייסט, אַז ער איז אַ דזשענטלמאַן. ער ווייסט אָבער אויך, אַז ער איז אַ קנאַפּער ביזנעסמאַן. — די דאָזיקע געדאַנקען, וואָס האָבן געוווימלט אין זיין קאָפּ, האָבן אויף דער מינוט אַראָפּגעוואָרפן ישראלן פון דער מדרגה, אויף וועלכער ער איז געשטאַנען אַריינגייענדיק לוסטיק און פריילעך אין דער גערזעלשאַפט און האָבן אים געמאַכט פילן זיך אומזיכער.

ער האָט אַרויסגענומען זיין גאָלדענעם טאַשנזייגער, אַ קוק געטאָן און געזאָגט:

— ס'איז צייט צו גיין. ס'ווערט שפּעט.

פאַר העפלעכקייט וועגן האָט אים הערי געפּרוּווט אָפּהאַלטן:

— וואָס איז דער געאייל? איר דאַרפט דאָך נישט אויפשטיין גאַנץ פרי, ווי מיר האָרעפּאַשניקעס. וויפל דעם זייגער עפנסטו דאָס געשעפט?

— יאָ, מיר דאַרפן אויפשטיין פרי, גיין צו דער אַרבעט — האָט געזאָגט דזשעק אויפהייבנדיק זיך פון בענקל.

— מיר זענען נישט קיין רייכע „סטאָר־קיפּערס״, מיר זענען פּשוטע האָמערקלאָפּערס — האָט מייק געשפּאַסט און זשעסטיקולירט מיט זיינע הענט, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין קלאַפּן טשוועקעס אין די ווענט פון אַ בניין.

צופרידענע און שמייכלענדיקע זענען אַלע אויפגעשטאַנען פון די פלעצער, זיך דערנענטערט צו דער אַרויסגאַנג־טיר, געשמועסט נאָך אַ ווײַלע ביים געזעגענען זיך און פאַרלאָזט די שטוב.

ביידע בחורים האָבן זיך נאָך אויף אַ צייט פאַרהאַלטן. עס איז געווען קאָנטיק אויף ישראלס פּנים, אַז ער קלייבט זיך נאָך עפּעס צו זאָגן:

— איך וועל קומען די נאָענטסטע וואָך נאָך אַ מאָל — האָט ער גע־

דריקט שרהס האַנט רעדנדיק צו פייגלען, און זיין טאָן האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געווען אַן אַלטער אַריינגייער דאָ אין שטוב.

— שור, קומט צו גיין, ווען איר קאָנט נאָר — האָט אים פייגל דער־מוטיקט אין אַ פריינדלעכן טאָן.

— מיר זענען דאָך עפּעס „קאָזינס" — האָט ישראל געפּרוּווט זיך אָנגעבן אין קרובהשאַפט. דאַכט זיך, אַז מיר זענען גליד־גליד־שוועסטער־קינדער, — און ער האָט דערביי געשמייכלט און דערמיט אויסגעדריקט פייגלען זיין דאַנקבאַרקייט פאַר דער פריינדלעכער איינלאַדונג. דייוו האָט אויך אונטערגעשמייכלט, נאָר מיט אַ סאַרקאַסטיש, פילזאָגנדיק שמייכעלע, און מיט דעם קאָנטראַסטפולן שמייכל אויף זייערע ליפּן זענען ביידע בחורים אַרויס אין גאַס.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. אַ ווינט האָט געבלאָזן. דער שניי האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן, ווי אין טאַנץ, איז געפאַלן אויף די פנימער און אויגן און זיך אַריינגעגנבעט הינטער די אויפגעשטעלטע קאָלנערס.

ביידע בחורים זענען געגאַנגען איינער נעבן דעם אַנדערן שווייגנדיק, שטיל, אַזוי שטיל, ווי די שפּעטע נאַכט אַליין. דייוו האָט אַריינגעאָטעמט די ווינטיקע לופט און האָט פּלוצלונג איבערגעריסן דאָס שווייגן און אַ פרעג געטאָן זיין חבר, וואָס איז געווען אַ פולשטענדיקער קעגנזאַץ צו אים:

— זאָג מיר נאָר, וואָס אַזוינס האָסטו געפונען אין דעם דאָזיקן גרינעם מיידל שרהן? איך זע אין איר גאָרנישט.

ישראל האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט געהאַט זיין אייגענע אויסרעכענונג.

# מענדל קומט

שפעט ביינאַכט, ווען מענדל איז צום ערשטן מאָל אָנגעקומען קיין שיקאַגאָ און איז אַראָפּ פון דער באַן, האָט אים אַ שאַרפער ווינט געבלאָזן אין פנים אַריין. ער האָט זיך פאַרגנבעט אונטער זיין קאָלנער און אונטער די פּאָלעס פון זיין מאַנטל, אַזש אַ ציטער איז אים דורכגעגאַנגען דורכן לייב.

אויפן וואָקזאַל איז געשטאַנען אַ געפּילדער און אַ געדראַנג פון מענטשן, אַ זשומען און פּיפן פון אַ גוואַלדיקער צאָל באַנען, טייל אָנקו־מענדיקע, טייל אָוועקגייענדיקע. — אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן פאַר מענדלען אין איין באַטויבנדיקן רעש. ווייסע שטראָמען פּאַרע, וואָס האָבן אַרויסגעשלאָגן פון די סאָפּענדיקע לאָקאָמאָטיוון, האָבן זיך געטורעמט ווי וואָלקנס איבערן גאַנצן שטח פון וואָקזאַל, האָבן זיך געצויגן אַלץ העכער און העכער, ביז זיי האָבן זיך אויפגעלייזט אין דער קאַלטער לופט.

מענדל האָט ביז דאַן זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז די אייזנבאַנען זאָלן אין זיך האָבן אַזוי פיל קראַפט און שיינקייט, אַזוי פיל פולסירנדיק לעבן.

„באַלטימאָר האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט ממש אַ דאָרף אין פאַרגלייך מיט שיקאַגאָ" — האָט ער געטראַכט.

ווען דער ערשטער רושם פון די אַרומיקע סטיכישע אַנטפּלעקונגען איז אַריבער, האָט ער ערשט ווידער דערפילט אין אַלע זיינע איברים די בייסנדיקע קעלט. מיט שנעלע טריט איז ער צוגעגאַנגען צום ערשטן דריי־שטאָקיקן האָטעלכל, נישט ווייט פון וואָקזאַל, און האָט אָנגעקלונגען. אַ האַלב־פאַרשלאָפענער מיטליאָריקער מענטש, אין אַן אָפּגעקראָכענעם שלאָפּ־ראָק, מיט אַ בינטל שליסלען אין דער האַנט, האָט געעפנט די טיר. הערנ־

דיק, אַז אַ מענטש זוכט אַ צימער, האָט ער אים אַרויפגעפירט אויף די האַלבפינצטערע געדרייטע טרעפּ ביז צום העכסטן שטאָק, האָט געעפנט אַ סקריפּנדיק טיר, אַנגעטאַפּט אין דער פינצטער אויף דער וואַנט און אַ דריי געטאָן אַ שרייפל. אַ בלוי גאַזלעמפּל האָט אויפגעלויכטן אין אַ פּאַר־זשאַווערטן לאָמפּ, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען אויף אַ רער פון דער סטעליע און האָט שוואַך באַלויכטן פיר ענגע, גרויע ווענט. ביי איין וואַנט איז געשטאַנען אַן אייזערן בעטל מיט אַ צודעק פון אַן אומבאַשטימטן קאָליר. ביי דער צווייטער וואַנט האָט זיך געפונען אַ צוגעקלאַפּט פּאָרצעלייען וואַשטישל, אַ קרוג וואַסער אויף אַ הילצערנעם געשטעל אונטער אַן אָפּגע־קראָכענעם שפּיגל. קעגנאיבער — אַן איינציק פענצטער מיט קליינע פאַר־פרוירענע שייבלעך.

— איר וועט אַזוי גוט זיין און באַצאָלן פאָרויס. איין דאָלאַר אַ נאַכט — האָט דער פאַרשלאָפענער מענטש אינעם שלאַפראָק געזאָגט מיט אַ הייזעריקן קול, נישט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון מענדלס אַלטן, מיט שטריק פאַר־בונדענעם קאָפער. מענדל האָט באַצאָלט דעם דאָלאַר און עס זענען אים נאָך געבליבן אין בייטל עטלעכע קופּערנע מטבעות.

ווי נאָר דער מענטש איז אַרויס פון צימער האָט מענדל אַרויסגע־נומען פון זיין בוזעם־קעשענע דאָס אַדרעסן־ביכעלע און האָט דערין אַריינ־געקוקט. דריי שיקאַגער אַדרעסן האָט ער געהאַט פאַרשריבן: דעם אַדרעס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פון דעם ניי אָרגאַניזירטן געזאַנג־פאַראיין און שרהס אַדרעס.

אייגנטלעך האָט ער שרהס אַדרעס פאַרשריבן דעם ערשטן; צוליב איר איז ער דאָך, דעם אמת זאָגנדיק, געקומען קיין שיקאַגאָ. אָבער ער מוז זיין דיסציפּלינירט. ער וועט פריער זען צו קריגן אַרבעט, אָפּזוכן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און דעם געזאַנג־פאַראיין, און ערשט אין אָוונט וועט ער גיין זיך זען מיט שרהן. יאָ, ער וועט וואַרטן, ער מוז וואַרטן.

מיט אַזעלכע מחשבות האָט ער זיך שנעל אויסגעטאָן, אַראָפּגעדרייט דאָס נאַקעטע גאַז־פלעמל און זיך געלייגט אין בעט... אונטער אים האָט עפּעס געגעבן אַ סקריפּ און ער האָט פלוצלונג דערפילט אַ שטאָך אין נאַקעטן לייב. ער איז אויפגעשפּרונגען, צוריק אָנגעצונדן דאָס גאַז־לעמפּל

און אַרויסגעצויגן אַ דראָט, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון אַלטן מאַטראַץ...
נאָך דעם האָט ער זיך גאַנץ פאַרזיכטיק צוריק געלייגט אין בעט, וואָס
האָט געקרעכצט אונטער אים מיט יעדן קער און ריר...

אַ בלענדיקער, ווייסער פרימאָרגן האָט אַריינגעשיינט אין פענצטער
פון האָטעל־צימער. אַ פראָסטיקעביימער־מאָלעריי איז געלעגן אויף די
שויבן. מענדל איז אַרונטערגעשפרונגען פון בעט און איז אַ באָרוועסער
צוגעגאַנגען צום פענצטער, ווי ער פלעגט דאָס טאָן אַמאָל אין דער היים
בעת ער איז געווען אַ קליין יינגל. ער האָט זיך דערמאָנט אין די לאַנגע,
קאַלטע ווינטערן אין רוסלאַנד. אין זיין היימיש שטיבל איז געלעגן אויף
די שויבן אַ דיקע פראָסט־מאָלעריי פונקט ווי איצט דאָ. ער האָט קוים גע־
קענט אַרויסקוקן דרויסן און זען די ווייסע וועלט, אייז־שטעקעלעך זענען
אַרונטערגעהאָנגען פון דאַך און געפינקלט אויף דער זון, ווי צעצונדענע
ליכט... אין דער היים האָט זיך אַ פאַרפרוירענער טייך געזען דורכן פענצ־
טער. זומער פלעגט ער זיך אין אים באָדן, און אין אַ ווינטערדיקן שבת
נאָכן עסן גליטשן זיך בגניבה, דער טאַטע זאָל נישט וויסן. אַ בייזער איז
ד'ער טאַטע געווען. קיין פרנסה האָט ער נישט געהאַט, קיין ווינרעכט —
אויך נישט, פלעגט ער אויסלאָזן זיין כעס צו די קינדער.

אין זיין פאַרטראַכטקייט האָט מענדל צוערשט נישט דערפילט די קעלט
אין צימער. איצט האָט ער געציטערט. ער האָט פאַרשנעלערט זיינע באַווע־
גונגען. ער האָט זיך אָנגעבויגן אונטערן בעט נאָך די שיך און זאָקן, האָט
אויסגעצויגן די הענט הויך איבערן קאָפּ. אַראָפּגענומען די הויזן פון
טשוואָק, אָנגעטאָן זיך און געכאַפּט אַ קוק אין אָפּגעקראָכענעם שפּיגל. ער
האָט אַ רייב געטאָן דאָס פּנים, אַרומגעוואַשן זיך מיט קאַלט וואַסער, אָפּ־
געראַזירט זיך, זינגענדיק אַריינגעטאַנצט אין די קאַלאָשן, אָנגעטאָן דעם
מאַנטל און איז אַרונטערגעלאָפן די טרעפּ, ווי דער האָטעל וואָלט געשטאַ־
נען אין פלאַמען.

די גאַס אַרום איז נאָך געלעגן אין האַלבן דרימל. וואָס ווייטער ער
איז געגאַנגען איז אַלץ לעבעדיקער געוואָרן, אַלץ קאָכיקער איז אים די
שטאָט געקומען אַנטקעגן, אַלץ פריילעכער האָט דער שניי געסקריפּעט

אונטער די פיס. אין זיין נשמה האָט עפּעס געזונגען, ווי עס וואָלט איצט געשמעקט מיט פרילינג, הגם עס איז געווען אין מיטן דעצעמבער.

אין אַ ווינקל גאַס איז געשטאַנען אַ רעדל מענטשן און האָט געוואַרט אויף אַ טראַמוויי. מענדל איז צוגעגאַנגען און האָט געפרעגט איינעם אַ יונגן בחורל אין אַ פיינעם פוטערל, ווי אַזוי מען פאָרט צו די שעפּער. ער איז נעכטן ביינאַכט אָנגעקומען אין שטאָט און ער זוכט אַרבעט. דער בחור האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט זיין בליק פון קאָפּ ביז די פיס. לויט דעם געבראָכענעם ענגליש האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַ „גרינער" אין לאַנד, האָט ער צו אים ליבלעך געשמייכלט. מענדל האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז דעם יונגנמאַן געפעלן געוואָרן. ער האָט אים געוואָלט עפּעס זאָגן און האָט זיך צוריקגעהאַלטן. דערווייל האָט זיך אַן אָנקומענדיקער טראַמוויי צעקלונגען און זיך אָפּגעשטעלט. דער בחור האָט מענדלען אַ ווונק געגעבן, ער זאָל מיט אים אַרויפגיין. מענדל האָט אים געפאָלגט. ער האָט באַצאָלט דעם קאָנדוקטאָר אַ ניקל און בעת מעשה געהאַלטן אַן אויג אויפן בחור אין פוטערל ער זאָל אים נישט פאַרלירן פון אויג.

דער טראַמוויי איז געווען אַזוי ענג געפּאַקט מיט מענטשן, אַז איינער האָט דעם אַנדערן אונטערגעהאַלטן מיט זיינע פּלייצעס. אויך מענדל איז געשטאַנען האַרט נעבן זיין באַקאַנטן, וועלכער איז געווען פון דער זעלביקער הייך ווי ער. און, ווי מענדל האָט גערעכנט, אויך אין זעלביקן עלטער.

עס האָט מענדלען פאַראינטערעסירט דעם בחורס ווייכער, כמעט מיידלשער פּנים. עס האָבן אים געצויגן זיינע פּראָסטיק פאַררויטלטע באַקן און דער וואַרעמער גלאַנץ פון זיינע ברוינע אויגן. ווען יענער האָט אַראָפּגעצויגן פון זיין האַנט אַ הענטשקע, האָט זיך געלאָזט זען אַ ווייסע, ווייכע האַנט. גערעדט האָט ער צו מענדלען לאַנגזאַם, באַטאָנענדיק יעדעס ענגלישע וואָרט, כדי מענדל זאָל אים גוט פאַרשטיין. ער האָט זיך בי אים אויסגעפרעגט פון וואַנען ער קומט, ווען ער האָט דאָ אין שיקאַגאָ און ווי גלייכט ער דאָס לאַנד? דערציילט האָט ער, אַז זיין פאָטער איז אויך געקומען אַלס אימיגראַנט קיין אַמעריקע פון אירלאַנד, בעת ער איז נאָך געווען אַ יונגער בחור. דער פאָטער דערציילט אַלע מאָל די קינדער וויפל ער האָט זיך דאָ אָנגעפּלאָגט ביז ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט. איצט האָבן

זיי דאַ אַ מעבל־פאַבריק. ער אַליין איז אַ בוכהאַלטער און אַרבעט אין זיין פּאַטערס אָפיס. זיין נאָמען איז טאָם מיורפי. ער ווייסט, אַז מען דאַרף אין זיין פּאַטערס שאָפּ אַ מענטש צו דער אַרבעט. אויב ער קען סטאָלעריי, וועט ער קריגן ביי זיין פאָטער אַ „דזשאָב".

דאָס איז געקומען מענדלען אַזוי אומגעריכט, אַז ער האָט זיך כּלל נישט געריכט עס זאָל זיין אמת. עס האָט אים אויסגעזען ווי אַ פאַנטאַזיע! נישט ווילנדיק האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרדעכטיקן דעם יונגנמאַן אין וועלכע נישט איז שלעכטע כוונות.

— וועך ווייסט? — האָט ער געטראַכט — עס איז אַ גרויסע פרעמדע שטאָט מיט פאַרשידענע מענטשן... מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק האָט ער געקוקט אויף דעם יונגן טאָם, געזוכט צו לייענען אין זיינע געדאַנקען פון אונטער דעם שמויסענעם היטל זיינעם, און עס האָט זיך פאַר אים אַנט־פּלעקט אַ מילד פּנים, ווי פון אַן אומשולדיקער יונגפרוי.

— נאָך אַלעמען — האָט מענדל אַ טראַכט געטאָן — וואָס קאָן ער מיר אָוועקנעמען? מיינע פאָר קופּערנע מטבעות, וואָס קלעקן מיר אַפילו נישט אויף קיין מאָלצייט? אויב ער וועט נישט קריגן היינט קיין „דזשאָב", וועט ער דאָך נישט האָבן אַפילו גענוג אויף צו באַצאָלן פאַר נאָך אַ נאַכט־לעגער אין דעם קאַלטן האָטעל־צימער... יאָ, ער וועט איינשטעלן און גיין מיט דעם יונגנמאַן.

אַראָפּגייענדיק פון טראַמוויי אויפן באַשטימטן אָרט, איז מענדל נישט נאָכגעגאַנגען טאָמען, נאָר ער האָט געשפּאַנט אין איין שורה מיט אים, אַקסל ביי אַקסל...

*

„וואָס פאַר אַ גליקלעכער צופאַל האָט אים פאַסירט מיטן „דזשאָב" — האָט מענדל איבערגעטראַכט, ווען ער איז אין די שפּעטע נאָכמיטאָג־שעהען געגאַנגען צוריק פון זיין ערשטן אַרבעט־פּלאַץ נאָכן ערשטן טאָג אַרבעט!

דער באַלעבאָס האָט אויסגעזען צו זיין אַן איידעלער מענטש מיט אַ גוטן כאַראַקטער, אַ זעלטנקייט צווישן באַלעבאַטים! אין טאָש האָט ער

געפילט די פינף דאָלאַר, וואָס דער באַלעבאָס האָט אים געגעבן אַ דערויף, ווען ער האָט אים געהאַט דערציילט, אַז ער האָט נישט גענוג געלט צו באַצאָלן דירה־געלט. זיין אַרבעט איז נישט קיין שווערע. ער דאַרף בלויז אַכטונג געבן, אַז דאָס מעבל זאָל אַרויסגעשיקט ווערן אָפּגעפּוצט און אין גוטער אָרדענונג. פאַר דעם באַקומט ער אַ געהאַלט פון פופצן דאָלאַר אַ וואָך.

איצט, אין זיין פאַרבעסערטער לאַגע, האָט ער זיך דערפילט אויסגעוואַקסן אין זיינע אייגענע אויגן, העכער און שטאַרקער. עס האָט אים באַהערשט אַ געפיל פון ליבשאַפט צו דער שטאָט מיט אירע מענטשן. אַלץ אַרום האָט אים איצט אויסגעזען שיין: די הויכע שטיינערנע בניינים, די קראָמען, די שויפענצטער, די גאַסן, די סקווערן — אַלצדינג, אַפילו אין דעם גרויען דיקן רויך, וואָס האָט זיך געצויגן פון אַלע פאַררויכערטע קוימענס, האָט ער איינגעפונען אַ שפּילעוודיקע גראַציעזע שיינקייט.

פאַרנאַכט האָט דער פראָסט נאָכגעלאָזן. ביי די קאַנטן פון די אָפּגערייניקטע טראָטואַרן האָבן זיך געשמאָלצן די רעשטלעך שניי.

מענדל האָט באַשלאָסן צו בייטן דעם סדר פון זיינע געפּלאַנטע באַזוכן, און אין פריידיקער דערוואַרטונג, מיטן אַדרעס־ביכעלע אין האַנט, איז ער געגאַנגען זיך זען מיט שרהן.

נאָך זוכענישן און נאָכפרעגענישן איז ער אַריין אין אַ שמאָלער גאַס, ווו ער האָט דערפילט עפּעס אַ באַזונדערע היימישקייט: קליינלעך זענען געשטאַנען אָפּן, באַלויכטן און די גלעקלעך אויף די אַריינגאַנג־טירן האָבן פריילעך אָפּגעקלונגען ביים אַריינגיין און אַרויסגיין פון די קונים. קעגן־איבער האָט זיך געפונען אַ בעקעריי אין אַ קעלער און עס האָט פון דאָרטן זיך געטראָגן מיט וואַרעמקייט און מיט אַ ריח פון קימל. דערנעבן האָט זיך געפונען אַ ווייס געקאַלכטע „בשר כשר"־קרעמל. אויפן ראָג פון דער אַלטער שמאָלער גאַס איז געשטאַנען אַ ניי צעמענט־שולכל מיט אַ שילדל, ווו עס איז געווען אַ געציקלטע יידישע אויפשריפט „אנשי זשיטאָמיר". אַלץ האָט עדות געזאָגט וועגן אַ יידישן ווינקל אין שיקאַגאָ.

די גאַסן אַרום זענען אויך געווען באַלעבט. עלטערע און מיטליאָריקע פרויען אין לאַנגע שווערע ווינטער־מאַנטלען מיט קיישלעך אין די הענט

האָבן זיך געאײַלט צוריק אין זייערע היימען פון אײַנקויפן. עס האָט זיך אָנגעזען אין גאַס, אַז עס איז דאָנערשטיק אָוונט.

אַ יונג מיידל איז אים מיט שנעלע טריט פאַרבײַגעלאָפן. — לויפט שׂרה אויך אַזוי שנעל אין איר נײַער היים? — און ער האָט זיך דערפילט שולדיק לגבי איר. ווי האָט ער גאָר געקאָנט זי אַזוי פאַרנאַכלעסיקן? ס׳זענען אַריבער שוין דרײַ חדשים און ער האָט זי נאָך נישט געזען. ער האָט געדאַרפט אַ סך פריער מאַכן אַן אָנשטרענג און זי געפינען. האָט ער זיך געמאַכט פאָרוווּרפן. — זי איז מיר דאָך שטענדיק געשטאַנען פאַר די אויגן. איר זעלטענער שמייכל, איר פאַרחלומטקייט, דער ווייכער צאַרטער ריר פון איר האַנט, וואָס האָט תּמיד אַרויסגערופן אַ הייסן שטראָם אין זײַן קערפּער... און אירע אומעטיקע, פאַרטראַכטע אויגן. אַזוי פיל נישט דער־זאָגטע ווערטער ליגן אין זיי. אָבער מער פון אַלץ האָט זיך אים אײַנגע־קריצט אין זײַן געמיט און זכרון איר שרעק און איר האַס צו אָרעמקייט, איר פּחד פאַר אָרעמע קעלער־שטובן... ווער ווייסט, אפשר גייט זי שוין אַרום מיט אַ רײַכן בחור?... בײַ דעם געדאַנק האָט ער אויפגעציטערט...

דאָ האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און אַרײַנגעקוקט אין זײַן אַדרעסן־ביכעלע. ער האָט פאַרגליכן דעם נומער פון הויז מיט דעם, וואָס איז פאַרשריבן אין ביכעלע, און ווי באַלד אַז ער האָט געשטימט, איז ער אַרויף אויף די טרעפּ און אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר.

— קאָם אין! — האָט אַ פרויען־שטימע גערופן פון אינעווייניק.

ער איז אַרײַנגעקומען און געבליבן שטיין בײַ דער טיר. אַלעמענס אויגן האָבן זיך אַ קער געגעבן צום פרעמדן.

— וווינט דאָ הערי גרינבערג?

— ניין, ער וווינט שוין דאָ נישט מער. ער איז מײַן קאָזען, מײַן נאָמען איז דזשעק, דזשעק גאָלדמאַן, און אײַערער?

— בראָדסקי, מענדל בראָדסקי. איך בין געקומען צוזאַמען מיט שׂרהן און ציפּען קיין אַמעריקע. איצט קום איך פון באַלטימאָר.

— ציפּע איז מײַן שוועסטער און שׂרה — מײַן קוזינע. ווער האָט אײַך געגעבן מײַן אַדרעס?

— הערי גרינבערגס לענדלאָר אין באַלטימאָר.

— טאַ וועמען זוכט איר, ציפּען צי שרהן? — האָט דזשעק געפרעגט אַרויסרופנדיק.

— איך זוך שרהן, דאָס הייסט איך וויל זיי ביידע זען — האָט זיך מענדל אָנגערופן אַ ביסל פאַרלוירן.

— איר קומט פון באַלטימאָר זוכן שרהן? מיר קומען אויך פון דאָרטן. כ׳האָב אייך קיין מאָל נישט געזען ביי דזשעק גאָלדמאַן אין שטוב — האָט זיך סיידי אַריינגעמישט אין געשפּרעך און געזאָגט מיט אַ שטאָך.

— כ׳האָב געהאַט פאַרלוירן דעם אַדרעס — האָט מענדל געזאָגט און זיך דערפילט זייער נישט באַקוועם.

— אָ, איך דערמאָן מיך איצט טאַקע. ציפּע האָט מיר געהאַט געוויזן די פּיקטשע. כ׳דערקען אייך. וואַרט צו אַ ווײַלע, וועט איר זי זען. זי איז געגאַנגען מיטן ברודער אויף אַ שפּאַציר — איז סיידי מיט אַמאָל געוואָרן פריינדלעכער.

— וואָס מאַכט זי? ווי האָט זי זיך איינגעאָרדנט? איז זי נאָך אַלץ אַזאַ שעמעוודיקע? — האָט מענדל אַ פרעג געטאָן —

— זי גייט שוין אַרויס מיט „באָיעס״. און שרה — אויך — האָט סיידי אים געענטפערט און אים אויסגעפאָרשט מיט אירע קליינע שמייכלדיקע אויגן.

— גריסט ציפּען, איך וועל זי זען אַ צווייט מאָל.

ער האָט זיך באַמיט צו האַלטן רואיק, האָט געעפנט די טיר און איז אַרויס. דזשעק איז אים נאָכגעגאַנגען.

— זיי וווינען דאָ נישט ווייט, נישט מער ווי זעקס בלאָקן פון דאַנען — האָט אים דזשעק אינפאָרמירט — גייט גלייך און פאַרנעמט זיך לינקס ביים ערשטן ליכט־סיגנאַל. דאָרט איז אשלאַנד סטריט — האָט דזשעק אָנגעוויזן מיט זיין אויסגעשטרעקטער האַנט.

מענדל האָט אים באַדאַנקט און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער טונקלקייט.

ער איז געגאַנגען שנעל, ווי ער וואָלט וועלן אַנטלויפן פון די מענטשן, וואָס שפּאַסן איבער אים הינטער זיינע פּלייצעס: „ציפּע גייט אַרויס מיט

בחורים. שרה — אויך״. — די דאָזיקע ווערטער סיידיס האָבן געקלונגען אַן אויפהער אין זיינע אויערן.

ער איז דורכגעגאַנגען עטלעכע האַלב־פינצטערע גאַסן און איז אַריין אין דער אשלאנד סטריט. דאָ איז געווען אַ ביסל ליכטיקער. ביים שיין פון אַ גאַז־לאַמטערן האָט ער אויפגעזוכט דאָס הויז און די דירה און אָנגע־קלאַפּט. אַ יונגע פרוי פון מיטעלן וווקס האָט אויפגעעפנט די טיר.

— וווינט דאָ הערי גרינבערג ? — האָט מענדל געפרעגט.

— יאָ. ווער זענט איר און ווי איז אייער נאָמען ? — האָט אים פייגל געפרעגט און געטראַכט דערביי: ערגעץ ווו האָט זי דאָס פּנים געזען ?...

— מיין נאָמען איז מענדל בראָדסקי. איך קום איצט פון באַלטימאָר. איך בין שרהס שיף־ברודער. מיר זענען צוזאַמען געקומען קיין אַמעריקע.

— א, יאָ. שרה האָט מיר אַ סך דערציילט וועגן... דער רייזע. קומט אַריין, זעצט זיך.

זי האָט אים אַרויסגערוקט אַ שטול, איז געוואָרן פריינדלעכער און, קוקנדיק אויפן וואַנט־זייגער, האָט זי צוגעגעבן:

— שרה וועט באַלד קומען פון דער אָוונט־שול.

מענדל האָט איר העפלעך באַדאַנקט, אויפמערקזאַם געקוקט אויף דער סימפּאַטישער פרוי און געזוכט אין איר אַ וועלכע נישט ענלעכקייט צו שרהן און נישט איינגעזען. בלויז די שטימע איז געווען כמעט די זעלביקע, נאָר אַ ביסל שטאַרקער, זיכערער ווי שרהס.

— איר האָט מיר נישט געזאָגט אייער נאָמען — האָט מענדל געזאָגט שוין אין אַ דרייסטערן טאָן.

— מיין נאָמען איז פייגל — האָט זי זיך אָנגערופן און דערלאַנגט אים איר האַנט. זי האָט אַריינגעקוקט אין זיינע פאַרחלומטע אויגן און דערביי פאַרשטאַנען איר שוועסטערס אויסוואַל.

— יאָ, שרה האָט מיר שוין אויף דער שיף דערציילט פון איר שוועס־טער אין אַמעריקע, פון אירע פּלעמעניקלעך און פון איר געטרייען שוואָ־גער — אייער מאַן. ווי האָב איך דאָס געקאָנט פאַרגעסן ?

זיין בליק איז געפאַלן אויף דער זויבערקייט אין קיך: דאָס ווייסע טישטעך אויפן טיש, די ווייסע פאָרהענגלעך אויף די פענצטער, דער אָפּ־

געשייערטער דיל, דער גלאַנציקער, מיט ניקל באַפּוצטער אויוון. אַלץ האָט דאָ געאָטעמט מיט ריינקייט און ציכטיקייט. און זי אַליין! אַ גוט געפלעגטע פיגור, אַ פעסטער טראָט און קליינע שאַרסקע הענט, ווי זי וואָלט נאָר וואָס פאַרענדיקט וואַשן דאָס געפעס. אַ מאַמישער ווייכער אויס־דרוק איז געלעגן אויף איר רונדיק געזיכט, אין די נישט גענוג גרויסע אָבער קלוגע אויגן, דאָס בלויע קלייד, וואָס זי האָט געטראָגן, האָט איר צוגעגעבן נאָך מער ווייבלעכקייט אין אויסזען.

ער האָט דערזען דעם „פאָרווערטס" ליגן אויפן טיש, האָט ער זיך דערפילט היימישער, ווי ער וואָלט שוין דאָ געווען פיל מאָל, און ער האָט זיך אָפּגערופן צו פייגלען:

— איך לייען אויך דעם זעלבן „פּייפּער" — אַ גוטע סאָציאַליסטישע צייטונג.

— איך לייען, אָבער נישט גענוג. אַ גאַנצן טאָג פאַריאָגט מיט הויז־אַרבעט — דריי קליינע קינדערלעך, זאָלן געזונט זיין, מען דאַרף קאָכן, וואַשן, ראַמען. כ'באַקלאָג מיך נישט. כ'האָב טייערע קינדער און אַ פיינעם מאַן. ער איז אויך אַן אַרבעטער. ער אַרבעט שווער. ער קומט פון דער אַרבעט, עסט אָפּ, און פאַלט אַוועק פאַר מידקייט.

— זיי שלאָפן שוין די קינדער? — האָט מענדל געפרעגט און גע־וואָרפן אַ בליק צו די פאַרמאַכטע טירן, ווי דאָרטן וואָלט געווען נאָר אַ פלאַץ פאַר רו און יום־טוב.

— איר האָט געזאָגט, אַז איר קומט איצט פון באַלטימאָר. מיר האָבן נישט לאַנג צוריק פון דאָרטן „געמופט" אַהער. איר זענט אונדז דאָרטן נישט געקומען באַזוכן — האָט פייגל געזאָגט צו אים מיט אַ באַהאַלטענעם פאָרוואורף און האָט געטראַכט דערביי ווי שרה האָט געבענקט נאָך אים, הגם זי האָט שטענדיק געזאָגט, אַז זי בענקט אַהיים...

— נישט קיין גינציקע אומשטענדן זענען ביי מיר געווען — האָט זיך מענדל פאַרענטפערט. — קודם האָב איך פאַרלוירן דעם אַדרעס — האָט ער געגעבן אַ שלונג, ווי ער וואָלט זיך געוואָרגן מיט נישט־דערזאָגטע ווערטער.

ער האָט געוואָלט דערציילן, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין אַרבעט,

קיין פאַסיקע מלבושים. ער האָט געוואָלט פרעגן ביי פייגלען, צי ווייסט זי פון דער היגער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פון דעם נײַ געגרינדעטן געזאַנג־פאַראיין, וואָס האָט זיך געשאַפן אין שיקאַגאָ. אָבער געפרעגט האָט ער:

— וואָס מאַכט שרה? ווי האָט זי זיך איינגעאָרדנט און וואָס זענען אירע פּלענער אויף דער צוקונפט? — נאַרישע פראַגעס — האָט ער גע־טראַכט, כ׳האָב באַדאַרפט רעדן דאָס אַלץ מיט שרהן אַליין.

— די ערשטע צייט האָט זי שרעקלעך געבענקט — האָט אים אויפ־געקלערט פייגל — האָט געוואָלט צוריק אַהיימפאָרן. איצט איז איר שטימונג אַ בעסערע, זי אַרבעט, באַזוכט די אָוונטשול, „גייט אַרויס״ מיט בחורים. איינער פון זיי איז אַ ביזנעסמאַן. ער קומט אַלע מיטוואָך אָוונט מיט אַ שאַכטל שאָקאָלאַד אונטערן אָרעם. ער מיינט ערנסט... זי וועט זיכער זיין איבערראַשט איך דאָ צו זען, מר. בראָדסקי!

— רופט מיך מענדל און איך וועל אייך רופן, מיט אייער דערלוי־בעניש, פייגל — האָט זיך מענדל באַמיט איינצוהאַלטן די אויסערלעכע רואיקייט און האָט עס קוים באַוויזן. — הערט אויס, פייגל, איך האָב ליב אייער שוועסטער, אמתדיק ליב. צוליב דעם בין איך געקומען — האָט ער אויסגעשאָסן אין אַ דרייסטן טענאָר־קול.

— איך האָב מורא, אַז איר זענט געקומען אַ ביסעלע צו שפּעט, — האָט פייגל אים געוואָרנט, באַגלייט אירע ווערטער מיט אַ לייכטן סאַר־קאַסטישן שמייכל און האָט בעת מעשה געוואָרפן אויף אים אַ פאַרשעריישן בליק, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכן אויף אים אירע ווערטער.

— אַזוי מיינט איר? — איז מענדל געוואָרן אַ דערציטערטער.

ער האָט ברייט געעפנט דאָס מויל און האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, ווען עס האָט זיך געעפנט די טיר און שרה איז אַריינגעקומען אין שטוב.

דערזעענדיק מענדלען איז איר דאָס ביכל מיטן העפט אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. זי האָט אויסגעשריגן: „מענדל!״ און זיך אַ וואָרף געטאָן אין זיינע יונגע, שטאַרקע אָרעמס. אין דעם מאָמענט האָט זי פאַרגעסן אין אַלע פאַרדרוסן און עוולות קעגן אים. מיט אַ באַזונדערער וואַכזאַמקייט איז ביי איר אין זכרון אויפגעקומען איר דערוואַרטן זיין קומען, איר אומענדלעכע בענקשאַפט. זי האָט פאַרגעסן צו שעמען זיך פאַר דער שוועס־

טער. זי האָט זיך פֿאַרגעסן אין איר ווילן צו שטיין מיט בײדע פֿיס אויף דער ערד. זי האָט ווידער באַקומען פֿליגל און איז געפֿלויגן צוזאַמען מיט מענדלען אין דער לופֿטן...

ווען דער ערשטער ציטער איז אַריבער האָבן זיי זיך בײדע אָנגעקוקט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— איך הער די קינדער רופֿן מיך; איך מוז זען וואָס זיי שרײַען דאָרט — האָט פֿייגל געפֿונען אַן אויסרייד און איז אַוועק אין קינדער־צימער, איבערלאָזנדיק די צוויי יונגע מענטשן אַליין.

מיט עטלעכע מינוט שפּעטער, ווען זי איז צוריקגעקומען האָט זי באַ־מערקט טרערן אין שׂרהס אויגן. מענדל האָט צו איר אַראָפּגעקוקט מיט יענע ווייכע, צערטלעכע בליקן, וואָס זענען פֿייגלען געווען אַזוי גוט באַ־קאַנט פֿון אירע אייגענע מיידלשע יאָרן.

מענדל האָט בעת מעשׂה נישט אויפֿגעהערט מילד צו קוקן אויף שׂרהן און געטראַכט, אַז פֿאַר דער צייט וואָס ער האָט זי נישט געזען איז זי נאָך שענער געוואָרן...

— עס איז נאָך פֿרי, ס׳איז פֿאַר צען אַ זייגער. גייט זיך נאָך אַ ביסל דורך, וועט איר זיך בעסער פֿילן — האָט פֿייגל געזאָגט מיט מאַמעשער פֿאַרשטענדעניש.

מיט אַ געפֿיל פֿון טיפֿער דאַנקבאַרקייט האָבן זיך צו איר געווענדט מענדלס אויפֿגעוואַכטע אויגן.

— קום, שׂרה, עס איז אַ שיינער העלער אָוונט. מיר האָבן נאָך ווייניק וואָס באַטראַכטן די אַמעריקאַנישע ערד — האָט ער געזאָגט, אַרויפֿלייגנדיק זיין ווייכע, וואַרעמע האַנט אויף איר אַקסל — קום ווי דו שטייסט און גייסט. ס׳איז נישט קאַלט אין דרויסן.

— גיי, שׂרה, דו וועסט זיך פֿילן בעסער! — האָט פֿייגל זי ווידער דערמוטיקט, זעענדיק, אַז שׂרה צווייפֿלט, — און קום באַלד צוריק — האָט זי מיט רעכט פֿון אַן עלטערער שוועסטער דערביי צוגעגעבן.

מיט וואַרעמער פֿריינדשאַפֿט האָט מענדל געדריקט פֿייגלס האַנט, געווונטשן איר אַ גוטע נאַכט און זיי האָבן פֿאַרלאָזן דאָס הויז...

ערשט שפּעט נאָך האַלבער נאַכט איז שׂרה צוריק אַהיימגעקומען. פֿייגל

האָט אויף איר געוואָרט מיט אומגעדולד און נערוועז געשפּאַנט איבערן דיל אין גרויס זאָרג פֿאַר דער שוועסטער. דזשאָו איז געזעסן ביים טיש אין שלאָפראָק און געדרעמלט.

— ווו ביסטו געווען אַזוי שפּעט? שוין דריי שעה ווי דו ביסט אַוועקגעגאַנגען. כ׳האָב נישט געוווּסט וואָס איבערצוקלערן — האָט פייגל אַרויסגערעדט מיט אַ געבייזער, אַזש איר ברייטלעך מויל האָט געציטערט.

— מיר האָבן זיך פאַררעדט. וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן? קיינער וועט מיך נישט אויסכאַפּן. און דו, הערי, שלאָפסט נאָך נישט? האָט זי צוגעגעבן אַ פאַרשולדיקטע און דאָך אַ גוט אויפגעלייגטע, גאָרנישט ווי איר טבע איז געווען.

— דיין שוועסטער האָט אַזוי שטאַרק געזאָרגט וועגן דיר, אַז ס׳האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף — האָט הערי געזאָגט מיט זיין געוויינלעך גוטן, ליבלעכן שמייכל אויפן פאַרשלאָפענעם פּנים.

— וואָס לאַכסטו, הערי? דאָס מיידל איז נישט ביים קלאָרן זינען: אָט פאָרט זי צוריק אַהיים; אָט פאָרט זי קיין באַלטימאָר, קיין דאַקאָטאַ... פון אָנהייב האָט זי כלל נישט געוואָלט אַרויסגיין מיט מענדלען; איז זי אָבער געגאַנגען, האָט זי פאַרגעסן וועגן צו קומען צוריק... ישראל יאָגט אונטער מיט דער חתונה, און זי — גאָרנישט. ווי נישט זי מיינט מען! זי שפּילט אַ מין טעאַטער, כ׳לעבן... דו ווילסט מיר איינרעדן, אַז זי איז ביים קלאָרן פאַרשטאַנד...

פייגל האָט גערעדט מיט ווייטאָג, פון טיפן האַרצן אַרויס. אָבער שרה האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס זי ערגערט זיך אַזוי שטאַרק, ווי די גאַנצע זאַך וואָלט איר געווען פרעמד.

— זאָרג נישט, טייערע, אַ שפּיל לאָזט זיך אויס שטענדיק אַנדערש ווי עס הייבט זיך אָן — האָט הערי געמאַכט אַ פילאָזאָפישע באַמערקונג, האָט אויפגעריסן זיין מויל מיט אַ ברייטן געניץ און אַ ווונק געגעבן מיט זיינע קלוגע גרוי־בלויע אויגן צו שרהן.

— קום שלאָפן, הערי, דו דאַרפסט שוין באַלד אויפשטיין צו דער אַרבעט.

אין די צוויי פענצטער פון די שלאָפצימערן האָט זיך איינציקוויין

אויסגעלאָשן דאָס ליכט. אין שטוב איז געוואָרן פינצטער. שרה האָט זיך לאַנג געדרייט אויף איר געלעגער און נישט געקאָנט פאַר קיין פאַל איינ־שלאָפן. זי האָט נאָך אַלץ מיט אַ נשמה־וואַרעמקייט איבערגעלעבט און ווידער איבערגעלעבט מענדלס ליבע־רייד, געפילט זיינע הייסע קושן, וואָס זענען נאָך געווען פריש אויף איר פנים. אין געדאַנק האָט זיך ביי איר אַלץ איבערגעחזרט יעדעס וואָרט, וואָס זיי האָבן גערעדט. איצט, ליגנדיק אויף איר געלעגער האָט זי איבערגעוווּיגן און איבערגעמאָסטן יעדעס איינציקע וואָרט. און לסוף געטראַכט, צי האָט זי זיך נישט צו פיל, צו אָפנהאַרציק פאַר אים אַרויסגעזאָגט ?...

ער האָט דאָך דווקא גערעדט דאָס מאָל אַ סך, האָט גערעדט פייערדיק, מיט טיפער איבערצייגונג — וועגן אידעאַליזם און סאָציאַליזם, וועגן דערהויבענער ליבע, וועגן אַ ניי, שיין לעבן דאָ אין אַמעריקע, און נאָך און נאָך...

— אַ, דאָס זענען געווען הויכע, פיין קלינגענדיקע רייד. שרה האָט זיי יאָ פאַרשטאַנען און נישט פאַרשטאַנען. איין זאַך איז איר אין דעם הייסן געשפּרעך געווען קלאָר, שמערצלעך קלאָר: וועגן חתונה האָבן האָט ער נישט גערעדט, נאָר בלויז וועגן ליבע...

# מענדל און ישראל

אין דער פּראַסטיק טונקעלער נאַכט האָט מענדל געשפּאַנט מיט שנעלע טריט צו זיין קאַלטן צימער אין האָטעל און האָט געהאַלטן אין איין טראַכטן פון דער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין שרהן אין משך פון עטלעכע חדשים, ווי זיי האָבן זיך נישט געזען. דאָרטן אויפן ים, אויף דער שווימענדיקער שיף, איז זי געווען אויפגעלייגט צו זיין ראָמאַנטיש. אָבער דאָ אין אַמעריקע, אויף דער האַרטער ערד, איז אַלץ געוואָרן גאָר אַנדערש. וויפל ער האָט זי נישט פאַרזיכערט, אַז ער האָט זי ליב, ווי ער האָט קיין מאָל ביז דאַן נישט ליב געהאַט, זענען זיינע רייד געפאַלן אויף טויבע אויערן.

שרה האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי איז שוין אַנטוישט און גלייבט נישט אין אמתער ליבע און... אַז זי איז מיד פון שטענדיקער אָרעמקייט.

רעדנדיק מיט אים אויף דער שיף, האָט זי געמיינט, אַז אין אַמעריקע לעבט מען גרינג און רייך. איצט זעט זי, אַז פרויען אַרבעטן דאָ פּונקט אַזוי שווער, ווי אין דער היים. די שוועסטער איז טאָג און נאַכט פאַרהאָרעוועט מיט שטוב־אַרבעט, מיט די קינדער, מיט וואַשן, קאָכן און רוימען. זי, שרה, מוז איר אַרויסהעלפן. זי האָט נישט קיין האַרץ זי איבערצולאָזן אַליין מיטן עול פון אַזאַ גרויסער משפּחה. און אין שאַפּ יאָגט דער פאָרמאַן אַרויס אַ גאַנצן טאָג די נשמה. זי, שרה, איז נישט פון די שנעלע אַרבעטערינס און בלייבט שטענדיק הינטערשטעליק. ס'איז קיין ווונדער נישט, וואָס די מיידלעך אין שאַפּ רעדן און חלומען די גאַנצע צייט פון חתונה האָבן, — פּטור ווערן פון דער אַרבעט אין שאַפּ...

און ווי קאָן זי אים אין דער אמתן גליבן, אַז ער האָט זי ליב? מען איז שוין דריי חדשים אין אַמעריקע און ער איז נאָך אַלץ נישט געקומען זי זען.

אַזוי האָט שרה גערעדט צו זיך אַליין אין קורצע אָפּגעהאַקטע פראַזן, — און אַ קעלט האָט זיך געטראָגן פון איר.

אָבער ער, מענדל, האָט זי דאָך ליב. מיט אַלע אירע חסרונות האָט ער זי ליב. און אַז זי האָט אים אויך ליב — אין דעם איז ער זיכער. ער האָט דאָס געפילט אין דעם עקסטאַז, וואָס איז ביי איר אַרויסגערופן געוואָרן פונעם ערשטן מאָמענט, ווען זי האָט אים דערזען. זי איז געוואָרן פול מיט מוט און ברויזנדיקער ליבע, וואָס האָט אויפגעלויכטן מיט אַזאַ נאַטערלעכ־קייט.

ווי לאָזט זיך דאָס דערקלערן, וואָס בשעת זייער גאַנג אויפן שפּאַציר, איז זי פּלוצלונג געוואָרן האַרט און קאַלט צו אים. אפשר איז אין דעם שולדיק יענער רייכער בחור, וואָס קומט זי זען? אָן אייפערזוכט האָט זיך אַריינגעגנבעט אין זיין האַרצן און דאָרט אָנגעהויבן ברענען. ער מוז זי מאָרגן נאָך אַמאָל זען און זאָל זי אים זאָגן דעם גאַנצן אמת...

דעם אַנדער אָוונט איז מענדל געזעסן מיט אַ שווער געמיט אין קליינעם צענטראַל־לאָקאַל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ער האָט זיך צוגעהערט צו די פּראָבלעמען פון דער „אַרבעטער־זאַך". איינע פון די פּראָבלעמען איז געווען: ווי אויסצוהאַלטן דעם לאָקאַל. דאָס צווייטע — ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די פּראָסטע, נישט־געשולטע אַרבעטער, און דאָס דריטע — ווי אַזוי צו פאַרשטאַרקן דעם נאָר וואָס געגרינדעטן געזאַנג־פאַראיין.

די גענאָסן האָבן זיך שטאַרק געפרייט מיט מענדלס קומען אויף דער פאַרזאַמלונג און מיט זיין שיינער טענאָר־שטימע. ער האָט זיך באַלד אָנגעשלאָסן אין געזאַנג־פאַראיין און איז גאַנץ גיך געוואָרן באַרימט אַלס איינער פון די בעסטע זינגער. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין דער אַרבעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אין לערנען די שפּראַך פון לאַנד. — אָבער זיינע וואַקלדיקע, נישט זיכערע באַציאונגען מיט שרהן האָבן אים גענאָגט אינעווייניק, נישט געלאָזט אים רוען.

נאָך אַ לאַנגן און שווערן אַרבעטס־טאָג האָט ער רעגולער באַזוכט די אָוונט־שול. ער האָט געלערנט מיט גרויס אָנשטרענגונג.

זיין לערערין מרס. הענסאָן האָט אים כסדר געמוטיקט. דאָס איז גע־ווען אַ קליינגעוואַקסיקע פרוי פון מיטליאָריקן עלטער. זי האָט געהאַט זילבער־גרויע האָר, אַן עמפּינדלעך פּנים מיט אַ הויכן שטערן און מיט ווייכע בלויע אויגן. זי האָט גוואַלדיק ליב געהאַט די אַרבעט פון לערנען די אימיגראַנטן רעדן, לייענען און שרייבן ענגליש. זי האָט זיך שטאַרק באַמיט אַרויסצוקריגן פון זייערע מיילער די שווערע אויסשפּראַך „טה" און זי פלעגט נישט מיד ווערן איבערצוחזרן מיט זיי די אויסשפּראַך פון דעם ז'אַזיקן קלאַנג צענדליקער מאָל ביז די צונג פלעגט בלייבן שטעקן ביי זיי צווישן די ציין ווי עס געהערט צו זיין... עלטערע מענטשן האָט געפעלט די נייטיקע געדולד צום לערנען. זיי פלעגן זיך רויטלען און שטילער־הייט פּראָטעסטירן קעגן דער קפּדנות פון דער לערערקע. זי פלעגט אָבער וואַרעם שמייכלען צו זיי און זאָגן:

— שעמט זיך נישט! וואָלט איך געקומען פון די לענדער, פון וואַנען איר קומט, וואָלט איך נאָך ווינציקער פון אייך זיך געקענט אויסדריקן ווי מען באַדאַרף. איר זענט אינטעליגענט, איר לערנט שנעל. איר פּראָגרעסירט מיט יעדן טאָג. — אַזוי האָט מרס. הענסאָן גערעדט צו אירע סטודענטן, שטענדיק צוגעגעבן זיי מוט און קוראַזש.

מענדל האָט דאָס קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

אַ סך מאָל פלעגן אין קלאַס פאָרקומען קאָמישע זאַכן; איין מאָל האָט אַן עלטערער אימיגראַנט פאַרלוירן זיין געדולד און האָט אויסגעפּלאַצט:

— וואָס? איך בין אַ קינד? די לערערין מאָלט אויס אויף דער וואַנט אַן עפּל און הייסט מיר איבערזאָגן צען מאָל „עפּל, עפּל, עפּל", צו וואָס איז נייטיק אַזוי פיל מאָל דאָס וואָרט איבערצוחזרן? אַוודאי ווייס איך, אַז דאָס איז אַן עפּל!

גערעדט האָט ער רוסיש און גיך, גיך! מרס. הענסאָן האָט געקוקט אויף אים מיט אירע ווייכע אויגן און האָט נישט פאַרשטאַנען קיין איינציק וואָרט. זי האָט געבעטן מענדלען ער זאָל איר איבערזעצן זיין טענה אויף ענגליש. מענדל האָט דאָס געטאָן, מיט אַ ליבלעכן שמייכל אויף די ליפּן

האָט זי אָפּגעווישט דעם אויסגעמאָלטן עפּל און האָט אויסגעמאָלט אַ באַרנע...

מענדלס טעג און אָוונטן זענען געווען אויסגעפּולט מיט אַקטיווער אַרבעט. זיין אומזיכערע ליבע מיט שרהן האָט ווי געפאָדערט ביי אים אַן אַרויסרוף: ער מוז איר געבן אַ ביישפּיל פון כאַראַקטער, פּרינציפּ און פון אויסגעהאַלטנקייט, פון מאַנגל פון וועלכע זי ליידט.

און כאָטש ער האָט נישט ווייניקער פון איר געליטן און געבענקט זי צו זען, צו האַלטן זי אין זיינע אָרעמס, האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן פון צו גיין צו אָפּט זען זיך מיט איר. היינט אָבער האָט ער באַשלאָסן, אַז ער מוז גיין צו איר און דערקלערן איר, אַז צוזאַמען זענען זיי כלל נישט אָרעם, אַז זיי האָבן אַ גרויסע ליבשאַפט איינע פאַר די אַנדערע און אַז עס וואַרט אויף זיי אַ ליכטיקע צוקונפט... יאָ, ער מוז היינט גיין זי זען, און... אפשר וועט זי קומען צו אים?

*

יעדע וואָך האָט איר מיטוואָך. יעדן מיטוואָך פלעגט ישראל קומען זען שרהן און מיטברענגען אַ שאַכטל שאָקאָלאַד. יעדעס מאָל פלעגט ער טיילן די קינדער גלאַנציקע ניקלס, נישט קיין קופּערנע פּעניס... און יעדע וואָך פלעגט פייגל אים פרעגן „האַו איז ביזנעס?" און אַלע מאָל פלעגט קומען דער זעלביקער ענטפער „פּריטי גוד, פּריטי גוד". דערביי פלעגט אַ צופרידענער שמייכל נישט אַראָפּ פון זיין גלאַט ראַזירטן פּנים.

לעצטנס האָט ישראל אָנגעהויבן אַריינצוקומען אָפטער. אפשר איז ער געוואָר געוואָרן, אַז מענדל קומט אויך אַריין צו שרהן? זייענדיק אַ ביזנעס־מענטש האָט ער פיינט געהאַט קאָנקורענטן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז „טיים איז מאָני". ער קאָן קיין סך צייט און פיל ניקלס מיט שאָקאָלאַד דאָ נישט פאַרשווענדן; חובות לויפן ביי אים אָן איינער נאָך דעם אַנדערן. הורטאָוונע געשעפט־הייזער זאָגן זיך אָפּ איינע נאָך די אַנדערע צו שיקן סחורה, זיי דראָען מיט אָפּשטעלן דעם קרעדיט. ער מוז זיך צואיילן קלאָר צו מאַכן זיינע באַציאונגען מיט שרהן. עס זאָל אים נישט גיין ווי

פריער מיט ליזען, מיט וועלכער ער איז צו לאַנג אומגעגאַנגען, געהאַפּט אויף איר, שוין געגעבן איר אַפּילו אַ דימענטענעם רינג און אין צווישן האָט זיך איר שוועסטער אַריינגעמישט און האָט איבערגעריסן די באַקאַנטשאַפט. ס׳קאָן נאָך אויך דאָ אַזוי פּאַסירן. ווי לאַנג איז באמת דער שיעור אַרומצוגיין מיט אַ מיידל? און ער באַשליסט נאָך היינט צו רעדן מיט שרהן קלאָרע ווערטער און געבן איר דאָס רינגל.

מענדל האַלט אָן מיט זיין ליבע צו שרהן, און ישראל איילט זיך פון זיין זייט מיט איר חתונה צו האָבן. און שרה אַליין? זי האָט בעצם שטאַרק הנאה פון דעם, וואָס צוויי בחורים יאָגן זיך גלייכצייטיק נאָך איר, גאָר ווי אין טעאַטער. ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד האָט זי געהערט די באָבע דערציילן, אַז ווען ביי איר זון דוידן איז געבוירן געוואָרן אַ יינגל, איז ער פּאַר פרייד געלאָפן אין שול אַריין און האָט אויסגעשריען: „מזל טוב דיר, רבונו של עולם!״, אָבער ווען זי, שרה, איז געקומען אויף דער וועלט האָט דער טאַטע געזאָגט: „אַי, נאָך אַ מיידל!״. זי איז נישט געווען פּאַר זיי אָנגעלייגט. זיי האָבן זי נישט געוואָלט, איצט ווילן זי צוויי בחורים מיט אַמאָל...

שרה האָט אויסגעקוקט אויף מענדלס קומען. עס זענען אָבער אַוועקגעגאַנגען וואָכן און ער האָט זיך נישט געוויזן. זי האָט זיך אַליין געמאַכט איצט פאַרווורפן פאַר איר זיין אַזוי קידער־ווידער צו אים, אָבער דאָך האָט ער זי יעדעס מאָל ביים געזעגענען זיך וואַרעם געקושט. וואָס קאָן איצט באַדייטן זיין צוריקגעצויגנקייט?

זי האָט דאָך מענדלס אַדרעס, וואָס ער האָט איר געגעבן אין פאַל, ווען זי זאָל וועלן אַמאָל צוקומען צו אים אָדער וויניקסטנס שרייבן אַ בריוועלע. זאָל זי דאָס אפשר טאָן? ניין, זי וועט וואַרטן.

מיט אַזעלכע געדאַנקען איז שרה געזעסן אין שאַפּ, דעם קאָפּ איינגעבויגן איבער אַ מאַנטל און געניית.

עטלעכע מאָל האָט סילוויאַ, די „פינישערין״, וואָס איז געזעסן לעבן איר, אַן עלטערע מיידל פון אַ יאָר 25, איר איבערגעריסן די געדאַנקען. יענע האָט שנעל געוואָרפן מיט דער נאָדל אין דער לופטן און האָט דערציילט איר חברטע גאָסי, אַז שוין אַ לענגערע צייט ווי זי גייט אַרויס מיט

אַ „באַי״, אַ פיינעם, אַ קלוגן און אַ גרויסן פאַרדינער. ער האָט איר פאַר־געשלאָגן, אַז זי זאָל מיט אים חתונה האָבן, אָבער זי האָט מורא מיט אים צו גיין אין לעבן, ווייל ער איז אַ פאַברענטער יוניאָן־מאַן. אַזעלכע מענטשן, ווייסט זי גוט, פאַרנאַכלעסיקן זייער הויזגעזינט... און וואָס וועט זי טאָן, ווען ער וועט זי איבערלאָזן מיט אַ קינד און אַוועקגיין אָפּזיצן לאַנגע נעכט אין דער יוניאָן?

שרה האָט באַוואונדערט סילוויאַס פעסטקייט און אַנטשלאָסנקייט. זי, שרה, דאַרף זיך, אַראָפּנעמען אַ ביישפּיל פון איר... אָבער וואָס טוט מען, אַז אַלע זאָגן, אַז זי איז נישט קיין געראָטענע און אַז אַפילו איר טאַטע, וואָס האָט זי שטאַרק ליב געהאַט, פלעגט זי אויך רופן „שלימזלניצע״.

*

מענדל האָט נישט געקאָנט לענגער אויסהאַלטן די נאָגנדיקע בענק־שאַפט נאָך שרהן און איז געלאָפן צו זען.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין שטוב, האָט אים שרה כמעט נישט דערקענט. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער איז אויסגעוואַקסן. אויף זיין הויכער, שלאַנקער פיגור האָט ער געטראָגן אַ נייעם ווינטער־מאַנטל פון גרויען שטאָף. אויפן קאָפּ האָט ער געהאַט אַ ווייכן שוואַרצן הוט, אויף די פיס — נייע הויכע שיך און נידעריקע קאַלאָשן. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטשן מיט ווירדע און זעלבסטפאַרטרויען.

— איך זע, אַז איר האָט זיך פיין אַריינגעפּאַסט אין אונדזער אַמע־ריקע — האָט פייגל אים אויפגענומען אַ צופרידענע און געדריקט זיין האַנט — זעצט זיך ווי גייט עס אייך? ווי גייט דאָס לערנען, די אַרבעט?

און געטראַכט האָט זי דערביי: אַזאַ פיינער, קלוגער בחור, אַן ערלע־כער אַרבעטער. ווי קומט ער צו ישראלן? יענער איז אַ לופט־מענטש, אַ „סטאַר־קיפּער״... זי האָט שוין אַ פּאָר מאָל גערעדט מיט שרהן, האָט איר אָפן געזאָגט איר מיינונג, אַז יענער איז נישט פאַר איר. אָבער וואָס מער זי האָט גערעדט קעגן אים, אַלץ איינגעשפּאַרטער איז שרה געוואָרן. זי, פייגל, וויל נישט, אַז איר שוועסטער זאָל ווערן אַן „אַלרייטניצע״. זי וואָלט בעסער געוואָלט מענדלען פאַר אַ שוואָגער.

מענדל האָט זיך אַוועקגעזעצט.

— אַ דאַנק! מיר וועלן נאָך שמועסן. מיר האָבן אַ סך געמיינגאַמס. שרה האָט מיר דערציילט, אַז אין דער היים זענט איר געווען אַן אַקטיווע סאָציאַליסטקע! — האָט מענדל געזאָגט אין אָנהייב פון זיין שמועס מיט פייגלען.

— וואָס איך בין געווען, דאָס בין איך פאַרבליבן — האָט אים פייגל געענטפערט, — אָבער ווען מען האָט חתונה שאַפן זיך אַנדערע אומשטענדן. מען איז פאַריאָגט מיט דער שטוב־אַרבעט, מיט די קינדער, און אויסצו־קומען מיט די קליינע פאַרדינסטן ביי אַזאַ גרויסער משפחה, זאָל געזונט זיין, איז אויך נישט פון די גרינגע זאַכן.

— לויט ווי איך הער, באַקומען דאָ די סטאָליאַרעס בעסער באַצאָלט, ווי אין באַלטימאָר.

— יאָ, אָבער נישט גענוג.

שרה איז אַריינגעקומען אָנגעטאָן אין איר שענסטן בלויען קליידל, וואָס האָט נאָך בולטער געמאַכט די קאָליר פון אירע בלויע אויגן. זי האָט געטראָגן אַ נייעם מאַנטל, דאָס היטעלע איז געזעסן מיט געשמאַק איבער די פאַרלייגטע צעפּ אויף איר קאָפּ, און מיט איר זעלטענעם חנעוודיקן שמייכל אויף איר קינדיש־רונדיקן פּנים האָט זי אַרויפגעקוקט צו מענדלען, וועלכער איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון איר. זי האָט געזאָגט:

— גייען מיר?

ער האָט זיך פריידיק אויפגעהויבן פון בענקל, העפלעך זיך געזעגנט מיט פייגלען, גאַלאַנט געעפנט די טיר און געלאָזט שרהן גיין פאָרויס.

— האַלט זי נישט אויף צו שפּעט, ווי דעם לעצטן מאָל. מיר זענען געווען שטאַרק פאַרזאָרגט — האָט פייגל זיי אַרויסבאַגלייט.

זיי זענען געגאַנגען געאָרעמט, האַרט איינער נעבן דעם אַנדערן.ביידע האָבן געהאַט אַ פאַרבאָרגענעם געדאַנק, אַז דער וועג זאָל זיך ציען וואָס לענגער.

— אַ שיינע אויסגעשטערנטע נאַכט — האָט געזאָגט מענדל און האָט פאַרשטייפט שטאַרקער זיין האַנט אונטער איר אָרעם.

— יאָ, אין אַזאַ נאַכט ווילט זיך שפּאַצירן אַן אַ שיעור — האָט זי זיך מיט איר גאַנצן קערפּער אָנגעלענט אָן אים.

— וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען איך קום נישט?

— וואָלט איך געוואַרט!

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט איינס דאָס אַנדערע און האָבן זיך פּלוצלונג צעלאַכט. זי האָט זיך צוגעהערט צו איר אייגענעם לאַכן און איז געבליבן שטיין אַ שטאַרק פאַרוווּנדערטע: צי לאַכט זי דאָס אָדער עמעצער אַנדערש פרייט זיך אין איר? זי געדענקט, אַז ווען דער טאַטע פלעגט זי אַמאָל הערן לאַכן אויף אַ קול, פלעגט ער זי גלייך אָפּהאַקן: „שיקסעס לאַכן. — ס'איז אַן עבירה!

וואָס וואָלט ער איצט געזאָגט?

— דו געדענקסט, שרה, די נעכט אויף דער שיף? דאָרטן האָסטו אויך אַזוי שיין געלאַכט.

זיין קול האָט געקלונגען שטאַרק ראָמאַנטיש און פאַרבענקט.

— אויפן ים — האָט שרה צוגעגעבן — זענען נישט געווען קיין פּראָבלעמען. מען האָט זיך געפילט פריי ווי די פייגל אויף דעם אומענדלעכן האָריזאָנט.

— עס זענען דאָרטן אויך געווען פּראָבלעמען. פאַרשטייסטו, שרה! פּראָבלעמען, זוכעניש און ראַנגלעניש זענען קיינמאָל נישט אויסער אונדז, זיי זענען נישט אין דער לופטן, נאָר איינגעשלאָסן טיף אין אונדז. וווּ מיר גייען און שטייען, אויפן ים און אויף דער יבשה, זענען זיי מיט אונדז, באַגלייטן אונדז אויף יעדן טריט און שריט. געדענקסטו וועגן וואָס מיר האָבן דעמאָלט גערעדט?

— דאָרט איז געווען אַנדערש. עס איז געווען די דערוואַכונג!

ער האָט געשוויגן, און נאָך אַ קורצער פּויזע געזאָגט:

— דו האָסט מיר אַמאָל דערציילט וועגן דיינעם אַ פריינד באָריס, אַ סאָציאַליסט, וואָס זיצט אין טורמע. קלערסטו נאָך אַ מאָל וועגן אים און... וועגן סאָציאַליזם?

— אַך יאָ, דו האָסט מיר דערמאָנט. מיין חברטע דאָראַ פון באַלטימאָר

האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי דאָ אין שיקאַגאָ, כ׳האָב גאָר פאַרגעסן — האָט זיך שׂרה אַ כאַפּ געטאָן.

— ווייסטו פאַר וואָס דו האָסט פאַרגעסן ? — האָט מענדל געפרעגט מיט אַ שטראָפנדיק קול.

— ניין, איך ווייס נישט — האָט זי געענטפערט מיט קינדערישער אָפנהאַרציקייט.

— ווייל סאָציאַליזם איז פאַר דיר נישט מער ווי אַ שיינע פראַזע אָדער אַ קלייד, מיט וועלכער דו פּוצסט דיך. דו נעמסט דאָס נישט ערנסט, פּונקט ווי דו נעמסט נישט ערנסט דיין קעגנוואַרט... אין אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג וועסטו נישט דאַרפן מורא האָבן פאַר אָרעמקייט. עס וועט נישט זיין מעגלעך קיין הונגער, פּונקט ווי עס וועט נישט זיין מעגלעך קיין עקס־טרעמער לוקסוס און פאַרשווענדערישקייט. רייכקייט איז נישט דווקא קיין גליק. קאָנסט אַמאָל זיין רייך און אומגליקלעך און פאַרקערט — אָרעם און גליקלעך.

שׂרה האָט שוין אַ סך מאָל געהערט די דאָזיקע מעשׂיות. זי האָט דאָס נאָך געהערט פון באָריסן אין דער היים, זי האָט דאָס געלייענט אין די ביכער און דאָס זענען פאַר איר געבליבן טויטע ווערטער, וואָס זענען נישט דערגאַנגען צו איר האַרץ און צו איר מוח. זי האָט אַפילו יאָ גע־גלייבט, אַז סאָציאַליזם איז גוט, אָבער ער האָט זיך איר אויסגעמאָלט ווי אַ שיינער חלום פון דער ווייטער צוקונפט.

— איך בין נישט געקומען דיך אַגיטירן. איך בין געקומען רעדן מיט דיר וועגן גאָר עפּעס אַנדערש, — האָט מענדל געזאָגט.

זי האָט געשוויגן. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ „ביקל שאָו“.

— אפשר אַריינגיין ?!

— כ׳האָב צוגעזאָגט דער שוועסטער צו קומען פרי אַהיים. מיט אַ יאָר שפּעטער, ווען איך וועל אַלט ווערן 21 יאָר, וועלן מיר קאָנען קומען אַזוי שפּעט ווי עס וועט זיך אונדז פאַרגלוסטן.

— טאָ לאָמיר גיין צו דיר אַהיים. אין שטוב אויף דער סאָפע וועלן מיר קאָנען זיצן און ווייטער זיך אַדורכשמועסן.

שרה האָט זיך דערשראָקן פאַרן געדאַנק און האָט אין זיך געטראַכט:
„און וואָס וועט זיין אויב ישראל איז דאָרטן און וואַרט אויף מיר?".

— ניין — האָט זי פעסט געזאָגט, האָט אַ ביסל זיך געקווענקלט און צוגעגעבן — עס איז נישט דאָס אָרט און נישט די צייט דערפאַר.

— טאָ ווו און ווען? — זיין קול איז געווען אַרויספאָדערנדיק.
זי האָט פיינלעך געשוויגן.

זיי האָבן זיך פאַרנומען אין דער פאַרקערטער ריכטונג — אין דעם וועג, וואָס האָט געפירט אַהיים.

— ביסט אַ מאָדנע מיידל, שרה, אַ נישט זיכערע אין זיך און דאָך אַן איינגעשפאַרטע. זאָג, אַז האָסט מיך ליב. איך וויל עס הערן פון דיין מויל — האָט מענדל געזאָגט אין אַן עטוואָס באַרואיקנדיקן טאָן.

— כ'האָב דיך ליב, מענדל, מער ווי אַלץ אין דער וועלט — האָט זי געזאָגט קוים הערבאַר.

— טאָ פאַר וואָס מאַטערסטו מיך? פאַר וואָס קומט צו דיר יענער?
שרה האָט אויפגעשוידערט: ווי אַזוי האָט ער זיך דערוווּסט?

— איז דאָס אמת? דו קלייבסט זיך חתונה האָבן מיט אַ ביזנעסמאַן?

— ער איז מיינער אַ לאַנדסמאַן. מיר קענען זיך נאָך פון דער היים. מיין פאָטער וועט זיך פרייען... און וואָס האָט ליבע צו טאָן מיט חתונה־האָבן?... ליבע איז פּאָעטיש, חתונה־האָבן — פּראַקטיש. האָסטו געהערט, אַז עמעצער זאָל באַזינגען דאָס חתונה־האָבן? מען באַזינגט ליבע, אָבער נישט דאָס חתונה־האָבן...

ער האָט זי אָנגעקוקט ווי זי וואָלט נישט געווען ביים קלאָרן זינען.

— דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט. חתונה האָבן מיינט זיך פאַרבינדן, ווערן איינס. מען קאָן נישט חתונה האָבן אויב מען האָט נישט ליב.

— דיך וועל איך קיין מאָל נישט אויפהערן ליבן — האָט זי אים איבערגעשלאָגן די רייד.

— מיינסטו פּלאַטאָניש? מיינט עס, אַז יענעם בחור האָסטו נישט ליב און דאָך וועסטו מיט אים חתונה האָבן? און איך, איך וועל זיין דיין שפּיל־צייג, דיין אידעאַל? ניין, דאָס וועט קיין מאָל נישט פּאַסירן. קיינער וועט

נישט שטיין אין אונדזער וועג. זאָג דעם אמת, שרה, מיט וועמען שפּילסטו זיך דאָ אַרום?

זיינע אויגן זענען געווען שאַרף ווי די בליצן. זיין האַנט האָט געדריקט אירע מיט כעס. שרה האָט זיך דערשראָקן. זי האָט זיך דערמאָנט אין איר שיינער לאַנדסמיידל צירל, וואָס איר געליבטער האָט אויף איר געשאָסן און זי פאַרוואונדעט אין פּנים, מיאוס געמאַכט זי...

ער האָט דערפילט איר נערוועזקייט, האָט זיך באַהערשט און געזאָגט אין אַ רואיקן טאָן:

— שרה, מיר געפינען זיך אין אַ ניי לאַנד. מיר טאָרן מער נישט לעבן מיט דער פאַרגאַנגענהייט, מיט אַלטע באַגריפן. מיר מוזן זיין שכלדיק און פּראַקטיש.

— אָבער ליבע האָט גאָרנישט צו טאָן מיט פּראַקטישקייט — איז זי באַשטאַנען אויף דאָס איריקע.

— ליבע מיינט פאַרשטיין זיך, זיין געאיייניקט. מיר מוזן בעסער דער־קענען איינער דעם אַנדערן. לאָמיר זיך אָפטער טרעפן. לאָמיר גיין צוזאַמען, צוזאַמען זיך לערנען, צוזאַמען זינגען, דו האָסט אַזאַ שיינע שטימע, שרה! — האָט מענדל אויסגערופן מיט באַגייסטערונג.

— יאָ, מענדל, מיר מוזן זיך אָפטער זען!

און געטראַכט האָט זי בשעת מעשה, אַז פאַר געלט קאָן מען אויסבילדן די שטימע. זי וועט איינלאַדן אַ פּריוואַטן לערער אויף ענגליש. ישראל איז אַ גוטער, ער וועט איר אַלץ נאָכגעבן...

*

אַ קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן. זיי האָבן אויפגעשטעלט די קעלנער פון די מאַנטלען, פאַרפלאָכטן די הענט, זיך צוגעטוליעט איינער צום צווייטן און געשפּאַנט שווייגנדיק. זי איז אים געווען דאַנקבאַר פאַרן חסד פון שווייגן.

זיי זענען אַרויף אויף די טרעפּ פון איר שוועסטערס דירה, האָבן געעפנט די טיר און אין העל־באַלויכטענעם צימער זענען זיי געבליבן

שטיין פּנים אל פּנים מיט ישׂראלן. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט אין שטילער פֿאַרלעגנהייט. פֿייגל און הערי האָבן פֿאַרביסן די ליפּן און געוואַרט אויף דעם, וואָס עס דאַרף דאָ געשען.

— אַך, באַקענט זיך, אונדזער לאַנדסמאַן ישׂראל און מענדל בראָדסקי, מיין שיף־ברודער — האָט שׂרה די בײדע בחורים פֿאַרגעשטעלט איינער פֿאַרן אַנדערן, אַראָפּנעמענדיק דעם מאַנטל, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט נישט געהאַט געשען.

די בחורים האָבן זיך שאַרף אָנגעקוקט. זייערע הענט זענען געבליבן מאַכטלאָז הענגען ביי די זייטן, נישט דערגייענדיק צו אַ קעגנזייטיקן האַנט־דרוק.

— זעצט זיך, איך וועל באַלד מאַכן אַ גלעזל טיי, וועט מען זיך דער־וואַרעמען — האָט פֿייגל געזאָגט, וועלנדיק אויפֿהייבן די שטימונג.

— ס'איז נאָך פֿרי — האָט הערי צוגעגעבן, זעענדיק, אַז קיינער רופֿט זיך נישט אָפּ.

— אַ שיף־ברודער, עיי? — האָט ישׂראל אַרויסגעברומט פֿון צווישן די ציין, און וואַרפֿנדיק אַ ווייטיקדיקן בליק אויף שׂרהן האָט ער פֿאַרלאָזט דאָס הויז.

מענדל איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער, האָט געקוקט אויף שׂרהן פֿאַרלוירן און אַנטוישט, ווי ער וואָלט געפֿרעגט:

— האָב איך מיך אָפּגענאַרט אין דיר?

שׂרה איז געשטאַנען אַלס אַ פּאַסיוו באַאָבאַכטערין און האָט זיך צוגעהערט צו מענדלס האַסטיקע טריט אויף די שטיגן ביז זיי זענען נישט פֿאַרשוווּנדן געוואָרן.

## ווען טשאַרלס ראָטענבערג האָט גערעדט

אַ גאַנצע נאַכט האָט גערעגנט. אין דער פרי האָט אַ שטאַרקער ווינט צעריסן די וואָלקנס. אַ האַרבסטיקע זון איז אַרויסגעקומען און מיט אַ קילער וואַרעמקייט — באַשיינט די נאַסע טראָטואַרן. פון אַלע זייטן זענען געגאַנגען טראַמוויען, פול געפּאַקטע מיט אַרבעטער, וועלכע זענען געפאָרן צו דער אַרבעט — ווער אין סטאַק־יאַרד, ווער אין די שעפּער און פאַבריקן און ווער אין די אָפיסעס. אַנדערע זענען געגאַנגען צופוס, אין געאייל פאַרבייגעלאָפן די גרויסע מעבל־פאַבריק פון „מוירפי און מוירפי", וווּ מענדל מיט נאָך אַרבעטער האָבן איצט געשפּאַנט אַרויף און אַראָפּ מיט פּלאַקאַטן אין די הענט פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען, וועלכע האָבן אָנגעזאָגט דער גאַס, אַז זיי זענען אַרויס אין שטרייק פאַר בעסערער שכירות און יוניאָן־אָנערקענונג.

די זון־שטראַלן שלאָגן זיך אָן אָן זייערע דינע גופים און וואַרפן אַ שאָטן אויפן טראָטואַר, און אַנשטאָט צוויי מענטשן, זעט מען פיר. די שאָטנס מאַרשירן פאַרויס און זיי זעען אויס העכער און גרעסער פון די מענטשן. ווען די „פּיקעטס" טרעפן זיך פּנים אל פּנים, וואַרפן זיי זיך דורך מיט עטלעכע ווערטער און שפּאַנען ווייטער אין שטילשווייגן. עס הערן זיך נאָך זייערע טריט אָפּקלינגען מאָנאָטאָן אויפן האַרטן, שטיינערנעם ברוק.

זיי, די אַרבעטער, ווייסן, אַז דורך דער הינטער־טיר גייען אַריין און אַרויס שטרייקברעכערס, וואָס פאַרנעמען זייערע פּלעצער ביי דער אַרבעט. זיי ווייסן אויך, אַז עפּעס מוז געטאָן ווערן, הילף מוז קומען. אָבער ווען, און פון וועמען ?...

## אסתר מילער

*

היינט, ווי אַלע אָוונטן, זענען זיך די שטרייקערס צוזאַמענגעקומען צו באַטראַכטן די לאַגע אין שטרייק און מאַכן פּלענער פאַר ווייטערדיקער אָרגאַניזיר־אַרבעט.

דזשים, דער פאָרזיצער, אַ ברייט־פּלייציקער מענטש אין די שפּעטע פערציקער, מיט אַ שטאַרק פאַרזאָרגטן פּנים אונטער אַ גרויסן, שוואַרצן קאָפּ האָר דורכגעוועבט מיט גרויע פּעדים האָט געעפנט די זיצונג. אַלע שטרייק־פירער האָבן אָפּגעגעבן באַריכטן. זיי האָבן זיך באַקלאָגט אויף די שטרייק־ברעכערס, וואָס די בעלי־בתים שטעלן אָן.

— אַ סך זענען מיד, הונגעריק און אַנטמוטיקט. זיי האָבן פאַמיליעס צו דערנערן, זענען זיי אַוועק צוריק אַרבעטן... — רעדט אָן עלטערער אַרבעטער מיט אַן אויסגעבויגענער פּלייצע, ווי אין פאַרטיידיקונג פון יענע אַרבעטער, וועלכע האָבן נישט געקאָנט אויסהאַלטן די נויט און זענען נאָך לאַנגע וואָכן צוריק אַוועקגעגאַנגען אַרבעטן אויף די אַלטע באַדינגונגען.

— עפּעס מוז געטאָן ווערן איידער דער שטרייק ווערט געבראָכן.

— איך בין אַ „סינגלמאַן“, כ׳קאָן הונגערן. אָבער וואָס טוען מיר מיט יענע, וועלכע האָבן פאַמיליעס? — פרעגט מענדל אין שטילער פאַרצווייפלונג.

— טאָ וואָס זאָל מען טאָן? וואָס שלאָגט איר פאָר? — פרעגט איינער מיט אַ ברוין געררונצלטן פּנים ווי פון קאָרע.

— אפשר זיך ווענדן נאָך הילף צו דער „אַמעריקאַן פעדערײשן אָוו לייבאָר“?

— אַז מיר זענען נישט אָנגעשלאָסן, נישט איינגעצאָלט אויפן שטרייק־פאָנד, ווי קאָנען מיר דערוואַרטן הילף? אונדזער שטרייק איז דאָך ספּאָנטאַן...

אַזוי רעדן די שטרייקערס איינער נאָכן אַנדערן. מען ברעכט זיך דעם קאָפּ, מען זוכט וועגן און מיטלען ווי צו קריגן מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף און קיין הילף קומט נישט, ווייל זיי זענען נאָך נישט אָנגעשלאָסן אין קיין שום יוניאָן און האָבן זיך נישט אָן וועמען אָנצושפּאַרן.

עס פילט זיך אַ הילפלאָזע אומרואיקייט צווישן די פאַרזאַמלטע. דער

פּאַרזיצער, ווייזט אויס אַ מענטש מיט אַ שאַרפן חוש, הערט אַלעמען אויס און מיט אַן ערנסט פאַרזאָרגט פּנים בייגט ער זיך אַריבער צום עולם, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט פאַרטרויען אַ סוד.

די לאַגע איז נישט אַזוי האָפענונגלאָז, ווי איר מאָלט זי. ס'איז אַן ענין פון סטראַטעגיע, מיר וועלן מוזן אויפגעבן איין זאַך פאַר דער צווייטער, זיך אָפּזאָגן פון העכערע שכירות, און אַרויסשטעלן די הויפּט־פאָדערונג פאַר יוניאָן־אַנערקענונג. אויב מיר זאָלן דאָס איצט אויסקעמפן און זיך אָנשליסן אינעם סטאָליער־לאָקאַל פון דער א. פ. אָוו ל., וועלן מיר עפענען אַ טיר פאַר מער דערפאָלגרייכע אונטערהאַנדלונגען אין דער צוקונפט. ווער מאַכט אַזאַ פאַרשלאַג? — האָט ער געפרעגט און זיך אַרומגעקוקט צי עמעצער הייבט אויף אַ האַנט.

— אַ פאַרשלאַג מען זאָל דערווייל אויפגעבן די פאָדערונג פאַר העכערע און בעסערע באַדינגונגען, נאָר פאָדערן יוניאָן־אַנערקענונג — האָט זיך געהערט אַ שטימע פון אַן אַרבעטער.

— אונטערשטיצט! — האָט זיך דערהערט אַ צווייטע שטימע.

— ווער עס איז דערפאַר זאָל באַצייכענען מיט הייבן די האַנט. — האָט דער פאַרזיצער אויסגערופן.

הענט האָבן זיך געהויבן אין דער הייך.

— ווער איז קעגן?

קיינער האָט נישט אויפגעהויבן קיין האַנט. דער פאַרשלאַג איז דורכגעגאַנגען.

*

און ווידער האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביטערער געראַנגל מיט די בעלי בתים. מר. מוירפי האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט קיין מאָל נישט אָנערקענען קיין יוניאָן. ער וועט נישט דערלויבן, אַז עמעצער זאָל אים „דיקטירן זיינע ביזנעס", האָט ער געטענהט.

מענדלס גוטער, אירלענדישער באַלעבאָס, מר. מוירפי, וואָס איז שטענדיק גרייט געווען צו טאָן אַן אַרבעטער אַ טובה אין אַ נויט, איז

איצט געשטאַנען שטאָל און אייזן קעגן דער יוניאָן. מענדל און די איבעריקע שטרייק־פירער זענען אָפּגעזאָגט געוואָרן פון דער אַרבעט.

די אַרבעטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט גיין צוריק ביז די שטרייק־פירער וועלן נישט צוריקקריגן זייערע „דזשאָבס". מוירפי מער ווי אַלע בעלי בתים איז געבליבן איינגעשפּאַרט. קיין שטרייק־פירער וועט ביי אים אין שאַפּ נישט אַרבעטן. נאָך לאַנגע דינגענישן האָט ער ענדלעך מסכים געווען צוריקצונעמען טאָמען און סטיווען,ביידע הויך־קוואַליפיצירטע אַרבעטער, אָבער נישט מענדלען.

מענדל האָט זיך געבעטן ביי די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן צוריק גיין אויף זייערע „דזשאָבס". ער האָט זיי פאַרזיכערט, אַז קיין אַרבעט וועט אים נישט פעלן. ער איז אַ בחור, אָן אַ פאַמיליע, וואָס האָט ער צו זאָרגן. אָבער זיי, די אַנדערע אַרבעטער, האָבן פאַמיליעס, וועלכע הונגערן. ס'איז פון גרויס וויכטיקייט זיי זאָלן צוריקגיין פאַרנעמען זייערע פּאָזיציעס צוליב אַרבעט־סטראַטעגיע. ער, ער וועט שוין קריגן אַרבעט; אויב נישט אין שיקאַגאָ איז אין אַ צווייטער שטאָט.

דער עיקר זיי זאָלן זיך האַלטן אין דער יוניאָן, אַ קליינער נצחון איז אויך אַ נצחון. די אַרבעטער האָבן זיך צוגעהערט צו אים און זענען צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ כמורנער, אַ ווינטיקער, אַ בייזער. איינער נאָכן אַנדערן זענען די אַרבעטער פון „מוירפי און מוירפי" אַריין אין גרויסן, האַלב־טונקעלן שאַפּ מיט די לאַנגע שמאָלע פענצטער אַרומגע־קלאַפּט פון דרויסן מיט אייזערנע שטאַכעטן. דער שטענדיק אָנגעצויגענער פאָרמאַן איז איצט געווען אַזוי שטייף אָנגעצויגן ממש צום פּלאַצן. מיט קוים אַ דריי מיטן קאָפּ האָט ער זיי אָנגעוויזן אויף זייערע אַלטע פּלעצער און האָט אונטערגעברומט, אַז עס זענען פאַראַן אַ סך באַשטעלונגען אַרויסצו־שיקן, וואָס האָט געהייסן, אַז מען זאָל זיך אונטעראיילן. די אַרבעטער האָבן שטיל, אָן ווערטער, פאַרנומען זייערע פּלעצער, איינגעגראָבן כמעט דעם גאַנצן קערפּער אין געהילץ און זיך פאַרטאָן אין דער אַרבעט. די שטימונג איז געווען ווי נאָך אַ פאַרלוירענעם שטרייק.

דער אַלטער מוירפי, וואָס פלעגט זיך אַמאָל צייטנווייז פאַרגינען צו

מאַכן אַ שפּאַס מיט אַן אַרבעטער, זאָגן אַן „אייעריש" ווערטל און אַמאָל אַפּילו שטילערהייט אויסלייען אַ פּאָר דאָלאַר צו אַן אַרבעטער, ווען יענער האָט זיך געפֿונען אין אַ נויט, האָט איצט געוואָרפֿן שפּיזיקע בליקן אויף די אַרבעטער־רוקנס. אים האָבן געעגבערט די טובֿות, וואָס ער האָט געטאָן מענדלען, און פֿאַר וועלכע יענער, דער „גרינער", האָט אים אָפּגעדינט מיט אַ שטרייק...

ער וועט שוין וויסן, ווי זיך צו באַגיין מיט די „גרינהאָרנס..."

אויף די אַרבעטער האָבן איצט געקלערט וועגן מענדלען. זיין אָפּוועזנ־הייט האָט אַרויסגעשריגן פֿון יעדן ווינקעלע.

און, ווי מוירפּי וואָלט פֿאַרשטאַנען וועגן וואָס זיי טראַכטן, איז ער פֿון מינוט צו מינוט געוואָרן מער אויפֿגערעגט. און ווייל ער איז געפּערלעך אין כעס מיידט ער אויס די בליקן פֿון די אַרבעטער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט זיך צו טרעפֿן מיט זיי. ווען אַן אַרבעטער האָט נישט ווילנדיק אַ קוק געטאָן אין זיין ווינקל, האָט עס אים אַ שטאָך געטאָן, ווי מיט אַ נאָדל. אים האָט אַ שוויס באַגאָסן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי לייענען אַראָפּ פֿון זיין פּנים די באַהאַלטענע צוריקגעהאַלטנקייט זיינע בנוגע דער יוניאָן און דעם אָפּמאַך.

די טיר פֿון אָפֿיס האָט זיך געעפֿנט און זיין זון, קריס מוירפּי, איז אַריינגעקומען. דערזען דעם פֿאָטער, בלאַס, פֿאַרשוויצט און דענערווירט, האָט ער צוגעוואָרפֿן אַ פֿינצטערן בליק צו די אַרבעטער, עפּעס אַריינגע־שושקעט דעם פֿאָטער אין אַן אויער אַריין, פֿאַרוואָרפֿן די האַנט אויף זיין אַקסל און אים אַרויסגעפֿירט פֿון שאַפּ.

נאָך עטלעכע וואָכן פֿון זוכן אַרבעט און נישט געפֿינען האָט מענדל זיך ענדלעך געכאַפּט, אַז מוירפּי האָט אים דאָ אָפּגעטאָן אַ גרעסערע רעה, ווי ער האָט זיך דאָס פֿאַרגעשטעלט. וווּהין ער איז אַריינגעקומען האָט מען אים באַגעגנט מיט אַ חוזקדיק שמייכעלע און „ניין, זיי דאַרפֿן נישט קיין אַרבעטער". יעדנפֿאַלס נישט איינעם פֿון זיין „קוואַליפֿיקאַציע". דאָס וואָרט „קוואַליפֿיקאַציע" איז אים פֿאַרלאָפֿן דעם וועג אין יעדן שאַפּ ווו ער איז אַריינגעקומען ביז ער האָט ענדלעך אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין וואָס דאָס מיינט.

ער האָט זיך דערפילט ווי געפּענטעט. „קוואַליפיקאַציע...״ דאָס מיינט שטרייק־פירער. און וואָס זאָל ער איצט טאָן? צו וועמען זיך ווענדן, וווהין זיך קערן? צו דער יוניאָן. געוויס, די אַרבעטער האָבן זיך איינגעשטעלט, נישט געוואָלט צוריקגיין ביז מען וועט אים נישט צוריקנעמען. עס וואַרעמט אים אַ ביסל. ווען ער דערמאָנט זיך, ווי זיי האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט. אָבער נישט אויף לאַנג. די יוניאָן האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין געגעבענעם מאָמענט קאָן זי פאַר אים גאָרנישט טאָן. ער וועט מוזן וואַרטן אויף אַ גינציקערער צייט. וואָס מיינט דאָס? ווי לאַנג? קיינער קאָן דאָס נישט פאָרויסזען.

דער אָוונט איז געווען אַ פייכטער. קאַלטע ווינטן האָבן געבלאָזן פון צפון און האָבן אָנגעזאָגט דעם אָנקומענדיקן ווינטער. מענדל איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון יוניאָן „העדקוואָטערס״. ער איז אַרויף אויף די שמאָלע עטלעכע טרעפּ און איז אַריין אין אַ שוואַך־באַלויכטענעם זאַל, ווו מענטשן פון פאַרשידענעם עלטער זענען געזעסן אויף הילצערנע בענקלעך און זיך צוגעהערט צו אַ פּראָטאָקאָל, וואָס סלים, דער סעקרעטאַר, אַ הויכער, דינער מענטש מיט אַ צעקנייטשט פּנים האָט אַרויסגעלייענט פון אַ העפט.

מיט מענדלס אַריינקומען האָבן זיך אַלעמענס אויגן אַ קער געטאָן צו דער טיר. סלים האָט איבערגעריסן דאָס לייענען און האָט אָנגעוויזן מענדלען אַ שטול. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט.

אין קליינעם זאַלכל איז געווען שטיל. די אַרבעטער האָבן מיט גרויס ערנסט אויפגעכאַפּט סלימס יעדער וואָרט. ער האָט צו זיי גערעדט מיט פאַקטן און ציפערן; ווי די יוניאָן צעוואַקסט זיך, קריגט צו נאָך נייע מיטגלידער־סטאָליערס, נאָר אויך נייע שעפער פון האַלץ־פאַך. די טעג האָבן זיך אָנגעשלאָסן דריי און צוואַנציק מעבל־שעפער פון דעם טיילווייז געווו־נענעם שטרייק. צווישן זיי אויך דער צום ערגסטן פאַרביסענער שאַפּ פון „מוירפּי און מוירפּי״. מענדל וועט אייך דערציילן, וואָס פאַר אַ שאַפּ דאָס איז. ער איז געווען איינער פון די שטרייק־פירער און האָט געהאַט אַ סך דערפאַרונג מיט די דאָזיקע שעפער — האָט סלים געזאָגט און אַ וואַרעמער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים בעת ער האָט אָנגעדייט אויף מענדלען.

בעת מענדל האָט באַקומען דאָס וואָרט און איז אַרויף אויף דער פלאַטפאָרמע איז צווישן עולם דורכגעגאַנגען אַ מורמלען. באַלד דערויף איז שטיל געוואָרן, ווי זיי וואָלטן נישט געוואָלט פאַרפעלן אַ וואָרט פון דעם, וואָס ער וועט זאָגן.

מענדל האָט געשילדערט מיט אַ סך פאַרשטענדעניש, ווי ס׳האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז דער שטרייק זאָל פאַרשפּילט ווערן.

ווען די אַרבעטער מיט זייערע משפחות האָבן געהונגערט, נישט געהאַט צו באַצאָלן קיין דירה־געלט און ווען זיי האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעבאָרגט און אָנגעליען ביז איבערן קאָפּ אין חובות, און די שפּייז־קרעמלעך האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן מער אויף באָרג אַפילו אַ ברויטל, האָבן זיי געמאַכט אַ צוג, אויפגעגעבן די פאָדערונג פאַר בעסערע באַדינגונגען און זיך אָפּ־געשטעלט בלויז אויף דער יוניאָן־אָנערקענונג.

— מיין „גוטער״ באַלעבאָס, מר. מוירפי, וועלכער האָט מיר געבאָרגט אַ פינפערל, האָט איצט געקעמפט ווי אַ לייב קעגן אָנערקענען די יוניאָן — האָט מענדל דערציילט. — אויך אַנדערע באַלעבאַטים האָבן זיך אָפּגעזאָגט צוריקצונעמען זייערע לאַנגיאָריקע איינגעאַרבעטע אָנגעשטעלטע פאַרן אָנ־פירן מיטן שטרייק, — האָט מענדל פאַרגעזעצט. — דער קאַמף איז נאָך ווייט נישט געווונען. ווען אַלע מיטגלידער, יוניאָן־לייט, וואָס צאָלן שטייער און זענען אין „גוטן שטאַנד״, וועלן צוגעבן זייער מיטהילף, זייער סאָלידאַרי־טעט, וועלן אונדזערע גערעכטע פאָדערונגען געווונען ווערן אָן קינדערישן הונגער — האָט מענדל אונטערגעשטראָכן.

ווען ער האָט פאַרענדיקט איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון אַפּלאָ־דיסמענטן. אַזש די גרויע ווענט האָבן זיך געשאָקלט.

און כאָטש מענדלס רעדע איז פאַר זיי נישט געווען קיין שום נייעס, זיי האָבן זיך שוין אָנגעהערט מיט אַ סך אַזעלכע רעדעס, און קיין שטרייק איז פאַר זיי אויך קיין נייעס נישט געווען, זיי האָבן אויך געוווּסט, אַז כמעט קיין מאָל ווערן אַלע פאָדערונגען נישט נאָכגעגעבן, דאָך האָבן זיי מענדלס רייד דערמוטיקט, אָנגערעגט צו קעמפן ווייטער פאַר בעסערע באַדינגונגען. איינער נאָכן צווייטן זענען זיי, די אַרבעטער, צוגעקומען צו מענדלען

און געדריקט זיין האַנט. זיי האָבן געזען אין אים אַ צוזאָגנדיקן אַרבעטער־פירער.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, ווען מענדל איז אַהיימגעגאַנגען פון דער פאַרזאַמלונג. און כאָטש ער האָט נישט געהאַט קיין ספּעציעלע סיבה דערפאַר, ווייל דער שטרייק, ווי געזאָגט, איז געווען מער פאַרשפּילט, ווי געוואונען, דאָך האָט ער דערפילט אַזאַ דערהויבענע לייכטקייט אין זיין געמיט, עפּעס אַ פאַרטרוילעכקייט איז אים נאָכגעגאַנגען און אים באַגלייט ביז ער איז צוגעקומען צו דעם אַלטן הויז, וווּ זיין איינציי־מערדיקע דירה האָט זיך געפונען. ער איז אַריין מיט לייכטע טריט, האָט פאַרשלאָסן די טיר הינטער זיך, אויסגעצויגן זיך אויפן בעטל מיט דער כוונה צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס איז פאַרגעגאַנגען, נאָר אַ רואיקער שלאָף האָט אים באַלד איינגענומען.

*

אַ גאַנצן חודש האָט מענדל געשפּאַנט איבער די שיקאַגער גאַסן, געזוכט אַרבעט און נישט געפונען. ס׳איז שוין איצט געווען פאַר אַלעמען קלאָר, אַז ער איז באַוווּסט צווישן די באַלעבאַטים אַלס שטרייק־פירער.

אין איין פרימאָרגן, ווען מענדל איז צופעליק פאַרבייגעגאַנגען אַ שוך־פאַבריק, האָט ער דערזען אַ שילדל „קאַמאַשנשטעפּער פאַרלאַנגט". ער האָט זיך אויסערגעווייינלעך דערפרייט. „דאָס איז דאָך מיין פּראָפעסיע פון דער היים" — האָט ער געקלערט און דערמאָנט זיך, ווי אין עלטער פון זיבעצן יאָר האָט ער אין דעם פאַך געהאָלפן אָנפירן מיט אַ שטרייק פאַר בעסערע שכירות און אים געוואונען.

דורך די נעכט האָט ער זיך געלערנט אַלס „עקסטערן", צוגעגרייט זיך צו עקזאַמענס, נאָר דער שטרייק האָט אים „פאַרשוואַרצט" זיין נאָמען און מען האָט אים נישט צוגעלאָזט.

די מאַמע האָט געוויינט, דער טאַטע האָט געפּאַטשט: „אַ סטודענט טאָר זיך נישט מישן אין קיין שטרייקן!" האָט ער געשריגן. מילא, וואָס פון יענעם שטרייק איז געוואָרן וויל ער זיך בעסער נישט דערמאָנען. די

מערסטע שטרייקער זענען אַרעסטירט געוואָרן און אויך ער צווישן זיי, און מען איז אָפּגעלעגן אַ לאַנגע צייט אין תפיסה. אָבער דאָ איז אַמעריקע, דאָס זעט מען נישט, אַז טאַטעס זאָלן פּאַטשן זייערע זין. און די פּאָליציי פּאַלט נישט אָן אויף קיין שטרייקער אַזוי ווי אין צאַרישן רוסלאַנד. אַ טייער לאַנד, אַמעריקע. און אפשר, איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אפשר קען ער נאָך נישט אַמעריקע?...

ווי קומט עס, וואָס ער איז נישט געגאַנגען אַרבעטן אין זיין פאַך, גלייך ווי ער איז געקומען קיין אַמעריקע? — ווונדערט ער זיך אויף זיך אַליין. זאָל דאָס זיין זיין אומסטאַבילע נאַטור? זיין נייגעריקייט אַלץ אויס־צופּרובירן? אפשר, סיי ווי, כדאי אַ פרעג צו טאָן. און ער גייט אַריין אין אָפיס.

דער פאָרמאַן, אַ מיטליאָריקער, פעסט געפּאַקטער מענטש מיט אַ לעדער־פאַרטעכל אויפן שפּיץ בויך איז אים אַנטקעגן געקומען מיט אַ פרעגנדיקן בליק אין די אויגן:

— „יעס?" איך האָב געזען אייער שילדל אין דרויסן.

— קוואַליפיצירט, „עקספּיריענס?"

— אַוודאי „עקספּיריענס". איך האָב נאָך אין דער היים... — און האָט זיך פאַרכאַפּט.

דער פאָרמאַן האָט אים געשטעלט עטלעכע פראַגן און איידער וואָס ווען איז שוין מענדל געזעסן ביי דער מאַשין און געשטעפּט. די קאָמאַשן לויפן פון די הענט, פאַלן איינס נאָך ס'אַנדערע אַראָפּ אויפן דיל ביז ס'וואַקסט אויס אַרום אים אַ באַרג מיט קאָמאַשן און אים האָט זיך אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט נאָך קיין מאָל נישט געהאַט אָוועקגעגאַנגען פון דעם פאַך.

ער האָט גענומען זיך אַרומקוקן אין שאַפּ, באַטראַכט די אַרבעטער, וואָס יעדער פון זיי איז געווען אַריינגעטאָן אין זיין „טייל" אַרבעט מיט אַלע חושים, מיט לייב און לעבן, ווי דאָס וואָלט געווען זיין אייגענע פאַבריק. ער מוז אויסגעפינען ביי דער גרויסער שאַפּ, ווי ער זעט, מיט די עטלעכע הונדערט אַרבעטער, איז אָנגעשלאָסן אין דער יוניאָן.

ער האָט זיך דערמאָנט, ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן צו אַן אַרבעטער אין דער מעבל־פאַבריק וועגן אַן יוניאָן, איז עס גלייך אָנגעקומען צו

מוירפיס אויערן. פון דעמאָלט אָן האָט דער באַלעבאָס געקוקט קרום אויף אים. און מענדל וואונדערט זיך: אַ ווילער גוי, אָן אירלענדער, גוט צום איינצלענעם אַרבעטער און אַזוי פאַרביסן קעגן אַרבעטער־קלאַס. ער האָט אַמאָל געהערט מר. מוירפין זאָגן, אַז ער האָט מורא פאַר די פּראָסטע מאַסן...

מענדל איז געווען אַזוי פאַרטאָן אין דער אַרבעט, אַז ער האָט שיר נישט פאַרגעסן, אַז היינט קומט פאַר אַ לעקציע פון דער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, איינגעאָרדנט אין גרעסטן זאַל פון שטאָט און דער רעדנער וועט זיין טשאַרלס רוטנבערג, דער פירער און אָרגאַניזאַטאָר פון די סאָציאַליסטן.

אַ פריידיקע דערוואַרטונג האָט אים פּלוצלונג אַרומגענומען. ער וועט היינט זען און הערן דעם גרויסן פירער, דעם גרויסן מענטשן־פריינד. ער וועט דריקן זיין האַנט און שעפּן פון זיין גרויסן קוואַל וויסן.

*

דער גרויסער זאַל איז געווען העל באַלויכטן. אַרבעטער פון פאַרשידענע נאַציאָנאַלע גרופּירונגען און פאַרשידענע פאַכן האָבן געשטראָמט דורך אַלע טירן. חוץ ענגליש האָט מען אויך געהערט רעדן פּויליש, יידיש, רוסיש און טשעכיש. אַלע האָבן זיך וואַרעם באַגריסט, ס׳האָט זיך געפילט דער גייסט פון אָנגעהעריקייט, פון צוזאַמענאַרבעט, פון אייניקייט. דער עולם האָט געשטראָמט און ס׳האָט אויסגעזען, ווי נאָך אַ ביסל און די ווענט וועלן צעשפּאַרט ווערן.

די פאַרזאַמלטע, מערסטנס יונגע מענער — ווייניק פרויען — האָבן אויסגענוצט די צייט זיך צו באַקענען, באַקאַנטע האָבן זיך באַגריסט, פאַרגעשטעלט איינער דעם אַנדערן, מען האָט זיך געדריקט די הענט און אַפילו, לויט געוויסע פאָלקס־מנהגים, זיך צעקושט.

אויף די ווענט זענען געהאַנגען אַפּישן מיט גרויסע שוואַרצע אותיות: „מיר באַגריסן טשאַרלס רוטנבערגן, מיר באַגריסן די נייע צייט, וואָס וועט אין קאַמף געבוירן...” און אַנדערע אויפשריפטן.

ווען מענדל איז אַריין אין זאַל איז אים די ליבלעכע מערי מיטן שוואַרצן חנעוודיקן פּנים און די גרויסע, שוואַרצע אויגן אַנטקעגן געקומען. ער האָט זיך מיט איר באַקענט אין דער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, און ער האָט געפילט, אַז זי איז צו אים נישט גלייכגילטיק, אָבער ער האָט נאָך אַלץ געטראַכט פון שרהן. ער האָט געהאָפט, אַז ער וועט זי געווינען פאַר זיך און פאַרן סאָציאַליזם.

— פאַרוואָס אַזוי שפּעט מענדל? עטלעכע גענאָסן האָבן זיך געפרעגט אויף דיר, מען זוכט דיך אַרום — האָט זי אים וואַרעם געדריקט זיין האַנט.

— כ׳האָב געדאַרפט וואַרטן, מיטגעבראַכט עטלעכע אַרבעטער פון מיין נייעם שאָפּ. באַקענט זיך: מיס גרינפעלד — טעדי דזשעקסאָן און פּיט האַרטער, — האָט זיי מענדל פאָרמאַל פאַרגעשטעלט. ס׳איז געווען קענטיק, אַז מערי איז געווען שטאַרק אומצופרידן, וואָס מענדל איז נישט געקומען אַליין, אָן פריינד. דאָך האָט זי ליבלעך געשמייכלט און אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז אויך זיי, פּיט און טעד, וועלן זיך געפינען אין דער נייער געזעלשאַפט און וועלן זיין צופרידן.

מיט אַמאָל איז צווישן עולם דורכגעגאַנגען אַ מורמלען: „ער קומט!“, האָט זיך געהערט אַ פליסטערן פון אַלע זייטן. אַ רוקן פון שטולן, אַ סקריפּען פון דיל, יעדער האָט זיך געאיילט צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ. אין עטלעכע מינוט אַרום איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקאָנט הערן פאַלן אַ שפּילקע.

אויף דער פּלאַטפאָרמע האָט זיך באַוויזן אַ יונגער מענטש, אַ צווייטער איז אים נאָכגעגאַנגען און אַ דריטער איז געשטאַנען ביים שטענדער. ער האָט אויפגעהויבן זיינע באַברילטע אויגן און האָט אָנגעקוקט דעם עולם. דער זאַל איז געווען איבערגעפּאַקט, מענטשן זענען געשטאַנען ביי די ווענט.

— לעידיס ענד דזשענטלמען, גענאָסע טשאַרלס ק. רוטנבערג!...

דאָס גלאַט־ראַזירטע פּנים פון טשאַרלס רוטנבערג, וואָס איז מיט אַ מינוט פריער געווען אַזוי ערנסט, כמעט פאַרהאַרטעוועט, האָט זיך צע־לויכטן. ער איז שטיין געבליבן, ווי אין פאַרלעגנהייט, מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטן קאָפּ פאַרן אַפּלאָדירנדיקן עולם.

ער איז געווען אין פריע צוואַנציקער יאָרן, מיט אַ לענגלעך פּנים און מיט געדיכטע, כוואַליענדיקע, ברוינע האָר. ער האָט אָנגעהויבן רעדן שטיל און באַשיידן. נאָר ביסלעכווייז האָבן זיינע אויגן אויפגעלויכטן מיט אַ באַהאַלטן פייערל, וואָס האָט געזאָגט: „גלויבט, און די צוקונפט איז מיט אונדז!".

ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן שטענדער, מיט צעשפּרייטע הענט, ווי ער וואָלט געוואָלט אַלעמען אַרומנעמען.

ער האָט גערעדט מיט אַזאַ פּאַטאָס, מיט אַזאַ זיכערער שטימע, ווי מען הערט בלויז פון רעליגיעזע מענטשן, וואָס זענען גרייט זיך צו וואַרפן אין פייער אַריין פאַר זייער גאָט און גלויבן.

„אין דער עקזיסטירנדיקער כאַפּ־לאַפּ־געזעלשאַפט, אין וועלכער מיר לעבן, איז דער מענטש קיין מאָל נישט זיכער מיט זיין שטיקל ברויט. דער אַרבעטער ווייסט קיין מאָל נישט, וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט אים ברענגען, צי וועט ער האָבן זיין דזשאָב, זיין דאַך איבערן קאָפּ און דאָס ביסל מילך פאַר זיינע קינדער צי נישט. דעספּאָטיזם אין דער אינדוסטריע און האַנדל האָט דערגרייכט זיין העכסטן שטאַפּל. פאַר יעדער מינדסטער קלייניקייט ווערן אַרבעטער אַרויסגעוואָרפן פון דער אַרבעט. נאָר ווען מען וועט אַרויסנעמען פון פּריוואַטע הענט די גרויסע טרעסטן, וועט זיך עפּעס ענדערן אין דער לאַגע. אָבער זיי קאָנען נישט דרייען די צייט אויף צוריק. פּונקט ווי מיר קאָנען זיך נישט אומקערן צו האַנט־פּראָדוקציע, אַזוי קאָנען זיי נישט אָפּשאַפן אונדזערע דערגרייכונגען און קאָנען נישט אָפּשטעלן דעם מאַרש פאָרויס. דאָס זענען דערגרייכונגען פון אַ נייער צייט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט!

„מען וויל אונדז איינרעדן, אַז אַ מלחמה איז פאַר אונדזער טובה וועגן, אַז מיר דאַרפן אויסקעמפן דעמאָקראַטיע, אָבער מיר ווייסן פאַר וועמען און פאַר וואָס מען וויל אונדז פירן אויפן שלאַכטפעלד. מיר ווילן דעמאָקראַטיע דאָ ביי אונדז אין לאַנד אויף אונדזער אייגענעם באָדן..."

„דער געראַנגל פאַר אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג און פאַר יוניאָן־ באַדינגונגען איז גלייכצייטיק דער געראַנגל פאַר אַנטוויקלען דעם אַרבעטער־אינטעלעקט. דאָס לייגט אויף אונדז אַרויף אַ חוב צו אַרבעטן פאַר דער

צוקונפט. מיט אונדז און דורך אונדז וועט אויפקומען די נייע געזעלשאַפט מיט נייע, בעסערע באַגריפן פון יושר און גערעכטיקייט״.

„מיר, סאָציאַליסטן האָבן אַ שטאַרקן גלויבן אין אַרבעטער־קלאַס. מיר גלויבן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז שוין צופיל פאַרגעשריטן, אַז ער זאָל זיך היינט אונטערוואַרפן דער אינדוסטריעלער שקלאַפעריי און מלחמה־־פראָפיטן״.

אַזאַ יונגער, אַזאַ פלאַמיקער, אַזאַ גלויביקער איז ער געשטאַנען אויף דער פלאַטפאָרמע און האָט נביאיש פאָרויסגעזען אַ ליכטיקע צוקונפט פאַר אַלע אַרבעטנדיקע מענטשן, אַ צוקונפט אָן מלחמות, אָן פריצייטיקער אַלט־קייט און קראַנקייט, אָן נויט, אָן דחקות.

טשאַרלס רוטענבערג האָט באַגייסטערט מיט זיין רעדן, ער האָט אָנ־געשטעקט יעדן איינעם מיט יוגנטלעכן ברען, מיט גלויבן אין דער גע־רעכטער זאַך. ווען ער האָט פאַרענדיקט האָט זיך דער זאַל געהויבן. מען האָט דעם רעדנער געטראָגן אויף די הענט...

מענדל איז געווען גאָר באַזונדער אַנטציקט: דאַכט זיך אַזעלכע טיפע, פילאָזאָפישע רייד און דאָך אַזוי פשוט. יעדער איינער קאָן פאַרשטיין, ווי די סאָציאַליסטישע אָרדענונג, וואָס איז שוין אייגנטלעך אויפן וועג, וועט אַרויסהייבן יעדן איינעם פון זיין נויט.

אונטער דער באַרוישנדיקער ווירקונג פון רוטענבערגס רעדע האָט מענדל אין דעם מאָמענט באַשלאָסן, אַז אויך ער מוז ווערן אַן אַרבעטער־פירער, אַן אָרגאַניזאַטאָר און אַ זינגער. ער מוז זיך לערנען, מוז אויס־בילדן זיין שטימע און ווען ער וועט זיין גרייט, וועט ער זינגען בלויז פאַר די אַרבעטער, אַזוי ווי עס טוט דזשאָ היל, דער טרובאַדור און פירער פון „אי דאַבלוי דאַבליו״ (אינטערנאַשיאָנאַל וואָרקערס אָף די וואָרלד). מען רופט אים: „דער זינגענדיקער אַגיטאַטאָר״.

## שרה האָט חתונה מיט ישׂראלן

ישׂראל איז נישט געווען שׂרהס אידעאַל. ווען זי האָט געלייענט טאָל־סטאָיען און ביכער פון אַנדערע גרויסע שרייבער, האָט זי אין דער שטיל געחלומט און געווונטשן זיך, אַז אַ דיכטער אָדער וויניקסטנס אַ געוויינ־לעכער שרייבער זאָל זיך אין איר פאַרליבן, אָבער דאָס האָט נישט פּאַסירט. עס גייט איר שוין דאָס צוואַנציקסטע יאָר און זי דערמאָנט זיך, וואָס זי האָט געהערט אַמאָל אין דער היים רעדן צווישן זיך, אַז ווי נאָר אַ מיידל גייט אַריבער די צוואַנציק הייבט זי אָן פאַרלירן איר פרישקייט און שיינקייט און הייבט אָן ווערן אַן אַלטע מויד. און פאַר ווערן אַן אַלטע מויד האָט זיך שׂרה שטאַרק געשראָקן.

זי וואָלט גערן חתונה געהאַט פאַר מענדלען, איז ער נישט פּראַקטיש, דערצו איז ער זייער אָרעם. און דאָ שטייט פאַר איר ישׂראל — אַ שיינער, אַ גוטער געשעפטסמאַן און אַ גרויסער ספּאָרטסמאַן; ער איז נישט קאַרג אויף מתנות. די קינדער אין שטוב טיילט ער ביי יעדן באַזוך זיינעם נישט קיין סענטן, נאָר ניקלס (אַ 5־סענט־מטבע) און ברענגט איר שטענדיק שאָכטלעך שאָקאָלאַד. ער האָט אַ גוטן כאַראַקטער און קאָן נישט פאַר־טראָגן וואָס זי גייט אין שאַפּ. ווען ער שמייכלט צו איר מיט זיינע גרוי־בלויע אויגן, דוכט זיך איר, אַז — אַחוץ מענדלען — האָט זי אים אויך ליב.

אין אַ ווינטער־קאַלטן שנייוויסן חנוכה־אָוונט איז ישׂראל געקומען עלעגאַנט אָנגעטאָן, אין אַ שיינעם מאַנטל, אַ נייעם אַנצוג פון גוטן ענג־לישן שטאָף, וואָס איז געלעגן שטייף אָנגעצויגן אויף זיין מיטלוווקסיקער דינער פיגור. אַ גאָלדענער טאַשן־זייגער מיט אַ גאָלדן קייטעלע אויף זיין ברוסט. אַ גאָלדן פינגערל האָט ער געטראָגן אויף אַ פינגער פון זיין רעכטער

האַנט און אַ גאָלדענע פענסנע איז געזעסן אויף זיינע אויגן. דאָס גאָלד האָט אַראָפּגעפינקלט פון אים און האָט אַרויסגערופן צו אים אַ סך רעספּעקט. שפּעטער האָט ער געדונגען אַ בריטשקע און איז מיט איר אַרויסגעפאָרן. זיי זענען געגאַנגען אין יידישן טעאַטער, ווו מען האָט געשפּילט „דעם מיל־יאָנער". זי האָט מיט בּרייט־צעעפנטע אויגן געזען אויף דער בינע אַ קעלער־שטוב, שוואַרץ און פאַרשטויבט, — אַ בילד, וואָס איז איר געווען גוט באַקאַנט. פון אַ קעלער־שטוב אין דער היים איז זי דאָך באמת אַנט־לאָפן. איצט האָט זי געזען, אַז אויך אין דעם רייכן לאַנד אַמעריקע קאָן אַ מענטש זיין אַזוי מיד, אַז דער ביסן זאָל אים אַרויספאַלן פון מויל; אַז צוליב אַ ביסל רו אויף אַ סקריפּנדיקן אייזערנעם בעטל צווישן זעק מיט קוילן, זאָל זיך אַ מענטש פילן ווי אַ „מיליאָנער".

נייִן, שרה וועט זיך נישט אומקערן צו דעם; צו דעם עלנט פון איר יוגנט. זי וועט נישט חתונה האָבן פאַר אַן אָרעמען בחור.

*

עס איז געווען אַ חנוכה־אָוונט צום דריטן ליכטל. די גרויסע קיך האָט בּיי פייגלען געבלאַנקט מיט זויבערער ליכטיקייט. אַ געשמאַקער ריח פון געפּרעגלטע קאַרטאָפל־לאַטקעס אין איין האָט פאַרשמעקט די גאַנצע שטוב. אויף דער גאַס האָט דער פראָסט ממש געברענט. אָבער דאָ, אַרום דעם גרויסן קיילעכדיקן טיש, איז געווען וואַרעם, היימיש און יום־טובדיק. משפּחה און פריינד זענען זיך צונויפגעקומען. אַרום די געבענטשטע חנוכה־ליכטלעך האָט מען געשפּילט אין קאָרטן, אין דאָמינאָ, דערציילט מעשיות, אויפגעלעבט זיסע זכרונות פון דער אַלטער היים, ווי די טאַטעס און זיידעס פלעגן טיילן חנוכה־געלט זיי, די קינדער און אייניקלעך. איצט זענען זיי שוין אַליין טאַטעס און מאַמעס פון קינדער. ווו און ווען זענען דאָס די יאָרן איבערגעלאָפן? — וווּנדערן זיי זיך...

די קינדער, וועלכע מען לייגט געוויינלעך פרי שלאָפן, איז היינט דערלויבט געווען צו זיין אויף ביז שפּעט אין אָוונט. זיי האָבן אָנגעפילט די שטוב מיט זייערע קלינגענדיקע קולכעלעך און געפּילדער. די ייִנגלעך

האָבן געשפּילט אין דריידלעך, געטומלט, און די קליינע סוליע איז נאָכגע־לאָפן די גרעסערע קינדער, געשלעפּט זיי פאַר די האָר, געכאַפּט ביי זיי די דריידלעך און אַלץ וואָס איז געקומען אין דער האַנט אַריין. און טאָמער האָט מען איר נישט געגעבן, האָט זי געקוויטשעט. דער געפּילדער האָט זיך געהויבן ביז צו דער סטעליע.

שרה האָט זיך אַרויסגעשאַרט און איז אַריין אין אַ צווייטן צימער.

עס איז שוין געווען היפּשלעך שפּעט אין אָוונט, ווען די פאַרזאַמלטע זענען איינציקווייז אויפגעשטאַנען פון זייערע פּלעצער און האָבן זיך אָנגעהויבן געזעגענען מיטן גערדאַנק, אַז מאָרגן איז אַ וואָכעדיקער טאָג און מען דאַרף פרי גיין צו דער אַרבעט. נאָר איין ישראל האָט זיך נישט געאײַלט. זיינע ביזנעס זענען געגאַנגען שלעכט. ער האָט נישט געהאַט צו וואָס פרי אויפצושטיין. שוין צום ווייפלטן מאָל האָט ער געפּרוּווט אַריינגיין צו שרהן אין צווייטן צימער און יעדעס מאָל האָט מען אים צוריקגעהאַלטן.

ווען אַלע האָבן שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, איז ער ענדלעך אַריין צו איר און איז גלייך צוגעטראָטן צום ענין:

— ביסט אַפילו נישט אַריינגעקומען זען אונדזער קאָרטן־שפּיל — האָט ער זיך געווענדט צו שרהן און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע, נישט ווייט פון איר, אָבער אויך נישט צו נאָענט.

זי האָט אויפגעהויבן די אויגן פון בוך, וואָס זי האָט געהאַלטן אין לייענען, און האָט אים אָנגעקוקט. זי האָט געוואָלט אים זאָגן, אַז ער זאָל זי לאָזן צו רו, אָבער נישט געוואָגט. נאָך אַלעמען, ווער איז זי אַנטקעגן אַזאַ רייכן אַמעריקאַניזירטן ביזנעסמאַן?

— אַנטשולדיק מיר, שרה, פאַר מיין אויפפירונג דעם לעצטן מאָל בשעת דיין שיף־ברודער איז דאָ געווען — „פּליז, פאַרגעט איט!" (איך בעט פאַרגעס דאָס).

ער האָט זיך אַ רוק געטאָן נענטער צו איר, גענומען זי פאַר דער האַנט און געזאָגט:

— זאָג, שרה, דו האָסט מיך ליב?

זי האָט נישט געענטפערט.

דאַן האָט ער פאַרשטייפט איר האַנט אין זיינער און מיט דער צוויי־

טער האָט ער אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע אַ קליין־פּעקעלע, דער־לאַנגט איר און געזאָגט:

— דאָס איז פאַר דיר!

שרה האָט דאָס פּעקעלע פון זיין האַנט נישט גענומען, ווי זי וואָלט געווען אין ספק, נישט ווּיסן וואָס דאָס באַדייט. זי איז געווען געוווינט אים זען קומען מיט אַ שאַכטל שאָקאָלאַד אין האַנט און מיט אַ שמייכל אויפן פּנים, און מיט אַ מאָל — אַ סודותדיק פּעקעלע! דערצו האָט זי געפילט, אַז ער געפינט זיך אין אַ געשפּאַנטער שטימונג.

נישט האָבנדיק די דרייסטקייט אָפּצוזאָגן אים, האָט זי דאָך גענומען פון זיין האַנט דאָס פּעקעלע, וואָס איז געווען איבערגעבונדן מיט אַ ראָזיק בענדל און מיט אַ שלייפל און האָט געפרעגט:

— פאַר מיר?

— יעס, פאַר דיר! — האָט ער געזאָגט אומגעדולדיק, ווי ער וואָלט געווען באַליידיקט פאַר איר צווייפלען.

לאַנגאַזם, ווי עס וואָלט איר געווען אַ שאָד צו צעשטערן דאָס שיין־פאַר־פּאַקטע פּעקעלע, האָט זי צעבונדן דאָס שלייפל, געעפנט, פאַרשאַרט דאָס ווייסע פּאַפּיראָסן־פּאַפּיר און איז געבליבן זיצן אַ דערשטוינטע: אַ שטראַ־ליק שטיינדל איינגעפּאַסט אין אַ גאָלדן פינגערל האָט אויפגעבליצט פאַר אירע אויגן, בייטנדיק זיינע קאָלירן מיט יעדן קער און ריר פון איר האַנט: אָט איז ער ווייס און אָט איז ער ווייס־בלוי...

— דאָס איז אַ דימענט, אַן „ענגיידזשעמענט־רינג" (אַ חופּה וקדושין־פינגערל) — און האָט געקוקט אויף איר מיט גלעטנדיקע בליקן פון אונטער זיינע פינקלדיקע אויגן־גלעזער. זיין שייך־געשניצט מויל, דאָס חן־גריבעלע אויף זיין קין — אַלץ האָט אין אים געשמייכלט.

פון גרויס איבערראַשונג האָט זי נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן און האָט געפרעגט:

— כ׳פאַרשטיי נישט, האָבן מיר באַשלאָסן? געפּלאַנט? — האָט שרה נישט דרייסט געשטאַמלט. און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז לעצטנס האָט ער גערעדט מיט איר וועגן אָפּשטעלן די אַרבעט אין שאָפּ, ווייל סיי ווי קאָן זי נישט גיין אין דער נאַכט־שול לערנען ענגליש און זי בלייבט

אין שטוב אַרויסהעלפן מיט די „דישעס" (געפעס־וואַשן), זי וועט שוין נישט רייך ווערן פון אַרבעטן נאָך אַ יאָר. ער האָט איר אויך געגעבן אָנצו־הערן אַז דריי חדשים איז גענוג „אַרויסגיין" מיט אַ מיידל (איידער מען האָט מיט איר חתונה). מאָדנע פירעכצן אין אַמעריקע — האָט זי געטראַכט און געשמייכלט.

ישראל איז געוואָרן דרייסטער. ער האָט אָנגענומען איר לינקע האַנט אין מיט זיינע צוויי דיקלעכע פינגער אָנגעטאָן דעם רינג אויף איר פינגער און האָט איר אַ קוש געגעבן אין באַק.

— אַ דימענטענער פינגערל! איך האָב נישט גענוג געלט אויף צו קויפן זיך אַ קלייד — האָט שרה געזאָגט נישט ווי צו אים, נאָר גלאַט אין דער וועלט אַריין...

— דו מיינסט אַ חתונה־קלייד?

— אַ חתונה־קלייד? — האָט זי איבערגעפרעגט, ווי זי וואָלט אים נישט פאַרשטאַנען.

ער האָט נישט געהערט וואָס זי זאָגט, האָט אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע אַ טשעק־ביכל, אָנגעשריבן עטלעכע ציפערן, זיך אונטערגעשריבן מיט זיין שיינער האַנטשריפט, האָט איר דערלאַנגט דעם טשעק און גע־זאָגט:

— דאָ האָסטו אַ טשעק. ס'וועט זיין גענוג צו קויפן דרעסעס פאַר אייך ביידן, פאַר דיר און פאַר פייגלען.

די האַסטיקייט פון דער פאַסירונג האָט אַריינגעבראַכט שרהן אין אַ צעטומלטקייט. עס האָבן זי אַרומגענומען פאַרטונקלטע געדאַנקען, גע־מישטע געפילן, פול מיט קעגנזאַצן.

— סאַראַ ברייטע האַנט! אַ גרויסער געשעפטסמאַן! זיין יידיש איז אמת אַ צעקאַליעטשעטער. איז וואָס? ער האָט זיך אַמעריקאַניזירט, פאַרגעסן פיל יידישע ווערטער... ער איז נישט פון דער אינטעליגענץ, איז אָבער אַ פּראַקטישער מענטש. ער וויל זיך „אַרויפאַרבעטן".

— היט זיך פאַר געלט־גייציקע מענטשן — האָט מענדל אַמאָל גע־געזאָגט, רעדנדיק וועגן קרעמער אין אַמעריקע. נאָך עפּעס האָט ער

איר געזאָגט, וואָס עס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן: „חתונה האָבן הייסט זיך פאַרבינדן, ווערן איינס... מען קאָן נישט, אויב מען האָט נישט ליב"...

— כ'האָב אים יאָ ליב! — הערט זי מיט אַ מאָל ווי מענדל פאַרגייט זיך אין אַזאַ היסטערישן געלעכטער, אַז טרערן קומען אים אין די אויגן.

— אָ, מענדל לאַך נישט אַזוי הפקרדיק — בעט זי זיך ביי אים — כ'וועל דיר דערציילן וואָס איך האָב אַנומלט געלייענט אין אַ בוך פון אַ גרויסן שרייבער. אָט וואָס ער זאָגט וועגן ליבע: „חתונה האָבן אויפן אַלטן שטייגער, אַפילו דורך אַ שדכן, איז גרינגער ווי דורך ליבע". — עפּעס אַ קליינקייט די שרייבער! זיי וויסן, זיי פאַרשטייען, זיי דרינגען אַריין אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך, אין די טיפסטע געפילן פון מענטשלעכע נשמות. איך וויס, מיין ברודער איז אַ שרייבער. זיין אויג קאָן זען דאָס פאַרבאָרגענע, פאַרויסזען די צוקונפט...

— דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט, שרה, — זאָגט צו איר מענדל און ווישט זיך אָפּ מיטן נאָזטיכל דאָס נאַסע פּנים. ער מורמלט אין איר אַריין: „ווייסט נישט וואָס דו טוסט, וואָס דו רעדסט!"...

ישׂראלס האַנט אויף איר אַקסל האָט זי ווי אויפגעוועקט פון חלום:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט?

— גאָר נישט... נאַרישקייטן... — זי האָט זיך געכאַפּט, אַז זי האַלט נאָך דעם טשעק אין דער האַנט און האָט זיך פאַררויטלט...

פייגל האָט אַ קוק געטאָן אויפן וואַנטזייגער און דערזען, אַז ס'איז שוין שפּעט, איז זי אַריינגעקומען אין צימער און געבליבן שטיין אויף דער שוועל אַ פאַרגאַפטע. מיט גרויס פאַרוווּנדערונג האָט זי געוואָרפן אַ בליק דאָ אויף ישׂראלן און דאָ אויף דער שוועסטער, אויף איין האַנט פון וועלכער עס האָט געגלאַנצט אַ דימענטענער פינגערל און אין דער אַנדערער האָט זי געהאַלטן אַ טשעק.

אַ פּאָר מינוט איז זי אַזוי געשטאַנען שטום און האָט פאַר זיך געטראַכט:

„וואָס מער איך האָב אים אַרונטערגעריסן, אַלץ נענטער איז זי געקומען צו אים".

זי האָט דורכגענומען ישׂראלן מיט אַ שאַרפן בליק, וואָס איז געווען פול מיט פאַרדאַכט און געזאָגט:

— ס׳איז גוט צו זײַן אַ דערפאָלגרײַכער ביזנעסמאַן!

זי האָט זיי צוגעווונטשן פיל גליק און האָט געקוקט אויף ישׂראלן מיט אַ שטעכעדיקן קריטישן אויג.

ער האָט דערפילט איר קעגנערשאַפט, האָט סודותדיק אַ שמייכל געטאָן, אַרויסגענומען דעם גאָלדענעם זייגער פון דער טאַש, אַרײַנגעקוקט אין אים און געזאָגט:

— ס׳ווערט שפּעט.

ער האָט זיך געזעגנט און פאַרלאָזן די שטוב...

ער האָט געשפּאַנט מיט שנעלע טריט. דער פראָסט האָט געסקריפּעט אונטער זײַנע פיס. די קעלט האָט געביסן די אויערן, אָבער אויפן האַרצן איז אים געווען וואַרעם: שׂרה איז זײַנע!

און עס איז אים געקומען אויפן זינען זײַן ערשט מיידל לילי. זי איז אויך געווען אַ גרינע. ער האָט איר שוין געהאַט געגעבן דעם „ענגאַיידזשמענט רינג" — אָט האָבן זיי שוין געזאָלט גיין חתונה האָבן. האָט זיך אַרײַנגעמישט איר שוועסטער און קאַליע געמאַכט. לילי האָט אים צוריקגעגעבן דעם דימענטענעם רינג. ס׳איז גאָרנישט דערפון געוואָרן... דאַרף מען זיך איצט אונטעראײַלן...

חוץ דעם זענען די ביזנעס צרהדיקע... ער איז שולדיק זײַנע קרעדיטאָרן מער ווי עס איז דאָ סחורה אויף די פּאָליצעס. ער האַלט ביי באַנקראָטירן. און אויב ער האַלט ביים באַנקראָטירן, איז בעסער פריער חתונה האָבן. אַ ווײַב העלפט אַרויס אין אַזאַ לאַגע.

— ניין, ער איז חלילה נישט קיין אָפּנאַרער — פאַרענטפערט זיך ישׂראל אין זײַנע געדאַנקען פאַר שׂרהן, ווי ער וואָלט זיך געפילט שולדיק קעגן איר. זי איז נאַיוו ווי אַ קינד, און הגם ער ווייסט, אַז ער האָט געמאַכט אַ גוטן „דזשאַב" (אָפּגעטאָן אַ גוט שטיקל אַרבעט) מיטן צואײַלן זייער חתונה, איז אים דאָך די זאַך עפּעס דערווידער. זי האָט זיך ביי אים ווי געבעטן אָן ווערטער: לאָמיר זיך נאָך אַ ביסל „אויסגיין", באַקענען זיך, האָבן „פאַן" (פאַרווײַלן זיך). ס׳איז געווען אַ רחמנות אויף איר... און ווי האָט ער געקאָנט דערציילן איר דעם אמת? זי וואָלט דאָך פון אים אַנטלאָפן... און דאָ שלעפּט זיך איר נאָך עפּעס נאָך אַ „האָלדריגע", אַן אָרע־

מער שיף־ברודער... און איך האָב זי דאָך אַזוי אמתדיק ליב... דאַרף מען זיך אונטעראײַלן און „מאַכן שבת". וואָס פריער, אַלץ בעסער.

מיט אַזעלכע געדאַנקען איז ישראל צוגעקומען צו זײַן קראָם. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אַרײַנגעקוקט אין דעם קלײנעם שויפענצטער, געוואָרפן אַ בליק אויף די אויסגעלײגטע העמדער, זאָקן, קראַוואַטן, שעלקעס, ווײַסע האַרטע קעלנער און נאָך זאַכן פון מענערישן געברויך. — ס'איז שוין אַלץ נישט מײַנס... מען וועט ווידער דאַרפן נעמען דעם זאַק אויף דער פּלײצע — טראַכט ער.

דער פּראָסט אונטערן קאָלנער האָט אים דערמאָנט אָן זײַן וואַרעמען בעט אַריבער דער גאַס בײַ זײַן „מיסיס" (באַלעבאָסטע). פון געוווינהייט האָט ער רעווידירט דעם שלאָס אויף דער טיר פון קראָם, צו זײַן זיכער, אַז זי איז גוט פאַרשלאָסן.

„דער שליסל איז נאָך דערווײַל אין זײַן קעשענע", האָט ער אַ טראַכט געטאָן, „ווי לאַנג ער וועט אים נאָך האָבן ווײסט ער נישט".

ער האָט נאָך אַ מאָל געוואָרפן אַ בליק אויף זײַן קראָם, וועלכער ער האָט פינף יאָר געדינט געטרײַ און האָט געהאָפט דורך איר זיך „אַרויספאַר־בעטן". ער איז אַריבער די גאַס, צוגעקומען צו דער אַלטער צווײשטאָקיקער געבײַדע, איז אַרויפגעגאַנגען די הילצערנע טרעפּ און איז פאַרשוווּנדן אויפן בוידעם־שטיבל.

אין עטלעכע טעג אַרום איז ישראל געקומען און מיטגעטײלט שרהן, אַז ער האָט שוין אַרויסגעשיקט אײַנלאַדונגס־קאַרטן און באַשטעלט אַ רב, וואָס זאָל מסדר קדושין זײַן.

מיט אַ וואָך שפּעטער איז געווען די חתונה.

משפּחה, פרײַנד און לאַנדסלײַט האָבן זיך געפרייט, געטאַנצט און געטרונקען. ישראלס פּנים האָט געשטראַלט פון לויטער פרייד. ער איז געווען זיכער, אַז פון הײַנט און ווײַטער וועט אַלץ זײַן גוט. שרה האָט געטראַכט, אַז דער טאַטע וועט זיך פרייען מיט איר אויסוואַל. פײַגל האָט אויסגעווישט אַ טרער און זיך געוווּנדערט, טראַכטנדיק דערבײַ:

„פאַר וואָס ווערט דער ווײַטיקסטער טריט אין לעבן טייל מאָל גע־מאַכט נאַכלעסיק און לײַכטזיניק".

## אסתר מילער

צו דער חופּה איז ישׂראל נישט נאָר געגאַנגען, נאָר געלאָפן פּאָרויס, גלייבנדיק, אַז ווער עס קומט אַריין פריער אונטער דער חופּה, דער איז דער באַלעבאָס פון הויז...

שׂרה איז אים נאָכגעגאַנגען.

# מיטן זאַק אויף דער פּלייצע

די עטלעכע דאָלאַר, וואָס ישראל האָט געליִען ביי אַ פריינד, האָבן אָנגעהויבן אויסצוגיין. דאָס האָט אים שטאַרק באַאומרואיקט. איז ער היינט אויפגעשטאַנען פריער ווי געוויינלעך, גענומען דעם זאַק און פאַרלאָזן דאָס הויז. ער האָט אויסגעמיטן צו באַגעגענען זיך מיט שרהן, ווייל טאָמער בעט זי אים קויפן מער סחורה, וועט אים אויספעלן געלט. ווען ער וועט פאַר־נאַכט צוריקקומען פון פּעדלען, וועט ער איר זאָגן, אַז ער האָט פאַרגעסן איבערלאָזן איר געלט אויף צו קויפן שפּייז, ווי ער האָט דאָס געטאָן אַלע טאָג.

אויף דער גאַס האָט זיך ישראל אויסגעמישט צווישן די איילנדיקע פאַרבייגייער. עס איז צוגעקומען אַ טראַמוויי. ער איז אַרויף, און אָפּפאָרנ־דיק אַ שטיק וועג, ווו דער טראַמוויי איז אַריין אין אַ רייכער געגנט, איז ער אַרונטער און גענומען קלאַפּן אין די טירן. אַ סך טירן האָבן זיך געעפנט פאַר אים. עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו קויפן ביליק מענערישע בגדים, שיך און היט. אַנדערע טירן האָבן זיך כלל נישט געעפנט. אין אַ סך טירן האָט זיך נאָר אַ שפּאַרונע געהאַט געעפנט, און נאָר די נאָז פון אַ דינסט האָט זיך געלאָזט זען, באַגלייט מיט אַ בילן פון אַ הונט.

— יאָ, עס זענען דאָ אַלטע אָנצוגן, שיך, היט, אָבער דער באַס אַליין מוז דאָס אָפּקלייבן. קומט מאָרגן! — האָט אַ דינסט אַריינגערעדט אין דער שפּאַרונע צווישן שמייכלען און שרייען אויפן הונט, ער זאָל זיין שטיל.

עס האָט אַ סך מאָל פּאַסירט, אַז זוכנדיק אַ טיר אין די רייכע הייזער, זענען אים אין הויף באַפּאַלן הינט, אומגעוואָרפן אים, און ער איז שיר נישט צעביסן געוואָרן דורך זיי.

פון קינדהייט אָן, זינט ער איז איין מאָל געביסן געוואָרן דורך אַ הונט, באַפאַלט אים שטענדיק אַ שרעק ווען ער דערזעט אַ הונט, און וואָלט ער נישט מורא געהאַט אָנצוטרעטן די רייכע באַלעבאָסטעס, וואָלט ער מיטגענומען אַ שטעקן צו זיי. ער האָט זיי פיינט.

ער שמייכלט געמיטלעך, ער האָט דאָס געפיל, אַז היינט איז אים גוט געגאַנגען אין זיינע ביזנעס. ער פילט היינט דעם זאַק אויף דער פּלייצע. ער איז אָנגעשטאָפּט מיט כמעט נייע אָנצוגן און שוכוואַרג, אַז ס׳ווערט אים שווער צו טראָגן.

ווען ער קומט אַהיים פאַרנאַכט מיט אַזאַ אָנגעשטאָפּטן זאַק סחורה אויף דער פּלייצע איז ער, אמת, מיד, אָבער גוט אויפגעלייגט. צייטנווייז, פאַרקערט, ווען דער זאַק איז פּוסט, פאַרכמורעט זיך זיין קאַפּריזנער, יינגלשער פּנים, זיינע שטענדיק מילדע אויגן ווערן נישט פאַרדעקט מיט די גאָלדענע ברילן און מען זעט אין זיי אַ נעבעכדיקייט, וואָס רופט אַרויס אַ רחמנות־געפיל.

*

שרה איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, געטאַפּט מיט די פינגער, געזוכט אויפן נאַכט־טישל דעם קוואַדער, וואָס ישראל לאָזט איבער געוויינלעך יעדן פרימאָרגן, און דאָס מאָל אים נישט געפונען. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ס׳זענען איר פאַרבליבן עטלעכע פּעניס פון נעכטן. איז זי, ווי יעדן פרימאָרגן, אַריין אין דער דערבייאיקער גראָסערי־סטאָר און זיך געהייסן געבן אַ האַלבן ראָזעווען ברויט.

— וואָס נאָך, מיסיס ? — האָט די גראָסערי־ליידי געפרעגט.

שרה האָט זיך אַרומגעקוקט. זי האָט געשטוינט, ווען מען מיינט דאָס די פרוי. זי איז נישט געוווינט געווען צום וואָרט „מיסיס" און עס האָט געקלונגען אין אירע אויערן טרוקן, פרעמד און קאַלט.

— וואָס נאָך פאַרלאַנגט איר ? — האָט יענע איבערגעפרעגט נאָך אַ מאָל אין אַ האַרבן, באַליידיקנדיקן טאָן.

— אַ האַלב פּערטל פּוטער — האָט שרה געזאָגט און דערביי אַריינגעקוקט אין הויפּן צו די עטלעכע איבערגעבליבענע פּעניס.

— אַ האַלב פּערטל פּוטער ! — האָט די קרעמערקע פאַרוואונדערט איבערגעפרעגט און אַזוי זיך צעלאַכט, אַז אירע קליינע אויגן האָבן זיך האַלב צוגעמאַכט און איר פולער הויכער בוזעם האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, ווי כוואַליעס אין ים.

שרה האָט דערפילט אַ היץ אין פּנים ביז צו די אויערן. זי האָט אויסגעציילט צען פּעניס פאַרן ברויט און מיט שנעלע טריט האָט זי פאַרלאָזן די שפּייז־קראָם, דאַנקענדיק גאָט פאַר דעם, וואָס עס האָט נישט אויסגעבראָכן קיין קאָסמישער אָפּלאַכן פון איר. אויפן וועג אַהיים האָט זי שטיל געוויינט. דער געלעכטער פון דער גראָסערי־ליידי האָט איר געריסן די אויערן, איז אַריין אין איר מוח און האָט זיך דאָרטן איינגע־שניטן אויף שטענדיק...

אין יענעם סוף־ווינטער־פרימאָרגן איז איר דער קורצער וועג פון דער שפּייז־קראָם אַהיים געווען לאַנג און שווער. דערנאָך האָט זי אָפּגע־וואַשן דאָס פּנים, זיך אָנגעפּודערט, פאַרקעמט אירע לאַנגע האָר, פאַר־פלאָכטן זיי און אַריבערגעלגייט די צעפּ איבערן קאָפּ, כדי זי זאָל אויס־זען העכער און לייטישער. זי האָט אָנגעטאָן אַן אַלט קליידל און איז אַוועק אין דעם שאָפּ, ווו זי האָט געאַרבעט פאַר דער חתונה, בעטן דעם פאָרמאַן ער זאָל איר געבן אַ דזשאָב (אַ שטעלע).

— אַזוי גיך פאַרלוירן אין אַמעריקע די רויטע באַקן ? — האָט גע־גענזאָגט דער פאָרמאַן, אַ מיטליאָריקער קורצער ייד מיט אַ בלויען דיקן פאַרטעך אַרום זיין רונדיקן בויך, קומענדיק איר אַנטקעגן.

פון זיינע רייד, פון זיין אָפּגעמאָסטענעם בליק איז איר הייס געוואָרן אין אַלע אירע גלידער.

— וואָס זשע רויטלסטו זיך אַזוי ? אפשר האָסטו שוין חתונה געהאַט ? האַ ? אַלע גרינע מיידלעך, ווי זיי גייען נאָר אַראָפּ פון שיף האָבן חתונה... ס'איז אַן אויסכאַפּעניש... די באַייעס דאָ האָבן ליב גרינע מיידלעך. זיי וויסן ווי צו סייפן אַ דאָלער... נו, וואָס זשע שטייסטו ? דאָרטן איז פאַר דיר אַ בענקל. דו ביסט לאַקי, פונקט דאַרפן מיר איצט האָבן אַ „האַנט" — און ער האָט איר דערלאַנגט אַ זשאַקעטל זי זאָל אים אויספאַרטיקן.

שרה האָט נישט געענטפערט אויף זיינע רייד. זי האָט איבערגענו־

## אסתר מילער

מען פון דעם פּאַרמאַנס הענט דאָס זשאַקעטל מיט דעם בייגעלייגטן אונטערשלאַק, איינגעגראָבן איר פּנים אין דעם געניי, ווי זי וואָלט געזוכט צו אַנטלויפן פון די שלעכטע געדאַנקען, וואָס האָבן איבער איר געלויערט.

און וואָס זענען אייגנטלעך געווען אירע געדאַנקען? זיי זענען נישט געווען קיין געגנוג באַשטימטע. דאָס איז גיכער געווען אַ מיש־מאַש פון עמאָציעס און געפילן, פון איבערגעלעבטער דערנידערונג און באַליידי־קונג און אַ פּאַרביטערטקייט קעגן מענטשן. זי דאַרף זיי נישט... זי האָט זיי פיינט! זי דאַרף אַ גאָט, אַן אידעאַל, וואָס זאָל באַרעכטיקן דעם מענ־טשלעכן קיום, געבן אַן אינהאַלט דעם לעבן — יאָ, זי דאַרף אַן אייגענע היים. זי דאַרף האָבן געגנוג געלט אויף קויפן ברויט און פּוטער, אַז מענ־טשן זאָלן פון איר נישט אָפּלאַכן...

— און אפשר זאָל זי גיין זען מענדלען? — ניין, זי טאָר נישט... זי שעמט זיך... באַלד קומט אָן פּסח. זי מוז אַהיימשיקן אַ ביסל געלט — אויך דאָס איז אַן אידעאַל!

און געדאַנקען מאַטערן זי: אַז מען קען אַ בחור צוויי חדשים, לויפט מען שוין מיט אים חתונה האָבן!... זי וואָגט נישט צו באַקלאָגן זיך פאַר קיינעם און זי פאַרענטפערט שטענדיק איר מאַן, זי שרייבט אים צו אפילו מעלות, וואָס זי פילט, אַז ער פאַרמאָגט זיי גאָר נישט. זי טוט דאָס נישט אַזוי, כדי אים צו פאַרענטפערן ווי זיך אַליין... נעכטן האָט איר פייגל געזאָגט:

— איך שעם זיך פאַר מיינע שכנים... מיין שוואָגער ישראל זעט מען שטענדיק מיטן זאַק אויף דער פּלייצע... גיב מיר אַן אַרבעטער!

אירע ווערטער האָבן זי אַזוי טיף באַליידיקט, אַזוי ווי געטאָן, אָבער זי האָט גאָרנישט נישט געזאָגט, פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן...

די מיידלעך ביים געניי האָבן זיך צעזונגען. די ניי־מאַשינען האָבן געראַשט, דער געראַוש האָט זיך אַריינגעריסן אין שרהס אויערן און האָט זי באַטויבט, באַרואיקט איר צעטרייסלטע נשמה.

ווי די אַרבעט איז איר איצט ליב! איר קומט אויס משונהדיק, וואָס די שניידער־מיידלעך באַקלאָגן זיך אויפן שאַפּ? די אַרבעט בייטאָג אין

שאַפֿ זעט איר אויס גענוג גרינג... שווער זענען די נעכט נאָך דער אַרבעט... ווען זי וואָלט געקאָנט ערגעץ ווו אַנטרונען ווערן... זי פילט ווי זי ווערט פון טאָג צו טאָג אַריינגעצויגן אין אַ ניי לעבן, וואָס איז איר פרעמד און וואָס שרעקט זי. און נישט זי ווייס און נישט זי האָט כוח אַרויסצורייסן זיך פון דער געצוווּנגענערווירקלעכקייט...

*

אין אָוונט נאָך דער אַרבעט האָט שרה לאַנג שפּאַצירט איבער די באַלויכטענע מיט מענטשן באַלעבטע גאַסן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן שויפענצטער, אָנגעקוקט די ניימאָדישע קליידער, באַטראַכט די „ניקל שא״, די אַהין און צוריק לויפנדיקע מענטשן. אַלע לויפן צו עפּעס, יעדער איילט זיך צו זיין היים...

צו וואָס זאָל זי מיטלויפן מיט די אַנדערע? קיין אייגענע היים האָט זי נישט. זי זיצט ביי דער שוועסטערס טיש... ישראלס שטימונג איז מערסטנס אַ שלעכטע. ער פילט זיך שטענדיק ווי אַן אָפּגענאַרטער, כאָטש זי איז דאָך די יעניקע, וועלכע ער האָט אָפּגענאַרט...

זי האָט דערפילט אַ הונגער צוזאַמען מיט אַ שוואַכקייט אין די פיס. אין בויך האָט געבורטשעט און דערמאָנט אין אַ שמעקנדיקן געבראָטנס, אַזאַ ווי איר שוועסטער קען קאָכן. דער שטאָטזייגער האָט געוויזן האַלב ניין. זיי האָבן שוין געוויס אַלע אָפּגעגעסן — האָט זי אַ קלער געטאָן און זי האָט פאַרשנעלערט איר גאַנג אַהיים.

ווען זי איז אַריין אין שטוב, און נאָך איידער זי האָט צייט געהאַט צו פאַרמאַכן די טיר הינטער זיך, האָבן זיך אַלעמענס אויגן אַ צי געטאָן אין איר זייט. אַפילו דער זיבניאָריקער בענעלע האָט זי אָנגעקוקט מיט זיינע שטיפערישע קינדערישע אויגעלעך און האָט געזאָגט:

— מיר האָבן שוין אָפּגעגעסן סאַפּער. האָסט געבראַכט מיר קענדי, טאַנטע שרה?

און ישראל! זיין פּנים איז געווען ווייס ווי דאָס ווייסע טישטעך אויפן טיש, די אויגן אָנגעגאָסן מיט פאַרדרוס, זיינע ליפּן פאַרצויגן ווי ביי אַ

ווײנענדיק קינד. ער האָט אין שוידער געדרייט מיטן קאָפּ און מיט אַן אײנגעהאַלטענער ביטערקייט אויסגעשריגן:

— ווו ביסטו דאָס געווען אַזוי שפּעט?

— שאַ, מען שרייט נישט אַזוי אויף אַ ווייב אין אַמעריקע — האָט פייגל אים פירגעהאַלטן, באַטאָנענדיק די לעצטע צווי ווערטער „ווייב", „אַמעריקע"...

— שרה, גיי עסן — האָט הערי געזאָגט און געקוקט אויפן שוואָגער מיט קריטישע בליקן.

— אַ דאַנק, איך בין נישט הונגעריק!

ישראלס אויגן האָבן זי געשטאָכן ווי מיט שפּיזן. זי איז אַ מינוט געשטאַנען, זיך געביסן די ליפּן און געשוויגן.

פייגל איז צוגעקומען זייער נאָענט צו איר, האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף דער שוועסטערס אַקסל, אַריינגעקוקט אין אירע פאַרטרויערטע אויגן און געפרעגט:

— זאָג, ווו ביסטו געווען אַ גאַנצן טאָג ביז צום אָוונט?

— איך האָב געאַרבעט אין שאַפּ — האָט זי געענטפערט שטיל און פאַרשולדיקט.

— וואָס? געאַרבעט אין שאַפּ?... מיין ווייב! — איז הערנדיק די ווערטער ישראל אויפגעשפּרונגען ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה.

שרה האָט אויף אים געוואָרפן אַ פינצטערן בליק. זי איז אַריין אין טונקעלן שלאָפצימער און האָט פאַרשלאָסן די טיר הינטער זיך...

יענע נאַכט איז ישראל צום ערשטן מאָל געשלאָפן אַליין אין וווינצימער אויף דער סאָפע.

## זייער לעצטער שפּאַציר

דאָס אָנקומען פון פרילינג האָט ווידער אַרויסגערופן ביי שרהן אַ בענקשאַפט נאָך מענדלען. ווידער האָט זי אַריינגעקוקט אין זיין בריוועלע, ווו ער גיט אָן די צייט און דעם פּלאַץ, ווו זיי זאָלן זיך טרעפן.

זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די אַרבעטס־קליידער פון שאַפּ, האָט אָנגעטאָן דאָס שנעסטע קלייד, וואָס איז שוין געווען שמאָל אין דער טאַליע, זיך אָנגעקוקט אין שפּיגל: יאָ, ס׳איז אמת וואָס דער באַלעבאָס אין שאַפּ האָט איר געהאַט געזאָגט: „פאַרלוירן די רויטע באַקן". ישראל פאַרזי־כערט זי, אַז זי איז שיין... ער בעט זיך ביי איר אַ קוש...אָך, וויפל ער לײַדט דאָס פון איר גלייכגילטיקייט צו אים... זי קאָן אָבער נישט אַנדערש... ער האָט זי אָפּגענאַרט, זיך פאַרגעשטעלט פאַר אַ רייכן ביזנעסמאַן. ער האָט באַנקראָטירט, ער האָט אָפּגענומען פון די קרעדיטאָרן אַ 300 דאָלאַר פאַר איר... אַלץ אין אַמעריקע איז ביזנעס — חתונה האָבן אויך... וועט זי דאָס אַמאָל פאַרגעסן? ניין! דאָס וועט איר שוין נאָכגיין, וועט זי פּייניקן דאָס גאַנצע לעבן...

אַ צאַפּל אונטערן האַרצן האָט זי אַריינגעבראַכט אין פאַרצווייפלונג.

זאָל זי גיין זען מענדלען? וואָס וועט זי אים זאָגן? ווי אַזוי וועט זי אים קענען קוקן אין די אויגן? — שוין אַזוי פיל מאָל אָפּגעלייגט די באַ־געגעניש מיט אים, היינט מוז זי אים זען, כאָטש נאָך איין מאָל — דאָס לעצטע מאָל... אויב ער וועט צושטיין, וועט זי אים דערציילן דעם גאַנצן אמת... יאָ, בעסער אָפּברעכן... פאַרגעסן... אוממעגלעך, אוממעגלעך...

עטלעכע מינוט האָט זי זיך געראַנגלט מיטן געוויסן, און פּלוצלונג, ווי געשטויסן דורך אַ בלינדער קראַפט, קעגן וועלכער זי איז געווען צו שוואַך

צו קעמפן, האָט זי זיך שנעל אַ ריס געטאָן צו דער טיר און פֿאַרלאָזן די שטוב.

דער גרויסער דאַגלאַס־פּאַרק איז געווען פֿול מיט שפּילנדיקע קינדער און מוטערס, וואָס האָבן איצט געאײַלט אַהיים צוגרייטן אָוונט־ברויט פֿאַר זייערע מענער, וועלכע קומען באַלד פֿון דער אַרבעט. זיי האָבן געשלעפּט די וויינענדיקע קינדער פֿון די הוידלקעס קעגן זייער אייגענעם ווילן. מיט די פּיצלעך אין די אָרעמס איז געווען זיי גרינגער: אַרײַנגעלייגט אין די וועגעלעך און אַרויסגעפֿירט פֿון פּאַרק. די עלטערע זענען זיי נאָכגעגאַנגען צוריק אין די ענגע הימען אָן גרינע גערטנער און אָן הײדלקעס.

אין פּאַרק איז געוואָרן שטיל. דאָ און דאָרט זענען געזעסן יונגע פּאָרלעך, האָבן שמייכלענדיק געפֿירט זייערע שטילע שמועסן.

שרה איז צוגעקומען צום אָפּגערעדטן אָרט, זיך געזעצט אויף אַ באַנק און טיף אַרײַנגעאָטעמט די פֿאַרנאַכטיקע קילע מאַי־לופֿט. אונטער דעם אַלטן צעצווייגטן בוים האָט זי זיך דערפֿילט דערפֿרישט און דערמונטערט. הויך איבער איר קאָפּ האָבן זיך פֿייגעלעך צעטשירקעט. זי האָט מיט נייגיר אַרויפֿגעקוקט אין דער הייך. אַ פֿייגל־נעסט איז געהאָנגען צוגעפֿעסטיקט צו אַן אַלטן שווערן צווייג. באַלד איז אַ מאַמע־פֿויגל מיט אַ ווערעמל אין איר שנאָבל אָנגעפֿלויגן. די פֿייגעלעך האָבן אים פֿאַרשלונגען. אַזוי פֿיל פֿאַרבאָרגענע סודות ליגן אין דער נאַטור — האָט זי געטראַכט און פֿאַרמאַכט אירע אויגן אין פֿריידיקער דערוואַרטונג.

מענדלס טריט, טראַכט זי, וואָלט זי דערקענט צווישן אַ גאַנצן פֿאָלק מאַרשירנדיקע סאָלדאַטן, אַזעלכע פֿעסטע, זיכערע מיט זיך און מיטן באָדן! אפֿשר דאַרף מען מיט דעם געבוירן ווערן?

פֿאַר וואָס איז זי אַליין פֿון שטענדיק אָן אַ נישט זיכערע, נישט גלויביקע, אומצופֿרידענע. דערפֿאַר אפֿשר בלאָנדזשעט זי אַזוי אָפֿט, גייט אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג, פֿרעגט ביי פֿרעמדע מענטשן דעם וועג? זי מיינט, אַז אַנדערע ווייסן מער און בעסער פֿון איר. זי געדענקט, ווי איר גוטער טאַטע פֿלעגט זי רופֿן „שלימזלניצע“. דער מאַמען האָט זי געהערט דערציילן, אַז זי איז קליינערהייט געווען קראַנק, מען האָט זיך נישט

געריכט, אַז זי זאָל בלייבן לעבן. אפשר איז דאָס איר געקומען פון יענער קראַנקייט? שפּעטער ביים שניידער־טיש האָט זי ליב געהאַט צו זינגען, „צוזויפּשטוקעווען" קורצע מעלאָדיעס אין איין לאַנגער מעלאָדיע־קייט גלייך ווי זי האָט צוזויפגעשטוקעוועט די נעט פון די קליידער, וואָס זי האָט געניית. די שניידער־מיידלעך און יינגלעך האָבן פון איר אָפּגעלאַכט. די „גרויסע" האָבן זיך געסודעט צווישן זיך, אַז זי איז עפּעס „נישט מיט אַלעמען". שטענדיק האָבן מענטשן פון איר אָפּגעלאַכט. זי האָט דערפון טיף געליטן און געשעמט זיך צו דערציילן אַפילו דער אייגענער מוטער. עס איז אָבער גוט, וואָס זי איז קליינערהייט נישט געשטאָרבן, וואָס זי האָט אַלץ איבערגעלעבט או לעבט ווייטער. פאַר מענדלס ליבע איז כדאי צו לעבן!

איר פילבאַר אויער האָט אויפגעכאַפּט מענדלס טריט. עס דוכט זיך איר, אַז זיי דערנענטערן זיך, זיי קומען פון הינטער איר פּלייצע. יאָ, אָט גייט ער דאָרטן מיט זיין שנעלן פעסטן טראָט; וויגנדיק די הענט פוןביידע זייטן, זעט ער אויס יינגער פון זיינע 22 יאָר.

זי האָט פאַרגעסן איר מיידלשע באַשיידנקייט און איז אים געגאַנגען אַנקעגן אַ מונטערע, אַ צעשמייכלטע. ער האָט אַראָפּגענומען זיין שוואַרצן ווייכן הוט. זיי האָבן זיך צעקושט.

— שרה, ווי שיין דו ביסט ווען דו שמייכלסט, שמייכל אָפטער.

ער האָט זי גענומען אונטערן אָרעם און שווייגנדיק זיך געלאָזן מיט איר אין אַ שפּאַציר איבערן פּאַרק. זי האָט אים אויסגעדריקט מיט אַ ליבלעכן שמייכל איר דאַנקבאַרקייט פאַר די קורצע גליקלעכע מינוטן...

זיי האָבן געשפּאַנט איבער די האַלב־טונקעלע פּאַרק־אַלייען. ערטער־ווייז האָט זיך די לבנה דורכגעריסן דורך דיביימער־צווייגן און האָט זיי באַלויכטן דעם וועג.

— אַ לאַנגע צייט זיך נישט געזען. דו האָסט געהאַלטן אין איין אָפּציען,
— האָט ער איבערגעריסן די שטילקייט.

זי האָט זיך געטוליעט צו אים מיטן געדאַנק: „באַלד, און מיר וועלן זיך שוין מער קיין מאָל נישט זען".

— דערצייל מיר, שרה, פון זיך, פון דיין שאַפּ. גייסטו נאָך אין דער נאַכט־שול?

— איך וועל דיר אַלץ דערציילן, מענדל, אָבער פריער פון אַלץ מוזסטו מיר זאָגן, ווי האָט זיך דיר געלעבט די עטלעכע וואָכן, וואָס מיר האָבן זיך נישט באַגעגנט? וואָס איז געוואָרן פון דעם שטרייק אין דיין שאַפּ, וואָס דו האָסט מיר לעצטנס דערציילט?

— פּערזענלעך — שווער. איך האָב געבענקט נאָך דיר. דערפאַר איז דער שטרייק אונדזערער געווען אַ דערפאָלגרייכער. איך און אַנדערע אַר־בעטער אין שאַפּ האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין אים מיט לייב און לעבן. עס איז געווען אַ ביטערער קאַמף. צולעצט האָבן זיך די באַלעבאָטים אונ־טערגעגעבן און אונטערגעשריבן אַ קאָלעקטיוון אָפּמאַך מיט דעם נידל־טרייד־יוניאָן. די אַרבעטער פרייען זיך מיט זייער זיג. דער נאָדל־פאַך האָט צוגעקריגן נאָך אַ יוניאָן־שאַפּ.

— און דו?

— איך האָב, געווינלעך, פאַרלוירן דעם „דזשאָב".

— דעם וויפלטן „דזשאָב" האָסטו שוין פאַרלוירן?

— ס'מאַכט נישט אויס.

— האָסטו שוין אַן אַנדערן „דזשאָב"?

— ביז דער באַלעבאָס וועט זיך דערוויסן, אַז איך בין אַ יוניאָן־אָרגאַ־ניזאַטאָר.

— און וואָס ווייטער?

אויב כ'וועל נישט קאָנען באַקומען קיין אַרבעט אין שיקאַגאָ, וועל איך פאָרן קיין ניו־יאָרק, דאָרט זענען נאָך פאַראַן גענוג „שוויץ־שעפּער". זיי מוזן אָרגאַניזירט ווערן און פאַרבונדן ווערן אין איין גרויסער יוניאָן... און דו, שרה, וועסט פאָרן מיט מיר, האַ? איך האָב שוין לאַנג געוואָלט דיך פרעגן...

— און וואָס איז מיט דיין עקזאַמישער לאַגע? — האָט שרה אים איבערגעשלאָגן די רייד.

— איך קום אויס. איך האָב מיך נישט וואָס צו באַקלאָגן.

— ווי אַנדערש — האָט שׂרה געטראַכט — זענען אונדזערע לעבנס... און דאָך ציט עס אונדז ווי אַ מאַגנעט איינער צום צווייטן...

— שׂרה, וואָס האָסטו זיך אַזוי פֿאַרטראַכט?

— איך טראַכט, אַז דו האָסט באַדאַרפֿט קומען אין מיין שאַפּ, אָרגאַניזירן אונדז אין דער יוניאָן, פּראָקלאַמירן אַ שטרייק.

— מיר זענען נישט קיין אַוואַנטוריסטן, שטרייק־מאַכער. בעסער וואָלט געווען, ווען מיר קאָנען אָרגאַניזירן די שעפּער אָן שטרייקן. אין פֿאַל אָבער, ווען מיר זענען געצוווּנגען, מוזן מיר זיך באַנוצן מיט אונדזער רעכט אויף אַ שטרייק. דאָס איז דאָס איינציקע געציי, וואָס די אַרבעטער פֿאַרמאָגן קעגן די איינגעשפּאַרטע באַלעבאַטים. אַחוץ דעם איז דיין שאַפּ אַ קליינער. די יוניאָן איז איצט באַשעפֿטיקט מיט אָרגאַניזירן די גרויסע שעפּער, דאָרטן ווו עס איז אַמנייטיקסטן.

— נו, וועל איך דיר דערציילן — האָט שׂרה געזאָגט — וואָס עס האָט אַנומלט געטראָפֿן ביי אונדז אין שאַפּ מיט אַן אַרבעטער, און דו וועסט זיך איבערציינגן, ווי נייטיק עס איז צו אָרגאַניזירן אַזאַ שאַפּ ווי אונדזערער.

און שׂרה האָט דערציילט מיט אַ סך איינצלהייטן און מיט פֿיל עמאָציע וועגן דעם טראַגישן פֿאַל פֿון אַן אָפּערייטאָר (ניימאַשין־שטעפּער), וואָס האָט זיך אַריינגענומען אַ מאַשין־נאָדל אין אַ פֿינגער פֿון דער לינקער האַנט. ער איז געפֿאַלן אין חלשות. מען האָט אים איילִיק גענומען אין שפּיטאָל און קיינער ווייסט נישט, וואָס מיט אים איז געוואָרן. איצט זיצט שוין ביי דער מאַשין אַן אַנדער אַרבעטער, יאָגט מיט דער „שטיק־אַרבעט" ווי יענער.

— דאָס זענען טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען אין די שעפּער — האָט מענדל דערקלערט — די לאַנגע אַרבעט־שעהען, די „שטיק־אַרבעט" און נישט די וואָך־אַרבעט, דאָס פֿעלן פֿון וועלכע ס'איז נישט מעדיצינישע און סאַניטאַרע באַדינגונגען. צו די אַלע איבלען וועט נעמען אַ סוף, ווען מיר וועלן האָבן אַ שטאַרקע „נידל־טרייד־יוניאָן".

כּדי אָנצוהאַלטן ווייטער דעם שמועס אין דער ראַם פֿון אַלגעמיינע פֿראַגן, האָט שׂרה אַ פֿרעג געטאָן:

— וואָס הערט זיך מכוח דעם כאָר, זינגסטו נאָך? גייסטו נאָך אין דער נאַכט־שול לערנען ענגליש?

— איך גיי ווען די צייט דערלויבט מיר... מיט דיין שטימע, שרה, האָסטו זיך אויך באַדאַרפט אָנשליסן אין דעם כאָר.

— מיין פאָטער איז געווען אַ פרומער. ער האָט געהאַלטן, אַז מיידלעך דאַרפן נישט זיין געבילדעט. אָבער פון נגינה האָט ער שטאַרק געהאַלטן. דאָס זינגען איז געווען מיין גרעסט פאַרגעניגן.

— האָט דיין פאָטער געהאַט אַ שטאַרקע השפעה אויף דיר?

— יאָ. איך בענק שטאַרק נאָך אים.

און עס זענען איר געקומען שווערע געדאַנקען אין קאָפּ; זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ בחור, וואָס וועט זיין דעם פאָטער צום האַרצן...

דאָס איז נאַטירלעך. עלטערן דאַרף מען ליב האָבן. אָבער זייערע באַגריפן, בפרט פון די פרומע עלטערן, זענען אין קעגנזאַץ צו אונדזערע. זיי פאַרשטעלן דעם וועג צום פּראָגרעס. טראַכסטו אַמאָל דערפון?

— מיינע געפילן באַהערשן מיינע געדאַנקען.

— איך האָב דיך ליב, שרה, צוליב אַ סך זאַכן. איינע פון זיי איז דיין אמתדיקייט.

ער האָט שטאַרק געדריקט איר האַנט.

— איך לייען איצט, — האָט שרה געזאָגט — דאָס בוך „אַנאַ קאַרענינאַ“ פון לעוו טאָלסטאָי. דאָס איז אַן אוצר פון אמתדיקייט!...

און זיי האָבן זיך צערעדט וועגן דעם בוך, וועגן די געשילדערטע העלדן מיט זייער גייסטיקער דערהויבנקייט, מיט זייערע שוואַכקייטן און ליידן. עס האָט שרהן באַהערשט אַ פאַרלאַנג, אַז דער שמועס מיט מענדלען זאָל נישט אויפהערן, אַז ער זאָל זיך ציען ביז אין דער אייביקייט... און זי האָט אים פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר, מענדל, פאַר וואָס לויפט די צייט שנעל, ווען מען שטופּט זי און פאַר וואָס גייט זי לאַנגזאַם, ווען מען וויל זי פאַרהאַלטן?

— צ י י ט לויפט נישט און קריכט נישט. צ י י ט האָט נישט קיין צ י י ט צו פאַרנעמען זיך מיט לײדיקגייער און פוילענצער, צ י י ט האָט

פיינט, ווען מען שלעפּט זי אויף צוריק, צ ײ ט האָט ליב זאַכן פון דער נאַטור, וואָס קאָנען מענטשן דערפרייען.

— ווו האָסטו דאָס אַלץ געלערנט, מענדל?

— טאַקע ביי דער צ ײ ט!

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט און האָבן זיך ביידע צעלאַכט מיט אַ יונגן געלעכטער.

אין דער נאַכט־שטילקייט האָבן זיך געטראָגן אָפּגעריסענע קלאַנגען. אַ גריל האָט געגרילצט, אַ פראָש האָט געקוואַקעט ביים דערבייאיקן וואַסער, פייגעלעך האָבן געצוויטשערט, אַנדערע פון זיי האָבן אויפגעכאַפּט דעם ניגון און זיך צעטרילערט אין אַ כאָר.

ביידע האָבן געשפּאַנט מיט געשלאָסענע הענט, ווי אין מורא, אַז עמעצער זאָל זיי נישט צעשיידן. זיי זענען צוגעקומען צו אַ באַנק און האָבן זיך אַוועקגעזעצט טוליענדיק זיך איינער צום צווייטן. שרה האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל. ביידע האָבן געשוויגן, ווי נישט וועלנדיק איבערשלאָגן מיט ווערטער דעם גייסטיקן גענוס פון יונגן פרילינג־קאָנצערט. באַלד האָבן צוויי גרויסע טרערן זיך אַראָפּגעקייַלט אויף איר פּנים און געפאַלן אויף זיין האַלדז.

מענדל האָט אַ צאַפּל געטאָן, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעבריט:

— שרה, דו וויינסט? — און ער האָט באַדעקט איר פּנים מיט הייסע קושן.

— דאָס זענען טרערן פון גליק, — האָט זי געזאָגט און באַמיט זיך צו באַהערשן.

— טרערן פון גליק וואַרעמען, זיי ברענען ניט. זאָג, טייערע, וואָס דריקט דיך?

זי האָט געשוויגן און ער האָט ווייטער גערעדט:

— דו האָסט נישט געענטפערט אויף מיין פראַגע: ווילסט פאָרן מיט מיר קיין ניו־יאָרק? איצט וועט אונדז קיינער נישט צעשיידן, קיינער נישט! מיר וועלן זיין גליקלעך, מיט אַלעם וועלן מיר זיך טיילן, ווי צוויי גוטע חברים, זאָג, שרה, דו ווילסט זיין מיין ווייב? ווילסט מיט מיר חתונה האָבן? זאָג, וואָס שוויגסטו?

ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר בײדע הענט, אַרײַנגעקוקט איר טיף אין די אויגן. זײַן פאַרשנדיקער בליק האָט ווי געמאָנט: זאָג, זאָג!

— מענדל, איך פרלאַנג באַהערשט מיך, לעבן אָדער שטאַרבן!

— איך פאַרשטיי נישט. דײַן סודותדיקייט שרעקט מיך.

זי האָט געביסן די ליפּן און געשוויגן.

— איז דאָס דײַן מורא פאַר אָרעמקייט? געלט איז נישט גליק. אָפילו נישט קיין דויערהאַפטיקע באַפרידיקונג.

— אוממעגלעך, אוממעגלעך... — האָט זי שטיל און ביטער געמורמלט, באַהאַלטנדיק דאָס פּנים אין די הענט, ווי זי וואָלט זיך מיט עפּעס געשעמט.

— שרה אָט זענען מיר גליקלעך, און פּלוצלונג?

— איך קאָן נישט, מענדל, איך קאָן נישט... — אירע אַקסלען האָבן געצוקט.

— דערצייל מיר אַלץ. איך פאָדער דאָס מיט דעם רעכט פון אונדזער ליבע.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, ווי זי וואָלט געזוכט די פּאַסיקע ווערטער, וואָס זאָלן אים נישט אַזוי ווײ טאָן און זי נישט פאַרשעמען, ענדלעך האָט זי געזאָגט:

— גוט. אויב דו ווילסט וויסן דעם אמת וועל איך דיר דערציילן: איך בין אַ פאַרהייראַטע פרוי... אין אַנדערע אומשטענדן... — די לעצטע ווערטער האָט זי אַרויסגעשטאַמלט, ווי זי וואָלט זיך געוואָרגן מיט אירע רייד.

מענדל איז אויפגעשפּרונגען פון פּלאַץ, ווי עמעצער וואָלט אים אַרײַנגעשטאָכן אַ שווערד אין רוקן. זײַן פּנים איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך. די מויל־ווינקלען האָבן פיבערהאַפט געצוקט. זײַנע טרויעריק־פאַרחלומטע אויגן זענען געוועזן פאַררויטלט, פול מיט פאַראַכטונג. גרויסע טראָפּנס שווייס האָבן זיך געבלעזלט אויף זײַן שטערן. אַ לאַנגע ווײַלע איז ער אַזוי געשטאַנען און נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט.

זײַן געבראָכנקייט האָט זי שטאַרק פאַרשעמט און בײַ איר אַרויסגערופן אַ געפיל פון זעלבסטבאַשולדיקונג און פאַראַכטונג.

מענדל האָט אַרויסגענומען פון טאַש זײַן ווייס געפּרעסט נאָזטיכל,

אָפּגעווישט דעם שוויס פון פּנים, גענומען שרהן אונטערן אָרעם און גע־זאָגט:

— קום!

זי האָט זיך געלאָזט פון אים פירן.

זיי זענען געגאַנגען גאַס־איין, גאַס־אויס. דאָ און דאָרט האָט דורכגע־בליצט אַ ליכט פון אַ פענצטער. זיי זענען צוגעקומען צו אַ ווינקל גאַס און האָבן זיך אָפּגעשטעלט. ביי דעם שוואַכן שיין פון דעם גאַז־לאַמטערן האָט זי געזען זיין פּנים, וואָס איז געווען מיד און האַרט. זיינע ליפּן זענען געווען פאַרשלאָסן און צונויפגעפּרעסט, ווי מען זעט עס מאַנכעס מאָל ביי עלטערע פאַרביטערטע מענטשן.

שרה!

זי האָט אויפגעהויבן צו אים די אַרונטערגעלאָזטע אויגן.

— שרה! — האָט ער ווידער געזאָגט, ווי עס וואָלט אים שווער אָנגעקומען דאָס רעדן — איך האַלט, אַז דאָס קאָן פאַרריכט ווערן.

זי איז געווען צו פיל דערדריקט און פאַרשעמט און האָט געשוויגן.

— מיר וועלן פאַרגעסן אַלץ, וואָס עס האָט פּאַסירט, אַלע טעותים, וואָס מיר האָבן געמאַכט. דו פאַרשטייסט? איך האָב ליב אין דיר נישט נאָר דיין קערפּער, איך האָב ליב אויך דיין נשמה.

— ניין, טייערער, — האָט זי געזאָגט נאָך אַ קורצן איבעררייס — דו אַליין האָסט מיך געלערנט נישט צו שלעפּן די צייט אויף צוריק.

זי האָט זיך אַליין שטאַרק געוווּנדערט. פון וואַנען האָט זי גענומען דעם כוח אים דאָס צו זאָגן.

ביידע האָבן פיינלעך געשוויגן, זיך באַמיט צו זיין רואיק, ווי נישט איז איינהאַלטן זייערע צעשטורעמטע געמיטער. ער האָט זי גענומען פאַר דער האַנט, צוגעפירט צו דער דערבייאיקער שמאָלער גאַס, ווו עס איז געשטאַנען אַ שורה הילצערנע איינשטאָקיקע הייזער מיט הילצערנע שטעגן, וואָס פירן אַרויף ווי אויף אַ בוידעם. אין איינעם פון די הייזער האָט שרה מיט איר מאַן פאַרנומען אַ קליין צימערל.

פאַרזיכטיק, ווי מיט אַ קינד, האָט ער זי גענומען ביי דער האַנט,

אַרויפגעפירט אויף די שמאָלע טרעפּ. זיי זענען געבליבן שטיין אויף אַ קליין בריקעלע ביי אַ פאַרמאַכטער טיר...

עטלעכע מינוט זענען זיי ביידע געשטאַנען אין אַן אָנגעשטרענגטן שווייגן. ענדלעך האָט מענדל געזאָגט:

— שרה, דאָ צעגייען מיר זיך...

זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ...

ער האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ מיט זיינע ביידע שטאַרקע הענט, ווי מען הייבט אויף אַ לעבל ברויט, און האָט געזאָגט:

— שרה, דו האָסט אין זיך גענוג כוח איבערצולעבן — נו, ווי זאָל איך דאָס אָנרופן? — צעשיידונג? — ניין, מיר שיידן זיך נאָר פיזיש, גייסטיק שיידן מיר זיך נישט. מיט דער צייט וועסטו אויסוואַקסן, וועסט ווערן פולקאָם קלאַסנבאַוווּסטזיניק און דו וועסט מיך געפינען אומעטום, ווו דער אַרבעטער־קלאַס לעבט און קעמפט קעגן עקספּלואַטאַציע, קעגן אָפּגעלעבטע באַגריפן, פאַר אַ שענערן און בעסערן מאָרגן...

זיין שטימע האָט געקלונגען פּראָפעטיש. ער האָט שטאַרק געדריקט איר האַנט און מיט שנעלע טריט איז ער פאַרשוווּנדן אין דער גרויער, טונקעלער נאַכט. — — —

## „זיך אַרויפגעאַרבעט"

ווען דער באַרג מיט געניצטע מלבושים און שוכוואַרג האָט שוין דערגרייכט ביז צו דער סטעליע, איז ישראל אַרויסגעגאַנגען זוכן אַ געשעפט אויף צו פאַרקויפן אַלטוואַרג. ערגעץ ווו אין דער אײַרישער געגנט, נישט ווייט פון דעם סטאָק־יאַרד, פון וואַנען דער ווינט בלאָזט שטענדיק מיטן ריח פון אַלט פלייש ,געפּעפּערטן ווורשט און רוי בלוט. דאָ האָט ישראל געפונען אַ קראָם צוזאַמען מיט אַ דירה הינטער דער קראָם, ווו זיי האָבן זיך באַזעצט און אָנגעהויבן מאַכן ביזנעס, כדי זיך אַרויפצואַרבעטן...

שווער איז זיי אָנגעקומען צו באַרגן אַ ביסל געלט פאַרן געשעפט. צו דעם האָט שרה געמוזט פאַרזעצן איר דימענטענעם רינגל, פון וועלכן זי האָט סיי ווי קיין נוצן נישט געהאַט. מען האָט צונויפגעשטעלט עטלעכע הונדערט דאָלאַר, באַצאָלט דירה־געלט, צוזאַמענגעקלאַפּט פּאָליצעס, אַוועקגעשטעלט טישן, ווו מען האָט אויסגעלייגט די אַלטע סחורה. מען האָט געקויפט אַ ניימאַשין, אַ פּרעסאייזן, אַ קלאָץ אויף צו פּרעסן. פאַר דער ווירטשאַפט האָט מען איינגעהאַנדלט אַ ביסל מעבל: אַ ניי מעשן בעט, אַ שוואַרץ אייזערנע אייוועלע, אַ געפּאַרבטן טיש מיט דריי שטולן, עטלעכע טעלער, טעפּלעך צום קאָכן און אַ גלאַנציקן אַלומיניום־טשייניק. — דאָס איז שוין געווען אַ לוקסוס־זאַך, פאַר וועלכער ישראל האָט איר אַ לאַנגע צייט געמאַכט פאַרוואורפן, ווייל שוין אויף צו מאַרגנס האָט אים אויסגעפעלט דער דאָלאַר צו די ביזנעס. געקויפט האָט מען אויך אַ קליין בעטעלע פאַר דעם קינד, וואָס איז שוין געווען אין וועג.

אויסגעשטעלט די קראָם, אויסגעהאַנגען די ווייסע פאַרהענגלעך, איז די דירה געוואָרן אַ ביסל ליכטיקער, און אָט האָט זיך שוין שרה אַוועק־

געזעצט איבער אַ הויפן אַלטע מלבושים מיט נאָדל־פֿאָדים אין דער האַנט. ישראל פּרעסט די פֿאַרריכטע הויזן, רעק און מאַנטלען. פֿון אונטער דער פּאַרע זענען זיי אַרויסגעקומען ווי שפּאָגל־ניי... מאָרגן וועלן קומען אָרעמע סטאָק־יאַרד־אַרבעטער און וועלן קויפן פֿאַר אַן אַכט־צען־דאָלאַר אַן אויס־גערייניקטן, אויסגעפּרעסטן אַנצוג און ישראל וועט גוט פֿאַרדינען; אָדער עס וועלן קומען „האבאוס" (שלעפּער), וואָס וועלן קויפן די זאַכן, און ווען עס וועט זיי אָנקומען דער דאָרשט נאָך אַ גלעזל בראָנפֿן, וועלן זיי צוריק פֿאַרקויפֿן פֿאַר אַ גאָרנישט. ער וועט זיי געבן די אַלטע צעריסענע זאַכן, וואָס עס לוינט שוין נישט צו פֿאַרריכטן. זיי וועלן אַרויפּציִען אויף זיך די זאַכן, כדי נישט אַרויסצוגיין נאַקעט. אַזוי וועט מען אַרבעטן אַלע טעג אין דער וואָך און אַלע וואָכן פֿון יאָר ביז מען וועט זיך אַרויפֿאַרבעטן, עפֿענען אַ דעפּאַרטאַמענט־סטאָר פֿון נייע זאַכן. דעמאָלט וועט זיין אַלרייט...

דערווייל מוז שרה אַרויסהעלפֿן אין דער אַרבעט און פֿאַריינס פֿירן די ווירטשאַפֿט אין שטוב הינטערן פֿאָרהאַנג, וואָס טיילט זי אָפּ פֿון קראָם. דערווײַלע מוז ישראל גיין האַלבע טעג פּעדלען, די אַנדערע האַלבע טעג שטיין איבערן קלאָץ מיטן הייסן פּרעסאייזן און ווי זיין טבע איז געווען, אונטערברומען שטיל אַ לידל, פֿאַרזינגען זיינע זאָרגן, און טרייסטן זיך מיט דער האָפֿענונג אויף אַ בעסערן, לייכטערן לעבן, וואָס וועט ווען עס איז קומען...

*

אין אַ שיינעם זומערדיקן פֿרימאָרגן איז ישראל, ווי אַלע מאָל, אַוועק־געגאַנגען אין גאַס פּעדלען. שרה איז געבליבן אַליין אין קראָם אויפֿצונע־מען די קונים. און אויב זי האָט נישט אַלץ פֿאַרשטאַנען, וואָס די קונים האָבן פֿאַרלאַנגט, האָבן זיי זיך דורכגערעדט מיט די הענט.

יענעם פֿרימאָרגן זענען נישט געווען קיין סך אַריינגייער אין קראָם. לעצטנס האָבן די פּראַכט־צוגן געבראַכט ווייניק „טרעמפּס" אין שטאָט אַריין. נעכטן אָוונט איז יאָ אַריינגעקומען איינער, אַן אָפּגעריסענער, אַן אָפּגעשליסענער, אַ פֿאַרשטויבטער, וואָס זיין „באַשעפּטיקונג" באַשטייט אין דעם, וואָס ער גנבעט זיך אַרויף אויף די פּראַכט־וואַגאַנעס. אָבער

איצט האָט ער באַשלאָסן צו זוכן אַרבעט אין שטאָט און דעריבער מוז ער אַרונטערוואַרפן פון זיך די שמאַטעס. ער האָט געהאַט ביי זיך בלויז דריי דאָלאַר. וואָס קאָן דער גוטער „סטאָר קיפּער" טאָן פאַר אים?

ישראל האָט זיך געגראָבן אין דער קופּע אַלטע נישט געריייניקטע זאַכן, האָט אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן אַ העמד, אַ פּאָר חאַקי־הויזן, אַ קאַשקעט, שיך און אים דערלאַנגט. דער „האָבאָו" האָט זיך איבערגעטאָן און זיין אויסזען האָט זיך פאַרוואַנדלט פון אַ „טרעמפּ" אין אַ זונפאַרברענטן, פאַרהאַרטעוועטן, יונגן אַרבעטער.

— דאָס וועט אייך קאָסטן צען דאָלאַר — האָט ישראל געזאָגט.

— צען דאָלאַר? — איך האָב בלויז דריי! איינעם פון זיי דאַרף איך האָבן פאַר זיך אויף איבערצונעכטיקן און אויף אַ טעפּל קאַווע מיט „טאָוסט".

דער „האָבאָו" האָט באַצאָלט צוויי דאָלאַר, האָט איבערגעלאָזט זיין גאַנצע פריערדיקע „גאַרדעראָבע" און האָט צוגעזאָגט צו באַצאָלן דעם רעשט געלט ווי נאָר ער וועט קריגן אַרבעט.

דערפילט זיך אַ ביסל בעסער האָט ער גענומען אויספרעגן, ווו ס'געפינט זיך דאָ די שטאָטישע ביבליאָטעק, דער מוזיי און אַנדערע אינטערעסאַנטע קולטור־אַנשטאַלטן. אַזוי ווי ער קלייבט זיך צו פאַרבלייבן דאָ אַ שטיקל צייט און „דערוואַרט נישט" צו קריגן דאָ אַזוי גיך קיין אַרבעט, וויל ער דערווייל באַזוכן די אַלע פּלעצער איידער ער וועט כאַפּן אַן אַנדער פראַכטצוג אויף צו פאָרן ווייטער...

— ווּהין קלייבט איר זיך פאָרן פון דאַנען? — האָט ישראל אים געפרעגט.

דער אויסגעפּוצטער „טרעמפּ" האָט גוטמוטיק געשמייכלט און האָט געענטפערט:

— ווּהין די באַן וועט מיך פירן, וואָס איז דער אונטערשיד? איך וועל דיך אָבער אין זינען האָבן אין מיין צוואה און דיר אָפּשיקן דאָס געלט. זאָל מיך נאָר דער אינספּעקטאָר נישט אַרויסוואַרפן פון דער באַן.

פון דעם האָט איצט שרה געטראַכט בעת זי איז געשטאַנען איבערן קלאָץ מיטן פרעסאייזן אין איין האַנט און דעם נאַסן פאַרע־טוך אין דער

צווייטער און איר מחשבה האָבן פאַרנומען די פאַרשידענע פּרנסות פון אַמעריקע... זי האָט געטראַכט און געפּרעסט אַ פּאָר מענערישע הויזן, אויף וועלכע עס האָט געוואַרט אַ הויכער, ברייטפּלייציקער אירלענדער. אין איר געבראָכענעם ענגליש האָט אים שרה געפרעגט: וואָס אַזעלכעס באַטייט אַ „האָבאָו", אַ „טרעמפּ"? און פאַר וואָס זאָל אים דער באַן־אינספּעקטאָר אַרונטערוואַרפן פון דער באַן?

דער גוטער אירלענדער האָט איר דערקלערט מער מיט די הענט, ווי מיטן מויל...

פּלוצלונג האָט זי דערפילט אַ שאַרפן ווייטאָג אין בויך. זי האָט זיך אָבער באַהערשט און געדולדיק פאַרענדיקט דאָס פּרעסן. דער מאַן האָט איר באַצאָלט פופציק סענט און געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט מיט עפּעס נישט איינשטימיק געווען.

ווען ישראל איז צוריקגעקומען פון פּעדלען, האָט ער געפונען שרהן זיצן אויפן דיל און וויינען. עס איז אַרויסגערופן געוואָרן אַ דאָקטער און ער האָט באַפוילן זי אַריינצולייגן אין בעט און אָנגעזאָגט מיט האַרבע ווערטער, אַז זי זאָל ליגן עטלעכע וואָכן און נישט אַרבעטן.

דאָס איז געווען פאַר איר כמעט אַן אוממעגלעכע זאַך, וואָרעם אַחוץ דעם, וואָס איר אַרבעט איז געווען זייער נייטיק, איז זי אַליין געשטאַנען אין שטענדיקן געראַנגל מיט זיך און האָט נאָך אַלץ געבענקט נאָך מענד־לען... אין אַ עלכע מאָמענטן האָט איר די אַרבעט צייטנווייז אַרויסגעהאָלפן. איצט מוז זי ליגן אויפן רוקן אין פיזישער און גייסטיקער מאַטערניש. נאָר דאָס קינד אונטערן האַרצן, וואָס וואָרפט זיך ווי אַ פישעלע, האָט זי ליב. זי האָט אויסגעפירט דעם דאָקטערס פאַרשריפט און איז אין גיכן געזונט געוואָרן.

שרה און ישראל זענען געווען איזאָלירט און אָפּגעריסן פון אַלעמען. פון צייט צו צייט פלעגן זיי מאַכן אַ שפּאַציר אַרום דער הויכער וואַנט פון „סטאָק־יאַרד". אַמאָל פלעגן זיי אַריינגיין אין אַ „ניקל־שאו". זעלטן, אָבער פּאַרט אַמאָל, פלעגן קומען צו זיי אויף באַזוך פייגל מיט דזשאָוען און מיטברענגען זייערע אַ ווייטע קרובה. די דאָזיקע קרובה האָט זיך שטאַרק באַפריינדעט מיט שרהן. זי איז געווען אַ יונגע, אַ שיינע, מיט צווי בלאָנדע

צעפּ און גרויסע בלויע אויגן. זי האָט איר אָנדערצײלט די אינטימסטע סודות אירע. דער מאַן איז געווען אַ שוסטער. זיי האָבן געהאַט צוויי שיינע מיידעלעך און געלעבט האָבן זיי אַן אָרעם לעבן. איין מאָל, האָט זיך די קרובה פאַרטרויט פאַר שׂרהן, אַז דער מאַן האָט זי אַזוי שטאַרק ליב, אַז ער לאָזט זי גאַנצע נעכט נישט צו רו... עטלעכע מאָל אין יאָר מוז זי זיך אַליין „אָפּטרייבן"... ווען שׂרה האָט זי געפרעגט, פאַר וואָס זי טוט עס אָן אַ דאָקטער, האָט איר די קרובה געענטפערט, אַז אַ שוסטער קאָן זיך נישט פאַרגינען צו צאָלן אַלע מאָל פאַר דאָקטוירים...

*

אין אַרבעט און אַרויפאַרבעטן זיך איז דער זומער פאַרפלויגן אומבאַמערקט. יעדן חודש האָט ישׂראל אָפּגעריסן פופציק דאָלאַר און אַוועקגעלייגט אין באַנק. דאָס באַנקביכל האָט ער שטענדיק געהאַלטן אין זיין בוזעם־קעשענע.

ווען עס האָבן זיך אָנגעקליבן דריי הונדערט דאָלאַר האָט ער איינגעקויפט אין געשעפט אַ ביסל נייע העמדער, מענערישע קראַגנס, שניפּסן, זאָקן און נאָך אַנדערע קליייניקייטן. ווען דאָס באַנקביכל האָט שוין געהאַט געוויזן פינף הונדערט דאָלאַר, האָט ער אָנגעהויבן מאַכן פּלענער צו עפּענען אויף דער האַלסטער סטריט אַ קראָם פון נייע און גענוצטע קליידער. עס האָט אים נאָך אויסגעפעלט אַ האַלבער טויזנטער. צו דעם האָט ער נאָך באַדאַרפט צורעכענען די אויסגאַבן, וואָס עס וועט באַטרעפן שׂרהס קימפּעט. דעריבער האָט ער זיך אָנגענומען מיט פרישע כוחות נאָך שווערער און פלייסיקער צו אַרבעטן.

*

האַרבסט־צו איז געקומען צו זיי אַ גאַסט פון באַלטימאָר. זיין נאָמען איז געווען נייטן. ער האָט געבראַכט שׂרהן אַ גרוס פון איר חברטע דאָראַ מונטשיק. נייטן איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ ווילד צעשויבערטער טשופּרינע איבער אַ ווייסן שטערן און מיט שוואַרצע פאַרשנדיקע

אויגן. „ער איז געווען אַ סאָציאַליסט און אַ נאָענטער פריינד פון איר חברטע דאָראַ. ער האָט דערציילט, אַז איידער זי איז אַריבערגעפאָרן קיין דאַקאָטאַ האָט זי אים געבעטן, אַז ווען ער וועט פאָרן קיין שיקאַגאָ, זאָל ער אויפזוכן איר פריינדין שרה, אָפּגעבן איר אַ גרוס און זיך דערוויסן, ווי אַזוי זי האָט זיך איינגעאָרדנט אין דער גרויסער ווינטיקער שטאָט און צי איז זי טעטיק אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

שרה האָט אַ פאַרשולדיקטע און פאַרשעמטע געשוויגן. וואָס וויסט זי פון שיקאַגאָ, פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, פון דער סאָציאַליסטישער פּאַר־טיי? ישראל האָט איר געהאַט דערציילט, אַז אַלס יונגער בחור האָט ער אַמאָל אין יוראָפּ באַלאַנגט צו די סאָציאַליסטן. אָבער דאָ איז אַנדערש. אין אמעריקע דאַרף מען זיך אַרויפאַרבעטן — האָט ער איר געזאָגט. און זי, שרה, איז קיין מאָל נישט צוגעקומען צום סאָציאַליזם ווי עס באַדאַרף צו זיין, אָבער אויך קיין מאָל אין גאַנצן נישט אַוועק אַזוי ווי איצט...

— דערציילט מיר פון דאָרען. וואָס שרייבט זי פון דאַקאָטאַ? — האָט שרה אים געבעטן.

אירע פאַרחלומטע אויגן אין די שוואַרצע רעמלעך האָבן אויפגעבליצט, ווי עמעצער וואָלט אין איר אויפגעוועקט אַ שיינעם חלום.

— זי שרייבט גוטע בריוו. זי אַרבעט, לערנט זיך און איז צופרידן. זי האָט זיך דאָרטן באַקענט מיט דזשאָן היל, וואָס אַרבעט איצט אויף די פעלדער און איז מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דער „אי דאַבליו־דאַבליו". ער האַלט רעדעס פאַר אַרבעטער, שרייבט לידער און זינגט. זי זינגט מיט — האָט נייטן באַרימט זיך מיט זיי, ווי זיי וואָלטן געווען זיינע לייבלעכע שוועסטער און ברידער.

ער האָט באַטראַכט די גרויסע האַלב־ליידיקע שטוב, עטלעכע שטיק־לעך מעבל. דריי גרויע געפּאַרבטע ווענט. אויף דער פערטער אַ פאַרהאַנג פון אַן אומבאַשטימטן קאָליר, וואָס האָט אָפּגעטיילט די שטוב פון דער קראָם. אויף יענער זייט פאַרהאַנג האָט זיך געהערט ישראלס שטימע, וועלכער האָט גערעדט מיט אַ קונה: ער האָט איבערגעקערט אַ בגד, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, אויף דער לינקער זייט, און באַוויזן דעם קונה, אַז אפילו דער אונטערשלאַק איז פּונקט ווי ניי.

„ער איז צו פיל פאַרנומען אין קראָם, אַז ער זאָל קאָנען אַריינקומען אין שטוב און באַקענען זיך מיט אַ חבר", האָט שרה געטראַכט פאַר זיך מיט פאַרדראָס.

נייטן האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן און געפרעגט:

— האָט איר געהערט, אַז דעבס איז איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה פאַר זיין קעגנערשאַפט צו מלחמה?

— ניין, נישט געהערט.

דעבס? וועמען זי האָט געהערט האַלטן זיין פייערדיקע רעדע, געזען זיין מאַגנעטיזירנדיקע געשטאַלט שוין אין אירע ערשטע עמיגראַנטישע וואָכן אין אַמעריקע, — דעבסט אין תפיסה!

— איך פאַרשטיי נישט — האָט זי געזאָגט אַ ביסל פאַרלוירן — די מלחמה איז דאָך אויסן צו מאַכן אַ סוף צו אַלע מלחמות?!...

נייטן איז צוגעגאַנגען צום האַלב־אָפענעם פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין אַ שמאָלן טונקעלן דורכגאַנג, אַרויסגעקוקט, אַריינגעצויגן אין זיינע נאָזלעכער די לופט און האָט געפרעגט:

— איז דאָ שטענדיק אַזאַ שלעכטע לופט?

— יאָ, ווען דער ווינט בלאָזט פון דער זייט פון דעם „סטאָק־יאַרד". מיר באַמערקן דאָס קוים, מיר זענען שוין צוגעוווינט...

— איך האָב געהערט, אַז אין די סטאָק־יאַרדס הערשט אַ שרעקלעכע עקספּלואַטאַציע. צוליב דער „ספּיד אַפּ" פּאַסירן דאָרטן אָן אַ שיעור אומגליקס־פאַלן. מינדעריאָריקע קינדער אַרבעטן דאָרטן ביי די ערגסטע אומשטענדן. אויב אַן אַרבעטער פאַרשפּעטיקט אויף פינף מינוט צו דער אַרבעט, נעמט מען אים אַראָפּ אַ גאַנצע שעה פון זיין שכירות. אַזוי קריגן די באַלעבאַטים אַריין הונדערטער אומזיסטע אַרבעט־שעהען פון די טויזנטער אַרבעטער. מען האָט זיך מורא צו באַקלאָגן, ווייל עס וואַרטן דאָרטן שטענדיק אין דער ריי הונדערטער און אַפילו טויזנטער אַרבעטלאָזע צו פאַרנעמען זייערע פלעצער. זומער ווערן זיי דערשטיקט פון דער היץ און ווינטער ווערן זיי געפרוירן פון קעלט. די „יוניאָן" קלייבט זיך צו פּראָקלאַמירן אַ שטרייק און דערשלאָגן זיך בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען.

— האָט איר עפּעס געהערט וועגן דעם?

— ניין, נישט געהערט.

— איר ווינט דאָך אַזוי נאָענט צום סטאָק־יאַרד, האָט איר אים אַמאָל באַזוכט?

— ניין, נישט באַזוכט.

זי האָט זיך דערפילט פּראָוואָצירט.

— צוליב דעם שוידערלעכן „ספּיד אַפּ״, וואָס הערשט דאָרטן, פּאַסירט, אַז מענטשן פאַלן אַמאָל אַריין אין די קעסלען און ווערן צעמאָלן צוזאַמען מיטן פליש, וואָס מען שטאָפּט אין די קישקעלעך... — האָט נייטן געזאָגט טעמפּעראַמענטפול מיט אַ צעצונדענעם כעס אין זיינע אויגן. שרה האָט אויפגעציטערט.

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ? האָט איר געזען די אַלע שרעקלעכע זאַכן? — האָט זי געמאָנט ביי אים, און פאַר זיך האָט זי געטראַכט: „ער איז געקומען מיך אַגיטירן״.

— איך האָב געהאַט געליינט אייפּטאָן סינקלערס בוך „דער דזשונגל״. האָט איר עס געליינט?

— ניין, איך האָב נישט געהערט פון אַזאַ בוך און נישט געליינט... אָבער דאָס, וואָס איר דערציילט פון „סטאָק־יאַרד״ קאָן נישט מעגלעך זיין. אַזוינס קאָן נישט פּאַסירן אין אַמעריקע...

נייטן האָט שטום געקוקט אויף איר מיט זיין אַרויסרופערישן שמייכעלע, ווי ער וואָלט געזאָגט:

— דו קענסט נישט אַמעריקע, דו קענסט נישט דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם!

שרה האָט דערפילט, ווי נייטן האָט ביי איר אָנעקגערויבט אַ טייערע זאַך, און זי האָט אַפילו נישט קיין אַרגומענטן זיך צו פאַרטיידיקן, ווייל אין איר עמיגראַנטישער השגה איז אַמעריקע געווען פאַררעכנט פאַר דעם מוסטער פון שיינקייט און גוטסקייט אַליין. עס האָבן געמוזט דורכגיין לאַנגע יאָרן פון ביטערער דערפאַרונג, כדי איינצוזען, אַז די גרעסטע געלט־גייציקייט אין דער וועלט, אַז די גרעסטע עקספּלואַטאַציע מצד די קאַפּיטאַ־

ליסטן קומט פאַר דווקא אין אַמעריקע. דאָס האָט זי זיך דערוווּסט ערשט שפּעטער, נאָך דעם ווי זי האָט אויף דער אייגענער הויט דורכגעמאַכט די האַנדלונגען און וואַנדלונגען פון דער אַמעריקאַנישער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט.

נייטן האָט זיך פאַרנומען צו גיין. ער האָט אַרויסגענומען פון זיין בוזעם־קעשענע אַן אַדרעסן־ביכעלע, אויפגעמישט עס, איבערגעשריבן עפּעס אויף אַ ריין שטיקל פּאַפּיר און איבערגעגעבן עס שרהן, זאָגנדיק דערביי:

— דאָ האָט איר דאָרעס אַדרעס. שרייבט צו איר, טיילט זיך מיט איר מיט אייערע דערפאַרונגען אין שיקאַגאָ. זי טראַכט אַ סך וועגן אייך.

ער איז נאָך געשטאַנען אַ פּאָר מינוט אַ שווייגנדיקער, געקוקט אויף איר מיט דורכדרינגלעכע אויגן און, ווי איר האָט זיך אויסגעוויזן, מיט אַ געפיל פון גרינגשעצונג...

זי האָט זיך געפילט זייער אומגעמיטלעך אונטערן דרוק פון זיינע בליקן. דאָס דאָזיקע געפיל האָט זיך אים איבערגעגעבן. ער האָט זיך קאַלט געזעגנט און פאַרלאָזן דאָס הויז.

— אַ מאָדנע זאַך — האָט איצט שרה געטראַכט — איידער נייטן האָט זי אויפמערקזאַם געמאַכט אויפן שלעכן ריח, וואָס טראָגט זיך פון „סטאָק־יאַרד" האָבן זיי ביידע דאָס כמעט ווי נישט געשפּירט. זיי האָבן נישט געהערט דאָס רעווען פון די אָקסן בשעתן פאַרבייגיין די הויכע געמויערטע וואַנט. איצט האָט שרה מיט אַמאָל שטאַרק דערפילט דעם געשטאַנק, דאָס ברומען פון די בהמות, דאָס מעקען פון די לעמעלעך, דאָס קוויטשען פון די חזירים. ביינאַכט, ווען עס איז געווען שטיל, האָבן זיך נאָך הילכיקער געהערט די קולות פון די שטומע באַשעפענישן.

שרה האָט אָבער געשוויגן. זי האָט נישט געוואָלט צו בעטן ישראלן, אַז זיי זאָלן זיך פון דאַנען אַריבערקלייבן אין אַן אַנדער געגנט, ווייל זי האָט אים נישט איין מאָל געהערט זאָגן, אַז ער רירט זיך נישט פון אָרט ביז ער וועט נישט האָבן אויף זיין באַנק־ביכל אַן אָפּגעשפּאָרטן טויזנטער.

*

מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער, אין אַ ווינטערדיקן קאַלטן טאָג, האָט שרה געבוירן אַ ייִנגעלע, אַ „באַיטשיקל“, ווי ישראל האָט געוואָלט. זיין חלום איז מקוים געוואָרן, ער האָט זיך דערפילט איבערגליקלעך און מיט אַ נייעם מוט זיך גענומען אַרויפאַרבעטן...

עס איז געשטאַנען אַ שטאַרקער פראָסט, ווען שרה מיטן קינד זענען געקומען פון שפּיטאָל. ליבע, די גוטע שכנה זייערע, איז אַריינגעלאָפן אַ דערפרייטע און באַוווּנדערט דאָס קינד. זי האָט זיך גאָרנישט געקאָנט אָנ־קוקן, ווי שיין און גרויס דאָס קינד איז. ישראל האָט שטאָלצירט — דאָס קינד וועגט גאַנצע אַכט פונט — און זיין פּנים האָט געשיינט פאַר פרייד.

שרה איז געזעסן אויפן בעט אַ שוואַכע, אַ בלייכע, אָבער אַ גליקלעכע. קיין זאַך אין דער וועלט האָט פאַר איר מער נישט עקזיסטירט, נאָר דאָס קינד. אייזיק, האָט אים ישראל אָנגערופן. אָבער שרה האָט אים אין דער שטיל אַן אַנדערן נאָמען געגעבן: יודזשין דעבס. דער צוויייוואָכיקער יודזשין איז איצט געלעגן אין דער ברייט פון בעט איינגעוויקלט אין עטלעכע קאָלדרעס, געקוקט מיט זיינע בלויע אייגעלעך אויף דער סטעליע, גלייך ווי ער וואָלט דאָרטן עפּעס געזען און פלוצלונג האָט ער זיך צעוויינט מיט אַ דין קולכל.

— עס איז קאַלט ביי אייך אין שטוב, דאָס אייוועלע גיט נישט אַרויס קיין גענוגנדיקע וואַרעמקייט — האָט די שכנה ליבע געזאָגט און האָט מיט אַ מוטערלעכער געטרייקייט איינגעוויקלט דאָס קינד אין נאָך אַ קאָלדרע און אַריינגעלייגט אים צו שרהן אין בעט.

שרה האָט אָנגעקאָרמעט דאָס נפשל און ישראל האָט עס אַריינגעלייגט אין דעם נייעם בעטעלע, וואָס זיי האָבן געהאַט צוגעגרייט פאַר אים. דאָס קינד איז באַלד איינגעשלאָפן. אַלעמענס פּנימער האָבן געלויכטן.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט ישראלס באַנקביכל געוויזן די דייטלעכע ציפערן **טויזנט דאָלאַר**. ער האָט זיך געזען מיט זיין יוגנט־פריינד יונה, מיט וועמען ער האָט אַמאָל געפּעדלט בשותפות און האָט אים געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז זיי זאָלן צוריק ווערן שותפים און עפענען אין מאַרק אַ קראָם פון נייע און געניצטע זאַכן, ווו זיי זאָלן האָבן אַ גוטע געלע־גנהייט זיך אַרויפצואַרבעטן.

יונה איז געווען אַ שוואַרצהנעוודיקער רירעוודיקער יונגערמאַן, אַ שניידער פון פאַך. ער האָט געהאַט אַ ווייב און אַ קינד. ער האָט נאָר נישט געקענט לייענען און שרייבן און איז געווען זייער אַ קאַרגער... מען האָט געשמועסט, אַז ער האָט אַ סך געלט, אפשר צוויי טויזנט דאָלאַר, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון דער „קישקע". איצט זענען די מענער־שניידער אַרויס אין שטרייק. ער וויל נישט פאַרלירן קיין צייט, וואַרטן ביז די „יוניאָן" וועט אויסקעמפן בעסערע שכירות און וויל נישט דורכגיין קיין „פּיקעט לייַן". האָט ער אָנגענומען ישראלס פאָרשלאָג.

זיי האָבן געדונגען אַ גרויסע קראָם אין מאַרק, אָנגעפּילט זי מיט סחורה און זיך פאַרמאָסטן גרויס, אָבער די קאָנקורענץ איז געווען נאָך גרעסער, און עס איז נישט געגאַנגען...

אין זעקס חדשים אַרום האָבן זיי אין אַ פינצטערער נאַכט פאַרפאַקט דאָס ביסל סחורה, וואָס איז געבליבן אין קראָם. די ווייבער און קינדער האָבן זיי נאָך פריער באַזעצט אין אַ דירה און אַליין זענען זיי אַנטלאָפן אין דער ווייטער וועסט... אַזוי אַרום האָבן זיי זיך באַפרייט פון דעם פינף־יאָריקן קאָנטראַקט, וואָס זיי האָבן געהאַט מיטן בעל הבית פון קראָם. זיי וועלן מער נישט זיין געצוווּנגען צו צאָלן דעם „לענדלאָרד" אַזאַ הויכן פּרייז, ווען די קאָנקורענטן רייסן אַרויס דעם קונה פון די הענט און דעם ביסן פונעם מויל. אַזוי שנעל ווי זיי וועלן זיך באַזעצן אויף אַ פּלאַץ און צוטרעטן צו „ביזנעס", וועלן זיי שיקן נאָך די ווייבער און די קינדער. זיי האָבן פאַרזאָגט, אַז ווי נאָר עס וועט קומען די ריכטיקע צייט און זיי וועלן שרייבן צו דער פאַמיליע, אַז זיי זאָלן קומען, זאָלן זיך די משפחות נישט פאַרהאַלטן און גלייך אַרויספאָרן.

יונהס ווייב, סאַלי, האָט געליטן פון אַ שטענדיקן קאַטאַר און האָט געהאַט שטענדיק אַ רויטע נאָז. פון דער נאַטור איז זי געווען אַ געהאָרכ־זאַמע און האָט תמיד געפאָלגט איר מאַן.

מיט דריי חדשים שפּעטער, ווי נאָר דעם מאַנס בריוו מיט דעם געלט אויף די באַן־הוצאות איז אָנגעקומען, האָט זי איינגעפּאַקט די זאַכן, גענומען דאָס קינד ביים הענטל און איז אַרויסגעפאָרן.

גאַנץ אַנדערש איז געווען מיט שרהן. זי האָט איר מאַן נישט באַזונדער ליב געהאַט און האָט געפירט אַ קאַמף מיט זיך. אָבער ער האָט זי יאָ ליב געהאַט מיט אַ מין רחמנותדיקער ליבשאַפט פאַר איר באַשיידנקייט, שטילקייט און נאַכגיביקייט. אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגן זיינע אויגן ווערן מילד און גלעטנדיק.

ער האָט געבענקט נאָך איר. אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין חשק צו פאָרן צום מאַן. און ווייל זי האָט דאָס קיינעם נישט דערציילט, האָט דאָס זי נאָך מער געמאַטערט.

טיף אין איר נשמה האָט זי נישט אויפגעהערט צו בענקען נאָך מענדלען, און ווען סאַלי, יונהס ווייב, האָט איר איין מאָל דערציילט פון אירס אַ פריינדין, וואָס האָט חתונה געהאַט און שלעכט געטראָפן, און האָט זיך באַלד געלאָזט גטן, האָט עס אין איר אינעווייניק געמאָנט: פאַר וואָס קאָנסטו עס אויך נישט טאָן?... — זי האָט נישט געוואָגט צו דענקען...

# אין דער וועסט, מיר ווערן פארמער

# אין דער ווייטער וועסט

אין אַ פרילינגדיקן פרימאָרגן, ווען די זון האָט באַשיינט די שיקאַגער דעכער, איז שרה מיטן קינד אין איין האַנט, מיט אַ וואַליזקע אין דער צווייטער, אַרויף אויפן באַן, פאַרנומען אַ זיצפּלאַץ, זיך אַוועקגעזעצט און געגומען טראַכטן.

עס איז נישט געווען קיין קאָנסטרוקטיוו טראַכטן וועגן אַ צוקונפט, נאָר שטיקלעך אָפּגעריסענע געדאַנקען, וואָס האָבן זי געמאַטערט. געוואָלט האָט זיך פאָרן מיט דאָרען אין סאוט־דאַקאָטאַ, און פאַרפאָרן קיין שיקאַגאָ, געוואָלט בלייבן אין שיקאַגאָ, און אָט איז זי שוין באַלד אין אָגדען יוטאַ. און ווו איז ערגעץ מענדל? וואָס איז פון אים געוואָרן?

„דייך לעבן וועט זיין אַ לאַנגס, אַ שווערס, אָבער וועסט גובר זיין, אַרויסקומען אַ גאַנצער, אַ פרייער מענטש".

עס קלינגען איר נאָך אין די אויערן זיינע לעצטע אָפּשיד־ווערטער. איר ברודער חיימס לעצטער בריוו פאַרפאָלגט זי:

„אין גיכן גיי איך אַוועק אין דער צאַרישער אַרמיי. ס׳רוקט זיך אָן אַ מלחמה אויף אונדז. איך וועל זיין דער ערשטער אויפן פייער. שיק, שוועסטערקע, אויף הוצאות, וועל איך קומען צו אייך קיין אַמעריקע".

ישראל האָט נישט דערלאָזן... איצט ברענט דאָרטן אַ מלחמה. און וווהין פאָרט זי? אָפּגעלייגט, אָפּגעצויגן, נישט געוואָלט פאָרן.

„נעם נישט קיין ביישפּיל פון שרהן. קום גלייך צו פאָרן מיטן קינד". אַזוי שרייבט יונה צו זיין ווייב, מיט וועמען זי האָט געטיילט איין דירה. געבליבן אַליין מיטן קינד, נישט געווען מיט וואָס צו באַצאָלן קיין דירה־געלט...

ווי עס וואָלט דערפילט דער מאַמעס שווערן געמיט, האָט דאָס קינד געקרעכצט, זיך געדרייט און געקאָרטשעט אויף דער מוטערס שויס. זי האָט אַרויסגענומען די ברוסט, אַריינגעטאָן אין קינדס מײַלכל. ס'האָט זיך באַרואיקט. די דערבייאיקע פּאַסאַזשירן האָבן געשמייכלט.

אַ פאַרשעמטע האָט זיך שרה צוגערוקט צום באַן־פענצטערל און אַרויסגעקוקט. וואָס מער די באַן האָט זיך געצויגן צו מערב־צו, אַלץ מער האָבן זיך פונאַנדערגעוויקלט פאַרן אויג די ווייט אויסגעשפּרייטע, גרינע פעלדער מיט זייער אָנגעלאָדענער שפע; סעדער, גערטנער און פאַרמע־רישע הייזער זענען פאַרבייגעלאָפן, דערקוויקט דאָס אויג און גרינג גע־מאַכט דאָס געמיט: אָט דאָס איז דאָס שיינע אַמעריקע, פון וועלכער זי האָט זיך אַזוי פיל אָנגעהערט אין דער אַלטער היים אין אירע קינדער־יאָרן. זי איז שטאָלץ געוואָרן מיט איר ניי־אַדאָפּטירט לאַנד אַמעריקע; פאַר וואָס האָט זי חיימען נישט געבראַכט? ער וואָלט דאָ געווען איינער פון די גרעסטע שרייבער. טרערן זענען איר געקומען אין די אויגן...

*

נאָך דריי טעג און צוויי נעכט פאָרן און אומצאָליקע מאָל זיך אָפּשטעלן אויף גרעסערע און קלענערע סטאַציעס, האָט זיך די באַן אין סאַפּעניש און פייפעניש, ווי אַ פאַרמאַטערט פערד, ענדלעך אָפּגעשטעלט אין שיינעם שטעטל אָגדען יוטאַ, ביים גרויסן רעלסן־געפלעכט און באַן־פּאַרקער, וואָס האָט זיך געצויגן אויף פילצאָליקע אייזנבאַן־ליניעס, וועלכע זענען געווען פאַרוואָרפן איינס איבער ס'אַנדערע ווי אין אַ פּלאָנטער און האָבן איר דער־מאָנט דעם שיקאַגער וואָקזאַל. שפּעטער האָט שרה זיך דערוווּסט, אַז מיט קאָרגע הונדערט יאָר צוריק זענען זיך צונויפגעקומען טויזנטער אַרבעטער פון מזרח און מערב און האָבן דאָ פאַרענדיקט דאָס לייגן די רעלסן און אַריינגעקלאַפּט דעם לעצטן, אַ גאָלדענעם טשוואָק אין גרויסן קנופּ אייזנ־באַן־ליניעס.

די מערסטע אַרבעטער, וועלכע האָבן געלייגט די ליניעס פון מערב צו מזרח, זענען געווען כינעזער. זיי האָבן געאַרבעט צענדליקער יאָרן ביים

בויען די וועגן און לייגן די אייזנבאַן־רעלסן. פאַרענדיקט די אַרבעט, זענען זיי צוריקגעשיקט געוואָרן קיין כינע.

— אַ חידוש, פאַרוואָס ?

און נאָך אַ זאַך איז איר געווען אַ חידוש : פאַר וואָס איז דער גרויסער געפלעכט פון באַן־פאַרקער פאַרלייגט געוואָרן דווקא דאָ, אינעם קליינעם שטעטל אָגדען, און נישט אין דער דערבייאיקער גרויסער שטאָט סאָלט לייק סיטי ? די שטאָט איז באַרימט מיט אירע קופּער־מינעס, מיטן געזאַלצענעם טייך, פון וואַנען עס ווערן געליפערט טויזנטער טאָן זאַלץ אַ יאָר פאַר די אַנדערע שטאַטן. דער גרויסער ווייסער מדבר און דער געזאַלצענער טייך, ווו מען באָדט זיך און אויף וועמענס וואַסער־רוקן עס שטייען אויסגעשטעלט טישן, ווו זומער־צייט פּראַוועט מען פּיקניקעס, ווי אויף אַ האַרטן ערדישן באָדן. ווי קומט עס, וואָס מען האָט דאָרטן נישט אויסגעלייגט די ברייט־פאַרצווייגטע אייזנבאַן־נעץ ? האָט מען די גרויסע שטאָט מיט דעם ווייסן זאַלציקן מדבר, בלויען טייך און מאַיעסטעטישן מאָרמאָן־טעמפּל פאַרזען ?

דאָס אַלץ האָט זי באַטראַכט ערשט אין איר שפּעטערדיקן לעבן, ווען זי האָט זיך נענטער באַקענט מיט דער גאַנצער געגנט. איצט,ביים אַראָפּגיין פון באַן, האָט זי געהאַט בלויז איין געפיל : אַ שאָד, וואָס די רייזע האָט זיך אַזוי שנעל געענדיקט. מיט אַ געפיל פון דערוואַרטונג, אַליין נישט ווויסנדיק נאָך וואָס, איז זי מיטן קינד אויף דער האַנט געגאַנגען באַגעגענען ישראלן.

*

די מעין־סטריט ציט זיך פון וואָקזאַל ביז אַרויף צו דעם ברייטן וואַשינגטאָן־בולוואַר, ווו עס געפינען זיך די גרויסע רייכע געשעפטן, גרויסע באַלויכטענע שויפענצטער, ווו עס זענען אויסגעשטעלט טייערע סחורות און פינקלדיקע, קאָסטבאַרע צירונג. פוןביידע זייטן גאַס שטייען גלייכע שורות מיט אַלטע, גוט געפלעגטע טאָפּאָלן־ביימער, זומערצייט וואַרפן זיי אַ קילן שאָטן אויף די רייכע קונים, און ווינטער גלאַנצן זיי מיט ווייסן פוכיקן שניי.

אויך די זייטיקע גאַס איז געווען ברייט, נאָר צוליב דער אָנגעוואָרפנקייט פון פאַרשידענע אַלטע סחורות אויפן טראָטואַר, ביי די קראָמען, זעט די גאַס אויס שמעלער. אַהער קומען שוין גאָר אַנדערע קונים, מענטשן אָרעמע, אָפּגעריסענע, היימלאָזע, בעטן אויף אַ „טעפּעלע קאַווע״ און פאַרבלאָנ־דזשען אין סאַלון (צום ביטערן טראָפּן), מענטשן מיט „לאַנגע פינגער״. קומען פאַרקויפן געגנבטע סחורה (אויב עס גליקט זיי אָפּ) און אויך אָרעמע מענטשן, וואָס קאָנען זיך נישט פאַרגינען צו קויפן קיין ניי בגד, אַ ניי שטיקל מעבל, קומען אין מעין־סטריט איינהאַנדלען מציאות.

ביי די טירן פון די שמאָלע אַריינגענג פון די צווייט־האַנטיקע (סע־קאָנד־הענד) קראָמען הענגען מענערישע געגוצטע אָנצוגן, הויזן, היטלען, שווערע אַרבעטס־שיך, אָפּגעטראָגענע אויבערהעמדער, קראַוואַטן און שניפּסן. ביי דער זייט שטייען מאַסיווע, שווערע קופּערטן, פון אויבן אָנגעלייגט מיט וואַליזקעס איינס אויף ס'אַנדערע, קוקט עס אויס ווי אַ פּיראַמידע; קאָ־לירטע האַנט־בייטלען פון אַלערליי גרייסן. ביי גיטעלמאַנס געשעפט פון געגוצטע מעבל שטייט האַרט ביי דער גרויער וואַנט אַ שוואַרצער אייזער־נער אויוון, אַ ברוין־אָנגעפאַרבטער טיש מיט שווערע שטולן. לאָפּעטעס, גראַבליעס און בעזעמער הענגען אויף די ווענט ביים אַריינגאַנג.

עס זענען דאָ אויך פאַראַן לאָמבאַרד־געשעפטן מיט גלאַנציקער צי־רונג אין די פענצטער. דאָרט געפינט זיך דער אָפּזאַץ פון דער געגנבעטער סחורה. די מערסטע קראָמען באַשטייען פון קליינע גרויע בנינים. אין זיי געפינט זיך דאָס אַלטוואַרג פון די שטעטלדיקע רייכע הייזער. דאָס זענען כלערליי אַרטיקלען, וואָס דער גלאַנץ האָט זיך שוין פון זיי אָפּגעטאָן. זייט ביי זייט מיט די יידישע אַלטוואַרג־קראָמען געפינען זיך קליינע רעסטאָ־ראַנען, כינעזישע האַנט־וועשערייען, שניידער־ און שוסטער־וואַרשטאַטן, ווו אין פאָדערגרונט ביים סאַמע פענצטער זיצן זיי און אַרבעטן און אין הינטערגרונט, אויף יענער זייט פאָרהאַנג, געפינען זיך זייערע וווינונגען.

*

דער טאָג איז געווען אַ לויטערער, די לופט — אַ טרוקענע. עס האָט געשמעקט מיט בעז, וויינשל און עפּל־בליעכץ. אַרומגענומען ווי געשלאָ־

סענע מענטשן־הענט שטייען די שטיינערנע בערג (ראקי מאונטענס) מיט די אייביקע שניי־באַלויכטענע שפיצן. אונטן אין גאַס, ביי די שוועלן זיצן קרעמער און קוקן אויס אויף קונים. ישראל מיטן קינד אויף די הענט, שרה ביי זיין זייט, זענען זיי פאַרבייגעגאַנגען, אָפּגעבנדיק יעדן איינעם אַ „גוט־מאָרגן". אייניקע האָבן זיי נאָכגעקוקט שמייכלענדיק. אַנדע־רע האָבן געמאַכט קורצע באַמערקונגען: „ענדלעך, ס'וויב געקומען? נו, זאָל זיין אין אַ גוטער שעה". אַנדערע האָבן צוגעגעבן: „ליב איך אייער גאַסט, אַ שיין קינד, לאָמיך עס אָנקוקן". שטעלט זיי אָפּ אַ קורץ־געוויק־סיקער קרעמער מיט שנעל־לויפנדיקע אויגן: „די פּלוניתטע אויך שוין". דערוויל דערזעט ער אַ קונה, לאָזט ער זיי איבער און לויפט אין קראָם אַריין.

ישראל איז צוגעקומען צו אַ קראָם מיט אַ שמאָלן אַריינגאַנג און זיך אָפּגעשטעלט. „דאָס איז אונדזער געשעפט", און ער האָט זי אַריינגעפירט אינעווייניק, ווו גלייך ביי דער טיר זענען געשטאַנען אייזערנע געשטעלן מיט אויסגערייניקטע, אויסגעפּרעסטע מענערישע אָנצוגן. אויף די פּאָלי־צעס — שווערע, אַלטע אַרבעטער־שיך; אין אַ ווינקל איז געווען אָנגעוואָרפן אַ באַרג מיט אַלטע בגדים, וואָס בעטן זיך פאַרריכטן, רייניקן און פּרעסן. עס האָט זיך געוואָרפן אין אויג אַ שילד מיט גרויסע, בלויע אותיות: „טשיפּ דזשאַן בארגען סטאָר".

יונה, וואָס איז געזעסן אין פענצטער מיט נאָדל־פאָדים איבער אַ פּאָר אַלטע הויזן, איז אַרויסגעשפּרונגען באַגעגענען דעם גאַסט: „העלאָ, וועלקאָם אין אייער היים!". זיין דאַרע, הויכע פיגור האָט זיך אַריבערגע־בויגן צום קינד. ער האָט אַ סמאָטשקע געטאָן מיט די ליפּן, דאָס קינד האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכל. פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז הינטערן פאַרהאַנג זיצט אַ האַלב־נאַקעטער קונה, איז ער צוריק אַריינ־געקראָכן אין פענצטער און גענומען נייען מיט שנעלע, לאַנגע שטעך. פאַרענדיקט דאָס נייען האָט ער די הויזן אַ וואָרף געטאָן ישראלן: „פּרעס אויס, דער קאַסטימער וואַרט".

אָבער ישראל איז איצט געווען פאַרנומען מיט זיינע געסט. ער האָט געוויזן זיין ווייב זייער וווינונג, וואָס באַשטייט פון אַ גרויס צימער הינ־

טער אַ שפּאַניש ווענטל, וואָס טיילט אָפּ די קראָם פון דער דירה. ביי איין וואַנט שטייט אַ ברייט בעט, ביי דער צווייטער — אַן אייזערן קינדער־בעטל. אין מיטן שטוב — אַ רונדיקער טיש מיט דריי שווערע שטולן. אין אַ ווינקל שטייט אַ שוואַרצער אייזערנער אויוון. אונטערן הויכן סופיט זעט זיך אַ פענצטער מיט קליינע שייבלעך, וואָס איז פאַרקלאַפּט מיט אייזערנע שטאַכעטן אויף דער צווייטער זייט. אַ שווערע טיר פירט צו דעם שמאָלן דורכגאַנג.

שרה פאַרגלייכט אין אירע געדאַנקען די אָרעמע וווינונג, וואָס זי האָט פאַרלאָזן אין וואַרשע מיט אירע עלטערן. יענץ איז געווען אַ פּאַלאַץ אין פאַרגלייך מיט דעם. אַ פאַראומערטע נעמט זי זיך אויספּאַקן דאָס געפּעק.

— העי, ישראל, פּרעס אויס די הויזן!" הערט זיך יונהס שטימע צום צווייטן מאָל.

אין געאייל לייגט ישראל אַוועק דאָס קינד אויפן בעט און פאַרשווינדט ערגעץ אין אַ ווינקל קראָם, ווו עס איז געשטאַנען אַ פּרעס־ברעט מיט אַן אייזן. זען זעט מען אים נישט, נאָר ער שרייט אַרויס צו יונהן:

— כ'וועל נאָך אפשר באַוויזן היינט אַרויסגיין פּעדלען אויף עטלעכע שעה.

*

צומאָרגנס איז געקומען יונהס ווייב, סאַלי. זי האָט דערציילט שרהן, אַז זי האָט זיך דאָ גוט איינגעלעבט, האָט אַ שטוב פון דריי צימערן און אַ גוטע מעלקנדיקע בהמה אין שטאַל, אַז זי האָט זיך איינגעשאַפט אַ סך פריינד צווישן די קרעמערישע פרויען; אַז עס זענען דאָ אַרום דרייסיק יידישע פאַמיליעס. דער גרעסטער טייל פון זיי פאַרנעמט זיך מיט די „סע־קאָנד־הענד"־ביזנעס, און כאָטש מען רייסט זיך אַרום איבער אַ קונה, מען קאָנקורירט איינע מיט די אַנדערע, לעבן דאָך די עטלעכע צענדליק יידישע משפחות בשלום, איבערהויפּט ווען עס קומען יידישע יום־טובים, שמחות, יאָרצייטן און בריתן. די יידישע געמיינדע האָט אַראָפּגעבראַכט פון דער גרויסער שטאָט אַ ראַבאַי. ער איז אויך אַ שוחט, באַזאָרגט די

ייִדישע פרויען מיט כשר פלייש, ער איז אויך אַ מוהל, אַ בעל־תּפילה און לערנט מיט די קינדער דאַוונען און מאַכן ברכות. און ווייל ער איז אַ גוטער מענטש, באַלאַנגט די כשרע צונג פון דער בהמה צו אים. זי האָט דערציילט ווי ביליק די לעבנסמיטל זענען; אַז יונה גיט איר פינף דאָלאַר אַ וואָך אויף הויז־הוצאות „סיזוט“ זי נאָך אָפּ אַ ביסל קליינגעלט, לייגט אַוועק אויף אַ באַנק־ביכל.

פאַרענדיקט האָט זי מיט די ווערטער:

— ס׳לעבט זיך מיר דאָ ווי אַ פייגעלע אין נעסט.

אָבער נישט אַלעמען אין שטעטל האָט זיך געלעבט ווי „אַ פייגעלע אין נעסט“. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט אומרו און שרעק. אין יענער צייט האָט זיך אין אייראָפּע צעפלאַקערט די מלחמה און אַריינגעכאַפּט אין דער פייער־פּאַסטקע אויך אַמעריקע. „אַנקל סעם“ האָט אַרונטערגענומען פון די גאַסן די יונגע „באָמס“, „שכורים“, די שטענדיקע אַרומפּאָרער פון די פּראַכט־וואַגאָנען, זיי אָנגעטאָן אין אַרמיי־אוניפאָרמען. מען האָט אַריינגעשטעלט שילדלעך אין די פענצטער: „קיפּ סמיילינג“ און מענטשן האָבן געשמייכלט...

מיט דעם פאַרשווינדן פון די לומפּנפּראָלעטאַריער פון דער מעין־סטריט האָבן די אַלטוואַרג־געשעפטן אָנגעהויבן גיין שלעכט. די ערשטע, וואָס האָבן זיך דערטראַכט צו אַן אויספאַרקויף (סייל), זענען געווען די שותּפים ישראל און יונה — די פירמע „טשיפּ דזשאַן באַרגען סטאָר“. שילדן מיט גרויסע רויטע ווערטער האָבן אָנגעזאָגט, אַז זיי גיבן אַוועק כחורה האַלב אומזיסט. באַלד איז אַרויסגעקומען דער האַלב־בלינדער דוד בערגמאַן, פון דער צווייטער טיר לינקס, מיט נאָך אַ גרעסערן שילד: „מעין ענטערעס!“ (הויפּט־אַריינגאַנג), מיט אַ פּאָר טירן ווייטער, פון דער רעכטער זייט איז אַרויס דער דיק־בייכיקער קורצער קאָהן מיט אַ גלאָק אין האַנט, אָנגעהויבן קלינגען און גערופן די קונים צו זיך.

באַטראַכטנדיק דאָס, האָט זיך שרה דערמאָנט אין די היימישע שעפער, שיקאַגער שאַפּ, די אַרבעטער מיט וועמען זי האָט געאַרבעט, ווי בייהילפיק זיי זענען איר געווען; ווי אָנשטענדיקער, מענטשלעכער זענען יענע געווען אין פאַרגלייך מיט די דאָזיקע קרעמער, וועלכן רייסן זיך דאָ אַרום צוליב

אַ קונה. יענע געהערן צו אַרבעטער־פּאַראיינען, העלפן זיך איינע די אַנדערע. און אַפילו יענע, וואָס געהערן נישט צו קיין שום יוניאָן, האַלטן די אויגן אָפן, דערלאָזן נישט, אַז דער באָס אָדער פאָרמאַן זאָל באַוועלן אַ צווייטן אַרבעטער, נעמען זיך אָן פאַר אים, אַפילו ווען עס שטייט זיי פאַר אַ געפאַר צו פאַרלירן דעם דזשאָב. וואָס מער זי האָט געטראַכט דערפון, אַלץ מער האָט זי אויסגעמיטן דעם מיטלקלאַס־מענטש.

אָן אָפּגעזונדערטע אין די אייגענע דלת אמות, איז פאַר איר דאָס קינד געווען איר איינציקע טרייסט אין לעבן. די יידישע לידער, וואָס זי האָט דעם קינד געזונגען ביים שלאָפנגיין, זענען געוואָרן אירע קאָנצערטן, דער „פאָרווערטס״ — איר איינציקער קאָנטאַקט מיט דער יידישער וועלט. מיט יעדן טאָג זענען די נייעסן פון מלחמה־פראָנט געוואָרן פאַרשאַרפטער, פיינלעכער, די שטימונג — דערדריקנדיקער, דאָס געוויסן — פאַרשולדיקטער: צוליב אַ מיזעראַבלע פאַר הונדערט דאָלאַר, וואָס ישראל האָט נישט געהאַט אַרויסגעשיקט, ליגט חיים איצט אין די אָקאָפּעס... און אפשר איז ער שוין אומגעקומען... דער אינסטינקט האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז זי איז אין דעם די הויפּט־שולדיקע. זי האָט אָנגעהויבן פאַרנאַכלעסיקן זיך, דאָס קינד, און געוויס אויך ישראלן...

אין דעם „סייל״ איז נישט געווען קיין דערפאָלג. די אַלטוואַרג־געשעפטן זענען געגאַנגען שלעכט. דאָך איז מען געשטאַנען פון אַכט פרי ביז ניין אַ זייגער אָוונט ביי אָפענע טירן. בלויז פרייטיק האָט מען צוגעמאַכט די קראָמען מיט אַ פאָר שעה פריער. יידן מיט זייערע אויסגעפוצטע ווייבער און קינדער זענען געגאַנגען אין דער ניי־אויסגעבויטער שול. דער ראַבאַי, הערש ברענער, אַ מיטלוואָקסיקער, מיט אַ רונדיק בייכל, אָנגעטאָן ווי דער כוהן גדול, האָט געשמייכלט צו די בעלי־בתים פון שטעטל. יידן גיבן זיך די הענט, — שלום־עליכם, עליכם־שלום — מען פאַרגעסט די וואָכעדיקע קאָנקורענץ, מען ווינטשט זיך „גוט שבת און אַ וואָך פון גוטער פרנסה״. מיט פיר און צוואַנציק שעה שפעטער, שבת־צו־נאַכט, הייבט זיך אָן אויפסניי דאָס רייסן די קונים ביי די פאָלעס. דער שטענדיקער גוטמוטיקער ראַבאַי, שעכט דאָנערשטיק אַ בהמה אויף שבת און פאַרטיילט צו זיינע גוטע באַלעבאָסטעס די כשרע צונגען און שמייכלט מיט אַ זיס שמיי־

כעלע. ווען די באַלעבאָסטעס קומען זיך צונויף אין שול, באַרימען זיי זיך איינע פאַר די אַנדערע, אַז די וואָך האָט זיך געקריגן די כשרע צונג, האָט זי אַלע טעמים. וווּנדערן זיי זיך: ווי קאָן עס אין בהמה האָבן זעקס צונגען? דערוויסט מען זיך די מעשה, גייט ס׳שטעטל כאַדאָראָם: ס׳טייטש, האָבן די באַלעבאַטים געטענהט, אַזאַ חילול־השם?!״

געווען אויך באַלעבאַטים, וועלכע זענען נישט שטאַרק מקפיד געווען אויף כשרות. פאַרענטפערן זיי דעם ראַבאַי — מה רעש? קיינער איז נאָך פון די טריפהנע צונגען חלילה נישט געשטאָרבן. ער איז אַ ווילער מענטש, לערנט מיט די ייִנגלעך יידישקייט, בר־מצווה־ברכות, זאָל מען אים מוחל זיין. אַזוי האָבן געטענהט די נישט איבעריק פרומע. אָבער דאָס רוב יידן אין שטעטל האָבן געהאַלטן כשרע קיכן, האָבן זיי געשריגן, אַז דער ראַבאַי ברענער איז אַ פאַלשער, אַ הפקר־מענטש, אַ געלט־מאַכער, אַז ער פאַסט זיך גאָר נישט צו לערנען מיט קיין יידישע קינדער — ער מוז גיין! אָבער דער ראַבאַי גייט נישט אַזוי שנעל, ער האָט אַ קאָנטראַקט מיט דער קהילה, און עס זאָגט זיך דאָרטן גאָר נישט וויפל צונגען אַ בהמה מעג האָבן... קאָכט דאָס שטעטל און די נייעס מיט די צונגען פאַררוקט און פאַרשטעלט אַלע אַנדערע רכילותן.

אַנומלטן, גייענדיק אין גאַס, איז שרהן אַנטקעגן געקומען די קורצע פעטלעכע מרס. נאַדל, וועלכע קינדלט יעדעס יאָר און פירט אַ שטרענג כשרע קיך:

— שוין געהערט די נייעס? — שטעלט זי זי אָפּ מיט אַ פראַגע אויף איר בייז פּנים.

— איר מיינט די נייעס מיט די כשרע צונגען? יאָ, געהערט — זאָגט שרה מיט אומגעדולד און קערט זיך אָפּ פון איר.

אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, שטעלט זי אָפּ די הויכע מרס. בערגמאַן:

— שוין געהערט די נייעס? — און זי רעכנט אויס די זעקס נעמען פון די זעקס באַלעבאַטים, וועלכע האָבן געקריגן די זעקס „כשרע״ צונגען, מיט אַזוי פיל גאַל און היץ אויף איר לענגלעך פּנים, ווי די זעקס משפחות וואָלטן געווען שוין פאַרסמטע.

נאָך 9 אַ זייגער אין אָוונט, ווען ישראל האָט פאַרשלאָסן די קראָם־טיר און איז אַריין אין שטוב, איז זיין ערשטע פראַגע געווען:

— האָסט געהערט די נייעס?

— מיינסט די נייעס מיט די זעקס צונגען? — שלאָגט זי אים איבער די רייד, — געהערט, געהערט! — וואָס גייט דאָס מיך אָן? — פרעגט זי און גראָבט איין די אויגן אין דער צייטונג, וואָס זי האָט געהאַלטן אין לייענען.

— וואָס גייט דיך דאָס אָן? — האָט ישראל זיך אָפּגערופן אָן אויפגע־רעגטער. — דו ביסט נאָך אַלץ אַזוי מעלאַנכאָליש; דו שפּאַסט נישט און לאָזסט נישט יענעם מאַכן אַ שפּאַס. וואָס קוועלט דיך, וואָס נעמט ביי דיר צו די רו? ווער איז דאָס דער „מענדל״, וועמען דו רופסט פון שלאָף? זאָג, ווער איז ער?!

זיין שטענדיק ווייך קול איז איצט געווען שאַרף ווי אַ מעסער, פון זיינע שטענדיק מילדע אויגן האָבן איצט געשפּריצט פייערדיקע פונקען. פון גרויס שרעק פאַר זיין אויפגערעגטן אויסזען האָט זי געשוויגן.

צומאָרגנס אין דער פרי איז ער שוין געווען רואיקער. זיינע אויגן זענען געווען רויט פון נישט דערשלאָפן, זיין שטענדיק שמייכלענדיק פּנים האָט געהאַט אַן אַש־קאָליר.

ער האָט אַרומגענומען זיין ווייב מיטן קינד און געבעטן זי זאָל אים פאַרגעבן. ער האָט געשווירן, אַז ער האָט זיי ביידן ליב מער ווי זיין אייגן לעבן. און ווי זיין טבע, הייס געקושט זי און דאָס קינד. ער האָט געזאָגט צו יונהן, אַז באַלד קומט ער צוריק, זאָל ער אויפפּאַסן אויף שרהן, זי האָט קאַפּווייטיק און איז אָוועק.

— משנה מקום, משנה מזל — כ׳האָב געפונען אַ שיינע, ליכטיקע דירה, טאָקע נישט ווייט פון דאַנען, אויף דער וואָל־סטריט, — איז ישראל געקו־מען צו לויפן אַ פריילעכער, אַן אויפגעלעבטער, און גענומען העלפן דעם ווייב איינפּאַקן די זאַכן.

די שטערן אין הימל האָבן שוין געפינקלט, ווען ישראל, שרה און דאָס אַכט־חדשימדיקע קינד האָבן זיך אַריינגעקליבן אין זייער נייער קליינער ליכטיקער דירה.

*

דער פרימאָרגן איז געווען אַ לויטערער. די זון האָט באַהעלט די ברייטע גאַס מיט אירע צוויי שורות אַלטע הייזער, וואָס זענען אין פאָדער־גרונט געווען אַרומגענומען מיט גרינס און בלומען און דער הינטערגרונט — מיט גרויסע פאַרמערישע הויפן. אַרבעטער, קרעמער און פאַרמער האָבן געאײַלט צו דער אַרבעט, ווער מיט אַ פערד און וואָגן, ווער צופוס. דאָ און דאָרט האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ שילד: „אַ שטוב מיט אַ שטאַל צו פאַרדינגען. פרוכט און גרינצייג, פריש פון גאָרטן, הינער און אייער צום פאַרקויפן“.

שרה האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר. אַ מיטליאָריקע, שמייכלענדיקע פרוי האָט געעפנט און געבעטן זי אַרײַנקומען. אַ ריח פון געפּרעגלטן „בעיקן“ און קאַווע האָט פאַרשמעקט די שטוב, אַלץ אַרום האָט געאָטעמט מיט היי־מישער געמיטלעכקייט.

— וואָס פאַרלאַנגט איר ?

— אַ טוץ אייער, — האָט זי געזאָגט און איז דורכגעלאָפן מיט די אויגן די פאַרם־שטוב. די פרוי האָט זי געבעטן זיצן און איז פאַרשוווּנדן אין הויף, הינטערן שטוב. באַלד איז זי צוריקגעקומען מיט אַ שאַכטל אייער, און באַמערקנדיק שרהס פאַרחידושטן פּנים, האָט זי אַ פרעג געטאָן :

— איר זענט אַ נייע דאָ, אין דער געגנט ?

— יאָ, נעכטן זיך אַרײַנגעצויגן. עס איז נאָר עטלעכע הייזער פון דאַנען — האָט זי געזאָגט אין אַ געבראָכענעם ענגליש.

— זענט איר דאָך אונדזער שכנה. מײַן נאָמען איז מעקריידי. און אײַער ?

— מרס. גאָלדבערג.

— קומט ווידער, מרס. גאָלדבערג — און גיט איר איבער דאָס שאַכטל אייער, נעמט די צוואַנציק ניקלס, באַדאַנקט, און צעשיידט זיך מיט איר, ווי זיי וואָלטן געווען אַלטע שכנים.

ענדלעך, וועט דאָס קינד עסן אַ פריש אייעלע. דורך די עטלעכע וואָכן

אין „הינטערגרונט״ פון דער קראָם, אָן לופט, אָן ליכט, זענען די פּוכקע בעקעלעך זיינע בלאַס געוואָרן און דאָס האַרץ וויטיקט איר פאַרן קינד. זי דערמאָנט זיך, וואָס ישראל האָט נעכטן געזאָגט: „משנה מקום, משנה מזל״. זי איז אים געווען דאַנקבאַר, אַפילו געזוכט, באַמיט זיך אים ליב צו האָבן. זי האָט פאַרשנעלערט דעם גאַנג, ווי וועלנדיק אַנטלויפן פון די אייגענע געדאַנקען.

אין אָונט איז אַריינגעקומען די שכנה, וואָס וווינט הינטער דער וואַנט מיט אַ שיסל פּרוכט אין די הענט. צוויי קליינע קינדער זענען איר נאָכ־געגאַנגען:

— וועלקאָמען אין אונדזער געגנט. מיין נאָמען איז קלאַראַ בראַון, ווי איז אייער? — האָט זי אַ פרעג געטאָן און אַוועקגעשטעלט די שיסל פּרוכט אויפן טיש.

פון גרויס איבעררראַשונג האָט שרה גלייך נישט געקאָנט ענטפערן. נאָך אַ מאָל באַטראַכט די יונגע פרוי, איר צעשמייכלט פּנים, די איינפאַכע קליידונג, די צוויי קינדערלעך הינטער איר, אַלץ אַרום זיי האָט געאָטעמט מיט היימישקייט. זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, אָנגעוויזן אויף אַ שטול און געבעטן זיצן.

— מיין נאָמען איז סאַראַ גאָלדבערג. אַ דאַנק פאַר אייער פריינדשאַפט און פאַר די פּרוכט.

זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, האָבן איר אויסגעפעלט ענגלישע ווערטער. קלאַראַס פאַרשטענדיקע בלויע אויגן האָבן גלעטנדיק גע־שמייכלט, ווי זי וואָלט געזאָגט: ס׳מאַכט נישט אויס. זי איז צוגעגאַנגען צום קינד, וואָס איז געזעסן אין זיין קינדער־שטול, אַ שפּיל געטאָן זיך מיט אים. ער האָט איר געענטפערט מיט אַ שמייכל. זי האָט זיך דער־פרייט: — אַ שיין קינד; ווי אַלט איז ער?

— ס׳ווערט אים באַלד אַכט חדשים. און אייערע? — האָט זי גע־פרעגט, אָנווייזנדיק אויף אירע קינדער מיט די רונדיקע, ראָזעווע בעקע־לעך, וואָס זענען געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין שרהס קינד מיט זיין נייעסטער צאַצקע. די קלייניקע האָט געריסן דאָס פּייקל פון זיינע הענטלעך.

— מייקל איז פינף, און דזשויס איז דריי יאָר אַלט — האָט די מוטער אינפאָרמירט און איבערגענומען דאָס פּיקעלע פון אירע הענטעלעך, עס איבערגעגעבן צוריק דעם קינד. — מאָרגן וועל איך דיר קויפן אַזאַ צאַצקע — האָט זי איר פאַרזיכערט. — גייט, טייערינקע,ביידע אין שטוב צו דער באָבען. אָט קום איך באַלד אַריין.

די קינדער האָבן געפאָלגט. זיי זענען אַרויס אויפן גאַניקל, געמאַכט אַ פּאָר טריטלעך, און אַריין אין דער צווייטער טיר.

קלאַראַ האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ פריינדלעכע און באַרעדעוו־דיקע. זי האָט דערציילט, אַז די קינדער האָבן ליב דער באָבען, זי מאַכט פאַר זיי גוטע פּאַטראַוועס, דערציילט זיי שיינע מעשהלעך, לערנט זיי זיין געהאָרכזאַם, האָבן דרך־ארץ פאַר עלטערע מענטשן, לויט דער מאָרמאָן־רעליגיע. זי האָט דערציילט, אַז יונגערהייט איז איר שוויגער געווען אַ באַרימטע שיינהייט, און איינע פון בריגאַס יאַנגס פילע ווייבער. אַז איר מאַן דזשאָן איז אַ הויז־פאַרבער, רייכערט נישט, טרינקט נישט; ס'איז נישט אין זיין רעליגיע. נאָך זאָכן האָט זי איר דערציילט, וואָס זי, שרה, האָט נישט פאַרשטאַנען. זי האָט שרהן געפרעגט: ווי לאַנג זי איז אין אַמעריקע? וואָס טוט דער מאַן? צי האָבן זיי דאָ פריינד, משפחה?

קלאַראַ האָט פאַרשטאַנען די שוועריקייט פון איר שכנה צו רעדן ענג־ליש, זי האָט זיך אַנטשולדיקט, זיך אויפגעהויבן פון פלאַץ, געבעטן שרהן צו קומען אָפטער זי באַזוכן און געעצהט, אַז זי זאָל זיך נישט שעמען רעדן: וואָס מער זי וועט רעדן, אַלץ שנעלער וועט זי באַהערשן די לאַנד־שפּראַך.

די נייע שכנים זענען געוואָרן די בעסטע פריינד פון די גאָלדבערגס. ביי ישראלס שטענדיקער פאַרהאַוועטקייט אין „ביזנעס", זענען זיי געוואָרן פאַר שרהן אַ קוואַל פון אינספּיראַציע. קלאַראַ, אַ געוועזענע שול־לערערין, וויסנדיק, אַז איר נייע פריינדין האָט נישט אויף וועמען צו לאָזן דאָס קינד און גייך אין אַ נאַכט־שול, האָט איר געגעבן פרייע לעקציעס פון שרייבן און לייענען ענגליש, געהאָלפן מיט ראַט און טאַט. טייל מאָל האָט די גוטסקייט פון אירע שכנים זי גערירט ביז טרערן.

אָט איז אַריינגעקומען די אַלטע גלעדיס, וועלכע איז געווען איינע פון בריגאַס יאַנגס פילע ווייבער, האָט זי, געוואָרנט אַז זי זאָל נישט

האַלטן אויפֿן אַקסל נאַסע ווינדעלעך. זי קאָן נאָך חלילה באַקומען רעוומאַ־טיזם, און האָט איר געהאָלפֿן ביים אויפֿהענגען די ווינדעלעך אויפֿן שטריקל. האָט גערעדט צו איר אין אַ ווייכן מוטערלעכן טאָן: זאָל זי נישט זיין פֿאַר־אומערט: „ביסט יונג, זיי פֿריילעך". דערביי האָט זי איר אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אין דער הייך צו דער שיינענדיקער זון, און מיט דער צווייטער אַלטער, אַדערדיקער האַנט געוויזן אויפֿן קינד, וואָס איז געזעסן אין וועגעלע: „האָסט פֿאַרוואָס צו זיין פֿריילעך", האָט זי געזאָגט מיט אַ צע־שמייכלט פּנים, וואָס טראָגט נאָך סימנים פֿון אַמאָליקער שיינקייט.

אין די לאַנגע זומער־פֿאַרנאַכטן פֿלעגט מען אָפֿט זיצן צוזאַמען אויפֿן בשותּפֿותדיקן בענקעלע און שמועסן. טייל מאָל פֿלעגט אַרויסקומען דזשאָן בראַון, דער באַלעבאָס, און נעמען אָנטייל אינעם געשפּרעך. זיין שטימע האָט געקלונגען מילד און פֿריינדלעך, אין קעגנזאַץ צו זיינע האַרטע מאָזאַ־ליעדיקע הענט און ברייטע פּלייצעס. זיי פֿלעגן זיצן געמיטלעך, זיך צוקוקן ווי זייערע קינדער צוזאַמען מיט אַנדערע קינדער פֿון געמישטער פֿאַר־שידנקאָליריקער שכנהשאַפֿט שפּילן זיך אויפֿן בערגל זאַמד. שרה האָט געוווּסט, אַז קינדער פֿון פֿאַרשידענע נאַציעס גייען אין דער זעלבער סקול, רעדן די זעלבע שפּראַך, סאַלוטירן די זעלבע פֿאָן, די פֿאָן פֿון שטערנס און שטרייפֿן. זי האָט זיך געוווּנדערט, פֿאַר וואָס זי האָט עס נישט באַמערקט פֿריער אין די גרעסערע שטעט, וווּ זי איז געווען. אויך איז איר אַ וווּנדער געווען, פֿאַר וואָס די שכנים רעדן נישט וועגן דעם, באַמערקן אָפֿילו נישט די אַלע גוטע זאַכן, וואָס אַמעריקע גיט אירע בירגער. זי האָט זיך באַמיט אַריינלייגן אירע געפֿילן אין ווערטער. זי האָט געזאָגט:

— כ'האָב ליב אַמעריקע, די מענטשן, אַזעלכע ברייטהאַרציקע, פֿריינד־לעכע. מיינע פֿריינד און משפּחה אויף יענער זייט ים וואָלטן זיך געשעצט גליקלעך צו לעבן אין אַזאַ פֿריי לאַנד.

קלאַראַ קומט איר צו הילף: פֿאַרריכט די ענגלישע ווערטער, וואָס זי האָט נישט ריכטיק אַריסגעזאָגט — זאָל זי מער שטודירן, לייענען. שרה באַדאַנקט איר. פֿריינדלעכע פּנימער צעשמייכלען זיך, די לערערין ווי אויך די שילערין שמייכלען, ווי זיי וואָלטן אָפּגעטאָן אַ גוט שטיקל אַרבעט. די גוטע שכנישע סביבה האָט שרהן טיילווייז אויפֿגעלעבט. אין די

געדאַנקען האָט זי זיי פאַרגליכן מיט די יידישע פרויען, מיט יענע קאָן זי זיך צונויפרעדן, אָבער נישט פאַרשטיין. מיט די פאַרשטייט זי זיך און קאָן זיך נישט צונויפרעדן. ווי דערקלערט זיך דאָס? זי ווייסט, אַז די יידן זענען דאָ נישט אין גאַנצן אָפּגעריסן פון דער היגער איינגעבוירענער באַפעלקערונג. נישטאָ קיין ספּעציעלע שכנהשאַפט פאַר מינדערהייטן. אַ צאָל רייכערע יידן און נישט־יידן וווינען אין איין און דער זעלבער געגנט, מען איז פריינדלעך, מ׳העלפט זיך אַרויס אין אַ נויט. מען באַמיט זיך רעדן די זעלבע שפּראַך, פייערן נאַציאָנאַלע יום־טובים, ווערן אַ טייל פון דער באַפעלקערונג אין שטעטל, און דאָך זענען זיי אַנדערש. אַנומלט האָט זי געהערט אַ יידישע פרוי זאָגן: „דאָ לעבט מען נישט, מען עקזיסטירט". הייסט עס, מען מאַטערט זיך דאָ, נישט נאָר אין די נודנע הינטער־קראָם־וווינונגען, נאָר אויך גייסטיק נודנע... און זי דערמאָנט זיך די ווערטער פון דער אַלטער גלעדיס: „זיי נישט פאַראומערט. ביסט יונג, זיי פריילעך. זע ווי די זון שיינט, דאָס קינד אין וויגעלע. ס׳איז כדאי צו לעבן אויף דער וועלט".

*

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע. די לופט האָט געשמעקט מיט שוועבל און יום־טובדיקייט. דאָס קנאַלן פון קינדערישע ביקסלעך, באַגלייט פון פאַנטאַסטישע פייער־שפּריצן, וואָס האָבן זיך געצונדן און געהויבן צום הימל, האָט באַלויכטן דאָס שטעטל און אָנגעזאָגט, אַז היינט איז דער יום־טוב פון 4טן יולי.

אַ צופרידענער מיט זיין ווייבס פאַרבעסערטן געמיט־צושטאַנד, האָט ישראל פאַרשטייפט זיין האַנט אין אירער און געשפּאַנט אַרויף און אַראָפּ איבער דער צעלויכטענער גאַס. ער האָט איר דערציילט וועגן דער היסטאָרישער באַדייטונג פון פערטן יולי, וואָס ווערט געפייערט אין אַמעריקע יעדעס יאָר צום אָנדענק פון דער דערקלערונג פון זעלבשטענדיקייט און אומאָפּהענגיקייט פון ענגלאַנד, זינט דעם יאָר 1776. ער האָט גערעדט וועגן דער קאָנסטיטוציע, וועגן בירגער־קריג, אונטערגעשטראָכן, אַז אַלע

מענטשן זענען באַשאַפן גלייך. דאָס האָט ער געלערנט אין דער נאַכט־שול; ער ווייסט אויך, אַז אין אַמעריקע האָבן מענטשן די מעגלעכקייט זיך „אַרויפצואַרבעטן" און אַפילו ווערן אַ פּרעזידענט פון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. ער רופט אָן די פריערדיקע 26 פּרעזידענטן ביי זייערע נעמען ביז צום איצטיקן פּרעזידענט ווודרו ווילסאָן.

שרה קוקט אויף אים מיט באַוווּנדערונג. זי האָט זיך נישט פֿאַרגע־שטעלט, אַז ער ווייסט אַזוי פיל פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע. זי האָט געמיינט, אַז ער ווייסט נאָר צו פּעדלען און צו מאַכן ביזנעס. זי האָט, ווייזט אויס, אים נישט געקענט. און פון וואַנען האָט זי אים יאָ געזאָלט קענען? כאַפּט אונטער אַ צווייטער געדאַנק; אַלץ איז אָפּגעמאַכט געוואָרן אַזוי גע־שווינד. איידער זי האָט זיך אַרומגעקוקט איז זי שוין געווען די פרוי פון אַ באַנקראָטירטן מאַן...

ישראל האָט נישט דערפילט איר רעספּעקט; ער האָט אָנגעהויבן מיט פרישן מוט צו דערציילן וועגן זיינע „גרינע" בחורישע יאָרן: „מיין שותּף יונה און איך האָב צוזאַמען געפּעדלט. מיט פערד און וואָגן זענען מיר אויסגעפאָרן גאַנץ אַמעריקע אין דער לענג און אין דער ברייט, מערסטנס אָבער אין די פֿאַרוואָרפענע פאַרם־ווינקעלעך פון די דרום־שטאַטן. פיל מאָל הונגעריקע, מידע, אין אַ שפּעטער שעה אָנגעקלאַפּט אין אַ פאַרמע־רישער טיר. דער פאַרמער האָט געעפנט די טיר, דערלאַנגט אַ וואַרעמען האַנט־דרוק, אַ פריינדלעכן האַודו?", געגעבן אונדז געלעגערס, עסן, היי און וואַסער פאַרן פערד, ווי מיר וואָלטן געווען אַלטע באַקאַנטע. און ווי די פאַרמערקע מיט אירע קינדער האָבן זיך דאָס געפרייט ווען מיר האָבן געמאָסטן און געשניטן די זיידנס און געוואַנטן, פאַר וועלכע זי האָט געמאַכט אַ קליינעם איינצאָל. מיר פלעגן שטיין אין דער געגנט אַ 10—12 טעג און קריגן אויסגעצאָלט. אַנדערע פאַרמער איז געווען שווער צו מאַכן צאָלונגען. מיר זענען געווען געצוווּנגען צוריקצונעמען אונדזער סחורה. אָך, ווי די קינדער האָבן געהאַט געוויינט, די פאַרמערקע האָט געזידלט, ס'איז געווען זייער שווער אויפן האַרצן... איין מאָל האָט אונדז אַ פאַרמערקע פאַרשאָלטן, ווייל גלייך נאָך דעם ווי מיר האָבן צוגענומען פון איר די סחורה און געפאָרן ווייטער, איז פון ערגעץ אָנגעלאָפן אַ באַן און אַרויס־

געלאָזט אַ שאַרפֿן פּיף. דאָס פֿערד האָט זיך דערשראָקן, גענומען פֿליען איבער בערג און טאָלן, וווהין די אויגן האָבן אים געטראָגן, נישט צום אָפּשטעלן! ווען מיר האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט, זענען מיר געלעגן אין אַ זומפּ, דער וואָגן מיט סחורה איבערגעקערט, דאָס פֿערד איינגעפּלאָנטערט אין די לייצעס האָט געהירזשעט פֿאַר שרעק. מיר זענען אָפּגעקומען מיט לייכטע ווונדן, כ׳וויס פֿון פֿעדלער וואָס האָבן זייערע לעבנס פֿאַרלוירן פֿון „צעטראָגענע פֿערד". אַ סך פֿון זיי זענען צוריק געפֿאָרן אין שטאָט, גע־עפֿנט „סטאָרקעס" און זיך אַרויפֿגעאַרבעט צו גרויסע דעפּאַרטמענט־סטאָרס. ער האָט דערמאָנט אַ נאָמען פֿון אַ באַקאַנטן פֿעדלער, וואָס האָט איצט אַ גרויסע דעפּאַרטמענט־סטאָר אין דענווער. פֿאַרענדיקט דערציילן מיט דעם: „וואַרט, מיר וועלן אויך נאָך האָבן אַ גרויסע דעפּאַרטמענט־סטאָר!".

שרה קוקט אויף אים מיט אירע פֿאַרחלומטע אויגן און טראַכט: איז דאָס דער זעלבער מענטש, וואָס האָט נאָר וואָס דערציילט די באַדייטונג פֿון פּערטן יולי, פֿון בירגער־קריג און נאָך היסטאָרישע זאַכן, וואָס זי האָט נישט געוווּסט? מיט שטילער קאַלטקייט האָט זי אַרויסגעצויגן איר האַנט פֿון זיינער און פֿאַרשנעלערט דעם טריט.

— וואַרט, כ׳האָב דיר נאָך עפּעס צו דערציילן! — האָט ער זי אָפּגע־שטעלט.

— כ׳האָב געמיינט, אַז דו האָסט מיר שוין אַלץ אויסדערציילט.

— ניין, דאָס וואָס כ׳האָב דערציילט איז געווען פֿון דער פֿאַרגאַנגענ־הייט. איצט וועל איך דיר דערציילן פֿון דער צוקונפֿט. — נישט וואַרטנדיק זי׳ערויף ווי זי וועט רעאַגירן, האָט ער ווייטער גערעדט: — ווי עס ווייזט אויס, האָט די ווייטע וועסט געמאַכט אויף אונדז אַ גוטן איינדרוק. בירגער זענען מיר שוין; כ׳האָב מיך דורכגערעדט מיט יונהן. מיר האָבן באַשלאָסן צו פֿאַרקויפֿן די „סטאָר" און ווערן „האָמסטעדער".

— וואָס איז דאָס „האָמסטעדער"? — האָט שרה געפֿרעגט אין גרויס איבערראַשונג.

— אַ „האָמסטעד" איז רויערד. מערסטנס טרוקן, אָן וואַסער, נישט צעאַקערט, באַוואַקסן מיט ווילדגראָז. אין ענגליש הייסט עס: „ווירדזשין

כאַיל״. ס׳מיינט, אַז קיין מענטשלעכע הענט האָבן דאָס נאָך נישט באַרירט. יעדער בירגער איז באַרעכטיקט צו באַקומען דריי הונדערט אַקער לאַנד און מער. אויב מיר שטייען אויס די גאַנצע דריי יאָר, מאַכן אימפּראָווי־מענטס, לויט רעגירונג־רעגולאַציעס, באַלאַנגט דער באָדן צו אונדז. מיר קאָנען בלייבן פאַרמער, אָדער פאַרקויפן דאָס לאַנד און מאַכן געלט — דערקלערט איר ישראל.

— כ׳האָב מורא, ישראל, מורא זיך פאַרשלעפּן אין די הרי־חושך, אין דער ווילדעניש מיטן קינד. ער זאָל חלילה נישט ווערן קראַנק — אָן אַ דאָקטער, אָן מעדיצין... לאָמיר דאָס נישט טאָן. — שוואַך און שטאַמלענדיק איז געווען איר פּראָטעסט.

ער האָט זיך פון איר אויסגעלאַכט — אויף אַזאַ פאַרם איז נישטאָ קיין קראַנקייטן. אַלע זענען דאָרט געזונט.

— גיי דערווייל אַליין. איך וועל דאָ בלייבן. כ׳וועל קומען מיטן קינד אַ יאָר שפּעטער — האָט זי געזאָגט אין פאַרלעגנהייט.

— הער אויס, שרה, סאַלי וועט טאָן וואָס יונה וועט הייסן. דו אויך.
— ס׳האָט זיך געפילט אַזוי פיל באַפעלערישקייט און אַנטשלאָסנקייט אין זיין קול, אַז גיין קעגן האָט זי שוין מורא געהאַט. „דאָס קינד איז אַליין אין שטוב״ — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן און האָט פאַרשנעלערט איר גאַנג.

— קלאַראַ גיט אויף אים אַכטונג. — זיין שטימע איז מיט אַ מאָל געוואָרן ווייך.

— געהאַט אַ גוטן שפּאַציר? — איז זיי קלאַראַ אַנטקעגן געקומען מיט אַ וואַרעמען שמייכל.

— יאָ, זייער גוט...

זי איז צוגעלאָפן צום קינדס בעטעלע, מיט מוטערלעכער ליבשאַפט אַריינגעקוקט אין זיין שלאָפנדיק פּנימל, צוגעהערט זיך צו זיין ריטמישן אָטע־מען און זיך צעשמייכלט. אַלע אירע פאַרדרוסן זענען צעגאַנגען ווי שניי אונטער דער וואַרעמער זון. דאָ, טיף אין איר געדעכעניש האָט געמאַטערט אַ פראַגע: פאַר וואָס באַשליסט ער אַלץ? עס בלייבט דאָך גאָר נישט איבער פאַר מיר. אַפילו נישט דאָס טראַכטן?... זי האָט דעם ענטפער אויף דער פראַגע נישט געפונען ביז צו די שפּעטערדיקע טעג פון איר לעבן.

*

קלאַראַ האָט געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז איר שכנה איז נישט גליקלעך אין איר פאַמיליע־לעבן. שרה, פון דער נאַטור אַ פאַרשלאָסענע, האָט זי איר גאָרנישט דערציילט. יענע, פון איר זייט, האָט נישט געפרעגט, נאָר באַמיט זיך צו האַלטן זי פאַרנומען מיט דערלערנען די שפּראַך. זי האָט אָנגעהויבן אַריינברענגען אין שטוב די טעגלעכע ענגלישע צייטונג.

— אַ סך לייענען — האָט קלאַראַ געזאָגט — איז דאָס בעסטע מיטל זיך אויסצולערנען די לאַנד־שפּראַך. אויב אייניקע ווערטער זענען דיר אומפאַר־שטענדלעך, צייכן זיי אָן מיט אַ בלייער. מיר וועלן וועגן דעם דערנאָך רעדן.

צוויי זאַכן האָבן איצט אויסגעפילט שרהס לעבן: דאָס קינד און דאָס לערנען. צו דעם האָט זי זיך איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן. נאָך אַ קור־צער צייט האָט זי שוין געקאָנט האַלטן אַ לענגערן געשפּרעך אין ענגליש. קלאַראַ האָט זי געלויבט: זאָל זי זיך נישט האַלטן פאַר מינדערווערטיק און טראַכטן, אַז אַנדערע זענען קליגער און בעסער פון איר. ס'איז נייטיק צו האָבן זעלבסטצוטרוי — האָט זי געזאָגט צו שרהן אין אַ וואַרעמען טאָן מיט איר נאַטירלעכן שמייכל אויפן פּנים.

אויך די מלחמה־נייעס האָבן אין איר צייטנוויז געוועקט האָפענונג. ס'איז דאָך אַ מלחמה מיטן צוועק צו ענדיקן מלחמות. זי האָט געהאָפט, אַז איר ברודער וועט די דאָזיקע מלחמה איבערלעבן און וועט אָנשרייבן אַ בוך פון די אָקאָפּעס (טרענטשעס). און ער האָט באמת איבערגעלעבט, און נישט נאָר האָט ער באַשריבן דעם שוידער פון דער מלחמה, ער האָט אויך אָנגעשריבן ביכער וועגן בירגער־קריג.

אין יענע שווערע מלחמה־יאָרן — 1914—1918 — האָט זי געמוזט האָבן אַ גייסטיקן אָנשפּאַר, וואָס זאָל איר העלפן אויסצולעבן דעם שלעכטן געוויסן בנוגע איר ברודער. יעדעס פּיצל מלחמה־נייעס האָט זי בלוטיק אינטערעסירט.

און פּלוצלונג איז געקומען אַ טראַגישע געשעעניש, ווייט אַריבער דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן, וואָס האָט צעטרייסלט איר געמיט און דערוועקט זכרונות פון אירע מיידלשע יאָרן אין וואַרשע.

## אסתר מילער

אין אַ שיינעם זומערדיקן בייטאָג, נאָך דעם ווי זי האָט געלייגט דאָס קינד שלאָפן, האָט זי, פּונקט ווי אַלע טאָג, געעפנט די יידישע צייטונג, וואָס די פּאָסט האָט געבראַכט. דער ערשטער געדאַנק איז געווען: חיים, צי לעבט ער נאָך? די געדאַנקען פליען ווי פונקען — זי זעט זיך מיט איר יינגערן ברודער אויף אַ שפּאַציר, זיי הערן פּרצס פלאַמפייערדיקע רעפעראַטן וועגן „אונדזערע קולטור־אויפגאַבן", וועגן יידישן טעאַטער, קעגן דער אַסימילאַציע־כוואַליע, וואָס פאַרפּלייצט גרויסע מאַסן פון דער יידישער אינטעליגענץ. זיי הערן זיינע בליציקע געדאַנקען, וואָס עלעקטריזירן דעם גרויסן עולם אין דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע און ווערן אויפגענומען מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. אין איר געדעכעניש לעבט נאָך דער גייסטיקער גענוס פון די פייערדיקע רייד; די געדאַנקען פליען שנעלער ווי די הענט, וואָס צעוויקלען די צייטונג... און פּלוצלונג בליצן אויף פאַר אירע אויגן פּרצס ליכטיקער פּנים, זיינע צעשטראַלטע אויגן, איינגעפאַסט אין אַ שוואַרץ רעמל, וואָס זאָגט אָן: ג ע ש ט אָ ר ב ן י. ל. פּ ר ץ, און אונטן קומט אַ ליד פון י. אַדלער:

וויט, גאַנץ וויט פון אונדז אבלים,
אויף אַ שטילן טויטן פעלד,
רוט דער מענטש און דיכטער פּרץ,
רוט דער גרויסער גייסטעס־העלד.

רוט דאָס שטערבלעכע פון קינסטלער,
פון דעם דענקער און פּאָעט,
אייביק לויכטן, אייביק לעבן,
וועט די זעלע פון פּראָפעט!

אין דעם קעניגרייך פון דענקען
איז אַ מושל ער געווען,
טויזנט זונען, טויזנט בלומען
האָט איר אין זיין וואָרט געזען.

### אין דער ווייטער ווערט

איצט — פאַרלאָשן דער נר־תמיד,
טויט דער גרויסער מענטש און ייד,
ס׳גאָלדן האַרץ איז שטיל געבליבן,
ס׳גאָלדן האַרץ — האָט אָפּגעבליט.

ס׳האָט דער טויט אים צוגעשלאָסן
ס׳אויג, וואָס האָט פאַר אונדז געבליצט —
אין דעם פאָלקס־זכרון וועט ער
אייביק בלייבן איינגעקריצט!

ס׳קאָן נישט זיין! י. ל. פרץ און דער טויט? ווי פּאַרט זיך דאָס? טראַכט זי און גראָבט זיך ווידער איין מיט די אויגן אין זיין בילד, אין זיינע ליכטיקע אויגן — וואָס פאַר אַ טיפע קלוגשאַפט עס ליגט אין זיי! וואָס פאַר אַן אינספּיראַציע ער האָט אַריינגעבראַכט אין איר קליינשטעטלדיקן, פאַרגליווערטן, קולטורלאָזן לעבן. און זי האָט אויפסניי געגומען אים לייענען...

עס איז אַ סימבאָל פון דער צייט: איצט, פופציק יאָר נאָך י. ל. פרצס טויט, דאָס פּאַפּיר אַרום בילד, ערטערווייז צעלעכערט, געל פון שטויב און צייט, אָבער זיין פּנים, די אויגן, האָבן זיך אויסגעהיט; זיי שיינען און רעדן אָן ווערטער.

*

די טרויעריקע נייעס פון פרצס טויט האָט געהאַט אויף שרהן אַ דערשיטערנדיקע ווירקונג און געוועקט האַלב־איינגעשלאָפענע אידעאַלן! אַ שטימע האָט געמאָנט: האָסט באַדאַרפט זיך דורכרעדן מיט עמעצן; ישראל, ער איז פאַרנומען מיט ביזנעס. קלאַראַ? אויך נישט. זיי זענען טאַקע גוטע פריינד, אָבער דאָך צוויי באַזונדערע וועלטן... זי האָט געפילט, אַז עס פעלט איר אַן אינטימער פריינד, אַ חבר. אַזעלכן האָט זי נישט געהאַט.. פאַרוואָס אַזאַ הילפלאָזיקייט? האָט זי זיך געפרעגט. אָט בין איך

געווען גייסטיק דערהויבן, מיט אַ מאָל דערשלאָגן... עפּעס ווי צוויי שרהס וואָלטן אין מיר געזעסן, איינע אַ געהאָרכזאַמע, אַ שטילע, די צווייטע אַ קריגערישע, אַ מאָנענדיקע; וואָס פאַר אַ לעבן איז דאָס? אָפּגעריסן פון דער דרויסנדיקער וועלט, אָן פריינד, אָן טעאַטער, אָן אַ לעקציע, אָן אַ קלאַנג פון מוזיק, אָן קיין יום־טוב ווי דאָס איז געווען אין דער אַלטער היים. עס קומט איר אויפן זכרון וואָס ישראל האָט איר אַנומלט געזאָגט: ס׳איז ביטער וואָס דו ביסט נישט ווי אַנדערע יידישע ווייבלעך אין שטעטל. פאַר וואָס? ווייסט זי אַליין נישט.

פאַרטיפט אין די אייגענע געדאַנקען, אין דער אייגענער נשמה, האָט זי נישט געהערט ווי ישראל איז אַריין אין שטוב.

— גיב מיר אָפּ מזל־טוב. מיר האָבן פאַרקויפט די קראָם, מיר ווערן פאַרמער.

שרה האָט אַ צאַפּל געטאָן, ווי ער וואָלט זי אויפגעוועקט פון אַ שווערן חלום.

— פאַר וואָס אַזוי שנעל? כ׳וועל נישט מיטפאָרן. כ׳וועל בלייבן דאָ מיטן קינד.

— דו וועסט יאָ פאָרן אויפן „האָמסטעד״, דאָס קינד אויך, — האָט ער געזאָגט אין אַ פעסטן טאָן, איז צוגעגאַנגען צום שלאָפנדיקן קינד, אַריינ־געקוקט אין זיין פּנימל: אַ געזונט דיר אין דיינעביינדעלעך! אַ פאַרמערל וועסטו ביי מיר זיין! — און האָט זיך צעשמייכלט.

מיטן זעלבן גוטן געמיט האָט ער זיך אַוועקגעזעצטביים טיש און גענומען שרייבן אַ בריוו צו זיין שוואָגער קיין שיקאַגאָ, דערציילט, אַז ער און יונה, זיין שותף, האָבן פאַרקויפט די קראָם. אַז ער איז מיד געוואָרן פון פּעדלען און יונה פון לאַטען אַלטע מלבושים, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג גיט אַוועק אומזיסט דריי הונדערט אַקער לאַנד צו יעדן בירגער, אַפילו מ׳ער אויב מען וויל. ער באַקומט זעקס הונדערט אַקער לאַנד. זיי האָבן באַשלאָסן צו ווערן פאַרמער — דאָס בעסטע, געזינטסטע לעבן אויף דער וועלט! „עס וואָלט שוין פאַר דיר אויך געווען גענוג קלאַפּן טשוועקעס אין פרעמדע ווענט, קום צו פאָרן אויפן וועסט און ווער אַ פאַרמער. יונהס שוואָגער מיט זיין פאַמיליע קומען אויך פון שיקאַגאָ. רעדט זיך דאָרט צוזאַמען

און קום באַלד. פערד און וואָגן, אַקעראייזן און אַנדערע פאַרם־געצייג וועלן מיר שוין דאָ באַזאָרגן".

אַן ענלעכן בריוו האָט ער אָנגעשריבן צו ציפּען מיט איר מאַן דעם פּלאַמבער. געשילדערט פאַר זיי דאָס מנוחהדיקע לעבן אויף דער פאַרם, דאָס גרויסע גערעטעניש, וואָס די ערד וועט זיי געבן: ווייץ, קאַרטאָפל, גערטנער מיט גרינס, בהמות, עופות, וואָס זיי וועלן האָדעווען. ס'וועט זיין פון כל־טוב!

אין גיכן זענען געקומען פון שיקאַגאָ דריי פאַמיליעס: יונהס שוואָגער, איציק קאָהן, דער הויז־פאַרבער מיט זיין משפחה, הערי מיט פייגלען און זייערע דריי קינדער, און הערי האָט מיטגעבראַכט זיינעם אַ מיטאַרבעטער אין פאַך, איינעם מיטן נאָמען היימי צוקערמאַן. אַלע האָבן מיטגעבראַכט זייערע קעסטלעך געצייג און די באַגייסטערונג פאַר פאַרמעריי. נאָר איין דאַרער, קליינגעוויקסיקער היימע איז גלייך ביי זיין אָנקומען געוואָרן נערוועז צעטומלט און דערשראָקן; ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ הינערפלעט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געקויפט מעבל פאַר צוויי טויזנט דאָלאַר. שוין צוויי חדשים, אַז ער האָט קיין צאָלונגען נישט געמאַכט. איצט דוכט זיך אים, אַז עס גייען אים נאָך די קאָמפּאַניע־אַגענטן און פאַרפאָלגן אים טאָג און נאַכט. ער ווייסט, אַז סוף כל סוף וועט מען אים כאַפּן, איינזעצן אין תפיסה. אין גיכן האָט ער זיך איינגעפּאַקט, גענומען ווייב און קינדער און איז אָוועקגעפאָרן צוריק קיין שיקאַגאָ זיך איבערגעבן דער פּאָליציי. זאָלן זיי צוריקנעמען דאָס מעבל און זאָלן די באַהאַלטענע קאָמפּאַניע־אַגענטן אים אויפהערן נאָכגיין און ברענען זיינע טריט...

נאָך זיין אָוועקפאָרן האָבן די צוקונפטיקע פאַרמער פריי אָפּגעאָטעמט. מיט אומגעדולד האָט מען געוואַרט אויפן פרילינג, ווען זיי וועלן זיך אַרויסלאָזן מיט זייערע ווייבער און קינדער אויפן האָמסטעד. אַך, ווי זיי וועלן דאָס צענעמען די הענט! אַרויסרייסן ווילדגראָז, פאַרזייען פעלדער, די ווייבער וועלן מאַכן גערטנער, און זיי, די מענער, וועלן בויען זייערע פאַרמערישע הייזער אין די תהומען פון די איידאהאָ־בערג. דערווייל וועט מען לעבן אין לייוונטענע ביידלעך.

אַלע האָבן געוואַרט אויף אַ ידיעה פון ציפּעס מאַן דעם פּלאַמבער.

נאָר קיין ענטפער אויף ישראלס בריוו איז נישט געקומען. יונה האָט זיך געטרייסט: סיי ווי דאַרף מען נישט האָבן אין פאַרמערישע הייזער קיין וואַסער־לייטונג, אָדער גאַז־רערן. מיר האָבן שוין דאָ אונדזערע באַלמע־לאַכעס, וועלן שוין זיין הייזער.

זיי האָבן זיך אונטערגעאיילט, דורכגעשריבן זיך מיטן אַגריקולטור־דעפּאַרטאַמענט אין וואַשינגטאָן. אין גיכן האָבן זיי באַקומען פון דער רעגי־רונג זייערע לעגאַלע פּאַפּירן מיט אַ מאַפּע, אָנגעפּינטלט ווו ס׳געפינען זיך זייערע „האָמסטעדס״, ווו עס געפינט זיך וואַסער און ווו טרוקן לאַנד. און זאָלן זיי זיך איינטיילן: דריי הונדערט אַקער פאַר יעדער פאַמיליע, און זעקס הונדערט אַקער פאַר ישראלן.

זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אַ פאַמיליע־באַראַטונג, געוואָרפן גורל. און ישראל איז געווען דער גליקלעכער. אויף זיין חלק לאַנד איז דאָ אַ סך וואַסער־אָדערן (נאַטירלעכע קוואַלן). די אַנדערע זענען טרוקן לאַנד, דריי פאַמיליעס וועלן זיין געצווונגען צו גראָבן טיפע ברונעמער, כדי צו געפינען וואַסער. זיי האָבן זיך געפילט געקריוודעט און געקרענקט. עס האָט זיך פריער געדוכט, אַז זיי זענען איין גליקלעכע פאַמיליע; מיט אַ מאָל — אַזאַ אַנטוישונג. אַ באַהאַלטענע קנאה האָט זיך פאַרגנבעט אין זייערע הערצער און געפלאָגט: וואָס טויג טרוקן לאַנד? ערד אָן וואַסער איז ווי אַ קערפּער אָן בלוט־צירקולאַציע — טויט. זאָלן זיך כאָטש דאָרט נישט דערוויסן דערפון די נישט־יידישע שכנים...

*

ענדלעך איז אָנגעקומען אַ לאַנגער בריוו פון ציפּען, ווו זי שרייבט, אַז איר ברודער מייק איז געשטאָרבן, אַ קרבן פון דער מלחמה — און זי שעלט די מלחמה מיט טויטע קללות. זי דערציילט אויך, אַז איר מאַן איז שוין מער נישט קיין אַרבעטער ביי יענעם; אַלע ווערן איצט „באָסעס״, איז ער אויך געוואָרן אַ „באָס״ און פאַרמאָגט שוין זיין אייגענע אייזן־קראָם. ס׳איז שווער צו קריגן יונגע פּלאָמבער־אַרבעטער. „אַנקל סעם״ נעמט זיי צו אין דער אַרמיי. זי שרייבט:

„דאַנקען גאָט, מיין מאַן מאַכט פאַר מיר מיט די קינדער אַ שיין לעבן און מיר דאַרפן נישט ווערן קיין פאַרמער". צום סוף שרייבט זי: „שרה, צי געדענקסטו נאָך מענדלען, מיט וועמען דו האָסט געפירט אַ ליבע? ער האָט חתונה געהאַט. אין גיכן זיך צעגאַנגען מיטן ווייב. איצט קאָן ער נישט האַלטן זיך ביי קיין דזשאָב; ווו ער קומט נאָר אַגיטירט ער די אַר־בעטער קעגן דער מלחמה. כ'וועל נישט זיין סורפּרייזט לייענען אין פּייפּער, אַז מען האָט אים פאַרשפאַרט אין „דזשייל" ווי מען האָט דאָס געטאָן מיט יודזשין דעבס פאַר קעגנערשאַפט צו דער מלחמה". און זי ווינטשט זיי זאָלן מצליח זיין אין פאַרמער־לעבן. דעם בריוו פאַרענדיקט זי מיט דער אונטערשריפט: „דיין שיף־שוועסטער ציפּע".

שווערע געדאַנקען האָבן געבויגן שרהס קאָפּ; מייק, דער שטענדיקער פריילעכער יונג, איז אַוועק פון דער וועלט צוליב דער וויסטער מלחמה. דער גרויסער מענטשן־פריינד יודזשין דעבס איז פאַרשפאַרט אין טורמע. זי געדענקט נאָך אים פון אירע „גרינע יאָרן", ווען ער האָט גערעדט צו די אַרבעטער אויף די גאַסן־ראָגן. און כאָטש זי האָט נישט אַלץ פאַר־שטאַנען, איז ער איר ליב און טייער געוואָרן ווי אַן אייגענער ברודער פאַר די ווערטער וואָס זי האָט יאָ פאַרשטאַנען... און מענדל האָט חתונה געהאַט און זיך צעשיידט מיטן ווייב... פאַרוואָס צופּט אַזוי איר אין האַרצן? געאָגראַפיש איז זי דאָך הונדערטער מיילן ווייט פון אים און דאָך איז ער אַזוי נאָענט ווי נאָענט עס איז איר דאָס אייגענע לייב... זי דערשרעקט זיך פאַר די אייגענע געדאַנקען. זי הערט דעם טאַטן מתרה זיין זי: אַ יידישע טאָכטער טאָר נישט זיין פריילעך, לאַכן הויך, שפּילן זיך מיט יינגלעך... „אָבער דאָס איז דאָך געווען לאַנג, לאַנג צוריק אין די קינדער־יאָרן; איצט בין איך אַ פאַרהייראַטע פרוי... אַ מאַמע... כ'מוז דאָס איצט פאַר־געסן, פאַרגעסן..."

וואָס מער זי האָט זיך באַמיט מענדלען צו פאַרגעסן, אַלץ בולטער איז זיין געשטאַלט פאַר איר אויסגעוואַקסן, ווי האַרץ און געדאַנק וואָלטן געווען אין געראַנגל...

ערגעץ האָבן זיך פערד צעהירזשעט. אַ הונט האָט געוואָיעט. זי האָט אַ צאַפּל געטאָן, צוגעלאָפן צום פענצטער, אַרויסגעקוקט. ישראל איז גע־

שטאַנען מיט לייצעס אין דער האַנט לעבן צוויי גרויסע רויטע פערד. מיט דער צווייטער האַנט האָט ער געשלעפּט אַ קודלעוואַטן גרויען הינטל אויף אַ שטריקל. ס׳הינטל האָט נישט געוואָלט גיין, געצויגן אויף צוריק און געקוויטשעט. ישראל איז געווען פאַרפּלאָנטערט אין די שטריק, האָט אויסגעזען קאָמיש און אומבאַהאָלפן קעגן די בעלי־־חיים, אַזש אַ רחמנות האָט זי אַרומגענומען אויף אים. די פערד האָט ער אַריינגעפירט אין שטאַל. דאָס הינטל אַריינגענומען אין שטוב.

דערזעענדיק דעם פאָטער מיטן הינטל האָט זיך דאָס קינד דערשראָקן, אַוועקגעוואָרפן דאָס שפּילצייג און האָט זיך צעוויינט.

— שרעק זיך נישט, זונעלע, ס׳איז אַ מתנה פאַר דיר — האָט ער געזאָגט אַרונטערלאָזנדיק זיך אויפן דיל. ער האָט אַרומגענומען דאָס קינד מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער האָט ער געגלעט איבערן קאָפּ דאָס הינטל, וואָס איז געשטאַנען פאַרטרויערט אין בענקשאַפט נאָך זיין אַלטער היים.

— און ווייסטו די נעמען פון די פערד ? — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צום ווייב — דאָס מיט די גרויסע פאַסן אונטערן בויך, הייסט „מאַט״. דאָס איז אַ נאַריש, איינגעשפּאַרט פערד. דאָס צווייטע, דאָס העכערע, מיט דער שיינענדיקער פעל, הייסט „בעס״. ס׳איז קלוג און פאָלגט וואָס מען הייסט.

— אָט די דאָזיקע פערד וועלן עס ביי מיר צעאַקערן די שוואַרצע ערד, אַזש אַ רויך וועט גיין ! — האָט ער זיך געריבן די הענט פון התפעלות און צופרידנקייט.

— ווי, אַזאַ שמוציק, פאַרשטויבט הינטל. ס׳זאָל חלילה נישט אַריינ־ברענגען אַ קראַנקייט אין שטוב — איז שרה געוואָרן באַזאָרגט.

— נאַרעלע, ס׳איז אַזאַ קאָליר פון פעל ; נאָך אַ בייבי. זיין באַלעבאָסטע האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט אים נעכטן אויסגעבאָדן. — האָט ער זי באַרואיקט.

דאָס הינטל האָט אַרויסגעלאָזן אַ שוואַכן „האַוו־האַוו״, געקוקט אויפן קינד מיט אומעטיקע הינטישע אויגן, ווי עס וואָלט געזוכט אַ פריינד. און צוליב זיין בילן האָט אים דאָס קינד גערופן „האַווא״. ביסלעכווייז האָט ער זיך צוגעוווינט צום הינטל און עס שטאַרק ליב באַקומען. ער האָט אַפילו

געוואָלט שלאָפן מיט אים אין איין בעטעלע, האָט אָבער די מאַמע דאָס נישט דערלאָזט, נאָר ווען ער פלעגט זיך צעוויינען, פלעגט זי נעמען דאָס קינד מיטן הינטל אויפן שויס, ביידן צוטוליען צו איר ברוסט און איינוויגן מיט אירע היימישע, האַרציקע לידער.

*

אין אַ שפּעט־האַרבסטיקן אָונט איז קלאַראַ אַריינגעקומען מיט דער צייטונג אין האַנט. איר שטענדיק שמייכלענדיק פּנים איז איצט געווען ווי מיט אַ וואָלקן פאַרצויגן, גאָר נישט ווי איר טבע.

— וואָס האָט פּאַסירט ? — האָט שרה געפרעגט אַ דערשראָקענע.

— נאַ, לייען, — האָט זי איר איבערגעגעבן די צייטונג.

אַ קורץ שטיקל נייעס, פאַררוקט אויף דער לעצטער זייט. אין קורצע ווערטער ווערט געמאָלדן, אַז דזשאָ היל, דער אַנאַרכיסט, איז נעכטן, דעם 19טן נאָוועמבער, דערשאָסן געוואָרן אין סאָלט לייק סיטי, יוטאַ, פאַר אַ קרימינעלן מאָרד פון אַ פּאָליציאַנט. דערביי איז געווען זיין בילד: אַ יונגער בחור מיט טיפע פאַרטראַכטע אויגן, אַ שיין געשניצטע נאָז און מויל און אַ ווייכער ברייטער הוט, פאַררוקט איבער אַ הויכן שטערן. זי האָט זיך איינגעגראָבן מיט די אויגן אינעם בילד. וווּ האָט זי געזען דאָס פּנים פריער ? — מענדל ! וואָס פאַר אַן ענלעכקייט צו מענדלען. ווי ער וואָלט געווען זיין ברודער. ס׳קומען איר איצט אויפן זינען זיינע ווערטער : וועסט מיך געפינען אומעטום וווּ מענטשן אַרבעטן, לעבן און קעמפן פאַר גערעכטיקייט.

— אַן אייגענער ? — וויל שרה וויסן.

— ניין. ער איז געווען אַ מענטש ; געטאָן גוטס פאַר די אַרבעטער. זיינע פּאָליטישע אָנשויאונגען זענען געווען זיין זאַך — און זי האָט איר דערציילט, אַז דזשאָן האָט אים געקענט פּערזענלעך, ווען ער האָט געאַר־בעט אין די קופּער־גרובנס. ער איז געווען אַ גלענצנדיקער רעדנער, אַ דיכטער און זינגער ; אַ סאָציאַליסט און אַ יוניאָן־פירער. די קופּער־באַ־ראָנען האָבן אים פיינט געהאַט פאַר אָרגאַניזירן אַ שטרייק, וואָס איז געווען

דערפֿאַלגרייך. האָבן זיי געמאַכט אויף אים אַ „פּרעים אפּ". אַ געוועזענער פּאָליציאַנט, וואָס איז געווען אַ קרעמער איז דערשאָסן געוואָרן פֿון עמעצען אויס נקמה, האָט מען באַשולדיקט דזשאַ הילן, אַז דאָס איז ער דער מערדער. ער האָט געקאָנט באַווייזן, אַז אין דעם מאָמענט פֿון מאָרד איז ער געווען ערגעץ אַנדערשוווּ. אָבער ער האָט עס נישט געטאָן. ווייל אין יענעם מאָמענט האָט ער זיך געזען מיט זיין געליבטער, וועלכע איז געווען אַ פֿאַרהייראַטע פֿרוי. און כדי נישט אַרויסברענגען דאָס אין דער עפֿנטלעכקייט, האָט ער איינגעשטעלט זיין לעבן. די וואָס האָבן געמאַכט די „פּרעים־אַפּ" האָבן שוין געזען, אַז די פֿרוי און איר מאַן זאָלן פֿאַרשווינדן. אויך דער מערדער איז פֿאַרשוווּנדן. זיי האָבן אויך געזען אונטערצוקויפֿן הילס אַדוואָקאַט. ביז מען האָט באַקומען אַן אַנדער אַדוואָקאַט, איז שוין געווען צו שפּעט. עס האָבן נישט געהאָלפֿן די פּראָטעסטן פֿון העלען קעלער און אַנדערע גרויסע פּערזענלעכקייטן. אַרבעטער פֿון פֿיל אַנדערע לענדער האָבן געפֿאָדערט הילס באַפֿרייאונג. דער פּרעזידענט ווילסאָן האָט זיך געווענדעט צום גאָווערנאָר פֿון יוטאַ וועגן דעם. אָבער די קופּער־באַראָנען זענען געווען שטאַרקער. האַס און געלט־גייציקייט האָבן דערמאָרדעט דזשאַ הילן.

ביידע פֿרויען זענען געבליבן זיצן מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ, ווי אין אַ שטילער תּפֿילה.

נאָך עטלעכע מינוט פֿון פּיינלעכן שווייגן האָט קלאַראַ ווידער אָנגעהויבן דערציילן:

— דזשאָן איז געקומען פֿון דער אַרבעט אַ צעוויטיקטער, אַ צעבראָכענער. און ווייסט וואָס ער האָט געזאָגט? — „וואָלט איך געהאַט די געווינהייט פֿון טרינקען, וואָלט איך מיך איצט גוט אָנגעשיכורט". פֿון עסן וועטשערע האָט שוין קיין רייד נישט געקאָנט זיין. ס'איז אַנדערש ווען מען קאָן פֿערזענלעך אַ מענטשן מיט אַזאַ נאָבעלן כאַראַקטער ווי דזשאָ היל איז געווען. מען קאָן נישט זיצן געמיטלעך איבער דער צייטונג, לייענען און קייען די שפּייז...

די עמפּינדלעכע שרה האָט אויסגעטייטשט, אַז דאָס קריטיקירט זי ישראלן פֿאַר זיין געוווינהייט פֿון לייענען די צייטונג בעת דעם עסן. זי האָט שווייגנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ".

אירע קינדער, מייקל און דזשויס, זענען אַריינגעלאָפן זוכן זייער מוטער. דאָס הינטל איז זיי געלאָפן אַנטקעגן, באַשמעקט זייערע שיכלעך, באַלעקט די הענטלעך וועלכע האָבן געגלעט די הינטישע פעל. יודזשין האָט אַריינגענומען דעם הינטישן שנוק אין די ווייכע הענטלעך. דאָס הינטל האָט אַרויסגעלאָזן צופרידענע דינע טענער ווי עס וואָלט זיך געפרייט און געדאַנקט פאַר דער וואַרעמער קינדערישער ליבשאַפט.

— צייט פאַר דיר צו גיין שלאָפן, טאַטעלע. — האָט שרה אויפגעהויבן דאָס קינד פון דיל, געווישט זיינע פאַרשטויבטע הענטלעך מיט אַ נאַסער שמאַטקע.

— פאַר אייך אויך, קינדערלעך, — האָט קלאַראַ געזאָגט, נעמענדיק זיי ביי די הענטלעך.

— איר דאַרפט אויך רו, קלאַראַ. — האָט שרה געקוקט מיט ליבשאַפט אויף איר איצט מידער שכנטע.

— איך בין אָל־רייט — און שוין שטייענדיק ביי דער טיר, האָט זי האַלב־פאַרשולדיקט געזאָגט:

— אַנטשולדיקט, סאַראַ, פאַר אַנשטעקן אייך מיט זאָרג.

— איך טייל אייער זאָרג. אָבער אין דעם פאַל זענען מירביידע הילפלאָז.

— יאָ. מיר זענען הילפלאָז — האָט קלאַראַ צוגעשטימט.

דורך דער אָפענער טיר האָט זיך דורכגעריסן אַ שוואַכער פאַס עלעק־טרישער שיין אויפן בריקעלע און האָט זיי באַלויכטן דעם וועג צו דער שטוב.

# יידן ווערן פּאַרמער

אין אַן ערב זומער פּרימאָרגן איז די לופט געווען אָנגעפּילט מיט פייגל־געזאַנג און געשמאַקע ריחות. פיר פאַמיליעס אין צווײ לאַנגע וועגע־נער, אָנגעפּאַקטע מיט קינדער, מיט אַ הונט און אַן אָרעמער באַלעבאַטיש־קייט, האָבן פאַרלאָזן דעם שטאָט יוטאַ. לאַנגזאַם האָבן זיך די פערד גע־צויגן קיין איידאַהאָ. דאָרטן האָבן אויף זײ געוואַרט גרייטע הייזער און ערד, וואָס איז נאָך פון קיין מענטשלעכער האַנט און קיין אַקעראײַזן נישט באַ־רירט געוואָרן.

יונה מיט זיין שוואָגער איציק און זייערע פאַמיליעס זענען געזעסן אויף איין וואָגן, ישׂראל און דזשאָו מיט זייערע ווייבער און קינדער — אויפן צווייטן, זענען אים נאָכגעפאָרן אונטערטרייבנדיק די פערד, וואָס האָבן מיט גרויס אָנשטרענגונג געשלעפּט די שווערע משא באַרג־אַרויף. די טעפּלעך, פענדלעך, וואַשברעטלעך און אַנדערע הויז־מכשירים האָבן אָנגעמאַכט אַזאַ רעש, ווי זיי וואָלטן אָנגעזאָגט דער וועלט, אַז יידישע מענטשן פאָרן ווערן פּאַרמער.

— דאַנקען גאָט פאַר אונדזערע געשעפטסלייט יונה און ישׂראל, ווו וואָלטן מיר גענומען פערד און וואָגן, ווען נישט זיי? מיר מיט אונ־דזערע פאַמיליעס וואָלטן זיך געמוזט אָנהענגען אין די פּראַכטצוגן — האָט איציק געזאָגט און געלאַכט פון זיין אייגענעם וויץ.

— אָוועק מיט די אָפּגענוצטע שמאַטע־קליידער. אַ פערד מיט אַן אַקעראײַזן זענען אַ סך געזינטער, ווי אַ נאָדל־פאָדעם. אַך, ווען איך עס געבן אַ צעפּיר מיינע הענט אויף דער ערד. — האָט געזאָגט יונה, אַ צי

געבנדיק מיט די לייצעס, בעת איציק האָט אַרונטערגעקוקט אין די תהומען צווישן די בערג.

— אָט אין די שפּאַרעס וועלן מיר, הייסט עס, דאַרפן אַקערן און זייען?

— האָט איציק געפרעגט און אַ כמאַרע פון זאָרג האָט זיך אַנגעלייגט אויף זיין שטערן.

— אַ שאָד, וואָס מיר זענען נישט געקומען אַהער מיט פופציק יאָר פריער — האָט געענטפערט יונה. — די בעסטע ערד מיט וואַסער־קוואַלן נאָענט צו די שטעטלעך איז שוין לאַנג פאַרנומען געוואָרן פון פריערדיקע איינוואַנדערער. דאָס האָב איך געזען אויף דער מאַפּע — קלאַפּט ער זיך אין בוזעם־קעשענע, ווו די מאַפּע איז געלעגן. יונה, וועלכער איז געזעסן אויף דער האַרטער, הילצערנער ברעט מיט איציקן האָט מוטיק גערעדט:

— וואַרט, וועסט זען, וואָס פאַר אַ שיינע, בליענדיקע ישובים מיר וועלן דאָ מאַכן פון דער אומבאַרירטער ערד.

— יאָ, מיר וועלן מאַכן, — האָט איציק צוגעגעבן אין אַן אויפגעהייטערטן טאָן.

די לופט איז געווען טרוקן און האָט געשמעקט פון פאַראַיאָריקן „סיידזש־בראַש" — האַרטע, טרוקענע גראָזן. אַ לויפנדיק וואַסער האָט פון ערגעץ געזשומעט און גערופן. די קינדער, דער הונט, פערד און מענטשן זענען געוואָרן מיד, דורשטיק און פאַרשטויבט. די פערד, דערפילנדיק פייכטן באָדן ערגעץ ווו, האָבן זיך אָפּגעשטעלט און מיט זייערע צעשפּרייטע נאָזלעכער און טרוקענע צונגען האָבן זיי געשמעקט און געלעקט די ערד. דערנאָך האָבן זיי מיט פרישע כוחות אַ ציי געטאָן דעם וואָגן באַרג־אַרויף.

כאָטש די מאַפּע פון האקנס בייסן, איידאַהאָ, ווייזט אויף טרוקענער ערד, ווילדגראָז, מער וואַלד ווי אַקערלאַנד, דאָך פרייען זיך די צוקונפטיקע פאַרמער. עס וואַרעמען זיי די פּאַפּירן אין די בוזעמקעשענעס, ווו עס זאָגט זיך שוואַרץ אויף ווייס, אַז יעדע פאַמיליע, וואָס האָט אַמעריקאַנער בירגערשאַפט, איז באַרעכטיקט צו דריי הונדערט און צוואַנציק אַקער לאַנד, אויב זיי נעמען זיך צו אַנטוויקלען אין משך פון דריי יאָר צייט אַ דריטל פון פלאַכלאַנד, אויפבויען הייזער, גראָבן ברונעמער, אויספלאַסטערן די וועגן און אין אַלגעמיין מאַכן פון דער ווילדקייט בליענדיקע

פּאַרמעס. דערנאָך פאַרבלייבט עס זייער אייגנטום אויף קינדס־קינדער. די שטויביקע ערד מיט די געדרייטע, שמאָלע וועגן, אויף וועלכע זיי זענען געפאָרן איז אין זייערע אויגן געווען פול מיט צוזאָגן. אַלץ אין דער וועלט איז געווען יונג און די הערצער פול מיט האָפענונג און מיט גלויבן אין די אייגענע כוחות.

אַכט קינדער אין עלטער פון זעקס חדשים ביז צוועלף יאָר האָבן געוויינט און געטומלט. די מאַמעס האָבן זיי געזונגען שאָף־לידער, וויג־לידער און לידער צו דער גוטער ערד אַמעריקע, וואָס טיילט אויס פון זיך פריי לאַנד פאַר אַלע אירע בירגער. אַמעריקע, ווו אַלע מענטשן זענען פרייע, גלייכע און שטאָלצע בירגער.

אויפן גאַנצן, לאַנגן וועג אין די איידאָהאָ־בערג און טאָלן האָבן זיי בלויז געזען איין גרויסע פלאַך פון עטלעכע הונדערט אַקער באַאַרבעטע ערד. דאָרט זענען געשטאַנען: אַ גרויסע הילצערנע שטוב, תבואה־שפּייכ־לערס, דאָרטן האָבן זיך געפיטערט פערד, חזרים, בהמות, הינער, אַפילו געענדז און קאַטשקעס האָבן זיך געפּלאָשקעט אין וואַסער. דאָס איז געווען דזשאָן טרעטשערס פאַרם. די איינציקע פאַרם נאָענט צו דער באַן־סטאַנ־ציע איירעסאַ. די איבעריקע פאַרמעס, וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן אויפן וועג, זענען געווען אויף מיילן אָפּגערוקט איינע פון דער אַנדערער. די הייזער זענען אַלע געווען געבויט פון קיילעכדיקע קלעצער, באַוואַקסן מיט גרינעם מאָך, מיט קליינטשיקע פענצטערלעך און נאָך קלענערע שייבעלעך.

נאָך דריי מעת־לעת אָפּוואַלגערן זיך אונטערוועגס זענען די משפחות אָנגעקומען אין „האָקנסבייסן", מעלעד קאָונטי, אַכט טויזנט פוס די הייך, אַכצן מייל פון אַ באַן־סטאַנציע, פופציק מייל פון באָקאַטעלאָ, צווי הונ־דערט און צווי און דרייסיק מייל פון באָיזי, דער הויפּטשטאָט פון איידאָהאָ. דאָס אַלץ האָבן דערציילט די שילדן ביים קרייצוועג.

ביי אַ שמאָלן וועג צופוסנס פון העכערע בערג האָט אַ בלענד געטאָן פאַר די אויגן ישראלס ניי־אויסגעבויטע שטוב מיטן משופּעדיקן שינדל־דאַך. אויפן באַרג איבערן הויז זענען געשטאַנען ביימער באַלאָדענע מיט ווילדער בליעכץ. צייטנווייז האָבן אויטאָמאָבילן פאַרבלאָנדזשעט אַהער אויף דעם וועג, געדראַפּעט זיך אויף די בערג, אַ סך מאָל האָט מען געמוזט אָנ־

קומען צו דער הילף פון די „ציוויליזירטע״ פערד זיי אַרויפצושלעפּן; מחמת די פרייערי־פערד האָבן זיך געשראָקן פאַר די אויטאָמאָבילן און פלעגן זיך צעגאַלאָפּירן אין די בערג.

ענדלעך האָבן זיך די וועגענער אָפּגעשטעלט. ישראלס „האָומסטעד״־נחלה איז געווען די איינציקע פון אַלע פיר, וואָס האָט געהאַט אַ לויפנדיק וואַסער, וואָס איז געפאַלן פון די ווייטע הויכע בערג און געשלענגלט זיך אין אַ גרינעם מולטער, וועלכער איז געווען באַוואַקסן פון ביידע זייטן מיט הויכע גראָזן.

אַכצן נפשות, גרויס און קליין, זענען אַרונטערגעקראָכן פון די וועגע־נער. דורשטיקע זענען זיי צוגעפאַלן צום וואַסער און ליגנדיק אויסגעצויגן אויף דער גרינער ערד האָבן זיי אויסגעזען ווי פּרימיטיווע מענטשן, וואָס האָבן זיך אַהער פאַרקליבן תפילה צו טאָן און קושן די ערד.

אַ גרויסע, גאָלדענע זון איז געשטאַנען הויך, באַלויכטן די ביימער־שפּיצן אויף די בערג. אַ שאָטנדיקע טונקלקייט האָט זיך אַריינגעשלייכט אין די טאָלן. אַ קוים באַמערקבאַר ווינטעלע האָט געגלעט די גרויסע ביינוול־ביימער, פון וועלכע אַ ווייסער פוך האָט זיך געשאָטן אין דער לופטן.

וויט אַרויף, ערגעץ צווישן באַרג און טאָל, האָט געמוזט זיין אַ שכנס פאַרם, וואָרעם עס האָט זיך געלאָזט זען פון דער ווייטן אַ שטיקל פון אַ שטעכיקן דראָטענעם פּלויט. אַ מעקנדיקע סטאַדע שעפּסן געטריבן פון אַ פּאַסטעך און אַ גרויסן שוואַרצן הונט האָט אַראָפּגענידערט צום וואַסער. פייגעלעך אויף די ביימער האָבן שוין געזונגען די לעצטע פאַרנאַכטיקע לידער. אַ וועווערקע מיט אַ לאַנגן, קוטשעראַווען עק איז פאַרבייגעלאָפן, אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן און איז פאַרשווונדן אין אַן ערד־לאָך. רויטע,ווילדע בלומען האָבן געקלעטערט אויף די רוקנס פון די בערג, צו דער זון זיך געצויגן. די שיינע, אומבאַרירטע ווילדקייט האָט באַצויבערט די מענטשן.

דער אָנקום פון די נייע פאַמיליעס האָט דערוועקט אויפמערקזאַמקייט אין דער סביבה.

עס זענען אָנגעקומען צוויי רייטנדיקע פאַרמער. זיי זענען אַראָפּגע־שפּרונגען פון די פערד, האָבן פאַרבונדן די לייצעס און געלאָזט זיך גיין

צום וואַסער־פּאַל, וווּ די ניי־געקומענע „האָומסטעדערס" זענען געשטאַנען און געגאַפּט.

„האָודי". — מיין נאָמען איז סייקס. — האָט אַ ברייטפּלייציקער, הויכער פּאַרמער אויסגעשטרעקט אַ ברוינע, גרויסע האַנט, אַרונטערגע־מענדיק מיט דער צווייטער זיין גרויסן, פּאַרשטויבטן, שטרויענעם הוט.

— און מיין נאָמען איז דעבאָלט — האָט דער צווייטער ייִנגערער פּאַרמער געזאָגט, זיין לענגלעך פון זון און ווינט געקאַרבט פּנים, האָט זיך, ווי אַ ציי־האַרמאָניק, צעצויגן אין אַ וואַרעמען שמייכל. פילנדיק ישראלס ווייכע האַנט אין זיינער, האָט ער געזאָגט:

— איך קלער, אַז איר וועט זיך נייטיקן אין אונדזער הילף. מיר זענען שכנים, אַ דריי פיר מייל פון דאַנען. — האָט דעבאָלט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אַריבער אַ באַרג.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, שכן! — אַלעמענס פּנימער האָבן זיך צעשמייכלט מיט פריינדלעכער דאַנקבאַרקייט.

— ווער זענט איר און פון וואַנען קומט איר? — האָט סייקס גע־פרעגט מיט פאַרשנדיקע בליקן.

— מיר זענען ייִדן, קרעמער און אַרבעטער, פיר משפּחות זענען מיר און קומען פון אַגדען, יוטאַ און שיקאַגאָ. דאָס איז מיין „האָומסטעד". — האָט ישראל אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט. — אונדזערע „האָומסטעדס" — פאַלט יונה אַריין ישראלן אין די רייד — ליגן אַ צען מייל פון דאַנען. מיר האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט טרינקען וואַסער, דעם דורשט צו שטילן. מיר מוזן באַלד פאָרן, מיר האָבן נאָך אַ לאַנגן וועג אַהיים... — גערעדט האָט יונה מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ אַרויף צו דער הויך־שטייענדיקער זון.

— האָסט אַ גוטן חלק ערד דאָ, דורכגעווייקט מיט וואַסער — זאָגט סייקס, צמאָקענדיק מיט זיינע פעטלעכע, מיט וואַנצעס באַוואַקסענע ליפּן. קוקנדיק דאָ אויף ישראלן, דאָ אויפן לויפנדיקן וואַסער.

ישראל האָט געקלערט וועגן די פיר קניפּלעך, וואָס זיי האָבן געצויגן איידער זיי האָבן פאַרלאָזט די שטאָט. גראָד האָט ער אַרויסגעצויגן דאָס קניפּל, וואָס האָט זיך געזאָגט „וואַסער", ווען זיי האָבן זיך פאַרטיילט מיט די צוועלף הונדערט אַכציק אַקער לאַנד. חוץ דעם ווייסט ער, אַז ער האָט

געגומען פון דער רעגירונג נאָך דריי הונדערט מיט צוואַנציק אַקער לאַנד. צוליב דער באַרגיקער געגנט איז פלאַכלאַנד, וואָס מען קאָן אַקערן און זייען, זייער ווינציק, טאָ זאָל זיין וואָס מער. פרייט ער זיך מיטן לאַנד־שטח, מיט די וואַסער־קוואַלן וואָס אויף זיין לאַנד. און דאָך פאַרדריסט אים עפּעס, ער ווייסט אַליין נישט וואָס. זאָלן דאָס זיין זייערע זשעדנע בליקן ?...

— קומט, מיר וועלן אייך באַקענען מיט אונדזערע פרויען — זאָגט ישראל און דער קורצער פּעטער איציק, יונהס שוואָגער — אַ פאַרבער פון פאַך, איז געלאָפן צום וואָגן אַרויסנעמען אַ פלעשל בראָנפן. אָנגעפילט בלעכענע טעפּעלעך מיט דער שטאַרקער משקה, האָט מען „צוגעקלאַפּט״, צוגעווונטשן אַ גערעטעניש. מען איז צוגעגאַנגען נענטער צו די פרויען, און איציק, וועלכער איז געווען אַממערסטן אויפגעלייגט, האָט אויסגערופן:

— די קלוגסטע פרוי איז מיינע, ווייל זי האָט מיך אויסגעקליבן. די שטילסטע און געהאַרכזאַמסטע איז זיינע — ווייזט ער אָן אויף ישראלן. די פעטסטע און קאַרגסטע איז מיין שוועגערין.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

זיי זענען אַריין אין אַ לאַנגער, איין־חדרדיקער שטוב. די ווייבער האָבן זיך גענומען פאַרען אַרום זעק, פּעק און מעבל, וואָס איז אָנגעקומען מיט עטלעכע טעג פריער און איז געווען צעוואָרפן אין אומאָרדענונג. דער שוואַרצער, אייזערנער אויוון איז געשטאַנען דאַרטן, ווו דאָס בעט האָט געזאָלט שטיין, אויפן סאַמע אויבן אָן. דאָס קינדערישע בעטעלע, די שטולן מיטן טיש זענען געשטאַנען ביי די ווענט. די זעק און פּעק — אַ הויפן אין מיטן שטוב, און אַרום דעם אַלעמען האָבן זיך אַ האַלבע טוץ קינדער גענומען יאָגן אין אַ זיגזאַגישן געלויף, געשפּילט אין כאַפּעניש. דער טומל האָט זיך געהויבן ביז צו דער סטעליע, פלוצלונג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, איבערגעריסן דאָס שפּילן און האָבן אָנגעקוקט די פרעמדע פאַרמער. זייער אָנטועכץ איז געווען פאַר די קינדער זייער טשיקאַווע. זיי האָבן געטראָגן גראָבע „אָוועראָלס״, געקעסטלטע אויבערהעמדער, רויטע פאַטשיילקעס אַרום האַלדז. אויף די פיס האָבן זיי געטראָגן גרויסע שיך מיט אייזערנע שפּאָרן. די קינדערס אויגן האָבן זיך צוגענאָגלט צו די

שפּאָרן. יעדער טראָט אויפן דיל האָט זיך געלאָזט הערן מיט כּוח און איז באַגלייט געווען מיט גלעקלדיקן קלאַנג. די שטרויענע היט האָבן זיי גע־האַלטן אין די הענט. ווען נישט די פּויעריש צעשמייכלטע פּנימער וואָלטן זיך די קינדער פּאַר זיי זייער דערשראָקן.

זיי האָבן זיך אַ שפּיל געטאָן מיט די קינדער, ווען אַ שנעל געטאָן איבערן נעזל, אָנגעזאָגט די פרויען זיי זאָלן זיך נישט שרעקן פאַר די שאַ־קאַלן, וואָס וואַיען ביינאַכט, און אויב מען וועט זיי דאַרפן זאָל מען זיי קומען רופן. זיי זענען אַרויפגעקלעטערט אויף די הויכע פערד און אַוועק־געגאַלאָפּירט, פאַרשווונדן פון אויג, ווי די בערג וואָלטן זיי איינגעשלונגען.

פון דער צווייטער זייט באַרג איז אָנגעלאָפן אַ רייטער. ראַפּטאָם האָט ער אָפּגעשטעלט זיין פערד, אָנגעקוקט די יידן מיט שאַרפע אויגן. זיין לענגלעך פּנים אונטערן ברייטן שטרויענעם הוט איז געווען קאַלט, פול מיט רוגזה, ממש פאַרפרוירן.

— מיין נאָמען איז דזשים פּרוט. און ווער זענט איר? — האָט ער געפרעגט מיט אַ האַרט, טרוקן קול.

— מיר זענען איזראַעליטן. וואָס ווילט איר דאָ? — האָט ישראל געפרעגט געקרענקט און באַליידיקט.

— איך וויל דיר זאָגן, וואָס איך וויל נ י ש ט! איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט לאָזן דיינע שעפּסן גיין אויף מיין לאַנד. זיי רייסן זיך אַריין אין גאָרטן און מאכן פון אַלעם אַ תל. איך בין לענגער דאָ פון דיר. גראָב נאָך אַלץ ברונעמער. האָסט דאָס גאַנצע וואַסער פאַרכאַפּט.

— מיר האָבן נאָך נישט קיין שעפּסן...

— שאַר אַפּ! כ׳בין פון אַרקענסאָ. כ׳וועל דיר ווייזן ווער איך בין. — ער האָט אַ ציי געטאָן דאָס ציימל, אַ פּאַטש געטאָן דאָס פערד פון הינטן, אַזש עס האָט אַ שפּרונג געטאָן, אויפהייבנדיק מיט די קאָפּעטעס אַ גע־דיכטן שטויב, און האָט זיך דערווייטערט, איבערלאָזנדיק הינטער זיך אַ דראָאונג, וואָס איז געבליבן הענגען אין אַ וואָלקן שטויב.

די יידישע „האָומסטעדערס" האָבן זיך איבערגעקוקט מיט דער־שראָקענע, שטומע בליקן. אַ רויטע זון האָט זיך דערנענטערט צום הימל־ראַנד, שווימענדיקע וואָלקנדלעך האָבן גענומען פאַרשטעלן איר פּנים,

ווי אויך זי וואָלט געווען באַליידיקט. באַלד האָבן זיך דריי פאַמיליעס געלאָזט אין וועג אַריין צו זייערע נייע היימען.

*

די נאַכט איז צוגעפאַלן. אַ שוואַכער שיין פון אַ נאַפּט־לעמפּל האָט געוואָרפן בלאַסע שאָטנס אויף די ווענט, אויף דער סטעליע, אויפן בעטעלע, ווו דאָס קינד איז געשלאָפן.

שרה הערט זיך צו צום קינדס ריטמישן אָטעמען, קוקט זיך איין אין זיין רונדיקן פּנימל, אין זיין קליינעם מיילכל, וואָס פאַרגייט זיך אַלע מאָל אין אַ שמייכעלע. פון וואָס חלומט זיך אים? פון זיין הינטל „האַוואַ", וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב?

זי פאַרמאַכט די אויגן און שטעלט זיך פאָר ווי איר זונעלע, יודזשין, וועט דאָ אויסוואַקסן אין דער גוטער, ריינער באַרג־לופט. ער וועט זיין העכער פון זיין פאָטער. ס'ווילט זיך איר ער זאָל זיין אַ שטאַרקער, אַ געלע־רנטער. ער זאָל האָבן דעם ליבן שמייכל און די שטאַרקע רעדנער־קראַפט פון יודזשין דעבס... איר מוטער־געפיל זאָגט איר אונטער, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער מענטש. עס זאָל אים נאָר, חלילה, דאָ קיין שלעכטס נישט געשען. אַזאַ שיינע ווילדקייט האָט זי נאָך אין איר גאַנץ לעבן נישט געזען.

אַ צופרידנקייט, פון וועלכער זי האָט נאָך קיין מאָל פריער נישט גע־וווסט, האָט זי איבערגענומען אין שלאָף. עמעצער טראָגט זי, ווי אויף פליגל, ערגעץ ווייט, ווייט. אַריבער בערג און טאָלן שיינט אַ רויטע, גליען־דיקע זון, אַז זי קאָן די אויגן נישט האַלטן אָפן. מיט אַ מאָל דערהערט זי, ווי וויינענדיקע קינדער רייסן די פענצטער. דאָס געוויין ווערט אַלץ שטאַר־קער און מוראדיקער. זי צווינגט זיך צו עפענען די אויגן. ניין, ס'איז נישט קיין חלום. זי הערט אַ וואָיען פון הינט, נאָר עפּעס שטאַרקער ווי הינט. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דעבאָלט האָט זיי געוואָרנט זיי זאָלן זיך נישט שרעקן, ווען זיי וועלן הערן ביינאַכט דאָס וואָיען פון שאַקאַלן.

פון געוויין איז געוואָרן אַ גרויסע, ווילדע רייסעריי און אַ געבראַזג

פון פלעשער. דער הונט האָט עטלעכע מאָל אַ ביל געטאָן און איז שטיל געוואָרן. און ווידער אַ וואָיען, אַ שטאַרקערס, ווי בייזע ווינטן אין אַ שטורעמדיקער נאַכט. דאָס איז געקומען נאָך אַ סטאַדע שאָקאַלן, און נישט געפינענדיק מער קיין שפּייז אין קאַלטן קוואַל, וואָס האָט געדינט פאַר זיי אַלס אַן אייז־קאַסטן, האָבן זיי די פינצטערע פּרעירי־לופט צעריסן מיט זייער יאָמערדיק געוויין.

דער פרימאָרגן איז געווען פריש, טרוקן און קיל, אַ קוואַליק וואַסער אַרום שטוב האָט געזשומעט. די פלעשער זענען געלעגן אין וואַסער צעבראָכענע, די מילך פאַרשוווּנקט. פון שעפּעסן־פלייש זענען אַפילו קיין ביינדעלעך נישט געבליבן... דאָס גרויע קוטשעראַווע הינטל איז געלעגן אַ טויטס, אַ צעפּליקטס.

סאיז געווען זייער שווער פאַרן קליינעם יודזשין צו פאַרגעסן זיין הינטל. צו יונג איז ער נאָך געווען, כדי אויסצודריקן זיין בענקשאַפט נאָך זיין שטומען פריינד — „האַוואַ״. זיין ערשטע אַנטוישונג אין לעבן איז געקומען פרי...

אין אַ פריען פרימאָרגן, גלייך מיטן זון־אויפגאַנג, איז געקומען סייקס, איינגעשפּאַנט די צוויי פערד „מאַט״ און „בעס״, אין אַקעראייזן, און איז אַוועקגעפאָרן אין פעלד מיט ישראלן צו געבן אים די ערשטע לעקציע אין אַקערן די ערד.

— ש־ר־ה־ה־ה!!! — האָט זיך געטראָגן אין דער לופט אַ ווייטיקדיק געשריי.

שרה האָט געכאַפּט דאָס קינד אויף די הענט און איז געלאָפן אַהין, פון וואַנען דאָס קול איז געקומען. אויף אַ שטיקל צעאַקערט פעלד זענען געשטאַנען די פערד מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי פאַרשולדיקטע. ישראל איז געלעגן ביים אַקעראייזן און געקרעכצט. „מאַט״ האָט אים דערלאַנגט מיטן פוס אין אַ זייט, ליגט ער און קאָן זיך נישט רירן.

— אַזוי לאַנג ווי סייקס האָט געאַקערט, איז אַלץ גוט געווען. ביי מיר ווילן די פערד נישט גיין. אוי, מיינע ביינער זענען צעבראָכן, — האָט ישראל געקרעכצט.

זי האָט אַוועקגעזעצט דאָס קינד אויפן גראָז, און אופהייבנדיק זיין שווערן קערפּער, האָט זי געזאָגט:

— אַלע אונדזעריקע אַקערן, האָבן נישט קיין צרות פון די פערד, נאָר דו.

ישראל האָט געקוקט אויף איר מיט בייזע בליקן, אָנהאַלטנדיק זיך אין איר און אויפהייבנדיק דעם קערפּער, ווי דאָס וואָלט געווען די שווערסטע משא אין דער וועלט.

איצט איז זיכער, אַז זיינעביינער זענען נישט צעבראָכן געוואָרן, אַנדערש וואָלט ער דאָך נישט געקענט שטיין אויף די פיס.

— היט דאָס קינד. איך וועל צולויפן צו סייקסן. ס'איז נאָר אַ צוויי מייל פון דאַנען, ער וועט אונדז אַרויסהעלפן — האָט זי געזאָגט און געלאָזט זיך לויפן אין אַ גאַלאָפּ.

סייקס האָט איבערגעריסן זיין אַקערן, און איז געקומען אין פעלד, ווו ישראל מיטן קינד זענען געזעסן און געוואַרט.

— נו, וויז נאָר, וואָס האָבן דיינע שיינהייטן דיר געטאָן, — האָט ער שפּאַסנדיק געזאָגט. ער האָט באַקוקט און באַטאַפּט זיין נאַקעט לייב, ביזן גאַרטל, גוטברודעריש אַ פּאַטש געטאָן אין זיין פּעטעלעכן בויך — אַ בלויע בייל, ס'וועט באַלד איבערגיין.

ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין זיצפּלאַץ פון אַקעראייזן, און געגעבן ישראלן אַ לעקציע ווי אַזוי צו אַקערן.

— פערד זענען עמפּינדלעך, פּונקט ווי פּרויען. זיי האָבן פיינט, אַז מען באַנעמט זיך מיט זיי גראָב; אַז מען שרייט אויף זיי. זע צו באַהאַנדלען זיי מיט גוטן — אָט אַזוי „בעס", אָט אַזוי „מאָט". „גוד גוירלס". און ער גלעט זיי מיט ליבשאַפט, מיט אַ צווייגל איבער זייערע הינטנס, און די פערד שפּאַנען טריט נאָך טריט, ציענדיק אַלץ ווייטער דעם אַקעראייזן מיט דער אויפגעאַקערטער איבערגעקערטער ערד, גרינג און שפּילעוודיק.

סייקס איז נישט אַוועקגעגאַנגען ביז ער איז געווען זיכער, אַז ישראל ווייסט ווי אַזוי צו אַקערן, ווי צו באַנעמען זיך מיט פערד, און אַז קיין שלעכטס וועט אים נישט געשען.

## אסתר מילער

— אַט אַזוי, נאָר מיט גוטן, — האָט ער נאָכגעפּאָלגט ישראלן מיט די אויגן, ווי ער איז געגאַנגען נאָכן אַקעראייזן.

*

כאָטש די אַנדערע יידישע „האָמסטעדערס" איז אָנגעקומען גרינגער ווי ישראלן צו אַקערן די ערד, האָט זיך דאָך אָנגעהויבן אַ שווער לעבן פאַר זיי מיט זייערע פאַמיליעס. זייערע אַלעמנס פרויען, וועלכע האָבן מיידלווייז געאַרבעט אין שיקאַגער שעפּער און געהאָלפן בויען די יוניאָנס, האָבן איצט מיט זייער שוויס באַנעצט די איידעהאָער ערד, געריסן „סיידזש בראַש", פּאַרזייט גערטנער, דערמוטיקט זייערע מענער צו גראָבן די ערד אַלץ טיפער, כדי צו געפינען וואַסער. און די מענער האָבן געגראָבן ברונעמס, צוואַנציק פוס טיף אין בויך פון דער ערד. זיי זענען געשטאַנען אין די גריבער מיט גראָבאייזנס, און די פרויען האָבן געצויגן מיט שטריק פולע עמערס האַרטע ערד און שטיינער. אַז ס'האָט זיך סוף כל סוף באַוויזן ליימיקע בלאָטע, איז געוואָרן אַ שמחה. די פרייד האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, די בלאָטע האָט אויסגעטריקנט, און מען האָט געמוזט אָנהייבן גראָבן פון דאָס ניי.

וואַסער צו טרינקען און קאָכן האָט מען געפירט פונעם „רעזערוואַר" מיט אַ פעסל. מילך פאַר קינדער האָט מען באַנוצט פון די בלעכענע פּושקעס. פליישׁ האָבן די פּאַסטעכער צוגעשטעלט און ברויט האָבן די באַלעבאָסטעס אַליין געבאַקן. די פּאַסטעכער האָבן געבאַקן זייער אייגן ברויט אַהינטער די בערג. פּאַליע, איציקס ווייב, האָט זיי אויסגעלערנט באַקן בייגל, און דאָס יידישע ווערטל: „כ'ליג אין דר'ערד און באַק בייגל" איז געוואָרן דער ענטפער אויף אַ „האַו דו יו דו!".

נאָך וואָכן פון גראָבן די האַרטע ערד, האָבן דזשאָ און יונה דערזען וואַסער, קלאָר ווי קרישטאָל, וואָס האָט געשטראָמט פון דער טיפעניש פון דער ערד.

דערמוטיקט פונעם נצחון איבער דעם וואַסער, האָבן זיי זיך גענומען מיט פרישע כוחות צו דער אַרבעט — אויסהאַקן וועגן, איינאָרדענען גערט־

נער און אויפשטעלן צאַמען. ווו ס׳איז נאָר פאַרבליבן אַ שטיקל ערד צווישן די בערג, האָט מען דאָס צעאַקערט, פאַרזייט קאַרטאָפל, קאָרן און ווייץ. מ׳האָט נישט דורכגעלאָזט קיין שפּעלטעלע צווישן די בערג, מען האָט זיך געדראַפּעט אויף זייערע שיפּועים. ס׳האָט זיך געדוכט ווי אָט־אָט וועלן פערד, מענטש און אַקעראייזן זיך איבערקערן, אָבער אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט פרייד און מיט ליבשאַפט צו דער ערד.

אין מיטן דער אַרבעט האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז זיי האָבן ווייניק געלט צו קויפן זריעה. ישראל, דער געבילדעטסטער פון אַלע מענער, האָט זיך איינגעזעצט און אָנגעשריבן אַ בריוו, פול מיט גרייזן, צו דעם דעמאָלטיקן סענאַטאָר באָראַ, פון איידאָהאָ, מיטן פאָלגנדיקן נוסח:

„הויכגעשעצטער סענאַטאָר באָראַ, פון שטאַט איידאַהאָ:

מיר זענען דאָ פיר נייע אָנגעקומענע פאַמיליעס, אַלע גרויסע אָרעמע־לייט. איך אַליין האָב אַ ווייב, אַ קינד, אַ שטוב, צוויי פערד, אַן אַקעראייזן, זעקס הונדערט און פערציק אַקער לאַנד און... פיר דאָלאַר מיט פופציק סענט מזומן געלט. די אַנדערע צוויי פאַמיליעס, — דזשאָ און איציק, — האָבן צו צוויי און דריי קינדער (קיין פערד) און צו איינציקע ווייבער.

דער פערטער איז מיין געוועזענער שותף, יונה בראָמבערג איז זיין נאָמען. ער פאַרמאָגט אַ ווייב, אַ קינד, צוויי פערד, אַ שטוב און דריי הונדערט און צוואַנציק אַקער לאַנד. קיין איינער פון אונדז האָט נישט גענוג געלט צו קויפן זריעה פאַר די פעלדער און גערטנער.

בעטן מיר דעריבער דעם ווירדיקן סענאַטאָר, אַז ער זאָל זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיטן אַגריקולטור־דעפּאַרטמענט און פועלן, אַז ער זאָל אונדז ווי אַמשנעלסטן אַרויסשיקן פעקלעך זריעה".

באַדאַנקנדיק אים אין פאָרויס פאַר דער טובה, האָבן אַלע פיר מענער זיך אונטערגעשריבן מיט זייערע נעמען, ווי זיי זענען פאַרשריבן אין די „האָמסטעד"־פּאַפּירן, און מען האָט אַוועקגעפירט דעם בריוו אַכצן מייל צו דער נאָענטסטער באַן־סטאַנציע.

מיט אַ וואָך שפּעטער איז אָנגעקומען אַן ענטפער פונעם סענאַטאָר באָראַ, ווו ער שרייבט, אַז ער איז גליקלעך, וואָס זיי האָבן אויסגעקליבן זיין שטאַט איידאַהאָ, פאַר „האָמסטעדינג", זייער פיינעם בריוו האָט ער

איבערגעגעבן דעם אַגריקולטור־דעפּאַרטמענט, און אַז גאָר אין גיכן וועלן זיי באַקומען פּעקלעך זריעה. ער האָט זיי געווונטשן דערפאָלג און צוגע־זאָגט, אַז ווען ער וועט קומען אַהיים נאָך זיין וואַקאַציע, וועט ער קומען זיי באַזוכן און העלפן עסן די בעסטע קאַרטאָפל אין אַמעריקע פון דער גוטער אײדאַהאָר־ערד.

אין עטלעכע טעג אַרום זענען אָנגעקומען פיר גרויסע זעק זריעה פון וואַשינגטאָן, איינגעוויקלט אין אַ סך פּאַפּיר, פאַרבונדן מיט שטריק, און אין בייגעלייגטן בריוו האָט זיך געזאָגט, אַז זריעה פאַר קאַרטאָפל וועלן זיי מוזן קויפן אויפן פּלאַץ, ווייל דאָס מוז אומבאַדינגט זיין פריש.

האָט מען געקויפט עטלעכע זעק קאַרטאָפל, רויטע, ראָזעווע און ווייסע, צעשניטן אויף קליינע חלקים, פאַרהיטנדיק די „אויגעלעך" און „גריבעלעך", פון וועלכע די נייע קאַרטאָפל דאַרפן אַרויסשפּראָצן.

די פעלדער זענען פאַרזייט געוואָרן מיט קאַרטאָפל, קאָרן און ווייץ. גערטנער האָבן זיך צעבליט אין פילפאַרביקע געוויקסן. די ערד איז פאַרגאַנגען אין שוואַנגערשאַפט. די פעלדער און גערטנער האָבן אָבער געמוזט האָבן וואַסער, — און קיין רעגן איז נישט געקומען; די ערד איז געלעגן אַ פאַרשמאַכטע.

טעג און וואָכן האָט מען אַרויסגעקוקט צום לויטערן הימל, געזוכט אַ וואָלקנדל, ווי אַ דורשטיקער אין דער מדבר זוכט אַ טרונק וואַסער. דער פאַרזיי איז אויפגעגאַנגען און געבליבן ליגן, פלאַך און פאַרטריקנט, צו דער ערד, ווי אַ מאָך, קיין כוח געהאַט צו וואַקסן העכער; די שווערע האָרעוואַניע האָט געברענט...

— מיין בהמה איז ווידער געוואָרן טרוקן, האָט יונה, ווי צו זיך גע־רעדט, דרייענדיק פאַרביטערט מיטן קאָפּ.

— דיין בהמה? — האָט ישראל געפרעגט אַ פאַרוווּנדערטער.

— יאָ, דעם ברונעם מיין איך. נישטאָ גענוג וואַסער, נישט צו קאָכן און טרינקען, און נישט צו באַוואַסערן דעם גאָרטן. — ער האָט אָנגעשעפּט עטלעכע פעסער וואַסער, אַרויפגעלייגט אויפן וואָגן, אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד, און שוין פאָרנדיק אַרונטערגעשריען:

— זאָרג נישט! זעסט כמאַרעס? ס'וועט רעגענען אין אָגדען, יוטאַ!

ישראל איז געבליבן שטיין אַ פּאַרטראַכטער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז נאָכן זומער וועט קומען אַ לאַנגער, קאַלטער ווינטער, און אַז מען מוז צוגרייטן האָלץ. ער האָט איינגעשפּאַנט די פערד, מיטגענומען ווייב און קינד אין וואָגן און אַוועקגעפאָרן אין וואַלד אָנהאַקן האָלץ. דאָס קינד האָט מען אַוועקגעזעצט אויפן גראָז. טאַטע־מאַמע האָבן אָנגעהאַקט אַ וואָגן האָלץ. פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, איז שרה געגאַנגען נעמען דאָס קינד.

— גאָט מיינער! — האָט שרה אַרויסגעלאָזן אַ געשריי, ווי אַ פאַר־ווונדעטע חיה. זי האָט דערזען ווי אַ לאַנגע קלאַפּער־שלאַנג האָט זיגזאַגיק זיך געצויגן אויפן בויך, אַלץ נענטער צום קינד.

כאַפּנדיק דאָס קינד אויף די הענט, האָט זי מיט באַנומענע קולות געשריגן:

— שלאַנגען! שלאַנגען אין גראָז!!

ישראל איז צוגעלאָפן, האָט אויפגעהויבן די האַק אין דער לופטן, און מיטן גאַנצן כוח אַרונטערגעלאָזן די האַק איבער דער שלאַנג. צוויי שטיקער שלאַנג האָבן זיך קאָנוווּלסיוו אַ צאַפּל געטאָן אין גראָז.

פון אונטערן באַרג האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ קראַכנדיקער דונער. דער הימל האָט זיך פאַרצויגן מיט שוואַרצע וואָלקנס, וואָס זענען מ׳ט יעדער מינוט געוואָרן געדיכטער און פינצטערער. דונערן און בליצן האָבן דורכגעריסן די וואָלקנס, ס׳האָט אַ פּליי געטאָן אַ גאָס־רעגן. דער־שראָקענע פון די דונערן און בליצן, אויסגעווייקטע פון רעגן זענען מענטשן און פערד געלאָפן אַהיים.

אַ גאַנצע נאַכט האָט גערעגנט און באַפרוכפּערט די ערד. אַ פרייד האָט אַרומגענומען די „האָמסטעדערס" פון האקנס בייסן.

אויף צו מאָרגנס איז די זון אויפגעגאַנגען. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן זיך די קאַרטאָפל־פעלדער צעבליט מיט ווייסע, קליינע בלימעלעך; דער ווייץ האָט זיך גאָלדיק געצויגן צום הימל. פון דער ווילד־האַרטער און גראָזיק־פאַרוואַקסענער ערד זענען געוואָרן בליענדיקע לאָנקעס, פעלדער און גערטנער.

די פרייד האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. די ווילדקייט האָט ווידער

באַקומען די אויבערהאַנט איבער דער מענטשלעכער מי. אַ סטאַדע בהמות און פערד האָט דורכגעבראָכן די פּלויטן און פּאַרקאַנעס, האָבן זיך אַריינגעריסן, צעטראָטן און אויפגעפרעסן דעם ווייץ ביז די וואָרצלען.

מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָבן די „האמסטעדער" אַראָפּגענומען דעם שניט, מערסטנס קאַרטאָפל. אייניקע האָבן אויך געהאַט אַ ביסל ווייץ.

ישראל און שרה האָבן אַנגעשאַטן אַ הונדערט זעק קאַרטאָפל, אַוועקגעפירט אויפן מאַרק אין איירעאַ, פּאַרקויפט פּאַר אַ דאָלאַר אַ זאַק — איינגעלייזט הונדערט דאָלאַר. די אַנדערע פאַמיליעס האָבן אויסגעביטן זייערע גערעטענישן אויף שפּייז — מ'האָט אָנגעגרייט שפּייז אויף אַ לאַנגן, קאַלטן ווינטער.

*

די לופט האָט געשמעקט מיט פרישן היי און אלפאלפא. די שעפּסן האָבן זיך צעשפּרייט איבער באַרג און טאָל, האָבן אומעטיק געמעקעט. דער הונט האָט מוראדיק געבילט. דער פּאָסטעך האָט ישראלן געבראַכט צו טראָגן אַ באַוווסטלאָזן. בלוט האָט געררונען ביי אים פון אַן אויער.

— דזשים פּרוט האָט אים דערלאַנגט מיט אַ האַק איבערן קאָפּ. נאָך אַ גליק, וואָס דער קלאַפּ איז געקומען פון דער לינקער זייט האַק, און וואָס איך האָב דערהערט זיינע געשרייען. ווען נישט דאָס, וואָלט ער שוין איצט געווען אַ טויטער, — האָט דער פּאַסטעך שרהן אָנגעזאָגט די נייעס. ער האָט ישראלן אַריינגעבראַכט אין שטוב און אים אַוועקגעלייגט אין בעט.

— אַ דאָקטאָר, דזשאָן! מען מוז אים גלייך פירן אין שטאָט אַריין צום דאָקטאָר — האָט שרה מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן. דאָס קינד האָט זיך דערשראָקן און זיך צעוויינט.

רייטנדיק, איז פון פעלד געקומען צו פליען טעדי, סייקס עלטסטער זון, אַ בחור פון אַ יאָר זעכצן־זיבעצן. ער האָט אויך דערהערט די געשרייען און איז געקומען צו לויפן הערן וואָס עס איז געשען.

— ס'איז צוויי און דרייסיק מייל פון דאַנען. דאָרטן איז פאַראַן אַ שפּיטאָל. איך קאָן נישט אַוועקגיין, איך מוז אויפּפּאַסן אויף די שעפּסן. דו,

טעדי, נעם אים. — האָט דזשאַן דער פּאָסטעך געבעטן אויף זיין שפּאַניש־פראַנצויזישן געבראָכענעם ענגליש.

שווייגנדיק, ווי זיי וואָלטן געווען די שולדיקע אין ישראלס ליידן, האָבן זיי איינגעשפּאַנט דאָס פערד, אַרויסגענומען ישראלן פון בעט, ווי אַ קינד, אים אַריינגעלייגט אין וואָגן, צוגעדעקט מיט אַלטע קאָלדרעס, און טעדי האָט אים אַוועקגעפירט קיין דאַני.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען ישראלן געבראַכט צוריק אַהיים. ער איז געווען אָפּגעצערט און אויף איין אויער טויב ווי די וואַנט.

שפּעט נאָך האַלבן טאָג איז געקומען סייקס, זיין ווייב און איר שוועסטער מאַרטאַ, אַ גאַסט פון וואַשינגאַטן.

מאַרטאַס אויסזען און קליידונג איז געווען גרויסשטאָטיש, אַריסטאָ־קראַטיש. זי איז געווען יינגער פון איר ברודער, זי איז געווען פון מיטעלן וווקס, האָט געהאַט אַ ווייס רונדיק פּנים, איינדרוקספולע ברוינע אויגן און טונקל־ברוינע האָר, גלאַט פאַרקעמטע אויף הינטן.

מאַרטאַ האָט דערלאַנגט ישראלן איר ווייסע האַנט, אָנגעשטעלט אויף אים אירע גרויסע אויגן, באַטראַכטנדיק זיין פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ, און געזאָגט אין אַ ווייכן טאָן:

— דאָס האָט נישט געטאָרט פּאַסירן.

— האָט איר ליב דאָס „האָמסטעד"־לעבן? — האָט זי געפרעגט נאָך אַ קורצער פּויזע.

ישראל האָט קענטיק נישט געהערט. האָט זי איבערגעפרעגט אין אַ העכערן קול:

— האָט איר ליב דאָס פאַרמער־לעבן?

— ניין, — האָט ישראל פאַרשעמט געענטפערט. — דאָס לעבן פון אַ פאַרמער איז שווער. זומער לאַנגע שעהען אויף די פעלדער; ווינטער — אומעט, לאַנגוויל, פאַרשפּאַרט אין די הייזער אונטער בערג מיט שניי. דאָס ערגסטע איז, וואָס די קינדער האָבן נישט קיין שול. דיין טעדי, אַ גרוי־סער בחור, קען נישט אונטערשרייבן זיין נאָמען.

אַן אומצופרידענע גרימאַסע האָט זיך צעלייגט אויף מאַרטאַס פּנים,

קוקנדיק אויף איר ברודער. סייקס און ישראל האָבן זיך שטום איבער־געקוקט.

— ס'איז נישטאָ קיין לערער, קיין ביכער, קיין שול. טאָ וואָס קאָנען מיר טאָן, מאַרטאַ. — האָט סייקס גערעדט צו דער שוועסטער ווי אַ באַ־שולדיקטער, וואָס זוכט זיך צו פאַרטיידיקן.

— ווי איך פאַרשטיי, קלייבט זיך ישראל צו פאָרן צוריק אין שטאָט. איז דאָס אמת? — האָט זי געפרעגט, דורכנעמענדיק ישראלן מיט איר פאַרשנדיקן בליק.

— יאָ, נאָר פאַר די ווינטער־חדשים. פרילינג וועלן מיר קומען צוריק.

אַ סימפּאַטישער שמייכל האָט זיך צעלייגט אויף מאַרטאַס פּנים. ס'איז איר געפעלן געוואָרן זיין איינגעשפּאַרטקייט צו בלייבן אַ פאַרמער. זי האָט אָבער געצווייפלט; אַזוי האָט גערעדט איר שטומער, קלוגער בליק. נאָר געזאָגט האָט זי עפּעס אַנדערש:

— איך לייג פאָר, אַז איר זאָלט צונויפרופן אַ זיצונג פון די שול־פאַרוואַלטער, פון וועלכע ישראל איז אויך איינער, און איר זאָלט דינגען ישראלס שטוב פאַר אַ קינדער־שולע. ס'איז דאָ דערנעבן אַ וועג, ס'וועט זיין גרינג פאַר די קינדער צו קומען אַהער. מיט ביכער, לערער און טראַנ־ספּאָרטאַציע וועט שוין די קאָונטי־פאַרוואַלטונג באַזאָרגן.

פון די טיף־פאַרטראַכטע פּנימער האָט זי אַרויסגעלייענט, אַז איר פאָרשלאָג ווערט גענומען אין באַטראַכט.

ישראל האָט געשוויגן. אַ טייל פון אירע רייד האָט ער פאַרהערט, און וואָס ער האָט יאָ געהערט, איז געווען אַזוי גוט, אַז עס האָט אים פאַר־כאַפּט דעם אָטעם. טאָ זאָל סייקס רעדן, האָט ער געטראַכט.

— איך קלער, אַז דו ביסט גערעכט, מיין שוועסטער. מיר וועלן טאַקע נאָך היינט צונויפרופן אַ זיצונג.

ער האָט איר געקלאַפּט מיט ליבשאַפט אין פּלייצע און האָט זיך פאַר־נומען צו גיין.

ביים שוואַרצן אייזערנעם אויוון איז געזעסן אויף אַ בענקעלע די פעטע מרס. סייקס. אירע קליינע אייגעלעך זענען געזעסן טיף אין אַ צוגע־שמייכלטן ברייטן פּנים. אויף דער שויס האָט זי געהאַלטן דעם קליינעם

יודזשין, געשפּילט זיך מיט זיינע פינגערלעך און געזונגען צו אים דאָס ראַ־פּיסטישע לידל:

אינִי, מינִי, מיינע מאָקעטש
עי ניגער ביי די טאָ,
איף הי האָלערס, לעט הים גאָ!

מאַרטאָ האָט געוואָרפן אַ בייזן בליק אויף איר שוועגערין. שרה האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד פון מרס. סייקס פּעטע הענט, צוגעלאָפן צו מאַרטאַן און מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט:

— אייערע רייד זענען פאַר מיר געווען אַ דערפרישונג. איך דאַנק אייך, טייערע, פאַר העלפן מאַכן אַ שול פון אונדזער שטוב. אַמאָל אין שי־קאַגאָ, בין איך אַ קורצע צייט געגאַנגען אין אַ נאַכט־שול, געלערנט ענג־ליש. איך געדענק מיט ליבשאַפט מיין ערשטע לערערקע דאָ אין לאַנד. איך געדענק אויך מיין שכנטע קלאַראָ פון אָגדן, יוטאָ; איר האָב איך צו פאַרדאַנקען דעם פאַרגעניגן פון קאָנען זיך אַדורכרעדן און פאַרשטיין מיט אייך. דעם „האַמסטעד”, די שכנים, די אַרבעט און די שיינע נאַטור האָב איך ליב מיטן גאַנצן האַרצן. אָבער... מיר איז דאָ שווער. כ׳האָב מורא...

מאַרטאָ האָט אַרויפגעלייגט איר ווייכע האַנט אויף שרהס אַקסל, גע־שמייכלט ליבלעך צום קינד אין שטילשוויגן. זי האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דאָס פּנים האָט אויסגעדריקט פריינדשאַפט און פאַרשטענדעניש.

*

זונטיק איז פון דאַני געקומען דזשאָ עפּשטיין, מיט וועמען ישראל האָט אַמאָל געפּעדלט צוזאַמען. מיט אים איז געקומען נאָך אַ יידישער פאַרמער, אַן עלטערער, מיט זיין פרוי, אַ הויכע, אַ דאַרע און אומעטיקע. זיי האָבן געלייענט אין צייטונג, אַז אַ שכן האָט שיר נישט דערהרגעט אַ יידישן „האַמסטעדער”. האָבן זיי אין שפּיטאָל אויסגעפונען ווו דער ייד וווינט און זענען אים געקומען מבקר חולה זיין.

ישראל האָט זיך דערפרייט מיט זיי, גערעדט פון די ערשטע פּעדלערשע

יאָרן אין אַמעריקע, זיך אויסגעפרעגט, אויב עס זענען דאָ נאָך יידישע פּאַרמער, און ווי עס לעבט זיך זיי.

— יאָ, עס זענען דאָ עטלעכע יידישע פאַרמער־פאַמיליעס אין דאַני, אויך אין פּאָקאָטעלאָ און אין דער אַרומיקער געגנט זענען דאָ יידישע פּאַר־מער. אַ סך פון זיי זענען גוט איינגעפונדעוועט. ער אַליין איז אויך נישט צו פּאַרזינדיקן. חתונה געהאַט, אָנגעפּלאָגט זיך ביז מען האָט פון דעם „האָמ־סטעד" געמאַכט אַ בליענדיקע פאַרם. נו, האָט זיי געטראָפן אַן אומגליק: אַ פּופּצניאַריקער זון איז געפאָרן אין שטאָט אַריין מיט פערד און וואָגן; דאָס פערד האָט זיך צעבריקעוועט און היימי איז דערהרגעט געוואָרן.

דזשאָ האָט דאָס דערציילט אַזוי שטיל, אַז זיין ווייב זאָל נישט הערן. ישראל האָט אַ סך ווערטער פאַרהערט, נישט געוואָגט איבערצופרעגן. שרהן איז דורכגעגאַנגען אַ ציטער איבערן לייב. ס'האָט זי באַרואיקט דער גע־דאַנק, אַז באַלד וועלן זיי פאַרלאָזן די פּרעכטיק־ווילדע נאַטור־שיינקייט מיט אירע ווילדע פערד...

שרה האָט באַמערקט, ווי סערע עפּשטיין האָט מיט אומעטיקע אויגן געקוקט אויף די גלאַטיקע הילצערנע ווענט, וואָס אויף זיי איז נישט געהאָנ־גען קיין איין בילד, אָן אַ קאָליר, אַפילו נישט קיין לוח... איר אומעטיק פּנים איז, דוכט זיך, געוואָרן נאָך אומעטיקער. זי איז צוגעגאַנגען צו שרהן און געפרעגט:

— האָט איר דאָ גאָרנישט קיין יידישע ביכער? אין דאַני קריגן מיר נישט קיין יידישע ביכער, שוין לאַנג נישט געלייענט.

— אויפן בוידעם שטייט אַ קופערט מיט ביכער. אַ גאַנצן זומער איז אַפילו נישט געווען קיין צייט צו לייענען; געריסן סיידזש בראַש, פאַרזייט אַ גאָרטן, אָט זעט, ווי שיין אַלץ איז אויפגעגאַנגען נאָכן רעגן; טייערע, פעטע ערד. — האָט שרה אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט אַריבער די בייטן גרינצייג, באַמיט זיך צו שמייכלען, נאָר אינעווייניק האָט עפּעס געגנאָגט...

— איר ווייסט מרס. עפּשטיין? מיר האָבן פאַרדונגען די שטוב פאַר אַ סקול. דאָס וועט זיין די ערשטע סקול אין האקינס־בייסן! מיר פאָרן צוריק אין שטאָט. דאָרטן האָב איך געהאַט צייט צו לייענען אַ בוך. ס'זענען

אויך געהאָנגען עטלעכע בילדער אויף די ווענט. איר מוזט אונדז קומען באַזוכן, — האָט שרה גערעדט מיט יונגן אָפּטימיזם.

סערע האָט נישט געענטפערט, נאָר געקוקט אויף איר מיט אַ פּאַר־טייעטן שוואַכן שמייכעלע, ווי זי וואָלט געזאָגט: „יונגע, צעטראָגענע ציג. וואָס דערוואַרט דיך אין דער צוקונפט?".

*

אין אַ שיינעם האַרבסטיקן טאָג איז געקומען דזשאָן טרעשער, דער רייכסטער פּאַרמער אין דער גאַנצער געגנט, דער זעלבער, וועמענס גרויסע הילצערנע שטוב מיט תבואה־שפּייכלערס זיי האָבן געזען מיט זעקס חדשים צוריק, ווען זיי זענען געפאָרן אויפן „האמסטעד". דזשאָן האָט באַקוקט דאָס מעבל, און דער עיקר איז אים געפעלן געוואָרן די ברייטע, געלע, בלישטשענ־דיקע „ברעס בעט".

אָט אַזאַ בעט וויל טאַקע זיין ווייב האָבן. זי בעט זיך שוין ביי אים פון כמה יאָרן, אַז ער זאָל איר קויפן אַ „גאָלדן ברעס בעט". וועט ער איר מאַכן אַ סורפּריז.

*

אויף צומאָרגנס, מיטן זון־אויפגאַנג, האָבן עטלעכע יונגע פּאַרם־אַרבע־טער אַרויפגעלייגט דאָס אָרעמע מעבל אויפן וואָגן, מיט אַ גרויסן אַלט־מאָדישן קופערט, וווּ עס זענען געלעגן עטלעכע יידישע ביכער. דאָס איז געווען דאָס איינציקע באַלעבאַטישקייט, וואָס שרה און ישראל האָבן מיטגע־נומען מיט זיך צו דער באַן צוריק אין שטאָט אַריין.

מאַנאָטאָן האָבן געקלאַפּט די רעדער פון דער באַן אויף די אייזערנע רעלסן. שרה איז געזעסן פאַרטראַכט. מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן איז זי אין אירע געדאַנקען דורכגעגאַנגען דאָס איבערגעלעבטע אין די פאַרגאַנגענע זעקס חדשים. זי האָט זיך זעלבסט געפרעגט:

— ווי אַזוי קען אַזאַ שיינע לאַנדשאַפט ווי זייער „האמסטעד" זיין אַזוי פול מיט סכנות? און פאַר אירע אויגן איז אויפגעקומען אַ בילד:

ס'איז שפּעט אין אָונט. אַ פינצטערע נאַכט. ישראל איז נישט געקומען פון פעלד. אַ שרעק כאַפּט זי אַרום. אפשר האָבן אים די פערד דערהרגעט? אפשר שרייט ער נאָך הילף און זי הערט נישט? האָט זי דאָס קינד איבער־געלאָזן אַליין אין שטוב, שלאָפנדיק, און זיך געלאָזט לויפן איבער בערג און טאָלן, איבער צעאַקערטער ערד, איבער דראָטענע פּליטן, זוכן ישראלן. הינטער זיך האָט זי געהערט ווילדע קעץ מיאַוקען, אין קאָץ האָט אַ שפּרונג געטאָן פאַר אירע אויגן. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ ווילדן געשריי, און נאָך שנעלער גענומען לויפן. זי האָט נישט געפילט דעם באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ הינטער זיך.

אַ שוואַך פייערל האָט געלויכטן דורך די שייבלעך פון סייקס שטוב. זי האָט נישט אָנגעקלאַפּט — צעפּראַלט די טיר, אַ פאַרסאָפּעטע איז זי אַריינ־געפאַלן אין שטוב. די שטוב איז געווען פול מיט קינדער פון פאַרשידענעם עלטער. אויף אַ לאַנגער, הילצערנער באַנק איז געזעסן ישראל צוזאַמען מיט נאָך פאַרמער, אַלע האָבן געשמועסט, געלאַכט, געקייט טאַבאַק און געשפּיגן אין אַ זאַמד־קעסטל.

— קינד, וואָס ביסטו אַזוי דערשראָקן? ישראל איז „אָלרייט", געגעסן מיט אונדז סאַפּער, באַרואיק זיך, — האָט געזאָגט ליזאַ, סייקס ווייב, מיט איר גוטמוטיקן שמייכל אויפן פּנים.

דאָס איז געווען אַ שווערער חלום, פון וועלכן זי האָט זיך דערוואַכט.

*

די באַן האָט זיך אַ ריס געטאָן, צוריק און פאָרויס, און זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ סטאַנציע. דער טרייסל האָט שרהן אויפגעוועקט ווי פון שלאָף. אָנקוקנ־דיק ישראלן מיטן שלאָפנדיקן קינד אויף די הענט ביי איר זייט, האָט זי מיט פריידיקער באַגייסטערונג געזאָגט:

— ישראל, אין אונדזער שטוב וועט זיין אַ שולע. פאַרמער־קינדער וועלן זיך לערנען לייענען און שרייבן. זיי וועלן לערנען די געשיכטע פון דעם גרויסן און שיינעם אַמעריקע. איך האָב געלייענט אַ קליינעם טייל פון דעם, ווען איך בין געגאַנגען אין דער נאַכט־שול. וווּנדערלעך!

ישראל האָט דורכגעזופּט מיט זיינע פעטלעכע פינגער די קוטשעראַווע, טונקל־ברוינע האָר, אַ קנייטש געטאָן דעם הויכן שטערן און אַ זאָג געטאָן:

— פאַר דעם פאַרדינגען די שטוב פאַר אַ שול האָבן מיר צו פאַרדאַנקען מאַרטאַן. — זיין פּנים האָט זיך פאַרוואָלקנט, און ער האָט צוגעגעבן שטיל, ווי פאַר זיך:

— נו, אַ זומער געווען... אַ קאָשמאַר... אָבער איך בין צופרידן, צופרידן, ווייל איך האָב די ווילדעניש צעאַקערט און פאַרזייט. מיטן שווייס פון מיין פּנים און בלוט פון מיין אויער איז די ערד באַפרוכפּערט געוואָרן... צום פרילינג וועלן מיר זיך אומקערן צוריק צום „האמסטעד". איך וועל ווייזן דזשים פּרוטן, אַז מיך שרעקט מען נישט אָפּ...

# דער דזשאָני־וועג

ענדלעך איז אָנגעקומען אַ בריוו פון דער שוועסטער פייגל, ווו זי באַשרייבט דעם ביטערן ווינטער אויפן „האָמסטעד". שרה לייענט, פאַר־מאַכט די אויגן און זעט די ריזיק־הויכע פאַרשנייטע בערג און טיפע טאָלן — אַ ווייסע אָפּגעריסענע שטיק וועלט.

דער ווינטער האָט זיך געשטעלט פרי אין האַקנס בעיסן, איידאהאָ. מיטן ערשטן, דראָבנעם שנייעלע האָט יונה איינגעשפּאַנט זיינע צוויי פערד און אַלע דריי יידישע „האָמסטעדערס" האָבן אָנגעלייגט זייער זומערדיקע פּראָצע פון הונדערטער זעק קאַרטאָפל. מען איז געפאָרן קיין ערימאַ צו דער באַן־סטאַנציע, ווו ס'איז פאַראַן אַ קראָם פון „דזשענעראַל מערטשענדאיז" און מען בייט אויס די זעק קאַרטאָפל אויף פאַרשידענע אַנדערע שפּייזן, ווי זאַלץ, צוקער, סיראָפּ, קאָנדענסירטע מילך, בעבלעך, מעל, און אַלץ וואָס איז נייטיק אויפצוהאַלטן דאָס נאָרמאַלע לעבן. מען האָט זיך געגרייט אויפצו־נעמען דעם לאַנגן, שווערן ווינטער.

די „דזשענעראַל מערטשענדאיז", ווו מען האָט געקאָנט קויפן פון אַ משוואָק ביז אַ וואָגן, האָט אַלץ פאַרקויפט — שיך, קליידער, מעדיצין, לאָמפּן און אפילו ווינדעלעך פאַר קליינע קינדער. די אַלטע גרויסע הילצערנע געביידע האָט געדינט נישט נאָר פאַר פּיזישע באַדערפעניש, נאָר איז אויך געווען אַ מין גייסטיקער צענטער, אַלס אַ קלוב. פאַרמער, וועלכע האָבן געוווינט נאָענט צו דער קראָם, פלעגן זיך צונויפקומען דאָרטן אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן, זיך אויסזעצן אויף די הילצערנע בענק און קאַסטנס כחורה, אַרום דעם הייסן אויוון און ביים שוואַכן שיין פון אַ נאַפט־לעמפּל קייען טאַבאַק, שפּייען אין זאַמד־קעסטעלע און זיך דערציילן מעשיות.

סלים, אַ מיטליאָריקער, הויכער, דאַרער פאַרמער מיט אַ צעקנייטשט

פּנים, איז געווען אַ גוטער דערציילער. ער האָט געהאַלטן זיינע צוהערער געשפּאַנט, נישט נאָר מיט דעם, וואָס ער האָט דערציילט, נאָר אויך ווי אַזוי ער האָט דערציילט. די נאַטור האָט אים באַשאָנקען מיט דער קונסט פון מימיק; האָט ער דערציילט פון „גאָלד ראַש" אין דער ווייטער וועסט, האָט מען געזען דעם „ספּעקטאָר" (גאָלד־זוכער) מיטן זיפּעלע אין די הענט וואַשנדיק ביים וואַסער דאָס בלישטשענדיקע גאָלד, וואָס שיינט אַרויס פון זאַמד. האָט ער דערציילט וועגן די ערשטע, גרינע „האָמסטעדערס", האָט מען געזען אַ הילפלאָזן פּאַרמער, ווי ער ראַנגלט זיך מיטן פערד און אַקעראַייזן ביים אויפאַקערן די האַרטע ערד, אַזש אַ שוויס גיסט זיך פון זיין פּנים. און אזוי איז געווען אַלץ, וואָס ער האָט דערציילט.

אַ צווייטער פּאַרעלטערטער פּאַרמער מיט אַ יונגן גלאַנץ אין זיינע אויגן האָט דערציילט פון זיינע ערשטע „האָמסטעד"־יאָרן, ווי ער האָט איינגע־בראָכן צוויי ווילדע פערד און זיי געמאַכט אַקערן די ערד; פון די „האָמ־סטעדער", וואָס האָבן פאַרנומען דאָס בעסטע לאַנד אין דער געגנט. איצט זענען זיי רייך, האָבן אַ סך פערד, הינער חזירים און אַ סך קינדער, וועלכע העלפן מיט ביי דער האַנט.

ביל, אַן אַלטער צײנלאָזער פּאַרמער, האָט גוט געדענקט די ערשטע „האָמסטעדער", וואָס זענען זיך אַהער אָנגעפאָרן פון פאַרשידענע לענדער, מערסטנס פון אירלאַנד און דייטשלאַנד. אַ סך פון זיי זענען געוואָרן גוטע פּאַרמער. פאַר אַנדערע איז דאָס רייסן די ערד געווען צו שווער, זענען זיי צוריקגעפאָרן אין שטאָט אַריין. מיט אַ פאַרטייעטן שמייכל אין די אויגן האָט ער גערעדט פון קלאַראַן, די אַלטע מויד, וועלכע איז אַהער געקומען מיט אַ זעקס יאָר צוריק פון די מזרח־שטאַטן. אַלע שכנים האָבן געלאַכט פון איר ווי זי גייט נאָך דעם אַקעראַייזן הינטער אירע צוויי גרויסע רויטע פערד, שטענדיק האָט מען זי געזען אַרבעטן אין פעלד. איצט איז איר „האָמסטעד" דער שענסטער אין דער גאַנצער געגנט. ער האָט דערציילט ווי ער האָט זיך אַפילו געטראָפן מיט דריי יידישע „האָמסטעדערס" פון „האָקנס בעיסן" (האָקינס טאָל), 2 פאַמיליעס זענען געווען אַזוי אָרעם, אַז זיי האָבן געמוזט דינגען אַ פערד, כדי צו פאַראַקערן דאָס פעלד.

אַ פּאַרמער מיט אַ האַרט־אונטערגעשוירן בערדל ווי אַ בערשטל, האָט

זיך באַקלאָגט, אַז די יונגע קינדער פאַרלאָזן די עלטערן מיט די פּאַרמס און פאָרן אַוועק אין די גרויסע שטעט זוכן אַרבעט. זיינע אייגענע קינדער רייסן זיך שוין אויך אין שטאָט אַריין.

אָבער נישט אַלע צייטן פון יאָר האָבן זיי דאָס פאַרגעניגן פון צוזאַמענקומען זיך דאָ אין די אָוונטן. ווינטער, ווען די שליאַכן און וועגן ווערן פאַרשאָטן פון גרויסע שניי־שטורעמס, בלייבן זיי זיצן אין דער היים. מען גייט שלאָפן מיטן זון־אונטערגאַנג, כדי איינצושפּאָרן נאַפּט פאַרן לעמפּל און האָלץ פאַרן אויוון, בעת די פייערן זענען אויסגעלאָשן איז מען זיכער, אַז די שטובן וועלן נישט אַוועקגיין מיטן רויך.

נאָך שווערער איז געווען דאָס לעבן פון די דריי יידישע פאַמיליעס ווינטער אויפן „האמסטעד". זייערע הייזקעס זענען געלעגן אין טאָל אַרומגערינגלט מיט הויכע שניי־באַדעקטע בערג. טייל מאָל פלעגן די הייזקעס אין גאַנצן פאַרשאָטן ווערן דורך דער בלענדנדיקער ווייסקייט. און הגם שפּייז איז געווען צוגעגרייט אויפן ווינטער גענוג, האָט מען זיך געפילט ווי געכאַפּט אין אַן אייז־פאַסטקע. זיי וואָלטן בעסער געהונגערט איידער זיין אַזוי אָפּגעריסן פון מענטשן.

ווען די לאַנגווייליקייט פלעגט צודריקן, פלעגן מאַן און ווייב זיך צערעדן וועגן פרילינג, ווען דאָס אייז און דער שניי וועלן צעגיין; מען וועט ווידער פאַרזייען אַ גרינעם גאָרטן, די קאַרטאָפל־פעלדער וועלן זיך צעבליען; מען מוז האָבן געדולד... מען האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער צוקונפט אַזוי גוט ווי אויף דער פאַרגאַנגענהייט, גערעדט פון דער שטאָט, פון שאָפּ, פון פריינד. און ווען מען איז מיד געוואָרן צו רעדן, האָט מען זיך גענומען שפּילן דאָמינאָ אָדער קאָרטן.

ערגער איז געווען מיט די קינדער. זיי האָבן זיך שטענדיק געפּלאָנטערט אונטער די פיס און געפרעגט: „וואָס זאָלן מיר איצט טאָן?" מיט די פּיצלעך אין די אָרעמס האָט מען זיך נאָך געקאָנט אַן עצה געבן. פון די עלטערע איז נישט געווען אויסצוהאַלטן. בעני, פייגלס עלטערער יינגל, האָט נאָר געוואָלט וויסן פאַר וואָס זיי קאָנען נישט פאָרן אין שטאָט אַריין, פאַר וואָס קאָן ער נישט גיין אַלע טאָג אין סקול? מייקל, דער קלענערער, איז געווען

אַן איינגעשפּאַרטער; אַלץ מוז זיין היינט, שוין. ער וויל נישט וואַרטן אויף מאָרגן. ער וויל באַלד אַרויסגיין און זיך שפּילן אין שניי.

אַז די פּינפּיאַריקע סוזי איז מיד געוואָרן זיך צו שפּילן מיט דער שמאַטע־ליאַלקע איז זי אַרויפגעקראָכן אויפן טיש און גענומען קראַצן מיט די נעגעלעך דעם פראָסט פון די שויבן.

— גיי אַראָפּ פון טיש, סוזי, וועסט חלילה אויסברעכן אַ שויב. — און פייגל דערשרעקט זיך פאַרן געדאַנק: ווי, וואָס פאַר אַן אומגליק דאָס וואָלט געווען ווען זי ברעכט אויס אַ שויב. וו וואָלט מען דאָ גענומען אַ גלאָז אַריינצושטעלן? און זי דערמאָנט זיך אין איר אייגענער קינדהייט: אַ פראָס־טיקער פרימאָרגן, אַן אויסגעבראָכענע שויב, וואָס די מאַמע האָט פאַר־שטאָפּט מיט אַ קישעלע...

זי נעמט אַוועק דאָס קינד פון פענצטער; דאָס קינד צעוויינט זיך. פייגל דריקט זי צום האַרצן: מאַמעלע מיינס, וואַרט, באַלד וועט זיין זומער, וועסטו זיך שפּילן אין דרויסן.

— איצט וויל איך זיך שפּילן — וויינט דאָס קינד מיט גרויסע טרערן. און די יינגלעך האָבן גאָר פּלוצלינג איבערגעריסן דאָס קלאַפּן מיט די האַמערס, צוגעלאָפן צום פענצטער, אַרויסגעקוקט און אויסגעשריגן:

— דער שניי און ווינט האָבן זיך אָפּגעשטעלט, מען קאָן שוין אַרויס־גיין, — און ביידע האָבן זיך אַ יאָג געטון צו דער טיר. פייגל האָט זיי פאַרשטעלט דעם וועג:

— וווּהין לויפט איר? סוזי איז אַ קליינינקע, זי פאַרשטייט נאָך נישט. אָבער איר ביידע זענט דאָך שוין גרויסע, איר ווייסט דאָך, אַז די טיר איז פאַרפרוירן, פאַרשאָטן מיט שניי; מען קאָן נישט עפענען. מאָרגן, ווען דער פראָסט וועט נאָכלאָזן און דער שטורעם וועט זיך איינשטילן, וועט איר גיין אין סקול, אַזוי ווי פאַראַכטאָגן, איר געדענקט? אַנקל יונה וועט איינשפּאַנען זיין שליטן, וועט ער אונדז נעמען.

— איך אויך — שרייט סוזי.

— דו אויך. אַלע וועלן מיר פאָרן, — רעדט דער פאָטער מיט ליבשאַפט צו די קינדער.

— וואָס טויג אונדז אַ סקול, — זאָגט פייגל נאָך אַ הפסקה, — אַז מיר קאָנען נישט צוקומען צו איר.

זי נעמט זיך צו קאָכן וואַרעמעס. יעדעס מאָל האָבן ביי איר די קאַר־טאָפל אַן אַנדערן טעם: איין טאָג איז קאַרטאָפל מיט שאָלעכץ, מען עסט זיי מיט הערינג פון אַ פושקע. דעם צווייטן טאָג געשיילטע קאַרטאָפל מיט היימיש געמאַכטן קרויט. דעם דריטן טאָג געפּרעגעלטע, געבאַקענע, אַז ס׳צעגייט זיך ממש אין מויל. אַך, ווי פייגל האָט הנאה צו זען ווי די קינדער עסן מיט אַפּעטיט. אויך הערי האָט הנאה פון זיין אַרבעט ביים מאַכן אַ שליטן פאַר די קינדער. סוזי איז שטאַרק באַשעפטיקט ביים אַרויפציען אַ ניי קאָפּטעלע אויף דער ליאַלקע. יעדער איינער האָט זיך צוריק פאַרטאָן אין זיין אַרבעט.

אַז עס איז געוואָרן שטיל, האָט פייגל גענומען אירע צעשפּרייטע, פון אַרבעט שאַרסטקע הענט אין די זייטן, זיך אַרומגעקוקט ווי זי וואָלט זיך ערשט איצט אַריינגעצויגן אַהער; ביי איין וואַנט שטייט אַ שוואַרצער אויוון, אַנטקעגן איבער — דאָס קינדער־בעטל, אין אַ ווינקל — אַ הויכע קופּע אַנגעהאַקט האָלץ. צווישן די צוויי פענצטער שטייט אַ רונדיקער טיש מיט עטלעכע שטולן; ביי דער טיר — אַ פעסל גענוצט וואַסער, אַ צווייט פעסל מיט צעגאַנגענעם שניי צום קאָכן און טרינקען. זי קוקט אין פעסל שניי־וואַסער: ס׳איז שוין אויפן דעק, ס׳וועט נישט זיין גענוג פאַרן טאָג צום קאָכן און טרינקען. מ׳עט מוזן לעקן די שויבן — שמייכלט זי איראָניש.

— זאָגסט דאָך, אַז דו האָסט זיך שוין אויסגעלערנט קאָכן מיט וויניק וואַסער — זאָגט הערי. זי האָט געקוקט אויף אים מיט שטומער רעזיגנאַציע.

בעני איז געוואָרן מיד פון שפּילן זיך. ער איז צוגעגאַנגען און אַרויס־געקוקט דורכן פענצטער צום שטורמישן שניי־פאַל און פלוצלינג אויס־געשריגן:

— מאַ, פּאַ, דזשאַנאַ קומט. ער האַלט עפּעס אויפן אַקסל. אוי, ער איז געפאַלן אין שניי! — פּאַטשט בעני מיט די הענט און צעלאַכט זיך.

הערי און פייגל האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צום פענצטער. מייקל און די קליינע סוזי נאָך זיי.

— זע, ס׳איז טאַקע יונה, ער ליגט אין שניי, אַט הייבט ער זיך אויף, — שרייען אַלע אויף אַ קול צו דער איינגעפרוירענער טיר.

באַלד הערט זיך אַ שאַרן פון שניי אויף דער צווייטער זייט טיר. די קינדער פּאַטשן מיט די הענט, קלאַפּן אין די שויבן און טאַנצן פאַר פרייד.

— יונה, וואָס האָט פּאַסירט? ווי אַזוי ביסטו געקומען אין אַזאַ שטורעם? — שרייען אַרויס דזשאָ און פייגל. יונה הערט נישט. ער ענטפערט אָפּ מיט אַ פראַגע:

— האָט איר דאָרטן הייס וואַסער?

— יאָ, ס׳איז דאָ — באַקומט ער אַ פריילעכן ענטפער.

— גיסט אַרויף אויף דער טיר, אַרום די שפּאַלטן. נאָך אַ ביסל. — יונהס שאַרן מיט דער לאָפּעטע פון יענער זייט טיר האָט אַלעמען אָנגעשטעקט מיט פריידיקער דערוואַרטונג.

ענדלעך, האָט ער מיט זיין גרויסן, באַפּעלצטן קערפּער זיך אַ שפּאַר געטאָן אין דער טיר און האָט אַריינגעפּראַלט, אַריינלאָזנדיק אַ כוואַליע קאַלטע לופט. די קינדער האָבן צעשפּרייט די הענטלעך, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַרומנעמען דעם פראָסטיקן דרויסן.

— עס שיסט מיט קעלט, — איז זיי פייגל פאַרלאָפן דעם וועג.

די קינדער האָבן געמאַכט אַ פּאָר טריט אויף צוריק, אַ קער געטאָן זיך און האָבן אַרומגערינגלט יונהן, וועלכער האָט זיי איצט געפּרווט פאַרשטעלן אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין דרויסן.

דאָס קליינוואַרג האָט אַרויפגעקוקט צו אים מיט נייגעריקע אייגעלעך און געזאָגט:

— אָנקל דזשאָן, ביסט געוואָרן אַ שניי־מאַן — און האָבן זיך צעלאַכט.

ווען אַ פאַרלוירענער ברודער וואָלט זיך פּלוצלינג באַוויזן ביי זיי אויף דער שוועל, וואָלט פייגל און הערי נישט אַזוי גליקלעך געווען ווי זיי זענען איצט געווען מיט יונהן.

ביסט דאָך ממש פאַרשאָטן, יונה — זאָגט הערי און ציט אַראָפּ פון אים דאָס פּעלצל.

יונה טוט אויס דאָס פוטערנע היטל, קלאַפּט אָפּ אין זאַק, וואָס איז

געלעגן ביי דער טיר, דעם שניי פון די הויכע שטיוול, און אַלע שמייכלען פון אָנגענעמער איבערראַשונג.

אויפן טיש זענען באַלד אָנגעשטעלט געוואָרן טיי, היימיש־געבאַקענע קיכלעך, איינגעמאַכץ, זויער־קרויט און הייסע פרישע קאַרטאָפל, פון וואַנען ס'האָט געזעצט אַ פּאַרע. די קינדער האָבן געטרונקען וואַסער, געמישט מיט מילך פון די פּושקעס. די שטוב איז געווען פול מיט פרייד און מיט דערוואַרטונג אויף גוטע נייעס.

הערי און פייגל האָבן גערעדט, געשפּאַסט, אָבער יונה האָט געשוויגן. די פאַרזאָרגטקייט אויף זיין פּנים איז גאָר נישט געווען לויט זיין טבע און האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן איבערגעבן אויפן געמיט פון די שטוביקע.

— יונה, איך זע, אַז עפּעס האָט ביי דיר געטראָפן. זאָג, וואָס איז געשען? — איז הערי צוגעשטאַנען צו אים מיט אַ ברידערלעכער זאָרג.

— איז עמעצער חלילה קראַנק? —— איז פייגל געוואָרן אומרואיק.

— מיר זענען אָפּגעברענט געוואָרן, — האָט יונה אַרויסגעזיפצט.

— אַ פייער?! — האָבן פייגל און הערי איבערגעפרעגט אין שוידער.

— אַ „באַן פייער"? — האָבן די יינגלעך געפרעגט און צעעפנט די אויגן מיט נייגיר.

— היינט פאַרטאָג, פון אַן איבערגעהייצטן אויוון. נאָך אַ גליק וואָס דאָס פייער האָט אויסגעבראָכן פאַרטאָג, ווען איך בין שוין געווען האַלב וואַך. וואָלט דאָס פּאַסירט אין מיטן דער נאַכט, ווען מיר זענען נאָך אַלע געשלאָפן, וואָלטן מיר אַלע אַוועק מיטן רויך.

— ווי אַזוי איז דאָס געשען? דערציי'ל, — איז פייגל צוגעקומען נענ־טער, ווי זי וואָלט נישט געוואָלט אַדורכלאָזן אַפילו קיין איין וואָרט.

— צוליבן פּיצל ברענט דער אויוון טאָג און נאַכט. דעם קינדס וויג־דעלעך, וואָס זענען געהאָנגען אויף אַ שטריקל איבערן אויוון, האָבן זיך אָנגעכאַפּט. די פלאַמען האָבן זיך געשפּרייט ביז אַרויף צו דער סטעליע. מיר האָבן אָנגהויבן וואַרפן נאַסע שמאַטעס אויפן פייער, אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן. האָב איך אויסגעבראָכן דאָס פענצטער, אַרויסגענומען סאַלין, די קינדער איינגעוויקלט אין בעטגעוואַנט און זיי אַוועקגעטראָגן צום פלויט. אַליין האָבן מיר זיך גענומען מיט צעבערס שניי איינלעשן דאָס

פייער. איך געדענק נישט ווי לאַנג עס האָט אַזוי געדויערט, נאָר ווען מיר זענען צוגעקומען צו די קינדער, זענען זיי געווען האַלב־פאַרפרוירן. זיי האָבן שוין אַפילו נישט געוויינט. סאַלי האָט מיט איר אָטעם פון מויל קוים אָפּגעראַטעוועט דאָס פּיצל, און איך האָב געראַטעוועט דאָס גרעסערע. אין פּחד און אין שרעק האָבן מיר זיך דערשלאָגן צו איציקס שטוב. איצט זענען מיר אַלע דאָרטן און שטיקן זיך אין ענגשאַפט.

אַ ווײַלע זענען אַלע געבליבן זיצן אָן לשון. עס זענען אַרויפגעקומען אויפן קאָפּ כלערליי געדאַנקען: נישטאָ קיין פייערלעשער, קיין פאַרזיכערונג קעגן פייער, קיין דאָקטאָר... זיי האָבן אין דעם מאָמענט נאָך שטאַרקער געפילט די געפאַר און די איינזאַמקייט דאָ, מער ווי מען קאָן דאָס אַרויס־ברענגען מיט די שאַרפסטע ווערטער.

— עס קומט דיר אַ מעדאַל, יונה, קומען אין אַזאַ שטורעמדיק וועטער! — האָט הערי אין שווידער געדרייט מיטן קאָפּ אַרויסקוקנדיק דורכן פענצטער צום שניי־שטורעם.

— ווי אַזוי ביסטו טאַקע דערגאַנגען אַהער? — וויל פייגל וויסן.

— ווען נישט די לאָפּעטע, וואָלט איך אפשר נישט דערגאַנגען. פון אָנהייב, מיטן ווינט אין פּלייצע, איז דאָס גיין געווען נאָך צו דערליידן. עס האָט מיך געטריבן, געיאָגט, כ׳בין אַ פּאָר מאָל געפאַלן, זיך אויפגעהויבן און ווידער געשפּאַנט. דערנאָך האָט זיך דער ווינט געביטן, געשמיסן אין פּנים, מיך אומגעוואָרפן. כ׳האָב זיך שוין אַזוי שנעל נישט געקאָנט אויפהייבן. כ׳בין געלעגן אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג. אַז כ׳האָב אָפּגעצויגן דעם אָטעם, אויפגעהויבן, זיך אָנגעקוקט, האָב איך מיין אייגענעם שאָטן נישט דערקענט: איך און די לאָפּעטע איז אָפּגע־שטעמפּלט געוואָרן אין טיפן שניי — די לאָפּעטע האָט געראַטעוועט מיין לעבן. אָן איר האָב איך זיך אָנגעשפּאַרט, אויסגעפּרוווט די טיפקייט פון שניי, זי האָט מיר אָנגעזאָגט ווו אַ באַרג, ווו אַ טאָל. כאָטש אַ סך מאָל זענען מיר ביידע איינגעזונקען געוואָרן. נאָר אָנשפּאַרנדיק זיך אויף איר, האָב איך באַוויזן זיך אויפצוהייבן און שפּאַנען ווייטער. כ׳וואָלט קיין מאָל נישט געגלייבט, אַז אין אַזאַ שטיקל פּראָסטן געצייג ליגט אַזאַ גרויסער

כוח באַהאַלטן — האָט יונה אַ ווונק געטאָן מיט די אויגן צום ווינקל שטוב, ווו די לאָפּעטע איז געשטאַנען.

אַלע, אַפילו די יינגלעך, האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם, צוגעהערט זיך אין שפּאַנונג, וואָס דזשאָני דערציילט, פּונקט ווי זיין איבערלעבונג וואָלט געווען זייער איבערלעבונג.

— אָנקל דזשאָני, פאַר וואָס ביסטו נישט געקומען מיטן שליטן? זענען די פערד אויך פאַרברענט געוואָרן?

— ניין, די פערד זענען נישט פאַרברענט געוואָרן. כ׳האָב זיי נישט געקאָנט אַרויסנעמען פון שטאַל. פון שניי זעט מען שוין באַלד דעם דאַך נישט אַרויס. היי און וואַסער האָב איך זיי צוגעגרייט נאָך פאַרן שניי־שטורעם, כ׳בין זיכער, אַז זיי זענען „אָלרייט".

— אָנקל! מאָרגן וועסטו אָפּשאַרן דעם שניי, עפענען די טיר, אַרויס־נעמען די פערד, איינשפּאַנען זיי אין שליטן און קומען אונדז נעמען אין סקול, ווי דעמאָלט, געדענקסט?

— כ׳וועל דאָס טאָן, בענעלע, — האָט אים יונה פאַרזיכערט מיט אַ שמייכל.

פאַר גרויס פרייד האָבן די קינדער גענומען טאַנצן. דאָס שטיבעלע איז אָנגעפילט געוואָרן מיט פרייד און האָפענונג פאַר די גרויסע און אויך פאַרן קליינוואַרג.

— קינדערלעך, מיר וועלן אויך פאָרן זען די טאַנטע סאַלי, היימי, איציקן, מאַניען, די קינדער, אַלעמען, די בייבי אויך — האָט פייגל איינגע־נומען די קינדער.

— יאָ, די בייבי, די בייבי — האָט סוזי געפּאַטשט פאַר פרייד מיט די הענטלעך.

— דערציילט בעסער וואָס עס הערט זיך ביי אייך? — האָט יונה זיך אַ קער געטאָן צו די עלטערן.

— וואָס פאַר אַ נייעס קאָן דאָ זיין? זעסט דאָך, — האָט פייגל אָנגע־וויזן אויף דער אייז־איינגעבראָכענער טיר — פאַרבאַריקאַדירט געוואָרן דריי טעג, דאָס טרינקוואַסער גייט אויס, אַ גליק, וואָס דו ביסט געקומען, וועלן מיר איצט נישט ליידן קיין דורשט.

— לאָמיר רעדן פון פריילעכערע זאַכן, — זאָגט הערי — ווי ער וואָלט נישט געוואָלט ערגערן יונהן מיט דעם, וואָס ס'איז אים שוין באַוווּסט.

— ס'וועט נאָך גוט זיין — זאָגט יונה מיט זיין נאַטירלעכן אָפּטימיזם. און מען צערעדט זיך וועגן אַנקומענדיקן פרילינג, וועגן פּאַרזיי. די בערג וועלן זיך צעגרינען, מען וועט פּאַרדינגען דאָס לאַנד פּאַר פּאַשע צו די פּאַסטעכער, עס וועט זיין שעפּסן־פלייש, ס'וועלן זיך צעבליען די ביימער פון ווילדן וויינשל, יאַגדעס (סערווס־בעריס), די פרויען וועלן מאַכן דזשעמס. מען האָט גערעדט פון אָפּבויען דאָס הויז, פּאַרזייען גערטנער מיט אַלערליי גרינסן פּאַרן טיש; אַפילו הינער וועלן מיר האָדעווען. זאָל זיין אַ פריש איי אין שטוב פּאַר די קינדער — זאָגט יונה מיט באַנייטער האָפענונג. און ווי זיין טבע, האָט ער זיך ראַפּטאָם אַ הייב געגעבן פון זיין שטול, אַ צי אַרויף דאָס פּעלצל, די פוטערנע קוטשמע אַריבער די אויערן, די שטיוול אויף די פיס, די וואָלענע הענטשקעס אויף די צעשפּרייטע הענט, אַ נעם די לאָפּעטע, פּאַרטיק זיך צו לאָזן אין וועג אַריין.

— זיץ נאָך אַ ביסל, לאָמיר שמועסן — בעט זיך הערי ווי אַן אויס־געהונגערטער נאָך מענטשן.

— וועסט עסן וועטשערע מיט אונז, — זאָגט פייגל, נעמענדיק גרייטן צום טיש.

— ניין, אַ דאַנק. איך מוז שוין גיין. שפּעטער וועט ווערן פינצטער. דער וועג, כאָטש טיילווייז דורכגעבראָכן, איז נאָך אַלץ שווער; עס קאָן ווערן געפערלעך.

ביי דער טיר האָט ער זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט אין דער טיפקייט פון זיין נשמה תפילה געטאָן ער זאָל אָנקומען בשלום צו וויב און קינדער. ער האָט אַ נעם געטאָן די קליאַמקע, די טיר האָט זיך געעפנט סקריפּענדיק פון פראָסט. ער איז אַרויס און אַלע אין שטוב נאָך אים. די קינדער האָבן זיך געריסן גיין ווייטער:

— אין שטוב אַריין! — האָבן זיך טאַטע־מאַמע צעשריגן.

אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צום פענצטער, נאָכגעקוקט יונהן דורך די האַלב־פּאַרפרוירענע שויבן ווי ער גראַבלט זיך אין שניי און ווערט פּאַרשוווּנדן אין דער בלענדנדיקער ווייסקייט.

## אסתר מילער

*

מיט דריי חדשים שפּעטער, ווען דער פרילינג איז געקומען, האָבן די „האַמסטעדערס", די יידישע און נישט־יידישע, אָנגעהויבן דורכלייגן אַ וועג אין שמאָלן לאַנגן „האַקינס־בעיסן" טאָל, ווו יונהס שאָטן איז געלעגן זינט צוויי חדשים איינגעפרוירן אין שניי, און ווו דעם וועג האָט מען געקרוינט מיטן נאָמען — „דהי דזשאָני ראוד".

# יאָרן פון געבורטס־ווייען

דער ווינטער פון יאָר 1918—1919 איז געווען אַ שווערער פיזיש און גייסטיק. אינפלוענציע־קראַנקייט אין דער היים, די רעוואָלוציעס און קאָנטער־רעוואָלוציעס אין מזרח־אייראָפּע, וועלכע האָבן זיך געלאָזט פילן ווייט איבער קאָנטינענטן און ימען. יאָרן פון געבורטס־ווייען און באַנייאונג זענען אָנגעקומען איידער דאָס אַלטע איז פאַרשווונדן.

די גרויסע וועלט־צעטרייסלונגען האָבן זיך אָפּגערופן אויפן קליינעם שטעטל אָגדן. זיי האָבן געביטן דעם גאַנצן סדר לעבן און פאַרשטערט די געמיטלעכע קליינשטעטלדיקע רואיקייט. עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען מלחמה־קרבנות, קאַליקעס, ווער אָן אַ האַנט, אָן אַ פוס, אָן אויגן... מען האָט אָנגעהויבן פּראָדוצירן אין די פאַבריקן קינסטלעכע הענט און פיס, בויען שפּיטאָלן פאַר כראָניש קראַנקע סאָלדאַטן. אין פּראַווא יוטא האָט מען צוגעבויט אין שפּיטאָל אַ צוגאָב־געביידע פאַר גייסטיק־קראַנקע... עס איז שוין מער נישט געווען די גוטע זאָרגלאָזע צייט פון „מאַכן ביזנעס“, באַריידן מענטשן און ווּצלען זי אויף יענעמס חשבון.

עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ביטערע בריוו צו שטעטלדיקע יידן פון זייערע משפחות אין דער אַלטער היים, אַז עס איז שוין מער נישטאָ קיין היים, אַז אַלטע טאַטע־מאַמע זענען געשטאָרבן פון הונגער, די יינגערע האָט די מלחמה פאַרשלונגען, אַנדערע זענען אוועק מיט דער רעוואָלוציע. אַ גרויסע צאָל יוגנט איז איבערגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. אין פיל בריוו האָט מען געבעטן מען זאָל רחמנות האָבן און שיקן הילף, געבן אַ מעגלעכקייט אויפצוריכטן דאָס לעבן אויפסניי אָדער אַריבערנעמען קיין אַמעריקע. די בריוו האָט מען געלייענט ביי די משפחה־טישן מיט אויגן פולע מיט טרערן.

די פּאָטשט האָט געבראַכט אויך שרהען דעם לאַנג דערוואַרטן בריוו פון איר ברודער אין באַנייטן רוסלאַנד. פון דעם קאָנווערט אַליין האָט שוין ווי אַ ווייע געטאָן מיט פרישע ווינטן: עס איז שוין ניט געווען אויף אים יענע פּאָטשט־מאַרקע מיטן פלאַכן פאַרשטיינערטן פּנים פון דעם זעלבסט־הערשער ניקאָליי. אָנשטאָט דעם קומט דאָ אַ האַמער מיט אַ סערפּ...

אַ מינוט האָט זי געהאַלטן דעם בריוו ווי אַן אַקושערין אַ ניי־געבוירן קינד, ווי זי וואָלט זיך געהאַט געפרעגט: וואָס ברענגט ער אונדז. דערנאָך האָט זי מיט ציטערדיקע הענט געעפנט דעם ברודערס בריוו און געלייענט:

„ליבע שוועסטער און שוואָגער! איך האָף, אַז איר לעבט, זייט געזונט און בלייבט נישט פּאַסיוו אין דעם גרויסן וועלט־געראַנגל. איך האָב מיך געפונען אין סאַמע מיטן מלחמה־פייער. איך בין קראַנק געוואָרן אויף אַ לונגען־אָנצינדונג, בין געלעגן אין די אָקאָפּעס, געברענט פון היץ, און ווען נישט אַ רוסישער חבר, וועלכער האָט אין מיר געגאָסן „וואָדקאַ" און גע־וואַכט איבער מיר, וואָלט איך אייך דעם בריוו איצט שוין נישט געקאָנט שרייבן און וואָלט נישט דערלעבט די גרויסע באַפרייערישע רעוואָלוציע פון 7־טן נאָוועמבער 1917... ווען נישט די אַמעריקאַנער אינטערווענץ און ווען נישט אונדזערע אינעווייניקסטע שונאים, וואָלטן די געבורטס־ווייען נישט געווען אַזעלכע ביטערע און שווערע. מיר וועלן זיי אָבער אַלע איבערקומען און אַרויס געשטאַרקט און דערהויבן".

„אונדזערע קוזינען מאָטל און אייזל זאַרעצקי זענען אויך געווען אין מלחמה־פייער. איצט זענען זיי סטודענטן אין מאָסקווער אוניווערסיטעט. אין גיכן וועל איך אויך אָנקומען אויף קורסן. דערווייל איז נאָך שווער צו זיצן אויף דער באַנק און שטודירן. אָבער מיין ליטעראַרישע אַרבעט האַלט איך אָן. פריער האָב איך געקעמפט מיט דער ביקס, איצט קעמף איך מיט דער פּען. אין גיכן גייט צום דרוק מיין ערשטער באַנד „בירגער־קריג". איך וועל דעם בוך אייך צושיקן"

„האַרציקע גרוסן און קושן. אייער חיים".

אַ גרויסע פרייד האָט שרהן באַהערשט: חיים לעבט! ער לעבט!

זי האָט זיך איצט דערפילט קליין און נישטיק אין פאַרגלייך מיט אים. די אַלטע זעלבסט־באַשולדיקונג האָט זי ווידער גענומען פּייניקן:

פאַר וואָס האָט זי אים נישט אַריבערגעבראַכט קיין אַמעריקע? ער האָט זיך דאָך ביי איר געבעטן: „אַ מלחמה קומט אָן, שיקט מיר אַ שיפס־קאַרטע!".

*

שפּעט אין אָוונט ווען ישראל איז געקומען פון קראָם איז אים שרה געלאָפן אַנטקעגן.

— ער לעבט, ער לעבט! — האָט זי גערעדט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

— ווער לעבט?! — איז ער געבליבן שטיין אויפן שוועל אַ דערשראָקענער. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז פון זינען אַראָפּ.

— אָט זע! — און זי האָט אים אויסגעשטרעקט חיימס בריוו — נאָ, לייען!

ער איז דורכגעלאָפן מיט די אויגן די שורות פון חיימס פּערלדיקער האַנטשריפט. אויף זיין פּנים האָט זיך צעלייגט אַ ווייכער קינדערישער שמייכל:

— איך האָב דאָך דיך שטענדיק געבעטן נישט אַריינלאָזן זיך אין זאָרגן: ער וועט איבערלעבן. ער איז אַ יונגער פריילעכער יאָט.

— אַ סך יונגע פריילעכע „יאָטן" זענען אומגעקומען. אָ, דיין קאַרג־שאַפט!... וואָלסטו מיר דאַן געלאָזט אַרויסנעמען די 300 דאָלאַר פון דער באַנק. אָ, וויפל צער און ווייטיק וואָלט מען אויסגעמיטן...

— דו הויבסט שוין אָן — האָט ישראל איבערגעשלאָגן אירע רייד און געוואָרפן אויף איר זייט אַ שטעכעדיקן בליק. ער איז צוגעגאַנגען צום קינדס בעטעלע, האָט געוואָרפן אַ בליק אויף זיין שלאָפנדיק פּנימל, האָט זיך צוגעהערט צו זיין ריטמישן אָטעמען און האָט זיך צעשמייכלט, ווי ער וואָלט געפונען אין דעם אַ טרייסט.

יענע נאַכט איז שרה נישט געשלאָפן. זי האָט געטראַכט וועגן איר ברודער, וועגן זיין שטאַרקן כאַראַקטער, וועגן זיין ווילן צו ווערן אַ שרייבער, וועלכער האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט זינט די קינדערישע יאָרן. זי האָט זיך ווידער דערמאָנט, ווי ער פלעגט קומען אַהיים נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, בלייבן זיצן ביז שפּעט ביינאַכט און שרייבן, שילדערן בילדער

פונעם לעבן. זי האָט זיך דערמאָנט אָן זייערע שפּאַצירן, אָן זיינע קלוגע רייד. זי האָט פאַרגעדענקט זיינע ווערטער:

— אַ מענטש באַדאַרף שטענדיק זיין וואַכזאַם צום לעבן, וואָס רינגלט אים אַרום. ער מוז אַרבעטן איבער זיך, ווי אַ גוטער שרייבער איבער זיין ווערק...

און מיט אַ מאָל שווימט אַרויס פאַר אירע גייסטיקע אויגן מענדלס געשטאַלט: וואָס פאַר אַ גרויסע ענלעכקייט באַשטייט צווישן זיי ביידן! ביידע סטודענטן, ביידע קעמפער, איינער אַ מענטש פון פען, דער צווייטער — אַן אַרבעטער־פירער. ביידע זענען איר ליב, און צווישן זיי און איר ליגן טויזנטער מיילן...

שרה האָט געטרוימט וועגן קומענדיקן פרילינג, ווען זיי וועלן פאָרן צוריק אין פּרעריי־לאַנד, אויפן „האָמסטעד". זי האָט ליב געקראָגן די ווילדע שיינע נאַטור, די הויכע בערג און די גרינע טיפע טאָלן, די ריינע באַרג־לופט, מיט וועלכער דאָס קינד וועט ווידער אָטעמען. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי ער וועט זיך ווידער פרייען מיט די וועוויריקעס. זי וועט פאַרלייגן נאָך אַ גרעסערן גאָרטן ווי דעם ערשטן זומער. ישראל האָט שוין דערוואָרבן די דערפאַרונג ווי אָנצוגיין מיט פערד. זיי וועלן שוין מער נישט בריקעווען. דאָס וועט זיין דער שענסטער זומער אויף דער איידאַהאָ־ערד!...

*

נאָך אַ לאַנגן טראַכטן האָט ישראל באַשלאָסן, אַז ער גייט נישט צוריק אויפן „האָמסטעד". ער האָט געלאָזן וויסן שרהן, אַז זיי בלייבן צוריק אין שטאָט.

זיין האַנדלונג האָט זי באַליידיקט און געקרענקט. זי האָט אָבער נישט געהאָט די געוואַגטקייט צו זאָגן עפּעס קעגן. זי האָט אים אַרויסגעוויזן בלויז אַ שוואַכן ווידערשטאַנד:

— ס'איז נאָר אַ שאָד געווען אונדזער מי... סעיידזש בראש (האַרטע ווילדע גראָז) מיט די נאַקעטע הענט געריסן... צעאַקערט און פאַרזייט דאָס פעלד, דעם גאָרטן אַרום שטוב... די ערד וועט בענקען נאָך אונדזערע הענט... נאָך וואַסער...

יאָרן פון געבורטס־ווייען

אירע ראָמאַנטישע רייד האָבן אים נישט גערירט.
זיי זענען אויפן „האַמסטעד" מער נישט געפאָרן.

*

אין איינעם פון די לאַנגע ווינטער־אָוונטן, ווען דער פראָסט האָט געברענט און געמאָלט פאַנטאַסטישע בוימער אויף די שויבן פון די פענצטער, איז שרה, ווי אין אַלע אָוונטן, געזעסן ביים איינגעהייצטן אייוועלע און געלייענט דעם „פאָרווערטס". דאָס קינד איז געזעסן אויף דער דיל מיט זיינע שפּילצייג. דעם טאָג מער ווי אַלע מאָל איז די צייטונג פול געווען מיט זידלערייען, רייסערייען און באַשולדיקונגען קעגן גרויסע פּאָליטישע אַרבעטער־פירער און פאַרראַטן דעם אַרבעטער־קלאַס. נישט אַלץ, וואָס זי לייענט פאַרשטייט זי. דער אינסטינקט זאָגט איר אונטער, אַז אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון שטורעמדיקן ניו־יאָרק ווערט געבוירן אַ נייער גרויסער כוח, און עס ציט זי אַהין.

„דער געשפּענסט, וואָס האָט געשוועבט איבער אייראָפּע, האָט זיך פאַרטראָגן אויך קיין אַמעריקע. עס זענען אויפגעקומען אויסערגעוויינלעך טיפע נשמה־צעטרייסלונגען אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט". — שרה האָט געהאַט נאָר אַ גאַנץ באַזונדערן פאַרלאַנג: מיטצולעבן די העראָישע תקופה, זיין אין מיטן פון די גרויסע געשעענישן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין לעבן פון ראַטנפאַרבאַנד. איר איז געווען קלאָר, אַז ווער עס איז קעגן דער רעוואָלוציע איז אויך קעגן איר ברודער, קעגן אַלץ וואָס אים איז ליב און טייער. זי האָט זיך גענומען שרייבן אַ בריוו צו איר קוזינע אין ניו־יאָרק: זי זאָל געפינען אַ דירה, צו זומער וועלן זיי קומען זיך דאָרטן באַזעצן...

אַ פיינלעכער אויסגעשריי פונעם קינד האָט זי פלוצלינג אַרויסגעשלאָגן פון אירע געדאַנקען. זי איז אויפגעשפּרונגען. דאָס קינד איז געלעגן ביים רויט אָנגעברענטן אייוועלע מיט צעברענטע הענטלעך... מאַמע און קינד האָבן געוויינט... קיינער האָט זיי נישט געהערט אויסער די שטומע ווענט...

האַלבע נאַכט איז ישראל געקומען. ער האָט געבראַכט אַ דאָקטער, וועלכער האָט פאַרזיכערט, אַז די מוסקולן ביים קינד זענען נישט באַשעדיקט און אַז ער וועט אין גיכן געזונט ווערן.

אין יענעם קריטישן מאָמענט האָט שרה באַשלאָסן, אז ווי נאָר דאָס קינד וועט געזונט ווערן פאָרט זי מיט אים אַוועק...

דעם קינדס הענטלעך האָבן זיך פאַרהיילט, ער איז אָבער באַלד קראַנק געוואָרן אויף קינדערישע קראַנקייטן...

*

אויך שווערע טעג און יאָרן פאַרגייען. יודזשין איז ענדלעך געזונט געוואָרן. אין שטוב איז געווען אַ גרויסע שמחה.

יודזשין איז געוואַקסן. ער איז שוין כלל נישט געווען קיין קליינינקער, הגם טאַטע־מאַמע הערן נישט אויף אַלץ צו רופן אים „דאָס קינד". ער האָט אָנגעהויבן שטעלן פראַגן, וועלכע די עלטערן האָבן נישט שטענדיק געקאָנט פאַרענטפערן, און שרהן האָט געפלאָגט דער געוויסן, אַז נישט זי און נישט ישראל זענען נישט פעיק צו דערציען דאָס קינד ווי עס באַדאַרף צו זיין. זי האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר זיין צוקונפט... זי האָט שוין עטלעכע מאָל געוואָלט זיך פאַרטרויען פאַר זיין לערערקע, וועלכע לויבט אים אַלס איר בעסטן שילער, האָט זי זיך אָבער געשעמט.

ווען זי האָט דאָס קינד געבראַכט צום ערשטן מאָל אין סקול, מיט עטלעכע חדשים צוריק, טאַקע צו דער זעלביקער לערערקע, האָט זי זי באַלד ליב געקראָגן. גערעדט האָט זי דאַן צום זעקסיאָריקן יודזשין ווי צו איר גלייכן, כלל נישט ווי זיי, די עלטערן, וואָס רעדן צו אים ווי צו אַ קליינינקן.

— זאָל די מאַמע נישט זאָרגן — האָט דאַן די לערערקע געזאָגט — אויב יודזשין עסט ווייניק, איז צו שטיל, אָדער שרייבט מיט דער לינקער האַנט. איך וועל אים נישט צווינגען צו שרייבן מיט דער רעכטער — און זי האָט איר וויסנשאַפטלעך דערקלערט פאַרוואָס.

דאָס קינד איז געוואַקסן. ער איז געגאַנגען אין חדר, פלעגט קומען אַלע טעג אַהיים מיט נייע ברכות, האָט נישט גענומען אין מויל אַ ביסל וואַסער, אַ שטיקל ברויט, אַ פרוכט אָן אַ ברכה. וואָס פאַר אַ גרויסער אונטערשייד עס איז געווען איצט צווישן דער סקול־לערערין און דעם

„ראַביי" — האָט שרה געטראַכט פאַר זיך. יענע העלפט נישט נאָר דעם קינד, זי העלפט איר גופא דעם קינד צו פאַרשטיין, בעת דער שטאָפּט אים מיט ברכות...

שרה איז אומצופרידן, זי איז אומגליקלעך: דאָס קינד ווערט פאַר־נאַכלעסיקט, קריגט נישט די ריכטיקע דערציאונג... פריער קראַנקייטן... איצט דערוועקן זיך ביי אים פראַגן, איז נישטאָ ווער ס'זאָל זיי פאַרענט־פערן, — האָט ער זיך גענומען מאַכן ברכות... זי איז אַ נישט גענוג גוטע מאַמע... זי דערמאָנט זיך איצט אָן אַ וואָרט, וועלכן זי האָט נאָך מיידלוויין ערגעץ ווו געלייענט: „גיט אונדז גוטע מאַמעס, און מיר וועלן האָבן בע־סערע מענטשן".

און זי נעמט אויף זיך צו זיין אַ בעסערע מאַמע ווי זי איז, אַרויסצו־שלאָגן פון קאָפּ אַלע דאגות און קליינע טאָגטעגלעכע זאָרגן, איבערוויגדן אַלע שוועריקייטן און אומצופרידנקייטן און טאָן אַלץ, וואָס עס איז נאָר מעגלעך פאַר יודזשינס פאַרפולקאָמונג, פאַר זיין גליק.

*

צווישן די פאַרשיידענע „טרעמפּס" (היימלאָזע), וועלכע פלעגן אָפט אַריינקומען אין קראָם פאַרקויפן זייערע זאַכן, ווי אַ טאַשן־זייגערל, אַ פינגערל, אַ מעסערל, אַ געגנבעטן שנירל פערל, און אַלץ וואָס לאָזט זיך נאָר אַרונטערלאָזן אין דער טאַש כדי צו שטילן דעם הונגער און דורשט (נאָכן ביטערן טראָפּן) איז איינמאָל אַריינגעקומען אַ יונגער בחור מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר און מיט גרויסע שוואַרצע הונגעריקע אויגן.

— וויפל? — האָט ער שנעל אַ פרעג געטאָן, אין געאייל, ווי עמעצער וואָלט אים נאָכגעלאָפן, אַרויסשלעפנדיק פון אונטער דער פּאָלע אַ פידעלע.

ישראל האָט זיך נישט געאיילט. ער האָט נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן. ער האָט געהאַט אַ „לייסנס" (אַ דערלויבעניש) און האָט געקאָנט קויפן און פאַרקויפן אַלץ אָן באַגרענעצונג. האָט ער געהאַלטן אין דער האַנט דאָס פידעלע און דעם סמיטשיק, געדרייט אין אַלע זייטן און נישט

געוווּסט ווי דאָס אָפּצושאַצן. אַ פּאָר אַלטע שיך, מענערשע אָנצוגן, הויזן, אַ קאַפּעלוש — אויף דעם האָט ער זיך גוט געקענט, אָבער אַ פּידעלע?

— גיט מיר פּינף „באַקס״ (דאָלאַר) און לאָזט מיר גיין — האָט מיט אומגעדולד געזאָגט דער „טרעמפּ״, שטייענדיק מיט איין פוס אויפן שוועל.

— קויפט דאָס פּידעלע פאַרן ווייב — האָט זיך אָפּגערופן די שכנה ליל, וואָס איז געקומען מבקר חולה זיין שרהן — קויפט, לאָז זי זיך פאַר־ווײַלן מיט מוזיק.

און זי האָט בשעת מעשה דערציילט פון אַ פרוי, וועלכע האָט זיך געריכט פון זינען פון לאַנגווייל, שווערער אַרבעט און צופיל קינדלען.

— וואָלט זי געגלויבט אין גאָט — האָט זי צוגעגעבן — וואָלט זי גע־גאַנגען אין טשוירטש (קלויסטער), וואָלט זי נישט געהאַט אַזאַ ביטערן סוף. אַ מענטש דאַרף צופרידן שטעלן אויך זיין נשמה.

— פאַרדעכטיקט זי עפּעס אויך אין מיר — האָט שרה אַ טראַכט געטאָן און זי האָט אָנגענומען אַ שרעק פאַר אַ שלעכטן סוף...

*

שרה איז „געלעגן געוואָרן״. זי האָט געהערט דעם דאָקטערס קול:

— אַ שיין קינד.

באַלד האָט זיך געהערט אַ צווייטע שטימע:

— כ׳בין געלאָפן אין קראָם אים אָנזאָגן: אייער ווייב האָט געבוירן אַ מיידעלע! — „עס האָט זיך נישט געלוינט״ — איז געווען זיין ענטפער. האָט איר שוין אַזעלכעס ווען עס איז געהערט?! — פאַרענדיקט די פרויען־שטימע מיט אַ גרילצנדיקן קול, וואָס שלאָגט אין קאָפּ ווי מיט האַמערס... ווייטיקדיקער ווי די נאָכווייענישן...

פאַרשעמט און געקרענקט האָט שרה פאַרמאַכט די אויגן. אין אירע פאַרטונקלטע געדאַנקען האָט זיך איר פאַרגעשטעלט די אַלטע היים, דער אומעט אין שטוב: אַ מיידל איז געבוירן געוואָרן! זי זעט דעם טאַטן זיצן איבערן ספר. זי הערט זיין שטימע.

און אָט באַווייזט זיך מענדל:

— עס איז אָנגעקומען אַ נייע צייט פון אַנדערש דענקען, אַנדערש האַנדלען, אַנדערש לעבן!... — זאָגט מענדל און ער ראַנגלט זיך מיטן טאַטן...

שרה שרייט פון שלאָף. דאָס שרייען קומט איר אָן אַזוי שווער, אַזוי שווער.

— וואָס חלומט זיך דיר? — הערט זי דער קראַנקן־שוועסטערס קול. זי פילט אויף זיך איר ווייכע האַנט. זי לייגט צו דאָס קינד צו איר ברוסט. אַ געפיל פון טיפער ליבשאַפט צום ניי־געבוירענעם עופעלע נעמט זי ארום.

יודזשין איז אויך דאָ ביי איר בעט. ער קוקט ברוגזדיק אויפן נייעם געפלעגטן נפשל מיטן רויטן פנימל. זי קושט, גלעט יודזשינען און שמייכלט דערביי.

— גוט, שמייכל, מאַמע! — הערט זיך ווידער דער קראַנקן־שוועס־טערס ווייכע שטימע.

*

די צייט איז געלאָפן. די קינדער זענען געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט. ישראל איז, ווי שטענדיק, געווען פאַרטאָן מיט זיינע „ביזנעס". ער האָט געפאָדערט צו זיך אַ סך אויפמערקזאמקייט מצד דעם ווייב. ער האָט ליב געהאַט אַ גוטע מאָלצייט, האָט ליב געהאַט דאָס לעבן, האָט ליב געהאַט זיינע „ביזנעס" — און, קומענדיק אַהיים, פלעגט ער ליב האָבן צו פאַרנע־מען זיך מיט די קינדער, שפּאַסן, זוכן אַ פריילעכע געזעלשאַפט. ער איז געווען ווי אַ נאָרמאַלער ערדישער מענטש דאַרף זיין.

לעצטנס איז ער אָבער געווען פאַרזאָרגט, איז אַרומגעגאַנגען אומעטיק, צערייצט, — כלל נישט ווי זיין טבע.

— עפּעס איז נישט גלאַט מיט שרהן — האָט ער געטראַכט — זי איז פאַר אים ממש אַ געהיימעניש. וואָלט זי געווען, חלילה, קראַנק אויפן האַרצן, אויף די אויגן, ווי דאָס פּאַסירט אַמאָל מיט אַנדערע פרויען, גייט מען מיט איר צום דאָקטער, אָבער זי איז, ברוך השם, פיזיש, דאַכט זיך,

געזונט. איר פעלט גאָרנישט. און דאָך עסט זי עפּעס, זי איז שטענדיק אומעטיק, פאַרטראַכט, דערשלאָגן. ער פרעגט זי נאָכאַנאַנד — און זי שווייגט און ענטפערט נישט — האָט ישראל געטראַכט מיט ווייטיק...

*

עס פּאַסירט אָפט מיט יונגע מענטשן, וועלכע זענען באַרויבט געוואָרן פון זייער נאָרמאַלער קינדהייט און יוגנט, אַז זיי ווערן פאַרביטערט, קריגן אַ מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, וואָס פירט צו נשמה־קאָנפליקטן, צו אַ צעשפּאָלטענער פּערזענלעכקייט.

שרה איז געווען איינע פון זיי. זי האָט אומבאַוווּסטזיניק נישט אויפ־געהערט צו לעבן אין איר אומבאַהאָלפענער פאַרוואָרלאָזטער קינדהייט. פאַרשיידענע פראַגן האָבן זי אָן אויפהער געפּייניקט: פאַר וואָס קאָן איך זיך נישט איינלעבן אין מיין סביבה, ווי אַנדערע פרויען? פאַר וואָס קאָן איך נישט צופרידן שטעלן מיין מאַן? פאַר וואָס בין איך געבליבן לחלוטין נישט צוגעגרייט צו אַ פאַמיליען־לעבן?

אַזעלכע און אַנדערע ענלעכע פראַגן, וועלכע זי וואָלט זיך אַפילו שעמען צו פרעגן, האָבן ביי איר צוגענומען די גייסטיקע רו, דעם גלייכ־געוויכט פון לעבן. זי האָט אָבער שטאַרק געוואָלט געפינען אויף זיי אַן ענטפער.

אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט זי זיך צוכאַפּן צו אַרבעט, ווי אַ דורשטי־קער צו וואַסער: די טעג פלעגן פאַרלויפן אין אַרבעט אַרום די קינדער, אין באַלעבאַטישקייט, אין נייען פאַר דער קראָם קליידלעך און הייזקעלעך פאַר די קינדער. אין די פאַרנאַכטן פלעגט זי שטיל באַוווּנדערן דעם קאָלירפולן זון־אונטערגאַנג הינטערן האָריזאָנט. שווערער איז געווען מיט די נעכט...

*

איין מאָל שפּעט אין אָוונט, ווען ישראל איז געקומען אַהיים פון קראָם, האָט ער זיך אָנגעשטויסן באַלד ווי ער איז אַריבערגעטראָטן דעם שוועל אויף צוויי גרויסע קאָפערס.

— וואָס איז דאָס ? — האָט ער אַן איבערראשטער זי אַ פרעג געטאָן און אָנגעשטעלט אויף איר זײַנע אויגן ווי שפּיזן.

— שאַ, שריי נישט, די קינדער שלאָפן — האָט שרה זיך אָפּגערופן וויזנדיק מיט דער האַנט אויפן שלאָפצימער.

— ווהין פאָרסטו ? — האָט ער נאָך העכער גערעדט, געמאָנט אַ דערקלערונג.

— קיין קאַליפאָרניע — מאָרגן ! זי האָט זיך געמיט זײַן רואיק און אַנטשלאָסן.

— אַליין ? — האָט ער געפרעגט מיט אַ פאַרשטיקטן קול, ווי עס האָט אים געפעלט לופט צום אָטעמען.

— נישט אַליין, מיט די קינדער ! כ׳האָב דיר שוין פיל מאָל געזאָגט. ווילסטו נישט פאָרן, בלײַב דאָ מיט די „ביזנעס״. וועסט קומען שפּעטער.

— דו פאָרסט נישט אָן מיר ! וואַרט נאָך אַ יאָר.

— נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר !... כ׳האָב שוין דאָס נישט איין מאָל געהערט...

— אַלע פרויען לאַכן פון דיר : אַ מאַמע פון קינדער זאָל זײַן אַזוי נישט פּראַקטיש.

— זיי האָבן שוין אַלץ געזען, זענען זיי געוואָרן פּראַקטיש. איך האָב נאָך כלל נישט געזען אַמעריקע. אַרונטער פון שיף און גלײַך אונטער דער חופּה... ישראל, וואָס זאָל איך טאָן ? פאַרשטיי מיך. עס ציען מיך די אַמע־ריקאַנער וועגן, עס ציט מיך די נאַטור־שיינע פּרעריי, עס ציט מיך די גרויסע שטאָט. מײַן האַרץ גאַרט נאָך אַ לעבן פון שיינקייט, פון אַקטיוויקייט, נאָך אַ לעבן מיט אַ ציל, מיט אַ זין...

זי האָט דראַמאַטיזירט אירע ווערטער ווי זי וואָלט געשטאַנען ערגעץ ווו אויף אַ בינע און דעקלאַמירט.

ער האָט געקוקט אויף איר אַן איבערראַשטער ווי ער וואָלט זי נישט דערקענט. ער האָט זיך געוווּנדערט ווי קומען צו איר אַזעלכע דרייסטע, פעסטע רייד. אויך זי האָט זיך געוווּנדערט אויף זיך אַליין.

— ווהין שלעפּסטו מיך ? — האָט ישראל געזאָגט, איבעררייסנדיק

זיינע שווערע טראַכטונגען — ווי קאָן איך פאַרלאָזן דאָ אַזעלכע גוטע „ביזנעס״ און לויפן זוכן פרנסה אין דער גרויסער שטאָט?

ער האָט גערעדט איצט מיט אַ מילדן, כמעט בעטנדיקן טאָן. עס איז נישט געווען מער צו דערקענען, אַז ער האָט עפעס אַמאָל אַליין באַשלאָסן. ער האָט געשפּירט די גייסטיקע קראַפט פון איר וואָרט.

*

— ישראל, זע נאָר וואָס פאַר אַ שיינער זון־אונטערגאַנג! — האָט שרה געזאָגט אַ באַגייסטערטע שוין גייענדיק אין זיין באַגלייטונג צו דער באַן מיט די קינדער און קאָפערס.

— און וואָס וועט זיין מאָרגן פרי ווען די זון וועט אויפגיין? — האָט ישראל געפרעגט מיט אַן אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ.

— וועט ווערן טאָג! — האָט זי געענטפערט אַ מונטערע, אַ דערהויבענע.

ישראל האָט זיך געפרייט מיט זיין ווייבס גוטער שטימונג. ער האָט אין מאָמענט פאַרגעסן, אַז ער האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך „ביזנעס״ — אָדער, ווי ער האָט דאָס געהאַט אויסגעטייטשט, פאַרקויפט פאַר שפּאָט ביליק...

דער פייף פון לאָקאָמאָטיוו האָט דורכגעריסן די לופט. די רעדער פון דער באַן האָבן אָנגעהויבן מאָנאָטאָן צו קלאַפּן. די זון האָט זיך געזעצט אויפן האָריזאָנט און איז זיך פאַרגאַנגען אין רויטן.

# אין זוניקער קאליפארניע

# אַלץ איז איצט געווען אַנדערש

אויף די גאַסן פון לאָס־אַנדזשעלעס איז אַ געדראַנג, אַ טומל — אוי־טאָס, וועגענער האַלטן אין איין געלאַף. פּעדלער שרייען אויס זייערע סחורות. יידן, נעגערס, מעקסיקאַנער אין אַרבעטס־קליידער שטראָמען מאַסנווייז. מען הערט דאָ רעדן אַ זאַפטיקן יידיש, אויך שפּאַניש און ענגליש.

לענגאויס דער איינציקער געשעפט־גאַס „בויל־הייטס״, דאָס האַרץ פון דער יידישער געגנט, ציען זיך קליינע קליידער־געשעפטן, שיך און שפּייז־קראָמען, יאַטקעס פון כשר פלייש און בעקערייען. „שיקאַגער גע־בעקסן די בעסטע״ — זאָגט זיך מיט גרויסע ווערטער אויף איינעם פון די פענצטער. עלטערע פרויען אין לאַנגע קליידער, יינגערע — אין קורצע. קורץ־געשוירענע קינדער ביי די זייטן. אַרום — פרוכט־ און גרינס־גע־שטעלן פון פאַרשידענע מינים און קאָלירן ליגן אָנגעלייגט אויף לאַנגע טישן אונטער דער וואַרעמער זון.

האַרטע מענער־שטימען רייסן דורך די לופט:

— ווייבעלעך, ביליק, קויפט, ווייבעלעך, פול מיט זאַפט, קויפט!

די גאַס שמעקט מיט פרישן קאָרן־ברויט מיט קימל, מיט זויערע אוגערקעס, וואָס רייצן דעם אַפּעטיט. עס שמעקט מיט יידישער היימיש־קייט. פון אַ קראָם טראָגן זיך גרילצנדיקע טענער פון אַ נייעם סאָרט מוזיק מיט אַ נייעם נאָמען. מען רופט עס „דזשעז״.

עס איז געווען די צייט פון די טומלדיקע, רוישנדיקע 20ער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט.

די באַנען האָבן טאָגטעגלעך געבראַכט אין שטאָט אַריין גרויסע מאַסן מענטשן. די מערסטע זענען געקומען אַהער פון די מזרח־שטאַטן. עלטערע

זענען געקומען אויסצוואַרעמען זייערע אויסגעאַרבעטע קראַנקע גלידער אונטער דער הייסער קאַליפאָרניער זון. ייִנגערע האָבן דאָ געעפנט קליידער־געשעפטן, שפּעטער און קראָמען. עס זענען געקומען מיטלקלאַס־אַרבעטער און גרויסע אונטערנעמער. קאַפּיטאַליסטן האָבן איינגעקויפט גרויסע שטחים באָדן, געבויט הייזער און געמאַכט גוטע געשעפטן.

טאָגטעגלעך האָבן ריעל־עסטעיטניקעס (לאַנד־אַגענטן) געפירט די ניי אָנגעקומענע מענטשן אין גרויסע אויטאָ־באָסעס צו די ריזיק גרויסע מיט ווילדגראָז באַוואַקסענע שטרעקעס אין די סאַבורבס (הינטערן שטאָט), ווו די ערד איז געוואָרן צעאַקערט, צעשניטן אויף קליינע חלקים, באַהאָנגען מיט קאָלירטע פאָנען, פון וועלכע עס האָט הילכיק אַרונטערגעשריען די אויפשריפט: „אַמעריקאַן אַנטוויקלונגס־קאָמפּאַניע" פאַרקויפט ערד צו ביליקע פרייזן".

די כיטרע לאַנד־אַגענטן, די אָנגעשטעלטע פאַרקויפער פון די לאַנד־באַזיצער, האָבן זיך צעלאָזן מיט זייערע פאַנטאַסטישע אויסרופן. „ליידיס און דזשענטלמען! — האָט איין אַגענט געפּאַכעט אין דער לופטן מיט די הענט ווי אַ בושאַק מיט די פליגל — זעט דעם פּאָציפישן אָקעאַן פון איין זייט און די הויכע בערג מיטן ריזיקן גרינעם טאָל פון דער צווייטער זייט. אַ העלפט פון דעם איז שוין פאַרקויפט. אין גיכן וועט דאָ אויסוואַקסן אַ שטאָט. עס זענען שוין געמאַכט געוואָרן פּלענער אויפצובויען דאָ אַ גרויסן האָטעל, אַ טעאַטער און נאַכט־קלובן. עס וועלן אַהער קומען די רייכסטע מענטשן, וואָס געלט האָט ביי זיי קיין ווערט נישט. מען קען דאָ מאַכן גרויסע פּראָפיטן פאַר אַ גאַנץ קורצער צייט".

אַ סך צוהערער האָבן געהויבן מיט די אַקסלען, געצווייפלט. אַנדערע האָבן געפּרוּווט אַראָפּדינגען פון די פאַרלאַנגטע פרייזן. אייניקע פון זיי האָבן זיך געצויגן צום הילצערנעםביידל, וואָס האָט געדינט אַלס אַ ביוראָ. ביי יעדן באַזונדערן פאַל איז דער אַגענט אונטערגעשפּרונגען, געכאַפּט דעם פּאָטענציעלן קונה אונטערן האַנט, ווי זיי וואָלטן שוין געווען אַלטע גוטע ברידער און פאַרשווּנדן מיט אים אין ביידל אַ גרייטער אונטערצו־שרייבן מיט אים דעם לאַנד־קאָנטראַקט.

אין צפון־האָליוווד איז נישטאָ דער ים. דערפאַר אָבער זענען דאָרטן

פאַראַן אַ סך ציטרוס־סעדער, — אָראַנזשן, ציטרינען, איפּריקאָצן־פּיטשעס (מערעשקעס). אַ סך ביימער זענען שוין אויסגעהאַקט געוואָרן. די ביימער וואָס זענען נאָך פאַרבליבן פאַרשפּרייטן וווייט אַרום זייערע אַראָמאַטישע ריחות פון אָראַנזשן־בליעכץ, וואָס רייסן זיך אַריין דורך די אָפענע אויטאָ־בוס־פענצטער און דערפרישן די פּאַסאַזשירן און הייבן זייער שטימונג. אַ יונגער פּאַסאַזשיר האָט זיך צעזונגען מיט אַ ליד צום אָנקומענדיקן פרי־לינג. אַנדערע האָבן דעם ניגון אונטערגעכאַפּט. מען האָט געזונגען לידער צו דער גרויסער אַמעריקע „דעם לאַנד פון די פרייע און דער היים פון די בראַווע״, מיט וועלכע דאָס לאַנד רימט זיך. עס זינגט אין כאָר אויך דער באַס־אָנטרייבער מיט זיין באַסאָווער שטימע, די פרויען מיט זייערע אַלטן און סאָפּראַנען, דער לאַנד־אַגענט — מיט זיין שיינער טענאָר־שטימע — אַלע זינגען, ווי זיי וואָלטן מיט אַ מאָל זיך באַהעפט און געוואָרן איין משפחה.

נאָך אַ פּאָר שעה פאָרן איבער די זאַמדיקע שמאָלע וועגן, האָט זיך דער אויטאָבוס אָפּגעשטעלט ביים ראַנד פון די אויסגעהאַקטע ציטרוס־סעדער.

— עס זענען נאָך נישט אָפּגערוימט געוואָרן אַלע אויסגעהאַקטע ביי־מער פון באָדן — פאַרענטפערט זיך דער לאַנד־אַגענט און העלפט אַ פרוי אַרויסשטייגן פונעם אויטאָבוס. ער טרעט אויף די צווייגן, וואָס טראָגן נאָך דעליקאַטע, ווייסע אָראַנזש־בליעכץ. זיי קומען אַרויס פון אונטער זיינע פיס צעקוועטשטע און שוואַרצע, ווי זיי וואָלטן אויסגעהויכט זייער לעצטן אָטעם...

די יונגע פרוי קוקט אויף אים מיט פאַרדרוס, בייגט זיך איין, רייסט אָפּ אַ ווייס בלימעלע, וואָס האָט זיך „גערעטעוועט״, צערטלט עס און שפּי־ליעט עס צו צו איר בוזעם און וואַרפט צו דעם אַגענט אַ שטעכעדיקן בליק.

ער האָט איגנאָרירט איר סענטימענטאַלישקייט און אויפסניי גענומען מאָלן אַ בילד פון אַ שטאָט, וואָס האַלט דאָ אין ווערן :

— אַלץ וואָס איר זעט דאָ אויף אַ סך מיילן ווייט אַרום וועט צעאַקערט ווערן. די ווייניק פאַרבליבענע סעדער אַרום די שטיבלעך, וואָס איר זעט, געהערן צו קליינע איינגעשפּאַרטע אייגנטימער, וואָס ווילן זיי נישט פאַר־

קויפֿן. אַזוי שנעל ווי עס וועט אַהערצו אַריינקומען אינדוסטרי, קאָמערץ, טראַנספּאָרט־וועזן, וועלן זיי זיין געצוווּנגען צו פֿאַרקויפֿן. עס זענען שוין געשלאָסן געוואָרן קאָנטראַקטן מיט גרויסע קאָמפּאַניעס אויף דורכצולייגן אונטערערדישע וואַסער־רערן און איינצואָרדענען אַלץ וואָס אַ גרויסע שטאָט דאַרף האָבן. דער קלימאַט איז דאָ וואַרעמער ווי אין שטאָט, די זון הייסער. זי ציט אַרויס אַלע וויטיקן פֿון די גלידער. קויפֿט איצט לאַנד און איר וועט גאַנץ גיך האָבן גרויסע רווחים — פֿאַרזיכערט ער זיינע קליענטן.

אַ באַלעבאַטיש געקליידטער מיטליאָריקער מאַן, אַ נידעריקער, אַ רונ־דיקער, האָט געקוקט מיט זשעדנע בליקן אויפֿן ריזיק גרויסן לאַנד־שטח. ער האָט דערפֿילט, אַז אַרום אים האָבן זיך אַרומגעקליבן נישט ווייניק „צווייפֿלער” און ער האָט, ווי שפּירנדיק זייערע מחשבות, געזאָגט:

— יאָ, מען דאַרף האָבן אונטערנעמונגס־גייסט, זיין אַ „וויזיאָנער”, כדי פֿאַרויסצוזען די גרויסע רווחים, וואָס עס שטייט פֿאַר דאָ צו מאַכן.

זיין גלאַטיק רונדיק פּנים האָט געשמייכלט ביי די דאָזיקע ווערטער. דער אַגענט האָט אים געענטפֿערט מיט אַ שמייכל, וואָס האָט גערעדט אָן ווערטער:

— וועסט שוין ביי מיר קריגן אַ טיפּ!

— אונטערנעמונגס־גייסט!... וויזיאָנערן!... דאָס זענען אַלץ פּוסטע רייד. — זאָגט אַ דאַרער מענטשל מיט אַ קלוגן ווונק אין די אויגן צו אַ גרופּע פּאַסאַזשירן.

— פֿון דעסטוועגן מיט אַ קליינעם איינצאָל וואָלט איך אויך איינגע־שטעלט, — זאָגט אַן עלטערער מענטש און רייבט זיך דעם אָרעם — אַ רעוומאַטיזם האָט זיך מיר אַריינגעכאַפּט.

— און אַז איר וועט שוין קויפֿן מיט אַ קליינעם איינצאָל, וועלן דאָך די פּראָצענטן אייך אויפֿעסן, — ענטפֿערט אים זיין שכן, אַ באַיאָרטער מענטש אין ברילן.

— מען דאַרף נישט קויפֿן און האַלטן זיך מיטן באָדן. ביז 120 יאָר וועט מען אייך געבן געגנוג ערד. איצט קויפֿט, מען דרייט זיך אויס, פֿאַר־קויפֿט, מען מאַכט אַ שיינעם פּראָפֿיט — באַצאָל אַלץ — הערט זיך אָן

אומגעדולדיקע שטימע פון אַ מענטש, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט באַ־רימט, אַז ער ווייסט „ווי אַזוי צו מאַכן געלט".

אָרעמע, נישט־געוואַגטע איינשטעלער קוקן אויף אים מיט קנאה, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: „ביסט אַ באַרימער!".

צווישן די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן פריער געזונגען צוזאַמען לידער, ווי זיי וואָלטן געווען איין האַרמאָנישע משפחה, האָט זיך איצט געפילט אַ קאַלטקייט, ווי עס פּאַסירט אָפט צווישן מענטשן מיט פאַרשידענע קלאַסן־אינטערעסן. אייניקע זענען אַוועק מיטן אַגענט „מאַכן ביזנעס". אַנדערע האָבן זיך געוואַרעמט אונטער דער הייסער זון. די מערסטע זענען געוואָרן אומגעדולדיק, זיי זענען נאָכגעגאַנגען דעם אויטאָ־אַנטרייבער, אונטער־געאײַלט אים, געוואָלט שוין וואָס גיכער פאָרן צוריק אין שטאָט אַריין.

צווישן די וואָס האָבן זיך געאײַלט צו פאָרן צוריק אַהיים איז געווען ישראל. גערעדט האָט ער ווייניק צו די שטאָטישע מענטשן. אויף די אַגענטן האָט ער געקוקט מיט חשד, הגם ער האָט גרויס דרך־ארץ פאַר זייערע „ביזנעס־פעאיקייטן, פאַר נישט לאָזן אַ קויפער לאַנג טראַכטן, פאַר זייער באַשליסן פאַרן קונה אַזוי שנעל, אַז יענער זאָל אַפילו נישט שפּירן, אַז דער באַשלוס איז נישט זיינער. אָנגערופן האָט ער די אַגענטן מיט דריי נעמען: הויטשינדער, היצליעס און שאַרקס (רויב־פיש).

נאָך אַזאַ נסיעה פלעגט ער קומען צוריק אַהיים אַ פאַרביטערטער, פלעגט זיך פילן דערשלאָגן אַנטקעגן יענע, וועלכע קויפן גרויסע שטחים לאַנד אַזוי גרינג, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן קויפן אַן אָנצוג אָדער אַ פּאָר שיך.

— די היצליעס, זיי קאָנען אָפּשינדן אַ מענטשן לעבעדיקערהייט! — מיט אַזאַ אויסרוף איז ישראל אַריינגעקומען צוריק אין שטוב אַן אומצו־פרידענער און דענערווירטער.

— וואָס זשע פאָרסטו מיט זיי אַרום? פאָרן אומזיסטן לאַנטש (מיטאָג פון דאַנאַץ (זיסע בייגל) מיט קאַווע, וואָס מען גיט? — האָט שרה אים געפרעגט.

ער האָט זי נישט געהערט און ווייטער גערעדט:

— די מעשיות וואָס מען הערט זיך אָן! די „שאַרקס" פאַרקויפן לאַנד, וואָס איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ; זיי אַנטלויפן, גיי זוך זיי!...

ער האָט אַרונטערגענומען פון זיך דאָס רעקל, דעם הוט און מיט לאַנג־זאַמע טריט, ווי אַ ביסל אַ באַרואיקטער, האָט ער געשפּאַנט איבערן צימער אַהין און צוריק אין אַ טיפן טראַכטן: אַ פּאָר קליינע פאַבריקאַנטלעך, אַנ־פאַנגער, מיט אַ קליינעם קאַפּיטאַל, לויפן מיר די גאַנצע צייט נאָך, אַז איך זאָל אַריינלייגן אַ פופצן טויזנט דאָלאַר אין זייער פאַקטאָרי (פאַבריק) פון מענער־קליידער און ווערן אַ שותף! פון די ביידע איז גינצבורג דער אָרנט־לעכער.

ער האָט זיך ראַפּטאָם אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן:

— וואָס זאָגסטו, שרה? קאָן איך ווערן אַ מאַנופעקטשורער (אַ פאַברי־קאַנט)?

דער פעסטער אויסדרוק פון זיין פּנים — וואָס עס טרעפט ביי אים זעלטן — האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער איז געקומען צו אַ פּאָזי־טיוון באַשלוס.

— מיינסטו גינצבורג דעם פאַבריקאַנט? — האָט שרה געפרעגט מיט אַ קנאַפּן אינטערעס און מיט אַ פּאַסיוון טאָן, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט נישט וועגן איר מאַן, וואָס גייט שוין אַרום חדשים לאַנג אָן פּרנסה, נאָר וועגן עמעצן אַנדערש.

ער האָט דערפילט איר גלייכגילטיקייט צו אַזאַ ברענענדיקער פראַגע ווי פּרנסה, און פּאָר כּעס איז אים דאָס בלוט געקומען אין פּנים.

— וואָהט אַ העל! — (וואָס צום טייוול!) גייט דיך אָן? וואָס ליגט דיר אין זינען! איך גיי אַרום פּוסט און פּאַס חדשים לאַנג, דריי מיר דעם קאָפּ צו וואָס זיך צו נעמען, ווו כ'זאָל אינוועסטירן דעם קליינעם קאַפּיטאַל, וואָס מיר פאַרמאָגן, און דיך אַרט דאָס גאָר נישט! וואָס עסט דיך? — האָט ישראל געפרעגט מיט דער גאַנצער ביטערקייט, וואָס האָט זיך אין אים אָנגעזאַמלט.

שרה האָט אים נישט געענטפערט. וואָס וועט זיין, ווען זי וועט אים שוין זאָגן „וואָס עס עסט זי", וועט ער זי דאָך נישט פאַרשטיין, ער וועט לאַכן פון איר... דעם זין פון לעבן האָט זי דאָ נאָך נישט געפונען... זי האָט

געחלומט וועגן פאַרן קיין ניו־יאָרק, ווו עס בליט אַ יידיש לעבן... ישראלס באַשלוס איז געווען לאָס־אַנדזשעלעס... נישטאָ דאָ קיין געזעלשאַפטלעך לעבן, קיין יידיש לעבן, קיין טעאַטער, קיין לעקציע, קיין גייסטיקע פאַר־ווײלונג. אים פעלט דאָס נישט אויס. איר — יאָ... צוליב באַזונדערע, גאַנץ פאַרשידענע וועלטן — טראַכט זי — נו, און די קינדער!... דאָס מאַמישע האַרץ האָט אין איר פלוצלונג אַ צאַפּל געטאָן. עס האָט זיך אין איר אָנגע־צונדן אַ פונק פון האָפענונג און טרייסט.

— ווו זענען די קינדער? — האָט נישט געריכט אַ פרעג געטאָן ישראל, ווי אויך ער וואָלט אין זיי געזוכט אַ טרייסט.

— יודזשין איז נאָך אין סקול. טייבעלע שלאָפט, עפּעס איז זי נישט געזונט, נישט געוואָלט עסן, נישט שפּילן זיך... — האָט שרה געענטפערט אַ פאַרזאָרגטע.

— ס'מאַכט זיך אַ מאָל, אַ קינד וויל נישט עסן, דאַרף מען שוין זיין צעטראָגן? — האָט ישראל זי געטרייסט.

אין דעם מאָמענט האָט זיך די טיר צעפּראַלט. יודזשין איז אַריינגעלאָפן מיט אַ שיינענדיק פּנימל, אַ וואָרף געטאָן דאָס סקול־ביכל מיט דער שרייב־טאַבלעטקע אויפן טיש, זיך אַ שטעל געטאָן צו דער וואַנט און געזאָגט:

— איך האָב היינט געלערנט אין סקול אַ שיינע פּאָעמע פון ראָבערט

דאָס לעבן איז ערנסט,
דאָס לעבן איז אמתדיק,
ערד צו ערד, אַש צו אַש
איז נישט געמיינט פאַרן גייסט.

עס איז געווען אַזוי פיל געפיל און קינדערישער גלויבן אין די ווער־טער, אַז דעם מענטשלעכן גייסט קאָן דער טויט נישט פאַרניכטן, אַז טאַטע־מאַמע, וואָס זענען ערשט פריער געווען דערדריקט און דערשלאָגן, האָבן איצט נחתדיק געשמייכלט.

— וואָס פאַר אַ קראַפט קינדער האָבן איבער עלטערן! — האָט שרה געטראַכט און באַדעקט איר זונעלע מיט קושן.

פון גרויס פרייד האָבן זיך איר געשטעלט טרערן אין די אויגן. זייער קינד וואַקסט אַ גרויסער מענטש. דעריין איז זי זיכער.

## אסתר מילער

*

די נאַכט, וואָס די נאַטור האָט, אין פלוג, באַשאַפן פאַר רו און דער־פרישונג פון דער מענטשלעכער ענערגיע, האָט זיך אַרונטערגעלאָזן מיט אַ בלייענער שווערקייט. זי האָט געדראָט מיט אַ קאַטאַסטראָפע פאַר ישׂראלס הויזגעזינד. טייבעלע האָט געברענט ווי אַ פייער. און אָט שטייט שוין אַ באַ־זאָרגטער דאָקטער ביי איר בעטעלע. תּיכּף איז יודזשין איזאָלירט געוואָרן פון דער קראַנקער שוועסטער. די שכנים, דאָס אַלטיטשקע פּאָרפאָלק, די מע־טויסעס, האָבן אים גענומען צו זיך, כּדי ער זאָל זיך נישט אָנשטעקן.

זעקס אומענדלעכע טעג און נעכט האָט זיך די פירייאָריקע טייבעלע געראַנגלט צווישן לעבן און טויט און איז אויסגעגאַנגען...

— ניין, ניין, עס איז אַ חלום! — האָט די אומגליקלעכע מוטער אויס־געשריען מיט אַ שווידערלעך ספּאַזמאַטיש קול. זי האָט נישט געקאָנט גלייבן, אַז איר קינד איז שוין מער נישטאָ.

אַלץ האָט איצט פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט. דאָס גאַנצע לעבן איז גע־וואָרן איין גרויסע לאַסט, פון וועלכער די אומגליקלעכע עלטערן און דער 12־יאָריקער יודזשין האָבן געזוכט צו אַנטלויפן און נישט געוווּסט וווּהין און ווי אַזוי...

פאַרשוווּנדן איז דער שמייכל פון ישׂראלס פּנים, נאָר די טרויעריקע אויגן האָבן עדות געזאָגט פון זיין צעבראָכן געמיט. יודזשין איז געוואָרן שווייגנדיק, האָט זיך מער נישט געשפּילט, נישט געשטיפט און נישט גע־שמייכלט.

שׂרה איז געוואָרן ווי פאַרשטיינערט, ווי זי וואָלט דאָס לשון פאַרלוירן. זי האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט. מיט אַ צייט שפּע־טער איז זי געוואָרן צו פיל רעדעוודיק; איר צונג איז געוואָרן ווי אַ שאַרף מעסער, האָט געשניטן פּאַסן פון זיך, פון ישׂראלן און פון דעם דאָקטער, גאָר נישט ווי איר טבע איז געווען.

— אַ ביסל קאַרבאָל (סם) פאַר זיך, אַ רעוואָלווער־שאָס פאַרן דאָקטער, פאַר פאַרנאַכלעסיקן דאָס קינד — און אַלץ וועט זיין פאַרענדיקט.

געדערט האָט זי אין שטוב און אויף דער גאַס, ביז מענטשן האָבן זי אָפּגעזידלט, אויסגעמיטן...

מער ווי אומעטום האָט זי געדערט פאַר איר מאַן בשעת זייערע זונ־טיקדיקע אויטאָמאָביל־אַרויספאָרן: זיי זענען שלעכטע עלטערן... זי האָט דאָס שוין פון לאַנג געפילט...

— מיט דיין שטענדיקער יאָגעניש נאָך געלט, נאָך ביזנעס, האָסטו דיין קינד פאַרזען, האָסט פאַר אים קיין צייט נישט געהאַט.

— זי וויל, טענהט זי, דאָס געלט פאַרלירן, פּטור ווערן דערפון. זי האָט געדערט וואָס עס איז איר געקומען אויפן צעהיצטן מוח.

— ישראל האָט איר אַ ווונק געגעבן:

— יודזשין זיצט דאָך דאָ, שווייג!

— יאָ, יודזשין איז געזעסן הינטער זייערע פּלייצעס, געהערט און גע־שוויגן.

# אַ קינדערישער שמייכל

אין אַ זוניקן פריִען פרילינג־טאָג איז יודזשין געקומען פון סקול און דערציילט דער מאַמען, אַז זײַנער אַ גוטער חבר, אויך פון דער הויכ־שול, ווי ער, אַ 14יאָריקער שילער, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. און ער האָט צוגעגעבן:

— ער האָט געטאָן אַ גוטע זאַך!

זײַן קול האָט געקלונגען ווי פון אַן אַלטן מענטשן, וואָס איז מיד געוואָרן פון לעבן. זײַנע אויגן זענען געווען פול מיט טרויער...

שרה האָט אויפגעשווידערט:

— וואָס רעדסטו, יודזשין!

איר קול האָט געציטערט און זיך געבראָכן.

— מײַן גאָט, ער טראָגט זיך אַרום מיט זעלבסטמאָרד־געדאַנקען, ווי איך!

אַן אינעווייניקסטע שטימע האָט צו איר גערעדט און זי געשראָקן, געמאַטערט איר געוויסן.

— איך בין שולדיק! — האָט זי היסטעריש אויסגעשריען, און אַ הייסער שטראָם טרערן האָט אַ שפּאַר געטאָן פון אירע אויגן. זי האָט געוואָלט און נישט געקענט אים פאַרהאַלטן.

יודזשין האָט געקוקט אויף דער מוטער מיט זײַנע אײַנדרוקספולע אויגן, ווי ער וואָלט זי שטודירט. נאָך עטלעכע מינוט טראַכטן האָט ער זי אַרומ־גענומען, אַ קוש געטאָן און געזאָגט אין אַ זאַפטיקן יידיש:

— וויין נישט, מאַמע! איך וועל דיך נישט פאַרלאָזן.

אויף דעם ייִנגלס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שוואַכער שמייכל, ווי ער וואָלט זי געטרייסט אָן ווערטער, נאָר בלויז מיט זיין קינדערישן שמייכל.

אַ פרייד צוזאַמען מיט אַ גרויסער ליבשאַפט צום קינד האָט זי אַרומגענומען, אַ געפיל, וועלכן זי האָט פריער נישט געוווסט.

פאַרנאַכט, ווען ישראל איז געקומען פון דער אַרבעט, איז שרה אים אַנטקעגנגעקומען מיט אַ פריילעך פּנים. ער איז געבליבן שטיין איבערראַשט, ווי ער וואָלט זי נישט דערקענט.

— יודזשין האָט היינט געאַרבעט איבער זיינע כעמישע פאָרשונגען! ער האָט געגאָסן פאַרשידענע קאָליריקע וואַסערלעך אין גלעזערנע רערלעך. ער האָט געשמייכלט. האָסט שוין געמעגט זען! — האָט שרה אויסגערופן מיט פרייד און התפּעלות.

— דו מיינסט, אַז ער אַרבעט ווייטער איבער זיינע עקספּערימענטן? און וואָס נאָך האָט היינט פּאַסירט מיט דיר?

— איז דאָס דען נישט גענוג? אונדזער קינד לערנט זיך ווידער, פאַרנעמט זיך ווייטער מיט זיינע פאָרשונגען, ווייזט אַ פריילעך פּנים. אָ, וואָס פאַר אַ גליק איז געשען!

שרה האָט אים אָנגעשטעקט מיט איר גוטער שטימונג, און פאַר דאַנקבאַרקייט איז ער צוגעגאַנגען צו איר און איר אַ קוש געטאָן. ער האָט אָנגעשפּאַרט זיין קאָפּ אויף איר אַקסל. איצט האָט זי צום ערשטן מאָל דערזען זיינע גראָע האָר... עס האָט זי אַרומגענומען אַ רחמנות אויף אים, — אַ געפיל, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין איר האַרצן און פאַרבליבן אין אים דאָס גאַנצע לעבן...

*

מיט יעדן טאָג איז יודזשין געוואָרן אַלץ שענער, פיזיש אַנטוויקלטער און שטאַרקער אין זיין כאַראַקטער. דאָס האָבן דערציילט זיינע אויגן און זיינע קורצע, געציילטע ווערטער. ער האָט אָנגעהויבן ברענגען אין שטוב סקולחברים פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן: אַ כינעזישן ייִנגל מיט דינע אויגןשפּאַלטן, אַ נעגער־ייִנגל מיט פאַרחלומטע אויגן ווי יודזשינס, און פרע־

די, אַ ייִנגל פֿון דרײַטשישן אָפּשטאַם, אַ הויכן, מיט אַ ווײַסן, מילכיקן פּנים, אַ בלאָנדן מיט שטיפערישע בלאָע אויגן. יעדן טאָג, נאָך די שול־לימודים פֿלעגן זיך ייִנגלעך צוזאַמענקומען אין יודזשינס לאַבאָראַטאָריע, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַ טונקעלן ווינקל פֿון גאַראַזש. דאָרטן איז געשטאַנען דער אַרבעט־טיש. אויף דער וואַנט זענען געווען צוגעשלאָגן פּאָליצעס מיט פֿלעשער כעמישע פֿליסיקייטן. אָנגעטוענע אין ווײַסע כאַלאַטן פֿלעגן די ייִנגלעך פֿאַרנעמען זיך שעהלאַנג מיט זייערע עקספּערימענטן. זיי האָט די גאַנצע צייט געצויגן צו נײַע און ווידער נײַע עקספּערימענטן, וואָס זיי האָבן געמאַכט לויט די פֿאַרשריפֿטן פֿונעם זשורנאַל „וויסנשאַפֿט און דערפֿינדונג". גרויס איז געווען די קינדערישע פֿרייד ווען אַן עקספּערימענט האָט זיך אײַנגעגעבן.

יודזשין האָט געהאַט גרויס חשק צו בילדונג און וויסנשאַפֿט. עס האָט זיך אין אים אַנטוויקלט אַ חוש פֿאַר ליטעראַטור. ער האָט אַ סך געלייענט און פֿאַרשטאַנען ערנסטע ביכער.

אין פֿלוג האָט זיך געקענט דוכטן, אַז אַז יודזשין האָט זיך אײַנגעלעבט, געפֿירט אַ נאָרמאַל קינדעריש לעבן אין דער היים און אין דער סקול. ס'איז אָבער געווען אַ טעות... דער סקול־פּרינציפּאַל, דער הויפּט פֿון לערער־ראַט, האָט געלאָזט רופֿן יודזשינס עלטערן און האָט זיי מיטגעטיילט, אַז זייער זון איז אַ „פּראָבלעמאַטישער"; זײַנע לערער באַקלאָגן זיך, אַז ער הערט זיך נישט צו צו די לימודים, אַז ער פֿאַרנאַכלעסיקט די אַרבעט, רעדט ווייניק, זיצט פֿאַרטראַכט. די לערער האָבן מיט אים גרויסע שוועריקייטן. דער סקול־פּרינציפּאַל האָט געבעטן די עלטערן, אַז זיי זאָלן אים דערציילן אין וואָס פֿאַר אַ סביבה ער געפֿינט זיך אין דער היים? אויף וואָס נוצט ער אויס די פֿרײַע צײַט? צי פֿאַרברענגט ער מיט שכנישע קינדער? און נאָך אַזעלכע ערנסטע פֿראַגן, אויף וועלכע די עלטערן איז געווען שווער צו ענטפֿערן...

דער פּרינציפּאַל, אַ מיטליאָריקער מענטש מיט אַן אינטעליגענט לענגלעך פּנים און מיט אַ שאַרפֿן בליק אין די אויגן האָט באַמערקט די פֿאַרלוירנקייט פֿון די עלטערן און האָט גלייך צוגעגעבן:

— מיר האָבן נאָך אַנדערע „פּראָבלעמאַטישע" קינדער אין אונדזער סקול. מיר מוזן, צוזאַמען מיט די עלטערן, זוכן אַן אויסוועג. צי קאָנט איר מיר זאָגן מיט וואָס יודזשין פֿאַרנעמט אין זײַן פֿרײַער צײַט?

דערהערט, אַז עס זענען דאָ פאַראַן נאָך „פּראָבלעמאַטישע" קינדער איז ישראל דרייסטער געוואָרן. ער האָט דערציילט דעם פּרינציפּאַל, אַז ער האָט אָפּגעצוימט אין גאַראַזש אַ ספּעציעלן פּלאַץ פאַר אַ „לאַבאָראַטאָריע", אַז יודזשין מאַכט יעדן טאָג צוזאַמען מיט זיינע סקול־חברים פאַרשידענע „עקספּערימענטן". און דאָ איז אים שרה אַריינגעפאַלן אין די רייד און האָט צוגעגעבן:

— יודזשין איז אַ גוט און שטיל קינד. לעצטנס האָט ער זיך ערנסט גענומען צום לייענען ביכער. ער לייענט ביז שפּעט אין דער נאַכט. עס איז מיר שווער צוצוזען, ווי ווייניק ער שלאָפט — האָט שרה זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן — טיילמאָל איז ער אומעטיק, לעצטנס אָבער האָט זיך צו אים אָנגעהויבן אומקערן די פריידיקע שטימונג, דער שמייכל...

אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויפן סימפּאַטישן פּנים פונעם פּרינציפּאַל. ער האָט אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער זיין הויכן שטערן און געזאָגט:

— איך וויל איר זאָלט וויסן, אַז „פּראָבלעמאַטישע" קינדער זענען אינ־טעליגענט. יודזשין איז באַשאָנקען מיט אַ הויכער אינטעליגענץ. ער פאַרמאָגט מער וויסן ווי די אַנדערע קינדער אין זיין עלטער. דערפאַר איז אונדזער זאָרג באַזונדער גרויס, ווי אַזוי צו מאַכן פאַרן קינד דאָס לעבן לייכטער, שע־נער, כדי ער זאָל אויסוואַקסן אַ געזונטער, שעפערישער מענטש...

זיי האָבן זיך געדריקט די הענט מיט פריינדשאַפט און פאַרשטענדעניש. אַמעריקע איז איצט געוואָרן שרהן ליבער, טייערער ווי ווען עס איז פריער.

בשעת זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון סקול איז זיי אַנטקעגנגעקומען איינער פון יודזשינס לערער. שרה האָט אים גלייך דערקענט. דאָס איז געווען דער זעלבער לערער, וואָס האָט איר אַמאָלט געגעבן אַ לעקציע וועגן „אַמע־ריקאַניזם", ווען זי איז איין מאָל געקומען צו אים צו לויפן מיט אַן אָנקלאַגע, אַז יודזשין איז געקומען אַהיים מיט אַ צעבלוטיקטער נאָז, ווייַנענדיק, אַז אַ נעגער־ייִנגל האָט אים פאַרוווּנדעט.

— עס איז שלעכט געגנוג — האָט שרה מיט פאַרדרוס באַמערקט, אויסהערנדיק דעם לערערס רייד, — אַז מיין קינד דאַרף גיין אין איין שול מיט די נעגער־קינדער און באַדאַרף נאָך קריגן געשלאָגן.

ער האָט זי געדולדיק אויסגעהערט און געזאָגט:

— דאָ אין אַמעריקע זענען אַלע ראַסן און נאַציאָנאַליטעטן גלייך. מיר מאַכן נישט קיין אונטערשיד.

נאָך האָט דער לערער דעמאָלט גערעדט, אָבער די דאָזיקע ווערטער געדענקט זי צו בעסטן. זיי האָבן זיך איינגעקריצט אין איר זיכרון.

זי האָט דאָס איצט פאַרבייגייענדיק דערמאָנט דעם לערער יענעם גע־שפרעך. ער האָט געשמייכלט.

— איר ווייסט, אַמעריקע איז אַ גוט לאַנד. כ׳האָב דאָס אויף אַזוי פיל נישט געוווּסט — האָט שרה געזאָגט צום לערער, ווי אַ ביסל אַ פאַרשול־דיקטע.

— פון וואַנען האָסטו געקענט וויסן? דו ביסט נאָך אַ „גרינע״. — האָט ישראל געשפּאַסט.

— אויף ווי לאַנג בלייבט מען דאָס נאָך „גרין״ אין אַ לאַנד? — האָט שרה אים געפרעגט מיט אַ פאַרוואָרף.

— יאָרן! אויב מען וויל זיך נישט „אויסגרינען״.

— ווי אַזוי זשע „גרינט״ מען זיך אויס?

— אין ביזנעס!

ישראל האָט אומצופרידן געדרייט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט דערמיט וועלן זאָגן: אויך דו ביסט אַ „פּראָבלעם״.

— וואָס דענקסטו וועגן פּרינציפּאַל און זיינע אָנווייזונגען?

— ער איז אָל־רייט!

— ער רעכנט זיך מיט אונדזער מיינונג — האָט שרה געזאָגט מיט אַ געפיל פון דערהויבנקייט. — דו הערסט, ישראל, — האָט זי צוגעגעבן, — דו האָסט זיך באַדאַרפט מער אָפּגעבן מיטן קינד. דו האָסט באַדאַרפט זיין אויפמערקזאַם צו דעם וואָס ער לייענט, האָסט באַדאַרפט זיך מיט אים פאַרווײַלן, שפּילן מיט אים אין פּילקעס.

— וואָס? בין איך אַ קינד? איך זאָל גאָר שפּילן אין פּילקעס?! — האָט ישראל זי איראָניש געפרעגט.

— דו זע, אַז יודזשין זאָל עסן מער און בעסער. ער איז צו מאָגער. — האָט ישראל צוגעגעבן מיט פאָטערלעכער זאָרג.

שרה האָט געשוויגן און בשעת מעשה איז איר אַרויף אויפן געדאַנק: ווי האָט זי גאָר געקאָנט טראַכטן וועגן זעלבסטמאָרד?... אויף וועמען וואָלט זי איבערגעלאָזן דאָס קינד? פּחדנים אַנטלויפן פון לעבן. איך בין עס נישט!

— איך טראַכט פון דאָרען — האָט שרה איבערגעשלאָגן אירע מחשבות

— דו האָסט דאָך זי געקענט, די מיט וועלכער איך בין צוזאַמען געגאַנגען אין דער נאַכט־שול. זי האָט איבערגעלאָזן אַזעלכע צוויי שיינע טעכטערלעך און באַגאַנגען זעלבסטמאָרד...

— דו האַלטסט נאָר אין איין טראַכטן! — טראַכטן ברענגט נאָר צרות און נישט מער.

— ווי מאָדנע דאָס איז — איז שרהן איצט אַרויף אויפן געדאַנק — איך אַנדערע, צווישן זיי אויך מענטשן מיט גרויסער לעבנס־דערפאַרונג, האָבן מיר דאָך נישט איין מאָל געזאָגט: „טראַכט נישט, פאַרטומל זיך, געפין פאַר זיך עפּעס אַ „האָבי". האָבן זיי דען געהאַט אויף איר אַ השפעה?

און זי דערמאָנט זיך, אַז מיט אַ צייט צוריק האָט זי געהאַט געפונען אין דער טעגלעכער ציידונג, וואָס איר לאָזונג איז: „פאַר מענטשן וואָס דענקען!" אַן אַנאָנס מיט גרויסע ווערטער: „איר קאָנט ווערן אַ באַרימטע אַרטיסטין אַן וועלכע נישט איז שווערקייטן. רופט אַן אָדער קומט!" זי איז אַוועקגעגאַנגען לויט דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס, וואָס איז געווען אין אַ טונקעלער זייטיקער גאָס אין האָליוווד. זי איז אַריין אין אַן אָפיס און זיך געשטעלט אין דער ריי פון אַ פאַר צענדליק מענטשן, די מערסטע זענען געווען יונגע מיידלעך, אַ טייל פון זיי מיט וואַליזקעס אין די הענט, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן נאָר־וואָס פון דער באַן אַרונטער. יעדע איינע האָט איינגעצאָלט אַ סומע געלט צו אַ יונגן בחור, וואָס איז געזעסן ביי דער קאַסע. ער האָט גלייך געמאַכט מיט יעדער פון די מיידלעך אַ קאָנ־טראַקט און זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין אַ „סטודיאָ", וווּ אַ דירעקטאָר האָט אָנגעפירט מיט אַן אַרטיסטישן מאַסן־בילד און האָט יעדערער פון זיי אָנגעוויזן איר ראָל ווען צו וויינען, צו לאַכן אָדער צו שרייען, ווען זיך שטעלן אין גערוואַנגל קעגן די פּאָליציאַנטן און ווען צו אַנטלויפן פון זיי. ווען עס האָט געהאַלטן אין מיטן שטעלן דאָס מאַסן־בילד, איז פּלוצלינג

אַריינגעלאָפן אין „סטודיאָ״ אַ יונג בלאָנד מיידל און האָט זיך צעשריען מיט האַרצרייסנדיקע היסטערישע קולות: „דאָס איז אַן אַפּערע! גלויבט זיי נישט! דאָס זענען באַנדיטן!״ מען האָט מיר צוגעזאָגט מאַכן מיך פאַר אַן אַקטריסע, פאַר אַ האָליוואודער „סטאַר״ (שטערן). מען האָט מיר צוגעזאָגט אַרבעט. איך האָב באַצאָלט 300 דאָלאַר. ס׳איז נישטאָ קיין אַרבעט! איך בין הונגעריק!״.

דאָס איז געקומען אַזוי פּלוצלונג, אַז די ערשטע מינוט זענען אַלע צע־מישט געוואָרן. די פאַרשטעלטע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין „סטודיאָ״, האָבן זיך אַ ריס געטאָן, געכאַפּט דאָס מיידל פאַר אירע בלאָנדע האָר און אַרויסגעוואָרפן אין דרויסן. דאָס מיידל האָט געשריען מיט באַנו־מענע קולות. עס זענען זיך צונויפגעלאָפן מענטשן. עס זענען אָנגעפלויגן פּאָליציייאישע אויטאָמאָבילן. די אמתע פּאָליצאַנטן האָבן זיך אויסגעמישט מיט די פאַרשטעלטע אַקטיאָרן. קיינער האָט נישט געקענט וויסן ווער וועמען עס יאָגט. צווישן גרויסן עולם האָבן זיך געהערט געלעכטער, געוויין און געשרייען. העכער פון אַלעמען האָט געשריען דאָס בלאָנדע מיידל: באַנדיטן! בלוטצאַפּער!

די סצענע איז געווען אַ ווילדע, אַ כאַאָטישע, פּונקט ווי אַ סך אַנדערע האָליוואודער סצענעס.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער זעל־בער צייטונג אַ מעלדונג, אַז עס זענען אַרעסטירט געוואָרן עטלעכע האָלי־וואודער שווינדלער פאַר אויסנאַרן געלט ביי נאַיווע מענטשן, מערסטנס ביי מיידלעך פון אַנדערע שטאַטן, וואָס זענען געקומען קיין האָליוואוד צו „ווערן אַקטריסעס״.

*

ביינאַכט אויפן געלעגער, ווען אַלץ איז איינגעהילט אין שטילקייט און עס איז נישטאָ ווער ס׳זאָל דיקטירן דעם אַנדערן זיינע געדאַנקען האָט איצט שרה געטראַכט וועגן דעם בלאָנדן מיידל, וואָס איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויף דער גאַס. לויט ווי מענטשן האָבן דערציילט, איז זי געקומען קיין האָ־

ליוווד אַזש פון באָסטאָן, כדי צו ווערן אַ האָליוווּדער „סטאַר", און וואָס וועט פון איר איצט ווערן? דערביי האָט שׂרה געטראַכט וועגן אירע אייגענע בלאָנדזשעניש און טעותים: נאָך גוט וואָס זי האָט נישט איינגעצאָלט פונקט ווי אַנדערע. דער בחור ביי דער קאַסע האָט זי געהאַט אָפּגעמאָסטן, געמאַכט איר אַ קאָמפּלימענט, אַז זי איז יונג און שיין, האָט אַ שלאַנקע פיגור, אַז אַזעלכע דאַרפן זיי האָבן. ער האָט איר געגעבן אַ „גאַסט־קאַרטע" אויפן היינטיקן אָוונט און געבעטן קומען מאָרגן און איינצאָלן.

— איך האָב נישט געטראַכט צו ווערן אַן אַקטריסע... איך האָב געוואָלט מיך נאָר „פּאַרטומלען". כ'האָב געזוכט אַ „האָבי" — האָט שׂרה גערעדט צו זיך אַליין. אַן אינערלעכע שטימע האָט געפּאָדערט פון איר, דער באַשיידענער שׂרה, אַ רעכענונג פון אַלע אירע האַנדלונגען, פון יעדן וואָרט, געדאַנק און טאַט. זי האָט זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין. צוויי שׂרהס האָבן ווי געלעבט אין איר: איינע אַן אַוואַנטוריסטישע, האַרטע, ציניש און פאַרביסענע; אָבער די אמתע שׂרה, די ערנסטע, האָט יענער שׂרהן נישט שטענדיק געהאַט גערן, האָט אומבאַוווּסטזיניק געזוכט שטענדיק צו אַנטלויפן פון אַוואַנטורעס, פון פאַרפלאָנטערטקייט און צעטומלעניש. זי האָט זיך דערמאָנט אין איר ברודערס ווערטער: „שטרעב, שוועסטערקע, צו גאַנצקייט, אומעטום און אין אַלץ!" זי האָט זיך נישט פאַרטראַכט אויף דעם... מיט יאָרן שפּעטער, ווען ער האָט געהאַט אָפּגעגעבן זיין לעבן פאַר זיין לאַנד אין קאַמף קעגן די פאַשיסטישע האָרדעס, ימח שמם, האָבן זיינע ווערטער אויפגעלעבט, באַקומען זייער גרויסע באַדייטונג.

*

בכדי נישט דערדריקט צו ווערן אונטער די רעדער פון ווידערשפּרוכן, פאַרצווייפלונג און סתירות, האָט זיך שׂרה צוגעכאַפּט דעמאָלט צום לייענען. זי האָט געלייענט אַלץ, וואָס עס איז איר נאָר געקומען אונטער דער האַנט: צייטונגען, זשורנאַלן, ביכער, — ווי זי וואָלט געזוכט אין די געדרוקטע ווערטער אַן ענטפער אויף אירע פראַגן און פּראָבלעמען. זי האָט געפונען אַ מיש־מאַש פון שיינע ווערטער און נאַבעלע געדאַנקען און איז געבליבן

אומבאַפּרידיקט. אַפילו דאָס בוך „זאַראַטוסטראַ — דער איבערמענטש" האָט זי נישט באַפרידיקט....

דאָס איז געווען יודזשין, וואָס האָט זי דערמוטיקט צו לייענען ליטעראַ־ר׳ישע ווערק, צו וועלכע זי האָט זיך שטענדיק באַצויגן מיט יראת־הכבוד, האָט נישט געוואַגט צו טראַכטן, אַז זי קען זיי לייענען און פאַרשטיין. זי האָט געמיינט, אַז די ביכער זענען געשריבן נאָר פאַר הויך געבילדעטע מענטשן. נאָר קוים האָט זי גענומען לייענען אַן ערנסט בוך, איז איר שוין געווען שווער עס אָוועקצולייגן. עס איז איר קלאָר געוואָרן, אַז די שאַפונ־גען פון גרויסע מייסטערס זענען געמאַכט געוואָרן פאַר אַלע מענטשן גלייך, ווי די לופט, ליכט און זונשיין, וואָס די נאַטור האָט באַשאַפן פאַר אַלע מענטשן־קינדער.

שרה האָט פיל געלייענט און האָט זיך אַנטציקט. נייע פאַרשלאָסענע וועלטן האָבן זיך פאַר איר געעפנט, וועגן וואָס זי האָט פריער נישט גע־ווּוסט. נישט נאָר האָבן זיי איר פאַרשאַפט אַ גייסטיקן פאַרגעניגן, נאָר האָבן אויך אַריינגעטראָגן אַ דערוואַכונג אין איר לעבן. זיי האָבן איר גע־בראַכט זעלבסטווירדע, די פרייד פון פריינדשאַפט, פון וועלכער זי איז געווען באַרויבט צוליב איר מינדערווערטיקייט־געפיל. די ביכער האָבן איר געלערנט ליב האָבן דאָס לעבן, קעמפן, שאַפן און זיך פרייען, זיין שטאָלץ דערמיט, וואָס מען איז אַ מענטש. זיי האָבן אין איר איינגעפלאַנצט דעם באַוווסטזיין, אַז דער מענטש איז שטאַרק, אַז ער וועט בייקומען אַלע שווע־ריקייטן, אַלע שטרויכלונגען, — פונקט דעם היפוך דערפון, וואָס מען האָט איר געלערנט אין די קינדערישע יאָרן... און איר האַרץ האָט דערויף גע־וויינט....

די אמתן, וואָס האָבן זיך אין איר אַנטפּלעקט אין די ליטעראַרישע ווערק, איז איר געווען שווער אָנצוווענדן אין לעבן, אין דער טאָג־טעגלע־כער פּראַקטיק.

זי האָט געלערנט אויך פון מענטשן, מיט וועלכע איר איז אויסגעקו־מען צו באַגעגענען זיך. אייניקע פון זיי האָבן אַפילו געזוכט איר פריינד־שאַפט. די מענטשן זענען איר געוואָרן אינטערעסאַנט, צייטנווייז מער ווי די ביכער. זי האָט זיך אָנגעהויבן צוהערן צו זייערע נויטן, פּראָבלעמען און

שטרעבונגען, און עס איז איר דורך דעם גרינגער געוואָרן אויך צו לייזן איר אייגן פּראָבלעם. דער פּראָצעס איז געווען אַ לאַנגזאַמער, אַ שווערער. דערפאַר אָבער האָט זי דערקענט די פרייד פון פריינדשאַפט.

די גרעסטע פרייד אָבער אין איר לעבן איז געווען יודזשין. ער האָט זיך צעבליט פיזיש און גייסטיק. ער איז געווען הויך, שיין און ליבלעך; אַ קלוּגער שמייכל האָט באַשטראַלט זיינע איינדרוקפולע אויגן. ער האָט פאַרענדיקט די הויכשול מיט אויסצייכענונגען. אין גיכן קומט ער אָן אין קאָלעדזש, — און מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט ער זעצט פאַר זיין פאָרשונגס־אַרבעט! דער זשורנאַל „וויסנשאַפט און דערפינדונג" גייט נישט אַראָפּ פון זיין שטודיר־טיש.

עס איז אָבער פאַראַן אַ שאָטן, וואָס פאַרנעפּלט איר פרייד: עס מאַטערט זי אויפסניי די אַלטע פראַגע: צי זענען די עלטערן פעיק צו דערפירן אַזאַ אינטעליגענט קינד ווי יודזשין, דערפאָלגרייך צו זיין לעבנס־ציל? וועט ער חלילה נישט ליידן אין דער צוקונפט פון די רעזולטאַטן פון דער עמפינדלעכער, קאָמפּליצירטער דערציאונג?

ער איז נישט שטענדיק איינשטימיק מיט די עלטערן. עס קומען פאָר רייבונגען צווישן זיי. די אַמעריקאַנער געבוירענע עלטערן זענען אַנדערע. די פאָטערס נעמען זייערע יינגלעך אויף פוטבאָל־פאַרמעסטן. שפּילן אַליין מיט זיי מיט. די מוטערס האָרעווען נישט אַזוי שווער ביי שטוב־אַרבעט ווי די עמיגראַנטישע מאַמעס. זיי גיבן זיך מער אָפּ מיט דער דערציאונג פון זייערע קינדער, מיט זייער פאַרווייַלונג. זאָל דאָס האָבן אַרויסגערופן יודזשינס אומצופרידנקייט? פילט ער זיך אין דעם פּרט באַעוולט, געקריוודעט? זי איז אין דעם נישט זיכער. אָבער אַז ער וואַקסט אַ גרויסער געלערנטער און דערפינדער, — אין דעם איז זי זיכער.

שׂרהס גרעסטער ווּנטש אין לעבן איז, אַז יודזשין זאָל דערפינדן עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל פאַרלייכטערן דער פרויס שווערן לעבן, באַפרייען זי כאָטש פון דער נודנער, מאָנאָטאָנער שטוב־אַרבעט.

און אפשר דאַרף גאָר קומען אַ פרוי אַ דערפינדערין? ווער ווייס נאָך אַזוי גוט די שווערע „דאָליע" פון דער פרוי, ווי די פרוי אַליין! — שאַפּ־פרויען, פאַרמער־פרויען, ווי שווער זיי אַרבעטן! דער שיקזאַל האָט זי דאָך

צונויפגעפירט מיט זיי ביידע. נאָך מער פון די שאַפּ־פרויען זענען פאַר־שקלאַפּט די פאַרמער־פרויען. זיי אַרבעטן שווערער און לענגערע שעהן. זיי שטייען פאַר אירע אויגן, פולבלעכע פון צופיל קינדלען, שמייכלענדיקע. די פנימער פאַרברוינטע פון דער זון ווי די קאָרע אויף די בוימער, אָנגעטאָן אין פּראָסטע אַרבעטס־קליידער, זייערע צעשפּרייטע מאָזאָליקע הענט האַלטן אָן דעם גראָב־אייזן און די גראַבליע. מען זעט זיי אין שטענדיקער באַוועגונג. זיי האָדעווען קינדער, זיי קאָכן און באַקן, וואַשן, זייען, ייעטן גערטנער, פאַרגרייטן אין סלאָיעס גרינסן, פּרוכטן און פליישן פאַר אַ לאַנגן ווינטער. זיי טראָגן אַרויס פון שטוב „פּאָמויי־ניצעס״ און טראָגן אַריין וואַסער פון ברונעם. ווען דער טאָג איז שוין פאַרענדיקט, זעצן זיך די מענער קייען טאַבאַק, דערציילן מעשיות, אָבער דער אַרבעטס־טאָג פון די פרויען קומט נאָך אויך דאַן נישט צו קיין ענד. זיי זעצן זיך אויס אויף די „ראָבינג־טשערס״ (וויג־שטולן) און זייערע הענט רוען נאָך אַלץ נישט: זיי נייען, שטריקן, צירעווען סקאַרפּעטקעס פאַר די מאַנצבילן. די פרויען זענען כלל נישט באַוווסטזיניק, זיי פאַרשטייען זיך נישט אויף זייער שקלאַפעריי. אַ פאַרם־פרוי האָט אַליין געשאַפן די קלינגענדיקע טרויעריקע ווערטער: „אַ מאַנס אַרבעט איז פון זון ביז זון, אַ פרויס אַרבעט איז קיינמאָל נישט פאַרענדיקט״.

אַ „האַלאָ!״ האָט איבערגעשלאָגן שרהס געדאַנקען. זי האָט אָנגעקוקט ישראלן, ווי זי וואָלט ערשט געקומען פון דער ווייטער, ווייטער פאַרם.

— איך רעד צו איר און זי הערט נישט! וואָס טראַכסטו אַזוי שווער?

— האַ? וואָס? — האָט שרה אים געפרעגט און געשמייכלט פאַר־לוירן — מען דאַרף צוגרייטן וועטשערע!

זי האָט זיך געלאָזט גיין אין קיך. ער איז איר נאָכגעגאַנגען:

— פאַרגעס פון וועטשערע — האָט ער מילד געזאָגט — איך וויל דיך זען שמייכלען!

— אַזוי הונגעריק ביסטו אויף אַ שמייכל? — האָט זי געפרעגט אין שפּאַס.

— שטענדיק געווען, האָסט מיך נישט געהאַט פאַרשטאַנען — האָט ער געזאָגט מיט באַדויערן.

— מען קאָן נישט שמייכלען לויט אַ באַפעל. דער שמייכל מוז אַרויס־קוועלן פון אינעווייניק.

— פאַר וואָס האָב איך דיך אַזוי ליב? — האָט ישראל אויסגערופן, האָט זי אַרומגענומען און געגעבן איר אַ קוש.

— דאָס איז דיין שלים־מזל — האָט שרה געזאָגט סאַרקאַסטיש, שטע־לנדיק דעם טראָפּ אויפן וואָרט שלים־מזל.

— ווו איז יודזשין? — האָט ישראל גיפרעגט זיך אַרומקוקנדיק.

— ער איז אַוועק אין ביבליאָטעק, וועט באַלד צוריקקומען. — און זי האָט זיך גענומען גרייטן דעם טיש.

— אַז ער קריגט ביכער אין ביבליאָטעק אומזיסט, צו וואָס דאַרף מען אויסגעבן געלט אויף ביכער? און די פּראָשקעס, פלעשער און כעמישע שטאָפן, וואָס ער האַלט אין איין קויפן! ער ווייס נישט דעם ווערט פון געלט.

— מיר דאַרפן זיין גליקלעך מיט אַזאַ קינד ווי יודזשין. איך ווייס נישט ווי גליקלעך ער איז מיט אונדז...

זיי זענען ביידע אַנטשוויגן געוואָרן, ווי ביידע וואָלטן געפילט, אַז „רייד" קאָנען נאָר זיין אַ שטערונג.

די טיר האָט זיך געעפנט און יודזשין איז אַריין מיט אַ פּאַק ביכער אין די הענט.

— זונעלע, אַזוי פיל ביכער, ווען וועסטו זיי אַלע אויסלייענען? — איז אים דער פאָטער געקומען אַנטקעגן.

די מאַמע האָט געקוקט אויף אים נחתדיק — איר זון איז אַ סטודענט! איר האָט זיך געדוכט, אַז זי זעט אַ „מאָך" אויף זיינע שיין געשניצטע ליפן און אַ נייגיר אין זיינע פאַרשנדיקע אויגן.

— גיי, מיין קינד, עסן. דו מוזט דאָך זיין הונגעריק — און זי האָט איבערגענומען די ביכער פון זיינע הענט.

יודזשין האָט אַרויסגענומען פון דער טאַש אַ ווערטערבוך:

— דאָס איז פאַר דיר, מאַמע.

פון דער צווייטער טאַש האָט ער אַרויסגענומען נאָך אַ בוך:

— דאָס איז פאַרן פּאַפּאַ.

עס האָט אויפגעבליצט פאַר די אויגן אַן אויפשריפט מיט גרויסע אותיות אויפן טיטל־בלאַט: „ביזנעס־מעגלעכקייטן".

— אַ דאַנק דיר, מיין קינד, פאַר דער מתנה. אַזאַ בוך דאַרף איך טאַקע האָבן — האָט ישראל געזאָגט מיט אַ גמרא־ניגון, וואָס האָט געקלונגען קאָמיש.

— איצט גייען מיר עסן. שפּעטער וועלן מיר לייענען — האָט זיך אָפּגערופן די מוטער און האָט אַרויפגעשטעלט אויפן טיש די שפּייז, וואָס האָבן פאַרשמעקט אָנגענעם די שטוב.

זי האָט געקוקט איצט אויף אירע ביידע מאנצבילן, ווי זיי עסן מיט אַפּעטיט און איר האַרץ איז איבערגעפולט געוואָרן מיט פרייד און רחמנות, און עס איז איר שווער געווען צו באַשטימען, וועלכער פון ביידע געפילן איז שטאַרקער. דוכט זיך, אַז די פרייד האָט איבערגעשטיגן דעם רחמנות.

# קאָנפליקטן און פּראָבלעמען

אין זיין קאַמף פאַרן לעבן האָט די נאַטור באַפּאַנצערט דעם מענטשן מיטן אינסטינקט פון זעלבסטבאַשיצונג. דער דאָזיקער אינסטינקט האָט געהאָלפן אויך שרהן צו באַהאַלטן איר ווייטיק טיף אין האַרצן, אַז קיינער זאָל עס נישט זען, און מאַכן שלום מיט איר שיקזאַל.

ישראל, פון זיין זייט, האָט זיך אויך געמיט צוצופּאַסן זיך צום לעבן אין דער גרויסער שטאָט, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט ליב געהאַט.

יודזשין, ווידער, האָט געשפּאַנט מיט שנעלע טריט אויפן וועג צו דער „וויסנשאַפט און דערפינדונג", ווי ער וואָלט געזוכט צו אַנטדעקן די פאַרבאָרגענע סודות פון דער נאַטור און באַנוצן זיי פאַרן מענטשלעכן געברויך, פאַרן קאַמף קעגן אומוויסנקייט און קראַנקייט.

דאָס איז געווען פאַר שרהן אַ פּראָצעס פון אומבאַוווסטער זעלבסט־דערציאונג. זי האָט זיך באַקאַנט מיט נייע מענטשן, מיט נייע באַגריפן און מיט אַ נייער ליטעראַטור, וועלכע האָט זי צוגעצויגן צו זיך און וואָס זי האָט אָנגערופן „בונטאַרישע", ווייל סיי די מענטשן און סיי די ליטעראַטור זענען געווען אָנגעלאָדן מיט „בונטאַרישקייט", מיט קאַמף קעגן דער מיאוסערווירקלעכקייט, קעגן מאָראַלישער צופוילטקייט. קעגן שווינדל און אומזיניקן געלט־געלאַף, וואָס גרענעצט זיך אַפילו מיט משוגעת פון „קידנעפּינג", פון כאַפּן קינדער און מאַנען ביי די עלטערן אויסליי־געלט אָדער דערהרגענען זיי...

שרה איז נישט שטענדיק מסכים געווען מיט די מעטאָדן פון אירע נייע פריינד, ווי למשל, נישט האַלטן פון ווערן אַמעריקאַנער בירגער, זיך קליידן אַנדערש פון אַנדערע מענטשן, ווערן אין כעס אויף מענטשן פאַר

נישט־אײַנשטימיקייט מיט זייערע באַגריפן — און נאָך פּאַר אַזעלכע אַבסורדן. די נייע סביבה האָט איר געגעבן אַ נייעם אינהאַלט אין איר לעבן. זי איז נישט געווען מער אַליין. זי איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע „איי.על.די.״ („אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־פּאַרטיידיקונג״).

העלען, די סעקרעטאַרין פון דער „איי.על.די״ האָט איר געגעבן די נייע בראָשורן, פּאַמפּלעטן און ביכער, וואָס האָבן אָנגעוויזן אויף די סאָציאַלע איבלען, פון וועלכע עס לײַדט די מענטשהייט און אויך זי אין דעם כלל. פון דער פּראָגרעסיווער ליטעראַטור האָט זי זיך דערוווּסט פון אַ סך עקזיסטירנדיקע אומגערעכטיקייטן קעגן די פּאָלקס־מאַסן. איר איז קלאָר געוואָרן, אַז מיטן באַקומען שטימרעכט האָבן די פרויען נישט דערוואָרבן קיין גלייכע רעכט פּונקט ווי די מענער. זי האָט זיך איבערצייגט, אַז אין דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט לײַדן נישט נאָר שאַפּ־ און פאַרם־פרויען. עס לײַדן אויך פרויען מיט אַ פּראָפעסיע, געלערנטע און געביל־דעטע פרויען, וואָס האָבן אָפּגעגעבן יאָרן אויף שטודירן אין די הויכשולן. עס לײַדן דאָקטערקעס, וועלכע פאַרדינען נישט גענוג אויף צו דעקן די הוצאות פון זייערע אָפיסעס. אויך זיי לײַדן אויפן עקאָנאָמישן און סאָציאַלן געביט. עס לעבן נאָך אין דער געזעלשאַפט פאַראורטיילן, וואָס שטיצן זיך אויף דער מינדערווערטיקייט פון דער פרוי. עס גייען אָן דיסקרימינאַ־ציעס קעגן די ווייניקע פרויען־דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן. צאָן־דאָקטוי־רים זענען כּלל נישטאָ צווישן פרויען. נישטאָ קיין פרויען־אינזשעניערינס און אַרכיטעקטינס. די פרוי האָט נישט צו זאָגן אין דער יוריספּרודענץ, אין דיפּלאָמאַטישן און מיליטערישן לעבן פון לאַנד, הגם זי, די מוטער, גיט אַוועק אירע זין פאַר מלחמה־צוועקן, פון וועלכע זי לײַדט אַם מערסטן.

די פרוי איז נאָך אַלץ די דינסט אין קיך און די לייאַלקע פון איר מאַן, הגם דאָ און דאָרט מערקן זיך שוין סימנים פון דערוואַכונג.איבערהויפּט פילט זיך דאָס צווישן די אַרבעטער־פרויען, וועלכע זענען מער פּאָרגע־שריטן פון זייערע בירגערלעכע און פאַרמעגלעכע שוועסטער. אפשר קומט דאָס פאַר צוליב דעם, וואָס זיי לײַדן מער פון דער אומגערעכטי־קייט, וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן דער פרוי.

עס ווילט זיך האָפן, אַז די פרויען פון אַמעריקע וועלן זיין די ערשטע,

וואָס וועלן אויסקעמפן פולע רעכט פאַר דער פרוי. דאָס פאָדערט די מענטשהייט, די נייע צייט מיט איר נייער טעכניק, וואָס שפּאַנט מיט אַ ראַשיקן טעמפּ פאָרויס צום פּראָגרעס.

*

עס איז געווען אַן אומרואיקע צייט אין לאַנד. אַרעסטן אויף אַר־בעטער און פרעמד־געבוירענע איז געוואָרן אַ טעגלעכע דערשיינונג. די צוויי אַרבעטער סאַקאָ און וואַנצעטי זענען געזעסן אין באָסטנער טורמע, באַשולדיקטע כלומרשט אין רויב און מאָרד. עס האָט זיך געפאָדערט שטיצע אויף „בעייל" (ערבות־געלט) פאַר פיל אַנדערע אַרעסטירטע, כדי זיי זאָלן קענען צייטווייליק באַפרייט ווערן פון טורמע און זייערע פאַמי־ליעס זאָלן נישט דאַרפן הונגערן.

אָט די פּראָבלעמען האָבן זיך שווער געלייגט אויף העלען, דער סעק־רעטאַרין פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרטיידיקונג". זי איז געווען מיד און דערשעפּט פון דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט. שרה האָט זי שטאַרק געבעטן זי זאָל זיך נעמען וויניקסטנס אַ קורצן אורלויב און צוגעזאָגט מיטצוהעלפן צו געפינען אַ חברטע, וועלכע זאָל זי פאַרבייטן אין אָפּיס אויף עטלעכע טעג. אָבער העלען האָט פאַרשפּראָכן, אַז זי וועט זיך נעמען אַ לענגערן אָפּרו ווען סאַקאָ און וואַנצעטי וועלן באַפרייט ווערן.

— דערווייל מוז מען ערנסט אַרבעטן — האָט העלען געזאָגט און האָט זיך פונאַנדערגעקליבן אין די אומצאָליקע אָפּיס־פּאַפּירן, געשיקט בריוו צו די סימפּאַטיקער פון דער אָרגאַניזאַציע און אַפּעלירט צו זייער געוויסן, געפאָדערט, אַז זיי זאָלן קומען צו הילף מיט „בעייל" און איינלייגן ערבות־געלט אָדער ווערט־פּאַפּירן לטובת די אַרעסטירטע. אין די אָוונטן פלעגט העלען האַלטן לעקציעס פאַר חברים און פריינד פון דער אָרגאַני־זאַציע וועגן דער נייטיקייט צו שאַפן „בעייל", כדי אַרויסצונעמען די אַרעסטירטע פון די טורמעס, וועגן באַזוכן די פאַמיליעס פון די אַרעס־טירטע אין זייערע עלנטע היימען. זי האָט שטענדיק צוגעצויגן אַ גרויסן עולם מיט איר שטאַרקער רעדנער־קראַפט און לאָגישע אויספירן. זי האָט

גערעדט שטענדיק מיט אַ לייכטן הומאָר און מיט אַ בייסנדיקער סאַטירע וועגן דער נעבעכדיקייט פון דער מאַכט מיט אירע אַרויסהעלפער אין איר שרעק פאַר די אַרבעטער. פון איר צאַרטן פּנים פלעגן אַרויסשיינען בשעת איר רעדן אַ פּאָר קלוגע גוטע אויגן, אין וועלכע עס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די ליידן פון די אַרעסטירטע און פון זייערע פאַמיליעס. איר ערנסטע זאָרג פאַר זיי איז געווען ווי פון אַ שוועסטער. די אַלע וועלכע האָבן זי געקענט פּערזענלעך זענען געווען איבערצייגט, אַז אירע וואַרעמע געפילן צו די ליידנדיקע זענען געווען אונטער דער השפעה פון אירע אימיגראַנטישע עלטערן.

נאָך דער לעקציע האָט דער עולם יעדעס מאָל געקויפט בראָשורן און ביכער, וועלכע זענען געווען אויסגעלייגט אויף אַ טיש ביים אַריינגאַנג אין זאַל. עס זענען אין זיי אויפגעקלערט געוואָרן די צייט־פּראָבלעמען און אָנגעוויזן געוואָרן וואָס עס קאָן געטאָן ווערן.

אויך שרה האָט זיך נאָך אַזאַ לעקציע העלענס באַלאָדן מיט די לעצטע נייע בראָשורן און מיט אַ בוך „די געשיכטע פון אַמעריקע", וועלכן זי האָט זיך צוגעכאַפּט לייענען און האָט זיך אַנטציקט פון די פרייע פּראָגרעסיווע געדאַנקען, וואָס ווערן פּראָקלאַמירט אין דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע, פון די צען „אַמענדעמענטס" (צוגאָבן) פון „ביל אָוו רייטס" (געזעצן פון די רעכטן). זי האָט דאָ דערזען די אמתע אַמעריקע אין איר שיינקייט און גרויסקייט. ס'האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר איר אַ ניי ליכט און עס האָט זיך אין איר דערוועקט דאָס געפיל פון שטאָלץ מיט איר אויסדערוויילטן לאַנד — אַמעריקע.

*

אַמעריקע האָט אַריינגעשריבן אַ סך הערלעכע קאַפּיטלען אין איר היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט. דער שענסטער קאַפּיטל איז די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע און דער „ביל אָוו רייטס" (דאָס געזעץ וועגן די פּערזענלעכע רעכטן און פרייהייט פון די בירגער). די פאָטערס פון דער רעפּובליק, דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און טאָמאַס דזשעפערסאָן, האָבן קיינמאָל נישט געשטעלט די פראַגע, צי די מענטשן זענען געבוירענע אין לאַנד

אָדער אויסלענדער. זייערע פּאַרטרויענסווערטע געהילפן זענען געווען מענ־טשן פון פאַרשידענע נאַציעס: דער פראַנצויז לאַפאַיעט, דער פּאָליאַק קאָש־טשושקאָ, בעלגיער, דייטשן, אירלענדער, דער יידישער אַדיוטאַנט קוירנעל אייזיק פרענקס. דער פרעזידענט פון 20סטן יאָרהונדערט פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט האָט געהאַט געזאָגט: „מיר זענען אַלע אימיגראַנטן — אַלע אַמעריקאַנער".

אויף אַמעריקע קאָן מען אייגנטלעך אָנווענדן דאָס יידישע ווערטל: „וווּ די יראה, דאָרטן איז די טומאה". אונדזער אימיגראַנטישן דור איז געווען באַשערט איבערצולעבן פאַרשידענע דערשיינונגען פון אומטאָ־לעראַנץ און האַס קעגן פרעמד־געבוירענע. די רעאַקציע האָט שטענדיק געזוכט אַריינצוברענגען אַ שפּאַלטונג צווישן די פאָלקס־מאַסן אין דער צייט ווען עס ווערט באַדראָט איר הערשאַפט.

און אָט איז אָנגעקומען אַ צייט פון פינצטערן געיעג נאָך פרעמד־גע־בוירענע. די רעוואָלוציאָנערע שטימונג צווישן די אַרבעטער־מאַסן אין דער וועלט איז געווען אַ געהויבענע, אַן אומרואיקע שטימונג האָט גע־הערשט אין אַמעריקע צווישן די אַרבעטער, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן יקרות און אַרבעטלאָזיקייט.

די „מאַכט" האָט אָנגענומען מיטלען כדי צו דערשטיקן די אומצו־פרידנקייט צווישן די אַרבעטער־מאַסן אין לאַנד. די צייטונגען האָבן פאַר־שפּרייט ווילדע העצעס קעגן קאָמוניסטן און פרעמד־געבוירענע. טויזנטער זענען אַרעסטירט געוואָרן, הונדערטער זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד. אַ געיעג אויף ראַדיקאַלן איז דורכגעפירט געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון דעם טרויעריק באַרימטן גענעראַל־פּראָקוראָר מיטשעל פּאַלמער.

גאַנץ באַזונדערס איז דער האַס קעגן פרעמד־געבוירענע געווען שטאַרק אין שטאַט מאַסאַטשוסעטס, ווו עס איז אָנגעגאַנגען אַ פּראָצעס קעגן צוויי יונגע איטאַליענישע אימיגראַנטן אַנאַרכיסטן סאַקאָ און וואַנ־צעטי. זיי זענען געווען אַקטיווע טוער אין דער ראַדיקאַלער באַוועגונג צווישן די איטאַליענישע מאַסן אין באָסטאָן. זיי האָבן געהאַט אָרגאַניזירט פּראָטעסט־מיטינגען קעגן די מאַסן־אַרעסטן פון אומשולדיקע מענטשן.

דאָס איז געווען די צייט פון שרעק, רויב און מאָרד, ווען עס איז פאָרגעקומען אַן איבערפאַל פון רויבער אויף אַ צאָל־מייסטער פון אַ שוך־פאַבריק און זיין וועכטער אין דרום ברעינטערי, מאַסאַטשוסעטס. זיי זענען ביידע דערמאָרדעט געוואָרן. דער פּאָליציי האָט זיך נישט איינגעגעבן צו כאַפּן די מערדער און רויבער, האָט זי אַרעסטירט די צוויי איטאַליענישע אימיגראַנטן, דעם 28־יאָריקן שוסטער ניקאָלאַ סאַקאָ און דעם 32־יאָריקן פיש־הענדלער באַרטאָלאָמעאָ וואַנצעטי און האָט זיי פאַרקלאָגט, אַז זיי האָבן דאָס דורכגעפירט די רויבעריי און מאָרד. און הגם קיין פעסטע באַווייזן קעגן זיי זענען נישט געווען, איז פאַר דער פּאָליציי געווען גענוג נאָר די איינציקע טאַטזאַך, אַז זיי זענען אַנאַרכיסטן און קעגנער פון דער מלחמה און דאָס האָט געהאַט די ווירקונג אויף דער דזשורי, אויף די צוויי יוריסטן־ריכטער, וועלכע זענען געווען אין איין טויט־שרעק פאַר פרעמד־געבוי־רענע אַנאַרכיסטן. עס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דער פסק־דין „שולדיק" און די ביידע זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט.

עס האָבן זיך געהאַט געגרינדעט פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעטן. פאַרשי־דענע „אַפּילס" זענען געמאַכט געוואָרן. עס זענען געבראַכט געוואָרן באַ־ווייזן מיט געשווירענע עדות, וועלכע האָבן אַנגוויזן, ווו זיי האָבן זיך געטראָפן מיט סאַקאָ און וואַנצעטי אין דעם טאָג פון מאָרד ווייט פון דעם פלאַץ, ווו דאָס פאַרברעכן איז באַגאַנגען געוואָרן. עס איז אַפילו גע־בראַכט געוואָרן אַ ווידוי פון דעם פאַרברעכער מארעל, וועלכער האָט דערקלערט, אַז ער און זיין באַנדע זענען באַגאַנגען דעם מאָרד אויפן קאַסירער און נישט סאַקאָ און וואַנצעטי.

עס זענען פאָרגעקומען ריזיקע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס אין אַמע־ריקע און אין אַנדערע לענדער. עס זענען דערהויבן געוואָרן דורך אַנגעזעענע פּערזענלעכקייטן אין דער וועלט פּראָטעסטן קעגן דער מאַסאַטשוסעטער יוסטיץ. עס זענען דערלאַנגט געוואָרן פּעטיציעס און פאָדערונגען מיט צענדליקער טויזנטער אונטערשריפטן פאַר דער באַפרייאונג פון סאַקאָ און וואַנצעטי. מיליאָנען מענטשן אין דער גאַנצער וועלט זענען געווען אי־בערצייגט אין דער אומשולד פון די צוויי מאַרטירער. אַלע האָבן זיך גע־מיט צו ראַטעווען זיי פון עלעקטרישן שטול. ביז צום לעצטן מאָמענט

האָט מען געהאָפט און געוואַרט, אַז דער גאָווערנאָר אָדער דער פּרעזי־דענט וועלן אָפּשאַפן דעם טויט־אורטייל. ביז דער לעצטער מינוט פון זייער לעבן האָבן די פאַראורטיילטע נישט אויפגעהערט צו דערקלערן, אַז די זענען אומשולדיק. — קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן.

די סאַקאָ און וואַנצעטי־אַפּערע האָט געהאַלטן וואַך און געשפּאַנט די עפנטלעכע מיינונג אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער אין משך פון פולע זיבן יאָר און איז אַריין אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער יוסטיץ ווי אַ שענדלעך קאַפּיטל פון אַ גרויזאַמען אַקט קעגן צוויי אומ־שולדיקע מענטשן, און וועלכער אָרנטלעכער מענטש געדענקט נישט דעם צאָרנדיקן מאַסן־אויפברויז און די ווייטיקדיקע אויסגעשרייען בעת עס איז געקומען די מעלדונג, אַז סאַקאָ און וואַנצעטי זענען הינגעריכטעט גע־וואָרן אין דער שוידערלעכער נאַכט פון 22סטן אויגוסט 1927! אין זכרון פון די אַרבעטער־ און פאָלקס־מאַסן איבער גאָר דער וועלט לעבן נאָך די געזעגענונגס־ווערטער פון די מאַרטירער: „בלויז צוויי פון אונדז וועלן שטאַרבן. אונדזער אידעאַל און איר, אונדזערע חברים, וועלן לעבן אין די מיליאָנען".

צווישן די דאָזיקע מיליאָנען געפינען זיך שרה און איר פריינדין די גוטע סעקרעטאַרין פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרטיידי־קונג" העלען האָפּ.

*

מענטשן, גענוי ווי אַנדערע בעלי־חיים, דערפילן אַ מאָל אַ שטורעם נאָך אידער ער קומט אָן. די עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד איז געווען אַ נישט זיכערע. כדי צו פאַרטרייבן די שרעק־וואָלקנס איז אויפגעקומען דאָס פּאָפּולערסטע וואָרט „פּראָספּעריטי". פּשוטע מענטשן, וועלכע האָבן גע־הערט דאָס וואָרט צום ערשטן מאָל האָבן אויסגטייטשט דאָס וואָרט אַזוי: „פּראָספּעריטי" איז מזל־ברכה, ווילשטאַנד, אַ גאָלדענע תקופה. די גרינג־האָרנס האָבן אָבער נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען. פון וואַנען זאָלן זיי אייגנטלעך פאַרשטיין? האָבן זיי דען אַמאָל געהאַט „פּראָספּעריטי"? איז

געקומען אונדזער פּרעזידענט הערבערט הוווער, אַ געזונט אין אים, און האָט דאָס דערקלערט אויפן בעסטן אופן: פּראָספּעריטי מיינט אַ הון אין יעדן טאָפּ און אַן אויטאָמאָביל אין גאַראַזש פֿאַר יעדן אַמעריקאַנער בירגער, און ער האָט פֿאַרזיכערט, אַז די „בּיישענס ביזנעס", די נאַציאָנאַלע עקאָנאָמיק, שטייט אויף אַ געזונטן פֿונדאַמענט און אַז מיר גייען אַריין אין אַ תּקופֿה פֿון אַן „נישט אונטערגעבראָכענער פּראָספּעריטי".

די צייטונגען האָבן געשריבן וועגן אַמעריקאַנער פּאַטריאָטיזם, וועגן צוטרוי צו פֿרייע אונטערנעמונגען — קאָרפּאָריישנס, טראַסטן און בענק. זיי האָבן אָנגעגעבן לאַנגע שורות ציפֿערן מיט אַ סך נולן פֿון די רווחים, וואָס די גרויסע קאָמפּאַניעס מאַכן און טיילן זיך מיט זייערע אַקציעקויפֿער. זיי דערקלערן, אַז זייערע שערס (אַקציעס) און ווערט־פּאַפּירן זענען די בעסטע „אינוועסטמענטס" אין דער וועלט.

עס זענען אָבער געווען ניכטערע און פֿאַרזיכטיקע מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט באַווירקן פֿון דעם פּסיכאָז פֿון ספּעקולאַציע. זיי האָבן געוואָרנט דעם עולם, אַז ער זאָל ניט מיטגעריסן ווערן פֿון דער אויסגעטראַכטער „ניט אונטערבראָכענער" פּראָספּעריטי, אַז ער זאָל וויסן און געדענקען, אַז אַן עקאָנאָמישער קריזיס איז אומפֿאַרמיידלעך. די אַזוי גערופֿענע „פֿרייע פּרעסע" האָט פֿאַרשריגן די וואָרענונגען פֿון די פֿאַרזיכטיקע און האָט זיי געשטעמפּלט אַלס „אויסלענדישע אַגענטן", אַלס „טראָבל־מאַכער" (צרות־מאַכער), אומפּאַטריאָטישע מענטשן, צו דער שטימע פֿון וועלכע מען דאַרף זיך נישט צוהערן.

צענדליקער טויזנטער מענטשן, מערסטנטייל קלײנבירגער און אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן פֿון אַרבעטס־מענטשן, האָבן זיך אַריינגעצויגן אין בערזע־ספּעקולאַציעס. מיליאָנען אַקציעס זענען טאָג־טעגלעך פֿאַרקויפֿט געוואָרן דורך פֿירמעס מיט אויסטערלישע נעמען. מיט אַן אויגן־שווינדלערישע שנעלקייט זענען מענטשן געוואָרן מיליאָנערן. „בערן" — האָט מען זיי גערופֿן. אָבער די קליינע ספּעקולאַנטן מיט אַ באַגרענעצטן קאַפּיטאַל זענען געווען די „שעפּסן" (ניו־יאָרקער וואָלסטריט־לשון), דער „סטאָק מאַרקעט" (דער אַקציעס־מאַרק) האָט זיך באַלד אַ וואַקל געטאָן, אַקציעס האָבן גענומען פֿאַלן, און די „שעפּסן" זענען געווען די קרבנות, זיי האָבן אַלץ

פאַרלוירן אין דעם ווילדן טאַנץ פון דער ספּעקולאַציע. אַ טייל פון זיי זע־נען דערפירט געוואָרן צו דער העכסטער מדרגה פון פאַרצווייפלונג און זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד... אָבער די רוישיקע ראָד פון ספּעקולאַציע האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט און די אַקציעס האָבן ווידער גענומען שטייגן.

*

ישראל איז געווען אין אַ געשפּאַנטער שטימונג. ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל ער פּרווון זיין מזל. ענדלעך האָט ער באַשלאָסן: ער האָט אַרויסגענומען די 15 טויזנט דאָלאַר פון געשעפט, ווו ער איז געווען אַ שותף אין אַ פאַבריק פון מענער־מלבושים און ווי די מערסטע קליינע געשעפט־מענטשן האָט ער זיך גענומען צו ספּעקולאַציע.

פון אָנהייב איז אַלץ געגאַנגען גוט. זיינע אַקציעס האָבן געהאַלטן אין איין שטייגן. ער פלעגט קומען אַהיים אַ פריילעכער, אַ צעשטראַלטער און האָט געלויבט די פּראָספּעריטי־אַמעריקע און איז געווען שטאַרק צו־פרידן פון די ריווח, וועלכע ער קריגט פון דער ספּעציעלער אַגענטור מיט אָנווייזונגען, וועלכע אַקציעס צו קויפן און ווען זיי צו פאַרקויפן, כדי אַרויסצוציען מיט ריווח. ער האָט געפאָלגט די געגעבענע עצות און האָט אין משך פון אַ קורצער צייט פאַרטאָפּלט זיין קאַפּיטאַל.

נאָר אָט איז אָנגעקומען דער טאָג פון „לארד" — דער 29סטער אָקטאָ־בער 1929 און דער פּרעזידענט הערבערט הוווער האָט ווידער פאַרזיכערט, אַז די נאַציאָנאַלע ביזנעס שטייען אויף אַ געזונטן פונדאַמענט. מיט צוויי שעה שפּעטער האָט זיך דער „סטאָק־מאַרקעט" צוזאַמענגעבראָכן. די בעס־טע ווערטפּאַפּירן און אַקציעס זענען געוואָרן ווערטלאָז. זעקס פון די גרעסטע באַנקירן אין לאַנד זענען געקומען צו הילף. זיי האָבן געקויפט „שערס" פאַר דער ריזיקער סומע פון 100 מיליאָן דאָלאַר, כדי אויפצוהאַלטן די פּרייזן, און די אַקציעס זענען געפאַלן אַלץ נידעריקער און נידעריקער אין פּרייז. אַ נעבעכדיקע הילפלאָזיקייט האָט אַרומגענומען די „וועלט פון האַנדל און קאָמערץ", ווי זיי וואָלטן געשטאַנען פאַר אַ צעשטורעמטן ווול־קאַן, וואָס שפּייט אָן אויפהער מיט פייער און פאַרניכטונג...

מיט פיר טעג שפּעטער איז געקומען נאָך אַ גרעסערער קראַך ווי דער ערשטער און האָט „אָפּגעווישט" צענדליקער טויזנטער קליינע ספּעקולאַנטן און אַרונטערגעריסן דעם מאַטעריעלן ווערט פון פינף טויזנט מיליאָן דאָלאַר.

— דער באָדן אונטער אונדזערע פיס האָט זיך איינגעבראָכן! — האָבן מענטשן אין שוידער גערעדט.

ספּעקולאַנטן, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייערע פאַרמעגנס זענען געשפּרונגען פון די העכסטע געביידעס — אַ טויט־שפּרונג צום האַרטן קאַלטן ברוק.

אָט דער „סטאָק־מאַרקעט"־צוזאַמענברוך איז געווען אַ סיגנאַל פון דעם אָנקומענדיקן עקאָנאָמישן קריזיס, פון „הונגער־מאַרשן" פאַר ברויט און אַרבעט, פון „זיץ־שטרייקן" פאַר יוניאָן־אָנערקענונג (אין דער אויטאָמאָביל־אינדוסטריע), פון פעלדאַרבעטער־שטרייקן קעגן הונגער־שכירות. אַזעלכע און אַנדערע ברענענדיקע פּראָבלעמען און קאָנפליקטן האָבן זיך נאָר צייטווייליק פאַרהאַלטן אויף די אַמעריקאַנער וועגן. עס איז אָבער נישט געווען קיין צווייפל, אַז זיי קומען אָן און דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק איז געווען גרייט אויפצונעמען דעם קאַמף מיט אַן אַרויסרוף פון פּראָטעסט.

*

שפּעט אין אָוונט איז ישראל געקומען אַהיים. זיין פּנים איז געווען פון אַש־קאָליר, די פּלייצע געבויגן. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין ערשטן שטול וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר, האָט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט ביידע הענט און געמורמלט אין אַ פאַרשטיקטן קול, ווי ער וואָלט זיך געוואָרגן מיט די ווערטער: „פאַרלוירן, אַלץ פאַרלוירן"...

שרה האָט געשוויגן. זאָל זי אים טרייסטן? ניין. ער איז נישט ווערט מ'זאָל אים טרייסטן. און זי זעט זיך אין דמיון לויפן הענדום־פּענדום זוכן ישראלן, אפשר איז ער שוין אויך באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, ווי אַ סך אַנדערע, — שרעקט איר אַ געדאַנק.

אין האַרץ פון שטאָט שטייט אַ הויכע געביידע. אויפן אַכטן שטאָק

איז דער דרום־טייל פון ניו־יאָרקער „סטאַק־עקסענזש" (אַקציע־אומבייט). דער גרויסער אָפיס איז געפּאַקט מיט קונים. עס טומלט זיך ווי אין אַ בינשטאָק, צווישן עולם זעט זי ישראלן, זי הערט דעם יונגן מעקלער (אַקציע־פאַרקויפער) זאָגן: „קויפט, מיסטער, איצט, און האַלט די שערס (אַקציעס), עס וועט אייך האַלטן אויף דער עלטער". ישראל שרייבט און גיט אים אַ טשעק, זי לויפט צו, בעט זיך: „קויף נישט, ישראל, פאַרקויף אַלץ, לאָמיר אַנטלויפן פון גיהנום"... ער הערט נישט. זיינע אויגן, ווי די אויגן פון אַלע ספּעקולאַנטן אַרום, זענען צוגעשפּיליעט צו דער וואַנט מיטן שוואַרצן ברעט, אַ האַנט מיט ווייסע קרייד שרייבט מיט קאָפּ־שווינדלע־רישער שנעלקייט די לעצטע סטאַק־ (אקציעס) מקחים, וואָס האַלטן אין שטייגן אַלץ העכער און העכער. עס שמייכלען אויגן, אויפגעריסענע אויגן, פול מיט זשעדנעקייט: „מיר ווערן מיליאָנערן!"...

„אָ, ווו זענט איר איצט פּאַפּירענע מיליאָנערן?" האָט שרה געטראַכט און געוואָרפן אין ישראלס ווינקל אַ פינצטערן בליק און געפרעגט:

— וואָס זשע, האָסט דאָס נישט דערוואַרט?...

— דו און דיינע „קאַמעראַדן" דערוואַרטן, אַז די גאַנצע וועלט זאָל גיין געבראָכן. — האָט ער גערעדט פון אונטער פאַרביסענע ציינער.

אָנשטאָט כעס, ווי שטענדיק, האָבן איצט זיינע ווערטער אַרויסגערופן גרויס רחמנות צו אים. זי איז צוגעגאַנגען, אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל און מיט אַ ווייכער שטימע געזאָגט:

— הער אויס, ישראל, דו רעדסט נאַרישקייטן. די שולד וועגן דיין שלעכטן מזל, לייגסטו אַרויף אויפן נישט־ריכטיקן אַדרעס. לאָמיר זיין פּראַקטיש: יודזשין דאַרף אונדז האָבן. מיר זענען יונג, געזונט מיר'ן מאַכן אַ לעבן, — טרייסט זי אים.

— וואָהט אַ העל! (צום טייוול) פופצן טויזנט דאָלאַר... פופצן יאָר שווערע אַרבעט. און איר אַרט דאָס נישט! — איז ער אויפגעשפּרונגען פון פּלאַץ, זיך געכאַפּט ביים קאָפּ קעגן איר גלייכגילטיקייט צו זיין פינצטערער, עקאָנאָמישער לאַגע. ער האָט געריבן זיין הויכן שטערן און געזאָגט, שוין אין אַ רואיקערן טאָן: — נאָר דער טויט, דער טויט וועט

מיך באַפרייען פון דער אַגאָניע, פון געפיל, אַז איך בין פעני־לעס (אָן אַ קאָפּיקע געלט), אַ דורכפאַל...

— מיר האָבן פאַרלוירן אונדזער בלוט און פליש... אונדזער קינד, דאָן האָסטו ניט גערעדט פון זעלבסטמאָרד! — האָט שרה אויפגעשוידערט.

אין די שויבן האָט מאָנאָטאָנע געקלאַפּט אַ רעגן. זיי זענען געבליבן זיצן אין אַ פּיינלעכן שוויגן...

ווען ישראל האָט זיך באַרואיקט, האָט ער זיך צונויפגערעדט מיט זיין בעסטן פריינד בען האָראָוויץ, אַ לאַנדסמאַן מיט וועמען ער איז יינגלווייז געגאַנגען צוזאַמען אין חדר, שפּעטער צוזאַמען געפּעדלט אויף אַמעריקאַנער וועגן צווישן אָרעמע, פאַרוואָרפענע פאַרמערס, און האָט באַשלאָסן ווערן צוריק שותפים. בען לייגט אַריין זיין קאַפּיטאַל, ישראל — זיינע גרויסע ביזנעס־פעיִקייטן, און זיי עפענען אַ קליידער־געשעפט אין קליינעם שטעטל טאַל, וווּ די ערד איז געבענטשט מיט כל־טוב. טויזנטער ערד־אַרבעטער באַאַרבעטן דאָרטן די פעלדער.

— זיי, די אַרבעטער, פאַרטאַכליעווען נישט דאָס געלט אויפן וואָל־סטריט, נאָר ברענגען עס אין די קראָמען, כדי צו באַקליידן די פאַמיליעס מיט פיל קינדער, — זאָגט בען.

ביידע שותפים האָבן זיך אונטערגעאיילט, געקויפט סחורה, איבערגע־לאָזן זייערע משפחות ביז זיי וועלן זיך איינאָרדענען, און פאַרלאָזן די שטאָט.

שרה איז אַוועק אַרבעטן אין שאַפּ. דאָ איבערן געניי, האָט זי פריי אָפּגעאָטעמט. „דאָרטן" איז ספּעקולאַציע, צערודערונג. דאָ — קלאָרקייט, אָרנטלעכע אַרבעטער־היים. זי האָט זיך באַקענט מיט אַ טוץ שאַפּ־אַרבע־טער, באַפריינדעט מיט לינאַ, אַ „פינישערין" (פאַרטיקט אויס מאַנטלען), וואָס זיצט נעבן איר. אַן עלטערע מיידל, אַ קליינע, אַ דאַרע און אַנגעגרי־פענע פון אַסטמע. דער דאָקטער האָט איר געראָטן פאָרן קיין קאַליפאָרניע, אין וואַרעמען קלימאַט. זי האָפט דאָ געזונט צו ווערן. זי איז פריינדלעך און באַרעדעוודיק, זי דערציילט, אַז אין ניו־יאָרק איז זי געווען טעטיק ביים אויפשטעלן די נאָדלפאַך־יוניאָן, געשטרייקט פאַר העכערע שכירות און פאַר יוניאָן־אָנערקענונג. זי איז געווען אויפן „פיקעט ליין" צוזאַמען

מיטן אָרגאַניזאַטאָר פונעם שטרייק, מענדל בראָדסקי. „האָסט געהערט פון אים? אַ באַוווּסטער אָרגאַניזאַטאָר פון דער „נידל־טריידיוניאָן".

שרה האָט אויפגעשוידערט פון דערשטוינונג. די אַרבעט איז איר אַרויסגעפאַלן פון די הענט. זי האָט אַנגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר אויגן, נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט, ווי זי וואָלט דאָס לשון פאַרלוירן.

לינאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון געניי, אַנגעקוקט שרהס צעטומלטקייט און פאַרשטאַנען, אַז דער נאָמען „מענדל" האָט אַנגערירט אַ צאַרטע סטרונע אין איר חברטעס האַרץ און אַז זי איז נישט גלייכגילטיק צו אים...

„אפשר איז דאָס אַן אַנדערער מיטן זעלבן נאָמען?" האָט שרה געטראַכט און גלייכצייטיק אַ פרעג געטאָן:

— ווי האָט ער געשפּאַנט אויפן „פּיקעט־ליין"?

— אַ שטאָלצער אַזאַ, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און פעסטן טראָט — האָט לינאַ געזאָגט און אַנגעקוקט שרהן מיט איר פאַרשנדיקן קלוגן בליק.

— יאָ, דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר מענדלען. — איצט איז זי זיכער געווען, אַז דאָס איז „איר" מענדל.

— היינט עסן מיר אָונטבררויט ביי מיר אין שטוב — האָט שרה מיט אַ העפלעכן טאָן איינגעלאַדן די חברטע.

לינאַ האָט די איינלאַדונג אַנגענומען.

די עטלעכע נאָכמיטאָג־שעהן זענען פאַר שרהן געווען אַן אייביקייט. אַ גרוס פון מענדלען! אַזוי אומדערוואַרט, כמעט אומגלויבלעך! איר האַרץ איז געשפּרונגען פון פרייד און דערוואַרטונג. לינאַ איז איר געוואָרן ליב און טייער, ווי קיין מאָל נישט פריער אַ פרעמדע פרוי, וועמען זי קען ערשט עטלעכע וואָכן.

יודזשין איז דעם אָונט אַוועק אין ביבליאָטעק. די צוויי חברטעס זענען געבליבן אַליין אין שטוב. שרה האָט זיך אַנגעשטרענגט צו בלייבן רואיק. ביים טיש האָבן זיי גערעדט וועגן פאַרשידענע זאַכן, מערסטנס וועגן פאַרגלייך צווישן ניו־יאָרקער און קאַליפאָרניער שעפּער.

— דאָ איז אַ שטאָט פון „אָפּענע שעפּער" (נישט יוניאָן). ביי אונדז,

אין ניו־יאָרק, גייט אָן אַ פיבערהאַפטע באַוועגונג צו אָרגאַניזירן די שניי־דער־שעפּער. אַ סך באַלעבאַטים האָבן שוין אונטערגעשריבן קאָנטראַקטן מיט דער יוניאָן.

— אַז איר האָט דאָרטן אַזעלכע גוטע אָרגאַניזאַטאָרן ווי מענדל, טאָ וואָס איז דער וווּנדער.

מענדל האָט אַ סך אויפגעטאָן פאַר דער יוניאָן זינט ער איז געקו־מען פון שיקאַגאָ — האָט לינאַ געזאָגט מיט רעספּעקט.

— אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן די יוניאָן זאָל אים שיקן קיין קאַלי־פאָרניע? — פרעגט שרה.

— ער טאָר נישט אַרויספאָרן פון שטאָט, ער איז אונטער אַרעסט.

— אונטער אַרעסט? פאַרוואָס?

— ווייל ער איז נישט קיין געבוירענער אין אַמעריקע — זאָגט לינאַ האַלב אין שפּאַס, האַלב ערנסט.

— מיינסטו די אַרעסטן וואָס זענען לעצטנס פאָרגעקומען אויף פרעמד־געבוירענע?

— יאָ. מען האָט אים נישט געקענט אַרעסטירן פאַר זיין אַן אָרגאַני־זאַטאָר פון אַ טרייד־יוניאָן, וואָס איז אַנגעשלאָסן אין דער א.פ. אָוו ל. (אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון אַרבעט), האָט מען אים אַרעסטירט אויף דער אָנקלאַגע, אַז ער איז אַן אַגענט פון „אַ פרעמדער רעגירונג". מען האָט געוואָלט צונעמען ביי אים די בירגער־פּאַפּירן און אַרויסשיקן פון לאַנד. אַ דאַנק דער איי.על.די.־אָרגאַניזאַציע, האָט דאָס געריכט בטל געמאַכט די קלאַגע. דערנאָך האָט די פּאָליציי אים ווידער אַמאָל אַרעסטירט אויף אַ צווייטער קלאַגע — פון „שטערן די רו". איצט איז ער פריי אויף „בעיל" (ערבות).

— דו האָסט געזאָגט, אַז מען האָט אים אַרעסטירט פאַרן שטערן די רו. וועמענס רו שטערט ער?

— וואָס פאַרא אַ נאַיווע דו ביסט? „זיי" וואָרגן זיך מיט אים.

לינאַ האָט זשעסטיקולירט מיט די הענט און צוגעזונגען די ווערטער

מיט אַזוי פיל מיידלשן חן, אַז ביידע האָבן זיך צעלאַכט. זי האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף שרהס אַקסל און געזאָגט:

— זאָרג נישט, זיין אַדוואָקאַט פאַרזיכערט, אַז ער וועט אין גיכן באַפרייט ווערן.

— ווען מענדל וועט באַפרייט ווערן, וועט ער קומען קיין קאַליפאָרניע. איך ווייס דאָס, איך פיל דאָס מיט אַלע מיינע חושים.

— שרה, דו ליבסט מענדלען אפשר מער ווי דו ווייסט עס אַליין — האָבן אירע האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן אויפגעבליצט מיט אַ יוגנטלעכן שיין.

— מיר ווייסן נישט ווי אָפּצושאַצן דאָס פּאָזיטיווע, די אמתע ווירדע אין לעבן, ביז מיר פאַרלירן זי...

לינאַ האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ" אין באַדויער, ווי עס וואָלט זי אין עפּעס דערמאָנט, אין אירע אייגענע יוגנט־טעותים. ביידע האָבן געטראַכט: „ווי אַנדערש עס האָט געקענט זיין" — און געשוויגן...

— דו שרייבסט זיך אוף מיט מענדלען? — האָט שרה געפרעגט און איבערגעריסן די געשפּאַנטקייט.

— צייטנווייז. ס'ווילט זיך וויסן וואָס ס'גייט אָן אין דער יוניאָן. מיר האָבן שווער געאַרבעט כדי אַריינצוברענגען די יוניאָן אין די שוויץ־שעפּער. מיר זענען נאָך נישט פאַרטיק.

— האָסט מענדלס אַדרעס? — האָט שרה אַ פרעג געטאָן און דערפילט אַ היץ אין פּנים.

— יאָ, האָט זי אַרויסגענומען פון בייטל דאָס אַדרעסן־ביכעלע. אָט איז ער, פאַרשרייב.

שרה האָט איבערגענומען דאָס ביכעלע און אַדורכגעלייענט: מענדל בראָדסקי, אַ גאַס, אַ נומער.

זי האָט געטראַכט אַ ווײַלע, געצווייפלט: „מען דאַרף נישט, ניין" און צוריקגעגעבן לינען דאָס ביכעלע.

לינאַ האָט געקוקט אויף איר מיט מיטלייד און געזאָגט:

— ס'איז שטענדיק גרינגער צו קעמפן קעגן יענעם, ווי קעגן זיך זעלבסט... וואָס זאָל איך אים שרייבן?

— אַ פלאַמיקן גרוס. אַז איך באַגעגן אים דאָ זייער אָפּט — אומע־טום, ווו אַרבעטער קעמפן פאַר אַ בעסערן מאָרגן. ער וועט דאָס פאַרשטיין.

נאָך אַ קורצן שוויַגן האָט לינאַ אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר, שרה, ווי לעבט זיך דיר אין דיין פאַמיליע־לעבן?

— אַזוי, ווי אַמאָל...

זיי האָבן זיך שטום איבערגעקוקט אין חברישער פאַרשטענדעניש.

לינאַ האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו דער טיר. ס׳איז געווען קאָנטיק, אַז זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, טרייסטן, נאָר נישט געפינענדיק די פּאַסיקע ווערטער, האָט זי געזאָגט:

— מיר וועלן נאָך רעדן.

זיי האָבן זיך האַרציק געזעגנט, צעקושט, און ביידע האָבן זיך געפילט דערהויבן און געשטאַרקט אין זייער פריינדשאַפט.

*

מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז אָנגעקומען אַ בריוו פון ישראלן, אַז ער האָט זיך שוין איינגעאָרדנט אַ דירה און געבעטן, אַז זי זאָל קומען מיט יודזשינען, וואָס פריִער, אַלץ בעסער.

שרה איז געבליבן זיצן מיטן בריוו אין האַנט אַן אומצופרידענע. ווידער אַ פאַרגליווערט, לאַנגווייליק קליינשטעטלדיק לעבן; ווידער קיך, קראָם, שלאָפן און עסן... נישט מעגלעך! נישט מעגלעך פיזיש און נישט גייסטיק... העלען! זי וועט איר העלפן מאָראַליש, ווי זי האָט עס פריִער געטאָן, האָט אויפגעבליצט ביי איר אַ געדאַנק...

אין איי.על.די.־אָפיס איז געווען שטיל. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס מאָנאָטאָנע קלאַפּן פון אַ שרייב־מאַשינקע. מיט שרהס אַריינקומען, האָט די סעקרעטאַרשע העלען אָפּגעשטעלט די אַרבעט און איז איר אַנטקעגן געקומען מיט איר נאַטירלעכן שמייכל אויפן פּנים:

— פאַראַן עפּעס נייעס? איז עמעץ אַרעסטירט געוואָרן? — האָט זי געפרעגט שפּאַסיק.

— דו לעבסט און אָטעמסט מיט דיינע אַרעסטירטע אַרבעטער. צי

ווייסטו נישט, אַז אַ מענטש קאָן זיין אויף דער פריי און דאָך זיך געפינען אין קלעם, הינטער אייזערנע גראַטעס ; גייסטיק. — האָט זי זיך געאײַלט צוצוגעבן.

— קום, זעץ זיך. רייד זיך אַראָפּ פון האַרצן — און זי האָט איר אונטערגערוקט אַ שטול.

— מײַן מאַן פאָדערט, אַז מיר זאָלן זיך באַזעצן אין די „וואַלי" (טאל). ווייסט דאָך, ער האָט דאָרטן געעפנט אַ קראָם מיט אַ שותף. ווי וועל איך דאָרט קענען לעבן ? כ'האָב שוין דיר דערציילט פון מײַן איזאָלירטן, מיזע־ראַבלען לעבן אין דעם „ווייטן וועסט". איצט צוריק אין קליינעם שטעטל. דאָ האָב איך זיך שוין אײַנגעאָרדנט מיט פריינד, אַרבעט, געזעלשאַפטלעך. מײַן פראַגע : צי איז דאָרט פאַראַן אַ קולטורעל אַרבעטער־לעבן ? אויב נישט, איז מעגלעך דאָס צו אָרגאַניזירן ?

העלען האָט זי געדולדיק אויסגעהערט, אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט :

— ניין. קיין קולטורעל, געזעלשאַפטלעך לעבן איז דאָרטן נישטאָ. מאַכן דאָס „קינסטלעך" וואָלט געווען נישט נאָר נוצלאָז, נאָר אויך שעד־לעך אין איצטיקן מאָמענט. ס'איז דאָרטן יאָ דאָ אַ גרויסע אַרבעטער־באַ־פעלקערונג. די שטימונג צווישן זיי איז אַ געדריקטע. די שכירות וואָס זיי באַקומען פון די רייכע פאַרמערס זענען קלאָגעדיקע. לויט דעם, ווי די לאַגע זעט אויס, וועט דאָרטן אין גיכן אויסברעכן אַ שטרייק צווישן די פעלד־אַרבעטער. זיי וועלן דיך דאַרפן האָבן. ווען די צייט וועט קומען, וועסטו זיי קענען אַ סך העלפן. דערווייל נעם דיך אָן מיט גייסטיקע כוחות.

זי האָט איר געגעבן אַ פּעקל ליטעראַטור, געזעגנט זיך מיט איר האַרציק. זיי האָבן צוגעזאָגט איינע דער אַנדערער צו טיילן זיך מיט דער־פאַרונגען.

העלענס צוטרוי, אַז זי קאָן אַ סך העלפן אין פאַל פון אַ שטרייק, האָט אָנגעפילט שרהן מיט אַ געפיל פון מענטשלעכער ווירדע און חשיבות. איר פּראָגראַם איז איצט געווען קלאָר : לערנען און זיין נוצלעך, ווען די צייט וועט קומען.

ווען זי איז אַרײַן אין שטוב, איז יודזשין איר אַנטקעגן געקומען, און ווי שטענדיק געפאָרשט דער מוטערס געמיט־צושטאַנד איידער ער האָט

עפּעס געזאָגט. זעענדיק, אַז זי איז אין אַ געהויבענער שטימונג, איז ער אויך געוואָרן פריילעכער:

— מאַמע, פאָרן מיר? — האָט ער געפרעגט און גענומען פּאַקן.

— יאָ, מיין קינד, מיר פאָרן. אין שטעטל טאָל איז אויך דאָ אַ הויכ־שול, אַ ביבליאָטעק, אַ קראָם, וווּ דו וועסט קאָנען קויפן פלעשלעך מיט כעמישע שטאָפן. פּאַפּאַ האָט שוין פאַרגרייט פאַר דיר אַ ספּעציעל צימער פאַר אַ לאַבאָראַטאָריע. וועסט אַרבעטן אומגעשטערט.

— אַ שולע וווּ מען לערנט יידיש, ווי אין לאָס־אַנדזשעלעס, איז אויך פאַראַן?

— ניין, נישטאָ. האָסט ליב יידיש?

— דו פרעגסט, צי דו זאָגסט עס מיר? — גיט ער בייז אַ קנייטש מיטן פּנים, ווי זי וואָלט אים וועלן אַריינלייגן ווערטער אין מויל.

— איך פרעג, — זאָגט זי ווי אין פאַרענטפערונג.

— ס'איז אַ שפּראַך ווי אַלע שפּראַכן. דער פּאַפּאַ מישט אַריין ענג־לישע ווערטער. פאַר וואָס?

— פרעג אים, — קוקט די מאַמע אויף אים נחתדיק.

— איך וויל אים נישט פאַרשעמען — האָט ער, ווי שטענדיק, רעדנדיק מיט דער מוטער געזאָגט אָפּנהאַרציק.

— אַ בחורל, קאַרגע זעכצן יאָר, און מען קאָן שוין מיט אים פירן אַ שמועס — האָט זי געטראַכט און איר האַרץ איז איבערגעפולט געוואָרן מיט אַזאַ גרויסער, גרויסער ליבשאַפט צום קינד...

דער לאַנגער אויטאָבוס האָט זיך געשלענגלט אַלץ העכער אויפן שמאָל־געדרייטן וועג צווישן די ריזיקע הויכע בערג, ווי אין אַ קאַדריל־טאַנץ. אונטן האָבן זיך געשפּרייט אומענדלעכע פעלדער. אין גיכן וועלן זיי זיך צעגרינען, ווילדע בלימעלעך וועלן אַרויסשפּראָצן פון דער ערד, זיך צעבליִען אין אַ ים פון גינגאָלדיקע קאָלירן אונטער די בלויע הימלען. אויפן האָריזאָנט האָט זיך שנעל געזעצט די זון און באַלויכטן די שניי־ווייסע בערג־שפּיצן. אַ פאַנטאַסטיש קאָליר־שפּיל האָט זיך געשפּרייט אויפן הימל־ראַנד. באַלד האָט זיך דער וועג אויסגעגלייכט, אויסגעברייטערט און לאַנגזאַם אַרונטערגעלאָזן אין טאָל פון שפּע...

# צוויי חברים

עס קומט אַמאָל אויס שעצן אַ מענטשן נישט נאָר פֿאַר זיין גרויסן וויסן, פֿאַר זיין פֿאַרשטאַנד, נאָר אויך פֿאַר זאַכן וועלכע ער קאָן נישט פֿאַרשטיין.

אָט דעם געדאַנק האָט אויסגעדריקט נישט קיין אַלטער לעבנס־דער־פֿאַרענער מענטש, נאָר דער יונגער זיבעצן־יאָריקער יודזשין, נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלייענט אַ בריוו, וואָס איז אָנגעקומען פֿון זיין פֿעטער אין מאָסקווע, ווו ער שרייבט: „עס איז פֿאַר מיר אומפֿאַרשטענדלעך דיין מאַמעס בריוו, אין וועלכן זי שרייבט, אַז ישראלס בעסטער פֿריינד, בען האָראָוויץ, וויל אים „אַרויסשטופּן" פֿון געשעפֿט. איך קאָן דאָס נישט פֿאַרשטיין. איך קאָן אויך נישט פֿאַרשטיין, אַז געזונטע, אַרבעטזאַמע מענטשן זאָלן זיין ווען עס איז אַרבעטלאָז און אַז פֿאַרמערס זאָלן אויסגיסן מילך אין ים, ווען קינדער הונגערן. עס לייגט זיך נישט אויפֿן שכל. זאָל דער פּלימעניק אים אָנשרייבן אַ בריוו, דערקלערן די זאַך לאָגישער".

— אַז איך פֿאַרשטיי אַליין נישט, ווי קאָן איך דאָס אים דערקלערן לאָגישער? — זאָגט יודזשין.

— שרייב דיין פֿעטער אין מאָסקווע, אַז דיין פֿאָטערס שותף, בען, איז אַ חיה אין מענטשלעכער געשטאַלט און האָט אַן אַפּעטיט פֿון אַ חזיר. די צווייטע פֿראַגע: אויב אַרבעטער זאָלן צייטנווייז נישט זיין אַרבעטלאָז, וועלן זיי זיך קיין מאָל אין לעבן נישט אָפּרוען. און אַז קינדער הונגערן? ווער זענען זיי דאָס, אַזעלכע גרויסע מענטשן, וואָס מען דאַרף זיך מיט זיי רעכענען? — זאָגט יודזשינס חבר, בערל, מיט אַ שטרענג ערנסט פּנים.

יודזשין איז שוין צוגעוווינט צו זיין חברס ציניש̇ע רייד, שמייכלט ער און שוויַגט.

בערל ברון אין אַ הויכער, דאַרער מיט אַביינערדיק פּנים — צו האַרט פאַר אַ זיבעצן־יאָריקן בחור. ער איז פון הויכער אינטעליגענץ און אַ סטודענט פון כעמיע און פיזיק ווי יודזשין. זיין היימישע סביבה איז געווען אַ פאַרדאַרבנדיקע. די עלטערן האָבן זיך אַרומגעריסן איבער געשעפטלעכע ענינים. האָט ער זיי פיינט געקריגן. מיט די לערער אין סקול האָט ער אויך נישט געקענט אויסקומען, קריטיקירט זייערע מעטאָדן פון לערנען, געמאַכט חוזק פון די לערן־ביכער וואָס זיי נוצן. האָבן זיי פון זייער זייט אויך אים פיינט געהאַט. קיין פריינד, חברים האָט ער אין שטאָט נישט געהאַט קיין סך. יודזשינען האָט ער ליב געהאַט. איז ער געקומען אין קליינעם שטעטל, כדי גיין צוזאַמען מיט זיין בעסטן חבר אין הויכשול און אַרבעטן מיט אים צוזאַמען אין זיין לאַבאָראַטאָריע.

פון זיין ערשטן בליק אָן האָט בערל געוואָרפן אַן אומחן אויף בענין און האָט אים שטאַרק פיינט געקראָגן. עלטערע פון אים האָט ער אויסגעמיטן. מיט שרהן פלעגט ער טייל מאָל דעבאַטירן איבער דער פאַרקריפּלטער איינגעשטעלטער אָרדענונג (סטאַטוס־קוואָ). ער גלייבט, אַז דער קערפּער איז דעם מענטשנס טעמפּל. ער מוז אים אָפּהיטן, האַלטן ריין. נאָך אַ באָד האָט ער זיך געמוזט צולייגן אָפּרוען. דעמאָלט, האָט ער דערקלערט, אַרבעט דאָס האַרץ שטאַרקער און מען דאַרף עס באַשיצן, לאָזן רוען איידער מען עסט. דאָס עסן האָט ער לאַנג געקייט, אַראָפּגעשלונגען נאָר דעם זאַפט פון די שפּייז, די האַרטע, פעדעמדיקע טיילן, אַריינגעשפּיגן אין אַ ווייסער סערוועטקע, מיט דער צווייטער זיך אַרומגעווישט די ליפּן. אויב די מיטעסער געפעלן נישט זיינע מאַניערן, מעגן זיי פאַרלאָזן דעם טיש...

זיינע עלטערן האָט ער קיין מאָל נישט דערמאָנט. זיין שוועסטער יאָ. ישראל האָט אים נישט ליב געהאַט פאַר זיינע „שטיק", ווי ער האָט דאָס גערופן. און כאָטש די צוויי חברים זענען געווען אין גאַנצן פון באַזונדערע נאַטורן, יודזשין אַן עמפּינדלעכער, אַ מיטפילנדיקער. בערל, אַ צורהכעיסדיקער, סקעפּטישער אינדיווידואַליסט, האָבן זיי דאָך געפונען אַ גייסטיקע צופרידנקייט אין זייער חברשאַפט. זיי האָבן זיך פאַרטרויט זייערע אינטימסטע יוגנט־סודות, איינער פאַרן אַנדערן, געזאָרגט אין פאַל

פון דורכפאַלן, און געפּרײט זיך צוזאַמען װען די אַרבעט פון עקספּערימענ־טאַלע פאַרשונגען האָט זיך אײנגעגעבן. צו זײערע אַכצן יאָר זענען זײ בײדע אָנגעקומען אין אוניװערסיטעט.

*

אין אַ שפּעטער זומער־נאַכט איז אַהערגעקומען פון דער גרױסער שטאָט דער אַדװאָקאַט דזשאָן מוירפי. ער האָט אָפּגעשטעלט זײן אויטאָ־מאָביל בײ אַ פּשוטער פאַרם־שטוב, געגומען די טעקע און איז אַרײנגעגע־קומען, די צװײ שותפים, ישראל און בען, זענען אים אַנטקעגן געגאַנגען מיט אַ פרײנדלעכן האַנט־דרוק.

— כ׳בין געקומען אויף אײער טעלעפאָן־רוף. איך האָב געהערט, אַז די לאַגע איז בײ אײך אַ געפערלעכע און אַז איך זאָל גלײך קומען. כ׳האָב געהאַט אַ שװערן טאָג אין געריכט. װען איך קאָן אײך נישט פון פריער, װאָלט איך דאָס נישט געטאָן. שוין צײט זיך אָפּצורוען אַ ביסל אין די אָונטן. — האָט געזאָגט דער מיטליאַריקער, פאַרהאַרטעװעטער דזשאָן מוירפי. זײנע מידע אויגן און די װײסע פעדים אין די שװאַרצע האָר האָבן עדות געזאָגט אויף דער ריכטיקײט פון זײנע רײד.

— יאָ, די לאַגע אין אַן אָנגעצװיגענע, — האָט ישראל געזאָגט און געבעטן אים זיצן.

— לאָמיר הערן װאָס איר האָט צוזאָגן; מאַכן אַ טאָלק צװישן אײך.

—— האָט ער געעפנט די טעקע, אַרױסגעצױגן די נײטיקע פּאַפּירן און איז גרײט געװען אויסצוהערן זײערע טענות.

די שותפים זענען געזעסן בײם לאַנגן טיש, װײט אײנער פון אַנדערן, אויף װײפל ס׳איז נאָר מעגלעך געװען.

דערפילט די אָנגעצװיגענע שטימונג, האָט מוירפי שפּאַסיק אַ פרעג געטאָן:

— און אַ פלאַש שנאַפּס אין שטוב האָסטו?

— יאָ, ס׳איז דאָ, — האָט ישראל געזאָגט שמײכלענדיק.

— װעלן מיר באַלד אויסטרינקען פאַר פרײנדשאַפט. — האָט ער

געזאָגט צו בעניך, וועלכער איז געזעסן אָנגעברוגזט, נישט אַ פּינטל טוענדיק מיט קיין אויג.

— דו האָסט דאָך מיר אַמאָל דערציילט, אַז איר זענט געווען חברים, צוזאַמען געגאַנגען אין חדר.

— אַמאָל, אין דער „אָלד קאַונטרי״, נאַרישע יינגלעך געווען. ווייניק געהאַט און נאָך ווייניקער פאַרשטאַנען — האָט בעני געזאָגט און זיינע פעטלעכע ליפּן האָבן געצוקט.

— און וואָס האָט איר היינט מער און פאַרשטייט בעסער ? — פרעגט מוירפי דיפּלאָמאַטיש.

— כ'האָב אַ ווייב און קינדער, זיי וואַקסן אונטער, מען דאַרף זיך אַליין אויך פאַרזאָרגן אויף די עלטערע יאָרן.

— ווי גייען אייערע ביזנעס ? — פרעגט דער אַדוואָקאַט פאַרשנדיק.

— מיר האָבן צו טאָן נאָר מיט די אָרעמע פעלד־אַרבעטער. דער רייכער פאַרמער קומט נישט אַריין צו אונדז אין קראָם.

— פונדעסטוועגן האָבן מיר אין משך פון צען חדשים זיך אַרויפגעאַרבעט אויף גוטע ביזנעס. אין האַרבסט וועלן אָנקומען אַ סך פעלד־אַרבעטער, וועט זיך די לאַגע פאַרבעסערן — זאָגט ישראל.

— אַפילו ווען די ביזנעס וועלן זיך פאַרבעסערן, וועט אַלץ נישט זיין גענוג פאַר צוויי פאַמיליעס — גיט צו בען אומגעדולדיק.

— איר באַשעפטיקט פרעמדע מענטשן אין קראָם ?

— נאָר איין טאָג אין וואָך, שבת. אין משך פון די וואָכעדיקע טעג העלפט מיין ווייב אַרויס ביים פאַרקויפן, נייען.

— און דיין ווייב, בען, קומט אויך אַריין אַרויסהעלפן ?

— מיין ווייב איז נישט קיין שניידערקע, זי מישט זיך נישט אין די ביזנעס, — און ס'בייטן זיך אים די קאָלירן אין פּנים פאַר כעס.

— און אַז מיין ווייב איז אַ שניידערקע, דאַרף זי דיר געבן אומזיסט איר צייט ?

— בעסער וואָלט געווען פאַר די ביזנעס ווען זי קומט אין גאַנצן נישט. זי פאַרטרייבט די רייכע פאַרמער... זי איז אַ „רויטע״ (די לעצטע ווערטער האָט ער געזאָגט אין יידיש).

— וואָס האָסטו געזאָגט? האָט מורפי געפרעגט.

— שווייג דו סקאנק! (טכויר) כ'וועל דיר דיינע ציינער אויסהאַקן — איז ישראל אויפגעשפרונגען פון פלאַץ און צוגעלאָפן צו אים מיט די פויסטן אין דער לופטן איבער דעם איינגעקאָרטשעטן בעז, וועלכער האָט אויסגעזען נאָך קלענער פון זיין קליינעם וווקס.

— אוי־ווײ־איז־מיר! — האָט געזאָגט דזשאָן מורפי, געפּרוּווט זיי פונאַנדערנעמען און געבעטן, אַז זיי זאָלן זיך בארואיקן, זיי זאָלן אים דערקלערן וואָס צווישן זיי קומט פאָר?

ביידע זענען געווען צעיאַכמערט. דער כעס האָט זיי נישט געלאָזט זיך באַהערשן, און זיי האָבן אויך נישט געקאָנט רעדן דערפון, אַז שרה פאַרטיילט שטילערהייט די אַרבעטער אַגיטאַציע־ליטעראַטור, זיי זאָלן אויסקעמפן בעסערע שכירות, זיך נישט לאָזן עקספּלואַטירן דורך די רייכע פאַרמער.

— דער ערל דאַרף דאָס וויסן, האַ? — שיפּעט מיט גאַל ישראלס מויל, פון די אויגן האָט געשפּריצט פייער, ווי ער וואָלט אים מיט זיין בליק געוואָלט פאַרברענען.

— וואָס גייט דאָ אָן? — האָט געפרעגט דער אַדוואָקאַט אומגעדולדיק און שטרענג.

— זאָל ער מיר אַרויסצאָלן, אָדער איך צאָל אים אַרויס. און זאָל ער גיין! — האָט בעז געשריען.

אויף די געשרייען איז אָנגעלאָפן שרה פון צווייטן צימער און גע־בליבן שטיין אויפן שוועל. זי האָט שטום און ביטער געקוקט אויף אים, ווי זי וואָלט געזאָגט: ס'איז אונטער מיין כבוד ריידן צו דיר... געוועזענער סאָציאַליסט פון דער היים... ווייסט נישט ווי נאָענט ביסט געקומען צו רעדן ווי אַ שפּיאָן...

ער האָט נישט געקענט אויסהאַלטן אירע שטעכיקע בליקן:

— ווער דאַרף זי דאָ האָבן? דאָ איז נישט קיין פּלאַץ פאַר... פאַר...

— און ווי ער וואָלט זיך געוואָרגן מיט די נישט אַרויסגעזאָגטע ווערטער, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט אין טיש:

— אַ סוף זאָל עס נעמען!

מוירפי האָט זיך אויפגעהויבן, צוזאַמענגענומען די פּאַפּירן, אַריינגעלייגט אין טעקע.

— גוד באַי, מיר וועלן היינט צו קיין רעזולטאַט נישט קומען.

געזען, אַז דער אַדוואָקאַט קלייבט זיך אַוועקצוגיין, האָט ער זיך אַנטשולדיקט:

— מיסטער מוירפי, זעצט זיך. אַט טרעטן מיר שוין צו צו די ביזנעס.

מוירפי איז אַ ווילע געשטאַנען, געקוקט אויף די שותפים, געצווייפלט וואָס צו טאָן, זיך אַוועקגעזעצט און געזאָגט:

— פאַר אַ דאָקטער, אַ פּריסטער און פאַר אַן אַדוואָקאַט, האָט מען נישט קיין סודות. לאָמיר צוטרעטן צום ענין: איזראַעל, ווילסטו ביי אים אָפּקויפן זיין טייל?

— איך האָב נישט קיין געלט.

— בעני, ווילסטו אים זיין חלק אויסצאָלן?

— יאָ, נאָר מיטן באַדינג ער זאָל נישט עפּענען קיין געשעפט אין משך פון די קומענדיקע צוואַנציק יאָר דריי הונדערט מייל פון מיין שטאָט און פון מיינע ביזנעס.

ישראלס פּנים איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך, דער אָטעם קורץ, ווי ס'וואָלט אים אויסגעפּעלט לופט צום אָטעמען. ער האָט זיך באַהערשט און געזאָגט:

— אַ סך זאַכן האָבן שוין מיט מיר פּאַסירט אין אַמעריקע, אָבער אַז מען זאָל מיר געבן „אַ פלאָדער" (אַרויסטרייבן פון ראַיאָן), דאָס האָט נאָך מיט מיר נישט פּאַסירט. איך וועל דערויף קיין מאָל נישט איינגיין.

אַ געדריקטע שוויגעניש איז זיי באַפאַלן, ווי זיי וואָלטן געזוכט אַן אויסוועג פון דער פאַרפּלאָנטערטער לאַגע. שרה האָט זיך באַמיט אויפכאַפּן ישראלס בליק, אָבער ער איז געזעסן מיט די אויגן צום דיל, ווי אַ פאַרשעמט קינד. ענדלעך האָט ער אויפגעהויבן די אויגן, זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, אַז ס'איז נישט קיין חלום. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט: דער זעלבער גייציקער, איינגעשפּאַרטער אויסדרוק אין זיינע אויגן ווי דעמאָלט בשעתן סטאַק־עקסטשנדזש (אַקציע־אומבייט). — „ישראל, פאַרקויף די אַקציעס... לאָמיר אַנטלויפן

ווי פון אַ גיהנום״... אויך איצט בעט זי זיך מיט די אויגן: נעם אָן דעם פאַרשלאַג. דאָס איז אויך אַ גיהנום...

ער האָט אָפּגעקערט זיינע אויגן, אויסגעמיטן דעם באַפעלערישן ווונק פון אירע בליקן; ווי קאָן ער זיך לאָזן אַזוי דערנידעריקן פון אַ חבר... ווי קאָן ער? און וואָס? גיין ווייטער זוכן פּרנסה?

דער אַדוואָקאט האָט אויפגעכאַפּט די פּאַנטאָמימע פון די אויגן־ווינקען צווישן מאַן און ווייב. אַ קלוגער שמייכל האָט זיך געלייגט אַרום די ווינקלען פון זיין מויל, ווי ער וואָלט געזאָגט: איך פאַרשטיי אַלץ... ער האָט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט, אַנגעשטעלט דעם בליק אויף די שותּפים און געזאָגט:

— מיר לעבן אין אַ פריי, דעמאָקראַטיש לאַנד, אין אַמעריקע. מיר טאָרן קיינעם נישט דיקטירן ווי אַזוי צו האַנדלען. דער יחיד מוז האָבן זיין פּרייען אויסוואַל, ער טאָר קיין מאָל נישט זיין געצוווּנגען צו טאָן זאַכן וואָס וועלן שאַטן זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן, אָדער דערנידעריקן זיין מענטשלעכע ווירדע.

עס האָט זיך געדוכט, ווי דער אַדוואָקאַט וואָלט געהאַט אַרויסגעלייענט דעם זאַץ פון פינפטן אַמענדמענט פון ביל־אָוו־רייטס (צוגאָב צו דער אַמע־ריקאַנער קאָנסטיטוציע).

— וואָס דענקסטו טאָן, איזראַעל?

— איך קאָן נישט, ס׳איז קעגן מיינע אינטערעסן, קעגן מיין זעלבסט־רעספּעקט. — זאָגט ישׂראל.

— וואָס זאָגסטו, בעני?

— זאָל ער אונטערשרייבן דעם קאָנטראַקט אויף מיינע באַדינגונגען.

— און אויב ער זאָגט זיך אָפּ פון אונטערשרייבן אַזאַ קאָנטראַקט? — האָט ער געפאָרשט בענין מיט זיינע באַברילטע אויגן.

— וועלן זיין צוויי „פּיונעראַלס״ (לוויות).

דער אַדוואָקאַט האָט אין שווידער געדרייט מיטן קאָפּ און געפרעגט:

— איז דאָס דיין באַשלוס, בען?

— דאָס איז מיין באַשלוס.

— דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט.

— איך מוז האָבן אַ פּאָר טעג זיך איבערצוטראַכטן, — זאָגט ישראל און מאַכט אַן איינדרוק, אַז ער האָט נישט קיין מורא פאַר אים.

— מיר האָבן שוין דאָס געהערט פריער. הײַנט מוז געשלאָסן ווערן דער קאָנטראַקט, — האָט בען געזאָגט.

שרה האָט מער נישט געקאָנט שטיין ווי אַ פּאַסיווע באַאָבאַכטערין. זי איז צוגעגאַנגען צום טיש און געזאָגט:

— מיר נעמען אָן זײַן פאָרשלאַג.

דאָס איז געקומען אַזוי פּלוצלונג, אַז זיי האָבן זיך אַ ווײַלע אַלע איבער־געקוקט אין פאַרוווּנדערונג. די געשפּאַנטע שטימונג האָט זיך אַ ביסל אויפגעלייזט. בלויז ישראל האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געווען פאַרשעמט: זײַן ווײַב האָט פאַר אים באַשלאָסן...

— ביסטו צופרידן מיט דײַן ווײַבס באַשלוס? — האָט דער אַדוואָקאַט געפרעגט.

— ניין, כ׳בין נישט צופרידן, אָבער איך נעם אים אָן.

זײַן פּנים איז געווען ווי מיט אַ וואָלקן פאַרצויגן. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ באַזיגטן.

ס׳איז געוואָרן שפּעט. דער אַדוואָקאַט האָט צו דעם פריער צוגעגרייטן קאָנטראַקט צוגעשטעלט נאָך דרײַ פּונקטן: היות קיין געלט האָט ישראל אין דעם געשעפט נישט אַרײַנגעלייגט, קומט אים נישט קיין אויסצאָל. ער באַקומט אויסגעצאָלט נאָר פאַר צען חדשים הכנסה, וואָס דאָס געשעפט האָט געטראָגן, אַ געוויסן פּראָצענט אויף זײַן חלק; ישראל פאַרפליכטעט זיך נישט צו עפענען קיין געשעפט אין משך פון די קומענדיקע צוואַנציק יאָר, נישט נעענטער פון 300 מײַל פונעם שטעטל טאל און פון דער גאַס מעין־סטריט, וווּ ס׳געפינס זיך בען האָראָוויצס געשעפט א. נ. „פרענדלי־אין״. (פרײַנטלעך — אַרײַנגאַנג). דער דריטער פּונקט: בען האָראָוויץ גיט ישראלן אַ וואָך צײַט צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל טאָל. ווידער אַמאָל האָט דער אַדוואָקאַט איבערגעלייענט פאַר די שותּפים דעם קאָנטראַקט, דער־קלערט די טעכנישע טערמינען, און וואָס זיי פאַרשטייען נישט, האָט ער זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג.

מען האָט אַרויסגעשלעפּט פון בעט דעם איינציקן נאָטאַר אין שטעטל,

מיסטער נאַקס. ער איז געקומען צו לויפן, אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל. בען האָראָוויץ האָט זיך אונטערגעשריבן מיט אַ פעסטער האַנט און מיט גרויסע בוכשטאַבן. ישראלס האַנט האָט געציטערט...

די שותּפים, דער אַדוואָקאַט און דער נאָטאַר מיסטער נאַקס האָבן זיך פריינדלעך געדריקט די הענט. שׂרה האָט געקוקט און געשטוינט, נישט געגלייבט די אייגענע אויגן.

— היפּאָקריטן! — האָט זי אויסגעשריען און פאַרשטעלט דאָס פּנים פאַר חרפּה.

— שאַ, טייערינקע, דאָס איז ביזנעס — האָט זי דזשאָן מוירפי באַ־רואיקט. און כדי צו איבערצייגן זי, אַז ער איז גערעכט, האָט ער איר גע־געבן אַ משל פון די אַמעריקאַנער ספּאָרטלער (שלעגער, „פּריז־פייטערס"). מען גיט איינע די אַנדערע ווייטיקדיקע סטוסאַקעס, פון די קלעפּ פאַלן זיי אום, הייבן זיך אויף און שלאָגן זיך ווייטער, ביז איינער פאַלט, קאָן זיך מער נישט רירן פון אָרט. מען מינטערט אים אָפּ, זיי גיבן זיך די הענט, און בלייבן ווידער פריינד. אָדער נעם די רעפּובליקאַנער און די דעמאָ־קראַטן, ווען זיי קאַנדידירן אויף פּרעזידענט, אָדער אַנדערע אַמטן. אין דער צייט פון וואַלן רופט מען איינע די אַנדערע מיט די שמוציקסטע נעמען. נאָך די וואַלן דריקן זיי זיך די הענט, מען ווינטשט זיך אַלדאָס גוטס, מען צעגייט זיך אַלס פריינד.

— פאַרשטאַנען?! — האָט מוירפי פאַרענדיקט שפּאַסיק און געפרייט זיך, אַז זיין אַרבעט איז געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג.

שׂרהן האָט געקערט די גרינע גאַל... זי האָט געזוכט אַ ווינקל וווּ אויסצוברעכן...

*

עס איז געווען אַ ליכטיקע לבֿנה־נאַכט. די שטערן אין הימל האָבן געפינקלט און געווונקען, באַשיינט מוירפין דעם וועג אַ היים.

# אויף אַמעריקאַנער וועגן

אין אַ לויטערן האַרבסטיקן פרימאָרגן האָבן ישראל און שרה זיך איינגעפּאַקט, געזעגנט זיך מיטן שטעטל, פאַרנומען דאָס ביסל באַלעבאַטישקייט אין אויטאָמאָביל און אָן אַ פאַרויסבאַשטימטן פּלאַן זיך געלאָזן אין וועג אַריין. דאָס האָט שרהן דערמאָנט אין יענעם קינדערלאָזן פאַרפאָלק אין יוטאַ, וועמעס נאָמען זי האָט שוין פאַרגעסן; ס׳האָט זיך אָבער איינגעקריצט אין איר זיכרון יענערס ענטפער אויף איר פראַגע: וווהין פאָרט איר? „אויף אַמעריקאַנער וועגן".

— אַמעריקאַנער וועגן זענען גרויס און פאַרשידנאַרטיק, — רעדט שרה ווי צו זיך אַליין.

— דו רעדסט פון היץ? — פרעגט ישראל.

— ניין, כ׳האָב מיך אין עפּעס דערמאָנט. מיר זענען שטענדיק מיטן פּעקל אין וועג.

ישראל האָט פאַרדריסלעך געשוויגן, ווי ס׳וואָלט אים געווען אַ שאָד וואָס מיט יעדער מינוט דערווייטערט ער זיך פון דער קראָם, וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן 12 און 14 שעה אַ טאָג און פון דעם הויז וואָס מען האָט אָנגערופן „היים".

אַרויסגעפאָרן אויפן ברייטן שליאַך, איז זייער שטימונג געוואָרן אויפגעלעבטער.

— וואָס פאַר אַ שפע עס ליגט אין דער סאַן זשאַקווין וואַלי — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק מיט באַגייסטערונג אויף דער גרויסער גערעטעניש פון גערטנער, סעדער, לאַנגע שורות ווייַנטרויבן־ביימלעך און ביינוול־פעלדער.

— נאָר איין וואַלי אין קאַליפאָרניע קאָן זיך פאַרגלייכן מיט אונדזער — אימפּעריאַל וואַלי — האָט געזאָגט ישראל.

— אונדזער וואַלי, זאָגסטו? — האָט זי זיך געוווּנדערט.

— יאָ, מיר וועלן זיך שפּעטער אומקערן צו איר, — האָט ער געזאָגט מיט זיכערקייט.

— די פעלד־אַרבעטער רעדן פון אַ שטרייק. ווער וועט זיי העלפן? זיי האָבן ניט קיין יוניאָן און ניט קיין פאָנדן.

מיין פריינט בען איז אין טויט־שרעק פאַר אַ שטרייק, געזוכט וואָס שנעלער פּטור צו ווערן פון אונדז.

— דיין פריינט בען, דער היפּאָקריט. ער גייט אין קלויסטער אַלע זונטיק כדי צו קריגן קונים.

אין ליבע, מלחמה און ביזנעס איז אַלץ דערלויבט — האָט אים ישראל פאַרענטפערט.

שרה האָט געקוקט אויף אים קריטיש און האָט געטראַכט: „אין דער היים רעדן מיר ווייניק צווישן זיך, כמעט גאָרניט וועגן אַלגעמיינע זאַכן — ניטאָ ווען. ער פאַרלאָזט פּרי די שטוב און קומט שפּעט. דעם מיטאָג ברענגט זי אים אין קראָם אַריין. דאָ זענען מיר זייט ביי זייט, ווי מיר וואָלטן זיך אויפסניי באַקענט.

— זע, מען קלייבט שוין ביינוול, — האָט ישראל געזאָגט און האָט איבערגעשלאָגן די שטילקייט. ער האָט פאַרלאַנגזאַמט דאָס פאָרן, אַ קערעווע געטאָן דעם אויטאָ צו דער זייט פון פעלד און זיך אָפּגעשטעלט.

צווישן די ווייסע קנוילן ביינוול האָבן זיך געזען געבויגענע רוקנס פון פאַרשידענער גרייס, קינדערישע און דערוואַקסענע. די גראָבע לייוונטענע זעק האָבן זיך געשלעפּט פון די אַקסלען. קיין פּנימער האָט מען ניט געזען.

— די אַרבעט אין די פעלדער איז אַ קאַטאַרזשנע. זיי לעבן אין דחקות, אַרבעטן צו צען און צוועלף שעה אַ טאָג פאַר אַ הונגער־לוין, ווערן אומברחמנותדיק עקספּלואַטירט פון די אַגריקולטור־מאַגנאַטן — האָט געזאָגט שרה.

— האָסט ניט באַדאַרפט זיך חברן מיט די שלעפּער, וואָלטן מיר איצט ניט געדאַרפט זוכן פּרנסה.

— מיר זענען אויך שלעפּער. דו ביסט ניט דער איינציקער. אַ סך קרעמער ווערן אַריינגעוואָרפן אין באַנקראָט, טוען דאָס זעלבע וואָס מיר; שלעפּן זיך אַרום זוכן פּרנסה, — טרייסט זי אים.

— באַנקראָט זאָגסטו? — זיינע אויגן האָבן מיטאַמאָל אויפגעגלאַנצט. ס'איז געווען קאַנטיק, אַז ס'איז אים איינגעפאַלן אַ גוטער געדאַנק: גרויסע געשעפטליט באַנקראָטירן ניט. דאָס זענען די קליינע. זייער סחורה קאָן איך קויפן 50 סענט אויפן דאָלאַר. פאַר אַ צוויי טויזנט דאָלאַר קריג איך אַ „סטאָק" וואָס איז ווערט פיר. כ'וועל „ראַנען אַ סייל" (אויספאַרקויף). קויפן אַ צווייטן, אַ דריטן, זיך אַרויפשלאָגן אויף אַ גרעסערן קאַפּיטאַל און קויפן אַ סטאַבילע ביזנעס. — געמאַכט דעם חשבון, איז ער געוואָרן דער־מוטיקט, אַ קוועטש געטאָן דאָס גאַז־קנעפּל, דער מאָטאָר האָט אַ רעווע געטאָן, אַ צי געטאָן פאַרויס, אויפן ברייטן שאָסיי, צו דער גרויסער שטאָט.

— מיין מאַן, ביסט אַ גרויסער אונטערנעמער. ווען ניט דיין ווייב, וואָלסטו געווען אַ מיליאָנער...

— איך בין צופרידן — שמייכלט ער מיט זיינע ווייכע בלויע אויגן ווי־אַ קינד.

*

אויף דעם ברייט געפלאַסטערטן דאָבלט־האַי־וועי (וועג) פליען לאַנגע גלאַנציקע אויטאָמאָבילן. זיי זשומען פאַרביי די אַלטע, קליינע, לאַנגזאַם ציענדיקע אויטאָס. זייערע דעכער זענען באַלאָדן מיט קאַלדרעס, וואַש־טעפּ, הויז־מכשירים און זענען פאַרבונדן מיט שטריק. זיי זעען אויס ווי די שקאַפּעס אַנטקעגן די לוקסוס־אויטאָמאָבילן. אין די סקריפּענדיקע פאַר־שטויבטע אויטאָס, פאָרן אָרעמע פאַרמער און פעלד־אַרבעטער מיט זייערע ווייבער און קינדער. דאָס זענען די „אוקיס און די ארקיס" (איינוווינער פון די שטאַטן אָקלאַהאָמאַ און אַרקענסאָ, וואָס ציען זיך אַריבער קיין קאַלי־פאָרניע). זיי האָבן געהערט רעדן, אַז קאַליפאָרניע איז אַ רייכער אַגריקול־טור־שטאַט, אפשר וועט אָפּגילטן, מ'עט קריגן אַרבעט.

איין לוקסוס־אויטאָמאָביל איז אין ווילדן געלאַף פאַרבייגעפלויגן אַן „אוקי" קאַר, געלאָזן אים הינטערשטעליק. דער יונגער אָנטרייבער איז, ווייזט אויס, געוואָרן אין כעס פאַר אַזאַ חוצפּה, געוואָלט ווייזן, אַז ער קאָן

זיך מיט אים אויסגלייכן, האָט ער אַרויסגעשטעלט אַ האַנט מיט אַ צע־ריסענעם אַרבל, אַ סימן אַז ער פאַרשנעלערט דאָס פאָרן. דער אויטאָ האָט זיך אַ וויג געטאָן אויף איין זייט און דער צווייטער. פון שטאַרקן טרייסל איז פון אים אַרונטערגעפאַלן אַ מעטאַלן טעפּל אויפן ברוק. ישראל האָט אים נאָכגעשריען, יענער האָט ניט געהערט און איז אַנטלאָפן.

— אַ שאָד אַ טעפּל זאָל גיין אין ניוועץ.

ישראל האָט צוגעשטימט און אָפּגעשטעלט דעם אויטאָמאָביל. אין ציטער פון די לויפנדיקע אויטאָס, האָט זי שנעל געכאַפּט דאָס טעפּל און געזאָגט:

— אַן אָנהייב פאַר אונדזער באַלעבאַטישקייט.

זי האָט עס באַטראַכט; אַ פּראָסט, געניצט טעפּל פון אַן אָרעמער קיך, אין איין זייט איינגעבויגן ווי אַ חן־גריבעלע, איז עס איר געוואָרן טייער ווי עס וואָלט גערעדט אין אַ מענטשלעכער שפּראַך: „איך בין ניט פאַרפרעמדט געוואָרן".

— מיר זענען צווישן דעם אָרעמען טעפּל און דעם רייכן טיש... — האָט שרה געזאָגט פילאָזאָפיש.

— זאָלסט דאָס קיין מאָל ניט זאָגן! — האָט זיך ישראל אָנגעבייזערט אויף איר — מיר זענען ניט קיין אָרעמעלייט.

ווען דער כעס איז אים אָפּגעגאַנגען, איז ער געוואָרן ווייכער:

— דוכט זיך, דו ביסט אַ פאַרשטענדיקע פרוי, און ביסט שטומפּיק אין ביזנעס. דו האַלטסט דיך רייך, און קריגסט אַ גרויסן נאָמען. מען גע־טרויט דיר. מענטשן רעספּעקטירן דיך. דיין קרעדיט גייט אַרויף. די האָלסייל־הייזער (הורטאָוונע געשעפטן) בעטן זיך: קום, נעם סחורה וויפל דו ווילסט! — דערקלערט ער איר.

— די נאַציאָנאַלע געשעפט־ביוראָ האָט דיין פינאַנסיעלן רעקאָרד. זיי וויסן וויפל דו ביסט ווערט.

— מיט גוטע רעקאָרדס ווערן די „דעם־פּולס" (נאַראָנים) אויך גע־בראָכן, באַנקראָטירן.

— ביסט אַ גוטער מאַן, אָבער דיין וועלט איז ניט מיינע — ווערט שרה אומגעדולדיק.

— מיר עסן פון זעלבן לעבל ברויט. ביזנעס דאַרפן דיך אינטערעסירן.

— עס גייט מיך ניט אָן.

— פאַרוואָס גייען דיך אָן די אַרבעטער־אינטערעסן?

— זיי דערמאָנען מיר מיין אָרעמע קינדהייט. כ׳בין איבערצייגט, אַז די וואָס שאַפן, דאַרפן געניסן פון די פרוכט פון זייער אַרבעט.

— קיין אָרעמע קינדהייט האָב איך ניט געהאַט. אַמאָל בין איך געווען אַ סאָציאַליסט. אָרעמעלייט זענען שטענדיק געווען און וועלן שטענדיק זיין.

אַ נודנע לאַנגווייליקייט איז זי באַפאַלן. און ווי זי וואָלט געזוכט צו אַנטלויפן פון שמועס וואָס פאַרשעמט זי, פאַרוואַרפט זי איר בליק אַריבערן קאַרטאָפל־פעלד ווו אַ פראַכט־צוג סאָפעט און ציט זיך לאַנגזאַם פאַרויס איבער די אייזערנע רעלסן. די באַזונדערע וואַגאָנען זעען אויס ווי „קאַסטן־הייזער״, אויף די פלאַכע דעכער זענען אַנגעוואָרפן אַרבעטלאָזע פאַרער און „האָבאָס״ (מענטשן וואָס האָבן ניט קיין היים, שלעפן זיך אַרום פון אָרט צו אָרט). זיי זענען געזעסן און געלעגן אין פאַרשידענע פּאָזעס. אייניקע אָנגעלענט אויף די הענט, ביי אַנדערע זענען די פיס אַרונטערגעהאָנגען פון דאַך. אַ סך זענען געלעגן מיטן בויך אַרויף, די הענט אונטערן קאָפּ אָנ־שטאָט קישנס און די אויגן געווענדט צו די בלויע הימלען: טראַכטן זיי פון אַ היים? צי אפשר ווי גוט עס איז צו זיין אָפּגעריסן פון דעם הור־האַ־לעבן? פאַר קיינעם נישט פאַראַנטוואָרטלעך. קיינער דערוואַרט ניט אויף זייער קומען. כאָטש זיי באַלאַנגען צו אַ נאַציאָנאַלער „האָבאָ״־אָרגאַניזאַציע מיט אַן אייגענער צייטשריפט און פירן אַן אייגנטאַרטיק לעבן.

אַמאָל, אין צאַרישן רוסלאַנד, זענען בראָדיאַגעס (האָבאָס) געווען דער אָפּפאַל פון דער מענטשהייט — אויפן סאַמע דעק. ווי דער גרויסער מאַקסים גאָרקי האָט זיך אויסגעדריקט. אין אַמעריקע איז אַלץ אַנדערש — אַלץ איז גרויס, אָרגאַניזירט אין פאַראיינען, אַלץ איז אין אַ גרויסן מאַסשטאַב: גרויסע קאַרטעלן, גרויסע מאָנאָפּאָלן, גרויסע ביזנעס, אַ גרויסער, אָרגאַ־ניזירטער פאַרברעכער־פאַראיין, גרויסע האָלד־אַפּס (איבערפאַלן), גרויסע נאַטור־שיינקייטן אויף אַמעריקאַנער ברייטע רחבותדיקע וועגן. גרויסע נאַטירלעכע אוצרות, גרויסע נאַציאָנאַלע פּאַרקן און מוזייען. אונדזערע

„גרויסע טייכן" זענען אַ שם דבר. גרויסע בערג און פרוכטבאַרע טאָלן, גרויסע פּאַראַדאָקסן און ווידערשפּרוכן. גרויסמוטיק און פרייגיביק זענען די מענטשן, דאָס פּשוטע אַמעריקאַנער פאָלק, ווי זיי וואָלטן זיך באַמיט מכפּר צו זיין אויף דעם שלעכטס וואָס עקזיסטירט נאָך אין אַ טייל מענטשן. אַלץ צוזאַמען רופן מיר: דאָס שעפערישע אַמעריקע.

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי שטיל געוואָרן? ביסט ברוגז אויף מיר? — שלאָגט ישראל איבער אירע געדאַנקען.

— האַ, וואָס? ניין, — שטאַמלט זי ווי אַן אויפגעכאַפּטע פון אַ חלום.

— טאָ גיב מיר אַ קוש, — שמייכלט ער.

זי האָט אים שטום אָנגעקוקט און געטראַכט: ביסט אָרנטלעכער פון מיר... איך טראַכט וועגן שיידן זיך...

— נו, גיב שוין דעם קוש. אַ מענטש איז ניט געמאַכט געוואָרן פון אייזן. — און ער שמייכלט ווי אַ קינד.

— דאָ גייען מיר אַרונטער עפּעס עסן, — און ער האָט אָפּגעשטעלט דעם אויטאָמאָביל. דערפילט דעם באָדן אונטער די פיס, האָט ער פרייער אָפּגעאָטעמט, זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער הייך, פאַרוואָרפן די הענט אַרום איר האַלדז, אַ קוש געטאָן זי און געזאָגט:

— שעם זיך, ביסט פויל...

אויפן האָריזאָנט איז אַ זון אין רויטן פאַרגאַנגען.

*

אַן אויסגעשטערנטער הימל איז געהאָנגען איבער דער גרויסער שטאָט לאָס אַנדזשעלעס. מילדע ווינטלעך האָבן געבלאָזן, דערמאָנט אין פרילינג. אַזאַ וועטער אין האַרבסט רופט מען „אינדיאַנער זומער". דאָס פּאָרפאָלק ישראל און שרה, מיד פון אַ גאַנצן טאָג פאָרן האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים ערשטן אַריינפאָר־הויז, איבערצונעכטיקן און פאָרן ווייטער.

צומאָרגנס אין דער פרי איז ישראל אַוועק אין דער „פאַראייניקטער באַנק" וואָס פינאַנסירט און נעמט איבער באַנקראָטירטע געשעפטן.

דאָס איז די זעלבע באַנק — האָט ער געטראַכט, — וואָס האָט אים אַמאָל פאָרגעשלאָגן קויפן אירע אַקציעס און ווערן אַ שותף. שרה, אין איר

בלינדן פּאַראורטייל קעגן גרויס־קאַפּיטאַל און פּראָצענטן, האָט דאָס דאָן ניט דערלאָזן. — איצט רעדט מען אין שטאָט, אַז די באַנק שאַרט גאָלד! — האָט ער געזאָגט מיט ווייטיק און פּאַרדרוס.

אַריינקומענדיק אין באַנק איז אים אַנטקעגן געקומען אַ מיטליאָריקער מענטש אין אַ פיין געפּאַסטן אַנצוג מיט באַברילטע אויגן:

„ווו האָב איך אים ערגעץ געזען", האָט ישראל געטראַכט און זיך ניט געקאָנט דערמאָנען.

— האַלאָ, איזראַעל, ווו ביסטו געווען די גאַנצע צייט? — האָט יענער געדריקט אים די האַנט.

— מיסטער ריד! — האָט ער אויסגערופן אין איבערראַשונג און זיך דערמאָנט, אַז ער איז געווען דער יעניקער, וואָס האָט אים צוגערעדט קויפן באַנק־אַקציעס ווען די באַנק האָט זיך נאָר־וואָס געשאַפן און ער איז געווען ניי אין שטאָט, געזוכט פּרנסה.

— זעץ זיך. ווי גייען די געשעפטן? — האָט ער געפרעגט און צוגע־רוקט אַ שטול.

— אָלרייט. און ווי גייען די געשעפטן ביי אייך? — האָט ישראל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט איבערן גרויסן צימער פון באַנק.

— גוט. מען קויפט פאַרמס, קראָמען, לאַנד־שטחים, וואָס נאָר עס לאָזט זיך. כ'בין דאָ פאַרטרעטער פון טראַסט־דעפּאַרטמענט (אַפּוטרופּוס, פאַרוואַלטער אָפּטיילונג). וואָס קאָן איך טאָן פאַר דיר, איזראַעל? — האָט ער אים געפאָרשט מיט לויפנדיקע אויגן, ווי ער וואָלט זיך געפרעגט: וויפל איז איצט דער מענטש ווערט?

— איך בין אין מאַרק צו קויפן באַנקראָטירטע קראָמען.

— דאָס איז אַ גוטע ביזנעס פאַר מענטשן מיט קעש (קאַסע־געלט) דו האָסט עס. ווי האָט דיך עפּעס באַהאַנדלט דער סטאַק־מאַרקעט? (אַקציעס), אויסגעליידיקט די קעשענעס? — האָט ער שפּאַסיק אַ פרעג געטאָן.

— ניין. כ'האָב נאָך געמאַכט געלט. פאַרקויפט די אַקציעס אין דער צייט... — און ער האָט געקוקט אים גלייך אין די אויגן...

— כ'האָב שטענדיק געוווּסט, אַז דו ביסט אַ גוטער געשעפטסמאַן. ווו זוכסטו צו קויפן אַ געשעפט, אין שטאָט, אין דער קאָונטרי (קליין שטעטל)?

— כ׳וואָלט געקויפט איןביידע, ווען כ׳וואָלט געהאַט די אָרגאַניזאַשן (אַרבעטער) אָנצופירן. דערווייל וועל איך אָנהייבן קויפן „סטאָק״ (סחורה) אין די קליינע שטעטלעך.

— די צאָל באַנקראָטן אין די גרויסע שטעט איז גרעסער ווי אין די פאַרם־געגנטן. — ער האָט געעפנט אַ שופלאָד, אַרויסגענומען אַ בוך, אַריינ־געקוקט און געזאָגט: — יאָ, ס׳איז דאָ. גראָד איז די וואָך אַריינגעקומען אַ פּאָר קראָמען פון די „וואַלי״. — דזשאָ, גיב איזראַעלן די בריוו פון טראַסט־דעפּאַרטמענט, — האָט ער זיך אָנגערופן צו זיין געהילף.

— יעס, סער! — האָט געזאָגט דזשאָ און צוגערופן דעם קליענט. ער האָט גענומען פון שרייבטיש אַ פּעקל געדרוקטע בריוו, איבערגעגעבן ישראלן און געזאָגט: — דאָ וועט איר געפינען אינפאָרמאַציע פון פאַרשי־דענע סטאָקס, פון העבידעשערי (גאַלאַנטעריע־קראָמען), ביז אייזן־קראָ־מען. פאַרט זיך דורך, קוקט אָן, לאָזט אונדז וויסן. אויב איר זענט פאַר־אינטערעסירט אין איינער, אָדער אין עטלעכע פון די סטאָרס, שיקט אַריין צען פּראָצענט האַנט־געלט פון דעם פּרייז, וואָס איר ווילט צאָלן. אויב עס וועט ניט זיין קיין קאָנקורענט מיט אַ גרעסערן פאָרשלאָג, קריגט איר דאָס.

ישראל האָט צעעפנט די בריוו, אַריינגעקוקט אין די לאַנגע ציפערן פון פּרייזן פון די אָנווייזונגען, ווו די באַנקראָטירטע קראָמען געפינען זיך, די צייט און פּלאַץ פון אָקשן־סייל (ליציטאַציע־פאַרקויף) און האָט פאַרזיכ־טיק פאַררוקט די פּאַפּירן אין זיין בוזים־קעשענע. ווייכע ביזנעס־הענט האָבן זיך געדריקט, צוגעווונטשן „גוד לאַק״ (גוטן מזל) און זיך צעגאַנגען.

*

עס איז דאָ עפּעס ראָמאַנטישעס אויף די ברייטע, אָפענע וועגן פון אַמעריקע. דער פייף פון לאָקאָמאָטיוו, די מיט שפע באַלאָדענע לאַסט־וועגענער, דער אויער־שפּאַלטנדיקער געפילדער פון די זיך אויפהייבנדיקע עראָפּלאַנען, די גלאַנציקע פּאָליציי־אויטאָס, מאָטאָציקלען און דאָס שטענ־דיקע זשומען פון אויטאָמאָבילן, וואָס לויפן אַהין־און־צוריק. אין דעם כסדרדיקן גערויש פון די וועגן הערט זיך דער רויש פון דער צייט.

אויב מען איז פון די גליקלעכע, מען לעבט און פאָרט אַרום אין אַ

טריילער, ווייס מען פון אַ לעבן! אַ טרעילער איז אַ הויז אויף רעדער, אי־נעווייניק אַ מאָטאָר, קלאַפּט עס ווי אַ האַרץ ווען עס איז אין באַוועגונג. געבויט איז ער ווי אַ פּראַכט־וואָגן, אַ לאַנגער צימער, אַ פאָרהאַנג אין מיטן, פון איין זייט שטייט אַ בעט, אַ קאָמאָד און אַ מלבושים־שאַפע, אַ וואַש־צימער. די צווייטע העלפט — אַ קיך מיט איינגעבויטע באַקוועמ־לעכקייטן, אַן אייזועלע צו קאָכן און באַקן, אַ טיש, אַ פּאָר בענקלעך צום זיצן. הייס און קאַלט וואַסער פליסט פון די קראַנען, גאַז און עלעקטריש באַלייכטונג, אַפילו פאָרהענגלעך אויף די קליינע פענצטערלעך און אַ פּריר־קאַסטן מיט שפּייז! וואָס נאָך דאַרף אַ מענטש האָבן? דאָס זענען טרעילערס וואָס מען זעט ניט ביי פעלד־אַרבעטער און זייערע פאַמיליעס. די מערסטע פון זיי לעבן אין „באַקס" (קאַסטן) טרעילערס, אָדער „שעקס" (האַלב־איינ־געפאַלענע הייזקעס).

אַזאַ טרעילער, מיט הייס און קאַלט וואַסער, מיט מעבל און קיך־באַ־קוועמלעכקייט, האָט זיך ישראל איינגעשאַפט אין דער גרויסער שטאָט. איצט פאָרן זיי זוכן האַנדל־פּרנסה.

— מען זאָגט, אַז דאָס ראָד איז די ערשטע און גרעסטע דערפינדונג. אָבער דער טרעילער איז נאָך אַ גרעסערע דערפינדונג. ווערסט מיד פון טרייבן, שטעל זיך אָפּ, מאַך אַ שפּאַן און ביסט שוין אין בעט. ווילסטו זיין אין די בערג, ביים ים אָדער אַרום אַ זשומענדיקן טייך, גיב אַ קוועטש דאָס גאַז־קנעפּל, אין אַ פּאָר שעה ביסטו דאָרט.

— אַזוי וואָלט איך געלעבט ווען איך וואָלט געווען איבער זיך די באַלעבאָסטע, — זאָגט שרה פאַרדריסלעך.

— פאַרוואָס טוסטו דאָס ניט? — פרעגט ישראל מיט אַן אומשולדי־קער מינע.

זי האָט אויף אים געוואָרפן אַ שאַרפן בליק און געזאָגט:

— באַנקראָטן מערן זיך; מיר פאָרן זיי נאָך ווי די „סעקוועגדזשערס" (מיסט־ראַמער), פיר חדשים אונטערוועגנס. כ׳בין געווען גליקלעכער ביים שניידער־טיש.

— וואָס זשע ווילסטו, כ׳זאָל ווערן אַ שניידער? — פרעגט ער מיטן זעלבן אומשולדיקן „קנייטש".

זיי האָבןביידע געשוויגן, ווי אַ רחמנות וואָלט זיי אַרומגענומען איינע אויף די אַנדערע. אַ חוץ דעם רחמנות־געפיל האָט שרהן באַגלייט אַ געפיל פון האַס, ניט אַזוי קעגן ישראלן, ווי קעגן זיין פּראָפּעסיע פון האַנדל־וואַנדל, קעגן זיינע באַשלוסן וואָס זי זאָל יאָ אָדער ניט טאָן.

— נאָך פיר חדשים פון קויפן און פאַרקויפן סטאָרס (קראָמען) וועלן מיר זיך איצט סעטלען (באַזעצן אויף אַ פּלאַץ). כ׳האָב געהערט, אַז טולאַ איז אַ גוט ביזנעס־שטעטל. כ׳וועל דיך לאָזן ווערן אַ באַלעבאָסטע. מירן פאָרן אין אַלע שיינע ערטער וואָס דו האָסט אויסגערעכנט, אַבי זיי ניט בייז. — האָט ער געשמייכלט מיט זיין קינדישן ווייכן שמייכל.

— אַ מענטש איז ווי ער איז, ער קאָן זיך ניט איבערמאַכן. אַסך לעבן נאָר פאָרן ברויט. פאַר אַנדערע איז ברויט אַליין ניט גענוג — און זי דער־מאָנט זיך וואָס מענדל האָט איר אַמאָל געזאָגט: „די גייסטיקע אָרעמקייט פון דעם קליינבירגער איז שרעקלעך. ווערסט דאָך שטאַרבן פון לאַנגוויילי־קייט״... — און ווי וועלנדיק פאַרטרייבן די לאַנגווייליקייט, גיט זי אַ קער די אויגן צום טומלדיקן, ליכטיקן וועג: — קוק! — לענגויס ביידע זייטן וועג זענען געשטאַנען יונגע בחורים און מיידלעך מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו די לויפנדיקע אויטאָמאָבילן, און מיט געבעט אין די אויגן אויס־געשריען „שטעלט זיך אָפּ! נעמט אונדז!

— אַרבעטלאָזע, זוכן זיי אומזיסטע טראַנספּאָרטאַציע — האָט שרה געזאָגט.

— האָלד־אַפּס (אָנפאַלער). נעם זיי אין קאַר, געבן זיי דיר איבערן קאָפּ, וואַרפן אַרויס דעם דרייווער (אָנטרייבער) און אַנטלויפן מיטן אויטאָ — האָט ישראל באַמערקט.

— עס זענען דאָ אויך גוטע צווישן זיי, — פאַרטיידיקט שרה די היטש־הייקערס (די וואָס זוכן אונטערצופאָרן).

— גיי זוך זיי! מען הערט זיך אָן גענוג וואָס זיי טוען אָפּ!

אונטן האָבן זיך די רעדער אָנגעשלאָגן אויף שטיינער וואָס פאַלן פון די בערג. פון שטאַרקן טרייסל איז געוואָרן אַ קלאַפּערײַ אין הינטערגרונט פון טרעילער:

— אַן ערד־ציטערניש? — האָט שרה געפרעגט.

— דאָס שיטן זיך אונדזערע פּראָפיטן. מען האָט באַדאַרפט צובינדן די קאַסטנס סחורה צום בעט מיט שטריק, וואָלט ניט אַרונטערגעפאַלן.

און ער האָט אָנגעהויבן דערציילן פון זיין בחורישן לעבן, ווען ער האָט געפּעדלט, ווי דאָס פערד־און־וואָגן האָבן זיך איבערגעקערט אין אַ גרוב, צוזאַמען מיט די שניט־סחורה. ווי ער און זיין שותף האָבן זיך געמאַטערט אויפצוקלייבן די סחורה. דורכגעבראָכן די שמאָלע פּאַרמערישע וועגן, אין די פּאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון אַמעריקע אָנגעשפּאַרט. דאָס זענען געווען מעשהלעך וואָס זי האָט שוין געהערט פון אים אַזויפיל מאָל. ער ווערט ניט מיד פון איבערדערציילן, ווי ווילנדיק ברענגען צוריק די יונגע פּעדלערישע גרינע יאָרן.

אויף אַ ניט ברייטן וועג, צווישן הויכע שטיינערנע בערג, מיט זייערע אייביקע שניי־פּאַרשאָטענע שפּיצן, ציט זיך דער אויטאָ־פּאַרקער אַרויפצו פּאַוואָליע, ווי די נאַטור אַליין וואָלט באַפוילן, אַז דאָ מוז מען פּאַרלאַנג־זאַמען דאָס פאָרן, זיך אָפּשטעלן און באַוואונדערן די פּרעכטיקע סקולפּטור וואָס צייט, שטורעם־ווינטן, פּאַרפליצונגען און ערד־ציטערנישן האָבן אויסגעקאָרבט און אַריינגעהאַמערט אין די שטיינערנע בערג. עס דוכט זיך ווי דאָס זענען ניט קיין שטיינער, נאָר פיגורן, פּנימער פון טויזנטיאָריקע דורות, וואָס קוקן אַרונטער צו אונדז.

„מיר זענען זעקס טויזנט פוס הויך" (פון ים־פלאַך), לייענט זיך אויף אַ שטיינערנער וואַנט. ישראל האָט אָפּגעשטעלט דעם טרעילער, ווי אַנדערע אַנטרייבער האָבן דאָס געטאָן. זיי זענען אַרונטער אויפן ריזיקן פלאַך פון רוקן־באַרג. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ פלייצנדיקער וואַסער־קוואַל, אַרומגעצוימט מיט דיקע אייזערנע רערן. מענטשן האָבן זיך צוגע־כאַפּט צום קאַלטן וואַסער, אָנגעטרונקען זיך, האָט מען זיך אָנגעלענט אויפן פּאַרענטש און אַרונטערגעקוקט אין תהום. צופוסנס פון דער באַר־גיקער וואַנט האָבן זיך געשפּרייט גרינע פעלדער, גערטנער און סעדער, עס האָבן זיך געפּאַשעט פערד און בהמות. ווו ניט ווו האָט זיך געזען אַ פּאַרמעריש שטיבעלע מיט גערטנדלעך און ווייסע הינער אַרום. ווייט אין הינטערגרונט האָט זיך געשפּיגלט אַ וואַסער אונטער דער זון. מען האָט

געקוקט אויף דעם אָטעם־פֿאַרכאַפּנדיקן בילד און ניט געקאָנט זיך אָנזעטיקן.

די האַרמאָניע פֿון דער נאַטור טראָגט זיך איבער אויף די מענטשן. מען טיילט זיך מיט איינדרוקן, מען שמייכלט ליבלעך איינע צו די אַנדערע, מען שפּאַסט, ווי מיר וואָלטן געווען אַלטע באַקאַנטע.

— אַ כּפּרה דער בעסטער ווײַן — האָט געזאָגט ישׂראל און נאָך אַ מאָל געטרונקען פֿון קוואַליקן וואַסער.

שׂרה איז געשטאַנען מיט אויפֿגעריסענע אויגן און מיט אַן אָפֿן מויל. עס האָבן איר אויסגעפּעלט ווערטער אויף אויסצודריקן איר באַגייסטערונג פֿון דער אידיליע.

„פּאָרזיכטיק! פּאַרשטייפּט די רעדער מיר גייען באַרג־אַראָפּ!", האָט זיך געוויזן אַ צווייט ברעטל מיט אַן אויפֿשריפֿט.

וואָס נידעריקער מען איז געפֿאָרן, אַלץ מער האָבן זיך געשפּרייט פֿאַר די אויגן די ריזיקע פֿעלדער מיט זייערע ווילד־צעבליטע בלומען פֿון רעגנבויגנדיקע, גינגאָלדיקע קאָלירן. ווידער האָבן זיך מענטשן אָפּגעשטעלט, געטוליעט זיך צו די זייטן פֿון די פֿעלדער, געשלונגען מיט די אויגן דעם געמעל פֿון די מולטי־קאָלירנדיקע בלומען, וואָס ציִען די קעפּלעך צו די בלויע זוניקע הימלען און דערמאָנען פֿון אָנקומענדיקן פֿרילינג.

# די שטורעמדיקע דרייסיקער יאָרן

עס איז געגאַנגען דער ווינטער פון יאָר 1931 — די צייט פון אַרבעטס־לאָזיקייט, הונגער־מאַרשן, שטרייקן און „הווערווילס״ (אַרבעטסלאָזע וווי־נונגען אונטער בריקן און אין גריבער). אין דעם רייכסטן לאַנד אין דער וועלט — אַמעריקע — האָבן מענטשן געהונגערט.

די מאַכטהאָבער זענען געווען מאַכטלאָז קעגן די צעשטורעמטע מאַסן, אָרעמע פּאַרמער, קעגן רואינירטן, געדריקטן מיטלקלאַס און דער אָרעמער שיכט פון אינטעלעקטואַלן. דאָס פאָלק האָט פּראָטעסטירט קעגן סטאַטוס־קוואָ (עקזיסטירנדיקער אָרדענונג). עס האָט זיך געפאָדערט אַ קלאָר דענ־קענדיקער קאַפּיטאַן, וואָס זאָל אַרויספירן די שיף פון די מוטנע צע־שטורעמטע וואַסערן.

אַזאַ קאַפּיטאַן איז שפּעטער געקומען אין דער פּערזאָן פון פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט, פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דעם פאָטער פון „ניו־דיל״ (אַ נייער אָנהייב). איידער ער איז געקומען מיטן פּראָגראַם פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג, קאָנסטראַקשן (בויאונג פון אַ גרויסן פאַרנעם) און קולטורעלע פּראָגראַמען, האָט דאָס פאָלק געליטן, געליטן אָבער נישט געשוויגן.

עס זענען דאָ ווערטער וואָס קריצן זיך איין אין זיכרון און שטעכן ווי שפּיזן: „מיר פאָדערן אַרבעט, ברויט, סאָציאַלע פאַרזיכערונג קעגן אַרבעטס־לאָזיקייט!״ — האָבן די אַרבעטער־מאַסן געשטורעמט. „די גרעסטע אַר־בעטלאָזע דעמאָנסטראַציע וואָס ניו־יאָרק האָט ווען עס איז געזען אויפן יוניאָן סקווער! פינף און צוואַנציק טויזנט פּאָליציאַנטן באַפאַלן די דע־מאָנסטראַנטן״ — שרייען אַרונטער מיט גרויסע קעפּ די צייטונגען אין לאַנד.

פון ווערטער זענען די אַרבעטלאָזע אַריבער צו מעשים. עס האָבן זיך געשאַפן אַרבעטלאָזע־קאָנסילס איבערן גאַנצן לאַנד. עס האָט זיך אָרגאַניזירט אַ נאַציאָנאַלער הונגער־מאַרש אויף וואַשינגטאָן, צום 72סטן קאָנגרעס, צו דעם רעפּרעזענטאַנטן־הויז. דאָרטן וועלן זיי פּראָקלאַמירן זייערע פאָדערונגען פאַר באַלדיקער הילף.

די גרעסטע צאָל באַטייליקטע אינעם הונגער־מאַרש זענען געקומען פון די צפון־שטאַטן. געגאַנגען זענען זיי ווי סאָלדאַטן אין לאַנגע געשלאָסענע רייען. באַלד האָבן זיך צו זיי אָנגעשלאָסן וועטעראַנען (געוועזענע סאָלדאַטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה), פון פאַרשידענע ווינקלען; פון שטאַטן, שטעט און דערפער פון דער גרויסער אַמעריקע. אַ סך זענען געפאָרן אין לאַסט־וועגענער, אַנדערע אין באַקס קאַרס (אויף די דעכער פון די פראַכט־וואַגאָנען). זיי זענען געפאָרן מאָנען דעם באָנוס, דעם געשענק, וואָס איז זיי געקומען לויטן געזעץ פון דער רעגירונג אַלס געוועזענע סאָלדאַטן. לאַנג און שווער איז געווען זייער וועג. ניט איין מאָל האָט זיי די געהיים־פּאָליציי אַרונטערגעשלעפּט פון די באַן־דעכער און אַריינגעוואָרפן אין דזשייל (געפענגעניש) הינטער אייזערנע פאַרשלאָסענע טירן.

די פּראָוואָקאַציעס און פּאָליציייאישע איבערפאַלן, מיט וועלכע מען האָט אין אייניקע שטעט באַגעגנט די הונגער־מאַרשירער, האָבן זיי ניט אָפּגעשראָקן. אין יעדער שטאָט און שטעטל, ווו נאָר די הונגעריקע אַרמיי איז דורכגעגאַנגען, האָבן זיך אַלץ נייע אַרבעטלאָזע צו זיי אָנגעשלאָסן. עס איז געוואָרן אַ דעמאָנסטראַציע ניט נאָר פאַר פיזישע באַדערפענישן, נאָר אויך פאַר מענטשלעכער ווירדע, פאַר אַ מער יושרדיק לעבן פאַר אַלעמען.

נאָך אַכט טעג שפּאַנען איבער אָפענע פאַרשנייטע וועגן, זענען די הונגער־מאַרשירער אַריין אין וואַשינגטאָן. די רעגירונג־געביידע איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט מאַשין־ביקסן אויפן דאַך, אויף דער וועראַנדע און ביים אַריינגאַנג. שיס־שראָט־ביקסן האָבן אַרויסגעקוקט פון די אָפענע פענצטער. צענדליקער טויזנטער אַרבעטער און פאַרמער האָבן באַלאַגערט די מאַרמאָרענע שטיינער־ווענט פון דער הויפּט־געביידע: „מיר ווילן פאַרזיכערונג פאַר אַרבעטלאָזע!" האָבן שטימען געדונערט. עס זענען אויס־

געקליבן געוואָרן צוויי דעלעגאַציעס, צום סענאַט און צום רעפּרעזענטאַנטן־הויז. די דעלעגאַטן האָבן געפאָדערט דאָס רעכט צו לייענען די פאָדערונגען פון די צוועלף מיליאָן הונגעריקע, אַרבעטלאָזע פאַרן 72סטן קאָנגרעס. די פאָדערונג פוןביידע דעלעגאַציעס איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. פּאָליציי האָט זיי ברוטאַל פאַרטריבן פון דער קאָנגרעס־געביידע.

ווען די הונגער־מאַרשירער זענען אָנגעקומען צום „ווייסן הויז" האָט פּרעזידענט הוווער אָנטזאָגט אויפצונעמען די דעלעגאַטן. פאַרביטערטע האָבן די פופצן הונדערט דעלעגאַטן אויסגעשריען: „מיר מאַכן די פאָדערונגען אין נאָמען פון צוועלף מיליאָן הונגעריקע אַרבעטלאָזע. מיר פאָדערן: „עפנט די טירן! די אַרבעטלאָזע מאַסן אין אַמעריקע זענען הונגעריק! זיי מוזן גלייך האָבן ווינטער־הילף! זיי קענען לענגער ניט וואַרטן!" — האָבן שטימען פאַרהילכט די אייזיקע לופט.

דער סאַרדזשענט (שטאַרק באַוואָפנטער פּאָליציאַנט פון העכערן ראַנג), צוזאַמען מיט דער פּאָליציי האָט מיט גוואַלד פאַרטריבן די ראַנגלענדיקע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך געריסן צום אַריינגאַנג אין רעפּרעזענטאַנטן־הויז. די באַוואָפנטע פּאָליציי האָט אָפּגעהאַלטן אַ זיג איבער די הונגער־מאַרשירער.

ווי קינדער פון גאַס, וואָס ווערן געשלאָגן און געטריבן פון אַנדערע, לויפן נאָך פּראָטעקציע צו דער מאַמען, אַזוי איז איצט אַ טייל יוניאָן־מיטגלידער, דעלעגאַטן פון די הונגער־מאַרשירער, געלאָפן צו די העדקוואַרטערס (הויפּט־קאַרטיר) פון זייער יוניאָן — צו דער „אַמעריקאַנער אַרבעטער־פעדעראַציע". זיי האָבן געהערט, אָבער ניט געגלייבט, אַז דער פּרעזידענט פון זייער יוניאָן איז קעגן אַרבעטלאָזע־פאַרזיכערונג. ווען ער האָט דאָס אַליין צוגעגעבן פאַר דער קאָמיסיע, האָבן זיי אים פאַרדאַמט און געפאָדערט, אַז ער זאָל אַרויסגערופן ווערן צו אַ דעבאַטע, אָדער אַז ער זאָל אַרויסקומען דרויסן און איבערחזרן פאַר די פופצן הונדערט דעלעגאַטן די לשון־הרע און באַליידיקונגען, וואָס ער האָט אויף די אַרבעטער־מאַרשירער געוואָרפן. דער פּרעזידענט פון דער גרויסער יוניאָן האָט זיך אָנטזאָגט, ניט געוואַגט. דאָס האָט ניט אַנטוישט די אַרבעטער, אין קעגנטייל, געמאַכט זייערע רייען שטאַרקער און זייער געמיט קעמפערישער.

*

ווען די וועטעראַנען האָבן געהערט, אַז פּאָליציי האָט אַרעסטירט זייערע „באָודיס" (קאַמעראַדן) אויפֿן וועג קיין וואַשינגטאָן, אַז זייער וויניק האָבן זיך דערשלעפּט מיט די פּראַכט־צוגן צום קאַפּיטאָל און קיין באָנוס נישט געקראָגן, זענען זיי געוואָרן אויפגעברויזט, מיטן זעלביקן אויפברויז, מיט וועלכן זיי זענען געגאַנגען אין דער מלחמה, כדי מאַכן די וועלט פריי פון מלחמות. עטלעכע טויזנט וועטעראַנען פון לאַנד, האָבן זיך אויפגעהויבן; ווי איין מענטש און אַוועק מאַנען זייער באָנוס, זיך ראַטעווען פון הונגער.

וואַשינגטאָן האָט זיי אויפגענומען מיט אַ „מיליטערישן פּאַראַד", ווי עס פּאַסט פאַר געוועזענע העלדן־סאָלדאַטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס האָט זיי באַגעגנט באַוואָפנטע פּאָליציי: רייטער־סאָלדאַטן, פוס־סאָלדאַטן און טאַנקען, וועלכע זענען אַרויסגערופן געוואָרן פונעם קריגס־מיניסטעריום. זיי האָבן אַ שליידער געטאָן אויף די באָנוס־מאַרשירער גאַז־באָמבעס און פאַרטריבן זיי פון דער רעגירונגס־געביידע.

דער ניט דערוואַרטער אָנגריף האָט אַרויסגערופן שרעק און בהלה אין דער גאַנצער שטאָט. הונדערטער רעגירונג־אַרבעטער און אויטאָ־אָנ־טרייבער האָבן ניט געקענט זען דעם וועג אַהיים. קינדער האָבן געריבן די אויגן, וואָס האָבן געברענט און געשמאַרצט; זייערע געוויינען און קולות האָבן פאַרהילכט די גאַס. די פּאָליציי האָט אָנגעטאָן גאַז־מאַסקעס און געעפנט אַ שיסעריי אויף די וועטעראַנען. איין וועטעראַן איז דערהרגעט געוואָרן, אַ קויל האָט אים דורכגעריסן דאָס האַרץ. עטלעכע פון זיי זענען פאַרוווּנ־דעט געוואָרן אין קאַמף מיט דער פּאָליציי, וועלכע האָט געזוכט פאַרטרייבן די באָנוס־מאַרשירער פון די רעגירונגס־געבײדעס. אַ סך זענען אַרעסטירט געוואָרן. די פּאָליציי האָט פּרובירט פאַרטרייבן די באָנוס־מאַרשירער פון שטאָט. נאָך דעם ווי מען האָט זיי פאַרטריבן פון די פאָדערשטע פּאָזיציעס, האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן צום הויף פון דער געביידע. דאָס איז געווען די מיליטערישע טאַקטיק, וואָס מען האָט זיי געלערנט אין דער מלחמה. נאָך אַ זאַך האָבן זיי געלערנט: זיך ניט אָפּשרעקן פאַרן שונא, קעמפן מוטיק פאַר דער זאַך, אין וועלכער זיי גלויבן. און די העכער טויזנט וועטעראַ־

נען האָבן געקעמפט און פאַריאָגט די עטלעכע טויזנט באַוואָפנטע פאָליציאַנטן מיט שטעקנס און מיט שטיינער.

די פאָליציי איז אויף אַ ווײַלע צוריקגעטראָטן. עטלעכע מינוט שפּעטער איז זי אָבער צוריקגעקומען מיט פאַרשטאַרקטע כוחות. דאַן זענען שוין די וועטעראַנען געווען אין און אַרום דער געביידע. די מחנה פאָליציאַנטן האָט זיך אויסגעשטעלט אין לאַנגע רייען און געשאָסן גלייך אין די באָנוס־מאַרשירער. די וועטעראַנען האָבן געשלאָגן צוריק מיט זייערע קולאַקעס, שטיינער און שטעקנס. דריי וועטעראַנען זענען געפאַלן, איינער איז געווען טויט. די וועטעראַנען האָבן נאָך אַלץ געהאַלטן די געביידע, אין וועלכער זיי האָבן זיך געריסן אַריינצוגייך מאָנען דעם באָנוס. די פאָליציי האָט אַרומגערינגלט די גאַנצע געגנט אַרום, כדי אַריינצוכאַפּן די באָנוס־מאַרשירער אין אַ פאַסטקע.

בליק־שנעל האָבן זיך צעטראָגן ידיעות אין די אַרומיקע שטעטלעך. אַז פאָליציי שיסט און ברענגט אום וועטעראַנען. פינף טויזנט וועטעראַנען זענען געקומען צו פליען אין שטאָט פון די אַרומיקע קעמפּס, זיך פאַראייניקט מיט זייערע „באודיס״ (קאַמעראַדן) אין קאַמף קעגן דער באַוואָפנטער פאָליציי מיט די נאַקעטע הענט. און ווידער האָט וואַשינגטאָן געזיגט.

דער עקאָנאָמישער קריזיס אין לאַנד האָט אָנגעבראַכט אַ כוואַליע פון זיץ־שטרייקן. עס האָבן געשטרייקט טויזנטער אויטאָ־אַרבעטער אין דעטרויט (צענטער פון דער אויטאָ־אינדוסטרי). זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרלאָזן די פאַבריקן ביז זייערע פאָדערונגען פאַר יוניאָן־אָנערקענונג און העכערע שכירות וועלן באַפרידיקט ווערן. ס׳האָבן געשטרייקט לאַסטאויטאָ־אַנטרייבער, בעקער־אַרבעטער, וועשערייען, מעבל־אַרבעטער, גלאָז־ און שטאָל־אַרבעטער, אַרבעטלאָזע פאַמיליעס קעגן הויכן דירה־געלט, געזעסן ביי די טירן ביז זיי האָבן געוווּנען. די כוואַליע זיץ־שטרייקן האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד און אַרומגעכאַפּט די „גאָלדענע וועסט״־קאַליפאָרניער פעלד־אַרבעטער — די אָרעמסטע פון די אָרעמע — די ניט־אָרגאַניזירטע וואַנדערנדיקע אַגריקולטור־אַרבעטער.

## שטרייקן אין קאַליפאָרניער וואַליס (טאָלן)

דאָס ערשטע מאָל אין דער אַרבעטער־געשיכטע זענען די פעלד־אַרבעטער פון סאַן־זשאָקווין און אימפעריאַל־וואַליס אַרויס אין שטרייק קעגן הונגער־שכירות. און כאָטש אַ זיץ־שטרייק אין די אָפענע פעלדער, גערטנער און סעדער וואָלט געווען פיזיש באַקוועם און לאָגיש באַרעכטיקט פאַר די טויזנטער וואַנדערנדיקע פעלד־אַרבעטער, האָבן זיי דאָס ניט געטאָן; „גאָט האָט באַשאַפן די ערד פאַר אַלע מענטשן", איז געווען דער סענטימענט.

און כאָטש די אַרבעטער האָבן געוווסט, אַז די ריזיקע פעלדער, גערטנער און סעדער באַלאַנגען צו רייכע פאַרמער, בענק און אַגריקולטור־קאָמפּאַניעס, אין וועמעס הייזער „שעקס" (אָרעמע הייזקעס פון דינע ברעטער) זיי וווינען, אַז זיי האָבן לעגאַלע רעכט צו טאָן מיט זייער פּריוואַט אייגנטום וואָס זיי ווילן, זענען זיי דאָך געווען דערשיטערט, ווען די קאָמפּאַניע־פּאָליציי האָט זיי אַרויסגעוואָרפן פון די הייזער מיט ווייב און קינדער אויפן ברייטן ברוקירטן וועג „הוי־וועי (שאָסיי) 99", וואָס פאַרבינדט די צוויי גרעסטע קאַליפאָרניער שטעט, פון דרום און צפון, וווּ אויטאָס זענען אין שטענדיקן געיעג הין־און־צוריק.

פאַר אַ סך מאָטאָריסטן (אויטאָ־אָנטרייבער) איז דאָס געווען אַ נאַטירלעכע דערשיינונג: „זיי ווילן ניט אַרבעטן, האָבן זיי ניט דאָס רעכט צו פאַרנעמען די קאָמפּאַניע־הייזער. זאָלן זיי ליגן אונטערן פרייען הימל ביז זיי וועלן ווערן הונגעריק". אייניקע פאַרבייפאָרער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ווען עס האָט זיי אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן ווי בײַ דער זייט פון וועג, הינטער ביימער מיט באַלאָדענע פרוכט וואַלגערן זיך בערג אָנגעוואָרפענע

בגדים, בעטגעוואַנט, קינדער פון פאַרשידענעם עלטער, פאַרשעמטע מאַמעס און טאַטעס מיט אַרונטערגעלאָזענע קעפּ. זיי זענען אַרונטער פון זייערע אויטאָס און פאַרפירט אַ שמועס מיט די מענער; אַפילו פּרובירט געבן די קליינע וויינענדיקע קינדער זילבערנע מטבעות. די עלטערן האָבן זיי ניט געלאָזט נעמען. זיי זענען געשטאַנען אַ פּאָר מינוט, געקוקט דאָ אויף די רייפע פּרוכטן, וואָס האָבן זיך געררויטלט אונטער דער הייסער זון, דאָ אויף דער אַרויסגעוואָרפענער מענטשן־מאַסע, געדרייט אין שווידער מיט די קעפּ און געפאָרן ווייטער.

באַלד האָט זיך פאַרשפּרייט די נייעס, אַז פעלד־אַרבעטער מיט זייערע פאַמיליעס ליגן אויפן אָפענעם וועג אונטער דער ברענענדיקער זון, און עס איז אויפגעקומען דער געדאַנק, אַז עפּעס מוז געטאָן ווערן צו באַזאָרגן די שטרייקער מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ און מיט שפּייז פאַר זיי און די קינדער. אויך די לאָקאַלע צייטונגען פון די אַרומיקע שטעטלעך זענען אַרויס מיט אַ רוף צו זייערע לייענער, זיי זאָלן וואָס גיכער שאַפן הייזער און שפּייז פאַר די אַרויסגעוואָרפענע פאַמיליעס, וועמעס קינדער עס לײַדן אומשולדיקערהייט.

איידער די זון איז פאַרגאַנגען יענעם הייסן אויגוסט־טאָג, זענען גע־וואָרן דירות און שפּייז, פון וועלכע די שטרייקערס מיט זייערע משפחות האָבּ פריער ניט געוווסט. — „מען מוז האָבן מעדיצין, שפּייז און מילך פאַר די קינדער. אַ סך פון זיי זענען קראַנק געוואָרן פון היץ זיצנדיק אַ גאַנצן טאָג אונטער דער זון״ — האָבן די שטעטלדיקע שפּייז־קאָמיטעטן געמאָנט פון די פאַרמער. זיי זענען געגאַנגען נאָך הילף אַפילו צו די רייכע פאַרמער, קעגן וועלכע ס׳איז אָנגעגאַנגען דער שטרייק.

פיל פּאָרטוגעזישע פאַרמער־פרויען האָבן פרום געווישט די אויגן „פאַר די זינד פון זייערע עלטערן לײַדן נעבעך די קינדער״ — האָבן זיי געזאָגט און געגעבן פון דער ברייטער האַנט גרויסע קאַנען מילך, קעז און פּוטער און אַפילו קליינגעלט אויף מעדיצין.

די מאָראַל פון די שטרייקנדיקע איז געווען אַ געהויבענע. די פעלדער, גערטנער און סעדער זענען געווען פּוסט פון דער שטענדיק פילפאַרביקער אַרבעטער־מאַסע: ווייסע אַמעריקאַנער, ברוין־הויטיקע מעקסיקאַנער, נע־

גערס, פיליפינער, אַלע זענען געווען עקשנותדיק איינגעשפּאַרט — „זאָל דער קראַפּ (ניט געשניטענע תבואה) פוילן! מיר גייען ניט צוריק אין די פעלדער ביז דער שטרייק וועט געוווּנען ווערן! אַ דאָלאַר אַ שעה אַנשטאָט 75 סענט און בעסערע סאַניטאַרע באַדינגונגען! מיר ווילן זיך ניט לאָזן אָפּשרעקן פון די רייכע פאַרמערס און פון זייערע טענות, אַז קאָמוניסטן שטייען הינטערן שטרייק, ווען גייט אַן אַ נאָמען? אויב אימיצער וויל העלפן געווינען דעם שטרייק, אדרבא!" — זייער לשון, ווי זייערע לייווענטענע אָפּגעטראָגענע קליידער, זענען געווען פּראָסט און פּשוט.

אָבער די אַגריקולטור־קאָמפּאַניעס און פאַרמער האָבן זיך יאָ געשראָקן פאַר דעם נאָמען „קאָמוניסטן". ווער זענען זיי? ווער זענען די נייע פּנימער, וואָס האָבן זיך מיטאַמאָל באַוויזן אין שטעטל? ווי די היישעריקן זענען זיי באַפאַלן די צוויי גרעסטע אַגריקולטור־וואַליס, אונדזערע, די סאַן זשאָקווין, און אימפּעריאַל וואַלי. עס גייט זיי פּשוט אין לעבן צו געווינען דעם שטרייק לטובת די אַרבעטער: „די אָפּגעריסענע, ניט ראַזירטע אַגיטאַטאָרן זאָגן אונדז וויפל מיר זאָלן צאָלן אונדזערע אַרבעטער! אין וועמעס הייזער שטייען זיי אין? ווער האַלט זיי אויס?" — האָבן זיי געשריען.

און כאָטש זיי האָבן געוווּסט די ענטפערס אויף זייערע פראַגן, איז געקומען די פּרעסע און זיי אַרויסגעהאָלפן: דאָס זענען פרעמדע פון די גרויסע שטעט, אַגיטאַטאָרן, וואָס העצן די פעלד־אַרבעטער צו שטרייקן. עס איז די פּאַטריאָטישע פליכט פון די בירגער אין אונדזער שטעטל טולאַר צו פאַרטרייבן זיי פון אונדזער אָרנטלעכן פאַרמער־ראַיאָן צוזאַמען מיטן „מיערטשענט" (ביזנעסמאַן) וואָס האַלט זיי אויס...

באַלד האָט זיך פאַרשפּרייט די נייעס אין שטעטל, אַז ישראל, דער ייד פון דער גרויסער קראָם אויף מעין סטריט (הויפּט־גאַס), איז אַ קאָמוניסט, זיין ווייב איז ניט לאַנג צוריק געקומען פון אַ לענגערן באַזוך אין „ראָשע", אַז זי באַקומט באַפעלן פון מאָסקווע אָנצופירן שטרייקן און צוצוגרייטן אַמעריקע צו אַ רעוואָלוציע און אַז דער קאָמוניסט פּעטריק מאַלאַן, דער שטרייק־פירער מיט זיין יונגער סעקרעטאַרשע ריטאַ, שטייען איין ביי זיי אין הויז. זייער טיר איז שטענדיק אָפן פאַר פרעמדע אַגיטאַטאָרן און קאָמוניסטן.

אַז די נייעס איז געקומען צו ישראלס אויערן, איז ער געוואָרן אויסער זיך. — „מיר זענען רואינירט! מיר קאָנען זיך שוין איינפּאַקן!" — איז ער געקומען צו לויפן אַהיים אַ דערשלאָגענער, ווי דער באָדן וואָלט זיך איינגעבראָכן אונטער זיינע פיס.

— מה רעש, וועלן מיר גיין קליבן פיטשעס (פערשקעס), האַקן ביינוול, — פּרובירט שרה אים באַרואיקן. דאָס מאַכט אים נאָך מער אויפגערעגט, וואָס זי נעמט אָן די לאַגע שפּאַסיק. זאָגט ער:

— די פאַרמער וועלן דיך פאַרשיטן מיט פעדערן און סמאָלע און אַרויס־טרייבן פון שטאָט! — זי האָט געקוקט אויף אים מיט פאַראַמונג און רחמנות. געוואָלט עפּעס זאָגן וואָס זאָל האָבן אַ שטאַרקע ווירקונג אויף אים. אָבער פלוצלינג האָט אַ קלאַפּ אין טיר איבערגעריסן אירע געדאַנקען:

— אָ, טאָם, קאָרי, גלעדיס, געקומען פּונקט אין דער צייט... קומט אַריין — האָט זי ברייט צעעפנט די טיר פאַר אירע איירישע פריינט.

— איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איזראַעל איז ניטאָ אין קראָם, איז עפּעס ניט גוט — און ער האָט געפאָרשט ישראלן מיט זיינע אַלטע אויגן, אין וועלכע עס האָט אויפגעבליצט פון צייט צו צייט אַ יונג פייערל.

— גוטע ווערטער, ברודער, האָבן זיי דיר צוגעטיילט — אַ קאָמוניסט. דו העלפסט שטרייק־פירער. דאָס איז אַ קאָמפּלימענט. — און ער האָט אַרויפגעלייגט זיין שאַרסטקע פאַרמערישע האַנט אויף ישראלס אַקסל.

— אַ קאָמפּלימענט, פאַר וועמען? פאַר אַ יידן?

— ווו איז פּעטריק? — מאַכט ער זיך ניט הערנדיק זיין ענטפער.

— ער איז געפאָרן קיין פּיקסלי (אַ פאַרשטעטל). ער רעדט היינט אָוונט פאַר די שטרייקערס — האָט געזאָגט שרה.

— ווייסט דאָך, אַז די „אַסאָסייטעד־פאַרמער (אַ בונד פון רייכע פאַר־מער) זענען אויפגעצאַרנט, זיי גייען אַרום מיט אָנגעלאָדענע רעוואָלווערן.

— די שטרייקער היטן זייערע פירער. האָט ניט מורא — האָט זי אים באַרואיקט.

— גלעדיס, מירן צופאָרן אין פּיקסלי צום מיטינג. אויב ס'וועט זיין טראָבל (צרות), וועל איך אפשר קאָנען העלפן.

— דעדי (פאָטער), מיר זענען שוין אַלט. די שטרייקער דאַרפן יונגע

מענטשן, ווי פּעט, ריטאַ. — האָט גלעדיס געזאָגט מיט אַ פאַרדריסלעך סודותדיקן שמייכל אויפן צעקנייטשטן אויסדרוקפולן פּנים.

און ווי ער וואָלט אויפגעכאַפּט אירע געדאַנקען, די בענקשאַפט נאָך זייערע יונגע רעוואָלוציאָנערע יאָרן, האָט ער געזאָגט:

— נישקשה, מיר קאָנען נאָך זיין נוצלעך. — און אין זיין נאַטירלעכער באַרעדעוודיקייט האָט ער דערציילט, אַז עס זענען דאָ דריי מיליאָן אַגריקולטור־אַרבעטער אין אַמעריקע, 175 טויזנט אין קאַליפאָרניע. זיי לעבן אין דחקות, ווערן אומברחמנותדיק עקספּלואַטירט פון די אַגריקולטור־מאַגנאַטן און היימישע רייכע פאַרמער. זיי אַרבעטן מיט ווייב און קינדער צו צען שעה אַ טאָג אונטער אַ זון פון איבער 90 גראַד ביים גראָבן קאַרטאָפל, האַקן ביינוול, בוריקעס, רייסן פּרוכט פון די ביימער. די אַרבעט איז אַ קאַטאָרזשנע. מען וווינט אין ליידונטענע ביידלעך, אין אַלטע פאַרלאָזענע אָמניבוסן, „שעקס" (חורבות), היינער־שטייגן מיט זעקס און אַכט קינדער. זיי האָבן ניט קיין שטים־רעכט, ווייל זיי שטייען ניט אויף איין פּלאַץ, נאָר וואַנדערן. זיי זענען ניט באַרעכטיקט ניט צו קיין סאָציאַלע און ניט צו קיין אַרבעטער־פאַרזיכערונג. זייערע קינדער זענען די סאַמע פאַרנאַכלעסיקטע אין לאַנד וואָס שייך בילדונג. איז דען אַ וווּנדער, אַז זיי זענען אַרויס אין שטרייק? פופציק יאָר האָב איך געוואָרט אויף דעם!

טאַם האָט אָנגעצונדן זיין פאַרלאָשענע ליולקע און זיך פאַרטראַכט.

— דעדי, האָסט זיך צערעדט ווי אין די אַלטע „וואָבלי־צייטן" („אינדוסטריעלע אַרבעטער פון דער וועלט", אַן אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע). פאַרגעס ניט וועגן וואָס מיר זענען געקומען אַהער — דערמאָנט אים גלעדיס.

— איז דאָך פּעטריק ניטאָ אין שטוב — האָט געזאָגט טאַם.

— דערצייל. סטעלאַ וועט אים איבערגעבן — איילט אים צו גלעדיס, ווי שטענדיק ווען ער פאַררעדט זיך.

— אַ הייסער טאָג היינט — זאָגט ישראל און שטעלט אַרויף אויפן טיש אַ קרוג קאַלטע וואַסער מיט גלעזער. — טרינקט און באַמיט זיך ניט אַרויסצוווייזן קיין אומגעדולד.

אָפּגעפרישט זיך מיטן קאַלטן טרונק האָט טאַם אָנגעהויבן דערציילן:

— פֿאַר די לעצטע פּאָר טעג זענען אַריינגעקומען אין קאָקראַן, ווו מיר וווינען, דריי הונדערט פֿאַמיליעס. שטרייקער פֿון אַרומיקע געגנטן האָבן געהערט פֿון שפּייז־קאָמיטעט וועגן דער הילף וואָס מיר גיבן די שטרייקער, זענען זיי געקומען. אייניקע אין אַלטע „טשאַליאַפּעס" (אויטאָס), אַ סך צופֿוס. סינגל־לייט (ניט פֿאַרהייראַטע) און אַ הונדערט פֿאַמיליעס מיט קינדער. דריי שוואַנגערע פֿרויען, איינע „אויף דער צייט". מיט זיי איז אַ פּראָבלעם. כ'האָב זיך דורכגערעדט מיט מיין שכן דזשעק מאָרגאַן, אַ מעכאַניקער, וואָס אַרבעט אין שטאָט. ער האָט אַ גרויסן לידיקן שטח לאַנד. ער לאָזט אים זיי נוצן ביז איבערן שטרייק. אין משך פֿון אַ האַלבן טאָג זענען די שטיינער און ווילדגראָז געוואָרן אָפּגערייניקט. עס שטייען שוין דאָרטן לייוונטענע ביידלעך און צייטווייליק אויפֿגעקלאַפּטע הייזקעס פֿון בלעך, וואָס די שטרייקער האָבן געבראַכט פֿון „גרעיוו יאַרד" (אַ בית־הקברות פֿון צעבראָכענע אָמניבוסן). מיט שפּייז העלפֿט אַרויס די פֿאַרמער־באַפֿעלקערונג. אַלץ וואָלט געווען גוט, קומט די שטעטלדיקע היגיענע־אַדמיניסטראַציע און גיט אַ טערמין פֿון 24 שעה אויף אָפּליידיקן דעם פּלאַץ, אָדער מאַכן היגיענישע איינריכטונגען. דאָס מיינט: אונטערערדישע רערן, וואַסערלייטונג און אָפּטריטן — זאַכן, פֿון וועלכע די וואַנדערנדיקע פֿעלד־אַרבעטער האָבן קיין מאָל ניט געוווּסט — האָט געזאָגט טאָם.

— מאָרגן פֿרי ענדיקן זיך די 24 שעה. עפּעס מוז גלייך געטאָן ווערן — זאָגט גלעדיס באַזאָרגט.

— די אַרבעטער זענען קלוג. זיי וועלן שוין עפּעס צוטראַכטן — זאָגט ישׂראל, קוקט אויף זיין האַנט־זייגערל און איז אַוועק צוריק אין קראָם.

— נאָך היינט ביי נאַכט, ווען פּעט וועט קומען פֿון מיטינג וועט עס מוזן באַזאָרגט ווערן — האָט שׂרה געזאָגט און געטראַכט פֿון אַ שלאָסער און פֿון אייזערנע רערן אין לעוויס אייזן־קראָם.

— זאָלן פּעט און ריטאַ קומען מאָרגן. די שטרייקער ווילן זיי זען. — און זיי האָבן זיך חבריש געזעגנט און פֿאַרלאָזן דאָס הויז.

שפּעט אין אָוונט, ווען פּעט איז געקומען אין באַגלייטונג פֿון הויכן, דאַרן דזשים, דעם פֿעלד־אַרבעטער, האָט זי שׂרה ניט דערקענט. ביידע זענען געווען אויפֿגערעגט, צערודערט, די פּנימער בלאַס. פּעט, דעם קאָפּ

געבויגן, איינגעקאָרטשעט, האָט ער אויסגעזען נאָך קלענער פון זיין קליינעם וווּקס.

— וואָס האָט פּאַסירט? — איז זי שרה אַנטקעגן געקומען.

זיי האָבן געשוויגן.

זי האָט פּאַרדעכטיקט אַ שלעכטע בשורה, איז זי צוגעשטאַנען.

— פּאָליציי? „ווידזשילענטיס״? (אָרגאַניזירטע קולאַק־פּאַרמער).

— מערדער! זיי האָבן דערשאָסן דאַווילאַ און פערנאַנדעס! — האָט פּעט געקריצט מיט די ציין. — די ווידזשילענטיס האָבן געצילט אין פּעטן. די צוויי מעקסיקאַנער אַרבעטער זענען צוגעלאָפן, כדי אים צו באַ־שיצן און זענען געפאַלן טויט — האָט געזאָגט דזשים מיט אַ געבראָכענער שטימע.

— די ערשטע שטרייק־קרבנות. זייערע פרויען, קינדער, ווייסן שוין?

— האָט געפרעגט שרה.

— זייערע פאַמיליעס וווינען דאָ אין שטעטל, זיי ווייסן נאָך ניט. מיט אַ שעה צוריק האָט דאָס פּאַסירט. פּעט איז געשטאַנען אויף דער פּלאַט־פאָרמע, גערעדט פאַר די שטרייקער. פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ שיסע־ריי. עס זענען צוגעקומען פּאַרמער מיט מאַסקעס אויף די פּנימער, און קוילן זענען געפלויגן אין אַלע זייטן. די צוויי זענען געפאַלן טויט. עט־לעכע זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן. — עס איז געווען קאָנטיק, אַז דער שוידער האָט נאָך אים ניט פאַרלאָזן.

— האָט מען געכאַפּט די מערדער? ווו איז געווען די פּאָליציי?

— ווער זאָל זיי כאַפּן? די פּאָליציי האָט זיך נישט געאיילט. די מערדער זענען פאַרשווּנדן אין דער פינצטערניש, ווי די נאַכט וואָלט זיי פאַרשלונגען.

עטלעכע מינוט האָט געהערשט אַ געדריקטע שטילקייט. דערנאָך האָט זיך דזשים אויפגעהויבן פון אָרט, אַרויפגעלייגט די מאָזאָליעדיקע האַנט אויף פּעטריקס אַקסל און געזאָגט:

— מאָרגן וועלן מיר זיך זען.

— דזשים, וואַרט אַ מינוט — און שרה האָט דערציילט אין איין אָטעם, אַז טאָם קוירני איז דאָ געווען מיטן ווייב, אַז ס׳איז דאָ אַ באַפעל צו די

שטרייקער צו מאַכן סאַניטאַרע איינריכטונגען, אָדער צו פאַרלאָזן דעם קעמפּ אין משך פון 14 שעה.

— ווער זאָרגט זיך דאָס אַזוי פאַר די היגיענישע באַדערפעניש פון די שטרייקער? — פרעגט דזשים.

— די שטאַט־אַדמיניסטראַציע און די סאַניטאַרע אָפּטיילונג, — האָט שרה געזאָגט מיט באַהאַלטענעם סאַרקאַזם.

זיי האָבן זיך איבערגעקוקט מיט שטומע בליקן, ווי זיי וואָלטן אָנגענומען עפּעס אַ באַשלוס.

— קום! — האָט זיך פּעט אויפגעהויבן — מיר וועלן צופאָרן אין פרעזנאָ. איך קען דאָרטן אַ שלאָסער־אַרבעטער; אייזערנע רערן וועלן מיר אויך באַקומען. דער שטרייק טאָר זיך לאַנג ניט פאַרציען, אָדער ער איז אַ פאַרפאַלענער.

— קיין פרעזנאָ איז 40 מייל, אַ האַלבע שעה פאָרן, מירן אויפוועקן פריינד לעווי, ער וועט אונדז אויסבאָרגן אייזערנע רערן — האָט זיך שרה געמאַכט פאַרטיק צום פאָרן.

— גיי שלאָפן, סטעלאַ, מיר וועלן שוין דאָס באַזאָרגן. איזי (ישראל) וועט זיין אין כעס אויף דיר — שמייכלט פּעט הינטער פאַרמאַכטע ליפּן.

— איך פאָר מיט. פאַרשטייסט, לעווי און איך רעדן די זעלבע שפּראַך. עס וועט אָנקומען גרינגער עפּעס אַרויסצוציען פון אַ ביזנעסמאַן.

פּעט האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: יאָ, ער פאַרשטייט. ער ווייס די מורא פון די יידישע מענטשן, זייער קעגנערשאַפט צו ישראלן פאַר לאָזן דאָס ווייב זיך מישן אין שטרייק: „דער צאָרן פון די פאַרמער, וועט זיך אויסגיסן אויף אַלע יידישע ביזנעסלייט, ניט נאָר אויף אונדז", האָט ער געהערט ישראלן זאָגן.

*

מיטן זון־אויפגאַנג זענען שוין די וואַסער־רערן געווען דורכגעלייגט אונטער דער ערד פון דעם 50־אַקערדיקן קעמפּ. גאַסן זענען „צעשניטן" געוואָרן צווישן ביידלעך און כאַטקעס. אַ קאָמיטעט פון פרויען האָט זיך געשאַפן כדי צו האַלטן ריין די גאַסן. יונגע ברייטפּלייציקע שטרייקער

זענען געוואָרן קעמפּ־פּאָליציאַנטן, געהאַלטן אַן אויג ווער עס קומט אַריין און נאָך וואָס. אַ גרופּע יונגע מיידלעך האָט אויפגעפּאַסט אויף די קליינע קינדער. עס איז געוואָרן איינגעאָרדנט אַ געפּלאַסטערטע פּלאַטפאָרמע צום טאַנצן. אין די אָוונטן האָבן זיך די עלטערע אַרבעטער אויסגעזעצט אויף קאַסטנס, אויף דער האַרטער ערד, געקליבן נחת פון די יונגע פּאָרלעך, וואָס האָבן געטאַנצט צום טאַקט פון אַ האַרמאָניקע, פּייפל־ און פּיקל־מוזיק. דער יונגער טאָני גאָנזאַלעס, האָט אויף די לייוונטענעביידלעך געמאָלט בילדער פון טאַנצנדיקע מיידלעך, פון זון־פאַרגאַנג און גרינע פעלדער. עלטערע פּרויען האָבן געהאָלפן קראַנקע, ווו און ווען ס׳האָט זיך געפאָדערט. די אַקושערקע סוזי פאַקס איז געווען פאַרנומען מיט דער קינפּעטאָרין און מיט דעם ניי־געבוירענעם קינד, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן איבערן גאַנצן קעמפּ.

*

די זון האָט געברענט, די ערד האָט געפּרייכט מיט היץ, דאָס גערע־טעניש אין די גערטנער, סעדער און פעלדער האָט געוועלקט. די פאַרמער זענען געווען ווילד פאַר כעס, די קרעמער זענען געזעסן אין די קראָמען מיט פאַרלייגטע הענט: „ניטאָ קיין ביזנעס״, האָבן זיי זיך געקלאָגט. די לאָקאַלע צייטונגען זענען אַרויס מיט אַ טומל: די פּרוכטן פוילן, די שטריי־קער האָבן אַ „גוד טיים״ (אַ גוטע צייט).

סאַן זשאָקין וואַלי איז געגאַנגען אויף רעדלעך.

די נייעס, אַז „ווידזשילענטיס״ האָבן דערמאָרדעט צוויי אומשולדיקע פאַרם־אַרבעטער אין סאַן זשאָקווין־וואַלי, האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט און איז אָנגעקומען צו דער שטודירנדיקער יוגנט אין די אוניווערסיטעטן. ווי אַן אַקט פון פאַרדאַמונג קעגן דעם גרויסן פאַרברעכן, האָט אָנגעהויבן אַריינפליסן מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף פאַר די שטרייקנדיקע.טראַק־לאודס (אָמניבוסן) שפּייז, קליידער און מעדיקאַמענטן. עס איז אָנגעקומען אַ צאָל אינטעלעקטועלע, סטודענטן, וועלכע זענען אַרומגעגאַנגען צווישן די שטרייקער מיט נאָטיץ־ביכלעך אין די הענט און זיי האָבן געשריבן, ווי

דאָס וואָלט געווען פֿאַרבונדן מיט זייערע לימודים. אַט די צוקונפֿטיקע אַדוואָקאַטן, פּסיכאָלאָגן, עקאָנאָמיסטן, האָבן גרינטלעך שטודירט דאָס לעבן פֿון די פֿעלד־אַרבעטער, וועלכע שטייען אויפֿן סאַמע נידעריקסטן שטאַפּל פֿון עקאָנאָמישן לייטער.

לויט דער אינפֿאָרמאַציע, וואָס זיי האָבן באַקומען פֿון די שטרייקער, זענען זייערע שכירות אַ דריטל פֿון די שכירות וואָס עס באַקומען די אינ־דוסטריעלע אַרבעטער. זיי דאַרפֿן צאָלן זייער אייגענע טראַנספּאָרטאַציע איבער דער לענג און ברייט פֿון אַמעריקע צו און פֿון דער אַרבעט. ס'איז אַ סעזאָן־אַרבעט פֿון 7 ביז 9 חדשים אין יאָר, ווינטער־צייט באַשטייט זייער דיעטע פֿון בעבלעך און חזיר־פֿעטס. חוץ די און אַנדערע טרוקענע פֿאַקטן, באַרימט זיך איין סטודענט, האָט ער געלערנט פֿון זיי וואָס ער קען ניט קריגן פֿון די פּראָפֿעסאָרן־לעקציעס אויפֿן אוניווערסיטעט; ער האָט גע־לערנט ווי ליב צו האָבן דאָס לעבן, ווי צו קעמפֿן פֿאַרן לעבן, ווי צו דער־קענען דעם אמת און זיין אמתדיק. ער האָט זיך געלערנט פֿון די ניט געלערנטע, וואָס אַ סך פֿון זיי קענען ניט לייענען און שרייבן.

אַ צווייטער סטודענט, וועלכער איז מיט יאָרן שפּעטער געוואָרן אַן אַד־וואָקאַט, האָט געזאָגט, אַז נאָכדעם ווי ער האָט באַזוכט די שטרייקער, גע־רעדט מיט זיי און מיט זייערע פֿאַמיליעס, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז עס באַשטייט אַ פֿיזישע ענלעכקייט צווישן זיי אַלעמען. זיי אַלע האָבן פֿאַר־האַרטעוועטע, אָפּטימיסטישע, אָפּגעצערטע פּנימער (ספּעציעל די מענער) און זיי געפֿינען זיך אין שטענדיקער באַוועגונג.

נאָך צוויי טעג „פֿאַרש־אַרבעט" האָבן די סטודענטן געהאַט אַ געהיימע זיצונג מיטן שטרייק־אָנפֿירער פּעט. זיי האָבן געלויבט די זעלבסטפֿאַר־וואַלטונג פֿון די שטרייקער אין קעמפּ, זייער ווירדיקע האַלטונג, דאָס אָנט־זאָגן די פֿאַרמער און קאָמפּאַניע־באַלעבאַטים צו פֿאַרהאַנדלען וועגן דעם שטרייק:

— פֿאַרהאַנדלט מיט פּעטריקן, ער איז אונדזער פֿאַרטרעטער — און זיי האָבן געשיקט צו דיר. זאָגט אַ יונגער סטודענט מיט באַבריליטע אויגן, וואָס האָט ניט אַרויסגעלאָזט דאָס נאָטיצביכל פֿון דער האַנט.

דער פּלאַן פֿון די „ווידזשילענטיס" איז געווען צו דערמאָרדן דעם

שטרייק־פירער און צו ברעכן דעם שטרייק — האָט פּעט געזאָגט און געבויגן זיין שוואַרצן קאָפּ האַר פאַר די קרבנות.

איידער די סטודענטן זענען אַפּגעפאָרן, האָבן זיי געהאַט אַ שמועס מיטן ליבעראַלן גלח, וועמעס קירך האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטרייקער־„העדקוואַדערס״ (הויפּט־קוואַרטיר). אין הינטערגרונט פונעם טונקעלן צי־מער זענען געווען אָנגעוואָרפן ביז צו דער סטעליע אַלטע מלבושים, שיך און שפּייז אין בלעכענע פושקעס; אין פאָדערגרונט, ביי אַ טישל איז גע־זעסן דער הויכער גלח מיט דער איינגעבויגענער פּליצע איבער הייליקע ביכלעך און פאַמפּלעטן וואָס לערנען, אַז יעזוס כריסטוס מיט זיינע אַפּאָס־טאָלן זענען געווען סאָציאַליסטן. ער גייט אין זייערע וועגן און דערפאַר גיט ער זיין הילף פאַר די שטרייקער. זיין ווייב, די שמייכלדיקע, פעטלעכע מערי, וואָס קליידט זיך ווי אין מיטלאַלטער, האָט האַלוצינאַציעס. זי דער־ציילט, אַז זי שלאָפט מיט דער ביבל אין האַנט, טרוימט וועגן יעזוס כריס־טוס, אָטעמט מיט זיין אָטעם. דאָס פּנים אירס איז אויפגעשיינט, די אויגן פאַרגלאָצט, די הענט האַלט זי הויך איבערן קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך מיט „אים״ פאַרבונדן. ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז די וועלט האָט עקזיסטירט מיליאָנען יאָרן נאָך פאַר כריסטוסעס געבורט, האָט זי צוזאַמענגעבראָכן און געוויינט ווי אַ קינד. אויך זי האָט געהאָלפן די שטרייקער מיט שפּייז.

די שטעטלשע פרויען, רעליגיעזע און פאַרגעשריטענע, האָבן מאַטע־ריעל אַ סך מיטגעהאָלפן. דעם גרעסטן בייטראָג האָבן געמאַכט די שטריי־קערינס אַליין. שטילע, געהאַרכזאַמע פעלד־אַרבעטערינס זענען געוואָרן רעדנערינס; אייניקע זענען געוואָרן קעכינס, געפּפנט אַ קיך, פאַרטיילט שפּייז פאַר פאַמיליע־שטרייקער, שפּייז וואָס איז טעגלעך אָנגעקומען פון די גרויסע שטעט. צוזאַמען מיט זיי האָבן מיטגעאַרבעט מיידלעך און בחורים, דערפאַרענע אין אַרבעטער־קאַמפן, אין שטרייקן, וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט דאָס לאַנד. זיי האָבן דערמוטיקט די שטרייקער מיט זייערע רעדעס, געהויבן די מאָראַל, די מענטשלעכע ווירדע.

— דאָס זענען די ערשטע מענטשן, וואָס האָבן גערעדט צו אונדז ווי גלייכע צו גלייכע — האָט מען געהערט שטרייקער ריידן. עס האָט זיך זיי קוים געגלייבט, אַז זיי, די פּשוטע, רוקן־געבויגענע, דערשלאָגענע, זענען

פעאיק אויף זעלבסטדיסציפלין, ווי זיי האָבן דאָס באַוויזן אין שטעט, קאָקראַן און אין אַנדערע קעמפּן.

אין אָוונט פלעגט פּעטריק האַלטן לעקציעס פאַר די שטרייקער אין וויקערס קיד, וואָס האָט געדינט אַלס אַ שטרייקער„העדקוואַדערס". גערעדט האָט ער צו די אַרבעטער אין זייער שפּראַך:

— ווייסט איר פאַרוואָס אייער מערכה איז אַזאַ פינצטערע? איר האָט צו לאַנג געוואַרט מיטן שטרייק, צו לאַנג געלאָזט זיך עקספּלואַטירן פון די אַגריקולטור־מאַגנאַטן און היימישע רייכע פאַרמער. זיי זענען אַנטשלאָסן ניט צו דערלאָזן אייך צו אָרגאַניזירן די ניט־אָרגאַניזירטע אַגריקולטור־אַרבעטער. זיי האַלטן פאַר זיך דאָס רעכט צו זיין אָרגאַניזירט, אָבער זיי דערלאָזן אייך דאָס ניט. ווען איר וועט אויסקעמפן פאַר זיך אַ יוניאָן, וועט איר ניט אַרבעטן צען שעה אַ טאָג מיט ווייב און קינדער אין די פעלדער פאַר אַ הונגער־לוין. דער קאָנטראַקטער (וואָס דינגט אָן אַרבעטער) וועט ניט באַשליסן ווער עס זאָל דעם טאָג אַרבעטן און ווער עס זאָל בלייבן אַרבעטלאָז, הונגערן. אַנשטאָט קנאה צווישן אַרבעטער, וועט זיין אייניקייט, גערעכטע איינטיילונג פון אַרבעט. ס'וועט זיין אַ — — —

ער האָט ניט פאַרענדיקט דעם זאַץ. עס איז געוואָרן אַ גערודער צווישן די אַרבעטער:

— דורך דער הינטערטיר, פּעט! — האָט דזשים אַ ווונק געטאָן צו אים מיט די אויגן. פּעט האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

— זאָלן זיי מיך קומען נעמען — איז ער געבליבן זיצן רואיק. ריטאַ, וועלכע איז געזעסן נעבן אים און געשריבן, האָט שנעל צעריסן דאָס פאַרשריבענע פּאַפּיר. די שטרייקער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער פאָדערשטער טיר כדי צו באַשיצן זייערע פירער. צוויי פּאָליציאַנטן האָבן ברוטאַל אָפּגעשטופּט די צוויי־הונדערט־קעפּיקע מאַסע, זיך אַ קער געטאָן צו פּעטן און ריטאַן:

— איר זענט אַרעסטירט, — האָט איינער געזאָגט און געיאָגט זיי אין דרויסן צום אויטאָ.

— אין וואָס באַשטייט די אָנקלאַגע קעגן זיי? — האָט דזשים געמאָנט. דער פּאָליציאַנט האָט געוויזן אַ באַשייניקונג. דזשים האָט איבערגע־

לייענט די אַרבעטער זאָלן הערן: „קרימינאַל־סינדיקאַליזם" (באַלשעוויזירן, נאַציאָנאַליזירן). די אַרבעטער האָבן ניט פאַרשטאַנען דאָס וואָרט: „סינדיקאַליזם". צעשטורעמטע, מיט געביילטע פויסטן האָבן זיי געמאָנט זייער קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט פון פרייהייט צום רעדן און פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען.

*

די נאַכט איז צוגעפאַלן. מילדע ווינטלעך האָבן געבלאָזן, צעטראָגן אין דער לופטן מאַראַנצן־דופט פון די אַרומיקע ציטרוס־סעדער. ניט ווייט פון ישראלס וווינונג האָט זיך געטראָגן אַן אַנדער סאָרט ריח — אַ שטיקנדיקער רויך. די אַלטע „פרוכט פּאַק־הויז" האָט זיך געסמאַליעט. פון רויך איז געוואָרן אַ פייער. פלאַמיקע צונגען האָבן אַרומגענומען דאָס הילצערנע הויז, באַלויכטן די גאַנצע געגנט. איידער דאָס שטעטל האָט זיך אויסגעטשוכעט פון שלאָף, איז אַרויסגעקומען די לאָקאַלע צייטונג און געמאָלדן: קאָמוניסטן האָבן פאַרברענט דעם פאַרמער דזשאנס פּאַק־הויז.

אין דער פרי איז געקומען דזשים מיטן ווייב, זיי האָבן געפונען ישראלן און שרהן באַזאָרגטע.

— זיי האָבן אייך דאָ געמאַכט ליכטיק, — האָט דעלאַ געזאָגט. איר שטאַלטנע פיגור, איר גוטמוטיקער שמייכל אויף איר פון זון־פאַרברוינטן אָפענעם פנים, האָט זיי אויפגעמונטערט.

— פון די דאָזיקע באַנדיטן קאָן מען אַלץ דערוואַרטן — האָט ער איגנאָרירט די פּראָוואָקאַציע פון ביינאַכטיקן פייער. און ווענדנדיק זיך צו ישראלן האָט ער געזאָגט: — מיר זענען געקומען זיך דורכשמועסן וועגן איינלייגן „בעיל" (איינלייגן ווערטפאַפּירן־געלט) פאַר פעטן און ריטאַן.

אַלע האָבן געקוקט אויף ישראלן. זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז עס שטייט אים פאָר צו ריזיקירן מיט זיין פרנסה, אפשר אויך מיטן לעבן...

— איך האָב געהערט, אַז זיי זענען אין אימפּעריאַל־וואַלי־תפיסה. אַ ביטערע לאַגע — האָט ישראל געזאָגט.

שרה האָט געלייענט זיינע געדאַנקען, וועלכע זי הערט אים אָפט איבערחזרן: „מען קאָן זיך שוין איינפּאַקן".

— די יונגע העלדישע שטרייק־פירערין ליזע נוימאַן איז דאָרטן

אַרעסטירט געוואָרן פאַר קרימינאַל־סינדיקאַליזם. קלאַראַ דאַן און ליל קינדמאַן זענען אַרעסטירט געוואָרן אונטער דער אָנקלאַגע פון „וועיגרענסי״ (אַרומשלייען זיך אויף די וועגן), שטרייקער זענען אַרעסטירט געוואָרן פאַר פאַרשידענע אָנקלאַגעס. זיי אַלע געפינען זיך אין תפיסה. שפּעטער וועלן זיי געמשפּט ווערן. דערווייל מוז מען האָבן „בעיל״. פאַר יענע זאָרגט די איי־על־די־אָרגאַניזאַציע פון לאָס אַנדזשעלעס. מיר מוזן באַפרייען אונ־דזערע איידער די פאַרמער וועלן ברעכן דעם שטרייק. וואָס זאָגסטו ? — האָט דזשים געפרעגט און זיך אויפגעהויבן פון אָרט.

— איך פאָר מיט דיר, דזשים, — האָט ישראל זיך ראַפּטאָם אַ הייב געטאָן פון פּלאַץ. שוין זיצנדיק אין אויטאָ מיט דזשימען און דעלאַן, האָט ער געזאָגט :

— שרה, גיי אין סטאָר און גיב אַכטונג, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג.

פאַרנאַכט איז דזשים געקומען, געבראַכט פּעטן און ריטאַן, צייטווייליק באַפרייטע פון תפיסה. די אַרבעטער האָבן זיך געפרייט מיט זיי ווי מיט אַן אייגענער משפחה ; זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן האָבן אַ שומר, ווו זיי שטייען און גייען.

שפּעט אין אָוונט איז אַראָפּגעקומען אַ קאָמיטעט פון דריי יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך. זיי זענען געווען שרעקלעך אויפגעבראַכט אויף ישראלן :

— ווי לאָזט מען דאָס אַ ווייב, אַ יידישע פרוי, אַרומלויפן מיט שטרייקערס ? ס'איז אַ שאַנדע און אַ ווייטיק. ווו איז דאָס געהערט געוואָרן ? דיין שרה וועט די גאַנצע יידישע געמיינדע פון וואַלי ברענגען אויפן פייער. ס'איז שוין דאָ אַנטיסעמיטיזם צווישן די פאַרמער, זיי באַיקאָטירן אונדזערע קראָמען — האָט געשריען אַ מיטליאָריקער ייד פון אַ מעבל־קראָם.

— ס'איז מיין פּריוואַטע זאַך, — האָט ישראל געזאָגט פאַרשולדיקט, אָבער רואיק. ער האָט געעפנט די טיר פון קראָם זיי זאָלן גיין.

— דאָס איז אונדזער אַלעמענס זאַך ; דו ווייבערישער מאַן... לאָזט זיך פירן פון אַ פרוי — טפו ! — האָבן זיי אויסגעשפּיגן און זענען פאַרשוווּנדן אַז קיינער זאָל זיי ניט זען.

## געווונען דעם שטרייק

דער שטרייק האָט זיך פאַרצויגן. די אַרבעטער זענען געוואָרן אומרואיק. עס קומען אָן אַרטיסטן פון האָליוווּד מיט זייערע פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן, זיי נעמען אַרונטער בילדער פון קעמפּ, ביידלעך, שעקס, פון די האַלב־נאַקעטע, באָרוועסע קינדער, טיילן זיי אויס נדבות.

— אַ בייז וווּנדער זענען מיר פאַר זיי. נאָך אַ פּאָר וואָכן, און דער שטרייק מיטן קראַפּ (פּרוכטן, גרינסן), איז אַ פאַרלוירענער. זאָל מען אונטערהאַנדלען, — האָבן זיי געטענהט.

די זון האָט געטאָן אירס — געברענט די פעלדער, סעדער און גערטנער. די רייכע פאַרמער און אָנגעשטעלטע קאָנטראַקטאָרס האָבן זיך דערשראָקן: פאַרליר דעם קראָפּ! זיי זענען געווען געצוווּנגען צו רופן דעם שטרייק־פירער פּעטריק אויף אַ זיצונג און סעטלען (קומען צו אַן אויסגלייך) דעם שטרייק.

מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער איז פּעט געקומען מיט אַן אונטערגעשריבענעם קאָנטראַקט אין בוזעם־קעשענע: געהעכערט די שכירות פון 75 סענט אויף אַ דאָלאַר אַ שעה. די אַרבעט־באַדינגונגען בלייבן ווי געווען. קיין יוניאָן פון די פאַרם־אַרבעטער וועט ניט אָנערקענט ווערן דורך די לאַנד־אייגנטימער. אַלע אַרבעטער זענען פאַרפליכטעט זיך צו מעלדן צו דער אַרבעט במשך פון 24 שעה נאָכן אונטערשרייבן דעם קאָנטראַקט.

אויף צומאָרגנס, איידער די זון האָט זיך באַוויזן אויפן האָריזאָנט, האָבן עטלעכע צענדליק אַרבעטער באַלאַגערט צוויי קליינע ביינוול־פעלדער, טאָם קוירניס און מאָרגאַנס. ניט פאַרן געווינס פון 25 סענט אַ שעה, נאָר ווי אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט צו זייערע פריינט, פאַר דער פינאַנסיעלער און מאָראַלישער הילף אין דער צייט פון שטרייק.

דער רעאַקציאָנערער פּאַרמער־יוניאָן האָט זיך אויך צערעכנט מיט זיינע שונאים. די היימישע מענטשן, וועלכע האָבן געגעבן הילף די שטריי־קער, האָבן זיי באַצייכנט מיטן זידלוואָרט: „רויטע". ישראל איז געווען זייער גרעסטער שונא. די האַנדלס־קאַמער האָט זיי אַרויסגעהאָלפן. מען האָט גערופן ישראלן אויף אַ קרייז־פּאַרהער:

— צי ווייסטו, אַז דאָ איז אַ פּאַרמערישע באַפעלקערונג? — האָט אים געפרעגט אַ ברייטפּלייציקער פּאַרמער מיט אַ ברייטן הוט אויפן קאָפּ און אַ ציגאַר אין מויל.

— יאָ, איך ווייס, — האָט ישראל געזאָגט.

— האָסט אַראָפּגעבראַכט פון די שטעט שטרייק־פירער, אַגיטאַטאָרן און אונטערצינדער!

— ניט איך האָב זיי געבראַכט, ניט זיי האָבן געמאַכט דאָס פייער אין פּאַק־הויז — האָט ער רואיק געענטפערט.

— דו פאַרענטפערסט זיי נאָך, — האָט דער פאַרזיצער געזאָגט מיט אַ שטעכיקן בליק פון אונטער די אויגן־גלעזער.

— איך פאַרענטפער קיינעם ניט. כ'זאָג דעם אמת. — און ער האָט געמאַכט אַ טריט צו דער טיר, ווי ווּעלנדיק אַנטלויפן פון די פאַרפאָלגער.

— זעץ זיך, איזראַעל, — האָט געזאָגט דער דריטער, אַ שכן פון אַן אייזן־קראָם, וואָס קומט פון די דרום־שטאַטן, און אויף וועלכן מען רעדט אַז ער געהערט צו דער קו־קלוקס־קלען (אַ דרום־פאַראיין, וואָס האָסט נעגערס און יידן) — זאָג מיר, וואָס האָט דיך באַוויגן, אַ שטילער מענטש ווי דו, זיך צו מישן מיט שטרייקער. אפשר איז דאָס דיין ווייבס שולד? — האָט ער ווייטער געזאָגט, ווי ער וואָלט אים געוואָלט פאַרענטפערן.

— ווען איך האָב אַזאַ ווייב גט איך זי אָפּ — האָט געזאָגט דער פּאַר־מער מיט אַ חוזק־שמייכעלע.

— איזראַעל, איך וואָלט דיר געראָטן: דינג אַ וועגעלע, פאַרנעם דאָס ביסל סחורה פון קראָם, און פאַרלאָז די שטאָט — האָט געזאָגט דער פאַר־זיצער מיט אַזאַ ערנסט, ווי ער וואָלט געווען אַ ריכטער.

אַ פּאָר מינוט איז ישראל געשטאַנען ווי פאַרשמעליעט. באַלד האָט ער אָבער געפונען זיין גלייכגעוויכט און געזאָגט:

— איר וועט מיך ניט פֿאַרטרייבן פֿון שטאָט. איך בין אַ בירגער פֿון אַ פֿריי לאַנד. איך האָב דאָס רעכט צו האַנדלען ווי מיין געוויסן דיקטירט מיר. גוד באַי (אַ גוטן טאָג), דזשענטללייט. — ער האָט זיך אויפֿגעהויבן. דריי פּאָר אויגן האָבן געקוקט אין דערשטוינונג. ער האָט שנעל פֿאַרלאָזן דעם אָנגערויכערטן צימער.

עס איז געווען אַ שיינער שבתדיקער פֿרימאָרגן. ישראל האָט געשפּאַנט אויף זיין אויסגעטראָטענעם וועג פֿון שטוב צו דער קראָם. ער האָט גע־טראַכט: היינט וועלן זיין גוטע ביזנעס אין שטאָט. דאָס ערשטע מאָל אין חודש קריגן די אַרבעטער שכירות. עס זענען נאָך פֿריש אין זכרון די באַליידיקונגען, שטעכיקע בליקן פֿונעם „טשעמבער אָף קאָמערס". פֿון וואַנען האָט זיך ביי מיר גענומען אַזוי פֿיל קוראַזש זיי אַריינצוזאָגן? זיי האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן מיך אָפּשרעקן: „דינג דיר אַ וועגעלע, פֿאַרפּאַק די סחורה און פֿאַרלאָז די שטאָט", קלינגען אים נאָך אין די אויערן זייערע ווערטער.

מיט די דאָזיקע געדאַנקען איז ער צוגעקומען צו דער קראָם, אויפֿגע־שלאָסן די טיר און זי געעפֿנט. אַ כוואַליע פֿון שטינקנדיקן גאַז האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים. הוסטנדיק און פֿרייכנדיק איז ער אַריין אין קראָם. ער האָט אויפֿגעשוידערט: די פּאָליצעס, טישן, בגדים־הענגערס, די גאַנצע קראָם מיט סחורה איז אָנגעזאַפּט געווען מיט אַ גאַז־געשטאַנק, וואָס האָט געריסן אין האַלדז צום ברעכן. אין הינטערגרונט פֿון אַ צעבראָכן פֿענצטער איז געלעגן אַ שוואַרצע פֿלאַש, צו וועלכער ער האָט מורא געהאַט זיך צוצורירן.

באַלד זענען געקומען די צוויי שטענדיקע קראָם־משרתים, ביטריס און טאָני מאַרענאָ, ביידע מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע טרערנדיקע אויגן און הענט אויף די נעזער. דאָך זענען זיי ניט געווען שטאַרק איבערראַשט, ווי זיי וואָלטן דאָס דערוואַרט. מען האָט זיך גענומען עפֿענען שאַכטלעך, אויס־לופֿטערן די סחורה, צוגרייטן צו די גרויסע „שבתדיקע ביזנעס".

די לאָקאַלע צייטונג איז אַרויס מיט אַ לאַנגן באַריכט, אין גרויסע ווערטער: „טעראָריסטן־גרופּעס וואַרפֿן אַ שטינק־באָמבע אין אַ היגער קראָם; אָפּרעכענונג מיט די „רויטע". איזראַעלס געשעפֿט איז דאָס צילברעט פֿון אַ

נאַכט־אַטאַקע פֿאַר זײַנע קאָמוניסטישע נײַגונגען. אַ פּלאַש מיט אַ געװיסן כעמישן שטאָף איז געפֿונען געװאָרן דורך דער פּאָליצײַ אין אַן אױסגעבראָכן פֿענצטער פֿון דער קראָם. דער ריח פֿון שטאַרקן גאַז האַלט אַן שעהן לאַנג, אַפֿילו אין סחורה פֿון פֿאַרמאַכטע שאַכטלען. די פּאָליצײַ האַלט, אַז די באָמבע איז געװאָרפֿן געװאָרן דורך היגע בירגער אַלס פּראָטעסט קעגן דעם אײגנטימער פֿון געשעפֿט, איזראַעל, פֿאַר זײַן פֿרײַנטשאַפֿט מיט די קאָמוניסטן, רױטע אַגיטאַטאָרן און אונטערצינדער פֿון קענעריס פּאַק־הױז. די פֿאַרמער זענען שטאַרק אױפֿגעבראַכט. די פּאָליצײַ גיט צו, אַז זי האָט ניט געפֿונען קײן שפּור פֿון דעם באָמבע־װאַרפֿער".

— פֿאַרמער דזשאָנס האָט שױן געקריגן פֿון דער פֿײַער־פֿאַרזיכערונג־קאָמפּאַניע 40 טױזנט דאָלאַר פֿאַרן אַלטן „שעק" (חורבה), ניט שלעכט... — זאָגט טאָני, נאָך אַלץ אַרײַנגעטאָן מיט די אױגן אין דער צײַטונג.

אַ קונה איז אַרײַנגעקומען. טאָני, דער שיך־משרת, איז אים אַנטקעגן געקומען, אָפּגעמאָסטן, אַז ער דאַרף אַ פּאָר שיך. יענער האָט אַ הוסט געטאָן: „שפּעטער", און איז אַװעק.

ישראל האָט געקוקט און געטראַכט: „אַ שלעכטער אָנהײב..."

*

דער טאָג איז געװען אַ ברענענדיק הײסער, װי ס'פּאַסירט אָפֿט אין די שפּעטע זומער־טעג אין די װאַלי (טאָל). אָבער הײַנט האָט די זון געשטראַלט מיט אַ באַזונדער ליכטיקײט װי זי װאָלט זיך געפֿרײט מיט די באַלעבטע גאַסן, מיט די קינדער, װאָס גײען נאָך די טאַטעס און מאַמעס, מיט שכירות אין די קעשענעס אײַנצוקױפֿן אין די קראָמען שפּײַז, קלײדונג און שיך. יונגע מײדלעך און בחורים, װעלכע גײען אָפֿט אין פֿאַרמעסט אין די פֿעלדער, װער עס קאָן אַרבעטן שנעלער, אָנקלײַבן מער פּרוכטן, װײַנטרױבן, בײנוול און גרינסן, זײ װעלן מער ניט טראָגן די אַלטע מלבושים, װאָס זענען זײ געשיקט געװאָרן אין דער צײַט פֿון שטרײק. זײ גײען איצט אײַנקױפֿן נײַע מאָדערנע קלײדער.

די קראָמען זענען פֿול מיט קונים. ישראלס קראָם איז איבער־

געפּאַקט מיט פעלד־אַרבעטער — מעקסיקאַנער, אַמעריקאַנער, נעגערס און ווייסע. די צוויי משרתים און דער באַלעבאָס באַדינען עטלעכע קונים מיטאַמאָל. אין דער שיך־אָפּטיילונג איז אַ געדראַנג, ניטאָ געננג זיצ־פּלעצער, מעסט מען שיך שטייענדיק.

— איך מוז האָבן שיך צום טאַנצן, — זאָגט אַ יונגער פאַרשוויצטער אַרבעטער מיט אַ נייעם שוך אויף איין פוס, דער צווייטער — באָרוועס.

— טאַנץ באָרוועס, אין די אַלטע שיך, — זאָגט טאָני און איילט זיך צו באַדינען אַ מאַמע וואָס זייגט אַ קינד. דריי קינדער אַרום איר האָט ער שוין באַשוכט. אַנדערע וואַרטן אין דער ריי.

— פאַרפּאַק דאָס קלייד, נעם געלט, לאָז מיך גיין, — בעט זיך אַ יונג שוואַרץ חנעוודיק מיידל ביי דער פאַרקויפערין. איידער ביטריס פאַרענדיקט מיט איר ווערט זי שוין אַרומגערינגלט מיט אַ האַלב צענדליק קונים:

— גיב מיר אַ פּאָר אונטערהעמדער, אויבערהעמדער, שיכלעך פאַר די קינדער, קליידער — קלאַמערן זיך די פרויען צו איר. אין קראָם איז הייס, מען שוויצט, קליינע קינדער וויינען, די עלטערע טומלען, מען איילט זיך צו גיין אַהיים, אַרומוואַשן זיך, אָנטאָן, היינט גייט מען טאַנצן.

ישראל אַרבעט אומדערמידלעך. עס דוכט זיך אים, אַז שרהס געדאַנקען זענען ניט אויף „ביזנעס". עס זענען דאָ גנבים, שרייט ער, שרה, האַלט אַן אויג... מאַך שנעל. און אירע פינגער שפרינגען איבערן קעש־רעדזשיסטער" (געלט־קעסטל) און דער רעדזשיסטער קלינגט, קלינגט אָן אויפהער.

דאָס איז געווען דער ענטפער, וואָס די פעלד־אַרבעטער האָבן געגעבן דער טעראָריסטן־גרופּע, אַסאָשיאייטעד פאַרמערס, די „טשמבער אָוו קאָ־מערס" און זייער פרעסע.

*

די נאַכט איז צוגעפאַלן. מילדע ווינטן האָבן געבלאָזן, אָפּגעפרישט די מענטשן ווי אַ באַלוינונג פאַר דער בייטאָגיקער היץ. פון געמישטן אַרבעטער־קוואַרטאַל, פון די טונקעלע גאַסן, האָבן זיך געצויגן צום טאַנץ־זאַל ווייסע, שוואַרצע, מעקסיקאַנער און פיליפּינער ערד־אַרבעטער אין

זייערע ליכטיק קאָלירטע קליידער. זיי האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער אייגנאַרטיקייט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג. די קינדער, די יוגנט, זיי לויפן, שפּרינגען אונטער פרייִדיק.

דער גרויסער פּאָרטוגעזישער זאַל איז געווען באַלויכטן און געפּאַקט, מערסטנס מיט יונגוואַרג. ביי די זייטן פון די ווענט, אויף הילצערנע בענק זענען געזעסן יונגע און עלטערע פּאַרמער פון אַרומיקע שטעטלעך און דערפער: מאַרגאַן פון קאָקראַן־קעמפּ, די הייבאַם, די קאָבין, דער קוכער דעיווו פון דער פרייער זופּקיך, קווירני מיטן ווייב, דער אַלטער סטאָליער טאָמסאָן, אַ סאָציאַליסט פון דעבס צייטן, זיין ווייב מעי וואָס שמט פּאַר דער בעסטער קוכן־בעקערין און די קאָלדרעס־נייערין מערי, וואָס איר טיר איז שטענדיק אָפן פאַר שטאָטישע און היימישע אַרבעטער. יונגע מאַמעס מיט פּיצלעך קינדער ביי דער ברוסט, אַלטע געוועזענע פעלד־אַרבעטער מיט אַדערדיקע געלע פּאַרמעט־הענט אין שויס, ווי זיי וואָלטן גערעדט: „אונדזער אַרבעט איז פאַרענדיקט". אָקיס און אַרקיס (פון אָקלאַהאָמאַ און אַרקענסאָ) וואַרטן געדולדיק, הערן מוזיק, זען די טענץ, קאַדרילן פון זייערע שטאַטן.

— אַזאַ שיינע קאָלירפולע יוגנט, ס׳דערמאָנט אָן עפּעס — זאָגט טאָם אַ פאַרבענקטער נאָך די אַלטע „וואָבלי"־יאָרן", און ער צעזינגט זיך מיט זיין הייזעריקלעכער שטימע:

אָ, קומט, אָרגאַניזירט זיך — האָרעפּאַשניקעס<br>
פון דער וועלט, אָרגאַניזירט זיך דערקאָנט<br>
אייער קראַפט. אין קעניגרייך פון אַרבעטער־פאָלק —<br>
זיין וועט שיינקייט, ליבע און טאָלק.<br>
דאַן וועלן מיר זינגען איין געזאַנג, איין געזאַנג.

— בראַוואָ, טאָם, בראַוואָ! — האָבן זיך געהערט שטימען מיט אַ פּאַטשעריי פון הענט. דערמוטיקט אַ דאַנק דעם דערפאָלג פון ליד, האָט זיך טאָם צערעדט: איך געדענק גוט יענע צייטן, געדענק דזשאָ היל, דעם זינגער און שרייבער פונעם ליד און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע לידער. די קופּער־מאַגנאַטן פון שטאַט יוטאַ האָבן געמאַכט אַ מערדער־בילבול אויף אים און

אומגעבראַכט אים. אָבער זיין גייסט לעבט. און ער פּאַכעט אין דער לופטן מיט אַ ביכל וואָס טראָגט אַ בילד פון אַ יונג אינטעליגענט פּנים, מיט אַ ווייכן הוט אויפן קאָפּ: „אַ מענטשן־פריינט, אַ טייערער יונג געווען״, זאָגט טאָם. אַלע ווילן זען דאָס לידער־ביכל, הערן מער וועגן דעם „טייערן יונג״ דזשאָ היל.

— דעדי, דאָס איז געווען אין יאָר 1915, איצט גייט דאָס יאָר 1933, — זאָגט גלעדיס, ווי זי טוט דאָס אַלע מאָל ווען זי קומט ברענגען אים צו דער ווירקלעכקייט.

פון דער אָפענער טיר זענען געקומען פּעט און שרה. טאָם, פאַרטאָן אין זיין פאַרגאַנגענהייט, האָט זיי ניט באַמערקט: „טאָם, דו שפּיגלסט זיך נאָך אַלץ אין דיין יוגנט הא?״ גלעט פּעט זיין פריינטס פּלייצע.

— עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער, און דו וועסט זיך שפּיגלען אין דיינער. זע דער שפּיגל זאָל זיין ריין — האָט טאָם געזאָגט פילאָזאָפיש.

דזשים איז צוגעקומען, אַרויפגעלייגט איין האַנט אויף פּעטס אַקסל, די צווייטע אויף שרהס און איינגערוימט זיי אַ סוד אין אויער.

— נייַן, דזשים, דו רייד. ביסט אַ היגער. איך פאַר אַוועק. די אַרבעטער וועלן דיך הערן; פּאָליציי דרייט זיך אַרום אין דרויסן, — גיט ער אַ ווונק מיט די אויגן צו דער טיר.

דזשים האָט גערופן די טומלדיקע יוגנט זיך איינצושטילן. ער האָט עפּעס צו זאָגן. אין אַ פּאָר מינוט איז געוואָרן אַ מוסטערהאַפטע שטילקייט:

— באַלד וועלן קומען די מוזיקאַנטן, מיר וועלן טאַנצן, זיך פרייען מיטן זיג איבער די לאַנדבאַזיצער. מיר טאָרן אָבער ניט פאַרגעסן אונדזערע מאַרטירער וואָס די ווידזשילענטיס האָבן דערמאָרדעט, דאַווילא און פערנאַנדעס.

קעפּ האָבן זיך געבויגן אין צייכן פון כבוד פאַר די קרבנות. נאָך אַ פּאָר מינוט פון פאַרכטיקן שווייגן, האָט דזשים פאַרגעזעצט:

— מיר וועלן געדענקען די אַרויסגעוואָרפענע אַרבעטער פון די קאָמפּאַניע־דירות אויפן הייסן שאָסיי, די וויינענדיקע קינדער, דעם גרויסן פאַרברעכן פון די אַגריקולטור־לאָרדן (הערשער). אָט דאָס גרויסע אומרעכט קעגן די פעלד־אַרבעטער האָט אונדז געבראַכט אין קאָנטאַקט מיט גרויס־

שטאָטישע מענטשן. זיי זענען שאָקירט געוואָרן פון אונדזער מערכה. זייער עקאָנאָמישע און מאָראַלישע הילף וועלן מיר געדענקען. און אונדזער אייגענע סטעלאַ (שרה), אַליין אַ קינד פון אַ געליטן פאָלק, פילט זי מיט די ליידנדיקע. איר האָט זי געהערט ריידן: „קיינער זאָל ניט הונגערן אין לאַנד פון שפע און איבערפלוס פון רייכטום". די אַריסטאָקראַטישע „עי עף אָוו על" (אַמעריקאַנער אַרבעטער־פעדעראַציע) וויל זיך ניט אַרונטער־לאָזן צו אונדז ערד־אַרבעטער, צו אָרגאַניזירן אונדז אין טרעיד יוניאָנס — ס'שטייט זיי נישט אָן... אָבער דעם פונדאַמענט פאַר אַ יוניאָן האָבן מיר גע־לייגט. עס וועלן קומען אונדזערע קינדער און אייניקלעך און פאָרזעצן דעם קאַמף ביז אַ העכערער שטופע; יוניאָן־אָנערקענונג, העכערע שכירות און בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען.

אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן האָט פאַרהילכט דעם זאַל. דורך דער אָפענער טיר האָט זיך געהערט אַ צימבלען פון אַ גיטאַרע. עטלעכע יוגנט־לעכע זענען אַריינגעקומען באַלאָדן מיט מוזיקאַלישע אינסטרומענטן: גיי־טאַרעס, פייפלעך, אַ פויק, מיט זיי איז אַריינגעקומען דער 13־יאָריקער באָב מיטן פידעלע. מען רעדט אין שטעטל, אַז ער וואָלט געקאָנט זיין אַ פידל־שפּילער ווען ער דאַרף ניט אַרויסהעלפן די עלטערן מיט פרנסה.

דער זאַל איז תיכף אָנגעפילט געוואָרן מיט פריילעכער טאַנץ־מוזיק. בחורים און מיידלעך אין העל קאָלירטע קליידער, מיט צעפּאַכעטע הענט, לייכטע פלינקע פיס, האָבן זיך געלאָזן אין אַ טאַנץ, אַזש די פּאָדלאָגע האָט געקרעכצט אונטער זייערע פיס. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט אַ קאָד־ריל־טאַנץ פון די דרום־שטאַטן. יונג און אַלט — אַלע האָבן געטאַנצט אַ קאַראַהאַד, זיך האַלטנדיק ביי די הענט, שוואַרצע, ווייסע, ברוינע הענט, האָבן ווי אַ סימפּאָניע פון קאָלירן און נאַציעס זיך געטראָגן איבערן זאַל. אַפּגערוט, האָט טאַם מיטן ווייב געטאַנצט אַן איירישן טאַנץ, צו וועלכן די מוזיקאַנטן האָבן צוגעטראַכט מוזיק. דער ספּריטנער נעגער־יינגל עמוס, וואָס איז פאַררעכנט געווען פאַרן שנעלסטן פעלד־אַרבעטער, האָט געטאַנצט אַ „דזשיג"־טאַנץ, אין וועלכן אַלע איברים, דער גאַנצער קערפּער קומט אין אויגן־שווינדלערישער באַוועגונג. ער האָט געטאַנצט ווי רוחות וואָלטן אים געטראָגן! און האָט געקראָגן דעם גרעסטן אַפּלויז פון אָוונט. דזשים

און דעלאַ, אין זייער „האַרוועסט־טאַנץ״ (תבואה־שניטצייט). האָט מען געזען ווי זיי נעמען אַרונטער די תבואה פון די פעלדער, ווי זיי טוען דאָס ביזן היינטיקן טאָג. פּעט איז ניט געווען קיין טענצער, אין אַלגעמיינעם געדריי האָט ער אויך געטאַנצט, מיט זיין סעקרעטאַרשע, מיט שרהן. יונגע מיידלעך טענצערינס זענען אונטערגעשפּרונגען, געמאַכט אַ קרייז אַרום זיי און געהאָפּקעט. די עלטערע האָבן צוגעפּאַטשט מיט די הענט. אַז פּעט האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, דערזען די שפּעטע שעה אויפן וואַנטזייגער, האָט ער אויסגערופן: „טראַוואַכאַדאַרעס (אַרבעטער), די זון גייט באַלד אויף, איר דאַרפט גיין צו דער אַרבעט. מירן זיך געזעגענען״. די אַקסלען געבויגן מיט אַ סודותדיקן שמייכל, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַ מענטש אין „וועג״.

— פּעט, דו פאַרסט ניט אַוועק פון אונדז אַזוי שנעל — האָבן אים די אַרבעטער אַרומגערינגלט.

— יאָ, מאָרגן פאָר איך אָפּ.

זיינע כמורנע אויגן האָבן ווי גערעדט: מיין אַרבעט איז פאַרענדיקט.

ער האָט זיך געזעגנט מיט די אַרבעטער, געבעטן זיי זאָלן ניט זאָרגן אויב ער אָדער אַנדערע קאַמעראַדן שטרייק־פירער וועלן פאַרמשפּט ווערן אויף לאַנגע טערמינען תפיסה:

— אייער טיילוויזער זיג איז אונדזער באַלוינונג. דעם צווייטן מאָל וועלן מיר אָפּהאַלטן אַ גרעסערן זיג איבער די אַגריקולטור־מאַגנאַטן. שטייט אויף דער וואַך.

הענט האָבן זיך געדריקט אין פריינטשאַפט, אַ פריינטשאַפט, וואָס איז שטאַרקער פון תפיסה־ווענט.

*

פון דערבייאיקן פאַרשלאָפענעם וואָקזאַלכל, האָט זיך דערהערט אַ פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז די באַן קומט אָן. ס׳איז נאָך האַלבער נאַכט. פּעט און שרה שפּאַנען איבער די האַלב־טונקעלע גאַסן, ער מיט אַ פעסטן טראָט, ווי זי געדענקט דאָס מענדלס, זי וואַקלענדיק, אין ספק; וואָס בלייבט איר צו טאָן אין קליינעם שטעטל? ישראל איז אַ גוטער מאַן, אָבער עס איז נישטאָ קיין געמיינזאַמס צווישן אונדז. זי וואָלט

ניט געוואָלט ער זאָל איר נאָכגיין, נאָר גיין אַקסל צו אַקסל. איר טוט ווײ יעדע אומרעכט וואָס ווערט באַגאַנגען פון שטאַרקן קעגן שוואַכן, אים אַרט ניט. איבעררייסן? אַנהייבן אויפסניי? רעדט אַ שטימע אין איר.

זי איז מקנא פּעטן, זיין וועג איז אַ זיכערער, אַ באַשטימטער. ער וועט גיין פאַר זיינע אידעאַלן הינטער אייזערנע קראַטעס.

— וואָס ביסטו אַזוי שטיל, סטעלאַ? מיד, צופיל געטאַנצט? — פרעגט פּעט שמייכלענדיק, ווי זיין טבע אין האַלבע ווערטער.

— איך טראַכט. — זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, ווי דאָס טראַכטן וואָלט איר אָנגעקומען שווער.

— וועגן שטרייק? די טעותן? אפשר די צרות וואָס די באַסטאַרדס (ממזרים) האָבן פאַרשאַפט איזין (ישראלן).

— איך טראַכט וועגן דער ענלעכקייט צווישן דיר און מענדלען. ניט די פיזישע, נאָר די גייסטיקע ענלעכקייט.

— דיין יוגנט־פריינט? דער שטרייק־פירער, וועגן וועלכן דו האָסט אָנומלט דערציילט? הערסט פון אים?

— יאָ, זייער אָפט רעדן מיר זיך דורך — האָט זי געזאָגט מיט אַזאַ ערנסט, אַז מען מוז איר גלייבן.

— ווי אַזוי? ביסט דאָך דריי טויזנט מייל ווייט פון אים, — קוקט ער זי אָן פאַרוווּנדערט.

— כ׳האָב אַמאָל געהערט אַ קלוגן מענטשן זאָגן: נישט אַלץ וואָס איז נאָענט, איז נאָענט און ליב. מ׳קאָן שלאָפן צוזאַמען אויף איין קישן און זיין אָפּגעשיידט איינער פונעם צווייטן אויף טויזנטער מיילן. מ׳קאָן זיך קיינמאָל ניט זען, קיינמאָל זיך נישט טרעפן, און זיין איין גוף מיט איין נשמה. און איך זאָג דיר, פּעט, מענטשן זענען ניט פאַראינטערעסירט צו וויסן, וויפל מאָל מיר האָבן זיך געקושט, וויפל מאָל ליבע געשווירן, נאָר וויפל גוטס מיר האָבן געטאָן, אויף וויפל מיר זענען נוצלעך געווען פאַר אונדזערע מיטמענטשן. אין דעם זין איז אונדזער ליבע רעאַל און באַרעכ־טיקט. זי וועט לעבן לאַנג נאָך דעם ווי די קערפּערלעכע ליבעס וועלן זיין טויט און פאַרגעסן.

— כ'האָב קיינמאָל ניט באַגעגנט אַ פּרוּי מיט אַזוי פיל פּלאַטאָנישע ליבע אין האַרצן, ווי ס'איז דאָ אין דיר, סטעלאַ.

— חוץ דיין אידעאַליזם, ביסטו אַ מאַטעריאַליסט, אַ פּראַקטישער מענטש. דערפאַר איז דיר שווער זיך פאַרצושטעלן אַ ריינע, גייסטיקע ליבע. אָט די ליבע מוזן מענטשן ליב האָבן, אויב אַפילו זיי האָבן מיך פאַרזענלעך פיינט.

— דיין ליבע מיט מענדלען האָט זיך אָנגעהויבן אויף דער שיף? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ, אויף דער שיף קיין אַמעריקע. איך האָב געהאַט נאָך פריינט. אַ גאַנצע גרופּע זענען מיר געווען „שיף־שוועסטער און ברידער", יענע פריינט האָב איך כמעט ווי פאַרגעסן. אונדזערע פּסיכאָלאָגישע און געאָ־גראַפישע וועגן זענען זיך צעגאַנגען. אָבער מענדלען וועל איך שטענדיק געדענקען.

— יונגע יאָרן, שיינע יאָרן, — האָט פּעט געזאָגט מיט נאָסטאַלגיע. טראַכט ער אפשר פון זיין אייגענער יוגנט?

— יאָ, מיר זענען געווען יונג. געקוקט פאַרויס צו די גרויסע אַמערי־קאַנער וועגן — האָט געזאָגט שרה ווי אַן אַלטע, לעבנסדערפאַרענע, אין איר פערטן יאָרצענדליק.

זיי האָבן געשוויגן. שרה האָט געטראַכט פון מענטשן, טיפן און גע־שטאַלטן, וואָס זי האָט באַגעגנט. וווּ ליגט דער סוד וואָס ברענגט צוזאַמען מענטשן פון פאַרשידענע קולטורן, לענדער און קאָנטינענטן, די קראַפט, וואָס פאַרבינדט זיי?

זי דערמאָנט זיך די ווערטער פונעם אַלטן פעלד־אַרבעטער סלים:

— לאָרד (גאָט), מיר זענען הונגעריק. איך געדענק שוין ניט די צייט, ווען מיין ווייב, איך און אונדזערע זיבן קינדער האָבן געגעסן אַ שטיקל פלייש. שמאַלץ, חזיר־אויערן, ביינער מיט בעבלעך איז אונדזער שטענדיקע דיעטע.

עס באַקלאָגט זיך ליל דאָן, אַ מוטער פון אַכט קינדער:

— וואָס זאָלן מיר טאָן, אַז די קינדער קומען שנעל, איינס נאָכס אַנ־דערע? חוץ דעם ברוסט־קינד, זענען זיי אַלע האַלב הונגעריק. די עלטערע

קינדער העלפֿן אין פֿעלד מיט פּרנסה. ס׳איז קיינמאָל נישטאָ זאַט אָפּצועסן. אפֿשר ווייל מיר קאָנען ניט צוקומען צו נאַרהאַפֿטע שפּייזן — זי טראַכט פֿון די קינדער וואָס זענען געבוירן געוואָרן, געשטאָרבן פֿאַר די עטלעכע וואָכן פֿון שטרייק פֿון די עלטערן, וואָס ווערן יונג פֿאַרוועלקט; פֿון אַלע די וואָס אַקערן, זייען, קלייבן צונויף די שפֿע פֿון דער פֿעטער ערד; וואָס פֿאַראַ גרויזאַמער ווידערשפּרוך!

— אונדזער אַדוואָקאַט ספּאַרק אַרבעט שווער פֿאַר אַ מינימאַלן טורמע־טערמין; ער גיט ניט קיין גרויסע האָפֿענונגען — זאָגט פּעט און שלאָגט איבער אירע געדאַנקען. זיינע אויגן בלאָנדזשען איבערן פֿאַרשלאָפֿענעם שטעטל, די נידעריקע הייזער, גערטנער און הינער־שטייגן, ווי ער וואָלט זיך געזעגנט מיט זיי. פּלוצלינג גיט ער אַ פֿרעג:

— סטעלאַ, וועסט מיך באַזוכן אין תּפֿיסה?

זי האָט דאָס אים צוגעזאָגט. זיי האָבן זיך וואַרעם געדריקט די הענט.

זיי זענען צוגעקומען צו דער שטוב, האָבן געעפֿנט די טיר, אַריין און געוואָרן איבערראַשט: יודזשין איז געזעסן ביים טיש מיטן פֿאָטער און געשמועסט.

— יודזשין, ווען ביסטו געקומען? — האָט זי אים געקושט אין פֿריידי־קער ליבשאַפֿט.

— איינס אַ זייגער מיט דער באַן. — ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן האַנטזייגערל, אויף דער מאַמען, אויף דעם פּרעמדן, קליינוווקסיקן, אָרעם געקליידטן מאַן מיט די גלייכע ווי פּרענטלעך שוואַרצע האָר, וועלכער איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי אַ פֿאַרשולדיקטער.

איידער שרה איז געקומען צו זיך און אים פֿאָרגעשטעלט, איז שוין פּעט געווען אויף יענער זייט טיר אין הויף, וואָס פֿירט צו דער ספּיזשאַרניע (שפּייכלער). דאָרט שטייט זיין בעט, דאָרט שלאָפֿט ער.

אין דעם קאָמפּליצירטן מאָמענט האָט שרהן אַ שלאָג געטאָן אַ היץ אין פּנים. ישׂראל האָט דאָס באַמערקט. און ווי ער וואָלט געזוכט מאַכן די שווערע לאַגע גרינגער, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— אַן אָרנטלעכער יונג איז דער פּעט, געוווּנען פֿאַר די אָרעמע טיי־וואלים העכערע ווידזשעס (שכירות).

יודזשין האָט געקוקט אויפֿן פֿאָטער מיט אַ וואַרעמען שמייכל, ווי ער וואָלט געזאָגט: מאַלאַדיעץ, פֿאָפּאַ! פֿאַרענטפֿערסט די מאַמע.

— כ׳האָב געהערט, מען מאַכט דאָ שווער דאָס לעבן פֿאַר אייך, בין איך געקומען זען וואָס ס׳גייט אָן — האָט ער געקוקט מיט פֿאַרשׂנדיקע בליקן אויף די עלטערן.

— ס׳איז ניט אַזוי שלעכט — זאָגט שׂרה נאָך אַלץ אין פֿאַרלעגנהייט.

— די ביזנעס האָבן זיך פֿאַרבעסערט. דו האָסט באַדאַרפֿט קומען פֿריער אַרויסהעלפֿן, וואָלסטו געזען די געפּאַקטע סטאָר. ווען די אַרבעטער האָבן דעם דאָלאַר גיבן זיי אים אויס. זיי ווייסן ניט וואָס עס מיינט שפּאָרן אויף אַ רעגנדיקן טאָג — האָט ישׂראל קריטיש געזאָגט.

— אַ נאַרישקייט, פֿאַרוואָס זאָלן זיי טאָקע ניט אויפֿהערן עסן, זיך קליידן און קויפֿן ווערטפּאַפּירן, אַקציעס און נאָך אַזעלכע קלייניקייטן. — האָט שׂרה געזאָגט מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל.

— איצט גייען מיר שלאָפֿן — האָט געזאָגט יודזשין און זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט. שׂרה איז אים נאָכגעגאַנגען, געמאַכט ליכטיק אין שלאָפֿצימער. איבערגעצויגן ריינע ליילעכער אויפֿן בעט:

— קום, ביסט געווייס הונגעריק, נעם עפּעס. אַ גלאָז מילך? — האָט געפֿרעגט די מאַמע מיט ליבשאַפֿט.

— ניין. גאָר ניט. גיי שלאָפֿן, מאַמע. — האָט ער געזאָגט מיט זיין שטילער, ווייכער שטימע.

אָבער שׂרהן האָט זיך ניט געשלאָפֿן. איר אומרו האָט זי ניט נאָכגעלאָזן.

— „פֿאַרוואָס ביסטו ניט צופֿרידן ווי אַלע ווייבלעך״, — קלינגט איר אין די אויערן ישׂראלס שטענדיקע פֿראַגע. עפּעס פֿעלט איר; ווי עס פֿעלן די נאַרהאַפֿטע שפּייזן אין דער טעגלעכער דיעטע פֿון די פֿעלד־אַרבעטער. זי ווייס ניט ווי דאָס אָנצורופֿן; זי ווייס נאָר, אַז גייסטיק שטאַרבט זי אָפּ אין דער סביבה.

פֿאַרטאָג איז זי אויפֿגעשטאַנען, פֿאַרפּאַקט אירע זאַכן אין קאָפֿער, געקוקט און געטראַכט: אַן אַלטער קאָפֿער זאָל געבן אַזוי פֿיל האָפֿענונג! האָפֿענונגען אויף וואָס? הערט זי אַ שטימע אין זיך: „באַפֿרייען פֿון

פֿאַרגרעבטן לעבן", ענטפֿערט אַ צווייטער געדאַנק. זי האָט ביטער געוויינט אין קישן.

אין דער פֿרי, ווען ישראל און יודזשין זענען אויפֿגעשטאַנען, איז שוין דער אָנבייסן געשטאַנען אויפֿן טיש. זיי האָבן געגעסן מיט אַפּעטיט. יודזשין האָט באַמערקט איר גוטע שטימונג, פֿאַראייניס מיט דער אונטערדריקטער שפּאַנונג. ער האָט זי געפּאַרשט, געדרייט אין צווייפֿל מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געזאָגט: גאַר ניט ווי דײַן טבע.

ישראל האָט איר שפּאַסיק געגעבן אַ קניפּ אין באַק און אין געאײַל אַראָפּגעשלונגען דעם לעצטן ביסן:

— כ'גיי עפֿענען די סטאָר. היינט וועלן אויך זײַן גוטע ביזנעס, — האָט ער געזאָגט און איז פֿאַרשוווּנדן.

שׂרה איז געבליבן זיצן אַ צעווייטיקטע, אַ פֿאַרביטערטע. אַזאַ ליבער גאַסט; ער לויפֿט ווי אַלע זונטיק אין קראָם. טראַכט זי און זאָגט מיט גאַל: איך האָס ביזנעס! דאָס אומזיניקע געיעג רײַך צו ווערן. עס צעשטערט די היים, די משפּחה־באַציאונגען, דעם צוטרוי צו מענטשן. עס זייט קנאה, שׂנאה.

זי האָט געקריצט מיט די ציין: צו וועמען רייד איך? אַ קינד... האָט זי זיך געמאַכט פֿאַרוווּרף אין די געדאַנקען: עפּן דאָס האַרץ ביז די טיפֿע־נישן פֿון דער נשמה, האָט אַ צווייטער געמאַנט.

— דו זאָגסט, אַז דו האָסט ביזנעס; און שטרייקן האָסטו ליב? — האָט געפֿרעגט יודזשין קריטיש.

— ניין, כ'האָב ניט ליב. אָבער שטרייקן זענען אַמאָל אַ נויטווענדי־קייט. דאָס איז דאָס איינציקע געצייג, וואָס אַרבעטער קאָנען באַנוצן קעגן זייערע באַלעבאַטים אין דער האָפֿענונג צו פֿאַרבעסערן זייער לאַגע.

— לאָז איבער די שטרייקן פֿאַר די אַרבעטער. דו ביסט אַ קאַפּיטאַ־ליסטקע.

— אַ קאַפּיטאַליסטקע ווערט אַמאָל אויך געשטראָפֿט מיט אַ געוויסן, מיט אַ חוב צו מיטמענטשן. טאָ וואָס זאָל איך טאָן? — האָט זי געפֿרעגט.

— זײַ ראַציאָנעל. דו האָסט אַרויפֿגעוואָרפֿן אַ מורא ניט נאָר אויפֿן

טאַטן, נאָר אויך אויף דער גאַנצער יידישער געמיינדע פון סאַן זשאָקווין וואַלי.

זיי האָבן זיך איבערגעקוקט מיט צעשראָקענע בליקן, ווי די גאַנצע יידישע געמיינדע וואָלט געווען אויסגעשטעלט צו אַנטיסעמיטיזם פאַר איר אָנטייל אין שטרייק.

דאָס קליינשטעטלדיקע לעבן איז לאַנגווייליק. אויב מען האַנדלט ניט לויטן סטאַטוס־קוואָ פאַרפאַלגט מען אויף טריט און שריט. מיר וועלן איצט דערפון ניט ריידן. דערצייל מיר בעסער, מיין קינד, פון דיינע לימודים, פון אוניווערסיטעט, פון דיין דאָרמיטאָרי (דירה, שפּייז), פון נייע פריינט און פון דיין חבר בוירל, מיט וועמען דו ביסט צוזאַמען גע־גאַנגען אין היכשול. ווי זעט אויס די לאַבאָראַטאָריע? אַזוי שיין ווי אונ־דזער אַלטער גאַראַזש איז געווען, געדענקסט?

דערמאָנט די לאַבאָראַטאָריע, איז יודזשין געוואָרן פריילעכער, ריי־דעוודיקער:

— דו האָסט שוין געדאַרפט זען אַ געביידע! די גרעסטע, שענסטע און שטילסטע אויפן קעמפּאוס. עס זענען דאָ צווי, איינע אין קעלער, די נייע, מיט גרויסע גלעזערנע ווענט, לאַנגע מאַרמאָרנע אַרבעט־טישן, עלעקטראָנישע מאַשינען, מיט די פאַרשידנסטע כעמישע שטאָפן. עס אַרבעט זיך אַ מחיה, — האָט יודזשין געזאָגט אין אַ זאַפטיקן יידיש.

— האָסט נאָך דיין יידיש ניט פאַרגעסן, — פרייט זיך די מאַמע מיט זיין פרייד און מיטן יידישן לשון.

— פאַרוואָס זאָל איך פאַרגעסן? — האָט ער געפרעגט און דערציילט איר פון איינעם מיטן נאָמען דעיוויד, טאַקע אַ יידישער מענטש, אין די שפּעטע זעכציקער יאָר, וואָס פאַרברענגט זיינע פרייע טעג, יום־טובים און זונטיקס, אין לאַבאָראַטאָריע. דאָס איז זיין גרעסטער פאַרגעניגן. ער האָט שוין פּאַטענטירט עטלעכע זייער נוצלעכע דערפינדונגען. ער לעבט פון זיין אַרבעט. די פּראָפעסאָרן און סטודענטן וואָס קענען אים, רעספּעקטירן אים.

און ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט, האָט ער אַ קוק געגעבן אויפן האַנטזייגערל און געזאָגט:

— וועגן דיינע אַנדערע פראַגן וועלן מיר נאָך ריידן. מיין צוג גייט אָפּ צוויי אַ זייגער בייטאָג. איצט גיי איך אין קראָם העלפן דעם טאַטן. — ער האָט זי געקושט און פאַרלאָזט די שטוב.

„אַ פאַרשטענדעניש פון אַ קינד!", האָט די מאַמע אים נאָכגעקוקט נחתדיק. „מיין צוקונפטיקער וויסנשאַפטלער! ווי שיין ער איז אויסגעוואַקסן, קערפּערלעך און גייסטיק. ס'איז דאָ מיט וועמען צו ריידן", וואַרעמט זי אַ פרייד אין האַרצן.

*

פּעט, דער שטרייק־פירער פון די פעלד־אַרבעטער פון סאַן זשאַקווין וואַלי און דאָס יידישע מיידל דיקי, די שטרייק־פירערין פון אימפּעריאַל וואַלי, זענען פאַרמשפּט געוואָרן צו פינף יאָר תּפיסה. די אַנדערע חברים און חברטעס, וועלכע פלעגן קומען פון צייט צו צייט אַרויסטרעטן מיט לעקציעס און רעדעס פאַר די שטרייקער, זענען אָפּגעקומען מיט קירצערע טערמינען. די מענער זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין דער אַלטער סאַן קווינטן־טורמע, די פרויען זענען פאַרשיקט געוואָרן אין די שיינע טעהעטשעפּי־בערג, אין דער נייער תּפיסה פאַר פרויען. זיי האָבן אָנגעהויבן זייערע לאַנגע טערמינען הינטער אייזערנע גראַטעס, אָפּצאָלן דעם חוב דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

ווען אַלע זענען צעפאָרן איז אין שטעטל געוואָרן שטיל. אין דער שטילקייט פון אַ שפּעטער האַרבסטיקער נאַכט האָט שרה איבערגעלאָזן אַ צעטעלע:

— ישראל, פאַרגעס פון מיר. דאָס לעבן וועט זיין שענער און אָנשטענדיקער פאַרביידן, אַז מיר וועלן זיין צעשיידט. דאָס איז מיין פעסטער באַשלוס.

מיט שנעלע טריט האָט זי פאַרלאָזן די שטוב. זי האָט געשפּאַנט פאָרויס, ניט אומקוקנדיק זיך אויף צוריק. אַ שטימע האָט אין איר גערעדט: „דאָס איז דער איינציקער וועג. נישטאָ קיין אַנדערער".

מיינע איינדרוקן
פון דעם באזוך אין מדינת־ישראל

# מיינע איינדרוקן פון דעם באזוך אין מדינת ישראל

עס זענען דאָ ווערטער, וואָס שניידן זיך אַריין טיף אין זכרון. עס פאַרגעסט זיך מיר ניט דאָס וואונדערלעכע וואָרט פון יענעם וואַנדער־יידן, וואָס האָט געזאָגט: „אין אַנדערע לענדער בין איך געקומען ווי אין אַ גאַסטהויז, קיין ישראל בין איך געקומען ווי צו זיך אַהיים". דעם זעלבן געפיל האָבן געהאַט איך און מיין משפחה, אויך אַנדערע סתם־יידן און אויך פּאַכלייט אויף פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע געביטן: אינזשיניערן, אַרכיטעקטן, וואָס זענען געקומען קיין ישראל פון פאַרשיידענע לענדער צו אַ פּריוואַטן באַזוך אָדער מיט אַ פּאָרויס באַשטימטער כוונה צוצוטראָגן זייער ביישטייער צום מאָראַלישן און פיזישן אויפבוי פון מדינת־ישראל, צו פאַרשענערן, פאַרגרינגערן און פאַרבעסערן דאָס לעבן אין לאַנד.

אין משך פון אונדזער 18־חדשימדיקער רייזע איבערן לאַנד האָט אין אונדז דערוואַכט דער שיינער חלום פון אונדזערע קינדערישע יאָרן: מיר האָבן געגאַרט צו זען דאָס הימלאַנד פון אונדזערע פּאַרצייטיקע עלטערן, צו באַזוכן די הייליקע פּלעצער, וועלכע ווערן דערמאָנט אין חומש: די מערת המכפּלה, דער מוטער רחלס קבר, דעם קבר פון דוד המלך, דעם כותל מערבי און די היים פון די נביאים, פון די העלדישע קעמפער פאַר פאָלקס־פרייהייט און די געלערנטע און גייסטיקע פירער פון פאָלק אין די פאַרשידענע צייטן. איך האָב געוואָלט אַלץ זען ניט אויף אַ ווײַלע, ווי אַ געוויינלעכע טוריסטקע, איך האָב געהאַט פאָרויס בדעה צו פאַרהאַלטן זיך אויף אַ לענגערער צייט אין לאַנד, כדי באַזען דאָס לאַנד און צו באַקענען זיך מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן פון די פאָלקסמאַסן, מיט זייער שטרעבן, זייערע באַגערן, בענקשאַפטן און דערגרייכונגען. און עס איז באמת געקומען די צייט, ווען מיין חלום איז ענדלעך מקוים געוואָרן.

## אסתר מילער

עס האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק דער אומאויפהערלעכער דראַנג צו קולטורעלע ווערטן, וועלכער לאָזט זיך שפּירן אין די פאַרשיידענע שיכטן פון ישראל־פאָלק; די אָרגאַנישע שאַפונג פון אַ נייער יידישער קולטור, אין וועלכער עס סינטעזירן זיך די דורות־לאַנגע קולטור־שאַפונגען פון אונדזער פאָלק מיט די בעסטע דערגרייכונגען פון דער אַלגעמיין מענטשלעכער וועלט־קולטור. דאָס לאָזט זיך מערקן ניט נאָר אין דער שול־בילדונג, אין די מיטלשולן און אוניווערסיטעטן, אין דער פאַרצווייגטער העברעאישער און יידישער פאַרלאַג־אַרבעט, אין דער צאָל דערשינענע ביכער און זשורנאַלן. עס מערקט זיך באַזונדער בולט אויפן געביט פון טעאַטער און קונסט.

לאַנגע שעהן פלעג איך אָפּשטיין צוזאַמען מיט הונדערטער פאָלקסמענטשן אין דער ריי אַרום דער קאַסע צו קויפן אַ בילעט אויף אַ קאָנצערט, אויף אַ באַלעט אָדער אין טעאַטער. די זאַלן זענען דאָ שטענדיק איבערפולט. אַ באַזונדער שטאַרקן איינדרוק מאַכט די גרויסע צאָל בילדער־אויסשטעלונגען פון ישראלדיקע און צום טייל אויך אויסלענדישע מאָלער.

דער דורשט צו וויסן, צו לערנען אַלגעמיינע און יידישע לימודים נעמט אַרום ניט נאָר די יוגנט, נאָר אויך מיטליאָריקע און עלטערע מענטשן. איך בין אָפט געקומען אין דער געזעלשאַפט פון די איינגעוואַנדערטע שארית הפליטה און באַוואונדערט זייערע גייסטיקע כוחות, וואָס די טויט־לאַגערן און קרעמאַטאָריעס זענען ניט אין שטאַנד געווען אָפּצוטויטן. זיי שטרעבן זיך איינצוגלידערן אין היגן קולטור־לעבן, באַקענען זיך מיטן לאַנד, אויסלערנען דאָס גערעדטע לעבעדיקע העברעאיש אין די ספּעציעלע פאָלקסקורסן (אולפּנים), וואָס עקזיסטירן אין אַ ברייטער מאָס אין אַלע ערטער אין לאַנד.

אויף אַ נאַטירלעכן אופן וואַרצלט זיך דאָס פאָלק איין אין לאַנד, אין זיין קלימאַט, קולטור און שטייגער, און עס איז אויפגעקומען אַ געזונטער פּאַטריאָטיזם, וועלכער נעמט אַרום אַלע שיכטן פון פאָלק, אויך די פּראָגרעסיווע און וועלטלעכע, ביי וועלכע ער פאַרבינדט זיך האַרמאָניש מיט זייער אינטערנאַציאָנאַליזם.

איך מיט מיין משפחה האָבן מיר פאַרבראַכט אין ישראל 18 חדשים, — אַ צייט, פאַר וועלכער מען קאָן פיל זען און טראַכטן און מיטלעבן מיטן ישראל־פאָלק. איך בין ניט געווען איינזייטיק און בלינד אין מיינע אָבסערוואַציעס. ביי מיין גאַנצער ליבע צום פאָלק, האָב איך ניט אויסגעמיטן אויך צו זען די שאָטן־זייטן פון ישראלדיקן לעבן, וועלכע זענען געמיינזאַם פאַר אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, און ישראל איז אַ לאַנד, וואָס אַנטוויקלט זיך און וואַקסט ביי אומשטענדן פון אויפקומענדיקן קאַפּיטאַליזם, ביי וועלכן עס צעבליט זיך דער גרויס־קאַפּיטאַל און ביי וועלכן עס עקזיסטירט גלייכצייטיק אַ גרויסע אָרעמקייט, אַן עקספּלואַטאַציע און טיילוויז אַן אַרבעטלאָזע שיכט פון דער באַפעלקערונג. פון דער אַנדערער זייט זעט מען אין ישראל אַ גרויסע צאָל קיבוצים, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער פלייסיקער און וויסנשאַפטלעך־אָרגאַניזירטער לאַנדווירטשאַפט און מיט זייער אַ פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס איז געבויט אויפן פּרינציפּ פון אַלגעמיינער אַרבעט און קאָלעקטיוון אייגנטום און וואָס איז פאַרבונדן האַרמאָניש מיט דעם פּילצאָליקן און פּראָפעסיאָנעל גוט אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט אין די שטעט.

מיט גרויס אינטערעס זענען מיר אַרומגעפאָרן איבער די שטעט און דערפער פון לאַנד.

און אָט זענען מיר שוין אין ירושלים. אַ דיקע, גרויע, לאַנגע וואַנט צעטיילט די שטאָט אויף צוויי טיילן — אַלט־ און ניי־ירושלים. אויף יענער זייט „וואַנט" איז אַלט־ירושלים. דאָרטן געפינען זיך די היסטאָרישע און הייליקע פּלעצער. מען קאָן אַהין אָבער ניט צוקומען... מיר קוקן אַרונטער פון דער הויכער דאַך־געביידע. עס אָטעמט דאָרטן מיט טויטער סודות־שטילקייט. די אויגן פאַלן אויף אַ ניט גרויסער גרויער געביידע, וואָס זעט זיך פון דער וויטן אויפן סקאָפּוס־באַרג — עס איז דער הדסה־שפּיטאָל. שוין אַכצן יאָר, אַז ער פוסטעוועט... דאָס האַרץ בלוטיקט אויף דער צעריסענער שטאָט, אויף מענטשלעכער אומוויסנקייט, צעשטערערישקייט און אַלטע אָפּגעלעבטע באַגריפן. און ווי די „וואַנט" וואָלט פאַרשעמט די מענטשן, קערן מיר זיך אָפּ פון דאָרטן מיט אַרונטערגעלאָזענע קעפּ...

מיר פאָרן ווייטער, קומען צו צום אייזערנעם טויער פון דער יו־ען

(פּאַראייניקטע פעלקער). יונגע וועכטער פאַרשטעלן דעם וועג: „ניט גיין ווייטער!" אויך דאָרטן, הינטער ווייטן האָריזאָנט, ליגט אויסגעשפּרייט אַ שטילקייט. וואָס היטן די וועכטער טאָג און נאַכט? וואַרטן זיי אויפן אָנקו־מענדיקן שטורעם וואָס איז שוין אויפן וועג?... מיר פאַרקערעווען זיך צום נייעם גרויסן הדסה־שפּיטאָל. אויך דאָ הערשט אַ שטילקייט. אָבער די שטילקייט באַרואיקט דאָס געמיט, זעטיקט דאָס אויג מיט אירע גרינע לאָנקעס, אויסגעשפּרייטער באַרגיקער סביבה; מיט דער „מאַמע און קינד"־סטאַטוע, מיט די ליכטיקע שאַגאַל־מאָלערייען אויף די פענצטער פון שולעכל. און אין דעם דאָזיקן ריזיקן, ווייס־בלאַנקענדיקן שפּיטאָל ווערן געראַטעוועט אַלערליי מענטשן. מען פרעגט ניט אויף זייער אָפּשטאַם, זייער גלויבן, דעם קאָליר פון זייער הויט, דער עיקר איז ראַטעווען וואָס מער מענטשן. ניט ווילנדיק קומט אַרויף אויפן געדאַנק, אַלס פּאַראַלעל־דערשיינונג, דאָס טרויעריקע בילד פון דעם פאַרלאָזענעם אָפּגעשניטענעם הדסה־שפּיטאָל אויפן סקאָפּוס־באַרג, און ס'ווערט שווער אויפן האַרצן.

און ווידער שפּאַנען מיר אויף די וועגן פון מענטשלעכער גוטסקייט: „דער וועג פון די גערעכטע". עס ציט זיך אַ לאַנגער צעגרינטער מיט בלומען באַצירטער וועג, איינגעטיילט אין באַזונדערע חלקים, מיט נעמען פון פאַרשידענע לענדער און מענטשן, וואָס האָבן געראַטעוועט יידן פון קרעמאַטאָריעס און קאַלכאויוונס, איינשטעלנדיק זייערע אייגענע לעבנס. אַ לויב צו זיי פאַר ראַטעווען דעם כבוד פון דער מענטשהייט! אַ פּאָר שפּאַן ווייטער און מיר געפינען זיך אין דער געביידע פון „יד ושם". די טונקל־קייט פון גרויסן זאַל, די שוידער־בילדער אויף די ווענט פון אונדזערע זעקס מיליאָן קרבנות, אויסגעקוילעטע, פאַרגאַזטע און פאַרברענטע דורך די היטלעריסטן, ימח שמם. די דאָקומענטן אין די גלעזערנע שאַפעס מאַכן אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. צעקלעמטע און פאַרשעמטע לאָזן מענטשן אַרונ־טער די קעפּ. אַזוי ציט זיך פון ליכט צו שאָטן און צוריק...

גראָד איז אונדזער באַזוך אין ירושלים אויסגעפאַלן אין אַ פרייטאָג בייטאָג. מיר האָבן זיך געמוזט אונטעראײַלן, ניט אַריינפאַרן אין שבת, אָדער מיר וועלן פאַרשטיינערט ווערן פון די נטורי קרתא (עקסטרעם־רעלי־גיעזע), וועלכע וווינען אין די שמאָלע געסלעך פון ירושלים. זיי האָבן זיך

אויפגעבויט זייער אייגן ווינקל, אָבער זיי זיצן ניט אונטער פייגן־ביימער. ווי די רעגירונגען פון די אַראַבישע לענדער, אָנערקענען אויך זיי ניט די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל. זיי וואַרטן אויף משיחן. זייער לעבנס־שטייגער מאַכט דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן געלעבט אויף אַ באַזונדערן אינדזל. זעלטן זעט מען דאָ אַן אייראָפּעיש געקליידטן מענטש, סיידן אַ טוריסט. אַלע, יונג און אַלט, מיט לאַנגע פּיאות, ווייסע זאָקן, שטריימלעך און לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטעס. די פרויען אין פּאַרוקן, לאַנגע ווייסע אָדער שוואַרצע קליידער ווי די אַראַבישע פרויען. זייער אומגאַנג־שפּראַך איז יידיש.

מדינת ישראל איז אַ לאַנד פון פּראָבלעמען, קאָנטראַסטן און ווידערשפּרוכן. עס האָט ניט קיין גלייכן. יעדעס אַנדערע לאַנד, ווי קליין עס זאָל ניט זיין, ווערן זיינע גרענעצן רעספּעקטירט. אַ שכניש לאַנד האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט פאַרמאָסטן אומצוברענגען אַ פאָלק, ווי עס ריידן אָפן די פירער פון די פעלקער פון די פיר גרענעצן, מיט וועלכע ישראל איז אַרומגערינגלט: „אַריינוואַרפן די יידן אין ים!", שרייען עגיפּטן, סיריע, ירדן און די אַנדערע אַראַבישע רעגירונגען. דאָס איז זייער איינציקע פאַרגעלייגטע לייזונג פאַרן ישראל־אַראַבישן סכסוך; זיי דראָען צו גיין אין היטלערס וועגן...

די שפּאַנונג אויף די ישראל־גרענעצן, די כסדרדיקע אַראַבישע פּראָוואָקאַציעס און מערדערישע אָנפאַלן אויף די קיבוצים, וואָס גרענעצן זיך מיט די שכנישע פיינטלעכע לענדער, זענען אַ פאַרברעכן און אַ געפאַר ניט נאָר פאַר ישראלס זיכערקייט, נאָר אויך פאַרן שלום פון דער גאַנצער וועלט. ניינצן לאַנגע יאָר, אַז מדינת ישראל דולדעט, ניינצן יאָר, אַז ס'איז ניט אויפגעהויבן געוואָרן קיין געשריי אין אונ"אָ קעגן גענאָסייד... האָבן יידן דען ניט באַצאָלט נאָך מיט גענוג קרבנות אין אייראָפּע? דאַרפן זיי נאָך האָבן אין אַזיע קרבנות? ווו איז דאָס געוויסן פון דער וועלט? אויב ישראל וועט אַריינגעוואָרפן ווערן אין אַ מלחמה און וועט, חלילה, אונטערגיין, וועט אויך די מענטשהייט אונטערגיין. דאָס איז דאָס געפיל פונעם דורכשניטלעכן אויסלענדער, דעם צייטווייליקן ישראלדיקן באַזוכער.

איינע פון די שענסטע דערגרייכונגען אין ישראל איז דער קיבוץ. ער ווערט דאָ באַצייכנט ווי דער „מאָראַלישער שטערן", איך וואָלט געזאָגט:

דער רוקנביין פון ישראל. זיינע פּאָזיטיווע, פּראַקטישע דערגרייכונגען אין עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן זענען אַ מוסטער פאַר מאַטעריאַליסטן און אידעאַליסטן צוגלייך. זיין בייטראַג צום לאַנד איז פון קאָלאָסאַלער וויכטיקייט. איך האָב גערעדט מיט קיבוצניקעס פון עלטערן דור, וועלכע האָבן איינגעהאַלטן דעם גייסט פון חלוציזם. זיי זענען פאַר־נומען גלייכצייטיק מיט פיזישער און גייסטיקער אַרבעט. די קיבוצישע יוגנט ווערט דערצויגן אין זעלבן גייסט. אַנדערש זעט אויס די יוגנט אין די גרוי־סע שטעט. זי פאַרנעמט זיך מער מיט טעכניק און איז באַאיינפלוסט פון אַמעריקאַניזם.

דער דורשט פאַר שלום מיט די שכנישע אַראַבישע לענדער איז דאָ אומגעהייער גרויס. אויך די פריינדשאַפט פון מענטש צו מענטש איז גרע־סער ווי אין אַנדערע לענדער. דער מענטש איז דאָ טייער. די סיבות זענען פאַרשידן און לאָזן זיך פסיכאָלאָגיש פאַרשטיין; אין קיין לאַנד אויף דער וועלט האָבן די הונדערטער טויזנטער קרבנות פון היטלעריזם און פאַשיזם ניט געפונען דעם מקום־מקלט ווי זיי האָבן געפונען אין מדינת ישראל. איך ווירקט דער באַוווסטזיין, אַז מען איז מיט פעלקער גלייך, אַז ס׳איז דאָ אַ נאַציאָנאַלע היים, וועלכע איז ריין פון אַנטיסעמיטיזם. דאָס שטאַרקט דעם גייסט און הייבט די זעלבסטווירדע און די ווירדיקע באַציאונגען צו אַנדע־רע. עס זענען ניטאָ קיין פרעמדע יידן אין ישראל. שכנים פאַרהאַלטן זיך איינע צו די אַנדערע ווי צו אייגענע משפחות. מען איז שטענדיק גרייט צו העלפן איינע די אַנדערע. פרעגט מען אין גאַס אַ מענטשן ווי אָנצוקומען אויף אַ געוויסן אַדרעס, פירט ער אייך צו, כאָטש ער דאַרף גיין אין דער פאַרקערטער ריכטונג. איך זאָג צו אַ ישראל־פריינט: ביי אייך זענען דאָ גוטע און בעסערע מענטשן. ניטאָ קיין שלעכטע. ער גיט אַ זיפצעלע און זאָגט: דו ווייסט ניט ווי גוט עס איז אונדז געווען אין ישראל ווען מיר זענען אַלע געווען אָרעם... איצט איז אַנדערש...

ערגעץ איז דאָ אַ צוזאַמענהאַנג צווישן דער נאַטור־שיינקייט אין מדינת ישראל און דער גוטסקייט פון אירע מענטשן. די דאָזיקע ווערטער האָב איך פאַרצייכנט יענעם לויטער זוניקן טאָג (כאָטש עס איז געווען יאַנואַר) אויפן וועג קיין אילת, באר שבע, ים המלח, מצדה, סדום און מדבר יהודה

(ווו די בר־כוכבא־מגילות זענען געפונען געוואָרן). דאָס זענען אַלץ בעמען פון תנ״ך, וואָס רייצן אונדזער פאַנטאַזיע איבער אַ ווייטער, ווייטער פאַר־גאַנגענהייט. עס דוכט זיך מיר אויס, אַז כ׳האָב שוין אַמאָל געזען די אַלע נאַטור־שיינע היסטאָרישע פלעצער מיט זייערע ווונדער. זאָל דאָס זיין אין חלום? דאָס אַלץ האָט אונדז פאַרכאַפּט און פאַרגאַפט, געמאַכט אויף אונדז אַ באַרוישנדיקן איינדרוק.

אונדזער אויטאָמאָביל האָט זיך געוואָרפן, געקרעכצט אויפן שטיינער־נעם מדבר־וועג, אָבער מיר האָבן דאָס כמעט ווי ניט געפילט. איך און מיין פאַמיליע זענען געווען מיטגעריסן פון דער ווונדער־שיינער פּאַנאָראַמע, דעם אויסגעשפּרייטן נגב, די פיל־קאָליריקע בלומען־פלאַנצן, וואָס רייסן זיך פון אונטער די שטיינער און געלע ווייכע זאַמדן. אַראַבער אויף די קעמלען, אין לאַנגע שוואַרצע בגדים, ווייסע טורבאַנעס אויף די קעפּ, ציען זיך שלעפּערדיק פאַרויס. די זון באַשטראַלט די ברוינע יהודה־בערג, וואָס מאַניען און רופן מיט סודותדיקע ווייטקייטן. ס׳זענען נאָך פריש אין זיכרון די איינדרוקן פון די אַראַבישע מערק אין באר־שבע, פון די סחורות, וואָס די אַראַבער ברענגען אויף די קעמלען, די קרעמלעך אין שטעטל, ווו זיי קויפן איין זייערע פּראָדוקטן. ביי איין קראָם, אויפן האַרטן ברוק, זיצט אַ שטיק „מיטלאַלטעריר״ באַוועגלאַז, איז ענלעך צו אַן אָנגעשטאָפּטן זאַק. ס׳איז אַ מוטער מיט אַ קינד אין שויס איינגעוויקלט אין שמאַטעס ביז אַרויף צו די אויגן, אויגן טיפע, טרויעריקע, וואָס רעדן פון פאַרגאַנגענע דורות. אַ יונגער אַראַבער קומט אַרויס פון קראָם, קייט עפּעס פון הויפן, בייזערט זיך אויף איר. זי הייבט זיך אויף מיטן קינד, גייט אים נאָך שטום. די לופט שמעקט מיט אַלטע ריחות: אַן אַלטע סביבה, אַן אַלטע שפּראַך. אין די שמאָלע געס־לעך גייען אַרום אָרעמע מענטשן אין אַלטע בגדים זייט־ביי־זייט מיט איי־ראָפּייער, מיט פאָטאָ־אַפּאַראַטן אין זייערע הענט, מיט אַן אָנקומענדיקער נייער צייט.

דער נאָמען „אילת״ מאַניעט. מיר פאָרן ווייטער, די לופט איז טרוקן, די זון שיינט, דער הימל איז בלוי. — „אין ערגעץ זענען ניטאָ אַזעלכע בלויע הימלען ווי אין מדינת ישראל״, — זאָג איך און קאָן ניט אָפּרייסן די אויגן פון דער ווונדערשיינער נאַטור־פּאַנאָראַמע. — „וואָס עס איז ליב, איז

שיין״, — זאָגן מיינע מיטפאָרער און גיבן צו, אַז כ׳האָב רעכט. מיר שווייגן, מיר ווילן ניט קאַליע מאַכן די שטימונג מיט אונדזערע ווערטער.

אילת איז ישראלס שטאָלץ און פרייד — די „גאָלדענע וועסט״ (מערב), די געצוימטע ווילדקייט איז אַ זיג פון דעם מענטשן איבערן מדבר. פון צוויי בלאָטיקעביידלעך (באַראַקן) אין יאָר 1948 איז אויסגעוואַקסן אַ לוקסוס-פּלאַץ, אַ שטאָט פון צען טויזנט איינוווינער; אַ פּאָרט אויפן רויטן ים און אַן אינדוסטריעלער צענטער (פּאָטאַש), לוקסוס-האָטעלן, פּליאַזשעס, ריינע קילע וואַסערן. דער צויבער-מדבר, וואָס רינגלט אַרום די שטאָט, האָט אַ צוציאונגס-קראַפט פאַר יונגע טוריסטן. צוקומען קאָן מען אַהער נאָר מיטן עראָפּלאַן אָדער אויטאָמאָביל. אילת איז איינער פון די אַלטע היסטאָרישע פּלעצער. לעגענדע און ווירקלעכקייט קומען זיך דאָ צוזאַמען. שלמה המלכס „פּילאַרן״ איז אַ פאָרמאַציע פון 50-מעטערדיקע הויכע רויטע שטיינערנע בער. טויזנטער-יאָריקע שטורעמס, מדבר-ווינטן און וואַסערן האָבן אויסגעהאַמערט די בערג, אַרויסגעריסן זייער אינגעווייד און פאַרוואַנדלט זיי אין צימערן. פון דאַנען זעט מען דעם רויטן ים, דעם זעלביקן ים, וואָס משה רבנו האָט אים געשפּאָלטן ווען ער האָט אַריבערגעפירט די יידן פון מצרים. דאָס איז דאָס וויגעלע פון אונדזער פאָלק.

מדינת ישראל איז אַ געמעל פון פּייזאַזשן, איז העכסט אינטערעסאַנט און רייך. זי איז אָבער איבערפולט מיט ניט-געלייזטע פּראָבלעמען. אַ סך איז דערגרייכט געוואָרן אין דער קורצער צייט פון דער יידישער קאָלאָניזירונג פונעם לאַנד און פון דער נאָך קירצערער צייט פון דער עקזיסטענץ פון דער ישראל-מדינה. מען דאַרף אָבער אויך איינזען די געמאַכטע פעלערן און וואָס גיכער זיי וועלן פאַרריכט ווערן אַלץ בעסער וועט זיין פאַרן לאַנד, אַלץ געזיכערטער וועט זיין די סטאַבילקייט פון לעבן אין לאַנד.

די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין לאַנד האַלטן, אַז עס דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן יעדער אַרט דיסקרימינאַציע פון דער אַראַבישער מינדערהייט און אַז עס דאַרף איר געגעבן ווערן די פולע בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג. אויף דעם וועג וועט דערגרייכט ווערן דער געזיכערטער שלום און עס וועט פאַרווירקלעכט ווערן דער שיינער חלום פון פעלקער-

פרײַנטשאַפט און עס וועט אָנקומען די געגאַרטע תקופה פון פעלקער־סאָלידאַריטעט אין מדינת ישראל און אין דעם גאַנצן נאָענטן מזרח.

*

קומענדיק שוין צוריק אין מיין לאָס־אַנדזשעלעסער היים פון מיין באַזוך אין ישראל, האָט מיך אַרומגענומען אַ שוידער פון די ידיעות איבער דעם מיליטערישן אָנפאַל פון די אַראַבישע מדינות אויף ישראל, און מיט ערע און פרייד האָב איך איבערגעלעבט דעם זיג פון דער ישראלדיקער עהראָישער אַרמיי אין דער זעקסטאָגיקער מלחמה.

דאָס גרויסע און האַרבע פּראָבלעם פון די ישראל־אַראַבישע באַציאונגען האָט זיך אָבער דערמיט ניט געלייזט. עס האָט זיך נאָך מער פאַרשאַרפט און איז אויסגעוואַקסן אין איינעם פון די האַרבסטע פּראָבלעמען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, וואָס פאָדערן זייער באַלדיקע און גערעכטע לייזונג.